STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07796

OYF AN INZL

Baruch Glasman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאזמאן

אויף און איינזל

ראָמאן

פארלאג ב. קלעצקין, ווארשע
1927

PRINTED IN POLAND

B. GLAZMAN

Oif an Insl

Roman

Wyd. B. Kleckina Warszawa, Nalewki 2 a

Druk. B-ci Wójcikiewicz, Pawia 10.

דעם אָנדענק
פֿון מײַן יוגנט־חבר
אשר שוואַרצמאַן

I

א

דן איז געגאַנגען אויפן וועג, ארויף דעם בארגיקן שאָסיי, וואס האט געפירט צו דער פּאָסט. עס איז געווען ליכטיק און זוניק, אַרום פינף א זייגער נאָכמיטאג.

דער טאג איז געווען אַ מאיאָוויקער, א גאלדענער. ביי די זייטן וועג זענען געוואַקסן קליאנבוימער. נידעריקער פון זיי, קיל־שוויי־גענדיקע, האָבן געוואָרפן קלייגע שאָטענדלעך די בארבערי־קוסטעס.

דער אינזל איז געווען באַהויכט מיט אַ בלויער גאָלדיקייט. פון אונטן, פונעם ראריטאָן־ים־אויסגוס, האט זיך נישט דערטראגן אַהער קיין שום סימן פון אַן אָפּקילנדיקע פרישקייט. דער ים האט זיך געהיצט.

עס איז געווען שבת־נאכמיטאָג. די ארבעט האט דן שוין גע־ענדיקט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט זיינע הענט גוט אַרומגעוואשן מיט וואַש־זאלבן און דערנאָך מיט אַ פערפומירטער זייף, האָט זיך דאָך פון זיי געהערט אַ שאַרפלעכער ריח פון טערפּענטין, אַ ריח, א צום הארצן שלאגנדיקער פון בליי־וויס און זאַמען־אייל.

האָט דן געריסן שמעקנדיקע מיאַטע־גראָזן ביי די זייטן וועג, און זיך די הענט מיט דעם געריבן, אַז ער האט זיי צום נאָז צוגע־לייגט, איז איבּ א קילנדיקע פרישקייט דורך די אָדערן אַדורך און געקוויקט דאָס מידע בלוט, — מיד פונם לאנגן ארבעטס־טאָג.

דן איז ווייטער געגאנגען און געזונגען פאַר זיך. אזוי ווי דער וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען, איז געווען די מייסטע צייט

לידיק, האָט ער אפילו געזונגען גאנץ הויך. נו, אז ער איז דאָך איי־
נער אליין אויפן אינזל; די בוימער הערן זיך דאָך אוודאי נישט צו,
וויבאַלד זיי זענען אזעלכע פארחלשטע פון היץ.

עס איז אַ זוניקער און אַ ברייטער טראקט, אויף וועלכן דן גייט
איצט. ער פירט פונם ראריטאָן ים-אויסגוס צום סטייטען איילענד סאונד.

פון צייט צו צייט האָבן פארביי־פליענדיקע אויטאָמאָבילן אויפ־
געשלאָגן אַ געלן שטויב אין דער בלויער לופט. אין די אָפענע קאַרעטע
זענען געזעסן זומערדיק־אָנגעטועניע מיידלעך, אין בלוי־דורכזיכטיקע
אנצוגן פון געגארעט געוועב, דורך וועלכע עס האָט זיך געבלייכט
האלב־פארהוילן די רעגנדיקע ווייסקייט פון אונטער־העמד און מיידל־
לייב. נעבן זיי יונגעלייט אין קרעמאווע „פאלם-ביטש”-קאָסטיומען
און אין ברייט־ראנדיקע פאנאמע־היט.

עס האָט בלוי-פייערדיק געציטערט אין דער לופט דער פריי־
לעכער געלעכטער פון די פארענדיקע. דאס זענען זיי אוודאי ערשט גע־
קומען איצט אהיים, אין די רייכע לאנד-וווינונגען ביים ברעג ים־
אויסגוס, צו פארברענגען אויף א יונג־זומערדיקן אופן דעם בסך־הכל
וואך־ענדע. נאר געפילט האבן זיי מיטן משמעות גאלדיק־פרישן בלוט
זייערן, אז די וואכעדיקע זארגן, וואס וועלן זיך אנהויבן מיטן
מאָנטאג־פרי און מיטן צוריק אין שטאט פארן זענען, נאך אזוי ווייט
פון זיי, — חדשים, חדשים לאנג.

אין דער בלויער, אפגעזונדערטער לופט איבערן אינזל האָט
זיך ערשט אָנגעהויבן הויכן, פיל־פאַרביק און פיל־קלאנגענדיק, דאָס
געזאנג פונ׳ם זומער.

דן האָט אין א ווײַלע ארום ארויפגעקלעטערט ארויפן בארג מיטן
ברייטן טראקט, וואס האָט זיך אויפן בארג־רוקן ארייגעגאָסן אין א
גלייכלעכן הויכלאנד. פון דאנען האט מען געקאָנט זען די ווייטע
בערג און בערגלעך פון סטייטן איילענד, וואָס זענען איצט — אין
דער פאַרשטאַרקטער, שפּעט-בייטאָגיקער היץ, — פארשלייערט געווען
אין טיכער און וואלן פון בלוי-גאָלד. ווייסע פאלאצן פון ניו־יארקע־
גבירים׳ס לאנד־רעזידענצן, מארמארנע קאלאנען און פאסאדן, מעשן
בעצויגענע שפיצן פון טורעמס, האָבן אין דער זון געלויכטן און גע־
בלאנקט, ווי גאלד און שניי, אין זון, און אנגעפילט האבן זיי דאָס

האַרץ מיט דער גרויסער פרייד פון ווייט־שטילער שיינקייט, מיט חלום פון מיטל־אַלטערלעכער ווייס־טורעמדיקער שטאָט.

ב

דן האט געדאַרפט דורכגיין נאָך אַ מייל ביז צו דער פּאָסט. און ווי ער איז געגאַנגען אַזוי, האט די זון זיך שוין אָנגעהויבן נויגן מערב-צו.

איצט האָט דן שוין מער ניט געזונגען. די לופט איז געוואָרן שקיעהיק־שטיל. אַזוי שטיל, אַז דער איינציקער קלאַנג, וואָס ער האָט איצט פאַרנומען אין דער ארומיקער שטיל־געוואָרענער לופט, איז געווען דאס אומרויקע קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ.

זעקס אַ זייגער פאַרמאַכט מען די פּאָסט. רויט-קופּערדיקער, קילער איז איצט מיט יעדער מינוט געוואָרן די לופט, ס׳איז געוואָרן אָוונט. ס׳איז געוואָרן דאָס ערשטע אָוונט־ווינטל, און די בוימער האָבן אָנגעהויבן צו רוישן. דן האָט פאַרגיכערט זיינע טריט.

צוקומענדיק שוין גאָר נאָענט צום דאָרף, ווו עס האָט זיך געפונען דער פּאָסט־אָפּטייל פאַרן גאַנצן ים־ברעג פונם ראַריטאַן־אויסגוס, האָט ער מיט אַמאָל דערהערט אַ געשפּרעך פון אַ פּאָר דאָר־פישע פישערלייט, וועלכע זענען געגאַנגען איבן אַנטקעגן. אַרונטער־באַרג, מסתמא אין ביר־סאַלאָן אַריין. נאָר זיי האָבן דנען אַ פּנים נאָך נישט געזען, ווייל זיי האָבן זיך געפונען אין יענער זייט אויסבויג פון וועג.

— דו האָסט זי דערקענט אין דער מאַשין, זאָגסטו? דו האָסט זי, הייסט עס, געקענט אַמאָל?

— וואָס הייסט... איך זאָל זי נישט קענען... אין יענער צייט, איידער זי איז פון דאַנען אָפּגעפאָרן, האָב איך געאַרבעט ביי איר פאָטער אין פאַבריק. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט, ווי זי פלעגט ליב האָבן אַרומגיין צווישן די געשטעלן אין די וואַרשטאַטן, אין די פאַבריק צימערן און זיך וועגן אַלץ פאַרנאַנדערפרעגן ביי די אַרבעטער: וועגען דעם באַדייט פון די פאַרשידענע מאַשין־טיילן, וועגן דעם, וואָס עס טוט דער אַרבעטער, און וואס טוט יענער, פאַרוואָס און ווי אַזוי... און וואס איז דאָס... און וואס איז

יענץ... און גיריק, הונגעריק אַזוי נאָכקוקן, אויספּאַרשן, זיך אינטערעסירן...

— אַלעמאָל געווען אַ מאָדנע אַזאַ, — האָט די צווייטע שטיבּם, אויסכראַקעגדיק עפּעס, מסתּמא אַ שטיק קיי-טאַבּאַק — איינגעשטימט — געווען אַ מיידל — אַ ברען... אַ קאָזאַק...

די ערשטע שטים האָט זיך הנאהדיק פונאַנדערגעלאַכט מיט דער אייביקער דערוואַקסענער הנאה פון יונגע, ווייסכוואָרישע קאַצע-רייען.

— פּלעגט פאַרשעמען איר פאָטער... און די ווייסע רייכע קליידער אירע — צווישן די פאַרשמוצטע, פאַרשמעלצטע אַרבעטס — מלבושים...

— און שטעלט אייך פאָר: די אַרבעטער פלעגן שטילער ווערן אין איר אַנוועזנהייט... הע, בוליב אַזאַ גאַרבישט! — ברוגזט זיך אין דעם האַלב-טונקל די העכערע שטים.

— איר פאָטער פלעגט עס אָבער ניט ליידן — איז דאָך אַליין אַמאָל געווען איינער פון אונזערע... אַזוינס היט זיך אַלעמאָל שווין צו שטאַרק אָפּ פון זיינע געוועזענע פריינט—וויל זיך תּמיד אָפּשיידן...

פון אַמאָליקער גזעלשאַפט — וואָס אמת איז — דער פאָטער אירער איז טאַקע אַ מיאוסע בריאה!

אַ ווייל-ע-שטיל: אַ געשטאַרקט יבּם-ווינטל, וואָס האָט מיט באַ-נייטער פרישקייט פון אויסגוס אַ ווּעה געטון, האָט פאַרטראָגן די קלאַנגען פון די צוויי אומגעזעענע דורכגייערס שטימען און באַלד — ווידער און מיט הנאה פון אייגענעם:

— כע. אָבער אויסגעוואַקסן! אַן אמתע „ליידי”...

— כ'האָב געהערט: קיין סך נחת האָט דער פאָטער פון איר נישט... אין ניו-יאָרק מישט זי זיך, זאָגט מען, שווין צו שטאַרק מיט די ראַדיקאַלן, מיט די אויסלענדער... עס איז טאַקע אַ שאַנד פאַר ליסליס אַ טאַכטער!

דער אַנדערער האָט זיך אָבער, אַ פּנים, נישט איבעריקס שטאַרק גענומען צום האַרצן דעם גורל פון ליסליס טאַכטער, וועלכע דרייט זיך אין ניו-יאָרק אין די קרייזן פון „ראַדיקאַלן”! ער האָט אין אַ ווייל-ע אַרום אויפגעכאַפּט אַ נייעם פאָדים פאַרן געשפּרעך.

— יאָ... פּאָרט טאַקע ליסלי... געזען אָקראָשט זיין בייע מאַשין — שוין, אַפּנים די פערטע פּאַרן בייען יאָר, ווי? — אין אַט דער מאַשין איז ער אַרויסגעפאָרן זי מקבל פּנים זיין — אַ ראָלס־רויס, אַ ליכטיקע, גלאַנציקע, שפּאָגל־בייע מאַשין... אַ קליינינקייט, אונזער ליסלי!

זיי האָבן אָבער תיכּף אָגפּעהאַקט זייער געשפּרעך, ווען זיי האָבן דערזען דנען. זיי האָבן געוווסט, אַז דער דאַזיקער יונגערמאַן אַרבעט אין ליליס רעזידענץ־הויז.

נאָר דן האָט סיי ווי נישט מיט צו־פיל אינטערעס זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. ער איז געווען אינגאַנצן פאַרטיפט אין זיינע אייגענע זאָרגן.

כאָטש ער האָט נאָך ביים סאַמע אָנפאַנג וועג אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער זאָל וועגן דעם גאָרנישט טראַכטן, ביז וואַנעט ער וועט אָנקומען צו דער פּאָסט, איז ער דאָך, אומבאַמערקטערהייט, און קעגן זיין אייגענעם ווילן, אַריינגעשלעפט געוואָרן אין אומזיסטיקער טראַכטונג, טאַקע וועגן דעם גופא — וועגן די סיבות פון ראַיעס שווייגן: זאָל עס זיין גאָר פּשוט זיין באַמען איז אומבאַקאַנט אין דעם קליינעם דאָרפישן פּאָסט־אָפּטייל, וואָס געפינט זיך עטלעכע מייל פון דעם פישער־הייזל, וווּ ער וווינט? אָדער אפשר האָט עפּעס פּאַסירט? ז׳ איז דאָך אַזאַ שוואַכע, אַזאַ אַריסטאָקראַטיש — דינע און איידל־לייביקע.

עס פלעגט זיך אים דנען אָפּט דאָך אויסדאַכטן, אַז זי, ראַיע, איז דאָ אויף דער וועלט אויף אַ ווײַלע, בלויז אָנצוצינדן אַ בענקשאַפט אין עטלעכע צופעליקע, אויסגעקליבענע הערצער. ס׳איז אים אָפּט געווען קלאָר, אַז זי וועט שטאַרק פריער. פאַר דער צייט, פון דער וועלט פאַר־שווינדן: איבערלאָזן וועט זי בלויז הינטער זיך, אין דער געדעכטע־ניש פון אָט די עטלעכע אויסגעקליבענע אַ ווייטיקן חלום.

אַ בריקל, אין עלעקטריש לאַמטערנדל שפּיגלט זיך אין עפּעס אַ מוטנע וואַסערל. דן דערמאָנט זיך ווידער: דריקענדיק זי דאָס לעצטע מאָל — עס איז אויך געווען דאָס ערשטע מאָל — אין זיינע אָרעמס, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי זי ברעכט זיך ממש אונטער

זיינע הענט, אַזוי ווי אַ צוקער־רער. דאָס דאָזיקע כרופּקע און אײדל־דורכזיכטיקע באַשעפעניש מיט די פאַרפלאַנטערטע אוזאָרן פון איר נשמה האָט שטאַרק דערמאָנט אָן אַ פּאָרצעלייענעם יאַפּאַנישן קרוג מיט זיינע פרעמדלענדיש־באַצוי־־רנדיקע אוזאָרן — אי דורכזיכטיק, אי פאַרפלאַנטערט ...

ס'איז געוואָרן נאָך טונקעלער. דן האָט זיך שטאַרקער געאײלט.

אַז ער איז צוגעקומען צו דער פּאָסט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קלײנעם, הילצערנעם הײזל, איז שוין געווען בלויז אײניקע מינוטן צו זעקס.

מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ איז ער געשטאַנען אויף יענער זייט גראַטע־פענסטערל, מיט דער וואַסער עמלירטער אפשריפט ; „פּאָסט רעסטאַנט", מיט אָנגעשטרענקט־גיריקע אויגן געקוקט אויפ'ן פּעקל בריוו, וואָס איז געלעגן אין דעם פּאָסט־אָנגעשטעלטנס האַנט. ער האָט בלויז אײדל־גלייכגילטיק אַ שמייכל געטון, ווען דער באַאַמטער אויף יענער זייט פענסטערל מיט אַ נעגאַטיוון קאָפּשאָקל, צונויפשנירנדיק דערביי די ליפּן זיינע אין אַ טרײבעלע, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז פאַר אים איז גאָרנישטאָ.

און פונדעסטוועגן... פונדעסטוועגן, איז דן אַלץ נישט אַפּגעטראָטן פון זיין פּלאַץ, כּל זמן דער פּאָסט־באַאַמטער האָט נאָך נישט אויפ־געהויבן זיינע אויגן פון דעם פּעקעלע בריוו אין זיין לינקער האַנט: אין דנען האָט די גאַנצע צייט געלויכטן דער גלויבן, אַז יענער האָט אַ טעות. אָבער באַלד האָט דער באַאַמטער אויפגעהויבן די אויגן: קורץ־באַשטימט, קאַלט, מיט אַ טאָן פון אײנעם, וואָס איז זיכער, אַז ער האָט געוויסנהאַפטיק דערפילט זיין פליכט, האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס אײנציקע קאַלטע וואָרט: — נישטאָ.

דן האָט ווילױנגעריש אַ פּייף געטון מיט די ליפּן, אַ נאַרישן שמייכל געגעבן און איז אַרויס.

דעם וועג צוריק איז ער דורכגעגאַנגען שנעל, ווי ער וואָלט געהאַט קפיצת הדרך. עס איז שוין געווען גאָר טונקל. אוונט האָט זיך איבערן אינזל געשפּרייט, אוונט און פייערן. דער וועג פלעגט זיך אַלעווייל אויסבויגן אויף רעכטס און אויף לינקס און

אַנטפּלעקן פאַרן אויג אַלץ נייע אויסזיכטן. אויף אינזל-ווייטקייטן פון בערג און טאָלן האָבן איצט אינם אוונט אַרויסגעשפּראַצט באַהאַלטענע און אָפענע פייערלעך. אָבער דן האָט איצט גאָרנישט געזען, ער איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין זיך. ער האָט זיך דעריבער פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען שוין אונטן אין טאָל, ביים ברעג „קריק”.

אין דעם אונטערשטן טייל פונעם הויז, וווּ ער איז איינגעשטאַנען אויף קוואַרטיר, זענען שוין געווען אָנגעצונדן אַלע פענסטער און האָבן קאַמיש געלויכטן איבערן וואַסער-צינגל. מרס. פּאַרנעל, די באַלעבאָסטע, האָט געהאַלטן איצט אין צוגרייטן דעם גרויסן זונטיק-וואַרימעס אויף מאָרגן.

זי איז געשטאַנען אין קיך און האָט אָפּגעגאָסן מיט ז.דיק וואַסער די אַקאָרשט געכאַפּטע קראַבן, וועלכע קודראַוו האָט איר געבראַכט פון זיין פאַרנאַכטיקן פאַנג. די קראַבן האָבן אין טויט-אַגאַניע אויסגעצויגן די פיסלעך, האָבן מיט די „צווייגלעך” בקמהדיק צוגעקוועטשט די פיסלעך פון זייערע אייגענע טאָפּ-חברים, געשאָקלט מיט די אַנטענעס, אויסגעסטאַרטשעט די פּאַטשערקעס-אויגן און אַ לענגערע ווייַלע קאָנוואַלסירט. דאָס וואַסער האָט זיך אַ ביסל געבלעזלט פון זייער לעצטן אויסגעהויכטן אָטעם — און באַלד איז עס געוואָרן שטיל.

אינם רעכטן ווינקל הויז, אין דעם געוועלב, וואָס איז אַריבערגעהאַנגען גלייך איבערן וואַסער-צינגלס, האָבן איצט די אויסטערלייט געטומלט, געררויכערט, געשפּילט אין קאָרטן, געוואָרפן ביינערנע ווירפלעך, געכראַקעט אויפן דיל, גערעדט וועגן פאַרשידענע באָרקעס, וועגן מאַמאַר-שיפלעך און וועגן דעם, ווער וווּ עס האָט (געקראָגן) אַן אַרבעטס פּלאַץ.

דער סעזאָן ווען די ים-פיש און די אייסטערס הויבן אָן אַרויסצוּוואַרפן זייערע זאַמען-אייעלעך אין רויג, האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דער פּריליגג איז שוין דאָ און האָט אַלעמען באַרירט, — אין די טיפסטע טיפענישן פון די ימן, אין די טונקעלהייטן פונם אָקעאַן האָבן זיך שוין איצט די אויסטערס, — די דאָזיקע האַלב-לעבעדיקע שטיקער פּראָטאָפּלאַזמע, וואָס זענען איינגעשלאָסן אין שטאַרקע און

שפּיציק־שטיינערנע שאַלעכצן, — זיך אויפגעכאַפּט, זיך דערפילט רייף אין הונגעריק פאַר ליבע, אנגעהויבן פון זיך זעלבסט שפּראָצן און וואַקסן און פעטער ווערן. . די אויסטערס זענען אויף זייערע גע־לעגערס פון גראַויל געוואַקסן איצט, ווי שטיינערנע ים־בלומען.

די פישערלייט אויפן ברעג ים האָבן זיך שוין אנגעהויבן גרייטן „אויסצוקעמען" און אויסרייניקן די אויסטער־פעלדער.

נאָר דן האָט זיך דאָ ניט אויפגעשטעלט, ער איז גלייך אַרויף צו זיך אין צימער. עס האָט זיך אים עפּעס ניט געוואָלט אנצינדן איצט די נאַפט־לאָמפּ. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער: דער ים האָט זיך אַ שטיל־ווייסער געשפּרייט... עס איז געווען אַ שטילע, אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, וועלכע האָט דנען מיט אַמאָל עפּעס דערמאָנט אַן ווייטע, און אַמאַליק־היימישע, אָן שטיל אויסגעשטערנטע און וואַרים־קילבלעכע פּסח־נאַכט.

דאָס וואַסער איבערן אויסגוס איז געלעגן אויסגעשפּרייט. ווי אַ שימעריר־ענדיקער ליילעך. פון גאָר ווייט, — ווי פון אַן אַנדערער, אַ בישט היגע, אַ חלום־וועלט, — האָבן זיך פון יענער זייט ים־אויסגוס געזען די פייערן פון קיסטאָן, פון פּאָרט עמבאַי און אַנדערע שטעטלעך, וואָס האָבן פון ים ווייטן ביז דזשזירסי ברעג, פונעם ראַריטאַן־אויסגוס אַהער געלויכטן. יעדעס ווייטע שטעטל אַ פייער־ברופּע, אַ פלאַקערדיק פּאַרזייט פייער־פעלד, אַבגעטיילט איינע פונעם אַנדערן דורך ליידיקע שטיקער פינסטערקייט פון ווייטער נאַכט און באַלטישן ים.

דנס יונג בלוט האָט איצט געקאָכט פון פאַרדרוס און פּיין. גליענדער ווייַן פון בענקשאַפט האָט אים דורכן לייב געבּרענט. אין זיין אויפגע־צונדענער פאַנטאַזיע, אין דער האַלב־וואַרעמער טונקעלהייט פונ׳ם חדר, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט באַגאָסן ווערן מיטן וווּנדערלעך־בלייכן ליכט פונ׳ם ניט־ווייטן לייכט־טורעם, וואָס האָט זיינע פייערדי־קע פראַזשעקטאָרס איצט און אַ גאַנצע נאַכט נאָכאַנאַנד געצירקלט אַרום זיך און אין אַקעאַן אַרויס, פון זון־פאַרגיין ביז זון־אויפגאַנג, אין זיין אויפגעצונדענער פאַנטאַזיע האָט זיך איצט ווידער פונאַנ־דערגעפלאַקערט דאָס פייער, וואָס האָט זיך אין אים שוין ניט איינ־מאָל פריער פונאַנדערגעפלאַקערט, און וואָס ער פלעגט אָפט, פונם

אייגענעם ווילן, אין זיך אנצינדן, פייניקענדיק זיך אומזיסט מיט אַ זיסן גלי. אבער איצט האט דער פייער נישט נאר געברענט, נאר אויך אַ ליכטיקייט אין קאָפּ געשפּרייט. אַ קראַפטפולע ליכטיקייט אין קאָפּ, וואָס האט געצירקלט ארום און ארום זיך, פּונקט ווי דער לייכטטורעם דרויסן און אין אָקעאַן ארויס. און די דאָזיקע ליכטיקייט האט באשטראַלט אסך, אסך דורכגעלעבטע טעג צוריק.

ג

דן איז געזעסן אזוי אין דער פינסטער עטלעכע מינוט.

און אפשר — עטלעכע שעה אדער גאר עטלעכע טעג. אלנפאלס די שטים, וואס האט אים צו זיין באוווסטזיין געבראכט, האט אפגע-קלונגען אזוי פרעמד, אזוי פון אַן אַנדערער וועלט, — פון אַ לעבעדיקער וועלט, וועלכע האט אים אבער איצט אויסגעזען ווי אַ טויטע, ווי נישט-אמתע און נישט-דאַיקעוועלט: די אמתע און לעבעדיקע וועלט איז דאך געווען גאר די, אין וועלכער ער איז איצט געווען איבגאַנצן איינגעשלונגען...

— אין דער פינסטער גאר? פראוועסט הייסט עס שטימונגען! הם!

עס האט זיך געהערט: דאס וואסער אין דעם „קריק" אונטער די פענסטער האָט זיך אומרויק געפלאשקעט קעגן די ווענט פונם הויז. עס איז געווען איצט די צייט פון פולער לבנה. די וואסערן אין ווייטן אָקעאַן זענען מיט גרויסער אויפגעשטיגענער ליבע גע-קראָכן אויף דער הנאהדיק ליגענדיקער יבשה, זיך געהויכט און געהויכט נאָכאַנאַנד און אין דער שטיל, און אָנגעפולט דעם „קריק", אים העכער פולער און ברייטער געמאַכט.

פון דריי זייטן איז דאָס הויז געווען ארומגערינגלט מיט וואסער. אין דער צייט פון וואסער-צופלוס, ווען דאָס וואסער האָט דערגרייכט ביז צו דער סאַמע טיר, האָבן די איינוווינער פון ים הויז זער אפט געהאַט דאָס געפיל, ווי זיי וואָלטן געוווינט אויפן סאַמע מיט פון די וואסערן. די לופט אַרום איז געווען פול מיטן רוי-פליישיקן פעטן און לייביקן ריח פון די אויסטערס און קלעמס, וואָס האָבן זיך אין דער פעטער זאַפטיקער טונקעלהייט געהאַלטן אין מערן.

נישט קריגענדיק קיין ענטפער, האָט קודראוו עפּעס אַ וואַרטשע געטון אונטער דער נאָז. אַך ווי ער האָט פיינט געהאַט דידאָזיקע שטימונגען, די דאָזיקע פאַרטראַכטקייטן און האַלב-טונקלהייטן. אַ טראָציקייט האַט זיך אין אים צו ערשט געשטאַרקט, און ער האָט געוואָלט אויף צולהכעיס דנען אנצינדן די קערעסין-לאָמפּ. ער האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט, האט דאָס ערשטע געפיל גובר געווען, האָט פון טיש אַראָפּגענומען אַ דיקלעך בוך און זיך געזעצט מיטן פּנים אין אָפענעם פענסטער אריין קעגן דער לבנה.

דרויסן איז געווען ליכטיקער ווי און שטוב. פון דער פולער לבנה, פון זילבערנעם ים און פון דעם אַלע ווייַלע אָנשטייגנדיקן שיין פונם לייכט טורם. קודראוו, אַ קורצזיכטיקער, האָט געשטופּט די נאָז אין ספּענסערס „ערשטע פּרינציפּן". ער האָט געפּרווט לייענען קעגן דעם לבנה ליכט. אומזיסט, די געדיכטע טונקעלע שורות זענען אים פאַר די אויגן געשפּרונגען, און זיך געלעגט אין מח מיט אַ קאַלטער שווערקייט.

אפשר איז אים געווען שווער דאָס לייענען אינס קארגן ליכט, וואָס האָט געלויכטן אין דרויסן און אפשר האָט די געדיכטע חדר-לופט און אָנגעפולטע מיט שווערע מחשבות, אים אויך אַריינגעשלעפּט אין איר געווירצקייט און שווערקייט, די שווערקייט פון זיך זעלבסטפייניקענדע, אָפּגעשטויסענע ליידנשאַפטן.

קעגן זיין ווילן האָט קודראוו אויך פון „דעם" אָנגעהויבן טראַכטן, און דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ווייל וואָס איז עס אים אָנגעגאַנגען? אַ ווייבערישע זאַך... אַ סענטימענטאַל-פּאָעטישע פּאַסירונג... וואָלט עס מיט אים פּאסירט, איז ממה נפשך — אהער אדער אהין... א, ער, ער וואלט נישט דערלאָזן, אַז אַ פרוי זאל אים פארדרייען דעם קאָפּ. נישט אים!

אַ טונקעלער איז ער געווען, מיט פּאַנאַטיש-ברענענדיקע אויגן, מיט קורצע שטייפע האר, און מיט אַ אומצופרידנ-ארונטער געלאָזענעם. בויפלאָקסישן פּנים, וואס האָט זיך תמיד ווי גע-יסן אויף אַטאַקע. זיינע אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגן, אזוי ווי ביי אַ קראַך זיך ארונטערהענגענדיקע, מגושם-גראָבע אונטערשטע ליפּ, האָבן ארויסגעאַטעמט שנאה און

גרייטקייט צו פארברענען לעבעדיקערהייט די אַלע מענטשן, וואס שטימען נישט איין מיט זיין אמת.

דנען האָט קודראוו קיינמאָל נישט ליב געהאַט, צוליב זיין אייגעשלאָסנקייט און שווייגענדיקייט. אים האָט זיך תמיד גע־דאַכט, אַז דן האלט זיך העכער פון אים, כאָטש דן פלעגט זיך אַלע מאל אנשטרענגען, זיין מיט אים גלייך אויף גלייך און חבריש. איצט האָט ער געקוקט מיט נאָך אַ טונקעלערן בליק אין דנס וויב־קל אריין: ער האָט אים נישט געקאנט מוחל זיין. דאָס וואָס אויך ער, קודראָוו איז אַריינגעצויגן געווארן אין דער דאָזיקער אנגעלעגנהייט, אַריינגעצויגן געוואָרן קעגן זיין אייגענעם ווילן. אין זיין קאָפּ האָט זיך דאָס אויך מיט אַ בלוטקילענדיקער שווערקייט און פארצאַפּלטקייט אָנגעהויבן ציען איצט אַ רויטע שנור.

— — — — — — — — — — — — —

עס איז געווען אַ שפּעט-האַרבסטיקער אָוונט, אין די שטאַרק באַ־לויכטענע קאָרידארן פון דער אָוונט־שול, וועלכע זיי האבן ביידע נאָך דער ארבעט באַזוכט, איז איצט געווען די פריילעכע טומלדיקע שעה פון צווישן־קלאַסן. די קארידארן זענען געווען געפּאַקט, אנגע־פולט מיט קלינגענדיק־לאכענדיקע שטימען. פון יונגווארג.

דן האָט זי אים דעמאלט צום ערשטן מאל פארגעשטעלט. קודראוון האט זיך געדוכט: דן האָט עס געטון אומגערן און גע־צוונגען, — בלויז דערפאר, וואס ער, קודראוו, האָט זיך גראָד אין יענער מינוט אָפּגעשטעלט געבן זיי. דאָס האָט אים זער פאַר־דראסן אין באַליידיקט, ווייל ער האט זיך דאך טאקע צוליב דעם אפּגעשטעלט... פון יענעם ערשטן אוונט איז ביי קודראָוון פאַרבליבן אזא איינדרוק פון איר:

ליכטיק־גרויע, שטיפעריש־קלוגע אויגן, פון וועלכע עס האט ארויסגעקוקט זינדיקייט, — זינדיקייט, נישט קיין שעמעוודיק־פארשטעל־טע; פון א יונג, גוט-דערפאַרן מיידל נאר אפן־פרייע: פון א גרויס־שטאטישער, אומרויק-דורשטיקער פרוי. א קליין מויל אף אן איידל־געשניצטן פנים, וועלכעס האט זיך, קאנטיק, גוואַלטיק אנגעשטרענגט נישט צו שמייכלען, נאר פון דעם אליין איז נאך געווארן קאנטי־

קער, אז זי איז פול מיט אן אוצר פון שמייכלען, וועלכע זי וויל מיט גוואלט באהאלטן.

די גאנצע פיגור — אזא יונג־מיידעלשע, קליינע, כמעט קינדישע. אין בכלל — אט האט זי געמאכט דעם איינדרוק פון א צייטיקער פרוי, פון א ווייסענדיקער פרוי; אט־פון א זיך ערשט פורנאנדערבליענדיק מיידל, און אפילו פון א גאר יונג-אומשולדיק קינד.

קודראוו האט זיך דערנאך די גאנצע נאכט געפלאנטערט אין א חלום־געוועב פון זינדיקע און שווער־רייצענדיקע בילדער, ווייל דאס וואס איז אים אמשטארקסטן איבערגעבליבן פון דעם גאנצן פארפלאָנטערטן געפילן-קאָמפּלעקס, וואס דאָס דאָזיקע מיידל, ראיע האט זי געהייסן, האָט אין אים דערוועקט, איז געווען: שרעק און זינדיקייט.

ד

דן און ראיע האבן זיך געקענט שוין אַ לענגערע צייט. ביידע זענען געווען יונג. ראיע — מיט איייניקע יאר ייגגער פון דנען. זי איז אבער געווען עלטער פון אים אין רייפקייט, האט מער געזען די מענטשן ארום זיך, האט געהאט אַ שטארקערן ווילן, מער באשטימטקייט אין אירע פארלאנגען, און מער אַנטשלאסנקייט, איידער דן. זייענדיק ייגגער פון דנען, אין יאָרן, איז זי אבער געווען אַסך אויסגעוואקסענער און צייטיקער פון אים.

אבער דער יונגער דן האט פונדעסטוועגן געהאַט אַ גאַנץ היפשע מיינונג וועגן זיך. ער איז נאך געווען יונג; די גאַנצע וועלט איז געלעגן אויסגעשפרייט פאר אים, און ער וועט זי באצווינגען... ער האט זיך אַרומגעטראגן מיט פארשיכורנדיקע חלומות פון אומבאוווסטן איינגעמען, פון אומבאוווסטן נצחון... אין אים האבן געפלייצט אסך יונגע זאפטן און ווייניקע אויפרעגונגען. זעהונגען, פארביקע און ווייטע האבן זיך געשטויסן ביי אים אין קאָפּ און אים אין גאנצן פארטרונקען. און בכלל — אַ בליק האט ער געהאט, וואס איז געווען געווענדעט כמעט דורכאויס אין זיך, און נישט אויף די אויסערלעכע וועלט. די אויסערלעכע וועלט, אויף וויפיל ער האָט זי שוין יאָ געקאנט זען, איז איינגאַנצן אין אים אריינגענומען געוואָרן און איבערגעשמאָלצן געוואָרן אין זיין אינווייניגסטער פייערדיקער און יונגער ליכטיקייט

אי ער, אי ראיע זענען געווען איינגעשפּאַרט און שטאָלצע, און אַז זיי האָבן זיך איינמאָל איבער אַ גאָרנישט צעווערטלט, האָבן נישט ער און נישט זי געוואָלט נאָכלאָזן און נעמען דעם ערשטן שריט צום איבערבעטן זיך. פאַרקערט: דן האָט געוואָלט וואָס מער אַ לענגערע צייט אויפהאַלטן דאָס דאָזיקע ברוגז-זיין.

אין די טיפענישן פון זיין האַרצן האָט ער דאָך געפילט, אַז — פריער, שפּעטער — וועט דאָך נעמען אַן ענד צום דאָזיקן ברוגז. דערווייל אָבער האָט דער דאָזיקער אומזיכערער צושטאַנד אים כּסדר געהאַלטן אויפגערעגט און אָנגעגליט, פאַרשיכּורט אים מיט אַן איינגעעקשנטן פאַרדרוס, פאַרכּליניעט אים מיטן ברענענדיקן פּיין פון נישט-געשטילטער בענקשאַפט.

זיכער איז ער געווען, אַז אַלץ וועט זיך סוף כּל סוף אויסלאָזן צום גוטן: דאָס אַלץ — אָט דער ברוגז — איז בלויז דערווייל. נאָר אָט די דאָזיקע דערווייליקע אומבאַשטימטקייט און אומזיכערקייט האָט דאָך אים געגעבן אַ געלעגנהייט זיך פאָרשטעלן פאַרשידענע אַנדערע סענטימענטאַל-פּאַטעטישע אויסגאַנגען פון זיין ברוגז מיט ראיען... זי ווערט קראַנק... זי האַלט ביים שטאַרבן און רופט אים צו זיך. ער קומט מיט אַ געבראָכן האַרץ און — שטיינערנעם פּנים... געוויין. זיך אויסגערעדט די הערצער. ביידע גערעכט — ביידע אומגערעכט. שמייכלען. ווידער גוט. נאָך בעסער ווי פריער. אָבער: זי שרעקט זיך שוין איצט אים ווידער אויפרייצן, ווייל זי ווייסט, ווי שלעכט און איינגעעקשנט ער קאָן זיין. זייער ווייטערדיק צוזאַמענלעבן האָט דעריבער דעם זיס-ביטערן טעם פון אַ כּסדרדיקן הענגען אויף אַ האָר, — פון אַ צוזאַמענלעבן, וועלכעס קאָן איבערגעשניטן ווערן יעדע מינוט דורכן אומגעריכטן שארף פון זייערע אייגענע קאַפּריזן. זייער לעבן ווערט דערפאַר קיינמאָל נישט אָפּגעטעמפּט, ווי ביי אַנדערע חתונה געהאַטע לייט, פון אַ לאַנגווייליקער זיכערקייט: תּמיד הענגט עס אויף אַ משקולת.

אָדער — עס קאָן זיך דאָך אויסלאָזן אַזוי דער דאָזיקער ברוגז:

אַז זי גיט אַ לאַנגע צייט נישט נאָך אין איר עקשנות, האָט ער אויף צו-להכעיס חתונה מיט אַן אַנדער מיידל, דאָס מיידל, וועלכע ער הויבט אפילו נישט אָן ליב צו האָבן... דאָס פּולט אים דאָך אָן

אויף זיין גאַנץ לעבן מיט אַ שטאַרקער אומצופרידנהייט, מיט אַ קיינ־מאָל נישט־געשטילטער בענקשאַפט, וועלכע האַלט זיין בלוט אָנגע־גליט ביז אין סאַמע טויט אַריין...

און שאַ—צוליב וואָס, פאַנטאַזיע? טאָמער שטאַרבט טאַקע ראיע, אויף דער אמתן, פון גרויסן, פון אומזיסטן פאַרדרוס! ווערט נאָך זיין בענקשאַפט דעמאָלט שטאַרקער און פייניקענדיקער. די זיסקייט פונם ווייטיק, וואָס ער איז דער שולדיקער אין איר טויט, וועט זיין נאָך געשטאַרקטער... יאָ, גלייכער וואָלט טאַקע געווען, ווען ער האָט חתונה מיט אַן אַנדער מיידל. דאָס וועט אפשר אַוועקהרגענען ראיען... פאַרשטייט זיך, נישט ער וועט אין דעם זיין דער שולדיקער, פאַר־וואָס רופט זי אים אַזוי לאַנג נישט צוריק?... און בכלל — פון וואַנען האָט ער עס געקאָנט וויסן, אַז זי וועט פון אַזאַ נאַרישקייט שטאַרבן?.. נאָר פאַסירן קאָן דאָך עס...

אויסער דעם, עס וועט דאָך זיין אוודאי אַ סך אינטערעסאַנטער צו וווינען מיט אַ פרוי, וועלכע ער האָט נישט ליב, אָפּצוּווינען דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ פרעמדער פרוי, — יענע, די פרוי, וועלכע ער האָט ליב, ראיען, וועט ער דאָך סיי ווי באַזיצן זיין גאַנץ לעבן. אין געדאַנק און אין בענקשאַפט, — וועט ער אויף אַזאַ אופן לעבן מיט צוויי פרויען...

אַזוי צי אַזוי—דן דער יונגער היציקער און טריומערישער קאָפּ, —דן איז געווען זיכער.

—אַזוי צי אַזוי — ער וועט זיין דער געווינער...

ה

אַזוי האָט ער געוואַרט וואָך נאָך וואָך.

ער פלעגט זי זען זייער אָפט, כמעט יעדן אָוונט, אין די קאָ-רידאָרן פון דער אָוונט-שול, וועלכע זי האָט אויך באַזוכט. זיי פלעגן זיך איידל-פריינדלעך באַגריסן, נאָר נישט ער, נישט זי פלעגן אָפּשטעלן איינס דאָס אַנדערע. דנען האָט עס קדחתדיק געוואָרפן: אין איר שמייכל איז געווען אפילו אַ פריינדלעכקייט און אַ צוּרופנ־דיקייט. אָבער אין דערזעלבער צייט פלעגן פון אירע גרויסע גרויע אויגן אַרויסקוקן אַזאַ העפלעך-קאַלטע דערווייטערטקייט, אַז דנען

פלעגט פון אַזאַ קוק אַזש דורכגיין אַ קעלט איבער אַלע איברים. אַ מאָדנער שרעק פלעגט אים אָנכאַפּן פאַר אָט דעם באַשעפעניש, וואָס איז געווען אַזוי אומפאַרשטענדלעך, אַזוי זיך ענדערנדיק. ווייל כאָטש ער האָט זי געקענט שוין עטלעכע יאָר, האָט ער דאָך אין דער אמתן געזען בלויז איר שאָלעכץ, איר אויסערלעך הייטל, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געפונען פיל פאַרשידענע פרויען, און יעדע פון זיי, און אַלע אינאיינעם זענען געווען אומפאַרשטענדלעך און פרעמד פאַר דנען, דעם יונגן און נישט-דערפאַרענעם אָנהויבער אין לעבן.

דן אליין האָט גאָר געגלויבט, אַז זיין ליבע צו איר איז געווען אַ ספּיריטועלע, אַ לופטיק-פילפאַרביקע, מיט אומבאַשטימטע ענדן און ליניען, וועלכע פאַרווישן זיך און פאַרדינערן זיך אין אַ העכער-ערדישע לופטיקייט אַריין... ער האָט אָבער אין דער אמתן, אומבאַוווּסט פאַר זיך אַפילו, אויך ליב געהאַט איר אויסערלעך וועזן, ליב געהאַט מיט אַ פאַרפאַלנקייט און אַן איבערגעבנקייט, אָט פּונקט, ווי ער, דן, וואָלט שוין געווען נישט ער — אַ באַזונדערער, אַן אומאָפּהענגיקער מענטש, — נאָר אַ פאַרמשפּטער — אַ פאַרמשפּטער זיך צעבויפגיסן און צעבויפוואַקסן מיט איר... און נישט איינמאָל, נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצן יונגן שטאָלץ, האָט ער געהאַט דאָס געפיל אַנידערלייגן זיך אויפן דיל פון די קאָרידארן, ווו זי פלעגט דורכגיין, און לאָזן זי טרעטן אויף אים, טרעטן און שמייכלען דערביי, טרעטן און שמייכלען.

ער האָט אָפט געפילט די נויטיקייט ערגעץ צו אַנטרינען פון איר און אין דערזעלבער צייט אָבער געהאַט דאָס אומווידערשטייליכע געפיל פון צוגעצויגנקייט, — אַ צוגעצויגנקייט קעגן זיין אייגענעם ווילן... דער קאָפּ פלעגט אים אָנהויבן שווינדלען פון איר נאָענטקייט, ווען נאָר ער פלעגט זיך מיט איר טרעפן — און נאָכדעם האָט זיך שוין געבענקט כסדר נאָך אָט דערזעלבער נאָענטקייט.

פאַר דעם יונגן, אומדערפאַרענעם דנען, וועלכער האָט אַזוי ווייניק געקענט די וועלט און דעם אמתן כאַראַקטער פון זיין ליבע צו ראיען, פלעגן אָפט זיך פאָרשטעלן מאָדנע אויסגאַנגן פון אָט דערדאָזיקער פאַרפלאָנטערטער באַציונג זיינער צו איר. אַזוי, האָט ער זי איינמאָל געזען דורכגיין די קאָרידארן פון דער שול מיט אַן

אַנדער יונגן-מאַן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. אי זי, אי ער, דן, האָבן דעמאָלט אַזוי איידל פֿריינדלעך צוגעשמייכלט איינער צום אַנדערן. נאָר אים האָט דעמאָלט פּלוצלינג אויפֿגעבלישטשעט אין מוח, אַ... ער קאָן נאָך אַמאָל אָט אַזוי שטיל שמייכלענדיק, זי דערהרגען און צוקוקן אַזוי פֿאַרוווּנדערט ווי דאָס רויטע בלוט, וואָס גיסט זיך פֿון איר אַרויס צוזאַמען מיט איר חיות. און ערשט דעמאָלט... ערשט דעמאָלט, נאָכדעם ווי ער וועט מיט קינדערשער אומשולדיקייט זי פּרוּוון אויפֿוועקן און נישט קאָנען, ווען דער שמייכל אירער וועט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פֿאַרשווינדן פֿון אירע קאַלט-ווערנדיקע ליפּן, ערשט דעמאָלט און נישט פֿריער, וועט אַ באַרויקונג און אַן איינשטילונג קומען אויף אים.

שטאַרק איבערצייגטער נאָך איז אין אים געוואָרן דער דאָזיקער פֿאַרלאַנג צו דערהרגענען זי, נאָך אַן אַנדערש מאָל, — אין איינער אַ מינוט ווען אים איז קלאָר געוואָרן, נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער ליבע צו איר, וועט ער זיך דאָך נישט קאָנען קיינמאָל צוזאַמענגיסן מיט איר.., און ער מוז זי אַריינגעמען אין זיך, נאָר אַ געפֿיל האָט ער: ער וועט אַריינעמען אין זיך אַ שטיק פֿרעמדס, וואָס וועט אין אים תמיד ברענען, ברענען מיט אַ קאַלטשמייכלדיק, איר-אייגן פֿייער, ביז וואַנען אי ער, אי זי וועלן אַזוי אויסברענען — צוויי צוזאַמענברענענדיקע, נאָר נישט צונויפֿגעשמאָלצענע ליכט, צוויי ליכט מיט באַזונדערע פֿלעמלעך.

ו

דעמאָלט האָט מיט דנען פּאַסירט אַן אומגליק, וואָס ער האָט עס אָבער באַטראַכט, ווי אַ גרויס גליק.

פֿאַרבנדיק איינמאָל אַ הויכן באַלקן אין עפּעס אַ לאָמפּן־פֿאַבריק— ער איז געווען אַ מולער—איז ער אַרונטערגעפֿאַלן פֿון דער הויכער רעשטאַוואַניע, אויף וועלכער ער האָט געאַרבעט. אפֿשר האָט ער זיך דעמאָלט צו שטאַרק פֿאַרטראַכט וועגן עמעצן און האָט צו־ווייט פֿאָרויס אויסגעצויגן די האַנט מיט דער גרויסער קאַלכבאַרשט, און נאָך איר, אָט דער האַנט—דעם גאַנצן וואַרעם־גליענדיקן קערפּער זיינעם. האָט ער זיך אויסגעגליטשט, און אפֿשר—אפֿשר איז די רעשטאָוואַניע נישט

געווען שטאַרק איינגעשטעלט און האָט זיך אַ שאָקל-געטון: מען קאָן דאָך קיינמאָל נישט וויסן די גענויע סיבה פון פּאַסירונגען.

ער האָט דעמאָלט געמוזט אָפּליגן אַ פּאָר וואָכן אין שפּיטאָל צוליב אַ געוועזענער דערשיטערונג, וועלכע ער האָט געקראָגן. ער האָט זיך אַ שטיק צייט נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס. אַן עלעקטרישער שטראָם פלעגט אים דעמאָלט דורכציטערן דורך דעם גאַנצן נערוון-סיסטעם, פון די פּיאַטעס ביז די האָר-וואָרצלען אויפן קאָפּ.

אין די גרויסע שפּיטאָל-חדרים מיט די בלויע-עמאַלירטע ווענט און סטעליעס, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די ווייסע קראַנקן-בעטלעך, — ווי רמזים צו די שפּיטאָל-חולאים פון אַ וועלט, וווהין זיי קאָנען זיך יעדע מינוט .אומגעריכטערהייט אַריבערקלייבן, און אָט די שטילע, מיט מעדיקאַמענטן שמעקנדיקע חדרים פלעגט זיך אים יעדן טאָג אויסדוכטן, אַז היינט, היינט שוין געוויס וועט זי קומען צו אים אויף אַ באַזוך. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ווייל זי ווייסט דאָך גאָרנישט פון דעם פאַל, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און ווו ער געפינט זיך. נאָר ער האָט עס דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט... און דעריבער זיך יעדן טאָג מיט זיכערקייט פאָרגעשטעלט, אַז היינט, היינט אויף געוויס שוין, וועט זי קומען.

זי איז נישט געקומען.

פּאַסירט האָט אָבער עפּעס אַנדערש.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער זיך ווידער באַוויזן אין די קאָרידאָרן פון דער אָוונט-שול, אָנגעטון אין אַ בלויען גאַלאַנטענעם קאָסטיום, אַ ריין אָפּגעגאָלטער, אַן אומגעווייַנטלעך אָפּגעצערטבלייכער, אַ יום-טובדיק שמייכלנדיקער,—ווי אַלע חולאים, וואָס גייען אָקאָרשט פון בעט אַרויס. ער האָט געהאַט אַ פּאָר קוליעס אונטער די פּאַכוועס.

ער האָט נישט געזען פון וואַנען, נאָר פלוצלינג, ווי זי וואָלט דורך דער גאַנצער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט געשטאַנען דאָ, אויפן זעלביקן אָרט, און געוואַרט אויף אים, איז זי, ראיע, אויסגעוואַקסן ביי זיין זייט. אַ דערשראָקן-בלייכע. זי האָט קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. ער האָט געהערט, ווי איר האַרץ, נאָענט קעגן אים, קלאַפּט... זי האָט אים בלויז, איידל-איבערגעגעבן

אזוי, אַנגעריירט ביי די באַקן: קאַנטיק, זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז עס איז נאָך דאָ אין זיי אַ לעבעדיקע וואַרעמקייט... גליקלעך האָט זי באַלד אַ שמייכל געטון און געמאַכט עפּעס אַזאַ מין נאָענטע באַוועגונג צו אים, ווי וועלנדיק אים אַרומנעמען.

אַרום זיי, אינם קאָרידאָר זענען געווען אַ סך יונגע מענטשן. מען האָט זיי אָנגעקוקט מיט נייגיריקייט, מיט פאַרהוילענעם מיטאָנטייל. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגערוקט פון איר צו דער וואַנט און געפרעגט קאַלט־העפלעך, וואָס זי מאַכט.

זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי וואָלט נישט באַמערקט זיין קאַלטן ענטפער אויף איר וואַרעמער פרייד. נאָך איידעלער און צוגעלאָזענער זיך דערנענטערנדיק צו אים, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— אפשר וועט ער אַרויסגיין מיט איר אַ ביסל אין דרויסן? זי וואָלט אַזוי געוואָלט איצט מיט אים רעדן... אַ סך, אַ סך רעדן.

העפלעך־גלייכגילטיק האָט ער איר באַדאַנקט. ער קאָן עס אָבער דערווייל נישט טון, ווייל ער האָט גראַד איצט אַ לעקציע.

— אום דריי־פערטל ניין אָוונט האָט ער אַסטראָנאָמיע, — וואָס, זי ווייסט דען נישט דעם סדר פון זיינע למודים?

זי איז געוואָרן נאָך בלייכער. אין אירע אויגן האָט אַ שאַרף פייערל אַ בלישטש געטון.

— נו, אויב אַזוי וועט זי זיין ביי אים מאָרגן, שבת, נאָכמיטאָג, — פּונקט אום דריי אַ זייגער וועט זי זיין ביי אים.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי צוגעגעבן, שוין רויקער, און מיט אַ גרינג שמייכעלע:

— איבריקנס, ווי זי האָט עס געקאָנט זאָגן... אַז זי האָט דאָך איצט אויך אַ לעקציע — געשיכטע פון גרויס־בריטאַניען און אירלאַנד — אויך דריי־פערטל ניין.

און זי האָט אַוועקגעאיילט. ער האָט נאָכגעקוקט אירע דראָבנע, גיכע טריט. אַז איר קלייד איז פאַרשוווּנדן און עפּעס אַ טיר פון אַ קלאַס־חדר, איז אויף אים מיטאַמאָל אָנגעקומען אַ מינוט פון אַנטפּלעקונג: דערפילט האָט ער פלוצלינג מיט אַ מאָדנער זיכערקייט, אַז אין אָט אָ דער זעלביקער מינוט איז ער פאַר איר אָפּגעשטאָרבן.... ווי אויף אָט יענער זייט טיר, אין וועלכער זי איז אָקאָרשט פאַר־

שווּנדן, וואָלט זיך שוין געפונען גאָר אַן אַנדערע וועלט, אַ וועלט, אין וועלכער זאַכן און מענטשן ווערן בלייך און אָפּגעווישט — די וועלט פון ערינערונג...

ז

דערנאָך איז ער אַ לאַנגע, נודנע און לאַנגווייליקע שעה געזעסן אין אסטראנאָמיע־קלאַס, וועלכן ער האָט ביז אַהער גאָר קיינמאָל נישט באַזוכט, און וועלכן ער האָט איצט אויך נישט געדאַרפט באַזוכן. מיט נישט־זעענדיקע אויגן האָט ער געקוקט אויף די ווילד־פאַרפּלאָנטערטע מאַטעמאַטישע פאָרמולן, וועלכע האָבן זיך טויט־קרייַדיק געוויזט אויפן הינטערגרונט פון דער שוואַרצער טאַפל און מיט זייער ווייסער קריידיקער קאַלטקייט אָפּגעטויט אינגאַנצן די לעגענדע פון די שטערן. ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען און נישט געהערט פון דעם, וואָס דער לאַנגער, ווייס בלאָנדער, גאָנערדיקער אינסטרוקטאָר האָט דאָרטן דערקלערט. מיט זיינע בלייכע ליפּן, האָט דן בלויז נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין שעפּטשען עטלעכע ווערטער פון טרייסט און האָפנונג. ווי אויף דער גאַנצער וועלט וואָלטן גאָר קיין אַנדערע ווערטער, חוץ אָט די, נישט געווען:

— אום דריי־פערטל צען... אום דריי־פערטל צען ווערט ער פאַרטיק... ווערט זי אויך פאַרטיק... ניין, פאַרקערט: ער האָט נישט קיין חרטה... זאָל זי וויסן... זאָל זי וויסן.

און נאָך האָט ער זיך געטרייסט עסנדיק מיט זיינע בליקן די גרויסע זייגער־ווייזערס אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט:

— סיי־ווי־סיי: זי איז דאָך, ווייסט אויס, אין אָט דער צייט סיי־ווי געווען פאַרנומען.

נאָר אַז ער איז שפּעטער ביים ענד פון דער לער־שעה, אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר, אַן אויסגעמאַטערטער, און זי דאָרט מיט אומרויקע בליקן אָפּגעוואַרט, האָט ער זי אָפּגעוואַרט אומזיסט: זי איז אין דער שול שוין לאַנג נישט געווען. קודראַוו, ווי אַ שוואַרצער ראָב, וואָס דערשמעקט פון גאָר ווייט עפּעס טויטס אין דער לופט, האָט זיך שוין דאָ אַרומגעדרייט. ער האָט ראַיען געזען — אַזוי האָט ער דנען דערציילט — פריער מיט אַ ווײַלע אַרויסגיין פון דער

שול־געביידע. גראד אין אָט דער זעלביקער מינוט איז ער, קודראַוו, אַרייַנגעקומען פון גאַס. ער האָט ביי איר אַפילו געפרעגט:

— וואָס גייט איר שוין אַהיים אַזוי פרי? — האָט ער ביי איר געפרעגט.—יאָ, — האָט זי געענטפערט — אַז כ׳האָב שוין היינט ביי־נאַכט מער קיין לעקציעס נישט. מיין לעצטע לעקציע האָט זיך נאָך געענדיקט אום פערציק מינוט אויף ניין.

נאָר צוליב וואָס דערציילט עס אים אַלץ קודראַוו? דן האָט עס דאָך אַליין גוט געוווסט. אַ שיינע מעשה! ער ווייסט דאָך פון לאַנג, אַז ר א י ע האָט נישט קיין לעקציעס שפּעטער פון פערציק מינוט אויף ניין... אָבער זאָל אים נאָר ק ו ד ר א ו ו זאָגן, — האָט ער צוגעצויגט צו יענעם אַ לעפּיש־שמייכלענדיקן פּנים — געַנוי... געַנוי ווען איז עס געווען, ווען ער האָט אָנגעטראָפן ראיען אַרויסגייענדיק פון דער שול געביידע?

— אַרום ניין אַ זייגער... אַרום ניין.

אין ק ו ד ר א ו ו ס אויגן איז געווען אַ נישט־פאַרגינערישקייט. זיין קול האָט געקלונגען טונקל, שווער, מעטאַליש, ווי דאָס פאַלן פון אַ האַק, ווי דאָס קלינגען פון אַ טורעם־זייגער אין אַ שפּעט־נאַכטיקער שעה.

ח

אַ גאַנצע נאַכט האָט דן געביסן די ליפּן. ער האָט זיך אַפילו נישט געשעמט צו וויינען. פאַר וועמען האָט ער זיך דען געזאָלט שעמען? אין חדר איז דאָך קיינער נישט געווען אויסער אים, און די נאַכט איז געווען אַ שטילע. פון דעם נאַכט־געוועלב אין דרויסן האָבן אַרונטערגעקוקט די שטערן, — גאָלדענע, ווייסע, רויטלעכע... אַ פריידי האָט אים אַרומגענומען ביים דאָזיקן געדאַנק: שטערן, נאָך אַלץ פרעמדע און נישט־דערקלערטע... ניין, ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו שעמען זיך מיט זיין געוויין.

אָבער שוין אויף מאָרגן האָט אים זיין פּנים געפּלאַמט פון בושה און דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט פאַר ווייטיק.

— נו, וואָס דען... דאָס איז דאָך זיכער געווען זיין בלייך־אויסגעצערט פּנים, צוזאַמען מיט זיינע קוליעס, וועלכע האָבן זי־

נעכטן אין אָוונט אַזוי צוגעצויגן צו אים... ער האָט אין איר דער־וועקט רחמנות... און ער, שוטה, איז דאָך גאָר אומישנע געקומען מיט די קוליעס, כּדי איר גאָר וויי צו טון.

האַ־האַ... ווידער האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט העכער פון אים. זי האָט אים אַרויסגעוויזן איר גרויס מוטיקייט...

ער האָט געברענט פון ווייטיק און שאַנד. צו זיין גרויסער פאַרצווייפלונג האָט איצט די קראַנקהייט באמת טאַקע אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן... ער האָט זיך שוין געפילט גאָר געזונט און האָט שוין מער אין די קוליעס זיך ניט געניטיקט. אָך... געוויינלעך, אַז מען פאַלט אַרונטער פון אַזאַ הויכער רעשטאָוואַניע, צעברעכט מען זיך כאָטש אַ פוס... יאָ, דאָס איז שוין ניט געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס אים האָט עס ניט געגליקט.

„דריי אַ זייגער בייטאָג וועל איך זיין ביי אייך". די ווערטער אירע האָבן אים איצט געררייצט און דענערווירט. ווי זיכער זי איז עס געווען, אַז ער וועט וואַרטן אויף אים, אַבי נאָר זי וועט באַ־וויליקן אַרונטערצוקומען! זי האָט ביי אים אפילו ניט געפרעגט, אויב ער וועט האָבן צייט צו וואַרטן!

עס איז געווען אַ זוניקער און אַ וואַרימער שבת־טאָג, סוף האַרבסט. די ביימער זענען אַלע געווען העל־רויט באַלויכטן. ס'איז געווען באמת אַ שאָד צו זיצן אין הויז אין אַזאַ טאָג... אפשר וואָלט ער דערווייל געגאַנגען אַ ביסל שפּאַצירן אין פּאַרק, נישקשה, ער וועט שוין זען ניט פאַרשפּעטיקן.

אַז ער איז פאַרנאַכט געקומען צוריק פון פּאַרק, האָט אים די באַלעבאָסטע מיט אַ ביטערע קלוגיטשקן שמייכל דערציילט, אַז דאָ האָט זיך נאָכגעפרעגט נאָך אים עפּעס איינע אַ דאַמע.

— אַ דאַמע? — האָט דן פאַרוווּנדערט איבערגעחזרט—זינט ווען האָבן עס אים אָנגעהויבן צו באַזוכן דאַמען?

— נו, טאָ זאָל זיין אַ יונג מיידל... אבי טאַקע זייער אַ שיינע...

די באַלעבאָסטע האָט אים דעמאָלט דערציילט איינצלהייטלעך, און קאָנטיק, מיט פאַרגעניגן, אַז זי, דאָס דאָזיקע מיידל, הייסט עס, איז ביי אים געזעסן אַ היבשע צייט אין צימער און געוואַרט...

ס׳הייסט אַזוי... צוערשט איז זי געזעסן אין אויפנאַמסצימער, נאָר דערנאָך האָט זי געבעטן, מען זאָל איר אָנווייזן דנס צימער. אַז זי איז אַריין אַהין, האָט זי פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, און איז שוין דאָרט פאַרבליבן די גאַנצע צייט פאַרשפּאַרט. זי איז אָקאָרשט אַוועק, טאַקע מיט אַ פּאָר מינוט צוריק.

— ווי? אַ צעטעלע? ניין, זי האָט גאָר ניט געהייסן דנען איבערצוגעבן.

דן האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט יעדע איינצלהייט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט אים געהאַט צו דערציילן וועגן דעם באַזוך פון אָט דעם פרעמדן מיידל. אַז ער איז דערנאָך אַריין אין זיין צימער, האָט ער דערזען: אויף זיין בעטגעוואַנט איז געווען אויסגעגראָבן די פאָרם פון אַ מענטשלעכער פיגור, וועלכע איז דאָרט, קאַנטיק, אַ שטיק צייט געלעגן. ער האָט דעמאָלט אויך פּונקט ווי עס האָט עס געטון אָט יענץ מיידל, פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך. ער האָט זיך גלייך אַנידערגעוואָרפן אין דער זעלביקער נאָך וואַרימער אויסטיפונג אינם בעטגעוואַנט, וועלכע ראיע האָט הינטער זיך איבערגעלאָזט.

II

א

עס זענען פאַרגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים.

עס איז פאַרגאַנגען דער ווינטער, צעגאַנגען דער שניי. די גאַסן, זענען שוין געוואָרן ריין, די שטאָט — ריין, ריין די לופט. בלויז קאַלט נאָך איז זי געווען, די לופט, בלייך און אָפּגעצערט.

דן האָט געוווינט צוזאַמען מיט קודראַוון אין איין צימער. ביידע—געאַרבעט, אַלס פאַרבערס. ביידע—געווען אָרים. ביידע—שטודירט און זיך געגרייט פאַר די אוניווערסיטעטס-עקזאַמענס. ביידע געלעבט מער אַן אינערלעך לעבן, ווי אַן אויסערלעך לעבן.

אינם אָנהויב פרילינג איז דן אויך געווען אַזוי בלייך און אָפּגעצערט, ווי די אַרומיקע לופט. ווי די ניו-יאָרקער ערד, באַציגלטע, באַשטיינערטע און אַספאַלט-באַדעקטע ערד, אויף וועלכער ער איז אַ שווער-פאַרטראַכטער געטראָטן, האָט ער אויך דורכגעלעבט אַ שווערן ווינטער... אָבער איצט איז שוין געווען פרילינג.

דורכן גאַנצן ווינטער האָט אין די געדערים פון דער ערד געברענט אַ פייער. אין די פאַרבאַהאַלטענסטע טונקלקייטן אירע האָט זיך נאָכאַנאַנד געגרייט און צוגעגרייט דער קומענדיקער זומער, נאָר דער פרילינג האָט זיך פאַרשפעטיקט דאָס יאָר... און אַז דאָס זומערדיקע לעבן, און אַז דאָס אינעווייניקסטע פייער האָט זיך די גאַנצע צייט געמוזט באַהאַלטן טיף אונטער דער ערד-קאָרע, איז צום סוף ווינטער די ערד געבליבן ליגן אָפּגעשוואַכט. צו שווער איז געווען די אָנשטרענגונג אויסצוזען פאַרהאַרטעוועט. לסוף האָט זי געמוזט נאָכגעבן, די ערד, און

ווײַכער ווערן אין אירע טיפסטע טיפעניש.

נאָר דאָס פּנים פון דער ערד איז אויך געוואָרן באַלעבטער און מילדער. שפּראָצן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דורכשלאָגן דורכן שטיין און אײַזן פון ניו־יאָרקער גאַסן־פּאַנצער. ס׳איז געווען ערב־פרילינג. איצט איז קילער, שבת־נאָכמיטאָג. מאָרגן איז אַ רוטאָג—זונטיק אַרבעט מען ניט. נאָר חוץ דעם: אין די מענטשנס הערצער וואַקסט אויך שטומערהייט די פרייד, וואָס אויף דער וועלט רוקט זיך אָן אַלץ נענטער און זיכערער דער פרילינג. אין דער דורכזיכטיקער לופט צייכענען זיך איצט פרײַלעכער די שוואַרצע ריטלעך פון די בלעטערלאָזע ביימער. דיזעלביקע שוואַרצע ריטלעך, וועלכע האָבן אַ גאַנצן ווינטער אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה, די פרילינגדיקע וועלט זעט איצט אויס איידל און מיניאַטור־שיין, אַ געמעל פון פרילינג אויף יאַפּאַנעזישע אַקוואַרעלן. אויף שפּיצן פון צווײַגן שיטן זיך שוין אויס דאָ און דאָרט גרין־בלוילעכע פּערל, — שפּראָצנדיקע קנאָסטן. גרינער ווערן באַכאַנאַנד די ביימער, אָנזעעווודיקער און ממשותדיקער. ממש פאַר די מענטשנס אויגן וועבט זיך אַ חלום — דער חלום פון פרילינג — אין אַ ווירקלעכקייט אַריין. ס׳פאַרשווינדט די ווייסע געשפּענסטיקע פאַנטאַסטישקייט פון הוילע ווינטערדיקע ביימער מיט ריטלעך, וואָס שוואַרצן זיך מרא־שחורהדיק איבערן שניי. דער פרילינג ווערט. ער באַשאַפט זיך גופא פאַרביי די מענטשלעכע אויגן — לופטיק, בלוילעך־ליכטיק, ווי לויטערע פאַרטאָגן. דער הימל ווערט דורכגעצויגן מיט אָדערלעך פון בלייכן, אַמעריקאַנישן גאָלד.

Elain the fair, Elains the lovable
Elain, the lily maid of Astolat,
High in her chamber up a tower to the east...

אין דעם קליינעם חדר שפּאַצירט אַרום קודראָוו מיט ברייטע אומגעלומפּערטע טריט, ער הוידעט זיך שווער פון זייט אויף זייט, ווי אַ בער. מיט אַ ניט־פילענדיקער מעטאַלענער שטים דאַלבעוועט ער איין אין זיך שורות פון לאָרד טעניסאָנס פּאָעמען־רינג „The Idyls of the king" די קאַנטאַס וועגן דער שיינער עלעין, וועלכע איז געזעסן איינע אַליין אין איר חדר, אויף אַ הויכן טורעם, וואָס

האָט אַרויסגעקוקט צו מערב־זייט און האָט דאָרט געהיט מיט מיידד־שער געטריישאַפט לענסלאַנס שילד און אויסגענייט אַ זיידן ציכל פאַר דער שילד, כּדי דער גלאַנץ פונם מעטאַל זיינעם זאָל ניט פאַרטונקלט ווערן... וועגן דעם, ווי זי האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן, ווען באַווייזט זיך שוין פונם האָריזאָנט־רינג דער זיגרייכער אָדער אפילו פאַרוואונדעטער רייטער... אָ, דאָס דאָזיקע אָרימע מיידל האָט נאָך ניט געוווסט, אַז לענסלאָט איז פאַרליבט אין דער קעניגין גענעוויער מיט אַ ליבע, וואָס איז שטאַרקער, ווי דער טויט...

קודראוו האַלט שוין ביי דער אַכטער שורה און ביז אַהער — ריכטיק, אָן גרייזן. דאָס גיט אים צו אַ ביסעלע מער גלויבן אין זיך. אים פלעגט תּמיד זייער פאַרדריסן, וואָס דן קאָן אַזוי לייכט, אָן אָנשטרענגונג און כּלהחר־יד אויסלערנען אויסוווייניק די „צען שורות" פון יענע אַלע פּאָעמעס און שירים פון די ענגלישע און אַמעריקאַנישע קלאַסיקער, וועלכע מען מוז קענען פאַר די רעגירונגס עקזאַמענעס. מיט ערפורכט און קנאה פלעגט טראַכטן קודראָוו, אַז דן וואַקסט אוודאי אַ זשעני... ער הויבט אים שוין אָן דעריבער באַציילטנס פיינט צו האָבן, טיף און בלוטיק, מיט אַ טראַדיציע פון דורות און דורות — די פיינטשאַפט פון די ערדישע, געזונטע עם הארצים צו די הימלעשע, פאַרכושטע און אויסגעאיידלטע תּלמידי־חכמים.

נאָר אין דרויסן איז פרילינג. עס וואַקסן גראָז און בוים. עס וואַקסן שטיינער און ווערן לעבעדיקער, ווייכער. אונטער דעם לירישן קלאַנג פון די שורות וועגן דעם שווערן גורל, וואָס האָט דערגרייכט קיניג אַרטור, קיניגין גענעוויער, די שיינע עלעין און דעם ריטערלעכן לאַנסלאָט, ווערט צעשמאָלצן קודראָווס האַרטקייט.

דן, וועלכער ליגט אויסגעצויגן אויפן בעט און שווייגט פאַרעקשנט, איינגעוויקלט אין אַ געפיל פון אייגענע רעיונות, דערהערט מיט אַמאָל קודראָווס שטים, וועלכע איז ווייכער און באַהאַרדטער, ווי געוויינלעך.

ס'האַנדלט זיך אום דעם: אין גיכן קומט פאָר דער יערלעכער באַנקעט פון דער ספּענסער־געזעלשאַפט, אין וועלכער קודראָוו איז אַ טעטיקער מיטגליד. ער שלאָגט פאָר צו פאַרקויפן דנען צוויי בילעטן.

— איך האָב ניט קיין דאַמע, ענטפערט דן.

קודראָוו קוקט זיך נעענטער צו צו דנען. און דאָ באַמערקט ער ערשט, ווי דער לעצטער איז בלייך און אָפּגעצערט. זיינע אויגן זע־נען פאַר דער לעצטער צייט טיפער געוואָרן און זענען אַרומגערינלגט מיט בלויע רעדער. מיט אַ כיטרע, פאַרשטייענדיקן שמייכעלע גיט ער דעמאָלט דנען אַ שטורכע:

— הערנאָר, בחור, און יענע דאַמע, פאַר וועלכער דו האָסט מיך לעצטן האַרבסט פאַרגעשטעלט? איך האָב דעמאָלט דייטלעך גע־זען אָן איר: ביסט איר שטאַרק געפעלן... שווייגסט, האַ?

דן ענטפערט גאָרנישט. נאָר קודראָוו דאַרף איצט נישט זיין ענטפער — ער ענטפערט פאַר אים מיט קלוגשאַפט און פאַרשטענדניס.

— נו, איך פאַרשטיי... מסתמא האָט איר זיך צעווערטלט, ס׳טרעפט... נו, זיי זשע דו דער דערוואַקסענער—גיב דו נאָך.

נאָר דן שווייגט אַלץ. אים וווּנדערט, וואָס ביי קודראָוון האָבן זיך אַזוי ברייט פונאַנדערגעעפנט די קוואַלן פון לשון... מילא — פרי־דינג איז ניט קיין קאַטאָוועס. אָבער וואָס שטייט ער אַזוי צו צו אים? און קודראָוו רוקט זיך צו צו אים אַלץ נעענטער: דן פילט שוין יע־נעמס נאָענטקייט אויפן ברעג פון זיין בעט. ער איז שווער, ער סאָ־פעט. ער באַמיט זיך חבריש און ווילינגעריש צו לאַכן, אָבער עס קומט ביי אים אַרויס עפעס אַ מאָדנער כיכוקען:

— דור געפעלט זי דאָך אויך, ווי?

— נו, זיי זשע ניט קיין נאַר... ביסט דאָך ניט פון פלאַטאָנס אָנהענגער, ווי? גלויבסט דאָך מסתמא ניט, אַז די עיקר־וועלט איז די וועלט פון אידעען?.. נאַר איינער, עס לוינט זיך ניט אַרויסצולאָזן פון האַנט אַזאַ מיידעלע... — און קודראָוו האָט נאָכאַמאָל תאווהדיק אַ כיכיקע געטון. ער האָט זיך געבעריעט צו זיין ווילינגעריש.

אין פאַרלעגנהייט האָט זיך דן סוף־כל־סוף אויך געצוווּנגענער־הייט צעלאַכט.

— מאָדנע, קודראָוו האָט זי אָנגערופן „דאַמע״... ער האָט נאָך זיכער געוואָלט זאָגן בעסער: „דאַמאָטשקע״... כאָטש — פאַרוואָס? זי האָט, דאַכט זיך, אַזאַ קינדישן אויסזען...

יאָ, ער האָט זי ליב, דן. דורכן לאַנגן, גאָר לאַנגן ווינטער, איז

עס איז אים קלאָר געוואָרן. קלאָר געוואָרן מיט דער קאַלטער ליכטיקייט פֿון שניי־נעכט, ווען דן פֿלעגט אַ פֿאַרעקשנטער שעהן נאָך שעהן אײַנזאַם אַרומגיין איבער די גאַסן. אָבער זי — אים? ווער ווייסט... אַז אַ גאַנצן ווינטער האָט זי דאָך קיין וואָרט פֿון זיך ניט געלאָזט הערן?

די לעצטע פּאָר וואָכן האָט דן קלאָר געפֿילט, ווי צוליב איר אײַנגעשפּאַרטקייט איז דער פֿאַרלאַנג צו זען ראיען בײַ אים געוואָרן נאָך שטאַרקער. ער וועט זי זען מיט גוואַלד — אפֿילו קעגן איר אייגענעם ווילן. יאָ, אַזוי וועט ער טאַקע טון: ער וועט איר בלומרשט נאָכגעבן. אָבער דערנאָך וועט ער ערשט זיך אָפּרעכענען פֿאַר דעם גאַנצן פֿאַרגאַנגענעם ווינטער, ווען עס האָט געברענט זײַן האַרץ מיט קאַלטע פֿײַערן. ער האָט שוין באַצײַטנס געפֿילט, דן, דעם תּענוג פֿון נקמה.

עס איז טונקעלער געוואָרן אין חדר. קודראָוו האָט אָנגעהויבן זוכן אַ שוועבעלע אָנצוצינדן דעם גאַז־לאָמפּ. איידער די טונקלקייט אינם חדר איז פֿאַרשוווּנדן, האָט דן פֿון צווישן האַלב־פֿאַרשלאָסענע ליפּן אַרויסגעזייט:

— יאָ, ביסט גערעכט, קודראָוו. עס איז טאַקע נאַריש, די דאָזיקע עקשנות מײַנע. כאָטש איך האָב זי אפֿילו ניט איבריק ליב, אָט יענע באַקאַנטע מײַנע, אָבער אַ קלוג און געבילדעט מיידל איז זי דאָך. מען קאָן זיך מיט איר באַווײַזן צווישן לײַטן! פֿאַר אַזאַ אָנגעלעגנהייט, ווי דער באַנקעט פֿון דער ספּענסער־געזעלשאַפֿט, פּאַסט זי זיך זיכער. ווייז, ווו זענען דײַנע בילעטן...

ב

איף מאָרגן, זונטיק, איז געווען נאָך וואַרעמער און זוניקער. די גאַסן זענען פֿאַרנאַכט־צו געווען אָנגעפּולט מיט אַ יום־טובדיקשפּאַצירנדיקן עולם. אַ רויטע, שאַרף אַרויסגעקיילעכדיקטע זון האָט געפֿלאַמט קיל און ערנסט, מיט דער ליידנשאַפֿט פֿון אַ מענטשן אין די מיטעלע יאָרן. זי האָט זיך איצט פּאַמעלעך אַרונטערגעלאָזן בײַם זוים פֿון אַ ריינעם בלייך־אויסגעשטערנטן הימל. בלויטיקער און צײַטיקער האָט זיך דער פֿרילינג שוין פֿונאַנדערגעוויקלט.

פאַרנאַכט־צו איז קודראָוו אַריין אין צימער. ער האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון דער זונטיק־נאָכמיטאָג־זיצונג פון זיין געזעלשאַפט אויף צו דערלערנען ספּענסערס ווערק. זיין פּנים איז איצט געווען ערנסטער, פייערלעכער און חשובער, ווי תּמיד — אַן איינדרוק האָט ער געמאַכט איצט פון אַ פרומען מענטש, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון זיין געבעט־פּלאַץ און איז איינגאַנצן פול מיטן באַוווסטזיין, אַז ער האָט דערפילט זיין פליכט, און זיין האַרץ מעג שוין זיין שטיל. אין חדר האָט ער געטראָפן דנען ליגנדיק אויפן בעט. ער איז געלעגן מיט פונאַנדערגעגלאָצטע און גאָרניט זעענדיקע אויגן.

— וואָס איז דער מער: עפּעס אַזוי פרי צוריק?

נאָר דנס אויגן בלייבן אַלץ פונאַנדערגעגלאָצט, און קודראָוו ווערט אומרויקער אַ ביסל, און ער פרעגט שוין מיט אומרויקייט...

— נו, אַלץ האָט זיך מסתּמא אויסגעלאָזן צום בעסטן?

מיטאַמאָל איז דן אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, נאָר אין סאַמע מיטן זיין געלעכטער האָט ער אויך אַזוי פּלוצלינג זיך איבערגעהאַקט. ער האָט אָנגעקוקט קודראָוון צו־מישטערהייט, ווי ניט דערקענענדיק אים, און אָט פאַרלעגן, ווי בעטנ־דיק אַנטשולדיקונג. ער איז באַלד געוואָרן אין גאַנצן רויט.

— נו, צום טייוול, צו וואָס דאָס דאָזיקע דראַמאַטישע לאַכן...

ער האָט אָנגעהויבן רעדן שטילער, און ניט צו דער זאַך, ווי אַ מענטש, וועמען מען האָט אויפגעוועקט אין מיטן אַ חלום. קודראָוו האָט אים קוים געקאָנט הערן.

ווי שפּעט איז עס, האָט דן געפרעגט. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין רייבן די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע געהאַט די גאַנצע צייט געשלאָפן.

— יאָ — האָט ער געענטפערט סתּם אין דער וועלט אַריין — ביסט גערעכט. — ער איז מיט איילנדיקע טריט צוגעגאַנגען צו דער וויקטראָלאַ און אָנגעהויבן שפּילן די פּלאַסטינקע פון ליסטס „אונגאַ־רישע ראַפּסאָדע“.

קודראָוו איז באַלד געוואָרן צו אים מאָדנע־אומאויפריכטיק אַזוי צוגעלאָזן. ער האָט געוואָלט אויסשמעקן ביי אים דעם סוד פון זיין איצטיקער צעטראָגנקייט.

— נו, איך האָב דאָך דיר געזאָגט... אַז מען פאָלגט אַ גוטן פריינט. איך האָב דיר געזאָגט, אַז זי האָט דיך ליב, האַ?

דנען איז געוואָרן אַזוי פריקרע פון קודראָווס פריינדלעכן שמייכל, וואָס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ גרימאַסע, און פון זיין גאַנצער צו־געלאָזנקייט, וואָס האָט אים אַזוי ניט געפּאַסט: אַ בער טאַנצט... ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, איז צו צום פענסטער און האָט צוגע־לעגט זיין פּנים צו דער שויב. די פייכטקייט האָט אים געקילט דעם שטערן, דעם הייסן, און אים איז געוואָרן לייכטער. ניט אומקערנדיק זיין פּנים צוריק, האָט ער צוטומלטערהייט אָנגעהויבן שיטן מיט רייד:

— יאָ, אַז מען פאָלגט אַ גוטן פריינט... טאַקע אַזוי... אַ גוטער פריינט איז דאָך ניט שייך... אָט האָב איך אַנומעלט באַגעגנט צוויי מיידלעך: איינע האָט געטראָגן אַ סמאָקינג מיט אַ אומגעווייגלעך־ג׳אַנ־ציקן און אומגעווייגלעך הויכן צילינדער־הוט, — ווייסט, טאַקע אַן אמתן מאָדישן „קוימען” — דער צילינדער־הוט האָט געגלאַנצט ממש ווי זון־גלאָז, ווי אַ קאָלירטער שפּאַקטיוו... האָסטו דיר איין מיידל... נו, און דאָס אַנדערע מיידל האָט זי, דער ערשטער, הייסט עס, אַלץ געהאַלטן אין איין קיצלען אונטער די פּאַכוועס און אין איין איבער־חזרן איינע און דיזעלבע פראַגע:

— זע נור... וואָס האָט זי זיך אַזוי צעהאָצקעט... ווייסט זי סיידן ניט, אַז מאָרגן איז שוין מאָנטיק? קודראָוו איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. דן האָט זיך אויסגעדרייט פון פענסטער און אים לאַנג אָנגעקוקט מיט זיין אָפּוועזנדיקן בליק. ער איז ווידער צו צום גראַ־מאָפאָן. אויף דער וויקטראָלא האָט זיך די פּלאַסטינקע געענדיקט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן פון אָנהויב. די ערשטע טאַקטן פון דערזעלביקער ליסטס צווייטער ראַפּסאָדע.

די מוזיק פון אָט דער ראַפּסאָדע האָט אַזוי געריסן און אַזוי געפּאַסעוועט דאָס לייב מיט אירע שווערע, פאַרצווייפלטע טענער... און אין דערזעלביקער צייט איז דאָס האַרץ אָנגעפולט געוואָרן מיט אַזאַ מין זיס־פאַרסמטן פאַרגעניגן. אינם צווייטן שכנישן חדר, וווּ ס׳האָט די גאַנצע צייט אומרויִק געקרעכצט אַ בעט, האָט די הויז־באַלעבאָסטע גערעדט איצט שטיל צו עמעצן, — צו איינעם אַ מאַנסביל, וועלכער

איז, אפנים, ניט געווען איר מאַן:

— זע נאָר, זאַנוול, וואָס שפּילן זיי עס דאָרט, די קוואַרטיראַנטן אונזערע, האַ? דאָס האַרץ רייסט דאָך מיר אַזוי פונם שפּילן, זאַנוול, פונקט ווי מען וואָלט עס מיר געשניטן לעבעדיקערהייט... ווּעסט מאָרגן ווידער קומען אין דער זעלבער צייט, זאנוול האָב קיין מורא ניט... דו ווּעסט דאָ קיינעם ניט טרעפן.

אין דרויסן איז שוין איצט געוואָרן גאָר טונקל. אַז אָט יענער מאַנסביל, מיטן נאָמען זאנוול, איז אַרויס אינם פאַרנאַכט האָט ער דערהערט, ווי אויף דעם ניט-ווייטן מזרח-טייך האָט אומעטיק-האַרב געבלאָזן די טרוב פון אַ שיף.

ג

דן האָט אַ גאַנצן אָוונט מער גאָרנישט גערעדט, און קודראָוו האָט מער גאָרנישט געפרעגט. אָבער סוף כל סוף האָט די אָנגעצויגנקייט און נישט-דערזאָגטקייט זיי ביידן אויסגעמאַטערט. זיי האָבן זיך דעריבער פרי געלייגט שלאָפן.

קודראָוו איז אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ שטיק צייט מיט אַ שטאַרקן, אָן-דרימלדיקן שלאָף.

עס האָט שוין געמוזט זיין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ אויף געגעבן, ווי עמעצער וואָלט אים אַ ברען געטון. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין צייט. ער האָט די ערשטע זאַך דערזען, אין דער געדיכטער טונקלקייט פאַר אים, צו וועלכער ער איז נאָך נישט צוגעוווינט געוואָרן, אויפגלאַנצן דעם שטאָלענעם שאַרף פון אַ מעסער. אים האָט מיטאַמאָל און פלוצלינג אָפּגענומען דעם אָטעם. ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, ער האָט אָבער אויך נישט געקאָנט אַוועקנעמען זיין בליק פון דעם מעסער-גלאַנץ. אַז זיינע אויגן האָבן זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער אַרומיקער טונקלקייט, האָט ער באַלד אויך באַמערקט אָט די אויסגעשטרעקטע בלייכע האַנט, פון וועלכער דאָס בלאַנקנדיקע מעסער האָט אַרויסגעשפּראָצט, — אַ שטאָלערנע, ביינאַכטיקע פלאַנץ. און געזען האָט ער אויך אינגיכן אַ וואַקסן געזיכט מיט אַ פּאָר פּייערלעך, וואָס איז געהאָנגען אַ ביסל העכער פונם מעסער-גלאַנץ. און

די אויגן־פייערלעך אינם וואַקסענעם געזיכט האָבן מיט אַ בייזלעכן פאַרגעניגן זיך געגעסן אינם שאַרף פונם מעסער.

פון הינטן אַרום, זיך אַרויפוואַרפנדיק אויף אים מיט אַ פלוצלינגן הויב אויף פונם בעט, האָט קודראָוו אָנגעכאַפּט דנען ביים אָרעם. ער האָט זיך געגרייט צו אַ לאַנגן, געפערלעכן קאַמף... קודראָוו איז געווען באַצויבערט פון אָט דער סצענע: ער האָט זיך דערפילט, ווי אַ העלד אין עפּעס אַן אַוואַנטוריסטישן ראָמאַן, וואָס איז אַריינגעפאַלן צווישן גזלנים... ער איז כמעט געווען אַנטוישט, ווען דן, אַן אויסגעווייקטער, אַ שוואַכער, האָט אָן אַ קאַמף אַרונטערגעלאָזן די הענט.

— ס'איז שוין געווען צו שפּעט... פאַרפאַלן איצט. אַז אַ זייטיקער איז געווען דערביי, האָט ער זיך שוין געשעמט צו טון דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט טון.

כאָטש אינם קאָפּ האָט אים נאָך אַלץ פיבערדיק געקלאַפּט, האָט זיין באַוווסטזיין זיך שוין אָנגעהויבן אומקערן צו אים.

— נאָר איינער, אויב ס'איז יאָ אַזוי, איז וואָס קאָן שוין דאָ אַ מעסער העלפן?...

קודראָוו האָט דנען אַרומגענומען און אים צוגעפירט צום בעט. די באַכט־שעהן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זענען פאַרגלווערט געוואָרן. ווען אַ מיטנאַכטיקער קריי פון אַ האָן האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום געלאָזט הערן, האָט זיך עס אַריינגעשניטן אין דעם געדיכטן טונקל, ווי אין לעבער אַריין, און איז דאָרט געבליבן שטעקן.

קודראָוו האָט מיט דערלייכטערונג אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט באַלד איינגעזען, אַז דאָס האָט דן נישט געמיינט אים. ער האָט געפילט, אַז דאָס קומט פאַר עפּעס אַן ערנסטע זאַך און מען דאַרף איצט זיין פייערלעך שטיל...

ביידע זענען אַזוי אַ קליינע ווײַלע געבליבן זיצן אויפן בעט אין די בלויזע פידזשאַמעס — שווייגנדיקע סילועטן אין דער פינסטער פון שפּעט־נאַכט. פון דנען, וועלכער איז אַליין געווען צעשפּאָלטן דורכן שאַרף פון אַן אַנדער מעסער, האָט אין קודראָווס וועזן אויך באַלד אָנגעהויבן אַריינפּלייצן אַזאַ שאַרף, בלוטיק־פאַרצווייפלט געפיל... ער האָט דערפילט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט און אַן אויסערגעוויינ-

לעכקייט אין דער לופט פון חדר אין אָט דער שעה. ער איז אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט אויפצוועקן קיינעם אין הויז, צו צו דער וויקטראלא און אָנגעהויבן שפּילן די פּלאסטינקע פון רובינ-שטיינס „באַל-מאַסקעראַד".

דין-ציטערנדיקע און עלפן-דראָבנינקע געקלאַנגלעך פון אַ מאַנ-דאָלין-אָרקעסטער האָבן אָנגעהויבן אַרויפטאַנצן פון זייער באַהעלטע-ניש אינם וויקטראלא-ארויסטאַנצן קאסטן אין דער לופט אַרויס, — קלייניקע, פייניגנדיקע, זיך-רייצנדיקע שרעטעלעך... פאַרצווייפלט-צעבראָכענע און תאוהדיק-איבערגעבענע קלאַנגען האָבן שטיל אין דער נאַכט געציטערט. די טירלעך פון דער וויקטראלא זענען געווען פעסט פאַרמאַכט, כדי נישט אויפצוועקן קיינעם אין הויז. און די קלאַנגען זענען געקומען ווי פון אַ צווייטער וועלט. ס'איז געווען שאַ. דער גרויסער כרך איז איצט געווען טויט. דאָס גרויסע טענעמענט-הויז איז איצט אויך געווען אין אַ מדרגה פון טויט... אין שטוב איז גע-ווען שטיל, ווי אויף אַ בית-עולם. עס האָט זיך אָט די צוויי כמעט נאַקעטע מענטשן געדאַכט, אין דער פינסטער פונם חדר, אַז זיי האָבן אַזוי שאַרף — ווי קיין אַנדער מענטש קיינמאָל—געפילט אין אָט אַדער מינוט דעם גאַנצן ווייטיק, די גאַנצע ביטערקייט און פאַר-פאַלנקייט פון אַ געפיל, וואָס איז אייביק ווי די וועלט...

— באַל-מאַסקעראַד...

שטיל. רויטע מינוטן האָבן נאָכאַנאַנד געברענט און זענען אַזוי פאַמעלעך אויסגעברענט געוואָרן, איינע נאָך דער אַנדערער. אַ פאַר-לוירענע ליבע — נישט קיין צוריקגעוויזענע, נאָר אַ פ אַ ר ל ו י ר ע נ ע — האָט געוויינט איצט אין דער וועלט... דער סאָרט מענטש, וואָס האָט צום ערשטן מאָל פאַרלוירן אַ ליבע — וועלכער איז דאָ יעדע נאַכט ערגעץ ווו אויף דער וועלט — האָט זיך די הײנטיקע נאַכט געפונען דאָ, אין אָט דעם קליינעם צימער... און די וועלט איז איצט אַוודאי געלעגן שטיל, שטיל און גלייכגילטיק. זי האָט זיך צוגעהערט מיט געענצנדיקער גלייכגילט צו דעם גרויסן פיין פון אַן איינציקן מענטשן.

— שטיי אויף, — האָט אַ דערשראָקענער אויסגערופן קודראָוו — וואָס טוסטו?

ער האָט זיך אויף גיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני צום ראַ־זעווען פּלעק אין די פּידזשאַמעס: דן איז דאָרט געלעגן אויפן דיל, האָט זיך מיט די פינגער קדחותדיק איינגעשטשעמעט אין דעם פּיסל פון אַ שטול און עס געביסן, געביסן.

קודראָוו האָט זיך פאַרלוירן. האָט נישט געוווסט. וואָס צו טון: האָט נישט געוווסט וואָס צו פרעגן. האָט זיך אַפילו אַליין געוווּנ־דערט, ווי אַזוי פון אים זענען באַלד אַרויסגעקומען מאָדנע פרעמדע אַזעלכע און אומדערוואַרטעטע ווערטער.

— קום, דן, לאָמיר זיך בעסער דורכשפּאַצירן... לאָמיר פאָרן אין וואַז-קאַרטלאַנד פּאַרק... ס׳איז אַ שטיקנדיקע נאַכט היינט, מיר וועלן שוין סיי ווי מער נישט שלאָפן, — עס איז שוין באַלד באַגי־נען. קום... אָט, מירן זען דאָרט דעם זון-אויפגאַנג.

ד

אין דער טונקל האָבן זיי זיך אָנגעטון. שנעל־פיבעריש, ווי מענטשן אַנטלויפנדיקע פון אַ שרפה — אָדער לויפנדיקע אויף אַ שרפה.

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיי שוין געטרונקען הייסע קאַווע אין אַ בײַנאַכטיק־באַלויכטענעם, ביליקן גריכישן רעסטאָראַנדל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסער קאַליע־געוואָרענער אָמניבוס, און איז טאַקע געשטאַנען אויף רעדער. דערנאָך זענען זיי אָן אַ שיר געגאַנגען דורך קילע גאַסן, וועלכע זענען שוין געווען טויט דורך אַ סך שעהן. נאָך שפּעטער זענען זיי געפאָרן דורך די געדערים פון ניואָרק אין פּוסטע, אומעטיק־באַלויכטענע אונטערערדישע צוגן. צום סוף האָט זיי דער סאָבוויי אַרויסגעשפּיגן פון די געדערים פון דער שטאָט: זיי זענען געבליבן שטיין ביים טויער פון דעם גרויסן געוואַלדיקן וואַן־קאַרטלאַנד פּאַרק — צוויי שוואַרצע, אוממשותדיקע סילועטן, וועמעס אמתדיקע קערנדיקע אינהאַלטן האָבן זיך איצט געפונען אין גאָר אַן אַנדערער ווייטער וועלט.

אַרום איז נישט געווען צו זען קיין מענטש. אויסגעלאָשענע פּענסטער־שויבן פון אומגעזעענע הייזלעך האָבן געגלאַנצט אויף בערג און שפּועס, ווי ליילעכלעך פון פּעך. פאַר זיי האָט זיך געטונקלט

דער פּאַרק. און ווייטער—פינסטערניש: אַ וואַלד אויפן ברעג וועלט... שווייגנדיק, מיט אַרונטערגעבויגענע קעפּ, זענען זיי אַריין אין דאָזיקן וואַלד.

נאָר דאָרט, אין באַנאַכטיקן וואַלד, איז אַזוי טונקל געווען, אַז זיי האָבן באַלד זייערע פּנימער צעקראַצט אָן די צווייגן. און מיטאַמאָל איז דנען אַזוי מאָדנע קלאָר געוואָרן: ער איז שוין איינמאָל געגאַנגען אַזוי דורך די דאָזיקע געדיכטע ביימער אין אַ וואַלדיקן ביינאַכט... און פּונקט, ווי איצט, האָט ער זיך דעמאָלט אויך צעריסן דאָס פּנים. און ווידער, אין דער צווייטער מינוט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס, וואָס קומט מיט אים איצט פאָר, קומט גאָרנישט פאר איצט. נאָר עס וועט ערשט פאָרקומען, אַמאָל, — שפּעטער אַמאָל...

בלוט האָט פון אים די גאַנצע צייט גערונען פון צוקרעלט פּנים. נאָר ער האָט עס נישט געפילט. אין דער פאַרשטאַרקטער טונקלקייט פון סוף־נאַכט איז געפאַלן אַ טוי. עס איז געווען קאַלט, רוי, ווילד, ווי אין אַ אוראַלטן אַמאָל־אַמאָליקן וואַלד. וואָס האָט זיי געטריבן אַהער, און וווהין זענען זיי געגאַנגען איצט ביינאַכט? זענען זיי געגאַנגען ערגעץ אין אַ מכשפה-הייזל אין וואַלד? וועט זיי אַן איינגעקאָרטשעטע אַלטיטשקע טאַקע באַלד באַגעגענען, שטייענדיק ביי אַ פלאַקערדיק פייער צווישן אָנגעהויפּטע ציגל, — אַן אַלטיטשקע מיט אַ רויטלעך פאַרגאָסען פּנים, קאָכנדיק אַלערליי קרייטעכצער, צוגרייטנדיק און פאַרחתמענענדיק געהיימניספולע טעפּ, קאָכנדיק ליבעגעטראַנקען? — טויט געטראַנקען?

זיי זענען געלאָפן און געלאָפן... ווי גנבנדיק עפּעס אַ גרענעץ צו אַן אַנדער וועלט. בלעטער און צווייגן פון לעצטן יאָר האָבן זיך געבראָכן און געקנאַקט אונטער זייערע פיס. מיט נישט באַמערקנדיקע אויגן האָבן זיי געקוקט אויף אַ פאַרבייַלויפנדיק שטיין, אַ פלויט, אַ בהמה, וואָס האָט זיך געפּיטערט אין דער נאַכט... אומהיימלעך האָט מיטאַמאָל אַ קלאַנג געטון אַ גלעקל... בלינדע כוחות האָבן זיי געטריבן דורך דער נאַכט... די צוויי מענטשן האָבן אויסגעזען ווי לויפנדיקע חיות דורך דער נאַכט, וועמען עס האָט מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ בלינדער אומרו; ווי ביימער, וועלכע האָבן זיך אַליין אויסגע-

װאָרצלט, און מער נישט געװאָלט פאַרבלייבן אין דער ערד... זיי זענען געלאָפן: אויב אַ ציל האָט דאָך געמוזט פאַר זיי ערגעץ װאַרטן, האָבן זיי נאָך פון דעם אָבער דערװייל נישט געװוּסט...

לסוף זענען זיי אָנגעקומען צו עפּעס אַ בערגל: דאָס דאָזיקע בערגל איז, הייסט עס, דאָרט געלעגן אין דעם טונקל די גאַנצע צייט און געװאַרט אויף זיי... איז דאָס געװען זייער ציל? מיד־שװייגנדיקע האָבן זיי זיך ביידע אַ װאָרף געטון אויף דער ערד. יאָ, דאָס בערגל איז דאָרט געלעגן און געװאַרט פאַר זיי, געװאַרט אויף זיי די גאַנצע צייט, פון זינט עס איז באַשאַפן געװאָרן,.. אָט דאָס איז עס, הייסט עס, געװען אַלץ, צוליב װאָס זיי זענען אין דער נאַכט געלאָפן?

אָפּגעשװאַכטע זענען זיי אַזוי געלעגן אויף דער נאַקעטער ערד אַ צייט. װער װייסט װיפל עס האָט געדויערט, ביזקל זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, װייל די קעלט און די פייכטקייט האָט זיי סוף־כל־סוף אָנגעהויבן דורכנעמען. קודראַװ האָט זיך געפילט דענערװירט פון דעם שװייגן. אויף אים איז אָנגעקומען סוף־כל־סוף די תּמידע ניכ־טערע קלאָרקייט זיינע. עס האָט פאַרדראָסיק געעגבערט:

— צו װאָס איז עס געװען דאָס דאָזיקע לויפעניש אין מיטן דער נאַכט... װאָסזשע אַזוינס אויסערגעװיינלעכס האָט עס מיט דענען פּאַסירט?

ה

זיי זענען אַ װיילע אַזוי געגאַנגען און געזוכט, ביזקל זיי האָבן געפונען אַ שטיין.

זיי האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט אויפן שטיין, װעלכער איז אין דער קאַלטער סוף־נאַכט־לופט געװען נישט קיין ברעקל װאַרעמער פון דער נאַקעטער ערד. עס האָט ביסלעכװייז אָנגעהויבן בלויען: אין דער בלויקייט פון פאַרטאָג האָבן זיך ערשט איצט אָנגעהויבן אַרויסשװאַרצן זייערע טונקעלע פיגורן.

דן האָט אַלץ געשװיגן. קודראַװ האָט זיך אָבער שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. מיט אַ ברוגזדיקער שטים האָט ער אָנגע־הויבן, אַבי פונאַנדערצובינדן די צונג.

— וועט שוין גאָר היינט די זון נישט אויפגיין?

דן האָט אַרויסגענומען זיין זייגער. דער ווייסער ראַדיאָ-מעטאַל פון די ווייזערס אויפן ציפּער-בלאַט, וואָס האָט געלויכטן אין דער נאַכט, האָט שוין אָנגעהויבן אויסגעלאָשן צו ווערן, אַ סימן פון נאָענטן טאָג.

— באַלד, נאָך אין ניין מינוטן אַרום.

מער האָט שוין קודראַוו נישט געקאָנט אויסהאַלטן. די פּאַרפּיי־נערטקייט פון דער גאַנצער סיטואַציע האָט זיך אָנגעהויבן אויסוועפּן פּאַר אים. ער האָט באַשלאָסן נישט אַנדערש, ווי פּאָרטזעצן דעם גע־שפּרעך, וועלכן ער האָט איבערגעריסן נעכטן, אין דעם רויט־ליכטיקן זונטיק־פּאַרנאַכט. עס האָט זיך סיי־ווי געדאַכט: צווישן איז פּאַרלאָפן בלויז איין מינוט, איין אויגנבליק, בשעת וועלכן דן האָט אַלץ גע־האַלטן אין איין צוטראַכטן אַן ענטפער אויף קודראַווס פראַגע:

„זי האָט דיך ליב, האַ?"

מיט אַ טרוקן-פּאַרפּאַלענעם טאָן, פּאַרשטייענדיק, אַז ער וועט זיך שוין איצט נישט אַרויסדרייען פון קודראַוון, האָט דן אַ מאַך גע־טון מיט דער האַנט און אָנגעהויבן ענטפערן:

— נאָך אַ סך ערגער. זי האָט מיך זייער שטאַרק ליב.

קודראַוו האָט פונאַנדערגענומען זיין מויל. צוויי רייען געלע צעפּוילטע ציין האָבן זיך אַרויסגעוויזן.

— ס'הייסט דעמאָלט, דו האָסט זי נישט ליב?

פּאַרצווייפלט האָט דן דעמאָלט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און האָט זיך פּאַרקוקט אויף אַ פּיקהאָלץ, וואָס האָט זיך איינגעגעסן מיט די נעגל אינם שטאַם פון אַ נאָענטן בוים. ער האָט רעגלמעסיק און פלייסיק געהויבן און אַרונטערגעלאָזן דעם שנאָבל, אים אַריינגעהאַקט אונטער דער קאָרע און גענישטערט דאָרט אַ וואָרעם.

נאָר קודראָוו האָט זיך געפונען באַליידיקט... וואָס איז דאָס, אין דער אמתן, מיסטיפיקאַציע?... ער האָט זיך אָבער געצוווּנגען נישט אַרויסצווייזן זיין באַליידיקונג. טרוקן־גרויזאַם האָט ער נאָכאַמאָל אַרויסגעבורמעט:

— וואָס זשע איז דאָס — וועט שוין גאָר היינט די זון נישט אויפגיין?

דן האָט אויף אים געקוקט, זיך בעטנדיק מיט שוואַכע בליקן, ער זאָל אים לאָזן צורו.

— זיכער וועט זי אויפגיין, קודראוו, האָב נאָר אַ ביסעלע געדולד... אין זעקס מינוטן אַרום וועט זי אומבאַדינקט אויפגיין, די זון.

איבעריקנס איז עס דאָך געווען ער, קודראָוו, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן גיין באַגעגענען די זון ביי איר אויפגאַנג: איז פאַרוואָס פאַרלירט ער אַזוי איצט די געדולד... און אָט: אין מזרח זייט הויבן זיך שוין טאַקע אָן צו שפרייטן איבערן הימל אַ סך רויע קאָלירן, ווי אַ סך טעפּ, מיט פאַרבן פון פאַרשידנסטע שאַטירונגען, זענען דאָרט אַלע אינאיינעם מיטאַמאָל אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן הימל־ראַנד... אַ פאַרנעפּלטער זון־אויפגאַנג שפרייט אומזיכערע ליכט־פינגער איבער אַ קאַלטן פאַרטאָגיקן הימל. אַ פּאָר פייגל האָבן שוין אָנגעהויבן אויספּרובירן זייערע קולעכלעך, צי זיי האָבן זיי נישט פאַרקילט דורך דער נאַכט:

— טשוויטש—טשוויטש...

ז

זונטיק־נאָכמיטאָג, אויפן וועג צו ראַיען—מיט דער כוונה אייננצולאָדן זי אויפן באַנקעט — איז דן אַריינגעגאַנגען אין זיין אַלטער וווינונג, וווּ ער האָט געוווינט ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק — אַן אַלטע, ברוין־ציגלדיקע מויער אינם איטאַליענישן קוואַרטאַל אין האַרלעם, נאָענט לעבן דעם מערב־טייך. דאָרט האָט מען אים דערלאַנגט אַ בריוו, וועלכער האָט שוין געוואַרט אויף אים פון עטלעכע וואָכן אָן. ער האָט גלייך דערקענט די האַנט־שריפט אויפן אַדרעס. אינם בריוו האָט ער געלייענט:

„...די טעג זענען איצט אַזעלכע שיינע. ס׳איז פרילינג. מיר וווינען איצט אין אַ וויטן פאַרלעגענעם טייל פון די בראַנקס, אין אַ פאַרוואָרפן הויז, אויף די פליינען פון וועסטשעסטער קאַונטי... * איז עס נישט ראָמאַנטיש, דן, יאָ? (דן האָט בעתן לייענען ממש געזען, ווי זי ווינקט צו בשעת מעשה שטיפעריש).

---

* גראַפטום־ראַיאָן.

...נישט ווייט פון אונז איז דאָ אַ ים־אויסגוס. כ׳ווייס נאָך נישט זיין נאָמען און איך האָב אים נאָך נישט געזען, נאָר איך שפּיר פון דערווייטנס זיין ריח. אַמאָל ביינאַכט, אין דער צייט פון דעם ים-צופלוס, ווערן די פליינען אַרום אונזער הויז באַדעקט מיט וואַסערלעך, קאַנאַלעכלעך און זומפּן. עס פאַרשמעקט אַזוי שטאַרק מיט צעפוילטן ים-גראָז און מיט קלעמס. כ׳האָב ליב דעם ריח פון אָט דער צעפוילטקייט. קומט צופאָרן צו מיר... אָט איך שטיי איצט לעבן פענסטער און איך גיב מיך איבער מיט אָנטבלויזטע אָרעמס און ברוסט דעם לאַשטשענדיקן ווייטן ווינטל. ס׳איז היינט איינער פון די ערשטע פרילינגס-אָוונטן. קומט צו מיר. ביי מיר אין צימער שלאָפט איצט עמעצער און רופט מיך אַלע ווײַלע צו זיך... נאָר איך זע איצט בלויז אייך, דן. כ׳זע אייך אין די וואַסערלעך, אין דער נעפּלדיקער מילכיק-געדיכטער לופט, אַליין פון מיין שלאָפצימער-פענ־סטער. אָ, כ׳האָב אייך גאָר אַ סך צו דערציילן... עס איז מיר איצט ביטער, אַזוי אויפן האַרצן, אַזוי שניידנדיק און שאַרף, ווי דער טעם פון רויע מאַנדלען, ווי דער ריח פונם ים־ווינטל, וואָס ווייעט איבער די פליינען אַרום אונזער הויז. עס טוט מיר וויי און ס׳איז מיר אַזוי גוט... קומט צו מיר.״

אַ טאָג איז עס דעמאָלט געווען, — אַן אויסערגעוויינלעכער; עפּעס, ווי אַן אויסטערלעשער קרום-צווייגיקער און פאַרפלאָנטערטער בוים, וועלכן מען באַגעגנט צופעליק אַמאָל אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל פון אַ ריזיקער שטאָט.

שטאָלץ ווערנדיק ביי זיך דורכן בריוו, וועלכן ער האָט אומ־געריכט דערהאַלטן, איז דן איצט געפאָרן אַהין, צו ראַיען, ווי אַ זי־גער, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ... יונג-כוואַליענדיק בלוט האָט גע־שטראָמט דורך אים האַסטיק, ווי זיך פונאַנדערפלייצנדיקע פרילינג-וואַסערן.

— זי האָט נאָכגעגעבן...

זיין געזיכט איז געווען שטרענג, אָט ווי ביי אַ בייזן, פאַרציי־טיקן געצנדינערישן כהן, וועלכער ברענגט אַ יונגפרוי פאַר אַ קרבן. זיין שטאָלץ איז ביי אים דאָך געווען ווייטיקער, ווי אַלץ אין דער וועלט... זאָל די גאַנצע וועלט אונטערגיין, און אַלע, אפילו זיינע

סאַמע נאָענטסטע מיט איר צוזאַמען — איידער ער זאָל בויגן פאַר וועמען עס איז זיין קאָפּ...

ער איז געווען איצט פאַרשיכורט פון איין איינציק געפיל, פון אַ כמעט רעליגיעזן עקסטאַז:

— די קעניגין... די קעניגין — זי איז זיין קנעכט!

ער האָט שיר נישט געוויינט פאַר פרייד פון נצחון-געפיל.

דאָס הויז, וווּ ראַיע האָט געוווינט, איז געווען אין אַ וויטן טייל פון די בראָנקס, צווישן געמויזעכצן און זומפּיקע פעלדער, באַוואַקסן מיט הויכע זומפּ־ראָרן און ווילדן ווייץ. ער איז געגאַנגען איבער די ווייכע שטעטשקעס, וואָס האָבן זיך געגרויט צווישן די גראָזיקע לאָנקעס. די ערד איז געווען ווייך און נאָכגיביק צום גרינגן טראָט זיינעם, ווי אונטערטעניצלענדיק און ציטערנדיק פון פרייד, וואָס דער מענטש טרעט אויף איר. אויף די צווייגן־שפּיצן פון די הוילע ביימער האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אַזעלכע לעמאַן-פאַרביקע היטעלעך און פּיפּסיקעס.

אָט איז דאָס רויטע פּירשטאָקיקע הויז, וווּ ראַיע וווינט. רויטע ציגל, ווייס געצייכנטע, וואָס מאַכן בולטער יעדן ציגל. די זון איז רויט. אַלץ איז רויט.

ער איז אין אַ ווייליע אַרום געשטאַנען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף דער קאָרידאָר פּלאַטפאָרמע פונם ערשטן עטאַזש, איז אים אַנטקעגן געקומען אַ יונגע פרוי אָנגעטון אין אַ ברייטלעכן, ווייך געפאַלדעוועטן קלייד פון בלוילעכן זייד. אין דער טונקלהייט פון קאָרידאָר האָט זיך געזען, ווי ביי דער דאָזיקער יונגפרוי איז געווען די ברוסט ווייט דעקאָלטירט, און דאָס האָט איר צוגעגעבן אַן אויסזען פון גרויס-וועלטישער אויסגעלאַסנקייט. דאָס זיידענע קלייד האָט וויכטיק געשורשעט, פאַרשפּרייט פון זיך אַן אויפרעגנדיק איידעלן ריח פון אַ באַקאַנטן פאַרפום. אינגאַנצן די פרויען-פיגור האָט אָפּגעגעבן פון זיך מיט איינגעשטודירטער און קינסטלעכער שיינקייט פון אַ גראַנד־דאַמע מער נישט: פונם גרויסן היפּשן קלייד האָט אַרויסגעקוקט אַ בלייך געזיכטל פון אַ יונג מיידל אָדער נאָך גאָר יונגיטשטער ווייבל.

— וועמען דאַרפט איר?

זי האָט אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט. אינם קאָרידאָר,

ווי ער איז געשטאַנען, איז אָבער נאָך אַלץ געווען טונקל:
ער האָט געענטפערט:
— דאָס בין איך דאָך, ראַיע!
אין זיין קול איז געווען דער אינערלעכער אומבאַוווּסטזיניקער שטאָלץ פון אַ יונג בחורל, אַ שטאָלץ, וואָס איז נאָך נישט פאַרדעקט פון אויבן מיט דער אַרויפגעצווונגענער, אומאויפריכטיקער באַשיידנקייט פון דערוואַקסענעם מענטשן.
זי איז אַרונטערגעלאָפן אַ פּאָר טרעפּ, אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, געשמייכלט און געשטאַמלט פון אויפרעגונג:
— דו... דן...
געשטאַמלט האָט זי נאָך אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און אַרויסגעלאָזט פון ציטערנדיקע ליפּן נאָך אַזעלכע קלאַנגען, פריידיקע קלאַנגען... דן האָט געקוקט אויף איר מיט אָפּגענומענעם לשון. ער האָט זי קוים דערקענט, און אָט דער איינציקער מינוט האָט ער דורכגעלעבט אַ וועלט, איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע פון אַ גאַנצן שלל מיט געפילן. ער איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר טרעפּ נידעריקער פאַר ראַיען, און אַרויפגעקוקט אין דער הויך צו איר. אַ לאַנגע צייט זענען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען, איינער אָנקוקנדיק דעם אַנדערן, און געשוויגן. זייערע בלייכע פּנימער האָבן געשיינט אין דעם טונקל פונם קאָרידאָר, מיט פאַרשידענע ליכטער: אַ וואַקסן ליכט אויף אַ עמוד אין אַ טונקעלער שול — ביי אים. דורכגעפּוילט האָלץ אויף אַ ליידיקן פּלאַץ ביינאַכט — ביי איר... נאָר די ליכטער האָבן זיך איצט געמישט און איבערגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן.
זיי האָבן ביידע נישט געוווּסט ווי לאַנג זיי זענען אַזוי געשטאַנען. זיי זענען געווען אין אָט דער קורצער ווייַלע אַרומגעכאַפּט פון אַ אייביקייטס-געפיל, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען דאָ אין דער שטיל שוין פון יאָרן און יאָרן לאַנג. — געשטאַנען דאָ, אָנקוקנדיק אַזוי איינער דעם אַנדערן, דורך לאַנגאָניקע, פאַרשווונדענע און איצט צוריק-אויפגעלעבטע דורות... דרויסן הויז איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען מיט זיין געוויינלעכן, זיך נישט-ענדערנדיקן גאַנג. ס'האָט זיך געהערט, ווי ערגעץ אין דרויסן האָבן קינדער געשפּילט אין באַל.
גאָר, גאָר פון דער ווייט האָט דנען מיטאַמאָל אָפּגעקלונגען אַ

שטים! אַ שטים פון אַ פרעמדער פרוי, וועלכע ער האָט אָבער שוין, דאַכט זיך, איינמאָל געהערט.

— קומט אַרויף, מיר האַלטן גראָד אין עסן מיטאָג. איר וועט דאָך מיטשפּייזן מיט אונז? ניין, ער האָט שוין געגעסן.

עפּעס האָט ער נישט געוואָלט אַריינגיין אינם עס־צימער, ווו געזעלשאַפט האָט זיך איצט געפונען. ער איז געבליבן זיצן איינער אַליין אינם אויפנאַמס־צימער. די פענסטער זענען דאָ געווען אָפן. די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַ חברה יונגע בחורים אין דרויסן, וועלכע האָבן ערגעץ דאָ נישט ווייט געשפּילט ביים באָל, האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ ממשותדיקער. צו דנען האָט זיך ביס־לעכווייז אָנגעהויבן אומקערן אַ געפיל פון דערווירקלעכקייט. ער האָט געהערט, ווי אינם שפּיל דאָרט דרויסן פלעגט אָט ווערן שטיל און אָט, הו—הו—הו!... ווי דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן און אָפּפּאַלן פון ים-כוואַליעס אָן אַ ברעג.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָס צימער, ווו ער איז געזעסן, איז געווען אויסגעמעבלירט אין רויט-ברוינע שווערע שטיקער פון קאַרשן־האָלץ. ס׳איז געווען די געוויינלעכע באַלעבאַטישע אויסמע-בלירונג, וועלכע זאָגט עדות אויף געשמאַקלאָזע רייכקייט פון מיטל־קלאַס אָדער פון אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך „אַרויפגעאַרבעט״. דנען האָט פונדעסטוועגן געפרייט, וואָס די אָרעמע פאַמיליע פון מוטער און פיר קינדער איז, ווייזט אויס, לעצטנס רייכער געוואָרן. נאָר אַז ער האָט זיך נאָך נעענטער צוגעקוקט, האָט ער אויך באַמערקט אייני־קע ליכטיקע, איידעלע שטיקער מעבל, געפלאָכטענע האַנט־אַרבעט פון שטרוי און באַמבוס־האָלץ, הייסט עס, עמעצנס אַן אַרטיסטישער גע־שמאַק האָט אויך געהאַט צו זאָגן דאָ, אין אָט דעם הויז.

אַנטקעגן אים איז געווען אַ גרויסע טיר־עפענונג, אַרומגעהאָנגען מיט גאָלד-געוועבטע פאָרטיערן, אויף וועלכע עס זענען געווען אויס-געהאַפטן קווייטן פון פאַרשידנאַרטיקסטע אוזאָרן. די פאָרטיערן זענען געווען איצט פונאַנדערגענומען. אין יענעם צימער, וואָס איז געווען אַ שלאָפצימער, האָט זיך געזען אַ בעט, אַ גרויס טאָפּל־בעט, אַ בעט פאַר צוויי.

דן מאַכט זיך דערוויילע באַקוועם. פון עס-צימער הערט זיך

אַ געקלאַנג פון מעסער, גאָפּל. באַקאַנטע שטימען. ער דערקענט דאָס זאַט-צופרידענע קול פון ראַיעס מיטל־יעריקער מוטער. אינם געשפּרעך שניידט זיך אָפּט אַריין ראַיעס ציטערדיק נערוועז קול. די שטים אי־רע איז נערוועז, הויך, צו־הויך, ווי אויסגערעכנט, אַז מען זאָל זי דער עיקר אין די אַנדערע חדרים הערן. דאָס קול ווערט אַלץ העכער, און באַלד גייט עס אַריבער אין אַ היסטערישן לאַכן, שפּיציק, אָפּגעריסן אַזוי, און פאַרענדיקט זיך אין אַ שפּיזל, אַ קוויטש. אַן אומרויקייט טראָגט זיך פון דאָרטן און כאַפּט אַרום דנען. ער פאַרמאַכט די אויגן: ער דערפילט מיט אַמאָל אַזאַ שוואַכקייט... ער הויבט אָן גלעטן די ווענטלעך פון די שטולן, ווי ער וואָלט זיי אײַנגעשטילט, די ווענטלעך:

— שטילער, שטילער, זייט רויקער...

אינם פלאָנטער פון שטימען אינם עס-צימער הויבן זיך אָן אַריינפלעכטן נאָך אַ פּאָר אומבאַקאַנטע פרויען-שטימען. מסתמא געסט. און דערנאָך, אַ רויקע, אַ מענערשע, אַ מיטליעריק־זיכערע שטים. אַפּנים, די שטים איז אַ באַקאַנטע. נאָר אומזיסט מאַטערט זיך דן צו טרעפן, ווער דאָס קאָן זיין. אין הויז צו ראַיען פלעגט ער דאָך לעצטנס זייער זעלטן אַרויפקומען. ער איז בכלל געווען זייער ווייניק באַקאַנט מיט ראַיעס פאַמיליע. ער האָט ווייניק געוווּסט וועגן זייערע פאַרבינדונגען מיט דער דרויסנדיקער וועלט: דער יונגער דן פלעגט דאָך אַרומפליען איבער מענטשן און זאכן פון אויבן אויף, ווי אַ וורובעל, ווי אַ זון־שטראַל.

— וואָלט איר אפשר גענומען אַ פּאָר פּענעצלעך אַנאַנאַס? די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין רוסיש, אין אַ שטילער שטים, ווי בכּיוון, מען זאָל זי די שטים אין צווייטן צימער נישט הערן. דן האָט אַ ציטער געגעבן. איבער אים, פון יענער זייט שטאָל־ווענטל איז געשטאַנען אויסגעבויגן ראַיע, ער האָט געפילט אויף זיך די וואַרעמקייט פון איר דינער פיגור, וועלכע האָט איצט אויסגעקוקט נאָך דינער און יינגלשער, אַפּנים, צוליבן קאָנטראַסט מיט דעם גרויס־אַרטיקן גראַנד־דאַמע־קלייד, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן. דן האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אויף איר אַרומגעקוקט: אַ בלייך-מאַט פּנים, ווי געשניצט פון עלפנביין. גרויסע, פייכטע אַפּלען, ווי ביי אַ

שוישפילערין. איבער זיי—צוויי שוואַרצע דינע שטרייפעלעך פון ברעמען, ווי קינסטלעך דורכגעפירטע קוילן-פאַסקעלעך. אַ שאַרפע קליינע נאָז—אַ מעסערל. אַ קליין מויל מיט צוויי שורות דריבנע און בלישטשענדיקע ציינדלעך, ווי ביי אַ גריזענדיק חיהלע. איר קין איז געווען אַרומגעקייכלעכדיקט מיט אַ סאַמעטענער גלאַטקייט. אינגאַנצן אַ קינסטלעך־אויסגעשניצטע מיניאַטור־פרוי.

אַ ווײַלע אַזוי קוקט דן אויף איר אַרויף שווייגנדיק. דאָס האַרץ קלאַפט אים שטאַרק, אַזוי שטאַרק. אַ צעטומלטער, פאַרשפיליעט ער נאָכאַנאַנד און שפיליעט פונאַנדער זיין רעקל. זי זעט אויס בלייך, אויסגעמאַטערט, ווי זי וואָלט נישט לאַנג אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער חלאת. ערשט איצט דערבליקט ער אונטער אירע אויגן בלויע רעדער. און מיט אַמאָל האָט דן דאָס געפיל, אַז ראַיע איז אויף עפעס אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן אומגעענדערט געוואָרן — געוואָרן עלטער, עלטער און אָפּגעלעבטער: אַ פרוי, וואָס האָט שוין איר אייגענעם סוד...

אומעטיקער און גרעסער האָבן אַלץ געקוקט אויף אים אירע אויגן, אַזעלכע פיבעריש־גלאַנצנדיקע, אַזעלכע וויסנדיקע, רויקע, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס געפינט זיך שוין אויף יענער זייט פון דורכגעלעבטע יסורים. ראַיע האָט אין אָט דער מינוט אויף דנען געמאַכט דעם קאָמפּליצירטן, אויפרעגנדיק־פיקאַנטן און צו דער זעלבער צייט רחמנותדיקן איינדרוק, וואָס עס מאַכט אַ פרוי, וועלכע, כאָטש זי איז שוין עטלעכע יאָר נאָך איר חתונה, איז ערשט אַלט אַכצן יאָר. און מיט אַמאָל האָט די דאָזיקע מעגלעכקייט אים דורכגעבליצט דורכן מוח: ראַיע האָט חתונה געהאַט!...

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט דעם געדאַנק און האָט זיך הילפלאָז פונאַנדערגעשמייכלט. זי האָט אויך געשמייכלט: אַ פאַרשולדיקט שמייכל... ערשט איצט האָט דן באַמערקט, ווי אין איינער פון אירע דורכזיכטיקע הענט האָט זי געהאַלטן אַ פאַרפאַראָווע טעלערל, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעלעגט רעדעלעך מיט פרישן אַנאַנאַס. אין דער צווייטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גלאָז קאַלט וואַסער. זי האָט אויסגעקוקט אין אָט דער מינוט ווי אַ פאַרצייטיקע יונגפרוי, וועלכע שטרעקט אויס צום ביין, פייערלעכן כהן אַ טאַץ מיט זעמל־

מעל און אַ קריגל מיט איילבירט-בוימל פּאַר אַ קרבן אויפן מזבח, ער זאָל פאַרגעבן אירע זינד... זאַפטיקע צעמעסערטע רעדעלעך אנאַ-נאַס, דאָס גאָלדענע בלוט האָט פון זיי נאָך געפּלייצט. פאַרוואָס שמייכלט זי אַלץ דערווייטערט אַזוי, און פאַרוואָס רעדט זי אַזוי שטיל, און פאַרוואָס עפּעס גאָר — רוסיש? זיי פלעגן דאָך במעט קיינמאָל נישט רעדן רוסיש. אַלעמאָל גערעדט איינער מיטן אַנדערן ענגליש..

— נעם אַ פּאָר שטרייפעלעך אַנאַנאַס...

אין ענגליש האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט די ווענדונג „דן", וועלכן זי האָט איצט אין רוסיש געברויכט. אַזוי אינטים-נאָענט, ווי צו אַ חתן. פאַרוואָס רעדט זי עפּעס אַזוי שטיל... און אַזאַ צוגע-לאָזענער מוטערלעכער שמייכל... אָט: אַליין אַ קינד — און אָט: אַ מוטער...

דן האָט זיך פאַרכמורעט און זיך געבייזערט, ווי ער פלעגט עס טון אַלעמאָל, ווען ער פלעגט עפּעס נישט פאַרשטיין, ווען ער פלעגט האָבן צו עפּעס אומצוטרוי. ער האָט פאַרעקשנט אָפּגעשטויסן דאָס טעלערל.

— אַ דאַנק אייך, איך וויל נישט.

— דו ביסט אַ „בעד באַי".

שטיל אַזוי האָט זי גערעדט, ווי זי וואָלט געוועזן איינפּערזיכ-טיק אויף די ווענט פונם חדר, זיי זאָלן נישט פאַרנעמען די ווער-טער, וועלכע זענען געווען געמיינט בלויז פאַר אים, פאַר אים... דראָענדיק אים מיט אַ פינגערל, צוריקקוקנדיק איבערן אַקסל מיט אַן איינגעהאַלטענעם, מיינענדיקן שמייכל, איז זי אַרויס צוריק אין עס צימער. דן איז געבליבן זיצן פאַרנעפּלט, אין אַ היץ. עס איז דאָך געווען קלאָר, אַז זי האָט אים ליב...

ז

דאָס עסן האָט זיך סוף-כּל-סוף געענדיקט. די רוישיקע פרייל-עכ-קייט פונם עס-צימער האָט זיך איבערגעטראָגן אַהער. אינם אויפנאַמס-צימער. אַ סך געסט, און אַלע פרויען. מען האָט דנען געהאַלטן אין איין פאָרשטעלן אָט פאַר איין דאַמע, אָט פאַר אַ צווייטער, ראיע איז

עס געווען די יעניקע, וועלכע האָט אים פאָרגעשטעלט: „מיין בעסטער פריינט דן". דערנאָך איז זי אַליין ערגעץ אַרויס און אים איבערגעלאָזן אויפן באַראָט פונם פרעמדן, פוסטן טומל. אין דנס קאָפּ איז איצט געווען אַזאַ צעטומלעניש און אַזאַ געפיל, אַז ער האָט מער נישט געוווסט, ווי צו טון און העפלעך שמייכלען.

באַלד איז ראיע צוריק אַריין. דאָט מאָל געאָרעמט מיט אַ הויכן אַטלעטיש-געבויטן מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, וועלכער האָט זיך אָבער געהאַלטן פריש און שטייף.

דן האָט דערפילט יענע אינסטינקטיווע דערלייכטערונג, וואָס איינער האָט, ווען עס ווערט אים פאַרשטענדלעך אַ זאַך, וועלכע האָט אים אַ שטיק צייט באַאומרויקט מיט איר אומקלאָרקייט, ס'מאַכט נישט אויס, ווי אומבאַדייטנדיק די זאַך זאָל נישט זיין. אָט דאָס איז, הייסט עס, געווען אָט יענע באַקאַנטע שטים!

דאָס איז געווען אַ ל ע ק ס, אים האָט דן אַפּאָר מאָל באַגעגנט ביי ראיען אין הויז. ער איז געווען אַ מגושמדיקער, אַמעריקאַניזירטער מאַנספאַרשוין. פון געשפּרעכן מיט ראיען האָט דן געוווסט, אַז געקומען אַהער איז אַלעקס נאָך אַלס ייִנגל, האָט איבערגעטון פאַר דער צייט כּל עבודות פּרך, ביז וואַנען ער איז געוואָרן אַ שאָפער פון אַ לאַסט-אויטאָמאָביל. ער האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס, טיפאיינגעגראָבענע אויגן, אַ קורצע שטאַרק-ברייטע נאָז. די אויערן זענען ביי אים געווען צוגעפּלאַטשט צום קאָפּ. ער פלעגט אין די אַמאָליקע יאָרן אַמאָל אָנטיילנעמען אין די פויסט-וועט-קאַמפן אויף דער אָפענער ארענע און ער האָט אין אָט איינעם אַזאַ קאַמף געקראָגן זיינע אויערן צוגעקוועטשט צום שאַרבן און אריינגעזעצט אין קאָפּ. ער פלעגט די מערסטע צייט אַרומגיין, קעלט אָדער היץ, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און אין אַ העמד, וואָס איז געווען תּמיד אויפגעשפּילעט ביים קאָלנער. כּמעט יעדע פרייע שעה פון טאָג, ווען ער פלעגט נאָך ניט אַרבעטן, פלעגט ער שפּילן באָל. אינדערפרי פלעגט ער לייענען דעם „מאָרנינג טעלעגראַף" און אין אָוונט—די ספּאָרט-זייט פונם „איווינינג דזשורנאַל". זונטיק פלעגט ער, אויסער דעם, אויך איבערקוקן די קאַריקאַטור-ביילאַגעס פון אַלע ריזיקע זונטיקבלעטער. ער איז געווען עפּיס אַ ווייטער קרוב פון ראַיעס משפּחה און האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיי די גאַנצע צייט,

וואָס דן האָט אים געקענט.

אין צימער איז איצט געוואָרן נאָך פרייליכֿער. ראיע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אלעקסן אויף דער קני. מיט אירע דינע, יונגע און אומאַנטוויקלטע אָרעמס האָט זי אים אַרומגענומען אַרום האַלז און אים אַ קוש געטון. מיט אַ גליקלעכֿן אויסדרוק אויפן פּנים האָט זי זיך געווענדט צו די אַרומיקע:

— זעט, ס'אַ געזונטער, ס'אַראַ שטאַרקער, גרויסער ער איז! זעט וואָס פאַר מוסקעלן ער האָט!...

און זי האָט אים געצווּנגען צו „מאַכֿן מוסקולן". דערביי האָט זי אויף אַלעמען געקוקט פאַר אָנערקענונג אַ צופלאַמטע פון גליק און שטאָלץ.

איינע אַ דאַמע, אַ דיקלעכֿע, יאדערדיקע פרוי מיט אַ פאַרגאָסענעם פּעטן האַלז, ווי ביי אַ ים-לייב, מיט אַ טאָפּלטער שוויצנדיקער און אָנגעבלאָזענער גאָמבע, האָט זיך דעמאָלט אָנגענומען די קריוודע פון דעם באַליידיקטן גייסט. זי האָט אַזאַ געקריוודעטע מינע אַרויפגעצויגן אויפן פּנים, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכֿט, ווי זי וואָלט אין ראיעס רייד געפילט אַ פּערזענלעכֿע באַליידיקונג.

— אָ... — האָט זי מיט פאַרדרוס און פאָרוווּרף אויסגעצויגן

— אָ... אָט דאָס איז גאָר, פאַרוואָס דו האָסט ליב אַלעקסן? האָט מען דען ליב אַ מאַן בלויז, ווייל ער האָט גרויסע מוסקעל? פע ראיע—שעם זיך.

— ניין, ניין, איך האָב עס נישט געזאָגט, נישט דאָס האָב איך געמיינט—פאַרשעמט און פאַרעקשנט, וואָס מען האָט זי נישט פאַרשטאַנען, האָט זי אַראָפּגעלאָזן די אויגן. זי האָט אָבער באַלד, כמעט מיט אַ היסטערישער איינגעשפּאַרטקייט ווידער איבערגעחזרט:

— אָבער ער איז דאָך אַזאַ גרויסער, אַזאַ געזונטער, אַזאַ שטאַרקער... קוקט נאָר אָן זיין פּירקאַנטיקן, ברייטן קין, ווי ביי אַ בולדאָק! כֿאַ, כֿאַ, ער וואָלט דאָך געקאָנט אַוועקלייגן מיט איין קלאַפּ צען אַזעלכֿע, ווי אָט דער דזשענטלמאַן — זי האָט אָנגעוויזן אויף דנען — נישט אמת דן?

דן האָט זיך געוווּנדערט אויף דער קאַלטקייט, וואָס האָט אים אין דער מינוט איינגאַנצן אַרומגענומען. מאָדנע. ער האָט גאָרניט,

לחלוטין גאָרניט געפילט אין דער דאָזיקער מינוט. איידל-ספּאָרטיש האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, איינגעשטימט:

— מען קאָן עס, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרלייקענען... די פאַקטן רעדן פאַר זיך, כאַ... כאַ... ער איז שוין איינמאָל אַ יאַט!

די איבעריקע געסט האָבן זיך ווי צונויפגערעדט גאָרניט צו באַמערקן. נאָך לעבעדיקער האָבן זיי אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך. מיט פאָרווורף און צאָרן האָט אַלעקס געקוקט אויף ראַיען, פאַרוואָס זי האָט אַזוי באַליידיקט דעם גאַסט. נאָר זי האָט אויף דעם בלויז שוואַך-שולדיק געשמייכלט און אים אַרומגענומען נאָך שטאַרקער.

א, — א, זי האָט אים אַזוי ליב, פּאַפּאַ אַלעקס... ווען זי וואָלט אים נאָר געקאָנט דערשטיקן!

דן האָט געהאַלטן זיין בליק די גאַנצע צייט צוגעשמידט צו זיי. ער האָט אַלעקסן באַרויקט.

— אַ, ניט שוין זשע ווייסט ער ניט, אַז דאָס מיינט מען ניט אים פּערזענלעך?...

ער האָט געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס אַזוינס... עפּעס אַזוינס... עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט קלאָר דערוויזן, אַז ער פילט זיך קיין ברעקל ניט באַליידיקט, אַז ער פאַרשטייט נאָך אַ שפּאַס, אַז אָ, פאַרקערט... אָ, ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט געפינען די ריכטיקע ווערטער — עפּעס אַזעל-כע ווערטער, וואָס וואָלטן אים אַוועקגעשטעלט נאָך העכער, אַ סך, אַ סך העכער... עס קאָן דאָך אויך געמאָלט זיין, אַז אָט די דאָזיקע ווערטער, ווען ער וואָלט זיי נאָר געפונען, וואָלטן נאָך, חוץ אַלעמען, אַ גאַנץ דינעם און טיפן שניט געגעבן איינער אַ פּערזאָן דאָ אין הויז, וועלכע וואָלט דאָס אַמשטאַרקסטן דערפילט. אָבער וואָס קומט אַרויס... די צונג איז אים געווען איצט צוגעשמידט צום גומען, ווי זיינע אויגן צו ראַיען. ער האָט בלויז געטון און געקוקט אויף דעם געאַרעמטן פּאָרל און אידיאָטיש געשמייכלט.

דער טאָג איז ווייטער געוואַקסן. די געסט האָבן זיך פונאַנדער-געבראָכן אין פּאָרלעך, אין גרופּעס און האָבן געשמועסט וועגן די ענינים פון טאָג, אויף טעמעס פון לויפנדיקע צייטונגס-סקאַנדאַלן: וועגן דעם סאַמע לעצטן סענסאַציאָנעלן מאָרד-פּראָצעס, וועגן איינעם פון די פּעריאָדישע מיליאָנערסקע גט-סקאַנדאַלן, וועגן דער אָרדענטלעכער סקאַנ-

דאַליעזער כאַבאַר-אויפדעקונג אין די הויכע ספערן אין וואַשינגטאָן וועגן דער פאָרשטייענדיקער וואַל-קאָמפּאַניע צום קאָנגרעס און פעדעראַלן סענאַט. און דאָ אין מיטן פון אַ קליינער קופּקע געסט, איז דן לסוף געקומען צו זיך. ער האָט אָנגעהויבן רעדן הויך און קלאָר. זיין שטים האָט געקלונגען רויק, מיט זעלבסט-צופרידנהייט, און מיט באַווסטזיין פון אייגענער קראַפט.

— עס איז זיין טיפסטע איבערצייגונג, — האָט ער איינגעטענהט מיט אַט יענער פעטער גלידערדיקער דאַמע פונם רעדל—דער דאַמע מיטן נאַקן פון אַ ים-לייב — אַז רוזוועלט פאַרפאָלגט דעמאַגאָגישע צילן מיט דער שפּאַלטונג, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין די רייען פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. נאָר וואָס. דען — אַ דעמאַגאָג איז דאָך אויך אַ פּערזענלעכקייט... יאָ, מיין ליבע דאַמע, פּערזענלעכקייטן זענען אַ סך זעלטענער, ווי מען שטעלט זיך פאָר! און דעריבער זאָלן זיין געגריסט די פּערזענלעכקייטן! — האָט ער אַ ביסל פּאַטעטיש פאַרענדיקט.

נאָר די דאַמע מיטן נאַקן פון אַ ים-לייב האָט אים איבערצייגט— איינגעעקשנט דערווידערט:

—ניין, זי שטימט מיט אים ניט איין... זי קאָן מיט אים פּרינציפּיעל ניט איינשטימען, ווייל כאָטש... פאַרשטייט ער, דען: פּרינציפּיעל...

דן איז געווען אַזוי פאַראינטערעסירט אין זיין געשפּרעך, אַז ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן אָן ראַיען. ער האָט אפילו ניט געזען, וואָס זי טוט אין אָט דער מינוט. ער איז דאָך געשטאַנען די גאַנצע צייט מיטן רוקן געווענדעט צו איר.

ח

מיט אַמאָל איז ראַיע אויפגעשטאַנען, האָט אַ ווונק געגעבן צו אַלעקסן און איז אַריין אינם שלאָפצימער. אַלעקס איז נאָך איר נאָכגעגאַנגען. די געסט האָבן זיך אומגעדרייט. זי האָט דעמאָלט גענומען און אַרונטערגעלאָזן די פאָרטיערן, וואָס האָבן אָפּגעטיילט דאָס שלאָפצימער פונם עס-צימער. די געסט האָבן זיך שטאַרק באַמיט ניט צו באַמערקן דאָס געשעענע, און האָבן נאָך העכער געפירט דעם שמועס. יעדער האָט זיך באַמיט צו פאַרהוילן פונם צווייטן, אַז ער האָט עפּעס

באַמערקט. נאָר ביי אַלעמען אין מח האָט זיך מיט פאַרווונדערונג
געפלאָנטערט:

— בּאַ... טאַקע נאָר אַ יונג פּאָר פּאָלק קאָן זיך אַזוינס פאַרגי־
נען... אַזוי גאָר אָן צערעמאָניעס...

דנען האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן פּלאָנטערן אין קאָפּ — אַ וויפ־
טער, בלוט־קילנדיקער חלום: אים האָט זיך געחלומט אויפן וואָר, ווי
ער הענגט אַזוי אויפן שפּיץ פון אַ שטאַנג... ווי קומט ער אַהין? דער
שטאַנג איז האָריזאָנטאַל אויסגעשטרעקט איבער אַן אָפּגרונט... און
וואָס איז אונטן, אינם אָפּגרונט? ער קוקט ניט אַהין. ער קאָן ניט
קוקן אַהין. ביי דער בלויזער פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס עס טוט
זיך אונטן, אין אָפּגרונט, זינקט ביי אים דאָס האַרץ. און ער וויל
בּישט קוקן אונטן. ער האַלט זיך בעסער אָן מיטן בליק אָן דער
קוויקנדיקער בלויקייט פונם הימל אויבן. די האַנט, וואָס האַלט דעם
שטאַנג — מיט אים, דנען אויפן שפּיץ, — אויסגעשטרעקט איבערן
תהום. גיט זיך אָבער ניט קיין ריר. ניט אויף פאָרויס, ניט אויף צו־
ריק. זי בלייבט אַזוי הענגען איבערן תהום, נאָכאַנאַנד הענגען, הענ־
גען אַן אייביקייט... עס הויבט אָן סוף כל סוף שווינדלען אים אין
קאָפּ, און עס זינקט דאָס האַרץ.

אַ דאַמע האָט אים עפּעס געשטעלט אַ פראַגע. מיט אַן אוי־
סערסט־רויקן קול האָט ער איר אויף דעם געענטפערט, כאָטש ער
האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט אים געפרעגט. דערביי האָט ער
ניט פאַרגעסן אַריינשטעקן אַ האַנט אין דער בוזים־עפענונג פון זיין
מאַנטל צווישן ערשטן און צווייטן קנעפּל.

— ניין, מאַדאַם, — האָט ער איר וואַזשנע און ערנסט פאַרזי־
כערט — אַזוי קומט עס ניט פאָר אין לעבן, אָ ניין!

די פרוי האָט אים ניט־פאַרשטייענדיק אָנגעקוקט. אַקעגן וואָס
האָט ער איר עס געזאָגט?..

עס האָט זיך אַזוי אַוועקגעצויגן אַן אייביקייט.

ווען דן האָט זיך אויף דעם שוין מער ניט געריכט, האָבן זיך
ענדלעך די פאָרטיערן פונאַנדערגענומען. אַ בלייכע, איידעלע האַנט
האָט זיך באַוויזן צווישן די פאַלדן פונם ווייכן סאַמעט. אַ גרויסאַרטיק
אויפגעבלאָזענע פריזור, איצט אַ ביסל צעשויבערט, האָט זיך ווי אַ

קרוין געטונקלט איבער אַ געשניצט־פאַרפלאַמט פּנים מיט פּייער־שפּריצנדיקע אויגן. מיט אַ שווערן, זיך ווונדערנדן און שטוינענדן געזיכט און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט האָט אלעקס געהאַלטן אַרומגענומען איר טאַליע. און זי האָט זיך אַלץ געבויגן אויף הינטן, שטייפער קעגן אַלעקסן, און אַלץ געהאַלטן אין איין פּיעשטשען זיך:

— אלעקס, אלעקס, טייערער, שטייפער אַ ביסל, האַלט מיך צו, איך וועל נאָך פאַלן... נאָך שטייפער... וועל נאָך פאַל־ל־לן...

פאַרשעמט און פאַרזאָרגט האָט אלעקס געשמייכלט, וואָס ער האַלט אין זיינע אָרעמס אַזאַ קליין מיידעלע, — אַ מיידעלע, וואָס איז זיכער צוויי מאָל יונגער פון אים: אַ קינד. ער האָט געוואָרפן צעמישטע בליקן אין אַלע זייטן. אַלע האָבן געשוויגן אין פאַרלעגנהייט. זי האָט אים אַלע ווײַלע געקושט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט קיינעם פון די אַרומיקע גאָר איצט ניט געזען. ער האָט זי גע־וואָלט אָפּלאָזן, נאָר ער האָט זיך געשראָקן, טאָמער וועט זי טאַקע פאַלן, ווייל זי האָט זיך אַלץ געבויגן אויף הינטן, האָט ער זי נאָך שטאַרקער אַרומגענומען. ער איז געווען צעמישט: ער האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. עס האָט אים פאַרדראָסן: זי האָט גאָר קיין בושה ניט... פאַר פרעמדע מענטשן...

די פאַרפלאַמטקייט אויף אירע באַקן איז געוואָרן נאָך צונטערנ־דיקער. די געסט האָבן געהאַלטן זייערע בליקן צוגעקאָוועט צום פּאָרל. פּאַמעלעך, שטיל, געלאַסן זענען זיי ביידע דורכגעגאַנגען דעם זאַל. זייער שטילער געמאָסטענער גאַנג האָט דערמאָנט אָן דעם מאַרש פון חתן־כלה צו דער חופּה. אַז זיי זענען צוגעקומען צו דנען אויפן צווייטן עק צימער, האָבן זיי זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי־ער וואָלט עס געווען דער רב, וועלכער דאַרף פאַרווען זייער חתונה־צערעמאָניע. ביי אלעקסן האָבן זיך טראָפּן שווייס גענומען קייקלען פון שטערן. ער האָט געוואָלט אַרויסנעמען דאָס נאָז־טיכל, נאָר ער האָט אַלץ מורא געהאַט אַרויסצולאָזן ראיען פון זיינע אָרעמס. ער איז געווען גאָר צעמישט.

— נו, ראיע, ענדלעך... לאָז מיך אָפּ... זע נאָר... לאָז... דאָס נאָז־טיכל...

נאָר אַן איינגעוויקלטע אינגאַנצן אין פלאַמען, אַז אַזש אַ הייך

האָט פון איר געשלאָגן, האָט ראיע אָבער גאָר ניט געהערט. זי איז׳ קאָנטיק, איצט גאָר ניט געווען אויף אָט דער וועלט. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי אַלץ געהאַלטן אין איין פּיעשטשען זיך, אין איין אי־בערחזרן:

— אל... אל... איך פאל־ל־ל... איך פאַל־ל־ל...

די רייד אירע זענען געווען ווי די רייד, וועלכע אַ שטאַרק פאַרשלאָפטער רעדט באַוווסטלאָז פון אַ וואַכנדיקער היץ אַרויס. פאַ־מעלעך, מיט בליציקע חוצפּהדיקע אויגן האָט זי אַלץ נאָכאַנאַנד גע־קוקט אויף דנען, זיך געטוליעט צו אלעקסן און געשמייכלט. אַרום און אַרום זענען געשטאַנען די פרויען־געסט מיט אויפגערעגטע בלוטן. מיט קנאה האָבן זיי געקוקט אויף דעם פּאָרל. איינע אַ פרוי האָט פאַרפלאָכטן אירע אַנטבלויזטע אָרעמס איבערן קאָפּ, ווי אַ בויגן, האָט פויל, איצערנעמעריש, אָנגעהויבן אויסציען אירע איברים און זיך אָפּגערפּן מיט אַ בענקענדיקער שטים:

— זעט נאָר, ווי דאָס נעמט זיך איבער... אפנים, געוווינט גע־וואָרן שוין צו ליגן אויף זיינע אָרעמס...

פון אלעקסן האָט זיך דער שווייס געגאָסן און טראָפּנדיק געגלאַנצט אין דער פרילינגדיקער זון. די פרויען האָבן זיך יעדע גענומען פאַר־טיפטערהייט באַטראַכטן די בילדער אויף די ווענט. ס׳איז געוואָרן אומבאַקוועם שטיל.

דן האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט די געצוווּנגענע עקסיסטענץ פון אַן אידיאָטיש־גוססדיקן שמייכל, וואָס ער האָט פריער אַ ווײַלע אַרויפגעצויגן אויף זיינע ליפּן. ער האָט ניט געקאָנט אַוועקנעמען זיין גלעזערנעם בליק פון אָט די צווייי, וועלכע זענען נאָך אַלץ געשטאַ־נען פאַר אים, ווי וואַרטנדיק אויף זיין ברכה.

— איך פאַל־ל־ל... — האָט זיך ראיע אלץ געפּיעשטשעט — איך פאַל־ל־ל...

ענדלעך, איינגאַנצן עפּעס אַן אָפּגעשוואַכטער, האָט דן אַרויס־געשטאַמלט:

— פאָרזיכטיק, ראיע, איר קאָנט נאָך אַזוי טאַקע פאַלן, און זיך עפּעס צעקלאַפּן...

פלוצלינג איז די רויטקייט פון איר פנים פאַרשוונדן. די קאַל־

טע בלייכקייט פון פריער האָט זיך ווידער באַוויזן אויף איר געזיכט, זי האָט מיט אַמאָל אָפּגעלאָזן אלעקסן.

— קומט, לאָמיר אַרויס אין דרויסן, — האָט זי אימפּולסיוו אַ כאַפּ געטון דנען פאַר אַ האַנט — איך וועל אייך באַווייזן, ווי שיין עס איז דאָ אַרום.

און זי האָט אַלעמען איבערגעלאָזט הינטער זיך מיט אויפגע־עפנטע מיילער און גאַפנדיקע פּנימער. זי האָט קיינעם קיין געזעג־נונגס־וואָרט ניט געזאָגט. אלעקס איז געבליבן שטיין אין מיטן צי־מער אַ תמעוואַטער אַזאַ מיט לעפּיש־פונאַנדערגענומענע, פּרעגנדיקע הענט, וואָס האָבן איצט אַרומגענומען די לופט.

ט

עס איז געווען זוניק און ליכטיק אין דרויסן. אויסגעצערטע פון לאַנגווייליקייט אינם לאַנגן זון־טאָג האָבן די מויערן געוועבט שאָטנדיקע גאָלד־קאַסטנס אויף די טראָטואַרן און גאַסן. אַ געזאַנג פון פרילינג האָט זיך געטראָגן אין דער גאָרער וועלט. דער געזאַנג איז געווען סיי אינם שטומען גיכן אַרומשפּרינגען פון די שפּערלינגס, סיי אינם שוועבן פון די שוועלבעלעך, סיי אינם שטאַרקן טשווי־טשערן פון די רויט־ברוסטלעך. דער געזאַנג איז געווען אינם ריח פונם ווייטן ים און אינם ווייטלעכן שאַלן פון ייִנגעלעך, וועלכע האָבן געשפּילט ערגעץ אין דער ווייטקרייז־באָל. פרילינג. אפילו די שטיינער ביים וועג האָבן פאַרביטן זייער קאַלטן גרוי אויף אַ וואַרימער גרינקייט. זיי האָבן אויסגעזען איצט פייכטלעך, די שטיינער ביים וועג.

— קומט, לאָמיר לויפן, שווערער מענטש... הע, ווער קאָן בעסער ?

ראיע האָט געהאַלטן דנען פאַר דער האַנט ווי איין קינד האַלט אַן אַנדער קינד אין אַ שפּיל. זי איז געלאָפן און געשפּרונגען און געצווונגען דנען איר נאָכטון, כאָטש ער האָט זיך געוואָלט מאַכן סאָ־לידער און ערנסטער. ער האָט געפילט, אַז באַלד דאַרף פאָרקומען עפּעס אומגלויבלעכעס. ער האָט נאָך אַליין ניט געוווסט וואָס. אָבער דאָס, וואָס האָט געדאַרפט אָט באַלד פאָרקומען איז שוין געלעגן אויף יענער זייט אימיצנס באַווסטזיין־טיר׳ל און אומגעדולדיק געוואַרט, מען

זאָל עס אַרויסלאָזן. דן האָט זיך געוואָלט פון „דעם" אָפּראַטעווען כאָטש אויף נאָך עטלעכע מינוט, ער האָט „עס" געטריבן פון זיך און האָט זיך מיט די גאַנצע כחות צוגעשפּאַרט צום טירל, כדי „עס" זאָל בלייבן אויף יענער זייט... און אפשר גאָר — אפשר וועט עס זיך גאָר אַרויסווייזן, ווי אַ ניט-געוועזענעס, ווי אַ גאָרנישט, ווי אַן אומעגלעכער חלום... אין דער זעלבער צייט האָט אָבער דן מיט אַ פאַרביטערטער עקשנות אַרויסגעוואַרט און בפירוש יאָ געוואָלט, אַז „עס" זאָל פּאָרט קומען: ער איז שוין געווען זיכער, אַז אָט-אָט, און עס וועט קומען... ער האָט בלויז געוואָלט, אַז די דאָזיקע צאַפּלונגס-מינוטן, וועלכע האָבן אים פאַרשאַפט אַ באַזונדערע ביטערע הנאה, זאָלן וואָס מער פאַרלענגערט ווערן...

ראיע האָט אַלץ געהאַלטן אין איין אַרומשפּרינגען, אין איין לאַכן. דנען איז פון דעם שרעקלעך אומהיימלעך געוואָרן. אַ קאַלטער שוידער איז אים אַדורך דורכן לייב פונם דאָזיקן גרינגן, זוניקן, קינדיש-אומשולדיקן לאַכן. און אין אים האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן אויפשטייגן אַן אַלט, אַ באַקאַנט געפיל, — אַן אומווידערשטיילעך געפיל, צופאַלן צו איר, זי אויפרייסן און זען וואָס עס איז פאַרבאָרגן אין איר.

נאָר ראיע האָט, ווייזט אויס, גאָרנישט באַמערקט, וואָס עס קומט פאָר אין אים. זי איז ווייטער אַרומגעשפּרונגען און געלאַכט און נאָכגעקרימט דאָס צווויטשעריי פון די פייגעלעך אַרום.

— דאָ איז שיין, ניט אמת? — האָט זי איינגעטענהט.

און פּלוצלינג, שטילער:

— פאַרוואָס זענט איר אַזאַ לאַנגע צייט ניט געקומען? איר האָט דאָך פאַרפעלט אַזוי פיל. דאָ אַרום איז דאָך דאָ אַזוי פיל שיינקייט!

זי האָט אויף אים מאָדנע אַ קוק געטון, ערנסטער געוואָרן און צוגעגעבן באַדייטונגספול:

— אמתע, ניט קיין אויסגעחלומטע שיינקייט...

דן האָט מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף איר פון דער זייט. ער האָט געאהנט, אַז אין אירע ווערטער איז דאָ אַ באַהאַלטענער מיין, וואָס איז געצילט אין אים. ער האָט אים אָבער ניט פאַרשטאַנען.

זי האָט אים ענדלעך אַרויסגעפירט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון אַרומיקן פעלד דורך אַ פּלויט פון הויכע קוסטעס. זי האָט אים אַריינגעפירט אין אַ שאָטנדיקן ווינקל, זיך אַ וואָרף געטון אין איר זיידן קלייד אויף דער ערד.

שטיל.

אין אַ ווײַלע אַרום:

— אוי ווי גוט דאָ איז, ווי גוט... ווי ס׳פּרייט מיך, וואָס איר זענט געקומען היינט... איר ווייסט, כ׳פּלעג דאָ אָפט אַרומגיין אַליין און רעדן צו אייך און איר פּלעגט דאָ שווייגנדיק שמייכלען ביי מיין זייט.

דן האָט געפילט די וואַרעמקייט פון איר האַנט אַריינפּלייצנדיק אין זיין גאַנצן גוף. און מיט אַמאָל האָט עס פון אים אַרויסגעפּלאַצט. ער האָט זיך אַליין אַזש געשראָקן פאַר דער מאָדנער קלאָרקייט און רויקייט פון זיין קול:

— איר ווייסט, צוליב וואָס כ׳בין געקומען אַהער? איך וויל אייך איינלאַדן, אַז איר זאָלט גיין מיט מיר אויף אַ באַנקעט, וועלכן די ספּענסער-געזעלשאַפט אַראַנזשירט דעם 5-טן מאַי אינם אַרבעטער-ליצעאום אין בראַנזוויל, אום האַלב-ניין אָוונט, פּונקט.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל.

— כ׳ווייס ניט, אויב איך וועל קאָנען גיין.

— וואָס מיינט איר?

— איר וועט דאַרפן בעטן אויף דער דערלויבניש ביי אַלעקסן...

אויפן פּנים האָט זיך אים אויסגעגאָסן אַ רויטקייט, דאָס בלוט האָט אַזוי געביטן אין די שפּיץ אויערן. וואָס איז דאָס פאַר אַ טייוולאָניש שפּיל, וואָס זי פּראַוועט דאָ? עס איז דאָך נאַריש צו דענקען, אַז זי זאָל דערלויבן אַ פעטער, צי אַ קוזין — אָדער דער גוטער יאָר ווייסט, וואָס פאַר אַ קרוב אַלעקס קער זיך מיט איר דאָרט אָן — צו קאָנטראָלירן זי, וווהין זי גייט. נעבעך, אַזאַ שוואַכינקע!..

דער גאַנצער יוגנטלעכער פּראָטעסט און באַליידיקטער האָנאָר פון אַ פאַרליבטן, וועמען אַן אַנדערער מאַנסביל שטעלט זיך אין וועג, איז געווען אין זיין שטים, צוזאַמען מיט אַ רייצנדיקן פאַרדאַכט איבער די מאָטיוון, וועלכע זענען געלעגן הינטער אירע ווערטער.

— וואָס הייסט... וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער איבער אייך...
— אָ, דן, פרעג בעסער ניט, כ׳בעט דיך...
זי האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט. די אויגן האָבן זיך בײַ דנען אַזוי צושראָקן פונאַנדערגעעפנט, ווי בײַ איינעם, וועלכער דערזעט מיטאַמאָל: אַ בוים הויבט זיך פּלוצים פאַר זיינע אויגן אויף פון דער ערד און הויבט אָן גיין. ער האָט ניט געוווּסט, צי זאָל ער גלויבן זיינע חושים אָדער זיין געוויינלעכן פאַרשטאַנד. דאָס אומוואַרשיינלעכע, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט אָנגעפולט מיט אַ קרענקלעכער רייצעניש, האָט אין אים אין דער מינוט ווידער אויפגעבליצט און אים אַלץ געצויגן פאַרביסענערהייט צום לעצטן וואָרט, צום דייטלעכן וואָרט פון איר מויל אַרויס — צום לעצטן קלאַפּ — און זאָל זיין קאָפּ זיך מער ניט באָמבלען אין דער לופט, הענגענדיק בלויז אויף אַ פּאָר בלוטיקע אָדערן.
— ווי זאָל איך עס פאַרשטיין... זענט איר אַ חתונה־געהאַטע, צי וואָס?
ערשט איצט האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט: די ווערטער זענען ענדלעך אַרויסגעפלויגן פון אים, ווי מיאוסע שוואַרצע פייגל, אָט באַלד לאַכט זי זיך פונאַנדער פון זיינע נאַרישע רייד, און אַ ליכטיקייט פאַרפלייצט אים ווידער אין גאַנצן — די ליכטיקייט פונם גאַנצן פרילינג־טאָג אַרום.
זי האָט אַרונטערגעלאָזן איר קאָפּ.
ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען און אָנגעהויבן טרייסלען.
— וואָס פאַר אַן אומזין... איר רייצט זיך מיט מיר... כע, כע... וואָס מיינסט דו... אַ חתונה־געהאַטע... מיט וועמען — מיט אַלעקסן?
שטיל, פאַרפרעמדט, ווי פון דער ווייט, האָט זי אים געענטפערט, אַרונטערנעמענדיק די הענט פונם פּנים:
— און אַז יאָ... וואָס איז, וואָס גייט עס אייך אָן?
אַ ווייטלעכער, אומגעהויערער געפילדער האָט מיט אַמאָל אויפגעטרייסלט די לופט. אין דעם אָפּגעליידיקטן בלויז, דאָ נישט ווייט צווישן ביימער האָט אַ גרויסע מחנה יונגעלייט געשטורעמט אין אַ ביז־באָל שפּיל. און ווידער איז געוואָרן שטיל. דאָס לעבן פון דער

דרויסנדיקער וועלט איז אָנגעגאַנגען ווי געוויינלעך, נאָר יוויט אַזוי פון דאַנען, אַזוי ווייט...

מיט אַ פאַרשעמט,פאַרשולדיקטן שמייכל האָט ראיע, וועלכע האָט ביז אַהער געהאַלטן איר פּנים אַרונטערגעלאָזן, ווידער אומגעקערט איר געזיכט צו דנען. אין אירע אויגן האָט אויף איין רגע בלויז אויפגעבליצט אַ נקמה-פייערל, נאָר עס האָט זיך מיט איינמאָל אויסגעלאָשן.

דן איז געזעסן מיט אַן אויסדרוקלאָזן פּנים, זיך ניט אַ רירטועלנדיק, ווי אַ שטיינערנער בודהא. קיין שום געפיל האָט זיך איצט ניט אויסגעדריקט אויף זיין פּנים.

און באַלד איז דער שרעק אַריבער צו איר אויך. זי האָט אים אָנגעהויבן שטופּן, וועקן.

— דן, וואָס שווייגסטו עפּעס אַזוי מאָדנע... וואָס שווייגסטו, דן? גאָט מיינער, וואָס איז דער מער מיט דיר? נאָר אַז דער שטיין האָט זיך ענדלעך אַ באַוועג געטון מיט אַ שמייכל, איז ער געווען קאַלט, טויט, ווי דער צעשפּאָלטענער שמייכל פון אַ בודיסטישן אָפּגאָט.

ל

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ וואַרעמע נאַסקייט, זיך בלעזלענדיק אויף זיין האַנט. ראַיע איז אויף איר געלעגן, אויף זיין האנט אויפן גראָז, האָט זי געקושט און געשלוכצט.

זיך איינבויגנדיק צו דנען און אַרומנעמענדיק אים, האָבן זיך דערווייל אירע פיס אויסגעצויגן אויף דער ערד. אַ ווייסער זוים פון אַן אונטער-קליידל האָט זיך באַוויזן צוזאַמען מיט אַ זיידענעם, שטייףאַרומנעמענדיק זאָק. זי האָט, דאַכט זיך, אַ היפש גראָבלעכן פוס. כאָטש איר פּנימל איז אַזוי קינדיש-געשניצט, ווי? לעצטע נאַכט איז זי געשלאָפן מיט אַ מאַן—מיט אַלעקסן. ערשט לעצטע נאַכט? וואַרט.

—ווען האָסטו דען מיט אים חתונה געהאַט, טייערע ראַיע?

זי האָט איינגעגראָבן איר פּנים אין זיין שויס. וויינענדיק, האָט זי געענטפערט:

— פרעג נישט, איך בעט דיך.

— פאַרוואָס דען נישט! ווען—מיט דריי וואָכן צוריק? מיט דריי חדשים צוריק? מיט אַ יאָר, מיט צוויי צוריק? — ער האָט אָנ־

געהויבן אײנגאַנצן ברענען, אָנשטאָט דער פריערדיקער אומבאַוועגלעכ־קייט. אים האָט געוואָרפן אין קעלט און אין היץ. מיט גרויזאַמקייט האָט ער פאַרגעזעצט: — וואָרט אָקאָרשט... ווען איך האָב דיך לעצטן מאָל געזען, געדענקסטו? לעצטן הארבסט, אין די קאָרידאָרן פון דער אָוונט-שול — ביסטו דעמאָלט אויך געווען אַ חתונה־געהאַטע?

זי האָט געשוויגן, טיפער גראָבנדיק איר פנים אין זײן שויס, ער האָט געשטורעמט.

— ווי — ביסט די גאַנצע צײט געווען אַ חתונה־געהאַטע?

אַ קאַלטער, בלײכער פנים, אַ רעטעניש־פנים, אַן אויסגעמוטשעט האָט אויף אים ענדלעך אַרויפגעקוקט.

— צוליב וואָס פרעגסטו, דן? פרעג נישט צופיל, וועל איך דיר נישט זאָגן קײן ליגנס.

און ווידער איז געוואָרן שטיל. אַ שטילער שטראָף פון מוסר־זאָגן איז געווען איצט אין אירע ווערטער, ווען זי האָט אין אַ ווײלע אַרום פאָרטגעזעצט:

— דו האָסט נישט געטאָרט אַזאַ לאַנגע צײט נישט קומען צו מיר, דן, נישט געטאָרט... נישט געטאָרט...

דערווײל זענען אָנגעקומען די שטוביקע מענטשן. פונם לײדיקן פלאַץ צווישן די הויכע קוסטעס איז אַרונטערגעריסן געוואָרן דער לײדעך פון יוגנטלעכן פײן און פאַרנעפּלטקייט. ער, דער לײדען, האָט זיך דערשראָקן פאַרן אַרומיקן גערויש און זיך פאַרקליבן אין די ווײטסטע, דערווײל טונקעלע ווינקלען פון דנס און ראַיעס זכרון, זיך שטיל אין דעם דאָרטיקן טונקל אײנגעקאָרטשעט, וואַרטנדיק ערשט אויף שפּעטער־אָנקומענדיקע שווערע שעהן, טעג און נעכט.

דער עולם פון הויז איז געקומען זײ זוכן. די מוטער איז גע־ווען פאַרזאָרגט. אַז זי האָט דערזען ביידן זיצן אין אַ פאַרלעגענעם טונקעלן ווינקל, האָט זי ראַיען דערצאָרנט אַרויסגערופן.

די געסט האָבן זיך צוזעצט אויפן גראָז אַרום. אָבער די מאַנס־בילן זענען לאַנג נישט אײנגעזעסן. זײ זענען באַלד אויפגעשטאַנען, אַוועק צו דער צווייטער זייט פעלד און אָנגעהויבן שפּילן באַל. די פרוי־ען האָבן ליבלעך גערעדט רכילות. די זון האָט אַלעמען באַשײנט.

דן האָט זיך געריסן אַוועקגײן.

פלוצלינג האָט ראַיע פאַרמאַכט די אויגן, זיך אויסגעצויגן אוי-
גראָז און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויף דנס שויס. די מוטער האָט
צו איר שטילערהייט געצישעט.

— שטיי אויף. ראַיע... ווי שעמסט זיך נישט פאַר מענטשן...
אַלעקס קאָן עס נאָך באַמערקן!

ראַיע האָט צו איר אַרויפגעקוקט פאַרוואונדערט, גאָרנישט פאַר-
שטייענדיק. וואָס האָט צו טון דאָ אלעקס?... דערביי האָט זי גע-
האַלטן איר קליין פינגערל אין מויל.

— וואָס איז, וואָס טו איך דען? דן איז דאָך מיין בעסטער
פריינט!

אויף יענער זייט פעלד האָבן די מאַנסבילן מיט אַנטבלויזטע
נאַקנס און העלזער און מיט פאַרקאַטשערטע אַרבל געשפילט ביז-
באָל. ראַיע האָט זיך אויפגעהויבן עטוואָס פון דנס שויס, זיך פאַר-
גאַפט, ווי אַ קינד פאַרגאַפט זיך אויף אַ פיל־קאָלירנדיק פליגעלע,
וואָס פליט פאַרביי. איר קאָפּ האָט זיך בשעת מעשה אָנגעשפאַרט
אויף זיין ברוסט. אירע אויגן זענען געווען איצט ליבעפאַרטרונקען.
זי האָט אויסגעקוקט צו זיין אַזוי באַגייסטערט.

— קוקט נאָר, דן, ווי ווונדערלעך אלעקס זעט אויס! ווי קרעפ-
טיק, ווי מוסקוליסטיש און געזונט... דענקט איר נישט, דן, אַז אַזוי
האָבן געמוזט אויסזען די אַמאָליקע אַטלעטן פון גריכנלאַנד? א,
אלעקס...

און זי איז אַנידערגעפאַלן צוריק אויף דנס שויס, אַ פאַרחלשטע,
מיט פונאַנדערגענומענע ליפּן. דן האָט נאָכגעקוקט די צוויי היציק-
ליידנשאַפטלעכע ווערטער, וועלכע האָבן זיך נאָך אַלץ געקייקלט אין
דער בלויער לופט.

— אָ, אלעקס...

יא

ער איז געגאַנגען גיך מיטן וועג צו דער שטאָט. די זון האָט
זיך געזעצט. רויט איז געווען די וועלט, יונג רויט. ראַיע איז גע-
גאַנגען ביי זיין זייט, נאָר ער האָט זי נישט געפילט. זי האָט אים
אָנגערירט ביי זיין האַנט. זיין האַנט איז געווען קאַלט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָ איז געווען דער אָנהייב פון דער טראַמוויי-ליניע. עטלעכע פּאַסאַזשירן האָבן שוין געוואַרט אונטערן רויט־געפאַרבטן סטאַציע אָפּדאַך. זי מוז זיך דאָ אומקערן: זי האָט דאָך אפילו נישט קיין הוט אָדער טיכל אויפן קאָפּ... אירע האָר האָבן זיך געשפּרייט איבערן שטערן, צעוואָרפן. אירע באַקן האָבן זיך גערויטלט ווי ביי אַ קראַנק קינד.

דן האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק. פאַר אים איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ מאָדנע געגנט, אַ געגנט פון ביימער און שיטערע צווייגן, וועלכע האָבן זיך שוואַרץ געצייכנט אין דער ריינער געצואָגענער פרילינג־לופט. איבער אָט דער געגנט — אַ ליכטיקער, ריינער הימל, איבער וועלכן זיין בליק איז געפלויגן גאָר ווייט, ביז אָט יענער פורפור-ליניע, ווו די אויפגעוואַכטע דורשטיקע ערד האָט איצט געהאַלטן אין איין נאָכאַנאַנדיקן אַרונטערשלינגען אָפּשייצן פון דער זון. די ווייכע וועגן צווישן די נאַקעטע ביימער זענען אַלץ טונקעלער געוואָרן. אין די שויבן פון די אַרומיקע הייזער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן פייערלעך. עס זענען דורכגעגאַנגען דורכן וועלדל שווייגנדיקע דורכגייער, שטילע אַזעלכע. די געגנט אַרום האָט אים אויסגעזען וויכטיק אַזוי און שוין אויף אייביק נאָענט—א געגנט, וואָס האָט זיך אין זיין זכרון אין אָט דער מינוט אַריינגעגעסן און אים אייגן געוואָרן.

אַז ער האָט צוריקגעצויגן פון דער ווייטן זיין פאַרטועמטן בליק, האָט ער דערזען לעבן זיך, ווי אַ זייטיקער: פאַר אים איז געשטאַנען עפּעס אַ קליינע פרעמדע פרוי. עס האָט אים אַ שטאָך געטון ביים וואָרט: אַ פרוי... אירע גלידער זענען נאָך געווען אַזוי יונג און קינדיש. אַז ער האָט אָבער אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, האָט ער דאָרט דערזען רייפקייט, פרוילעכקייט, ווייסנדיקייט.

זי האָט געהאַלטן זיין האַנט אין אירער. און אויף איר פנים האָט געגרוס אַ פאַרטראַכט, שוואַך־שולדיק שמייכעלע, ווי ביי אַ קינד, וואָס איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, און ווייסט עס.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אָנגעקומען פון איר אַ בריוו:
„ער איז איצט זונטיק פאַרנאַכט, מיט אַ האַלבע שעה צוריק

ביסט דו אַוועק. דאַכט זיך מיר—שוין מיט יאָרן צוריק. אַלע זענען איצט אין שטוב, אין עס־זאַל, נאָר איך זיץ ביים פענסטער אין שלאָף צי־מער, ווו עס איז טונקל און גוט, איך הער ווי מען שפּילט דאָרט אַן „אויפן פּויקער" אינם עס־זאַל. אַזעלכע פרעמדע מענטשן... מיין מאַן — ווער איז מיר מיין מאַן? אַ פרעמדער, אַ פרעמדער... עס טוט וויי, דן, נאָר עס איז פאַרפאַלן.

„דן וואָס דו זאָלסט איצט נישט טראַכטן פון מיר — און עס טוט מיר אַזוי וויי, וואָס איך בין דערווייל נישט אימשטאַנד צו פאַר־מיידן דיינע שלעכטע מחשבות וועגן מיר—וויל איך דיר דאָך זאָגן אַפּאָר איינפאַכע ווערטער: איך האָב דיך ליב... איך האָב דיך ליב — דאָס איז אַלץ וואָס איך קאָן דיר זאָגן.

„איצט איז פאַרנאַכט. דער וואַסערצופלוס הויבט זיך שוין ווידער אָן. אין דער שטילקייט פונם אָוונט הערט מען דאָס ווייטע טויבלעכע גע־רויש פונם וואַסער־צושלאָג אינם ברעג, עס גייט איצט דורך מיין לייב אַזאַ מין ציטער, ווי איך וואָלט עס אַליין געווען אָט יע־נער ברעג... מיינע נאָזלעכער נעמען זיך ברייט און גיריק פונאַנדער, זויגן איין דעם ריח פון קלעמס און אויסטערס און צעפוילטן ים־גראָז, וואָס טראָגט זיך איצט פונם ים מיטן וואַסער־צופלוס. אַ נעפּל רוקט זיך אָן. עס איז שטאַרק טונקל. איך טרעף בלינדערהייט די אותיות אויפן פּאַפּיר, מער ווי איך זע זיי. צוליב וואַס האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט מיך ליב? מיר איז שוין געווען אַזוי רויק. כ'האָב מיך שוין אָנגעהויבן צוגעוווינען צו אַלעקסן. כ'בין דאָך געווען איבערצייגט, אַז דו האָסט מיך פאַרגעסן. איצט האָסטו אויפגעזונגען אין מיר...

„איך הער, ווי דער גאַנצער דרויסן זינגט. דער נעפּל ווערט געדיכטער, מילכיקער. ס'זעט אויס, ווי דער ים וואָלט צוגעקומען ביז צו מיינע פענסטער. איך פאַרשווינד אַליין אויך אינם נעפּל. די ביי־מער אינדרויסן קומען זיך אויף אויף צוזאַמען... מיין חתונה האָט אויף מיר קיין שטעמפּל נישט אַרויפגעלייגט, דן, קיין שום צעטעלע פון אָנגעהעריקייט... איך בין איצט אויך קיינעמס פּריוואַט־אייגנטום, איך בין די זעלבע, וואָס פריער".

ער האָט אויף דעם בריוול נישט געענטפערט. נאָר אויפן צווייטן טאָג איז שוין אָנגעקומען נאָך אַ בריוו

„אָ, פאַרוואָס האָב איך דיר נעכטן געשריבן אָט יענעם בריוו... דענקסטו נישט, אַז עס איז געווען נישטלייטיש פון מיר צו האַנדלען אַזוי, בפרט, אַז איך בין איבערצייגט, אַז אלעקס וואָלט נישט גע- האַנדלט אַזוי בנוגע מיר. ער האָט מיך דאָך אַזוי ליב.

„הערסט: היינט פאַרטאָג, ליגנדיק אַזוי אין בעט אין דער פרי- מאָרגן דעמערונג, האָט ער מיר אַזוי געזאָגט, — אפשר דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַזוי ליידנשאַפּטלעך, האָט ער מיר דאָס געזאָגט? איך ווייס נישט; אָבער ער האָט מיר אַזוי געזאָגט: „אויב איך וועל וועגס נישט איז דיך טרעפן אויף אַזאַ אופן מיט דנען" — אים איז, אפנים, געווען אויפפאַלנדיק דאָס, וואָס דו ביסט לעצטן זונטיק אַוועק אַזאַ פאַראומערטער, זיך נישט געזעגענענדיק מיט קיינעם, — „אויב איך וועל וועגס נישט איז טרעפן אייךביידן ליגן אַזוי צוזאַמען, וועל איך ביידן דערהרגענען אויפן אָרט, איידער איר וועט נאָך צייט האָבן אַרויסלאָזן אַפילו אַ פּיפּס." זיינע אויגן האָבן דערביי געגליט, ווי ביי אַ וואָלף: ער האָט דאָס זיכער געמיינט...

„דן, כ'האָב מורא גיין מיט דיר צום באַנקעט... זאָג, וואָס זאָל איך טון? האָסטו מיך כאָטש ליב? שרייב, איך וועל האַנדלען, ווי דו וועסט מיר הייסן.

ראַיע

„פּ.ס. ווי איך שרעק מיך, דן, ווען איך דערמאָן מיך אָן דער פרימאָרגן-סצענע. ווייסט, ער האָט מיך אַזוי שטאַרק אַרומגענומען, אַז איך האָב געמיינט, אַז מיינע ביינער צעברעקלען זיך... אין דער מינוט האָב איך זיך געפילט אַזוי גליקלעך, אַז איך וואָלט, דאַכט זיך, אַלץ געקאָנט טון פאַר אים"...

ווען דן האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן דעם פרימאָרגן-בילד, וואָס איז באַשריבן געווען אינם דאָזיקן בריוו, איז ער דעמאָלט גראָד גע- שטאַנען אויף די אויבערשטע טרעפּלעך פון אַ לייטער, און האָט גע- קאַלעכט די סטעליעס פון אַ רייכן אפּאַרטמענט-הויז, מיט פענסטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויפן ריווערסייד-דרייוו*). ער האָט מיט אַ מאָדנער לעבעדיקייט אַרויסגעפּישופּט דאָ אין צימער די פרימאָרגנדי-

---

*) איינע פון די רייכסטע גאסן אין ניו-יאָרק.

קע סצענע אויפן בעט פונם יונגן פאַרפאָלק. יעדע תאוהדיקע באַוועגונג אויפן בעט, יעדעס הייס-איבערגעגעבן וואָרט האָט אים געשניטן, ווי מיט פאַרסמטע מעסערס. און דאָך האָט ער געהאַט דערביי אַ מאָדנעם ביטער־שאַרפן תענוג, זיך פאָרשטעלנדיק מיט די קלענסטע איינצלהייטן די ווילדע לאַסקעס און פייערדיקע גוף-באַרירונגען, וואָס אין די לעצטע מינוטן פאַר אַ יחוד.

און באַלד האָבן אים פייערדיקע ליניען אָנגעהויבן שיסן פאַר די אויגן, שטעכעדיקע און שמייסנדיקע פייערריט, וואָס האָבן געבליצט אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער קווער. זיי האָבן זיך נעענטער און ענגער צוזאַמענגעדריקט אַרום זיין האַלז און געוואָרגן אים. דער קאָפּ איז ביי אים געוואָרן אָנגעפולט מיט אַ האַלבגעגליווערטע פליסיקייט, וועלכע האָט זיך דאָרט געהוידעט און געוואָרפן און געדריקט די שלייפן.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אין ברוסט אַ שטאַרקע ליידיקייט, ווי דאָס האַרץ איז פון דאָרט אַרויסגעפאַלן, זיך אַרויסגעגליטשט ערגעץ... און באַלד האָט ער אַליין אויך אינגאַנצן אָנגעהויבן פליען אין אַ שוואַרצן חושכדיקן כף-הקלע אַריין. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן.

אַז ער האָט זיי אין אַ האַלבע שעה אַרום געעפנט, זענען אַרום אים געשטאַנען אַרבעטער, האָבן געווייקט טיכלעך אין אַ שוואַרצן עמער וואַסער און גענעצט אים דעם שטערן. ער האָט זיי אָנגעקוקט,—אַ צוריקגעקומענער פון אַן אַנדערער וועלט. חברשע שטימען האָבן באַזאָרגט אַרום אים גערעדט.

— זע נאָר, דן, וואָס איז דער מער מיט דיר? — ביסט נישט געזונט עפעס?

— ביסט אַ גליקלעכער מענטש... גוט נאָך, וואָס דו ביסט אַרונטערגעפאַלן אויף די צענויפגעלייגטע טעפּיכער, אַז ניט האָסט זיך נאָך געקאָנט צעברעכן האַלז און נאַקן...

דער עמער מיט ווייסער וואַסערפאַרב איז געלעגן אויסגעגאָסן נעבן אים אויפן דיל. די פענסטער און די ווענט זענען געיוען באַשפריצט מיט ווייסן. מיט אַ שולדיקן שמייכל האָט דן זיך פאַרענטפערט:

— אפנים — איך האָב הײנט אויף װאַרמעס געמוזט עסן עפּעס אַזױנס, װאָס האָט מיר קאַליע געמאַכט דעם מאָגן...

ער איז װידער אַרויף אויף דער לײטער און נאָך פּלײסיקער אָנ־געהויבן אַרבעטן. מען האָט געדאַרפט אָפּװאַשן פון דאָס ניי די אָקאָרשט אַרױפגעלײגטע װאַסערפאַרב „מאַרעלייט" אויף דער סטעליע. די ברעגן זענען שוין געװען פאַרטריקנט, װײס געװאָרן, און אין דער מיטן סטעליע װאָלטן געבליבן סימנים, אויב ער װאָלט װײטער פאָרטגעזעצט צו פאַרבן דאָרט, װו ער האָט איבערגעלאָזן. אָן קײנעמס הילף איז די אַרבעט אין אַ פּאָר מינוט אָפּגעטון געװאָרן.

אָ, ער האָט געהאַט אַ סך פאַרבאָרגענע כחות, דער דאָזיקער יונגער דן... ער איז געװען, װי אַ שטאַרק־צעגויפגעפּרעסטע גומי־קנױל, װי אַ צעגויפגעדריקטע ספּרענזשינע, פול מיט אײנגעשלאָסענער ענערגיע, װאָס װאַרט בלויז אויף דער ריכטיקער מינוט, זי זאָל אַרױכשיסן.

יב

עס זענען פאַרגאַנגען טעג.

ס'איז געװען זומער, אַ פילבנהדיקער מאַיאָװער אָװנט, אין װעלכן, דער מערב הימל איז געלעגן אַ צעפּאַסעװעטער. די צעשניטענע הימל־שטיקער האָבן געגאָגט, װי לעבעדיקע, רױיע װונדן.

דן איז געלעגן אַלײן אין צימער. ס'איז געװען אָװנט אין צימער, און אָװנט אויף דער װעלט.

ער האָט זיך געװאַלדיק דערפרײט, װען קודראַװ איז אַרײן און האָט אים דערציילט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום װעט דער מו־ליער־באַלעבאָס, בײ װעמען זײ האָבן בײדע געאַרבעט, אַרױסשיקן זײ בײדן ערגעץ צום ברעג־ים, װו זײ װעלן דאַרפן פאַרבן דאָס רעזידענץ־הױז פון אַ רײכן פאַבריקאַנט, מיט די איבעריקע פאַרשי־דענע געבײדעס פון זײן „מאַיאָנטעק". דן איז אַזש אױפגעשפרונגען אויפן בעט. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע דערלײכטערונג: אַװעק־פאָרן, אַנטלױפן, זיך דערװײטערן — דאָס האָט אים געשײנט צו זײן איצט דער בעסטער װעג, דער װעג צו שטילקײט און באַרױקונג.

נאָר קודראָוו איז נישט געווען אַליין, דן האָט דערהערט נאָך אַ שטים: קאָנטיק, קודראָוו האָט געבראַכט מיט זיך נאָך עמעצן. דן האָט אַ שמייכל געטון. די לעצטע צייט פלעגט ער זיין נאָך איינגעשלאָסענער און פאַרטרוענער אין זיך, איידער געוועגלעך. קודראָוו פלעגט זיך פילן אומהיימלעך צו פאַרבלייבן אַליין מיט אים אין חדר.

דער מאַן, וועלכער איז אַריין מיט קודראָוון, האָט געזאָגט נאָך אויף יענער זייט טיר אַ פריילעכן ברייטן „גוטן אָוונט". צי צו דער באַלעבאָסטע דאָרט, צי גלאַט אַזוי: ער האָט מקדים געווען מיט זיין „גוט־אָוונט" נאָך אויף יענער זייט טיר פון אָן אַ שיער גוטמוטלעכקייט...

ער איז געווען בלאָנד, מיט געקרייזלטע האָר און גרויע אויגן. נישט קוקנדיק אויף זיין ברייטער, צעפלאָסענער, מיטליעריקער פיגור האָט ער געהאַט דאָך גאָר אַ יונג פנים, ער איז געווען צו פעט פאַר זיינע יאָרן. זיינע אויגן האָבן געקוקט וואַרעם, און פריינטלעך, אָבער מיט אַ געוויסער נאַכלעסיקייט און גרינגשעצונג פון איינעם, וועלכער נעמט קיין זאַך אין דער וועלט נישט צו ערנסט.

דן האָט אין דער טונקל דערקענט די שטים פונם אַריינגעקומענעם. עס איז געווען מאַנאַטס שטים. קודראָוו האָט אָנגעצונדן דעם גאַז. דן האָט זיך איינגעקאָרטשעטביים אויפפלאַצן פונם ליכט. ער האָט באַמערקט מאַנאַטס ליפּן, וועלכע האָבן געשמייכלט אַזוי אומשולדיק און נאַיוו. צוליב דעם קאָנטראַסט מיט זיינע קלוגע גרויע אויגן, האָט זיך ביי דנען אַלעמאָל באַקומען דער איינדרוק: אַז מאַנאַט איז גראָד זייער אַ קלוגער בחור, וועלכער מאַכט זיך אָבער אומיסטן נאַיוו.

אַז דן האָט געהאַלטן אַלץ אין שווייגן, האָט מאַנאַט אָנגעהויבן:

— אינדרויסן איז איצט אַ שיינער פרילינג־אָוונט, אַ סך שטערן זענען איצט דאָ אויפן הימל, קליינינקע, נייע, ווי אין אַ שבועות־נאַכט...

קודראָוו האָט מיט שטוינונג געקוקט פון איינעם אויפן אַנדערן, נישט פאַרשטייענדיק וואָס עס טוען דאָ די שטערן. אומזיכער האָט ער פונדעסטוועגן צוגעגעבן:

— כ׳ווייס?... עס וועט נאָך אפשר רעגענען.

— עס האָט דאָך ערשט גערעגנט היינט פאַרנאַכט,—נישט אויפ־

הויבנדיק זײַן בליק, האָט דן צוגעגעבן אויך זײַן חלק צו דעם דאָזיקן מאָדנעם געשפּרעך.

און ווידער איז געוואָרן שטיל. דן האָט נאָך אַלץ נישט געעפֿנט זײַנע אויגן. ער האָט אָבער געפֿילט אויף זיך שווער און אומבאַקוועם מאַנאַטס בליק, וועלכער איז געווען איצט אויף אים אָנגעווענדט. דן האָט מאַנאַטן שוין אַ שטיק צײַט נישט געזען. נאָר ער האָט אים געדענקט נאָך פֿון פּאַר עטלעכע יאָר צוריק. ער איז געווען עלטער פֿאַר דנען בסך־הכּל מיט אַ יאָר אַכט. אָבער דן האָט פֿאַר אים נאָך דעמאָלט געהאַט גרויס אָפּשײַ. מאַנאַט איז געווען אַ ייִדישער שרײַבער. דן האָט געוווּסט, אַז מאַנאַטס זאַכן פֿלעגן אַמאָל זייער שטאַרק אויסנעמען צוליב דער דורכגעלײַטערטקייט און טיפֿקייט פֿון זייערע געדאַנקען און געפֿילן, וואָס פֿלעגט דערבײַ אַרויסגעזאָגט ווערן אין אַזאַ לײַכטן, גלײַכגילטיקן, כּמעט נאַכלעסיקן טאָן. דן האָט אויך געהערט, אַנומלטן, אַז שוין אַפּאָר יאָר, ווי מאַנאַט שרײַבט נישט, ער איז געוואָרן עפּעס אַ יוניאָן־טוער. „ער איז געפֿאַלן, געזונקען,“ — האָט דן דעמאָלט אויפֿן אָרט אָפּגעמאַכט בײַ זיך וועגן מאַנאַטן.

נאָך אַלץ נישט אויפֿהויבנדיק זײַן קאָפּ פֿון בעט, האָט ער דאָך געזען קלאָר פֿאַר זיך מאַנאַטס רויִקע גלײַכגילטיקע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אַזוי קלוג, אַזוי ניכטער, עס האָט זיך געדאַכט, אַזוי אָפּשפּעטנדיק... עס זענען אין דנס מוח אומדערוואַרטעט דורכגעלאָפֿן די ווערטער, וועלכע ער האָט איינמאָל בײַ אַ געלעגנהייט געהערט פֿון מאַנאַטן: פֿאַרוואָס האָבן זיי זיך אים גראָד איצט דערמאָנט, אָט די דאָזיקע ווערטער? דער אָוונט דאָ אין חדר איז געווען אַ שטילער. נאָר פֿון אויף יענער זײַט הויז־וואַנט האָט זיך אַהער אַריבערגעטראָגן דער גערויש פֿון דער שטאָט, ווי פֿון אַ גאָר ווײַטער, און חלום געזעענער וועלט, איז פֿון דאָרטן, שוין אַמאָל געהערטע, זענען צו אים איצט אויך אָנגעקומען די ווערטער מאַנאַטס:

— די איינציקע לעבנס־חכמה איז דאָך—גאָרנישט צו נעמען ערנסט... זאָל איינער באַטראַכטן אַלע געשעענישן פֿון זײַן לעבן, אפֿילו די ווײַטיקדיקסטע, בלויז ווי נײַצוגעקומענע עפּיזאָדן צו זײַן לעבן... ווי, נישט אַזוי?

אַרויסזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, פֿלעגט ער פּיפּקען, פּיפּקען,

ווי תּמיד—פּיפּקן און גנביש שמייכלען דערביי מיט זיינע גרויסע אויגן. דער יונגער דן פלעגט זיך אַלעמאָל פילן אומבאַקוועם און אומרויק אין מאַנאַטס געזעלשאַפט. ער פלעגט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס זענען מאַנאַטס מיינונגען אין דער אמתן. מאַנאַטס ווערטער פלעגן תּמיד באַגלייט ווערן דורך אַזאַ מין שמייכלענדיקער דערוויטערטקייט, ווי ווען דאָס, וואָס ער האָט ערשט מיט אַן אויגנבליק צוריק אַרויסגעזאָגט, איז אים אין דער ווירקלעכקייט גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ער האָט נאָך, נישקשה, גענוג שׂכל אויף צו נעמען זיינע אייגענע „חכמות" מיט אַ טראָפּן זאַלץ... און נאָך מיט וואָס פאַר אַ טראָפּן, אָבער ביים יונגן דן פלעגט די דאָזיקע קלוגהייט מאַנאַטס זיין אַ סימן אָדער פון פאַרדאָרבנקייט, אָדער—פון אָפּגעקילטן בלוט, ער פלעגט טראַכטן, אַז אַזאַ קלוגקייט קומט צו „זיי" אַלעמאָל שוין מיטן אָנקומענדיקן עלטער. מיט פרייד האָט ער פאַר זיך געטראַכט, אַז אַליין איז ער נאָך צו יונג און צו רויטבלוטיק, אַז ער זאָל נישט, מיט אַלע פיבערן פון גוף און נשמה, ערנסט רעאַגירן אויף דאָס לעבן און נישט קלוג פאַרגליווערט ווערן...

אין קיך האָט די יונגע באַלעבאָסטע איצט געהאַלטן אין איינהאַקן ציבעלקעס אויף וועטשערע, פאַר די קוואַרטיראַנטן אירע, קודראָוו פלעגט תּמיד וועלן ווינען בלויז ביי אַ פּוילישער באַלעבאָסטע, ווייל ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַלערליי פּויליש־יידישע מאכלים, און דער עיקרשט—געריישטע קליסקעלעך מיט ציבעלעס, אַ מאכל, וועלכן ער האָט צום ערשטן מאָל פאַרזוכט אין אַמעריקאַ, אין אַ פּויליש־יידישן רעסטאָראַן. דן האָט נאָך אַלץ אומבאַקוועם געפילט מאַנאַטס בליק אויף זיך. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז יענער ווייסט אַלץ, אַלץ וואָס עס קומט ביי אים איצט פאָר.

און ער האָט זיכער קיין טעות נישט געהאַט. קודראָוו האָט עס שוין מאָנאַטן אַלץ אויסדערציילט. אויף עפּעס א בלינדן אופן האָט זיך קודראָוו געדאַכט, אַז ער ווערט אַליין וויכטיקער און באַדייטונגספולער דורך דעם, וואָס ער איז אַ נאָענטער עדות פון אַלץ, וואָס עס קומט פאָר ביי דנען: אויף אים פאַלט אויך אַן ערנסטער וויכטיקער אָפּגלאַנץ פונם רויטן ליכט, אין וועלכן דן האָט אים געשיינט צו זיין איינגעוויקלט... ער האָט דעריבער באַטראַכט זיך גופא

שטאָלץ און חשובדיק, ווען ער האָט עס מאנאטן דערציילט, פונקט ווי דאָס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אים גופא.

דן האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל ווי אַ נאַקעטער פאַר פרעמדע אויגן. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך איינגעקאָרטשעט עפּעס אַזוי און איז גלייך אַרויס.

מאנאט האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסל. ער האָט זיך קאָנטיק אַ ביסל, קעגן זיין טבע, געערגערט:

— אָט האָסטו דיר... און איך האָט נאָך געוואָלט, קודראָוו, איך זאָל אים קומען „טרייסטן״, פאַרוויילן... אַ שווערער מענטש, דער דאָזיקער דן. איך האָב אים גלייך דערטאַפּט, שוין אָן זיינע ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן אַליין. אן אָריענטאַליש-קנאַיִשער... אָט אַזאַ סאָרט מענטשן איז דאָך איינגאַנצן פרעמד ליבע, ווי אַ פלירט, ווי אַ לייכטזיניק שפּיל. אָט אַזאַ סאָרט מענטש האָט דאָך אַזעלכע דעספּאָטישע באַגריפן פון ליבע: די פרוי, וועלכע ער האָט ליב דאַרף זיך אומבאַדינקט וואַרפן אונטער זיינע פיס און לאָזן זיך געוועלטיקן פון אים...

און געפּיפּקעט און נאָכאַנאַנד, דערנאָך האָט ער שוין ווידער נאָכאַנאַנד געשמייכלט:

— כ'שטעל מיר פאָר... אָט יענע מינוטן ווען אַזאַ איינער איז גרייט צו לאָזן זיך טרעטן פון אירע פיס — אויב דאָס איז נאָר נישט איינער פון יענע פּאָעטיש-ליטעראַרישע — פּשוטער: פאַלשע — אויסדרוקן מיט וועלכע עס איז אָנגעפּראַפּט דאָס לעבן פון כמעט יעדן „אַנטוויקלטערערן״ היינטיקן מענטשן, — אָט יענע מינוטן זענען אָדער שטאַרק־עראָטישע מינוטן, מינוטן פון רויט־צעגליטן בלוט, אָדער פּשוטע־סענטימענטאַלע אָנפאַלן: אָט אַזעלכע דעספּאָטישע „ליבהאָבער״ זענען דאָך ערשט אַ רעכט ביסל סענטימענטאַל...

קודראָוון האָט שטאַרק פאַרדראָסן דער אויטאָריטעטער, זעלבסט־זיכטיקער טאָן פון מאנאטס רייד, פון וואַנען ווייסט ער... נאָר אַזוי ווי דן האָט ער סיי ווי נישט ליב געהאַט, האָט ער אַרויסגעברומט פון זיינע גראָבע ליפּן עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען נישט קיין אָפּלייקענונג און נישט קיין באַשטעטיקונג פון מאנאטס רייד.

עס איז געוואָרן שפּעט. דן האָט זיך אַלץ נאָך נישט באַוויזן.

מאנאט האָט אַ טראַכט געטון, אַז אייגנטלעך פלעגט ער קיינמאָל נישט ליב האָבן אַריינקומען צו די דאָזיקע צווי חברה. עפּעס אַ שווערקייט פלעגט אים תמיד באַפאַלן, ווען נאָר ער פלעגט אַריינקומען צו זיי. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן, האָט זיך רעכט געמאַכט צום גיין. נאָר אַ ווײַלע האָט ער נאָך געזוכט עפּעס אין די קעשענעס, אָט ווי ער וואָלט דאָרט געזוכט נאָך נייע ווערטער. ער האָט אַרויסגענומען אַ פאַרשנורעוועט זעקעלע מיט טאַבאַק, האָט אָנגעשטאָפּט זיין פּיפּקע, פאַררויכערט זי, געקוקט אויף די רינגעלעך זיידענעם רויך, און גע־רעדט צום רויך:

— מילא, נו... איך גיי. מיינע רייד זענען דאָ אומזיסט...

אָט דער דאָזיקער סאָרט מענטשן, ווי אייער דן, מיט זייער דערעסנ־דיקער „ריינקייט", מיט זייער ירושהדיק-יידישן אָנהאַלטן זיך אָן „מאָראַלישע פּרינציפּן", מיט זייער צוקלאָרן זכרון, וואָס קאָן גאָר־נישט פאַרגעסן און גאָרנישט פאַרגעבן, — זיי פאַרסמען זיך דאָך דאָס לעבן מיט די אייגענע הענט... און בכלל... בכלל. נעמען זיי אַזוי בלוטיק ערנסט דאָס, וואָס איז מער נישט, ווי אַ שפּיל.

יג

ס'איז געווען פרילינג. איבער דנען זענען נאָך אַלץ געשטאַנען טעג פון רויטן אומרו און בלוט-אויפשטורעמדיקן שרעק, טעג פון ווילד־צעשפּרייטער פאַנטאַזיע, וואָס שרעקט אָפּ און ציט צו.

מיט אַ טאָג פריער האָט דן געקראָגן נאָך אַ בריוו פון ראַיען. זי איז נישט זיכער מיט איר אייגן לעבן. אַלעקס האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל אַרויפגעוואָרפן אויף איר מיט עפּעס צו שלאָגן זי. „מיר מוזן אַנטלויפן".

דן האָט אויך גיך געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען, ער זאָל זיין גרייט צו יעדער מינוט אויף איר רוף, אַוועקפאָרן מיט איר: ערגעץ ווייט-ווייט, קיין סאַן־פראַנציסקאָ.. פון דאָס סאַמע לעצטע, — צענויפ־שטופעווענדיק דאָס גאַנצע ביסל געלט, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אָפּשפּאָרן פון זיינע אייגענע פאַרדינסטן מיט אַ הונדערטער, וואָס ער האָט געליען ביי קודראָווין, — האָט ער געקויפט פאַר דעם צווי בי־לעטן. ער איז שוין נישט געגאַנגען מער אַרבעטן, איז געזעסן אין

שטוב און יעדע מינוט אַלץ געוואַרט אויף עפּעס, געוואַרט אויף איר רוף. נאָר אויף מאָרגן קומט אָן נאָך אַ בריוו, אין וועלכן זי שלאָגט זיך שוין אין האַרצן פאַר דעם, וואָס זי פעלשט אַזוי שטאַרק אָן איר מאַן... זי לאָזט צום סוף אויס דעם גאַנצן כעס אויף דנען, פאַרוואָס ער אַנטמוטיקט זי נישט אין איר אומטרייקייט צו אַלעקסן... זי ענדיקט איר בריוו אַזוי:

— כ'וועל אפשר קומען צום באַנקעט, און אפשר נישט.

איז אין יענעם פרייטיק פאַרנאַכט, ווען אין אָוונט האָט געזאָלט פאָרקומען דער באַנקעט פון דער ספּענסער־געזעלשאַפט, איז ער געשטאַנען אַזוי אויף דער פּלאַטפאָרם פונם סאָבוויי, — אַ פאַרוואָרלאָזטער אָטעם אין דעם ווירוואַר פונם גרויסן כרך. דאָס האַרץ זיינס האָט געצאַפּלט פונם געפיל פון אַ זעלטזאַמער ליבע, אַ געפיל וואָס האָט אַזוי אנגענעם־אויפרייצנדיק געקילט מיטן דופּט פון פאַרברעכערישקייט און פאַרדאָרבנקייט.

ער איז געשטאַנען אַזוי אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ לאַנגע צייט. ער האָט געוואַרט אַ היפּש ביסל שוין נאָך דער באַשטימטער באַגעגניש־שעה, און ווען ער האָט שוין געדענקט, אַז זי וועט נישט קומען, האָט זי זיך באַוויזן.

אַ צעפּלאַמטע, אַ פאַררויטלטע, ווי זי וואָלט זיך אָקאָרשט אַרויסגעריסן פון אַ רוצחס הענט, האָט זי זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטון צו אים פון דער סאַבוויי־טיר אַרויס. „שנעל", האָט זי קוים אַרויסגעאָטעמט, „לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען. גיכער... אַלעקס געפינט זיך איצט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַציע, וואָס איז מיט איינער פריער פאַר אונזערער. ער האָט מיך אַליין באַגלייט אַהער. ער ווייסט שוין פון אַלץ, פון אַלץ... ער האָט איבערגענומען און אויפגעעפנט דיינע לעצטע בריוו צו מיר. פּונקט מיט אַ שעה פריער איז דאָס געווען, ווען איך בין שוין געווען גרייט צו פאָרן דיך באַגעגענען. ער איז ממש ווילד פון רציחה, און וויל נישט אַנדערש ווי הרגענען דיך... ער האָט מיך בשום אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן, נאָר כ'האָב זיך אָפּגעבעטן ביי אים — ביז נאָכן באַנקעט: כ'זע דיך איצט צום לעצטן מאָל. קום".

זיי האָבן אין איילעניש זיך אַריינגעזעצט אין אָנקומענדיקן צוג. און אין אַ האַלבע שעה אַרום, אַז זיי זענען אַרויסגעשטיגן פון סאבוויי, זענען זיי ביידע אַ היפשע צייט שווייגנדיק געגאַנגען איבער די אומבאַקאַנטע גאַסן פון דעם ווייטן בראַנזוויל, געגאַנגען מיט אַזאַ געפיל, ווי זיי וואָלטן זיך געפינען אין אַ נייער שטאָט. מענטשן זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען, פערד, וועגענער, טראַמווייען זענען פאַרבייגעלאָפן. עפעס אַ קליין יינגל האָט געשלאָגן נאָך אַ קלענערן. אָט איז אַ פערד אומגעפאַלן: אַ פיאַנע האָט זיך געשוימט פון זיין ראזעווען, נאסן מויל, און ער האָט, נישט-באַנעמענדיק עפעס, געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע געלע אויגן אין דער לופט אַריין. אויף אַ ראָג גאַס האָט אַ פאָליסמאַן געגענעצט, און פון לאַנגווייליקייט געריבן איינע אָן דער אַנדערער זיינע ווייס-באַהענטשקטע הענט. ביים טויער פון אַ נאָענטן הויף האָט אַן איטאַליענער געקניפט אַ שיקסע אין די בריסטן.

און דנען האָט זיך אין אָט דער מינוט, קלאָרער ווי ווען עס איז נישט פריער אין זיין לעבן, אויסגעוויזן, אַז אויף דער וועלט עקסיסטירן איצט בלויז זיי צוויי... ער האָט גאָרנישט געזען פונם אַרומיקן, גאָרנישט באַמערקט. אַלץ און אַלע אַרום אים זענען געווען שאָטנס בלויז, געשטאַלטן, וואָס זיין דמיון האָט כאַמע אין אָט דער מינוט אויסגעטראַכט, כדי צו פאַרגרינגערן אַ ביסל זיין טרויער.

אַ שאָטן פון אַ יינגל איז צוגעגאַנגען צו זיי. דן האָט ביי אים געקויפט אַ בינטל בעז. דער בעז האָט פאַרשמעקט מיט אַ האָניג-זיסקייט. די לופט, ער און ראַיע, אַלץ אַרום האָט פאַרשמעקט מיטאַמאָל מיט פרילינג, פאַרשמעקט פונם פריצייטיק-אָפגעשניטענעם בעז, וואָס האָט אַרויסגעהויכט פון זיך דעם געשמאַק פון זיין איידעלן חיות.

ראַיע האָט אים וואַרעם אָנגענומען פאַר דער האַנט:

— ווייסט, כ׳האָב אַזוי מורא, דן... כ׳האָב מורא פאַר דעם, וואָס אַלעקס קאָן נאָך עפעס אָפטון. אָט, הער זיך איין, וואָס ס׳האָט נעכטן ביינאַכט פאַסירט...

זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו אים, אין שרעק, און האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ זייטיק געסל, ווי מורא האָבנדיק, אַז עמעצער גייט זיי נאָך.

— אין מיטן דער נאַכט האָב איך מיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט פון אַ שוואַכן, אויבנאויפיקן דרימל, וועלכער האָט זיך עפּעס געצויגן אַזוי לאַנג — ממש אַן אייביקייט: איך האָב אין שלאָף פּלוצלינג געהאַט דאָס געפיל, ווי עמעצער וואָלט מיך אָנגערירט מיט אַ הייס-צעגליטן שטאַנג...

דן האָט געפילט, ווי זי ציטערט אינגאַנצן לעבן אים.

— איז אָט וואָס כ׳האָב דערזען, ווען כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט: אין דער פינסטער זענען אויף מיר געווען אָנגעשטעלט אַ פּאָר פייערדיקע וועלפישע אויגן. אַלעקס איז געלעגן לעבן מיר, אָנגעשפּאַרט אויף איינעם אַן אויפגעהויבענעם אָרעם זיינעם. ער איז שוין אַפּנים, געלעגן לאַנג אַזוי, געלעגן אָן אַן אָטעם, צווינגענדיק מיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין אָנגעשטרענגטן ווילן, איך זאָל מיך אויפכאַפּן. איך האָב אויף אים אַ קוק געטון אין גרויסער שרעק: ער האָט אינגאַנצן געפייערט און געברענט פון אייפערזוכט. ער האָט, אַפּנים, פאַרדעכטיקט, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס איך ליג ביי זיין זייט, ליג מיט אים אין בעט, בין איך גאָר מיט דיר, מיט דיר אין אַ זיסן חלום... ווען ער האָט מיך דערזען, אויפוועקנדיק זיך, האָט ער עפּעס אַ ריטשע געטון, און, אַ שליידער טוענדיק זיך פונם בעט אַרויס, אַרומטערגעשטעלט זיך אויפן דיל. בויגיק, עלאַסטיש, ווי אַן אויפגערייצטע פּאַנטערע, האָט ער אַ שפּרונג געטון צום קאָמאָד, אַרונטערגענומען דיין בילד, וואָס איז דאָרט געשטאַנען די גאַנצע צייט, וואָס מיר וווינען אין דעם הויז, און עס צעריסן אויף פּיצלעך. איך האָב מיך מיט ביידע הענט צוגעהאַלטן ביים האַלז, איך זאָל פון שרעק נישט אָנהויבן שרייען אין מיטן דער נאַכט. דאָס האַרץ האָט מיר אַזוי וויי געטון צוקוקנדיק, ווי פון דיין בילד די בלייכע פלעקן האָבן היל‍פלאָז אַזוי אַ פלאַטער געטון אין דער טונקעלער לופט פון אונזער שלאָף-צימער.

זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע בלויז אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. נאָר זי האָט גלייך פאָרטגעזעצט צו דערציילן, ווי אַ ווינט האָט גראד דעמאָלט געבלאָזן פונם ים. און די שטיקלעך פון דעם צעריסענעם בילד האָבן אַ ווײַלע אַזוי אַרומגעטאַנצט אין דער לופט אין אַ אומהיימלעכן, קאַלטן טענצל, איידער זיי האָבן זיך ענד־

לעך אַנידערגעלייגט אויפן דיל, ווי טויטע עופהלעך, נאָר דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. ערשט דעמאָלט האָט זיך אַלעקס אַ וואָרף געטון אויף דער ערד לעבן בעט, אָנגעהויבן רייסן פון זיך דאָס העמד און האָט אָנגעהויבן יאָמערן און וואָיען אין דער נאכט, אָט ממש ווי אַ הונט. ס׳איז אויף איר פשוט אָנגעפאַלן אַן אימה. זי האָט זיך געשראָקן, מען זאָל עס נישט דערהערן אין הויז. זי האָט פאַרענדיקט אַזוי:

— כ׳האָב דאָס רעשט פון דער נאַכט אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כחות צו באַרויקן אים. כ׳האָב אים קוים איינגעבעטן, ער זאָל זיך צוריק אַריינלייגן אין בעט אַריין. ער איז סוף כל סוף אַזוי איינגעשלאָפן ביי מיר אין די אָרעמס.

ראַיע האָט דאָס אַלץ דערציילט דנען מיט אַזאַ גלייכן, גלייכגילטיק־אומבאַוועגלעכן טאָן, ווי עס וואָלט זיך דאָ גאָר געהאַנדלט וועגן אַ זייטיקן, נישט וועגן איר. אויף איר פנים האָט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט, קוים באַמערקבאַר גערוט אַן אָפּוועזנדיקער, דערווייטערטער שמייכל. אַז זי האָט געענדיקט, איז איר האַנט געווען קאַלט און זי איז אַרויסגעפאַלן פון זיינער, פון דנס. זיין האַנט איז אויך געווען קאַלט.

און מיטאַמאָל, גייענדיק אַזוי לעבן איר, אַליין נישט אַרויסרעדנדיק אַלץ קיין וואָרט, האָט דן דערפילט, ווי אין אים איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. אַ מאָדנע נייקייט האָט מיטאַמאָל אים דורכגעדרונגען, ווי עס וואָלט פון אים פלוצלינג אַרונטערגעפאַלן די פריערדיקע הויט, און ער וואָלט געוואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש, נישט דער, וואָס איז בלויז מיט אַ פאָר מינוטן צוריק דאָ געגאַנגען איבער די פרעמדע גאַסן. ער האָט זיך אַזש אַליין דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער פלוצלינגדיקער טראַנספיגוראַציע. דער פיין פון די לעצטע טעג איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי האָפנונגסלאָז, אַז ער האָט זיך זעלבסט פאַרצערט מיט דער זעלביקער שנעלקייט און פלוצלינגדיקייט, ווי ער איז פריער געווען געדיכט און שאַרף. מיט וווּנדער און דערלייכטערונג האָט דן מיטאַמאָל דערפילט, אַז איצט איז אים אַלץ איינס, אַלץ איינס... ער האָט דערפילט איצט צו דעם פאָרגעקומענעם אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט און פאַרשטיינערטקייט, אַ געפיל ענד

צו דעם, וואָס איינער האָט אין די ערשטע שעהן נאָכן טויט פון אַ באָענטן. זיי זענען אַזוי געגאַנגען אַ שטיק צייט שווייגנדיק, ביזקל כּמעט אומבאַוווסט פאַר זיך, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינם טונ־קעלען אָוונט פאַרן גרויען שטיינערנעם הויז פונם בראַנזווילער אַר־בעטער־ליצעאום. עס האָט געפייערט אויף זיי מיט זיינע פיר רייען גרויסע באַלויכטענע פענסטער.

ראַיע איז אַרויף די טרעפּ צוערשט, אַרויפגעטאַנצט אַזוי לע־בעדיק, מיט גיכע דראָבנע טריט. איידער זי איז אַריין אין טיר, האָט זי זיך אומגעקערט און אויפגעלויכטן איבער דנען מיט אַ קאָ־קעטיש־שעלמישן שמייכל:

— דן, אָבער איצט זאָג נאָר דעם אמת: האָסט מיך ליב? — האָסטו מיך די גאַנצע צייט ליב געהאַט? — די גאַנצע צייט?

אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ טויט, קאַלט שמייכל:

— צוליב וואָס זאָלסטו עס וויסן — איצט? איצט איז עס דאָך שוין מער נישט וויכטיק. איצט טראַכט איך גאָר פון עפּעס מער ממשותדיקס: היינט אָוונט איז אונזער לעצטער שפּאַציר צוזאַמען.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען אַזוי, אַ פּאָר טרעפּ העכער פון אים, און אים אָנגעקוקט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל. אירע ליפּעלעך האָבן זיך פאַרשנורעוועט. דאָס פּנים אירס איז געוואָרן בלייך, ערנסט. איר געזיכט האָט דנען איצט אויסגעקוקט אומבאַקאַנט, ווילד אַזוי און באַפוילנדיק. זי האָט אויף אים עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד געקוקט אַזוי און געשוויגן. נאָר באַלד האָט זיך אַ טרויעריקער, אַ מילדער שמייכל באַוויזן אויף איר בלייכן, אויסגעצערטן פּנים:

— צו שפּעט, דן... איצט, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט מיך ליב, איז שוין, צו שפּעט.

III

א

אינם גרויען פרימאָרגן פון אַ שבת־טאָג, מיט די רעדעלעך, וואָס האָבן זיך אין דער לופט געדרייט פאַר זייערע אויגן, איינס אין דאָס אַנדערע, איינס אין דאָס אַנדערע, קלענערע אין גרעסערע, גרעסערע אין גאָך גרעסערע, ווייט אין דער לופט און וועלט אַרויס, אינם גרויען קאַלטן פרימאָרגן זענען געשטאַנען ביים ברעג פונם ראריטאַן ים־אויסגוס קליינע קופקעס פישער און אויסטערלייט.

זיי האָבן אַרומגעהאָנגען און אַרומגעקלעפּט די פּילע בארקאסן ביים ברעג, ווי שוואַרצע, פאַרשלאָפענע ווינטערדיקע פליגן אויף פענסטער־שויבן; אַרומגערינגלט די פּילע מאָטאָר־שיפלעך און בייכיקע, ברייטלעכע שלעפּ־שיפלעך, וואָס זענען געווען געאַנקערט ביים ברעג פון דעם ראריטאַן ים־אויסגוס. זיי האָבן ביידלעך געקוקט אויף די גרעסערע שיפן, אַ פּאָר הונדערט פוס אָפּגעוויטערט פון ברעג, צו וועלכע עס איז איצט געווען שווערלעך צוצוקומען. זיי האָבן אָן חשק, פאַרדראָסיק גערעדט צווישן זיך, און פון מאָל צו מאָל זיך איבערגעשריגן איינע מיט די אַנדערע אינם אומהיימלעכן פרימאָרגן. דער ווינט און שטורעם זענען געווען גרויס.

איניקע האָבן נישט צופרידן געקראַצט מיט קורצע, פאַרטריקנטע שטעקעלעך זייערע פאַטילניצעס. פון זייערע מיילער, צוזאַמען מיטן נאַסן רויך פון די פּיפּקעס, האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ רישטשעקל קללות און זידלערייען אויפן ימס חשבון. אַנדערע האָבן געהאלטן די הענט טיף אַריינגעשטעקט אין די קעשענעס פון די פאַר-

שמאָלצענע, פֿאַרהאַרטעוועטע ברעזענטענע הויזן און ווייט און טיף אין דעם פֿאַרנעפּלטן ים זייערע שאַרפֿע בליקן געווענדט. דורכגעדרונגען דעם געדיכטן טומאַן, אַ צעפּלאָסענע חיה מיט אומגעהויערע לאַפּעס, וואָס האָט געהויערט איבערן ים. געשפּירט און אָנגעטאַפּט די גרויס פֿון דער געפֿאַר צו לאָזן זיך איצט איבערן וואַסער, געברומט און גערעדט עפּעס צום שוואַרץ-גרינעם וואַסער אונטער די נעפּל-ליילעכער.

שטורעמדיק און כמורנע איז געווען איצט דער ים. געקאַטשעט האָבן זיך איינע איבער דער אַנדערער די כוואַליעס, טונקעלע, שוואַרצלעך-גרינע, מיט ווייסע שוים-גריוועס, מיט גרויסע אויפֿגעבלוזטע קאַמען. ווייט פֿון די טיפֿענישן פֿון ים אַרויס, האָבן זיי זיך מיט אַן אויסגעהוילטן טויבן קלאַפּן געוואָרפֿן אויף די פֿעלזיקע ברעגן אויף יענער זייט בוכטע. פֿון דאָרט האָט עס אָפּגעקלונגען אַהער, ווי אומגעהייערע עכאָס אין גרויסע ליידיקע זאַלן.

אין דעם ווייטן נעפּל אַרום האָט עס נאָכאַנאַנד געקנאַלט און געדונערט, ווי גרויסע ריזן-שטיינער וואָלטן זיך נאָכאַנאַנד אָנגעשטויסן איינס אין ס'אַנדערע.

— דר-ר־ר... דר־ר-ר... בום. בום. בום.

אַזוי שטאַרק איז געווען דער ווינט, אַז אַפֿילו אַזעלכע גרויסע שווערע באַרקאַסן, ווי „געאָרגסי", „נעפּטון" און „האָלס", וועלכע זענען געווען געאַנקערט נישט ווייט פֿונם ברעג, האָבן זיך שטאַרק און נאָכאַנאַנד געהוידעט אַרויף און אַראָפּ, געטונקט די נעזער אין וואַסער און געקרעכצט. די פֿאַרגאָסענע דעקן האָבן הילפֿלאָז געגלאַנצט מיט זייער נאַסקייט. די קלענערע מאָטאָר-שיפֿלעך זענען געווען כמעט אינגאַנצן אָנגענומען מיט וואַסער, האָבן אויסגעזען יעדע מינוט, ווי אָט, אָט ווערן זיי דערטרונקען.

דאָס וואַסער פֿונם אָקעאַן האָט זיך געריסן אויף דער ערד אַרויף... און איבער דעם אַלעם איז זיך מיט אַ הוילנדיקער תּאווה פֿאַרגאַנגען און געפּייפֿט דער נאָרדוועסטלעכער ווינט, וואָס האָט שוין איייניקע טעג געשמיסן אַהער פֿון די נאַקעטע באַרגלענדער אויף יענער זייט פֿון די „ראָקיס"*). אומעטיק איז געווען און שווער אויגן

*) אַ פֿעלזיקע, נאַקעטע בערגנ־קייט אין וועסט פֿון אַמעריקע.

האַרצן, שטייענדיק דאָ אויפן ברעג און זיך צוהערנדיק צום ווייטן טויבן רוישן פון די כוואַליעס, וואָס האָט זיך געטראָגן פון טיפן נעפּל אַרויס. מיילן ווייט פון ברעג, אין טיף־ים, ווו דער „טשענגעל"*) געפינט זיך, האָבן איצט גרויסע און ריזיקע אָקעאַנען-שיפן שאַרף און נידעריק-בייז געברומט, וואָרנענדיק די אַרומיקע שיפן, מען זאָל זיי אָפּטרעטן דעם וועג. און אַז דער ווינט פלעגט אויף אַ ווײַלע שטי־לער ווערן, פלעגט זיך אויסדוכטן צו פאַרנעמען ווייטע, פאַרהילכטע געשרייען, וואָס טראָגן זיך איבערן וואַסער. געמאָלט האָט זיך דע־מאָלט פאַר די אויגן אַ שיפל, וואָס ווערט אין ווייטער טיפעניש פון ים און נעפּל געשליידערט אַרויף און אַראָפּ אויף שטורעמדיקע וואַ־סער-בערג; אַ פּאָר מענטשן וואָס קלעפּן זיך מיט לעצטע כחות צום שיפל, פאַרגליווערטע שוואַרצע געשרייען...

אַ פּאָר שעה שפּעטער זענען זיך די מערסטע פישער פונאַנ־דערגעגאַנגען, ווער צו פאַרקויפן דאָס ביסל געכאַפּטע פיש, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון נעכטן, ווער צו פאַרריכטן, צו פאַרפּעכן, דעם הויפּט-קאָרפּוס פון אַן אַלטער שיף, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אונ־טערצוטערוקענען. קאַלעמוטנע איז געווען אַלעמען אויפן האַרצן צוליב דעם געשטערטן, אַרבעטס-טאָג.

שפּעטער פון אַלעמען האָט זיך אויפן ברעג געפּאָרעט ד ז ש א ן מיט דער הילף פון זיין אַרטעל, וואָס איז באַשטאַנען פון זיין נאָענטן פריינט און חבר מארא און נאָך דריי מענטשן, האָט ער זיך געמאַ־טערט אַרויסצופירן זיין שיף „לואיזיאַנא" אין ים אַרויס. אָ, ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן! עס איז שוין איצט די צווייטע שעה פונם שטורעמדיקן וואַסער־אָפּפאַל. דאָס וואַסער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין נידעריקער ווערן. ער האָט געזען, אַז דער אונטערשטער דעק פונם באַרקאַס האָט באַלד דערגרייכט דעם גרונט פונם שטיק ים־אויסגוס, — וואָס איז געווען איינגעצאַמט אין אַ שטיינערנער דאַמבע

---

*) דער ים־שליאַך, ווו די גרויסע ים־אָקעאַנען גייען.

—דעם פישער-האַפן. מען האָט זיך געדאַרפט צואײלן, אַרויספירן די שיף אין אויסגוס אַרויס, אײדער ס׳איז שפּעט. נאָר די ווינטן האָבן די שיף אַלץ נאָכאַנאַנד און עקשנותדיק צוריקגעפּאַטשט.

נאָכדעם ווי ער און זײַנע מענטשן זענען מיט שווייס באַגאָסן געוואָרן, און געמוזט צוריק אַנידערלעגן די לאַנגע שוואַרצע „באַג-רעס״, דעם אַנקער צוריק אין וואַסער אַרײַנוואַרפן, אַרונטערלאָזן די פּאַרוסן, און די קאַנאַטן פון דער שיף אַרומוויקלען אַרום די קורצע, בײַכיקע קלעצער, וואָס זענען אין ברעג דאַמבע אײַנגעפלאַנצט געווען, האָט דזשאַן, אַ דערצאָרנטער און אַ טונקעלער, זיך אַוועקגעפלאָנ-טערט פון ברעג, ניט קוקנדיק צומאָל אויף זײַנע „מענטשן״, נאָר שוין זײַענדיק אַ היפּש ביסל וועג פון זיי, האָט ער אויסגעשריען אין דער לופט אַרויס:

— העי מען, 1) הײַנט אַרבעט מען ניט... יעדער אײנער קאָן זיך גיין אַהיים... גאָ דאַרן איט!״ 2)

לאַנגזאַם האָט זיך דזשאַן באַוועגט אַרויף דעם וועג, וואָס איז געווען מיט קלײנע שטײנדלעך אויסגעפלאַסטערט, דעם וועג וועל-כער האָט זיך געהויבן אַרויף דעם באַרגיקן ברעג פון דעם גרויס; און אָפּגעזונדערטן אינזל סטעטן ווײלענד. פון זײַן פריסטער קינדהײט אָן האָט ער דאָ אויפן אינזל געוווינט און שוין וויפל יאָרן זײַן פיש-האַנדלען פון דאַנען געפירט. פּאַמעלעך און שווער האָט זיך דזשאַן איצט באַוועגט, מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, די בושיקע ברעמען איבער די אויגן אַרונטערגעצויגן, די באַקן צו דער ערד גענויגט. שווער. פּאַמעלעך. קײן היטל האָט ער אויפן קאָפּ איצט, ווי תמיד, ניט געהאַט. זײַנע צעשויבערטע, פלאַקסענע האָר האָבן געווייט אין דעם ווינט, דעם געזאַלצענעם, קרעפטיקן ים-ווינט וואָס האָט געבלאָזן אויף אים פון הינטן. ער איז געווען אײַנגאַנצן אָנגעזאַפּט מיט אויס-טער-ריח, מיט ריח פון זיסלעכן, פוילנדיקן ים-גראָז, מיט זאַלץ און שאַרפקייט פון ברעג-ים לופט.

---

1) מענטשן.

2) גאָט פאַרדאַמט עס!

פאַמעלעך האָט ער זיך געשלעפּט אַרויף דעם באַרגיקן וועג. ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ניט באַמערקט די זעלטענע דורכגייער און דורכפאָרער אויפן וועג, וועלכע האָבן אים פון הינטן אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט, און האָבן אים באַגריסט.

— ראַטען מאָרנינג 1) ד ז ש א ן...

— סאָם וועטהער 2)... קעץ און הינט און מכשפות...

ער האָט גאָרניט געהערט און גאָרניט געענטפערט. אומעטיק איז אים געוואָרן אויפן האַרצן, ווען ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם לאַנגן און פוסטן טאָג, וואָס ער וועט דאַרפן פאַרברענגען ביי זיך, אינעם ענגן איינשטאָקיגן הייזל. ער וועט זיך וואַלגערן די גאַנצע צייט אין בעט, פילן אַן אָפּשוואַכנדיקע מידקייט אין די אָנגעהאָרעוועטע אבֿרים, גאָרניט אַנדערש האָבן צו טון, ווי זיך צוצוהערן צום וואָיענדיקן צפון־מערבֿ ווינט, וואָס פּלאָנטערט זיך פּעסדיק צווישן די קליאַן־ביימער אַרום זיין הייזל.

זיין געזונטער אַרבעטזאַמער גוף, צוגעוווינט צו שווערער אַרבעט אויף די שיפן כמעט דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר, אויסער סיידן אַמאָל אין אַ רעגן־טאָג, פלעגט זיך אין אַזאַ טאָג תמיד פילן קראַנק און צעבראָכן. שווער געווען צו זיין פאַרשפּאַרט צווישן ענגע פיר ווענט און גאָרניט טון. און קיין שום אַנדערע אַרבעט, אויסער זיין אַרבעט, איז אים ניט געווען צום גוסט.

ער איז אַלץ געגאַנגען מיטן וועג באַרג-אַרויף. רעכטס פון וועג האָבן זיך געצויגן די טאַטעגנווילער גראָז-פעלדער און לאָנקעס. אויף זייער מערבֿ-גרענעץ האָבן זיך געבלייכט אין דער לופט די פאָרמען פונם פילגאַרנדיקן פורם פון דער סט. דזשאָזעפס קירך. דאָ אויפן באַרג, איז די לופט געווען מאָדנע קלאָר און דורכזיכטיק. ס'האָבן געצויגן צו זיך מיט זייער ווייטקייט און קלאָרקייט די געביידן פונם קאַטוילישן יתומים־אַנשטאַלט. מאָדנע לופטיק און דורכזיכטיק האָבן די קאָנטורן פון די געביידעס אויסגעזען פון דער פינף-מייליקער ווייטקייט.

1) מיאוסער פרימאָרגן.

2) אַ וועטער אַ ביסל...

לינקס האָט זיך דער וועג אָפּגעריסן אין אַ כּמעט ווערטיקאַלער פעלזיקער וואַנט. אונטן, אין תּהום האָט געפּלייצט אַ שמאָלער וואַסער-פּאַס, וואָס האָט זיך ווי אַ פּלאָקן אַריינגעהאַקט אין דעם שטיינערדיקן ברעג פונם גרויסן ים-אויסגוס. אין דער שטילקייט פון אַ שפּעט-אָוונט פלעגט מען, גייענדיק אויפן וועג, קאָנען פון דאָרטן אַרויסהערן דאָס גלייכמעסיקע קלאַפּן פונם וואַסער אָן די פעלזן. עס פלעגט זיך טרעפן: אַ דורכגייער פלעגט זיך נישט איינהאַלטן, פלעגט צוגיין צום ראַנד, זיך אַנידערלייגן אויף דער ערד, זיך אויסציען אויף אַלע פיר, דעם קאָפּ אויסשטרעקן איבערן ראַנד פונם אָפּגרונט און אַהין אַריינקוקן. פלעגט ער בלויז זען:

געדיכטער טונקל. אומגעזעענער געררויש. שוואַרץ און אומהיימלעך. מער נישט: ווייסער פּיענע-קאַם גלימערט אויף פון צייט צו צייט...

פלעגט זיך דער קאָפּ יענעם פאַרדרייען, דאָס האַרץ אָנהויבן שטאַרקער קלאַפּן מיט עפּעס אַ משוגענעם פאַרלאַנג, — אַ פאַרלאַנג אַזאַ זיך וואָס טיפער אינם אָפּגרונט אַריינרוקן... אַ גרויסן כּח פלעגט יענער זיך מוזן אָנטון, כּדי זיך דערנאָך הינטערווייליקעס, אויף צוריק, קאָנען אָפּרוקן פון איבער דעם אָפּגרונט, וווהין עס האָט אים אַזוי אומווידערשטייליך שטאַרק געצויגן זיך אַרונטערצוגליטשן...

און דזשאַן איז געגאַנגען אַלץ באַרג אַרויף. ער האָט זיך געמאַכט האַרץ. ער האָט קלאָר געוווּסט פון דער פּוסטקייט און אומעטיקייט וואָס דערוואַרט אים אין דער היים. אים האָט אין דער אמתן גאָר געצויגן צוריק צו מרס. פאַרנעלס שענק. אַך, וואָלט ער עס זיך דאָרט אָנגעשיכּורט... און טאַקע זי אַליין... מרס. פאַרנעל... צוליב וואָס דאָס אָפּהיטן זיך? צוליב דעם ווייב זיינעם? — נאָר ביים דעם געדאַנק פון זיין ווייב האָט ער זיך, פאַרקערט, גאָר געשטאַרקט, פאַרגיכערט זיין טראָט ווי אַנטלויפנדיק: ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער זיך סוף כּל סוף ניט קאָנען גובר זיין.

אין אַ פּלוצן מינוט אַרום, האָבנדיק איבערגעלאָזן הינטער זיך דעם טונקעלן און געדיכטן וואַלד לינקס און דעם זייטיקן, שמאָלן זאַמדיקן וועגל, וואָס האָט געפירט צו דער פּאָסט-קאַנטאָר רעכטס, — האָט ער זיך שוין דערזען ביי דער טיר פון זיין הויז. אין איר

שטילקייט און טונקעלער נודנעקייט איז ער באַלד אַריינגעגאַנגען.

ב

ערשט פאַרנאַכט־צו, ווען די ברענענדיקע היץ פון דעם יוני־טאָג האָט זיך שוין געלייגט, האָט זיך דזשאַן אויפגעכאַפּט פון אַ פיר שעהדיקן, הייסן און שוויציקן שלאָף.

נישט קוקנדיק אויף דער שפּעטער פאַרנאַכט־שעה, איז אים געווען אומדערטרעגלעך הייס. זיין אָפּענע, האָריקע און צעכראַסטעטע ברוסט האָט זיך פּשוט געבאָדן אין שווייס. ער האָט געפילט אַן אָפּשוואַכנדיקע, אויסנאָגנדיקע מידקייט אין אַלע זיינע אברים. איז ער געבליבן ליגן אַזוי עטלעכע מינוט אויף זיין געלעגער.

רויק־שטיל איז געווען אין דרויסן. מחמת דעם טאָג־גערויש, וואָס האָט געהערשט דאָרטן, ווען דזשאַן האָט זיך געלייגט שלאָפן, און וועלכער האָט נאָך איצט געזשומעט אין זיינע אויערן, האָט די איצטיקע אַרומיקע פאַרנאַכט־שטילקייט אים אָנגענעם באַרויקט. שווימענדיקע, ווייכע אָוונט־קלאַנגען זענען פון אומעטום אויסגעוואַקסן מיטן טונקל.

אויף די טרעפּ פון די אַרומיקע הייזער, וואָס זענען געווען שיטער צעשפּרייט אינם טונקעלן גרינס ביים וועג, זענען איצט געזעסן די באַלעבאַטים אין ווייסע אויבערהעמדער און אַנטבלויזטע קעפּ, אַרומגעוואַשענע נאָך דער טאָג־אַרבעט און באַרויקטע. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אין אַ פאַרנאַכטיק־געלאַסענער שטים. ווער עס איז ערשט געקומען פון אַ שווערן טאָג אַרבעט אין דער ווייטער, גרויסער צייג־פוידער פאַבריק, וואָס איז אין ז'עם שכנישן דערפל דריי מייל פון דאַנען; ווער עס איז אַ גאַנצן גאָטס לאַנגן טאָג גלאַט אַזוי אַרומגעגאַנגען צוליב זיינע געשעפטן, אין דאָרף גופא; ווער עס האָט זיך אין דער גרויסער היץ געבראָטן אויף זיין קליינעם חלק לאַנד, אָפּרייניקנדיק די שטיינדלעך און אויסיעטנדיק שעדלעכע גראָזן פון די פאַרזייטע בייטן, צוקוקנדיק מיט פרייד, ווי די תבואה הויבט זיך אַלץ העכער און העכער אויף די פעלדער.

אין דער בלוילעכער לופט האָט זיך איצט אַרומגעטראָגן אַ שטיל, שעפּטשנדיק זומזען. פון די פילע זשוקען און מאָסקיטאָס, וואָס זענען

דאָ אין דער געגנט. און באַלד האָט ד ז ש א ן פאַרנומען די ווייכע צעצויגענע און טרויעריקע קלאַנגען פונם אנגעלוס. שטיל און ווייך האָבן זיי זיך געשפּרייט פון דעם גלאָקן־טורעם אויף דער סעינט דזשאָזעפּס קירך, צעשווומען זיך זענען זיי פון דאָרט אין דער טונקל פון דער פאַרנאַכט־לופט, און איבערגעלאָזט האָבן זיי הינטער זיך גאָרנישט, — בלויז אַ דערמאַנונג פון אַן איינטאָניקן זשומען, וואָס האָט אַלץ געציטערט אין די אויערן.

— פונם ווייב איז קיין בריוו אַלץ נישטאָ...—אַ היבשע ווײַלע איז דזשאָן אַזוי געלעגן אויפן צעוואָרפענעם בעט. די היץ האָט אים געשטיקט. ער האָט זיך אָבער געפוילט אויפצושטיין.

— צוליב וואָס? צוליב וואָס?

ער וועט זיך איינוואַשן, איבערטאָן, אַרויסגיין אין דרויסן. איינער אַליין וועט ער אַזוי זיצן אויף דער וועראַנדע, פּאַמעלעך זיך הוידען אינם שטרויענעם שאָקל־שטול, דערביי וועט זיין בליק אומעטיק־גלייכגילטיק אַרומבלאָנדזען אין דער אַרומיקייט.

ער וועט פילן:

שכנים און באַקאַנטע, ביי די טירן פון די אַרומיקע הייזער, וואַרפן אויף אים רחמנות־בליקן. איינער מאַכט האַלב־שפּאָטיש אַ באַמערקונג וועגן אים, דעם גרויסן און געזונטן, דעם הצלחהדיקן פּישערמאַן, וואָס לאָזט זיך נאַרן פון זיין שיין דערווייטערט ווייב ערגעץ אין דער נאָענטער רוישיקער און זינדיקער שטאָט ניו־יאָרק...

אין דער טונקלקייט איז פאַר ד ז ש אַ נ ע ן מיטאַמאָל אויפגעשווומען אַ טרייסט; מרס. פּארנעלס סאלון. אַרום די קיילעכדיקע מאַרמאָרנע טישלעך, באַדעקט מיט ציגאַרעטן־אַש און אויסגעגאָסענעם ביר, זיצן איצט פישערלייט און גלאַט אַזוי מענטשן פון דאָרף, טרינקען ביר, רויכערן פּיפּקעס און שפּילן אין קאָרטן אָדער ווירפלעך...

אַ גאַנצע וואָך געפינט זיך זיין פרוי אין ניו־יאָרק, דער גרויסער שטאָט, ז'אַרבעט דאָרט אין אַ באַקאַנטן אוניווערסאַל־מאַגאַזין. זי וווינט אויף אַ ווייטער אָפּגעזונדערטער גאַס, ערגעץ אין די וואַ־

שינגטאָן הייטס. בלויז איינמאָל אַ וואָך קומט זי אַרונטער אַ הער אויפן אינזל פאַרברענגען מיט איר מאַן, פאַרברענגען דעם שבת אָוונט און זונטאָג.

דזשאַן האָט איר שוין לאַנג געגעבן זיין וואָרט זיך נישט חברן מיט די איבעריקע שיכּורע פישערלייט, און זיך נישט אָנשיכּורן פאַר דער צייט, וואָס זי איז דאָ נישטאָ מיט אים. נאָר אַ מענטש איז דאָך זינדיק. כאָטש דעם לעצטן טאָג פאַר איר קומען האָט ער אַפילו שטאַרק געוואָלט האַלטן וואָרט.

אין דעם לעצטן טאָג פאַר איר קומען פלעגט ער אין דעם צייטונגס־קיאָסק ביי דער נאָענטער וואָקזאַל־סטאַציע אָנקויפן אַלערליי אילוסטרירטע וואָכנבלעטער און גרויס־שטעטישע צייטונגען, און פלעגט זיי אין די פרייע שעהן פלייסיק ליינען, — ליינען אָן אינערלעכער הנאה און ווילן, נאָר מיט געוואַלדיקן פלייס און מסירת־נפש, ווי אָפהיטנדיק עפּעס אַ פרומען געבאָט אַזאַ. ער פלעגט ווערן איינגעהאַלטענער אין זיין שפּראַך, „ריינער" און זיינע אויסדריקן, ווייל צו דער פרוי זיינער האָט ער אויסער אַ שווייגנדיקער, אַ ליידנשאַפטלעכער ליבע געפילט אויך אַ שטאַרקן אָפּשיי. האָט זי דאָך געוווינט אין דער גרויסער שטאָט, איז געווען אַזוי איידל און דעליקאַט אין אירע רייד און מאַנירן, און פון איר האָט אָפּגעגעבן מיט דערווייטערטקייט און פרעמדקייט.

זי קומט געוויינלעך צו פאָרן יעדן שבת, אַרום דריי אַ זייגער בייטאָג. נאָר אָט איז שוין פאַרנאַכט, און זי איז נאָך אַלץ נישטאָ.

ס'ווערט טונקעלער. די שויבן פאַרווישן זיך מיט בלויקייט. אַ הונט בילט זיך פונאַנדער, בילט זיך פונאַנדער נאָכאַנאַנד און פאַר־ביסן: מסתמא איז שוין די לבנה אַרויס. אָט ליגט ער אַזוי אין דער פינסטער, אין איינזאַמקייט, און לאַנגווייליקט זיך, זאָגט זיך אָפּ פון אַ סך זיינע געוווינהייטן און פאַרגעניגנס. אַלץ צוליב איר... און זי.

די טיר האָט זיך אין דער שטיל געעפנט. דזשאַן האָט אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר זיך געפוילט אויפצושטיין פון בעט. נאָך אַ מינוט שווייגן, האָט ער אַרויסגעהירזשעט:

— ווער איז עס?

קיינער האָט נישט געענטפערט. די טיר איז געבליבן אָפן.

דזשאן האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט.

— מסתמא דער ווינט.

די טיר האָט זיך באַלד פון זיך אַליין פאַרמאַכט, און דזשאן, וועלכער האָט ווידער אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ אויפן קישן, האָט נישט געפילט, ווי אַ רייצנדיקע, געפיילט-נעגלדיקע געשטאַלט איז געשטאַנען איבער אים אין דער פינסטער, און האָט געשמייכלט צו זיך.

ער האָט זיך ווידער געפרעגט:

— און זי? וואָס טוט זי איצט אין דער גרויסער שטאָט?

און האָט זיך אַליין געענטפערט:

— זי שפּאַצירט איצט געוויס אַרום אין איינעם פון די געדיכטע שטאָט-פּאַרקן. אַ שלאַנקע, אַ הויכע, אין איר בלויען זומער-קלייד מיט די ווייסע, קיילעכדיקע רעדעלעך, — דאָס קלייד, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, שפּאַצירט דאָרט אַרום מיט יונגעלייט, ברענענדיק זיי מיט אירע אויגן, רייצנדיק זיי מיט איר פרעך־איינגעהאַלטענעם געלעכטערל, אויפקאָכנדיק אין זיי דאָס בלוט... פּאַמעלעך און מיט באַזונדערן פאַרגעניגן זויגט זי אומגעזען ביי זיי דאָס בלוט פון די ליפּן און פון די אָדערן אַרויס...

ער האָט זיך מיט אַ ציטער אויפגעהויבן פון געלעגער. זיך אַליין דערשראָקן, וואָס אַזאַ געדאַנק איז אים גאָר געקומען אין מוח אַריין. ער האָט געפרוווט אים אַוועקטרייבן, — איז דער פאַרדעכטיקער געדאַנק נאָך איינגעשפּאַרטער געבליבן. האָט ער אים אָפּגעלאָזט, און זיך קיל אָנגעהויבן נאָך מער שרעקן:

— איז עס מעגלעך, אַז ער, דזשאן, איז פאַר איר מער נישט, ווי איינער פון אַ סך אַנדערע... זי וואַרפט אים אויך בלויז צו אַ ביינדל, כדי זיך קאָנען אויך מיט אים, דעם גרויס-גופיקן און געזונטן מאַנספּערשוין, צו שפּילן...

מיט אַ פיינלעכן פאַרגעניגן האָט דער דאָזיקער פאַרדאַכט אין אים געבראַכט באַוויַיז אויף באַוויַיז, אַז עס איז טאַקע אַזוי. דזשאן האָט דאָך אַזוי שטאַרק געוואָלט גלויבן, אַז ער מאַכט דאָ אַ טעות. ס'האָט אים אָבער אויך געצויגן צו דער זעלבער צייט אַרויסצוגראָבן אַלע פאַרשידענע, דורך אַ לענגערע צייט אָנגעקליבענע און פאַרבאַ־

האַלטענע, קליינינקייטן, וועלכע זאָלן באַרעכטיקן זיין פאַרדאַכט. און באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט מאָדנער פרייד אויף איין פונקט, ווי אויף אַ גליקלעכער, פּלוצלינג געפונענער דערלייזונג. זיי-נע אויגן האָבן זיך אַזש פונאַנדערגעפלאַקערט, ווי צוויי שיף-לאַמ-טערנעס ביינאַכט. זיינע ליפּן זענען אויפגעשלאָגן געוואָרן מיט אַ שוים.

— שאַ... אַוודאי אַזוי... וואָס דאַרף ער נאָך אַ סך קלערן... וואָרים פאַרוואָס דרייט זי זיך עס אַלעמאָל אַרויס, אונטער פאַרשי-דענע אויסריידן, פון צו וווינען מיט אים צוזאַמען אויפן אינזל? פאַרוואָס?

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ שליידער אַרויס געטון פונם בעט, ווי אַ ים-לייב פון וואַסער אַרויס, און האָט מיט אַזאַ כּוח אַ שטעל געטון זיינע קורצע, דיקע פיס אויפן דיל, אַז די שויבן אין די פענ-סטער האָבן אַזש אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם פּאָלי-ווענעם קרוג מיט וואַסער, אים אַ זעץ געטון אויפן וואַש-טישל אַרויף, אַז ער האָט זיך תּיכּף צעשפּאָלטן אויף צווייען.

— או-או... פאַרדאַמט... וואָס איז עס פון אים געוואָרן... ער שפּייט אויף דעם אַלעמען... אַז צום טייוול זאָל עס גיין... צענדליקע מיידלעך פון דער נאָכבאַרשאַפט פלעגן נאָך אים די כּפּרה זיין, און זי, די דאָזיקע גרויסשטעטישע קאָקעטקע, זאָל זיך מיט אים אַזוי אַרומוואַרפן, אים באַהאַנדלען פון דער הויך? ס'וועט צו דעם אַ סוף נעמען! נישקשה, ער וועט איר נאָך באַווייזן, ווער ער איז! ד ז ש א ן ב ל יי ן איז ד ז ש א ן ב ל יי ן! דער הויפּט פון אַן אַרטעל און דער אָנגעזעענסטער פישער ביים ברעג ים — זי וועט זיך ביי אים אָדער בויגן, — אָדער זי וועט מוזן צעבראָכן ווערן. אַזוי צי אַזוי — זיין האַרץ וועט מער נישט ליגן אין אַ ווייבערשער האַלקע.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז שוין ד ז ש א ן געווען ווייט אויפן מיטן באַרגיקן דאָרפס-וועג, וואָס האָט געפירט אַרונטער-צו, צום סאַלון.

ג

דאָס פריילעכע שבת-אין-אָוונטיקע גערויש אין קלייט האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן.

עס איז שווער געווען צו זען, וואָס מען פלעגט דאָ פאַרקויפן, אין אָט דער קלייט. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קאַנטאָרקע, הינטער וועלכער עס פלעגט זיך די מייסטע צייט קיינער נישט געפינען. אויבן, אויף דער קאַנטאָרקע, איז געשטאַנען אַ גלעזערן שוי-קעסטל, אין וועלכן אַ פּאָר ציגאַרן־שאַכטלעך האָבן זיך געאייגזאַמט און שוין אין משך פון יאָרן אויסגעשטעלט; אויף די אויפגעעפנטע דעקלעך, אַ רייע פּעטע, זאַטע, טערקישע האַרעם-ווייבער, האַלב־ליגנדיקע אויף דיוואַנען, גלייכגילטיק רויכערנדיק זייערע נאַרגילעס גלייך אין די תאוודיקע פּנימער אַריין פון מאַט־טונקעלע טערקישע פּרינצן. די לעצטע זענען בענקשאַפטלעך געלעגן ביי זייערע פיס, מיט ברענענדיקע, ג׳ריק-אַרויפקוקנדיקע אויגן.

אויף די ווענט פון דעם קלייט זענען געהאָנגען פאַרשידענע בלעכענע שילדלעך און רעקלאַמע־קאַרטלעך, דיק־פאַרשטויבטע און פאַרפינטלטע מיט פליגן-קויט, מיט שוין־פאַרשאָלענע און אָפּגעשוואַכטע שטימען האָבן זיי דערציילט אַ טומלדיקער וועלט אַרום די מעלות פון פאַרשידענע געטראַנקען און טאַבאַקן. מען האָט אָבער דאָ אין קלייט נישט געקאָנט זען קיין טאַבאַקן און קיין געטראַנקען — די קלייט איז געווען כמעט פוסט. בלויז אַ פּאָר קראָבן-נעצן האָבן זיך איינזאַם געהוילכט אין אַ ווינקל. אויסגעליידיקטע פאַרב־טעפּ, פון וועלכע מען האָט אַמאָל געפאַרבט די שיפן, און וועלכע זענען איצט געווען אָנגעפילט מיט ים־וואַסער, ווו עס זענען אַרומגעשווומען לעבעדיקע „מינניס" און „קילליס" * — פלעגן זיך אויף יעדן טראָט פּלאָנטערן אונטער די פיס.

און דאָך איז די קלייט געווען דער זאַמל-פּלאַץ פון די אַרומיקע פישערלייט און אויסטערלייט פון פּ ר י נ צ ע ס-ב ע י, און ט אָ ט ע נ ו י ל, און פּ ל ע ז א נ ט פּ ל י י נ ס, און ג ר י י ט־פּ אָ ר ק ס און ה אָ ק י נ ג ו ו ע ל י. אַהערצו פלעגן אפילו קומען די ברעג־לייט פון דער לעבעדיקער, שמייענדיק־גרויסשטאָטישער פּ ע ר ט־ע מ ב אָ י, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט פונם ראַריטאַן ים-אויסגוס.

---

* קליינע פישלעך, וועלכע ווערן געברויכט ווי פאַנג שפּייז פאַר קראַבן אין גרעסערע פיש.

די פישערלייט פֿליען זיך דאָ כּמעט תּמיד אָפּשטעלן אויפֿן וועג קיין און פֿון ניו־יאָרק, בעת זיי פֿליען דורכשניידן און צופּאַסן די אַרומיקע ים־אויסגוסן אויף אַ מהלך פֿון צענדליקע מייל, אויף זייערע סקונערס און שלעפּ־שיפֿלעך. פּעטע אַזעלכע שיפֿן זענען עס געווען, פּאַראַיילטע און פּאַרקוילטע שיפֿן, וואָס זענען פֿון צופֿיל אָנגעלאָדנקייט שטאַרק נידעריק געזעסן אין וואַסער, ביזן סאַמע ראַנד פֿונעם באָרט און גיי־ברעט, אַזוי, אַז ס'האָט זיך תּמיד געדוכט, אַז אָט־אָט זינקען זיי. שיפֿלעך שלומפּערדיקע, תּמיד עפּעס איינגעטונקטע אין אַ געדיכטן שיכט פֿון פּאַרקוילטער פֿעטס, שלעפּנדיק ברייטע און בייכיקע, ווי זעכציק־יאָריקע אָפּגעלאָזענע פֿאַרשמאַלצענע קליינשטעטלדיקע יידענעס.

אָבער ווייניק פּישערלייט האָבן געהאַט אַזעלכע מאָדערנע שיפֿלעך, מיט היפּשע מאָטאָרן און מאַשינעס. די מערסטע ברעג־לייט פֿליען נאָך אַרויספֿאָרן ווייט אין ים אַרויס אויף זייערע אַלטמאָדישע, לאַנגע און שמאָלע זעגל שיפֿן, פֿליען אויף זיי דורכשניידן די פֿילע וואַסערן, אויסגוסן און וואַסער־צונגען, וואָס גאַרטלען אַרום די שטאָט ניו־יאָרק, אויפֿן וועג צו די פּישער־שטעטלעך אינם לאָנג־איילענד סאַונד, ביי די ברעגן פֿון דעם שטאַאַל קאָנעקטיקוט. אייניקע פֿליען זיך לאָזן אפֿילו אַזוי ווייט, ווי קיין פּראָווינסטאַון, אָדער נאָך העכער צפֿון־צו, צום באַרימטן אַלטן פֿישער־דאָרף גלאָסטער. די פֿישער־לייט פֿונם ראַריטאַן ים־אויסגוס האָט געצויגן אַהין קיין גלאָסטער, צום רום פֿונם דאָזיקן אַלטן באַרימטן פֿישער־דאָרף. פֿון דאָרט, פֿון גלאָסטער, פֿליען נאָך איצט אויך פֿישערלייט אַרויספֿאָרן פֿאַר הונדערטער און הונדערטער מיילן ווייט אין אָקעאַן אַרויס, צו די באַרימטע זאַמד־בייגק, וואָס געפֿינען זיך אין מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַרום נאָרוועגיען. אַלטע פֿישערלייט פֿליען אין סאַלון ביים טרינקטישל דערציילן, אַז אין זייערע יאָרן פֿליען די פֿישערלייט פֿון גלאָסטער אויף זייערע זעגל־שיפֿן דורכקרייצן דעם גאַנצן אַטלאַנטישן אָקעאַן, העט־ווייט ביז די ברעגעס פֿון סאַמע נאָרוועגיען. און אומקערן זיך פֿליען זיי זיך צוריק שוועראָנגעלאָדענע מיט קאַד־פֿיש, מיט ווהייט־פֿיש און מיט אַלערליי הערינג.

דער דאָזיקער פּלאַץ פון די פּארנעלס האָט געשמט אומהיים־לעך־היימלעך אין דער גאַנצער אַרומיקייט.

די עלטערע לייט פלעגן טאַקע קומען אַהער צוליב אָט דער היימלעכקייט, וואָס זיי פלעגן דאָ געפינען, און כּדי צו באַגעגענען זיך מיט נאָענטע און ווייטע באַקאַנטע, ווייל עס איז געווען אַ שווייגנדיקע, קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש, אַז דאָ איז דער אַלגעמיי־נער זאַמל־פּלאַץ פון די בּרעג־לייט. אָבער די יינגערע פישערלייט פלעגן פאַרקערט אויפגערעגט־ציטערנדיקע קומען אַהער גראַדע צוליב דער אומהיימלעכקייט און מאָדנעקייט, וואָס זיי האָבן דערוואַרט דאָ צו געפינען. זיי פלעגן קומען אַהער מיט אַ קלאַפּנדיק־אויפגערעגט האַרץ און וויזיאָנעריש־פאַרצויגענע אויגן. זיי האָבן זיך טאַקע אַזוי געפילט דאָ: זיס־שרעקעוודיק, אומהיימלעך, — ווייל אַזוי איז געווען געפּאַרבּט זייער אינערלעכער פאַרלאַנג און זייער פרילינגנדיק בלוט, און ווייל אַזוינס האָבן זייערע יונגע אויגן פאַרפּאַלענערהייט געזוכט.

מרס. פּארנעלס בּליק, אַ קיל־שמייכלענדיקער בּליק, פול מיט קלוגשאַפט און וויסן, אַ קיל־שמייכלענדיקער בּליק פון אַ פרוי, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַ סך פאַרגאַנגענהייטן, האָט באַהערשט דעם דאָזיקן פּלאַץ.

— מען קאָן זיך מיט איר אַ שפּיל טון — האָבן די יונגען מיט אַ בּרען זיך געשטויסן איינס דאָס אַנדערע מיט די עלנבויגנס. ווייל כאָטש זי איז שוין געווען היפּש־מיטליעריק, האָט נאָך פון איר געשלאָגן אַזאַ יונגקייט און שפּילעוודיקייט, וואָס פלעגט אויפצאַפּלען אין די בּלוטן ביי די יונגע אויסטער־לייט אַ תאווהדיקע אַרויסשטראַלונג, וואָס איז נאָך שטאַרקער געוואָרן צוליב דער צוציענדיקער צוריקגע־האַלטנקייט, אין וועלכער מרס. פּארנעל פלעגט זיך איינרינגלען. דאָס פלעגט זי מאַכן נאָך מער פאַרכאַפּנדיק, — אַ רייפע, אַ קאַלט־ליידנ־שאַפטלעכע מינערוואַ.

ד

די הייזלעך זענען דאָ נאָענט, נאָענט צום וואַסער, געווען צו־בויפגעשטופּט און צונויפגעדרענגט אינאייגעם ביים זאַמדיקן בּרעג.

קליינע, הילצערנע הייזלעך, צייטווייליקע וווינונגען, געבויט אויף הויכע דראַנגעס און קלעצער, אַריינגעשלאָגענע טיף אין זאַמד. אָבער ווייטער פונם וואַסער־ברעג זענען שוין געווען צעוואָרפן און אָפּגעשיידט איינס פון דאָס אַנדערע מיט טעלכלעך, מיט קליינע וועלדלעך און לאָנקעס, פאַרוואַקסענע מיט הויכן ווילד־גראָז, אָפּגעטיילטע מיט בערגלעך באַדעקט מיט „מילך־ווידס“ [1] און סומאַק־פלאַנצן. יעדער רייכערער פישערמאַן האָט זיך דאָ געוווינט פאַר זיך, אָפּגעזונדערט, ווי באַהאַלטנדיק עפּעס קאָנטראַבאַנדע סחורה, ווי וואַרעמענדיק זיך אַרום געהיימע אוצרות, אַרויסגעשעפּטע אין דער נאַכט־שטיל און אַרויסגעקליבענע פונם ים־דנאָ...

דאָס דאָרף גופא, פלעזענט פליינס, האָט זיך געפונען עטלעכע מייל ווייט פונם ברעג, אויפן באַרג. עס האָט געהאַט איין איינציקע שורה הייזער, אָפּגערוקט אויף אַ לייטישן מהלך איינס פון דאָס אַנדערע. צווישן זיי — אַקאַציע־ביימער, וועלכע האָבן, צופּעליק און דורך אַ וווּנדער, אַריינגעכאַפּט זיך פון ערגעץ אַ וואַרעמער געגנט אַהער אויפן אינזל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהער איבערן וואַסער, דורכן ווינט, אָדער גאָר איינגעפלאַנצט געוואָרן דורך אַן אַלטן „סעטלער“ [2]. איין שטילע שורה רויט־געפאַרבטע קאָטעדזשעס — ווייסע פענסטער, גלאַנציקע שייבלעך און געזייַלטע פּאָרטיקעס, — איז געווען פונאַנדערגעשפּרייט איבער אַ ברייט־זאַמדיקן דאָרפס־וועג.

ליידיקלעך איז דאָ געווען דער ברעג אין ווינטער. גרוי און שטורעמדיק דער ים... פאַרשטופּטע און איינגעטוליעטע אין די ווינקלען און איינטיפונגען פונם ברעג, פלעגן די שיפלעך דאָ שטיין און פרירן. מיט אַן אויסזען פון אַרומשווימענדיקע טויטע פייגל. דורך שטילע ווינטער־טעג פלעגט רויקער ווייסער שניי וואָכן נאָך וואָכן ליגן אויף די אויבערשטע דעקן פון די קלענערע שיפלעך, וואָס זענען בעלעגן אַרויפגעצויגן אויפן ברעג. די שיפלעך מיט די איבערגעקערטע רוקנס האָבן אויסגעזען ווי טויטע גרויסע פיש, ווי טויטע ריזיקע וואַלפישן, וואָס ליגן מיט אויפגעבלאָזענע און אויפגעשוואָלענע בייכער אַרויף צו. ווייסע,

---

[1] אַזאַ ווילדע גראָז.

[2] די ערשטע אַמעריקאַנער קאָלאָניסטן.

שטאָלענע יאַכטעס, גבירישע לוסט-שיפלעך מיט גאָלדענע עמבלעמעס און צייכנס אויף זיי, פלעגן זיך דורכן ווייסן ווינטער-לאַנג וואַרעמען אין רויקע ברעג-ווינקלען, פאַרקלאַפּטע און פאַרמאַכטע ביזן פרילינג-סעזאָן, באַדעקטע און באַשיצטע מיט שווערע ברעזענטן... זיי פלעגן ווינטערדיק-פאַרחלומט זיך קוים באַוועגן אויפן וואַסער.

דאָ זענען אויך געווען פישער-ביידלעך (ווי־עס־איז צענויפגע-קלאַפּטע), אָנגעשטעלטע אויף די הויכע בריקלעך, וואָס האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין וואַסער אַריין, מיט אומגעלומפּערטע, זיגזאַגישע קרייד-אויפשריפטן אויף די קליינע שייבלעך, — אָנגעשריבן מיט אַן-אַלפבעטישער האַנט.

— היינט פאַרקויפט מען דאָ לעבעדיקע פיש, ערשט פון די נעצן אַרויס! קעניג־פיש און שוואַרץ־פיש, און פליאָנדערס, אויך סקעללאָפּס*), פרישע קראַבן...

אין די דעצעמבער און יאַנואַר־טעג, בשעת די גרויסע שטורעמס און ים-זאַווערוכעס, וואָס פלעגן נאָכאַנאַנד שמייסן וואַסער־פלאַכטעס אויף די שיף־דעקן, פלעגן די ווינטערדיקע שיפן ווערן אינגאַנצן באַדעקט מיט אַ דינער פּאָליטור פון בלויען אייז, און די מאַסט-בוימער און שטריק פלעגן באַהאָנגען ווערן מיט אומציילקע אייז־פלעכט-לעך. און אין קלאָרן זוניקן ווינטער־טאָג פלעגט גאָלד און זילבער און געשליפן גלאָז שעמערירן אין דער זון, — אַ קרישטאָלענע פאַנ-טאַסטישע פלאָטיליע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פונם ים־אָפּגרונט צוליב עפּעס אַ ליכטיקן ווינטער-יום-טוב...

נאָר איצט איז שוין לאַנג געווען פרילינג: די ים־ווינטן זענען געוואָרן וואַרעמער. פערלמוטערנע, בלויע, פורפורענע, און אָפּאַל-קאָ-לירטע שיסעלעך און מייער־קעפּלעך האָבן אומעטום געשפּראָצט פונם זאַמד אויפן ברעג. די וואַסער־פויגלען האָבן איצט שוין גאָר אַנדערש געשריגן, — ווייכער, האַרציקער און מוטערלעכער. און אַז די מייוון פלעגן מיט לאַנגע אויסגעצויגענע באַוועגונגען פון זייערע לאַנגע, האַלב־געשפּאָלטענע פליגלען זיך נאָכאַנאַנד אַרומצירקלען איבערן וואַ-

---

* אַן אויסטער־אַרטיקע באַשעפעניש פון דער מאָלוסקן־פאַמיליע

סער, — דאָס קעפּעלע אויסגעבויגן פאָרויס און אין דער טיף, דאָס
שנעבעלע שאַרף אָנגעשטעלט, — און פלעגן אַ שטיק צייט זיך קרייזן
אַזוי, קוים באַוועגנדיק דאַן מיט אַ פליגל, ווי דער גאַנצער פויגל־
קערפּער זייערער וואָלט געווען פון איין מעטאַלענעם גוס — פלעגט
זיך דעמאָלט דאַכטן, אַז די פויגל מאַכן עס איצט דורך די פאַרשי־
דענע „באַוועגונגען" פון אַזאַ רעליגיעזן וואַסער־טאַנץ, פון אַ ווייט־
אין־מיטן־ים־טאַנץ, פון אַ פרילינג־טאַנץ אין מיטן אָקעאַן... און אַז
זיי פלעגן דערנאָך אומגעריכטערהייט און גלייך־אָפּגעריסן זיך אַ טונק
טון אין וואַסער אַריין און עפּעס אַרויסרייסן פון דאָרט, אַ לעבעדיק
פישל צי וואָס, איז עס אויך נישט געווען דערפאַר ווייל זיי זענען
געווען „רויב־פייגל", נאָר ווייל פרילינגדיקע זאַפטן, האָבן געקורסירט
איצט דורך זייער בלוט, אויפרעגנדיקע און שטייף־מאַכנדיקע זאַפטן,
און די אָנקוועלנדיקע ענערגיע זייערע האָבן זיי דאָך געמוזט אויס־
גיסן אין דעם שאַרף־זיסן תענוג פון פאַרצוקונג...

איצטער איז געווען פרילינג. היינט ביינאַכט איז נאָך דערצו
געווען די צייט פון פולער לבנה, בלייך־אויסגעלאָסן און מיט קאַלט־
געניטער ליידנשאַפט האָט די לבנה געצויגן די וואַסערן פון די אָפּ־
גרונטן צו זיך אין דער הויך, אַלץ אַרויף, אַרויף, אַרויף. דערנאָך
האָט זי זיי פונקט אַזוי קאַלט און שמייכלענדיק־גלייכגילטיק אָפּגע־
שטויסן צוריק און געלאָזט זיי זיך גיסן אין אָנגעוואַלדיקער אָפּגע־
שוואַכטקייט איבער דער ערד. דאָס וואַסער אינם „קריק" האָט זיך
איצט אַזוי הויך אויפגעהויבן, אַז עס האָט דערגרייכט ביז אויף יע־
נער זייט פאַרנעלס הויז, אַזש ביז צו די פענסטער. אויף דער
אַריינגאַנג־זייט פון הויז האָט זיך דאָס וואַסער דערנענטערט ביז צו
דער סאַמע טיר. מען איז איצט אַריינגעגאַנגען אין הויז איבער לאַנ־
גע ברעטער, וואָס פלעגן תמיד אין דער צייט פון וואַסער־צופלוס
אויבערגעוואָרפן ווערן איבער די הויכע שטיינער, וואָס זענען גראָד
דאָ געוואַקסן אינם זאַמד. פון צוויי זייטן איז דאָס הויז איצט גע־
ווען אַרומגערינגלט מיט וואַסער. דאָס הויז האָט זיך איצט פונאַנדער־
געבליט אויפן וואַסער, ווי אַ לעבעדיקע פלאַנץ.

ה

אינווייניק אין פּאַרנעלס הויף, אין דער קלייט און ערגעץ אַנדערש-ווו, האָט עס איצט אויך געבליט...

עס איז איצט שבת אָוונט, און פישערלייט האָבן געגוג געלט. אויף יענער זייט קאַנטאָרקע איז געשטאַנען דער אַלטער פּאַרנעל מיטן בלייך איינגעדאַרטן פּנים און תמיד־אונטערגעשלאָגענע אויגן, מיט דער גרויער, אויסגעקראָכענער און פּליאַמענדיקער באָרד, און מיט זיין גאַנצער חרובער פיגור. נישט קיין פישער איז ער געווען, — ער איז געווען אַן אַריבערגעקומענער אַהער פון ערגעץ אַ קליין שטעטעלע אין אָרעמען, אָפּגעלאָזענעם שטאַאַט פון דער סויט *.

ער האָט איצט אַלץ נאָכאַנאַנד געשלעפּט פון דער ערד אַרויס, הינטער דער קאַנטאָרקע, פלעשער ברענדי, וויסקי, „סקאַטש ריי" ** און זיי מיט אַ בול־בול־בול צעגאָסן אין די גלעזלעך אַריין.

קאַרסטען, נאָכדעם ווי ער האָט אויך אַנטייל גענומען אינם אַנגעשטרענגטן, כלומרשט לייטישן געשפּרעך, וואָס קומט תמיד פאָר צווישן אָנשטענדיקע לייט, וועלכע האַלטן שוין די גלעזלעך בראָנפן אין די הענט, נאָר וועלכע ווילן אָבער אַרויסווייזן זייער גלייכגילטי־קייט צום בראָנפן מיט דעם, וואָס זיי פאַרציען, קענגן אייגענעם ווילן, לענגער דאָס געשפּרעך, — קאַרסטען האַלט ענדלעך נישט אויס, ער גיט אַ פאַרצווייפלטן מאַך מיט דער האַנט, ווי ער האָט מיט דעם געוואָלט איבערגעבן, אַז די גאַנצע אָנשטרענגונג זייערע איז אַן אומ־זיסטע... ער הויבט אויף זיין גלאָז און מאַכט אַ ברכה, קוקנדיק אין גלאָז אַריין מיט כוונה:

Lets oil the rusty pipes'. ***

און אַ פליאָך אַריין די פליסיקייט אין האַלז אַריין, וואָס איז ביי אים אָפּגעשטאַנען פונם גאָרגל, ווי אַ פעלן, אַרונטערהענגענדיקן זעקל ביי אַ קענגור.

---

* דרום אמעריקע.

** אַזעלכע סאָרטן בראָנפנס.

*** לאָמיר אויסשמירן די פאַרזשאַווערטע רערן.

דורך דער אָפענער טיר האָט פלוצלינג אַ ווילדער שפרונג אַריין געטון דזשאַן. מיט זיין ווילדן און שטאַרקן שפרונג האָט ער אַזש אַרונטערגעוואָרפן אין וואַסער אַריין דאָס ברעט, וואָס איז געלעגן איבער די שטיינער אין דרויסן. עס האָט זיך געהערט אַ פּאַטש אין וואַסער, ווי פון אַ גרויסן, פון וואַסער אַרויסגעשפרונגענעם פיש. שפריצן און שפריצלעך האָבן זיך געפערלט אויף די שויבן און זיך אַריינגעשאָסן דורך דער טיר אין קלייט אַריין. אָן אַ היטל, ווי תמיד, מיט בלאָנדע צעפּאַטלטע האָר, האָט דזשאַן איצט אויסגעזען, ווי ווען אַ ווינט פון ווייטן אָקעאַנען-וואַסער אַרינטער וואָלט פלוצלינג איצט אין הויז אַריינגעפלויגן.

ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין אויפן שטיינערנעם שוועל איבערן וואַסער און באַטראַכט דעם עולם פון קלייט און עמעצן געזוכט מיט די אויגן.

זי איז דאָ נישט געווען. ווער: זי — מייבל?... ווי נאַריש! ווי קומט זי אַהער? נאָר עפּעס האָט ער דעם גאַנצן וועג אַהער אין שענק אַריין געהאַט אַ מאָדנעם געפיל... גייענדיק אינם טונקעלן אָוונט צווישן די נאַקעטע פעלדער, האָט זיך אים אַלץ אויסגעדוכט, אַז ער בייט עמעצן באַגעגנען, אַז ער וועט עמעצן אונטן ביי פאַרנעלן טרעפן. טרעפן אַ גאַסט. נו, עס קאָן זיך דאָך מאַכן, אַז זי זאָל זיך אויף אַ פּאָר מינוט אָפּשטעלן דאָ, שמועסן... וואָסי? פאַרוואָס נישט?

ער האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרדעכטיק אומגעקוקט; אַ ווײַלע האָט זיך אים אַפילו אויסגעדוכט, אַז ער וועט דאָ עמעצן כאַפּן... ועמען כאַפּן? ביי וואָס כאַפּן? ער האָט נישט געוווסט אויף קלאָר. נאָר עפּעס מאָדנע... פאַרדאַכטן—אפשר גאָר אומבאַגרינדעטע פאַרדאַכטן — און ספקות זענען אין אים איצט געבוירן געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן באַשמעקן די לופט, ווי אַ הונט באַשמעקט די לופט נאָך שפורן. ער האָט מיט זיין צעהיצטן מוח אָנגעהויבן פאַרבינדן מייבלען אין באַהאַלטענע באַציונגען אָט מיט דעם, אָט מיט יענעם פישערמאַן ביים ברעג. ער האָט זיך איצט איינגעקוקט פאַרדאַכטלעך אין יעדנס פּנים פון די פישערלייט ביי די טישלעך. ס'איז דאָך געווען נאַריש... זי איז דאָך צו איידל, זי איז דאָך אין אַלע פּרטים העכער פאַר יעדן פון זיי, און דאָך...

די יעניקע, וועלכע ער האָט דערוואַרט, האָט ער דאָ נישט געטראָפן. ער האָט זיך געפילט איצט באַנאַרישט, מיאוס, און טאַקע — מ יי ב ל זאָל זיך אָפּשטעלן אין סאַלון ?..

ק אַ ר ס ט ע ן האָט באַגעגנט זיין באַלעבאָס פונם ברעג-ים מיט אַ גלאָז אין האַנט, גלייך און נישט פאַרהיקנדיק זיך, מיט באַטאָנונג און אָפּשטעל, האָט ער אויסגעשאָסן זיין „טאָאַסט":

Here is to Teddy
Rough and ready,
The population is his cry;
Get the habit
Of the rabbit,
Get together — and multiply!

די עלטערע פישערלייט אַרום אים, שטילער און שוויינגדיקער, האָבן ווי עפּעס אַ מוז-זאַך, ערנסט און מיט אומבאַוועגלעכע פנימער, אין כאָר אַרויסגעזאָגט:

Well, boys, over the hot sands!.. *

זייערע פנימער זענען איצט, ווי תמיד, געווען פאַרכמורעט. מיט אַ ביטערער ליבשאַפט, מיט אַ ליבשאַפט, וואָס האָט כמעט דערגרייכט ביז שנאה, האָבן זיי געקוקט אויף די גלעזלעך משקה, ווי אויף אַ געליבטער, וועלכע מען האָט אי פיינט, אי ליב, און וועלכע איז אין געפאַר אָט-אָט אויסגעכאַפּט צו ווערן פון זייערע הענט.

שוין אַ לענגערע צייט, ווי עס גייען אַרום איבערן ים-ברעג קלאַנגען, אַז אינגיכן וועט מען „אויסטריקענען" דעם געגנט אַרום און אַרום אויף אַ ראַדיוס פון גאַנצע פינף-מייל. ערגעץ, אינם ווייטן שטעטל, וווּ ס'איז דאָ די „קאָונטי-סיט"**, אין אַן אומבאַקאַנטן גרויען הויז, וואָס געפינט זיך אויף אַן אומגעהויערער הויך און וואָס קיינער פון די ברעג-לייט האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט פאַראינטערעסירט צו זען, — זיצן דאָרט מאָדנע מענטשן, מענטשן בייזע,

*) נו, חברה, לאָמיר בענעצן די אָנגעגליטע שטיינער.

**) דער פאַרוואַלטונג-אָרט פון אַ קלענערן מוניציפּאַלן אַדמיניסטראַטיר-פּונקט.

מענטשן טרוקענע, מענטשן, וועלכע באַלעבאַטעווען איבער די לעבנס און מזלות פון צענדליקער טויזנטער לייט אַרום, אין וועלכע ווילן ונעמען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן ביי די פישערלייט, — ביי מענטשן, וועלכע קענען זיי גאָרנישט און ווילן זיי נישט קענען.

וואָכן און וואָכן, אַ סך מאָל לאַנגע חדשים נאָכאַנאַנד, וואַלגערט מען זיך אויף די שיפן, מען טוט זיך נישט אויס נעכט נאָך נעכט, מען עסט פון קענדלעך נישט־פרישע, איינגעמאַרינירטע און קאָנסער־ווירטע מאכלים, מען קושט נישט קיין ווייב, מען שמעקט נישט דעם ריח פון אַ נאָענטן פרויען־לייב, — מען שמעקט בלויז זאַלץ און בלוט פון פיש; מען זעט נישט קיין אייגן קינד, קיין אייגן רינד, — מען זעט בלויז ים און איינטאָניקע וואַסערן, — וואַסערן און הימל, וואָס איז אַזוי וואָלקנדיק־גרוי און איינטאָניק, ווי ים. מען ווערט דעמאָלט קאַלט-גלייכגילטיק צו אַלעמען. מען אַרבעט שווער־אָנגעשטרענגט יע־דע מינוט אויפן שיף, בשעת זי פאָרט אַרויס ווייט אין אָקעאַן אויף פאַנג, אויסער די פאָר שעה, ווען מען כאַפּט אַריין אַן אייליקן, פערדישן דרימל. מען הערט אויף צו טראַכטן וועגן אייגענעם גורל— דער אייגענער גורל איז שוין אַ פאַרטיקער און אַ באַוווסטער אויף אַלע אייביקייטן, מען טראַכט שוין אַפילו מער נישט, אַז מעגלעך נאָך אין דער נעכסטער מינוט, איידער דער געדאַנק פאַרענדיקט זיך, קאָן מען זיך שוין אויף אייביק צונויפמישן מיט נאַסער גרויקייט פון ים און וואַסער־לופט איבערן אָקעאַן.

קומט מען דערנאָך אויף דער יבשה, פאַלט מען גלייך אַנידער מידע און אויסגעמאַטערטע ווי פון אַ אָנגעשטרענגט־ביטערער מלחמה. שלאָפט מען צו ערשט אָפּ אַ צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד, אָן אַ הפסקה, נישט אויפכאַפּנדיק זיך אַפילו פאַר דער גאַנצער צייט אַ טרונק וואַ־סער צו טון, אָדער משתין צו זיין. און דערנאָך, אַז מען כאַפּט זיך אויף, צעפּאַרעטע און פאַרלעגערטע, ווערט מיטאַמאָל אַזוי פוסט אויף דער נשמה, אַזוי פוסט און ליידיק, ווי מען וואָלט דורכן שלאָף אַלץ פאַרלוירן, דאָס גאַנצע לעבן. ס'ווילט זיך מער נישט טראַכטן פון דער פאַרבראַכטער צייט אויפן ים. יעגע צייט זעט אויס בכלל צו זיין אַ מאָדנער, ווילדער חלום פון אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט, פון וועלכער די יבשה-מענטשן קאָנען בלויז האָבן אַ בילד. אַ באַ־

גריף, אָבער דאָך נישט וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

איז דאָס ערשטע, כּדי צו דערפילן אַ ביסל שטאַרקער דעם אָפּגעשוואַכטן פּולס פון לעבן, הויבט מען אָן טרינקען, זשליאָקען בראָנפן, ווי וואַסער. ווערט איצט בראָנפן דער נאַטירלעכער עלעמענט פאַר די פישערלייט אויף דער יבשה, פּונקט ווי וואַסער איז עס געווען פריער — אויפן ים. ווערט דאָס בלוט הייסער, לויפט דאָס אין די אָדערן ווי זודיק וואַסער אין אַ קעסל — הויבט מען אָן ערשט אויפן צווייטן טאָג פון דער הוליאַנקע צו פילן, אַז ס'איז דאָ אַ לעבן אַרום — אַ נאָך־נישט געזען און נישט דורכגעפילט לעבן. באַמערקט מען ערשט איצט מיט אַ פריידעכן שמייכל, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ וועלט אַרום, אַז ס'איז דאָ אַרום אַ חבר, אַ שיף־פריינט, סתם אַזוי אַ מענטש... גיט מען אים אַ זעץ מיט אַ קנאַכנדיקער פויסט, מיט אַ ביר־גלאָז, מיט אַ בענקל... ביי די דאָזיקע תּמיד־קאַלטע און תּמיד־שווייגנדיקע ים־מענטשן האָט זיך אָקאָרשט אויפגעוועקט גאָר אַ מאָדנע, אַ באַזונדער נייגעריקייט. פישערלייט ווילן איצט זען, וואָס אַ שטייגער קאָן פון אַזאַ שפּיל אַרויסקומען...

און אויפן דריטן טאָג, און ווייטער, רינט שוין ביי די פישערלייט בלוט איבערן קאָפּ, איבער שטערן און באַקן, קלעפּט זיך אויף צוזאַמען האָר און בלוט און אָפּגעדעקטער מאַרך. קוקט עס אויס אַזוי מאָדנע באַקאַנט. ס'דערמאָנט די ים־מענטשן אָן די ריזיקע קאַד־פיש, וועלכע זיי דערהרגענען מיט אייזערנע פּרענטעס און שטאַנגען, בשעת מען שלעפּט זיי אַריין אין די קליינע „טאָכטער"־שיפלעך. אין די דאָזיקע שיפלעך לאָזן זיך די פישערלייט אַוועק ווייטער פון דער גרויסער מוטער־שיף, כּדי אַריינצונעמען די נעצן, וואָס זיי פאַרשפּרייטן אין מיטן אָקעאַן. הויבט זיך אָן אַזאַ ריז־פיש צו וואַרפן, קאָן עס נאָך דאָס שיפל איבערקערן, און צו דער מוטער־שיף איז ווייט, און דער אָקעאַן איז תּמיד שטורעמדיק, פונם ערשטן טאָג אָן פון זיין באַשאַפן איז ער באַרגיק און טאַליק, און דאָס טאָכטער־שיפל איז אַזוי אויך כּמעט יעדע מינוט שוין אונטערן וואַסער — צעשפּאַלטן אים, דעם ריזן־פיש, די פישערלייט דעם קאָפּ מיט אייזערנע שטאַנגען, מיט פּרענטעס, מיט רודערס. דער פיש איז אַזאַ שטאַרקער, ער וואַרפט זיך אין דער גסיסה, בלוט און מאַרך פון אים שפּריצט

באַלאַנגאַנד אין פנים אַריין און ווערט אויף אים פאַרגליווערט; נישטאָ קיין צייט אין מיטן פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט עס אַרונטער-צוּוואַשן...

דערמאנען איצט די צעשפּאָלטענע מענטשן־קעפּ אָן די צעבלוטיקטע פיש. אַמוזירט עס איצט די פישערלייט. ווערן איצט די תּמיד־קאַלטע אַ ביסל אויפגערעגט, וועקט זיך אויף דער דרימלענדיקער חשק נאָך בלוט. פאַלן אַוועק אַמאָל אַזוי עטלעכע צעהרגעטע פישער־לייט. פאַלן צום סוף אַוועק אַלע איבריקע פישערלייט טויט-מיד, — פון סאַלון האָט מען זיי שוין אַרויסגעוואָרפן — ווערן אַנטשלאָפן ווער אויף אַ שטיין, ווער אויף נאַקעטער ערד, ווער אויף צעבראָכע־נע גלאָז־שערבלעך, קאָפּ אויף פוס, הענט אויף העלזער, פנימער אין בלוט...

אין עטלעכע טעג אַרום קומט מען צו זיך, און מען קוקט זיך אָן ווי ערשט צוריקגעקומענע פון אַ ווייטער רייזע... פון אַ ווייטער נסיעה אויף דער יבשה. און אין איר לעבן אַריין, מען טרייסלט פון זיך אָפּ דעם שטויב און מען ווערט ווידער אַנטשוויגן. מען קערט זיך אום סוף כּל סוף צוריק אַהיים — אויפן ים צו דער גרימיקער, שווערער אַרבעט.

נאָר עס זיצן שוין לאַנג מענטשן אַזעלכע ערגעץ אין אַ גרויען הויז. איבערן הויז פלאַטערט תּמיד אויף אַ הויכן סקאָסנע-הענגעדיקן ווייסן שטאַם אַ גרויסע פאָן פון שטערן און שטרייפן. זיצן מענטשן דאָרט אויף אַן אומגעהויערער הויך. זיצן שוין אַ לאַנגע צייט דאָרט ווילד־פרעמדע מענטשן, זיצן, קראַצן זיך די פליכן מיט די געגנזענע פעדערן, — נישט מיט די געגנזענע פעדערן, נאָר מיט די קוואַל-פענעס — קראַצן זיך די פליכן, קנייטשן די שטערנס, שוויצן אַזש טראַכטנדיק און זאָרגן, זאָרגן.

— צופיל טומל ביים ים־ברעג... צופיל געפילדער... אַז ס׳פאַר־שווינדן די פישערלייט צוריק אויף זייערע שיפן, פאַרבלייבן גרויסע בלוט־פלעקן אויפן וואַנט און דיל. די גראָבע, שטאַרקע בראָנפנס טויגן נישט פאַר זיי, טויגן נישט, — זיי זענען דאָך ווי קינדער... ווייסן נישט פון קיין אָפּשטעל. מען דאַרף זיי דעריבער צוימען, היטן, היטן, צוימען און היטן, — האַלטן זיי שטייף אין קלעם.

גייען שוין אַ לענגערע צייט אַרום איבערן ברעג קלאַנגען, אַז גאָר אינגיכן וועט מען „טרוקן" מאַכן דעם גאַנצן געגנט פאַרבאָטן דעם פאַרקויף פון משקאות אויף פינף מיילן אַרום.

און נישקשה, די פישערלייט דערשמעקן אַלץ מיט זייערע ברייטפונאַנדערגענומענע, שאַרפע נאָזלעכער... ווייסן זיי אויך, ווער עס האָט די שטאַרקסטע האַנט אין דעם דאָזיקן דראָענדיקן אומגליק. דער רייכער ליסלי, דער אייגנטימער פון דער נאָענטער גרויסער פאַבריק, וווּ עס ווערן פאַבריצירט אַלערליי ציין־פּראָדוקטן: ציין־פּודער, פּייניקע בערשטלעך, זאַלבן, וואַסערלעך, אַלערליי פּליסיקייטן, און נאָך אַנדערע שמאָכטעס — סגולהס קעגן פּיאָרייא און פאַר דער אָפּהיטונג פון די ציינער...

— פע, מיאוסע צייטן אָנגעשטאַנען...

— ווער האָט עס אַמאָל געוווּסט?

— די פישערלייט האָבן שאַרפערע שטעכערס, ווי ביי די אַקולעס... ווייסע, ברייטע און בלישטשענדיק־שאַרפע זענען זיי — אמתע „פענגס"... *

אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן — איצט איז אָנגעשטאַנען אַ דור אַ געבילדעטער, אַ קלוגער און אַ צעקראָכן־שוואַכער. אַזוי ווי קיין ציינער האָבן זיי נישט, בייסן זיי אַנדערע, און דערהויפּט אָבער זיך זעלבסט — בלויז מיטן מאַרך און מיט די פאַרסמטע, שאַרף־פאַרפּיינערטע געפילן, די געפילן זענען ביי זיי אַזוי איידל־פאַרפּיינערט געוואָרן, אַזוי פאַרשאַרפט־אַרומגעפּאָלירט, אַז זיי זענען ביי זיי ביסלעכווייז כמעט אינגאַנצן פאַרשווּנדן געוואָרן, און איבערגעלאָזן האָבן זיי הינטער זיך בלויז דעם זכרון, בלויז די אילוזיע פון געפילן.

ו

אַ גרויסע פאַבריק. פינף ריזיקע געביידעס, אָן אַ שיעור שפּייכלערס, סקלאַדן, שטאַלן, דעכער, גאַראַזשן, פּלאַטפאָרמעס, און אַלץ איז אַרומגערינגלט מיט אַ נידריקן פּלויט פון שווערע, פּירקאַנטיקע שטיינער, וואָס גיט צו דעם גאַנצן אַן אויסזען פון דאָרפישע

---

* שאַרפע שפּיציקע ציינער (ביי רויב חיות).

פֿון אַ רייכן פּריצישן מאַיאָנטעק. פֿון צווישן די שטיינער־שפּאַלטן, פֿון כמעט אומגעזעענע אויסהיילונגען אין די שטיינער גופא, שפּראָצן אַרויס ווילד־גראָזן מיט בלויע און רויטע בלימלעך. בנינים אויף אַ מהלך פֿון הונדערטער און הונדערטער פּוס אַרום.

אַ באַזונדערע צווייג פֿון דער סטייטן־איילנדער אייזנבאַן־ליניע איז צוגעפֿירט צו דער סאַמע פֿאַבריק. כמעט אַלע יונגעלייט און יונגע מיידלעך פֿון אַרום און אַרום דעם אינזל, און אַפֿילו די יונגע ווייבלעך, און אויך אַ סך געוועזענע פֿישערלייט פֿון נאָענטן ים־ברעג פֿלעגן פֿרימאָרגן־איין, פֿרימאָרגן־אויס איינגעשלונגען ווערן אינם גרויסן טויער פֿונם הויפּט־אַרייַנגאַנג — איינגעשלונגען ווערן, ווי אין מויל פֿון אַ מולך־טעמפּל, אויף אַ גאַנצן קיילעכדיקן טאָג, סיי זומער און סיי ווינטער און זיך גאָר פֿאַרגעסן דאָרטן אָן דער שיינקייט פֿון גאָטס וועלט, זיך פֿאַרגעסן אַפֿילו, אַז אַזאַ וועלט איז גאָר דאָ. ווי קליינע אייזנ־לעך, שרייפֿעלעך, שטענגעלעך, רימענדלעך, שטאַבעלעך פֿון אַ ריזיקער מאַשין, פֿלעגן זיי זיך דאָרט אַרומדרייען און אַרומוואַרפֿן, אַרומדרייען און אַרומוואַרפֿן זיך אָן אייגענעם ווילן, קאָרטשען זיך ווי אין פֿאַליקע, יעדער פֿאַר זיך, נישט ווינסדיק צוליב וואָס איז וויכטיק זיין באַזונדערע אַרבעט און וואָס איז איר מיין,—און אַלע אַרבעטער, העכער זיבן הונדערט אין צאָל, פֿלעגן אַרויסברענגען אויף דער וועלט ציין־פּודער...

מיט פֿאַרביסענער שנאה האָבן די נאָך פֿאַרבליבענע ביים ברעג עלטערע פֿישערלייט געקוקט אויף דער פֿאַבריק. מיט נאָך מער שנאה, ווייל זיי האָבן גאָר גיך אויסגעפֿונען, אַז זיי נויטיקן זיך פֿונדעסטוועגן צאַלע אין דער פֿאַבריק, אַז זיי וואָלטן זיך שוין איצט נישט געקאָנט באַגיין אָן די דאָזיקע רויטציגלדיקע, פֿאַררויכערטע געביידעס בשכנות... אַז אַפֿילו זיי, נישט גאָר די יונגע פֿישערלייט, האָבן געבענקט אַהין... אַז זיי וואָלטן זיכער נישט געוואָלט, מען זאָל די פֿאַבריק צונעמען פֿון דאַנען: ס'וואָלט געוואָרן אַ סך ערגער... און עס איז געווען אין זייער באַציונג צו דער פֿאַבריק און צו מר. ליסלין עטוואָס פֿון דעם, וואָס אַ מאַן פֿילט צו אַ ווייב, וועלכע ער האָט פֿיינט, נאָר ער ווייס, אַז נישט נאָר קאָן ער פֿון איר נישט פּטור ווערן, נאָר ער נויטיקט זיך אַפֿילו אין איר... און דאָס מאַכט

זיין שנאה טאָפּלט שטאַרקער און האָפנונגסלאָז-פּיינלעכער...

יעדעס יאָר, יעדעס יאָר פלעגן די יונגערע פישערלייט פאַמעלעך און פאַרשעמטערהייט זיך אַרויסרוקן און פאַרשווינדן פון די באַרקעס און מאָטאָר-שיפן, פון די טראַלערס און זעגל-שיפן, אַראָפּוואַרפן פון זיך די פאַרשמאָלצעוועטע און שווערע קאַמזילן, אָנגעזאַפּטע מיט זאַלץ און פיש-בלוט, און זייטנוועגס, ווי נישט וועלנדיק די עלטערע זאָלן זיי באַמערקן, זיך אַריינגליטשן אינם גרויסן טויער פון דער פאַבריק. און דערנאָך, אין וואָכן אַרום, פלעגט מען שוין זיי זעען אין שבת-טעג און אין זונטיק-טעג אַרומשפּאַצירנדיק אויפן ברעג, אָנגעטון אין פראַנטישע, גרויסשטאָטישע קליידער. מיט האַרטע, אָנגעקראָכמאַלעטע קאָלנערס, אײַנגעצנצן אַפּילו אויסקוקנדיק לייטישער, נאָר אין דער זעלביקער צייט אויך אָפּגעצערטער, מאָגערער און בלייכער...

מיט שנאה האָבן די פישערלייט געקוקט אויף דעם רעזידענץ-הויז פון מר. ליסלי, וואָס האָט זיך ווייס און רויט אַרויסגעזעען פון דעם נישט-ווייטן גרויסן ווילדן סאָד. דער סאָד האָט זיך געצויגן אויף אַ מהלך פון היבשע עטלעכע קילאָמעטער, כמעט האַרט פונם ברעג ים אַרויף באַרג-צו. איבער פילע טעראַסעס און באַרג-אַרויף-שטייגן, העט-ווייט, כמעט ביזן סאַמע דאַרף אויפן העכסטן פונקט פונם באַרג-אַרויף, אַ פּאַלאַץ פון אַ קעניג. אַרום און אַרום דעם הויז האָט זיך געקייַלעכדיקט אַ ברייטע, מורמלנע גאַלעריע. גידעריקע און דיקע זיילן, ווי אין אַריינגאַנג צו אַן אַלט-אינדישער פּאַגאדע, האָבן אויף די קעפּ געטראָגן דעם דאַך. אַרום און אַרום דעם דאַך — אַ קארניז מיט פיל אָרנאַמענטן און באַפּוצונגען, מיט שניצונגען און אויסגעטאָקטקייטן אין גאָלד און אין זילבער. די קאָלירן פון די אָרנאַמענטן פלעגן זיך ביטן אין דער זון, ווי די קאָלירן פון אָפּאַל-שטיין. דער מאַרמאָרנער פּאַסאַד, וואָס האָט פאַרנומען אַ העלפט פונם הויזס הויף, האָט זיך אין אַ זוניקן טאָג געשאָקלט און געכוואַליעט מיט זיינע אומצייליקע אָדערלעך און בלוט-קאַנאַלעכלעך. דער קאָל-טער מאַרמאָר האָט אויסגעזען ווי אַ ראָזלעך-רויט, לעבעדיק פליישגעוועב.

אַלע פישערלייט און אויסטערלייט, וואָס זענען נאָך דערווייל פאַרבליבן אַרבעטן אין די שיפן, האָבן מר. ליסלין פיינט געהאַט.

הע, אויף וואָס האָבן זיי באַדאַרפט ציין-פודער? אָבער ער, ווי בכּיוון אַרויסווייזנדיק זיין מאַכט, פלעגט רעגלמעסיק, דריי מאָל יעדן טאָג, אין דער באַשטימטער צייט, דורכפאָרן אויף זיין אויטאָמאָביל די קורצע שטרעקע צווישן זיין פּאַלאַץ און דער פאַבריק, דורכפאָרן שווייגנ־דיק און פאָרנעם,—אַ דערוויטערטער, זייער אַ רייכע שררה. און צו וואָס האָט ער גאָר געדאַרפט פאָרן מיטן אויטאָמאָביל אַזאַ קורצן מהלך, וואָס מען האָט געקאָנט דורכגיין אין אַ צען מינוט? אָנשטאָט פיס, מוז ער מסתמא האָבן קלעצלעך,—פלעגן די ברעג-לייט זיך ביטער וויצלען צווישן זיך, נאָכקוקנדיק דעם אויטאָמאָביל דורכן שטויב-פאָרהאַנג, וועלכער פלעגט אים פון הינטן האַלב פאַרשטעלן, און פאַרשטינקען מיט גאַ־זאָלין די לופט אַרום זיך.

און מעגלעך, אַז נישט נאָר מר. ליסליס פיס זענען מיט דער צייט געוואָרן ווי קינסטלעכע פיס, אויסגעבויטע פון שטיקער קלעצער, אָדער אויסגעהאַקטע פון מאַרמאָר, אָדער אויסגעגאָסענע פון גיפּס צי טשוגון. אינגאַנצן ער און זיין אויטאָמאָביל האָבן טאַקע אויסגעזען ביי אַ מענטשן מיט פאַנטאַזיע, ווי אַ באַשעפעניש פון איין גוס, ווי אַ ווילדע, מאָדנע-היינטוועלטיקע חיה, אַ מאָדערנער צענטאַוור, אויף פיר רעדער־פיס, מיט אַ בלייך־אַרויסטאָרטשנדיקן מענטשן-קאָפּ אין דער מיט. דער מעטאַל האָט זיך, אפשר, אַלץ מער געהויבן פון אונטן, פון דער ערד, אַריינגעקראָכן אים אין לייב אַריין. פאַרגלי־ווערט אים דעם גוף. דאָס ביסל לעבן האָט זיך ענדלעך אינגאַנצן אַרויסגעריסן פון דעם זיך נאָכאַנאַנד-פאַרמעטאַליזירנדיקן גוף, און זיך איצט אינגאַנצן קאָנצענטרירט אין קאָפּ. זיין קאָפּ איז אים נאָכ־אַנאַנד געוואַקסן אויפן חשבון פונם גאַנצן גוף.

ווען מר. ליסלי פלעגט זיך דורכטראָגן אין זיין שווער-גופיקן „פּעקאַרד״*) פון דער פאַבריק אַרויס איבערן „קריק״־בריקל און אי־בערן ברעג, אָדער ווען ער פלעגט אין אַ פאַרנאַכט זיך וויגן אינם געפלאָכטענעם באַמבוס־שטול אויף דער גאַלעריע פון זיין הויז און אַרויסקוקן אין ים, פלעגט דער קאָפּ נאָכאַנאַנד טראַכטן און פלענער מאַכן, מאַכן אַלערליי געשעפט-סכעמעס און חלומען...

*) אַזאַ סאָרט אויטאָמאָביל.

ער פלעגט חלומען, אַז אַמאָל, אַמאָל — כאָטש ווער ווייס אויב ער וועט עס נאָך דערלעבן — וועט גאָר דער גאַנצער ברעג זיין צעשניטן און אויסגעלייגט אין האַרמאָנישע חלקים, וועט דער גאַנצער ים-ברעג ווערן פאַרבויט און אויסגעמאָסטן דורך אינזשינערן און פעלד-מעסטערס, וועט דער גאַנצער ים-ברעג דאָ זיין אויסגעבעסערט לויטן לעצטן וואָרט פון האַפן-אַרכיטעקטור און וועט אויסוואַקסן אין אַ ריזיקן, וועלט-באַרימטן האַפן. ס'זענען דאָ אַלע מעגלעכקייטן פאַר דעם. דער ברעג-ים דאָ איז אַ נאַטירלעכער פאָרט.

מר. ליסלי גייט אַריין אין זיין קאַבינעט און קומט אַרויס מיט אַ גרויסן ים-שפּאַקטיוו. ער שמידט צו זיינע אויגן אויף אַ לאַנגער צייט צום ים. ער לאָזט זיין בליק בלאָנדזען אַ שטיק צייט איבער די גרינלעכע וואַסער-פעלדער... ער טראַכט אַלערליי טראַכטונגען... ער כאַפּט זיך באַלד אָבער צוריק, געמויער, זאַכלעכער, ווי אַ געניטער אינזשינער. נעמט ער איצט אַריין פון זיין באַאָבאַכטונגס-פונקט די לאַנדשאַפט אַרום: אָט זענען די קרימונגען פונם ברעג, די פּילע שפּעלטעלעך און אַריינבויגונגען — פון דער הויך פון זיין ווילע נונג אויפן באַרג קוקט זיי אויס קליין, ווי די פּאַסיקלעך אויף אַ געאָגראַפישער לאַנדקאַרטע. אַ טיפער, הויכער, פעלזיקער ברעג איז עס, אָבער דערפאַר וואָס ער איז ריין פון אונטערוואַסערדיקע שטיינער, ווען די גרעסטע שיפן קאָנען צוקומען צום סאַמע ברעג.

מיט בענקשאַפט פלעגט מר. ליסלי דערנאָך ווידער אַרויסקוקן מיט זיין שפּאַקטיוו ווייט אין ים אַרויס, אינם „טשאַנעל", ווו די טראַנסאַטלאַנטישע דאַמפערס, דערוויטערטע און וויכטיק-חשובע, מיט פילע קוימענס, פאָרן דורך דעם סאַמע מיטן פונם ים-אויסגוס ראַריטאַן, אויפן וועג קיין ניו-יאָרק. ער האָט געחלומט, אַז ס'וועט נאָך קומען אַ צייט, און זיי וועלן נאָך צוקומען דירעקט אַהער צו אָן אַרטיקן האַפן ביים ברעג... דער האַפן וועט ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט און וועט אַפילו פאַרטונקלען דעם גרויסן ניו-יאָרקער האַפן. און אַ שטאָט, אַ כּרך אַ ריזיקער — וועט אויסגעבויט ווערן דאָ. דער גאַנצער סטייטען-אײלענד אינזל וועט פאַרבויט ווערן אין איין שטאָט, אַ שטאָט, וואָס וועט זיך כוואַליען צוזאַמען מיט די פעלדן פונם אינזל באַרג אַרויף און טאָל אַרונטער...

ליסוויל וועט הייסן די שטאָט.

און די פּראָדוקטן פון דער „ב. דזש. ענד סאנס ליסלי דענטאל פעק־טארי" * וועלן דירעקט פון דאַנען דורך די פּילע שיפן פונאַנדערגע־פירט ווערן צו די ווייטסטע לענדער און מדינות, אַרונטער דעם אַט־לאַנטישן אָקעאַן, צום דרום, אויף יענער זייט עקוואַטאָר, צו די קלע־נערע רעפּובליקן פון דער לאַטיינישער אַמעריקע. זיין, ליסליס, מלוכה וועט זיך שפּרייטן אין ווייטע לענדער...

און כדי, אַז זיינע גרויסע און ווייטע חלומות זאָלן וואָס גיכער און זיכערער פאַרווירקלעכט ווערן, דאַרף דערוויל יעדעס זאַמדעלע, יעדעס שטיינדעלע, יעדעס פּיצעלע אין דער פאַבריק זיין אויפן ריכ־טיקן אָרט. אַלץ דאַרף אַרבעטן גענוי און פּרעציז. זיין ווילן איז, אַז אַלע קלייניקייטן מוזן פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן, — דער ריזי־קער חלום־בנין וועט פּאַמעלעך און זיכער דעמאָלט אויסוואַקסן...

האָט מר. ליסלי זיך דעריבער שטאַרק געזאָרגט, אַז דער אַרבעטער-עלעמענט אין זיין פאַבריק זאָל זיין אַ ניכטערער, אַ רויקער, אַ קלאָרער, אַ פּינקטלעך און רעגלמעסיק-אַרבעטנדיקער מענטש-עלע־מענט, אַן עלעמענט, וואָס פאַרלאָזלעך און שווייגנדיק פירן זיי אויס זייערע פאַרשידענע פונקציעס, ווי די מאַסיוו-געבויטע, פאַרלאָזלעכע און רויק־בלאַנקנדיקע שטאָלענע מאַשינען.

און ניכטער האָבן זיי געדאַרפט זיין... טאָמער, כ'ווייס וואָס, אַן איבעריק גלעזל בראָנפן — ווערט אַ שרייפּעלע קאַליע — שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע פאַבריק... אַלץ האָט געמוזט אַרבעטן גענוי, פּינקטלעך, אויסגערעכנט, ווי ס'האָט געטראַכט איבער זיי און העכער פון זיי און פאַר זיי דער פּיל-פאַרקנייטשטער און געפּאַלדעוועטער מוח פון מר. ליסלי.

און ער האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז בשעת די אָרטיקע וואַלן זאָלן אויסגעוויילט ווערן „זיינע" מענטשן. מענטשן, וועלכע וועלן שוין דורכפירן וואָס ס'איז נויטיק, וועלן שוין דורכפירן די געהערי־קע פאַראָרדנונג, לויט וועלכן דער פאַרקויף פון שטאַרקע, פאַרשיכורנ־דיקע געטראַנקען זאָל אינגאַנצן פאַרבאָטן ווערן. די זונטיקס וועלן

---

* „ציין־פאַבריק פון ב. דזש. ליסלי זון".

דערנאָך ווערן רויקער, און די מיטניוואָכס — ניכטערער און זיכערער, די אַרבעטער — פאַרלאָזלעכער, געצוימטער און בלייכער...

ליסלי האָט געחלומט פון אַ צייט, ווען דער גאַנצער ברעג־ים וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן, באַרימטן אינדוסטריעלן און האַנדלס־צענטער. די פישערלייט, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן ביי זייער געשעפט פון פיש־האַנדל, וועלן אָדער מוזן ווערן אַרבעטער ביי אים אין די פאַבריקן, אָדער, אויב זיי וועלן זיך איינשפּאַרן, וועט ער זיי לייגן אַזעלכע שוועריקייטן אין זייער באַשעפטיקונג, אין זייער פיש־האַנדל, אַז זיי וועלן סוף כל סוף געצוווּנגען ווערן פאַרלאָזן און אָפּ־רייניקן דעם ברעג.

ליסלין זענען תמיד געווען, ווי דערנער אין די אויגן, אָט די פאַרבליבענע פישערלייט ביים ים, די מענטשן מיט זייער אומאָפּהענ־גיקן פרייען לעבן, מיט זייער גלייכגילטיקייט און אַפילו שנאה צו זיין, ליסליס וואַקסנדיקער מאַכט! ער האָט, אויסער דעם, נישט גע־וואָלט, אַז זיי זאָלן מיט זייער בלויזער אָנוועזנהייט אויפרייצן די אַר־בעטער פון דער פאַבריק. די לעצטע פלעגן זיך שעמען פאַר זייערע אַמאָליקע חברים און מיטאַרבעטער פון די געמיינזאַמע אַרטעלן, און פלעגן אָפט פאַרלאָזן די פאַבריק און זיך צוריק אומקערן צום ים. די אַרבעט אין דער פאַבריק פלעגט פון דעם, כאָטש צייטווייליק, — ביז מען פלעגט קריגן אַנדערע אַרבעטער־הענט — אָבער דאָך דער־ווייַלע ליידן.

ליסלין האָט דעריבער, דורך זיינע אַגענטן און פאַרשידענע פאַרבינדעטע פירמעס, געמאַכט אַלץ שווערער פאַר די היגע אויסטער־לייט זייער ווינען ביים ברעג. דורך זיינע פאַרצווייגטע פאַרבינדונגען האָט ער זיך אַלץ געמיט, אַז דער מסחר אין פיש און אין אויסטערס פון די דריי־פיר שכנישע שטאַאַטן — ניו־יאָרק, ניו־דזשורסי, קאָנ־נעקשקוט און מאַסאַטשוזעטס — זאָל איבערגעטראָגן ווערן פונם ברעג פונם ראַריטאַן ים־אויסגוס צו די ברעגן פון לאָנג איילענד סאונד, און צו די דערפער פון קאָנעקטיקוט.

פאַר די היגע פישערלייט איז אַלץ שווערער געוואָרן די קאָנ־קורענץ פון די נאָענסטע פישערלייט פון לאָנג איילענד סאונד, וועל־כע זענען וואָס אַ טאָג רייכער געוואָרן, ווען מר. ליסליס אַגענטן

האָבן מיט אַלץ, און דערהויפּט מיט געלט-קרעדיט אין די בענק, געהאָלפֿן. ליסליס פֿאָרשטייער, דורך אַלערליי קאָמבינאַציעס, האָבן אויך שוין אַזוי אויסגעקאָמבינירט, אַז די פּרייזן אויף לאַנד אַרום זאָלן האַלטן אַלץ אין איין שטייגן. דער נסיון צו פֿאַרקויפֿן זייערע שטיקלעך ערד פֿאַר גרויסע מקחים איז פֿאַר די פֿישערלייט דעריבער געוואָרן אַלץ שטאַרקער, פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן זייערע ירושהדיקע נחלאות און אויסוואַנדערן פֿון דאַנען.

דאָס אַלטע פֿישער-דאָרף האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צע־בּרעקלען, פֿונאַנדערפֿאַלן: אַ סך זענען אַריינגעטראָטן אין ליסליס פֿאַבריק, און אַ היפּשע צאָל האָט עמיגרירט אין די גרויסע פֿישער־דערפֿער, וואָס געפֿינען זיך אויפֿן האַלב־אינזל ג ל אָ ס ט ע ר, און נאָך העכערצו, אין קאַנאַדע און אין ניו-פֿאונדלענד. נאָר די, וועלכע זע-נען נאָך פֿאַרבליבן דאָ ביים ברעג, האָבן עקשנותדיק און פֿאַרביסן געקריצט מיט די ציין און בלינד געוואַרט... געהאָפֿט, אַז זייער שעה וועט נאָך אַמאָל שלאָגן.

ז

אַ פֿייערדיקער קנויל האָט זיך געפּלאָנטערט אין אַ ווינקל פֿון דער קלייט, אַ פּיל־קעפּיקע, קיילעכדיקע חיה, אַ ריזיקער שטערן-פֿיש, ער האָט זיך גערעגט, דער דאָזיקער קנויל, קאָנוואולסירט, געצופּט, געוואָרפֿן זיך, געהויבן און געניִדערט, און פֿון צייט צו צייט אַרויס־געלאָזן פֿון זיך הייסע, שטייף־אָנגעצויגענע, פּלוצלינג שאַרפֿע גע־שרייען.

— קומט, ביינדלעך...
— קומט, זיבן... קומט, עלף...
— קרעפּ... *
— קאַטשעט די ביינדלעך... שוט קרעפּ...
— קומט, עופּהלעך... קומט, קינדערלעך...
מען האָט זיך געבעטן ביי די ביינערנע ווירפֿלעך, געפּיעשטשעט

* אַ גאַנג אַזאַ, ווו אויף די ווירפֿל-ביינדלעך קומט אויס צוויי זעקסן אָדער צוויי איינסן, אָדער אַן איינס מיט אַ צוויי.

זיי, ווי אויף געליבטע געקוקט אויף זיי מיט גיריקע, גלוסטנדיקע אויגן, און ווען זיי האָבן נישט געגעבן די ריכטיקע צאָל, האָט מען זיך מיטאַמאָל אָפּגעקילט צו זיי, אַריבערגעגאַנגען אין גלייכגילטיקייט און זיך דערווייטערט פונם קרייז. נאָר לאַנג נישט אויסגעהאַלטן, דער חשק צו שפּילן איז ווידער אויפגעשוואָלן, דער אזארט האָט זיך פאַרבאַנדערגעפלאַקערט ביז כעס — האָט מען זיך ווידער צוגערוקט, ווידער גענומען אַ האַנט, און ווידער אָנגעהויבן בעטן זיך ביי זיי, ביי די ביינדלעך, די געפּינטלטע, און ווידער לאַשטשען זיי.

דאָס שפּיל האָט איצט דערגרייכט דעם העכסטן עקסטאַז. דער עולם איז אַזש אַנטשטומט געוואָרן פון צעהיצטער פאַראינטערעסירטקייט. בלויז די אויגן האָבן גזלניש געפייערט:

— קומט, ווירפלעך... קומט, טייערינקע... ליבינקע...

הענט און אָרעמס, און שטייפע גופים האָבן זיך אַריינגעשאָסן איינס אין דאָס אַנדערע, און זיך צונויפגעפלאָכטן, און געדריגעט, און געצאַפּלט זיך, און געהיצט זיך מיט יעדן פיבער פונם שוויצנדיק לייב. ס'האָט איצט רויט געבליט אינם הויז. דער געשמאַק פון אויסטערס און פוילנדיקע ים־גראָזן האָט זיך פון דרויסן, פונם „קריק" אונטער די פענסטער, געטראָגן אַהער דורך דער פרילינגדיקער נאַכט. האָט אויפגעשוימט און אויפגעשלאָגן דאָס בלוט, און דאָס בלוט האָט זיך געפינעט אין די אָדערן, געזוכט אַן אויסוועג, אַן אָפּקילונג, אַ הייסע איינשטילונג.

ביי אַ זייטיק טישל, ווייט פונם טומלדיקן קנויל, האָבן זיך איצט צונויפגענומען עטלעכע עלטערע פישערלייט. מיט אַ פאָר דאָלאַר וויניקער אין קעשענע — קלענערע פאַרדינער און גרעסערע משפחות! — און בלייכערע, אויסגעוועפטערע בלוטן, האָבן זיי געדאַוונט מעריב פאַר זיך, זיך אויפגעפירט „לייטיש". אָ, זיי האָבן זיך שוין געקאָנט פאַרגינען איצט צו זאָגן מוסר די איבריקע, פון וועלכע דאָס לעבן האָט אַרויסגעשאָסן און אַרויסגעפּראַלט, ווי די קערנדלעך מאָן שיסן אַרויס פון די צייטיקע מאָן־קעפּלעך.

— אי, אויף וואָס מען פטרט עס די צייט אַוועק...

— און די יונגע ענערגיע...

— באַ, פישערלייט זענען זיי?.'. גרויסשטאָטישע ספּאָרטן?...

די פֿאַבריק... די פֿאַבריק איז אין דעם אַלעם שולדיק... ביי, פֿי־שערלייט זענען זיי? פֿלאטקע-כאַפּערס!

טייכעלעך קיי־טאַבאַק און שפּייעכץ ווערן פֿון די צעקרימטע, חרובע מיילער אַרויסגעשפּיגן אין פֿאַראַכטונג, און זיי צעפֿליאכן זיך אויף דער פּאָדלאָגע אין קליינע בלאָטקעלעך.

— פּלאטקע-כאַפּערס... אָט, אַמאָל זענען געווען, אויסטערלייט— אמתע שארקס!*)

— פּלעגן טאָקע אויך כאַפּן שאַרקס!

און מעשהלע נאָך מעשהלע וועבט זיך. מעשהלעך פֿול מיט ריחות פֿון ים-זאַלץ, צעפּוילטן ים־גראָז, לבנה־ליכט אויפֿן וואַסער, ווייסע כוואַליעס־„קעפּלעך” אין אַ שטורם־טאָג, אויסצערנדיקע שטיל־קייט פֿון רוענדיקן ים אין לבנה־נאַכט... שטיל, גלייכגילטיק ווערט דאָס אַלץ דערציילט. שווערע, פֿאַרשטיינערטע ים-נעצן אויף פּעלזיקע בערגן רעדן. עס ציען זיך ביי זיי די ווערטער, ציען זיך שווער, קוים-באַוועגלעך, קריכנדיק, באַדאַכטערהייט. די פּיפּקעס ווערן לאַנג־זאַם געצויגן, אָדער דער טאַבאַק ווערט בשעת מעשה געקייט לאַנגזאַם און נאַכלעסיק, ווי די פֿישערלייט וואָלטן אײַנגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דעם, אַז זיי האָבן איצט טאַבאַק ביי זיך אין מויל. דאָס געשפּרעך איז ערנסט, חשובדיק, סאָליד. דאָס בלוט זייערס—קיל, ווי ביי די קלעמס, ווי ביי די אויסטערס און די סקעלאָפּס**), וואָס האָבן אויסגעפּילט זייער גאַנץ לעבן און זיך סוף כל סוף איבערגעוואָרצלט אין זיי גופֿא.

דאָס אייביקע מענטשלעכע באַדויערן פֿון דעם „אַמאָל” פּילט אָן זייער געשפּרעך.

— אַמאָל... אַמאָל...

אַמאָל איז אַלץ געווען אַנדערש, אַמאָל זענען די מענטשן געווען אַנדערע, העלדישערע... אַמאָל האָט איינער אַ היגער געבוירע־נער פֿישער, וועלכער האָט געאַרבעט ביי אַ גרויסער פֿיש-קאָמפּאַניע

---

*) אַ ים־חאַלף: אין פֿיגוראַטיוון זין — שאַרף־קלוגע, אַגרעסיווע מענטשן.

**) אַלע ים־באַשעפֿענישן פֿון דער מאָלוסקן־פֿאַמיליע.

אין גלאסטער. דורכגעקרייצט דעם אָקעאַן קיין נארוועגיע איינער אַליין אין אַ רודער-שיפל, וואָס איז געווען אינגאַנצן פּופּציק פּוס די לענג. אַז ער האָט זיך שוין אומגעקערט צוריק אַהיים, האָט אויסגע-בראָכן אַ גרויסער שטורעם אויפן ים און ער האָט דעריבער זיך נישט געקאָנט אָפּשטעלן, אָפּרוען, אַפילו אויף קיין האַלבע שעה נישט. ער האָט געמוזט רודערן נאָכאַנאַנד טאָג און נאַכט. דאָס וואַסער פון די מוראדיקע כוואַליעס האָט אים אינגאַנצן באַגאָסן, און דער פראָסט איז געווען שטאַרק. זענען זיינע הענט פאַרפרוירן געוואָרן און צו-געפרוירן געוואָרן צום רודער. און אַז ער איז ענדלעך בשלום אָנגעקומען קיין גלאסטער, האָט מען אים געמוזט אָפּשניידן דעם גאַנצן רעכטן אָרעם: ער האָט שוין געהאַט געפוילט. גאַנגרענע... ווי הייסט עס דאָרטן...

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. הערט־זשע, וואָס עס איז גע־ווען ווייטער:

— בשעת דער אָפּעראַציע האָט מען אים פאַרגעלייגט ער זאָל איינגעמען עטער. אַ קלייניקייט. אָפּשניידן אַ גאַנצן אָרעם! מען האָט געדאַרפט האַקן, זעגן... האָט ער זיך ענטזאָגט. וואונדערט מען זיך, פרעגט מען ביי אים: „פאַרוואָס“? זאָגט ער...

דזשאָן, וועלכער האָט ביזאַהער אויך געשפּילט ווירפלעך, אַ האַלב־שיכורער פונם געמיש פון פילע געטראַנקען, וואָס ער האָט אין זיך דורכן אָוונט אַריינגעגאָסן, שפּאַרט זיך דאָ אַריין אינם קרייז, שלאָגט איבער דאָס געשפּרעך און דערקלערט מיט אַ וויכטיקער, זי־כערער און הערשנדיקער שטים.

— וועל, נעקסטע וואָך דאַרף מען שוין אָנהויבן צוגרייטן די אויסטער־גרונטן!

אַלע קוקן אים אָן ערשטוינט, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן אין מיטן דערינען אין געשפּרעך. מען וואָלט עס אים אַוודאי אָן אָנ-דערש מאָל נישט דורכגעלאָזן אַזאַ מין גראָבקייט. נאָר זיין פּנים איז אינגאַנצן פאַרפלאַמט, און פאַרגאָסן מיט משקה אָדער אַזוי עפּעס אַ רציחה, זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן. ס׳ווייזט אויס — ער זוכט נאָר אַ געלעגנהייט, מען זאָל אים זאָגן אַ וואָרט אַנטקעגן, וועט ער זיך

אויף יענעם גלייך אַרויפֿכאַפּן. די פּישערלייט קוקן זיך איבער, און איינער, צוליב איידלקייט און פּאַרזיכט, גיט אין אַ ווײַלע אַרום צו:

— יאָ, ס'איז שוין טאַקע העכסטע צייט... דאָס רויגוואַרפן האָט זיך דאָך שוין אַ לענגערע צייט אָנגעהויבן, דזשאָן?

אַלע שאָקלען צו איינשטימיק מיט די קעפּ. נאָר דזשאָן שטילט זיך נישט איין. ער רייסט זיך אַלץ... ער טשעפּעט זיך. פּאַרקערט, אים פּאַרדריסט, וואָס מען קלאַפּט אים אָפּ די פֿליגלען פֿון זיין כּעס. ער וויל מען זאָל אים געבן אַ געלעגנהייט אויסשרייען איצט די לונגען פֿון זיך, זיך אָפּקילן. קאָנטיק, אַז אינעווייניק ברענט אים דאָרט אַ שטאַרק פֿייער. ס'איז אים שווער, שווער זיך איינצוהאַלטן.

— הע, מיינע אויסטער־בעטן זענען דאָך די בעסטע אין דער נאַכבאַרשאַפֿט... מיינע אויסטער־פֿעלדער ציען זיך דאָך דורך דער גאַנצער לענג פֿון די „קרייטאָן זאַמדבענק"! אַ קליינינקייט ס'אַרא סאָרט גרונט מיינע פֿעלדער האָבן: קרעפּטיקער פֿעלז, באַצויגן פֿון אויבן מיט אַ נישט־דיקלעכן פּלאַסט פֿון ווייכער בלאָטע... אָט דאָס איז דאָך דער פֿיינסטער ווערקפּלאַץ פֿאַר אויסטערס... מיינע אויסטערס קומען טאַקע אַרויס קיילעכדיקע אַזעלכע, פֿעטע, גרויסע, אַלע רעגלמעסיקע... מען כאַפּט זיי אויס ביי מיר אויפֿן מאַרק — די שענסטע זענען זיי אין דער גאַנצער געגנט!

אַ הויכער און אַ בלאָנדער איז ער געווען, מיט גרינלעך־בלויע אויגן, ווי דער קאָליר פֿונעם ים אין אַ געוויסער־צייט; מיט ברייטע, אָדערדיקע הענט, פֿאַרצויגן אינגאַנצן מיט אַזאַ טונקל־גרויער, פֿלאַמענדיקער הויט־קאָרע; אַ פֿליישיקע, אַרונטערגעקאַטשעטע אונטערשטע ליפּ; גרויסע אַרונטערהענגנדיקע אויערן, ווי ביי אַן אייזל; אַ לאַנגע נאָז, וועלכע האָט זיך צום סוף פֿאַררונדעט אין אַ קיילעכדיק באַלכל, ווי אַ קאַרטאָפֿל. ער האָט זיך שוין עטלעכע טעג נישט געגאָלט: אַרויסשטעקנדיקע קורצע האָר זענען אים געווען צעשפּרייט איבערן פּנים, און אויסגעזען האָט ער דעריבער איצט, ווי אַ יעזש.

— און מיט וואָס שפּייזט איר זיי, אייערע אויסטערס? — סטאַרטשעט אויף אים אויס אַ שיכּורער פּישער אַ פּאָר אויגן, גלעזערנע און אַרויסקריכנדיקע, ווי ביי אַ קראַב. דאָס גלאָז שאָקלט זיך ביי אים אין האַנט. ער ווייס אַליין דעם ענטפֿער, דער דאָזיקער פּישער,

כאָטש ער איז שכּור, נאָר ער וויל געבן דזשאַנען אַ געלעגנהייט זיך באַרימען נאָך אַ ביסל.

— כאַפּט זיי דער שוואַרצער יאַר... שפּייַזן זיי... כאַ-כאַ... זאָלן זיי זיך אַליין שפּייַזן! וואָס האָסטו אויסגעטאַרטשעט אויף מיר אַ פּאָר אויגן? ווייסט גאָרנישט? צעקראָכענע פלאָנדרע דו... אויף מיי־נע בעטן געפינען זיי שוין אַליין גענוג שפּייַז. אָט זעסט, שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים, ווען מיר פירן זיי אַריבער פון ים־וואַסער אין זיסלעכן וואַסער — אין דעם גרעגאָרי-טייכל — ווען מיר פירן זיי אַריבער ספּעציעל אויף צו פעט מאַכן, דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש...

— און מיט וואָס מאַכט איר זיי דאָרטן פעט? — מיט קוקורו־זע־מעל? — איז דער פרעגער אַלץ באַשטאַנען אויף זיין געמאַכטער נייַגעריקייט.

דזשאַן האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל. אַ הירשער סעקטאָר פון אַ קרייַז האָט זיך אָפּגעצייכנט אין דער לופט דורך אַ שאַ־רף־אַרויסגעשאָסענעם שפּיי. די אונטערשטע ליפּ זיינע האָט זיך נאָך נידעריקער אַרונטערגערוקט, אין פולשטענדיקער פאַראַכטונג.

—באַ, אַלטער דו, עובר־בטל איינער: קוקורוזע־מעל... באַבסקע איינגערעדענישן זענען דאָס... מיר טוען עס וויסנשאַפטלעך, פאַרשטייט איר מיך! ווי־סענ־שאַפּט־לעך... פאַרשטייסט? מיר געברויכן פוידערס אַזעלכע — באַפּרוכטפּערערס! ס'איז אי ביליק, אי וויסנשאַפטלעך, אי ווייניק מחזוקות, אי ריין!... אָט וואָס...

מרס. פאַרנעל, וועלכע איז אָקאָרשט פאַרטיק געוואָרן מיט איר צוגרייטונגס אַרבעט פאַרן מאָרגנדיקן גרויסן זונטיק-וואַרמעס, איז איצט אויך צוגעגאַנגען צום קרייַז. אַ הויכע איז זי געווען און אַ פּעסט-געבויטע, מיט אַ פולער ריזיקער טאַליע, און מיט גרויסע, לענגלעכע אויריַנגלעך פון פאַרטונקלטן זילבער, וואָס זענען תמיד געהאָנגען אין אירע אויערן. דער שמייכל אויף די פולע, רונדיקע נאָך איצט אויך פייכטע ליפּן; די גלאַטקייט פונם געזיכט-הויט, נאָך אַלץ אָן שום שטראַלכלעך-קנייטשעלעך אַרום די אויגן און נאָז־פליגלען; דער פייכטלעכער אויגן־גלאַנץ; די נאַטירלעכע רויטע פאַרב אויף אירע באַקן, ווי זי וואָלט אָקאָרשט אַ צעהיצטע פונם אויוון אַוועק — דאָס איז אַלץ עפּעס ווי נישט געווען פאַר אירע יאָרן...

און בײ די יונגערע פישערלײט האָבן זיך שױן תמיד די בלוטן צע־קאָכט, װען נאָר זי איז געװען דאָ אַרום. די ערד האָט געציטערט אונטער אירע קרעפטיקע, פרישע פיס, װי די לופט האָט געציטערט אַרום אירע נאָזלעכער און אירע פולע און נאָך שטײפע ברוסטן.

װען דזשאַן האָט זי דערזען, האָט ער זיך, עפּעס סתם אַזױ, אָנגעהױבן נעצן די האַנט מיט שפּײַעכץ און גלעטן זײַנע גלאַנציקע געלבלעכע האָר. אַ געלעכטער, װי אַן אױפגערעגט הירזשען פון אַ פערד, װאָס דערזעט זיך נאָענט צו אַ שטאַל מיט שפּײַז, האָט זיך אַרױסגעשאָטן פון זײַן מױל.

— גוט ב׳אָװנט, מאַדאַם.

ער איז מיט אַמאָל גאָר, גאָר איבערגעביטן געװאָרן — אױפ־געלײגט איז ער געװאָרן, און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן מיט אַזאַ קלוגינקן בליק, װי ער װאָלט עפּעס אַ גרױסע חכמה אָקאָרשט געהאַט אַרױסגעזאָגט.

דאָ האָט מרס. פאַרנעל מיטאַמאָל שטאַרק דערפילט דעם טײװל אין זיך. איר האַרץ האָט אָנגעהױבן שטאַרק טיאָכקען. איר בלוט האָט אַ פלוצלינגדיקן זאָד געטון. זי האָט זיך געװאָלט איצט אַ רײַץ טון מיט דזשאַנען.

— נו, װי גײט׳ס, שכן... װען פאָרט מען עס שױן אַרױס צו־גרײטן די אױסטער־פעלדער, סער דזשאַן?

דזשאַן האָט אַ פלאַץ אַרױס געטון מיט אַ געזונטן, נידריקן גע־לעכטער, װאָס האָט אָפּגעקלונגען װי דאָס קײקלען זיך פון אַ װײַטער ים־כװאַליע. די אױגן זענען אים אַזש װײַס געװאָרן, אַזױ האָט ער זיך ספּאָנ־מיש אַ קאַטשע געטון פאַר געלעכטער. קײנער פון די אַרומיקע האָבן נישט פאַרשטאַנען װוּ דאָ איז געװען דער גרױסער שפּאַס אין מרס. פאַר־נעלס שאלה. נאָר בײ אים אין אַן אױגן־װינקל, האָט אַ שעלמישער בליק זיך געטוליעט: אַ שעלמישער בליק, װאָס האָט לחלוטין גאָרנישט געהאַט צו טון מיט דעם געשעפטלעכן כאַראַקטער פון זײַן ענטפער.

— אָ, נעקסטע װאָך, מאַדאַם. נעקסטע װאָך — שױן אױף זיכער.

מרס. פאַרנעל איז אַװעק צום צװײטן עק פונם שױ־קאַסטן, אַרױסנעמען פון דאָרט אַ שאַכטל ציגאַרן פאַר עמעצן. דזשאַן האָט פון הינטן געצילעװעט ברענענדיקע אױגן אױף איר רונדיקן אַנט־

בלויזטן אָרעם, וואָס איז געווען מיט אַ גאָלדענעם פון באַדעקט. ער איז איר ווי אַ פאַרכישופטער נאָכגעגאַנגען. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיט גלוסטינג די ליניע פון איר אָרעם העכערצו, צו די קיילעכדיקע און פרעכטיק־געטאָקטע אַקסלען, און פון דאָרטן איבער דעם ברייטן און פעלזיקן נאַקן, אַרונטערצו, צו די ברייטע, ריזיקע קלובעס. זי האָט געטראָגן אַ דזשארדזשעט־וועסטל פון דער פאַרב פון קאָפּענהאגן־בלוי. די שפּיצן פון דעם ווייסן אונטער־העמד זענען טאַקע אונטער דעם געלעגן רויק און שווייגנדיק, אָט ממש, ווי שעפּסעלעך אויפן גראָז. אָבער אונטער זיי... אָ, אונטער זיי איז געווען אַ וועלפּין.

פון דאַנען, ביים צווייטן עק און דער קאַנטאָרקע, וואָלט איר קול סיי ווי נישט דערגרייכט צו קיינעמס אויער אין שטוב. נאָר מרס. פארנעל מאַכט פונדעסטוועגן נאָך שטילער איר שטים, ווי וועלנדיק זאָגן אים עפּעס אַ וויכטיקן סוד. זי פרעגט ביי דזשאנען עפּעס, פרעגט מיט אַ קליין חנעוודיק שמייכעלע, נאָר אירע אויגן פייערן און פון איר גוף שטראַלט אַרויס אַ פאַרכאַפּנדיקע היץ. זי רעדט אַזוי זיס — אַ וועלפּין, וואָס וויל כלומרשט רעדן גוטע רייד צו אַ לעמעלע, איידער דער פאַרצוקונג.

— אייער ווייבל איז שוין געקומען צו פאָרן פון ניו־יאָרק?

דזשאַן איז בלייך געוואָרן. אַ קריידיקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט, ווי פון אַ פלוצלינגדיקן שלאַנג־ביס. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי, מרס. פארנעל, פונקט ווי אַלע דאָ, ווייסט אויך, אַז מייבל איז היינט גאָרנישט געקומען צו פאָרן. אין איין מינוט איז ער ניכטער געוואָרן. קאַלט. אויך מיט אַ שטילער שטים האָט ער געענטפערט:

—יאָ, זי איז שוין געקומען, מרס. פארנעל. איך האָב זי איבערגעלאָזט אַליין אין דער היים.

זי האָט פאַר זיך אַ שמייכל געטון: זי האָט געוווּסט בעסער...

דער אַלטער פארנעל האָט זיך לעקישעוואַטע אַרומגעקוקט אויף דעם פּאָרל. זי האָט באַמערקט איר מאַנס הינטישן בליק, און מיטאַמאָל האָט זיך איר אומווידערשטייליך שטאַרק פאַרוואָלט מיטן פוס אַוועקשליידערן אים פון דער קאַנטאָרקע, ווו ער איז אַזאַ נכנעדיקער געשטאַנען. איר לינקער פוס האָט אַזוי געביסן, אַז זי האָט זיך קוים

געקאָנט איינהאַלטן: פאָרט אַזוי פיל מענטשן געווען אַרום. דער אַלטער האָט עס באַמערקט. איר בלוט האָט אַ פּלוצלינגדיקן זאָד געטון, ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער קאַנטאָרקע, ווי נישט וועלנדיק שטערן זיין פרוי אין אירע פריוואַטע געשעפטן. זי האָט זיך אָן אים גלייך פאַרגעסן, און איר האָט זיך איצט אַזאַ גליענדיק־זיסער געטראַנק צעגאָסן איבערן גאַנצן לייב, דורך אַלע אָדערן, — אַ צעלאָזענער, הייסער פייער. אַ צונטערדיקע פאַרביקייט האָט געדיכטער אויפגעבליט אויף אירע גלאַטע פולע באַקן. איר הייסער בוזעם האָט כמעט ווי געברענט דזשאנען אין פנים אַריין.

די דאָזיקע ברענענדיקע און גלוסטנדיקע פאַרב איז אָבער ביס־לעכווייז פון איר פאַרשוואונדן, ווען דזשאָן האָט מיט אַ קאַלטן שפּי־לעוודיקן טאָן נאָך עפּעס צוגעגעבן:

יאָ... זי איז דאָך היינט נאָכמיטאָג געקומען צו פאָרן, מייבל. איינע אַליין, זיצט זי איצט ביי מיר אין הויז. כ'האָב זי גע־בעטן מיטגיין מיט מיר אַהער, נאָר זי האָט נישט געוואָלט. געזאָגט, אַז זי פילט זיך נישט גוט. זי קען נישט גיין אַזאַ לאַנגן מהלך. די פיס זענען איר איצט אַ ביסל געשוואָלן, ווייבערשע זאַכן, כ'ווייס... יאָ, זיצט זי איצט טאַקע איינע אַליין אין די בערג. גוט, טאַקע. וואָס איר האָט מיך דערמאָנט, מען דאַרף גלייך גיין אַהיים.

דזשאָן איז דאָך גאָרנישט געווען אַזוי נאַריש, ווי איינער וואָלט עס געקאָנט דענקען, קוקנדיק אויף זיין פירקאַנטיקן פלאַטשיקן געזיכט מיט די רויע ברייטע שטריכן, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ רעפּראָדוקציע פון אַ האָלץ־שניט.

ח

דזשאָן איז אָבער אַהיים נישט געגאַנגען. ער האָט פונדעסט־וועגן נישט געוואָלט אַזוי פרי זיין אייניקער אַליין אין אַ ליידי־קער שטוב.

דאָס ווירפל־שפּיל אין קלייט איז געוואָרן שוואַכער. איצט האָט שוין בלויז געשפּילט אינגאַנצן איין פּאָרל. צוויי יונגע פישערלייט זענען ביידע געזעסן אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך, ווי די טערקן, און מיט בליציקע אויגן און מיט ברייט־פונאַנדערגענומענע מיילער גיריק נאָכגעפאָלגט די אומדערוואַרטעטע באַוועגונגען פון די

געוואָרפענע ביינדלעך. אַרום זיי האָט געזונגען אַ געפּלעכץ פון שטי־
מען, וועלכע האָבן נישט־צונויפגערעטערהייט צוזאַמענגעשטעלט אַן
אימפּראָוויזירטן כאָר. מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט און ערנסטקייט,
ווי ער וואָלט אָנגעפירט אַ קירכן־כאָר, האָט דער אָנפירער פאַרצויגן
מיט זיין רויער, נידריקער באַסאָווער שטים:

My baby needs a pair of shoes! *

און ערנסט און פייערלעך, ווי אַלע וואָלטן זיך איצט מתפּלל
געווען צו אָט די קליינע, קאַפּריזנע אָפּגעטלעך, וואָס האָבן צווישן די
צוויי שפּילער אַרומגעטאַנצט אויפן דיל, האָבן די איבריקע פונם כאָר
אונטערגעכאַפּט:

O, come dice, come.

די נאַכט איז געוואָרן וואָס אַמאָל שפּעטער און וואָס אַמאָ־
ליכטיקער: אַ פולע לבנה האָט קופּערנע גלאַנצן פונאַנדערגעשפּרייט
אויפן וואַסער ווי אַ גרויסער, רויטער פעכער. דאָס וואַסער האָט דעם
רויטלעכן לבנה-ליכט אַנטקעגנגעענטפערט, האָט זיך געהויבן, אויפ־
געשוואָלן און געשטיגן אים צו באַגעגענען.

מרס. פאַרנעל איז געזעסן אַליין ביי דער קאַנטאָרקע. פאַרטראַכ־
טערהייט, נישט ווּיסנדיק אַליין, וואָס זי טוט, האָט זי פון אַ פלאַש
אויסגעגאָסן אַ ביסל סאַספּערילאַ־פליסיקייט אויף דעם טיש. אין אָט
דעם האָט זי אָנגעהויבן אַרומפירן מיט אַ פינגער, צייכענען געהיימע
פיגורן. זי האָט אויסגעקוקט איצט, ווי אַ מכשפה, וועלכע „וואַראָזשעט"
איינע אַליין אין דער נאַכט. אין דעם דאָזיקן טייכעלע פון דער מוט־
נער פליסיקייט האָט זי טאַקע געזען איצט אַלערליי זעונגען.

דער גערויש פון סאַלון אַרום איר האָט שוין איצט מער נישט
עקזיסטירט. די ווענט פון דער שטוב האָבן זיך פונאַנדערגענומען...
אַ ברייטער, גראַוועל געפּרעסטער שאָסיי בלייכט זיך פאַר איר דורך
דער נאַכט, אַ שאָסיי, וואָס פירט פונם ים-ברעג אַרויף צו די בערגלעך.
אין אַ הייזל צווישן די בערגלעך זיצט דאָרט איצט איינע אַליין אַ יונגע פרוי.
זי איז אָנגעטון גרויסשטאָטיש. זי טראָגט אַ זיידן פאַנדושי־קאָפּטל, אַ קורץ

---

* מיין קינד דאַרף האָבן אַ פּאָר שיכעלעך..ה

שמאָל דזשאָרדזשעט־קלייד מיט פרענזעלעך ביים זוים—איינס פון יענע גרויסשטאָטישע קליידער, וועלכע לאָזן דורכזען דורך זיך אַזוי בולט און אָנציִענדיק אַלע שיינקייטן פונם פרויען-גוף. די בלאָנדע האָר זענען ביי איר איצט פאַרן שלאָפן גיין פאַרפלאָכטן אין רינגעלעך, אין גאָלדענע רינגעלעך, וואָס הענגען אַראָפּ איבערן שטערן און אויערן.

...זי זיצט איצט אַליין אינם טונקעלן הייזל. דאָס ליכט פונם נאַפט-לעמפל לייכט אַרויס דורכן פענסטערל אין דער אַרומיקער נאַכט אַריין, וואָס קריכט איצט אַ שווייגנדיקע אַרום איבער בערגל און טאָל, — און ווייטער נאָך, אין ים אַרויס. די דאָזיקע יונגע פרוי טוט איצט אַ מאָדנע דערעסנדיקע אַרבעט: זי זייפט נאָכאַנאַנד אירע הענט אינם וואַש־בעקן, זייפט, רייבט זיי און בייזערט זיך, וואָס עס שמעקט פון זיי אַלץ נאַפט. אין שטאָט האָבן זיי דאָך עלעקטריע...

—זיצט זי, טאַקע, איצט אַליין אין הויז.

מרס. פאַרנעל האָט פלוצלינג אַ בייזן שמייכל געטון. זיצט איצט טאַקע מ יי ב ל איינע אַליין אין הויז...

פאַרטראַכטערהייט טונקט ווידער מרס. פאַרנעל אַריין איר פינ־גער אין דעם אויסגעגאָסענעם טייכעלע סאַספּאַרילאַ אויפן טיש און צייכנט ווייטער אירע געהיימע צייכנס און פיגורן. נישט געקוקט אויף איר פול, יונג און לעבעדיק געזיכט, אויף אירע פולע, רויטע ליפּן, וואָס זענען געווען ווי געפאַרבטע, — ווייל אַ געלעכטערל האָט זי אין אָט דער מינוט געהאַט אַזאַ שפּיצידיקס און בייז; וואָלט דאָך איינער, וועלכער וואָלט דערביי איצט געווען, דאָס געפיל געהאַט, אַז דאָס זיצט דאָ אייגנטלעך אַ מכשפה, אַ מכשפה אַן איינגעקאָרטשעטע, מיט אַ גערינצלטן פאַרמעטענעם געזיכט, אַ מכשפה, וואָס האָט אָפּגעשינדן די הויט פון אַ יונגער מיידל און זי אויף זיך בלויז איבער איין נאַכט אַרויפגעצויגן... דאָס טוט זי עמעצן איצט אָפּ אַ כשוף. דאָס פּרעפּלט זי איצט אַזעלכע פאַרשילטנ־דיקע שורכן. דאָס שמייכלט זי צו זיך, די גאַנצע צייט אין אינער־לעכער איבערצייגונג, אַז אירע פלענער זענען די ריכטיקע און וועלן סוף כל סוף זיין דערפאלגרייך...

מרס. פאַרנעל איז מיטאַמאָל אויפגעשטאַנען פון טיש און פונ־

אַנדערגעעפֿנט אַ פֿענסטער. זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם הייסן קאָפּ.

פֿון דער שטיל פֿון דער נאַכט איבערן ים האָבן זיך איצט דערטראָגן צו איר — אויסער דאָס געוויינטלעכע, שוין-לאַנג-באַקאַנטע, תּמיד־אומרויִקע געריש פֿונם וואַסער — נאָך עפּעס אַזעלכע אומבאַשטימטע קלאַנגען... דעם אויער אירן האָט זיך געחלומט אַ קלאַפּן פֿון רודערס אינם „קריק” נישט ווייט... באַלד זענען די הילכן געוואָרן קלאָרער אַלץ, קלאָרער... דאָס זענען נישט קיין רודערס — איר אויער פֿאַרנעמט איצטער דייטלעך עפּעס אַזאַ מין פּאַטשן איבערן וואַסער, אַ נאָכאַנאַנדיק, האַרמאָניש פּאַטשן מיט די פֿלאַכן פֿון די הענט, ווי איינער וואָלט זיך דאָרט איצט געבאָדן און געלייגט קלאַפּטער...

אַ ריח פֿון אויסטערס, פֿון זיס-אָנגענעמער צעפֿוילטקייט פֿון ים־גראָזן און ברעג־געמויזעכצן האָט זיך געשפּאַרט צו איר אַהער. אויף איר אָן־קנייטשיקן געזיכט, וואָס איז געווען יונג נישט נאָך אירע יאָרן, ציטערט איצט דורך אַ לוסטיק ציטערן, אַ דורשטיק ציטערן, ווי פֿון דער ערד אין פֿרילינג־צייט, אין די שטיל־טראָגעדיקע-מינוטן פֿאַר אַ רעגן.

אירע אויגן שיינען באַלד אויף קעגן האַלב־פֿינסטערניש פֿון נאַכט און ים מיט אומהיימלעכע, פֿרעסערישע גלאַנצן. אירע צוויי שורות ציין הויבן זיך אָן צו ווייסן הונגעריק אין דער נאַכט אַריין. שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסט האַלט זי זיי, ווי בייסנדיק עפּעס צווישן די דאָזיקע שטאַרקע הונגעריקע ציין.

מיט אַ באַפֿעלנדיק, גרויזאַם קול האָט זי זיך פּלוצלונג אָפּגעקערט פֿון פֿענסטער און זיך פֿאַנאַנדערגעשריִען אויפֿן אַלטן אירן, אויף פֿאַרנעלן, וועלכער האָט זיך עובר־בטלדיק דאָ אַרומגעדרייט, און זיסלעך־שולדיק געשמייכלט צו אַלעמען, אַן איבעריקער מענטש, וועלכער דאַנקט אַלעמען, וואָס מען לאָזט אים כאָטש צו רו.

— דו דרייסט זיך דאָ נאָך אַלץ אַרום, וואָס? פּאָפּן גיי אַרויף... צייט שוין פֿאַר דיר צו דריבנען... שנעל, זאָגט מען דיר, אַלטע פּאָדלע צו...

דער אַלטער האָט זיך ביי די דאָזיקע רייד אירע אַזוי צו־שמייכלט, ווי זי וואָלט אים דאָ פֿאַר די פֿרעמדע אין די אויגן גי־זאָגט בלויז ליבּ־ווערטער. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ני־

קשה... ער פֿאַרשטייט נאָך, אַז ס׳איז מער נישט ווי אַ שפּאַס, אַז ס׳איז אַ היימישער ענין. גאָרנישט, אַזאַ לשון אַ שאַרפֿער איז שוין ביי איר, ביי זיין ווייב... ער האָט אָבער זיך פֿונדעסטוועגן אַרומ־געקוקט מיט האַרץ־קלאַפּעניש אויף די אַרומיקע פּישערלייט און ער האָט אַ סך לייכטער אָפּגעאָטעמט, באַמערקנדיק, אַז זיי קוקן אפילו נישט אין זיין זייט.

ער האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן, דענקנדיק, אַפּנים, אַז אַזוי וועט אים זיין פֿרוי נישט באַמערקן. אָבער שוין אין אַ מינוט אַרום איז ער געווען געצוווּנגען זיי ווידער אויפֿצוהויבן. מיט זיינע פּחדנישע בליקן האָט ער זיך אַ שטויס אָן געגעבן אָן מרס. פּארנעלס שאַרפֿן, שפּי־זיקן, באַפֿעלערישן קוק. ער האָט זיך אַזש אַ טרייסל געגעבן און זיך גלייך געלאָזט גיין.

קווענקלענדיק, וואַקלענדיק זיך ווי אַ שיכּור, איז ער גע־גאַנגען אַזוי אין זיג־זאַגן צו דער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין דער הויף צום צווייטן שטאָק. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געזוכט צו אַנטלויפֿן פֿון איר, פֿון אָט דער געהיימער קראַפֿט, וואָס האָט אים פֿון הינטן געטריבן. ביי דער טיר האָט ער זיך אָבער אָפּגעשטעלט. דאָ, אין דעם ווייטסטן ווינקל פֿון דער ווירקונגס־ספֿערע, פֿון אָט יע־נעם געהיימען, טרייבנדיקן כּוח, איז אים אפילו געלונגען צו מאַכן אַ פּאָר פֿרייע טריט אָן אַ זייט פֿון דער טיר. נאָר באַלד איז ער ווידער מיט דעם זעלבן אומגעזעענעם כּוח אַראָפּגעריסן געוואָרן פֿונם פּלאַץ, ווו ער איז געשטאַנען, און איז ממש אַרויסגעשלײַדערט גע־וואָרן פֿון קלייט: מרס. פּארנעלט היפּנאָטיזירנדיקער ווילן, דורך דער ליניע פֿון אַ שאַרף אָנגעשטרענגטן בליק, וואָס איז אויף אים פֿון הינטן איינגעשפּאַרט־בייז אָנגעשטעלט געוואָרן, האָט אים אַ שטופּ גע־געבן, ווי אַ שטאַבע פֿון שטאָל. שווערע טריט פֿון זקנישע פּיס אין הילצערנע שיך האָבן זיך באַלד געלאָזט הערן איבער די טרעפּ אַרויף.

מרס. פּארנעלס פּנים איז געווען איצט רויט־פֿאַרפֿלאַמט פֿון דער אָנשטרענגונג, אויפֿגערעגט. אַז זי האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צום פֿענסטער, וואָס האָט אַריבערגעקוקט איבערן „קריק״, האָט זי זיך מיט די פֿינגער־נעגל איינגעשצעמעט אינם האָלץ פֿונם פֿענסטער־שוועל.

זי וואָלט זיך איצט אַזש צעשריגן און צעריטשעט אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ בענקנדיקע לעמפּערטין ערגעץ אין אַ ווילדן באַ־נאַכטישן וואַלד. נאָר אין שטוב זענען איצט געווען צופיל מענטשן.

ט

נאָך איידער אָט יענע שווערע, שווערע טריט פון זקנישע פיס האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרהילכן אין קאָרידאָר, האָבן זיך זייט ביי זייט מיט זיי ווי אַ שוואַכער אַקאָמפּאַנימענט, דערהערט גאָר אַנדערע טריט, — דינע, לופטיקע, גרינגע טריט, וואָס האָבן גיך געהיפּערט אַרונטער די טרעפּ.

דורך אָט דער טיר, וואָס האָט געפירט צום צווייטן שטאָק, צו די שלאָפצימערן אַרויף, איז איצט אַרונטערגעקומען דן.

אַ ערנסט פּנים, אַ נידריק־וווקסיקע פיגור, אַ שוועך־פּאַרטראַכ־טער מענטש. וואָלט ער געהאַט אויף זיך איצט פאַרצייטיקע יידישע קליידער, אַ בכבודיקע שוואַרצע באָרד, וואָס זוימט אַרום דאָס טונקע־לע, בלייכע פּנים — וואָלט ער אויסגעקוקט, ווי אַ פאַרצייטיקער, אַרומפאָרנדיקער בייזער יידישער מוכיח און מוסר־זאָגער, איינער פון יענע בייז־פרומע מגידים, וואָס האָלט זיינע צוהע־רער פאַרחלשט, דערשראָקן און ציטערנדיק מיט די בילדער, וואָס ער מאָלט פאַר זיי וועגן די פילפאַכיקע יסורים און פייניקונגען, וואָס לויערן אויף יעדן איינעם אין די זיבן אָפּטיילונגען פון גיהנום... זיי, די צוהערער, בלייבט שוין דערנאָך קוים איבער כוח, ביים סוף פון זיינער אַ דרשה, צו דערפרישט ווערן פון די קוויקנדיקע און טרייס־טנדיקע באַשרייבונגען פונם גן־עדן, וועלכע לאָזן זיך סוף כל סוף הערן פון דעם דאָזיקן בייזן מגידס מויל: דאָס פּנים ווערט דאָך ביי אים בשעת־מעשה אַלץ נישט פריינטלעכער און ליכטיקער... גלייך ווי ער וואָלט דאָס געצוווּנגען געוואָרן קעגן זיין אייגענעם ווילן צו דערציילן זיינע צוהערער וועגן דעם, אַז עס איז גאָר דאָ אויף יע־נער וועלט אַזאַ זאַך, ווי אַ גן־עדן, ווו ס'איז ליכטיק און גליקלעך...

נאָך פון פריער קינדהייט אָן איז דנען אייגן געווען אַן ערנסט־קייט, אַ פרומקייט, וואָס איז געווען נישט פאַר קינדער פון זיין על־טער, אַ מורא פאַר זינד. נאָך זייענדיק גאָר אַ יונג ייִנגל, פלעגט ער

זיך תמיד „רייניקן", זיך תמיד „פייניקן", ווי ער וואָלט אויף זיך געוואָלט אויסשטיין אַלע פאַרדינטע יסורים פאַר די זינד פון דער גארער וועלט.

אַז ער פלעגט שטיין שמונה-עשרה אין שול ביים דאַוונען, פלעגט ער דבקותדיק פאַרמאַכן די אויגן, אַרויפליייגן בשעת מעשה די הענט אויפן האַרצן, און האַרציק מתפלל זיין און שטאַרק שאָקלען זיך. די חברים זיינע האָבן נישט געקאָנט ליידן זיין פרומקייט, און האָבן אים דערפאַר גערופן „וצדקתך". ער אָבער פלעגט קיינמאָל נישט זאָרגן וועגן אַ צווייטנס מיינונג, אַבי נאָר ער אַליין איז ביי זיך זיכער געווען אין זיין גערעכטיקייט. איז ער מחמת דעם נאָך פרומער געוואָרן. פלעגט ער זיך נאָך מער מתכוון זיין ביים דאַוונען, נאָך מער „רייניקן" זיך און בעטן גאָט, ער זאָל זיינע חברים מוחל זיין און זאָל אים שיקן אַן אָפּקומעניש פאַר זייערע „זינד" — פאַר אַלעמענס זינד...

אין קאַלטע ווינטער-פאַרטאָגן פלעגט ער אויפשטיין גאָר פרי, האַרציק לערנען זיין שעור גמרא, צי גאָר לייענען אַ פּרק „חובת-הלבבות", צו זאָגן זיין „יום", און גוט אויסוויינען זיך דערביי, ווי אַרונטערנעמענדיק זיך אַ שווערן שטיין פון האַרץ. נאָר דאָס איז שוין געווען שפּעטער, ווען ער האָט שוין אַליין געלערנט אין פאַרשידענע ווייטע, פרעמדע ישיבות. ווען די שטעטלדיקע ווייבער פלעגן אין די זומערדיקע קיל-ליכטיקע באַגינענס ערשט טרייבן די בהמות אין די טשערעדעס אַריין, פלעגט ער דעמאָלט, אַ יונגער פערצן-יעריקער בחור, שוין זיצן איבער אַ ריזיקער גמרא, כמעט אַ העלפט פון זיין אייגענער גרויס, און מיט אַ זינגנדיק-זיס קול זיך פאַרגיין אין עפּעס זייער אַ האַרבער סוגיא אין דער מסכתא חולין, — אין דער באַרימטער סוגיא „נשר".

און דערנאָך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אַז ער איז געקומען אין באַרירונג מיט דער גרויסער, מיט דער ל ע ב ע ד י ק ע ר וועלט, און ער האָט דערזען, ווי זי איז גאָר „זינדיק", פאַרפאַלענערהייט זינדיק — איז דן נאָך פרומער געוואָרן, פילפאַכיק פרומער געוואָרן— פרומער געוואָרן, כדי צו יוצא זיין פאַר אָט דער גאַנצער זינדיקער וועלט... ביי אים איז דאָך געווען זיכער, אַז זינד מוז באַשטראָפט

ווערן, מוז דורך ווען כ׳אי־ניט-איז און אויף אַ וועלכן ס׳אי-ניט־איז אופן אויסגעלייזט ווערן, אַז נישט—בלייבט אויף אײביק אַ פּגימה אין דעם סדר העולם...

און ווייל די אַרומיקע האָבן פון אים אָפּגעלאַכט, האָט ער זיך אָפּגעזונדערט פון זיי און האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין אייגענער וועלט — אין אַן אויסגעטראַכטער „ערלעכער" וועלט.

אַז ער איז איצט אַרונטערגעקומען פון זיין צימער, האָט ער אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן פונם ליכט אין דער קלייט, כאָטש דאָס ליכט איז נישט געווען קיין שטאַרקס און האָט זיך אַליין אַלע ווײַלע געזעצט אין די קלובעס פאַרע און רויך, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס טומלדיקע צימער.

ער האָט קוים פאַרנומען, וואָס עס איז איצט פאָרגעקומען אַרום אים אין קלייט, אַזוי שטאַרק איז געווען דער קאנטראַסט צווישן דער טומלדיקער אויסגעשפּראָכנקייט, וועלכע האָט אים איצט אַרומגערינגלט, אין דער שווייגנדיקער, טונקעלער, אינזיכפאַרזונקענער פיל-רעיונות־דיקייט אין דער הויך, פון וועלכער ער האָט זיך מיט געוואַלט, זיך ממש אָנטועונדיק אַ כח, אַרויסגעריסן. נאָכדעם, ווי ער איז געזעסן אַזאַ שטיק צייט פאַרזונקען אין זיינע דערינערונגען וועגן ראַיען, האָט ער ערשט איצט פרייער אָפּגעאָטעמט, ווי אַ דערטרונקענער, נאָכדעם ווי ער ווערט ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום אָפּגעמינטערט, קומט צוריק צו זיך...

אין דעם טומל און כאָר־געזאַנג אין קלייט האָט אים צו-ערשט קיינער נישט באַמערקט, און ער איז דעריבער געבליבן זיצן אַ ברוגזער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָבער דערהערט עמעצנס אַ שטים:

— עלאו, גובערנאַטאָר... ווי גייטס? און ווו איז ערגעץ דער קאָמפּאַניאָן אייערער, דער פרינץ... דער פרינץ קו... קו... קוד... קודדי*), דער פרינץ קודדי?.. — דזשאן האָט זיך דערפילט פאַר אַ

*/ א גרויסע לויז.

געוואַלטיקן חכם, וואָס איז אים געלונגען אַזוי צווײדײטיק איבער-זרייען קודראָווס פאַמיליען־נאָמען. — כ׳האָב דאָך עפּעס צוגעזאָגט אייך מיטנעמען מיט זיך אויף מיין שיף, ווען איך וועל נעקסטע וואָך אַרויספאָרן צו די אויסטער־פעלדער. נו, האָט איר נאָך נישט חרטה געהאַט? האָט איר זיך אפשר דערשראָקן פאַרן „גרויסן נאַסן טייך״? כ׳האָב געהערט, אַז די יידן האָבן שטאַרק מורא פאַר וואַסער...

אַז דזשאָן האָט גערעדט, האָבן אַלע געהאַלטן עס פאַר זייער פליכט צו שענקען זיינע רייד די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. פון דער דאָזיקער וויציקייט זיינער האָבן אַלע זיך שטאַרק צעלאַכט און מאָדנע־אַרויסוואַרטנדיק אָנגעקוקט דנען.

דן האָט עפּעס אַרויסגעברומט, זיך צוגעשאַרט צו אַ שטול און אַרויפגעשלעפּט מיט געוואַלט אויפן פּנים אַזאַ צעקרימטן פריינדלעכן שמייכל, וועלכער איז אַ פאַרשטויבטער, שוין לאַנג אַ נישט־געברויכטער אַ שטיק צייט געלעגן אין אַ שפּעלטעלע פון זיין אינווייניקסטן לעבן. ער האָט יאָ עפּעס געענטפערט, נאָר נישט ער און נישט דער, צו וועמען זיין ענטפער איז געווען געווענדט, האָבן פאַרשטאַנען דעם געגויעם באַדייט פון די עטלעכע אַרויסגעברומטע קלאַנגען. זיי האָבן, קענטיק, גאָרנישט געהאַט צו טון מיט דער געשטעלטער פראַגע. דער שמייכל זיינער איז געווען אַן אָפּגעריסענער רינג פון אַ קייט, וואָס האָט זיך שווער אין פייערדיק געשפּרייט איצט אין זיין מוח, ציענדיק זיך דורך דער פונקלקייט פון די אויבערשטע חדרים פונם הויז, און נאָך ווייטער, — חדשים, גאַנצע יאָרן און מיילן צוריק.

דער טומל און די ליאַרעמדיקע באַלייכטונג פון אונטן האָבן אים דאָך ווייניק געהאָלפן... ער איז דאָ ווידער געזעסן, ווי אַ קלײנער טונקעלער אינזל פון אָפּגעזונדערטקייט. ער איז געווען איצט פונקט ווי פאַר די לעצטע עטלעכע שעה, אַלץ פאַרפלאָנטערט אין דער זעלביקער נעץ. און וואָס מער ער האָט זיך געוואָלט פון איר אַרויסרייסן, אַלץ פיינלעכער האָט זי זיך אין אים איינגעגעסן און איינגעשניטן און אים איינגאַנצן אַרומגעוויקלט.

ס׳ איז געווען ווונדערבאַר... ס׳איז דאָך שוין פאַרשוווּנדן — אַזוי האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט — טאָ ווו האָט דאָס אַלץ טאַקע געלעבט

מיט אַזאַ קלאָרקייט? ווו? און אַ טונקל, קויטיק-ראָזעווע, מיט אַ די-בער פלעאורא פאַרצויגן פאַלדעלע פונם מאַרך?...

קודראַוו איז אויך באַלד אַרונטער אין קלייט, איז צו צו דנעץ און האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דנס אַקסל. דן, פאַרטיפט אין זיינע ברענענדיקע מחשבות, האָט אַזש אַ ציטער געטון. ער האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר נישט-פאַרשטייענדיקע אויגן.

— ווילסט, דן? לאָמיר זיך דורכשיפן אַ ביסל אויפן ים. דאָס וואַסער איז איצט שטיל.

דן האָט איינגעשפאַרט נישט אַרונטערגענומען פון אים די אויגן. ער האָט געמאַכט קודראַוון שטאַרק אומבאַקוועם מיט זיין נאָכ-אַנאַנדיקן קוקן, כאָטש ער האָט גאָר אין דער אמתן יענעם איצט נישט געזען: ער האָט געקוקט דורך אים, ווייט, ווייט צו-ריק... נאָר קודראָוו איז פון דנס עקשנותדיקן, דורכדרינגלעכן קוקן רויט געוואָרן און האָט געמוזט אַרונטערלאָזן זיינע געדיכטע, פינ-סטערע וויעס, אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לייענט דן איבער זיינע, קודראָווס, איצטיקע געדאַנקען... ער האָט זיך פאַרלוירן, האָט אָנגעהויבן שוויצן, זיך אָפּגעווישט דאָס פאַרפלאַמטע פנים און אַרויס-געברומט. גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווי פאַרטענהדיק זיך פאָרויס:

— טפו זאָל עס ווערן... ס'אַראַ פאַרוואָרפענער העק דאָ איז... קומט אַ שבת אָוונט, איז נישטאָ וווּהין אַריינצוגיין... קיין באָנטער מענטש, קיין הויז, קיין קלוב, קיין קינאָ אפילו... דער טייוול האָט עס מיך בעצוואונגען, איך זאָל קומען אַהער אַרבעטן... מ'וואָלט גע-דאַרפט גאָר פאָרן צוריק... נו, וואָס, גייסט, דן?

ער איז אַרויס נאָך דנען אין דער קילער נאַכט אַרויס. זיין ברוין פאַרטונקלט געזיכט האָט איצט רויטלעך אויפגעגלאַנצט אינם קופערנעם שיין פון דער לבנה. און ער וואָלט אַ זייטיקן, איידעלן אויג איצט אויסגעזען, ווי אַ פאַרצייטיקער עטיאָפּישער שקלאַף, וואָס גייט געהאָרכזאַם נאָך זיין האַר.

זיי האָבן אָפּגעבונדן אַ שיפל פון דעם שווימענדיקן בריקל נעבן הויז און אַרויסגעשיפט זיך דורכן שמאָלן, איצט אויפגעשוואָלענעם

„קריק“ אינם אָפּענעם ים אַרויס.

גאָר שטאַרק האָט דער ים זיך איצט אויפגעשוואָלן. אָבער שטיל איז געווען דאָס וואַסער, פּול־מראָגעדיק, אין ברייטע רחבות־דיקע באַוועגונגען האָט זיך עס קיילעכדיק און פּאַמעלעך געהויבן אויף און אָפּ, אויף און אָפּ. שיפן זענען איצט בלינדע געשטאַנען, געאַנקערט אינם ראַרימאַן־אויסגוס. ס׳איז געווען שפּעט־נאַכט. מאַסטן טונקעלע האָבן זיך געהויכט אין דער בלויקייט. וואַסער, וואַסער, וואַסער. וואַסער אַרום און אַרום ביזן סאַמע גרין־וואַסערדיקן האָרי־זאָנט־רינג.

דן האָט זיך געפילט אַזוי היימיש דאָ אויפן וואַסער... מאָדנע. אַזאַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענער ייד, ווי ער איז געווען, אַ ייד מיט יעדן נערוו און פאָלדעלע מאַרך זיינעם, אַ ייד, וועמען דאָס געפיל פון פרעמדקייט דאָ אין לאַנד, דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ באַ־האַלטענע מיסטעריע פאַר די אַרומיקע שכנים, האָט אים קיינמאָל, קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזן, — האָט ער זיך, פונדעסטוועגן, געפילט תמיד אַזוי היימיש און אַזוי באַרויקט אויפן וואַסער... דער דאָזיקער בלייכער ייד, מיט די ברענענדיקע, לענגלעך־פאַרחלומטע, תמיד אין זיך געווענדטע אויגן — ער האָט געפילט אַז דאָ, אויפן וואַסער, איז זיין ריכטיקער אָרט.

אפשר האָט ער געפילט אַזוי דערפאַר, וואָס אַלע מענטשן פילן זיך געוויינטלעך אומהיימלעך, ווען זיי פאַרבלייבן אין נאָענטער באַ־רירונג מיטן ים, ווי פאַרן צייכן פון אַלעמענס ענדלעכן טויט, פון אַלעמענס פאַרגענגלעכקייט—שטאַרק דערמאַנט זיי שוין אָן דעם דער ים, דער ים, וואָס וועט אַלץ באַהערשן און אַליין בלייבן ביים סוף פון דער וועלט... אָבער דן, וואָס האָט זיך געפילט אומהיימלעך און אַליין אומעטום, ווו אַנדערע מענטשן — אַפילו פרעמדע מענטשן—האָבן זיך געפילט היימיש, האָט דעריבער דאָ, אין דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער אומהיימלעכקייט, עס גראַד נישט געפילט... דאָ ערשט האָט ער זיך געפילט היימיש. דאָ ערשט האָט אים דאָס פרעמדקייט־געפיל אָפּגעלאָזט.

זיין ליבע צום ים איז געווען מער, ווי יוגנטלעכער אומרו׳ מער, ווי בלייכער ראָמאַנטיזם, כאָטש דאָס האָט ער געהאַט אין זיך

אין אַ גאָר היפּשער מאָס. די ליבע צום וואַסער און צום אַרומפאָרן איז שוין געלאָפן ביי זיי אין דער משפּחה.

ווען ער איז נאָך געווען אין דער היים, אויף יענער זייט אָקעאַן, האָט ער עטלעכע מאָל געפּרוווט אויספאָרשן זיין משפּחהס שטאַם, כאָטש אויף הונדערט יאָר צוריק. נאָר דאָס איז אים תּמיד געווען אוממעגלעך. די עקן, שוין די דריטע דורות סיי פון זיין פאָטערס צד און סיי פון זיין מוטערס צד, האָבן זיך שטענדיק פאַרלאָרן אין ערגעץ אַן אומבאַקאַנטער געגנט. זיינע עלטערן, שוין אָפּגערעדט פון זיינע אורעלטערן, האָבן תּמיד אַרומגעוואַנדערט איבער ווייס־רוסלאַנד, איבער פּאָליעסיע, איבער קליין־רוסלאַנד און ליטאַ. דאָס וואַנדער־בלוט איז, אפשר, געווען שטאַרק אין זיי... ער, דן, נאָך גאָר אַ קינד, האָט דעריבער פיל מאָל געביטן זיין וווינונגס־שטאָט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן.

געבוירן געוואָרן איז ער אויפן דניעפּר, אויף אַ דאַמפער, אויף וועלכן זיין מוטער איז דעמאָלט געפאָרן אַהיים פון דעם הארנאסטאַיפּאָלער רבין, ביי וועמען זי האָט אויסגעבעטן אויף אַ בן־זכר.

אין זיין ייִנגלשאַפט האָט זיין משפּחה געוווינט גאָר נאָענט ביים וואַסער. ער פלעגט ליב האָבן יעדע פרילינג־צייט אַרויס צום ברעג, וואַרפן שטיינער אין טייך, טרייבן די אָנגעקומענע שרייענדיקע פויגל, און אַליין שרייען, גלאָט אין דער וועלט אַריין שרייען איבערן ברייט־צעגאָסענעם וואַסער... ווינטער־צייט פלעגט ער שעהן און שעהן נאָכאַנאַנד אַרומגיין איינער אַליין איבערן פאַרפרוירענעם טייך, רעדן צום שניי און צו די גרינע יעל־בוימער, וואָס האָבן דעמאָלט געוואַקסן אין אַ וווּנדערלעכן גאָרטן פונם סאַמע אייז אַרויס, אויפן גליטש: אייז־באַדעקטע בוימער פון אַ ווייסן פעלד אַרויס... די בוימער, ווי גלעזערנע, פלעגן זיך צינדן אין דער זון, און ער פלעגט זיך וואַרפן אין שניי, און רעדן, און לאַכן, און קאַטשען זיך אינם ווייסן שניי...

זיין פאָטער — אַ בויער — פלעגט בחורווייז פאָרן אַרבעטן קיין קיעוו, ביי די נייע, גרויסע דאַמפערס, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געבויט פאַר דער דאַמפער־ליניע קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער האָט שפּעטער אָנגעשפּאַרט אַזש קיין ריגע, — דעמאָלט אין די ווייטע, גאָר

ווייטע לענדער, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס אַ בויער בײַ דער פאַר־ריכטונג פונם דווינא־קאַנאַל. דן האָט קינדווייז אַ סך מאָל געהערט זײַן פאָטער דערציילן פאַרשידענע מעשיות וווּנדערלעכע וועגן זײַנע נסיעות.

און זײַן מוטער איז מיידלווייז — אין דעם קליינעס שטעטל איז עס דעמאָלט געווען אַ געוואַלטיקע פּאַסירונג, פון וועלכער מען האָט גערעדט יאָרן און יאָרן נאָכדעם — אַנטלאָפן פון דער היים מיט עפּעס אַ דורכפאָרנדיקן יונגן חזן — אַ „קראַסאַוועץ״. מען האָט זי אָבער געכאַפּט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער אויפן וועג, אין קאַפּיס-קעוויטש, ערגעץ אין אַ קרעטשמע, ווו די חופּה-שטאַנגען זענען שוין אויפגעשטעלט געווען.

נישט קוקנדיק אויף דאָס אומאויפהערלעכע פלייסיקע רודערן מיט בײַדע רודערס, זענען דן און קודראָוו ווײַט פון ברעג נישט אָפּגעפאָרן, ווײַל זיי האָבן גערודערט קעגן דעם אָנקומענדיקן הויך־וואַסער.

אויף די ווײַטסטע זוימען פונם ברייטן וואַסער-פעלד, אויף דער צווייטער, קעגנאיבערדיקער זײַט פונם אויסגוס, האָבן אין דער קלאָרער לבנה לופט געלויכטן און אַרומגעשפּרונגען אויף איין אָרט, ווי אין אַ מאָדנעם פייערדיקן עקסטאַז־טאַנץ אַזאַ, פייערן און ליכטער פון ווײַטע אומגעזעענע שטעט אויפן ניו-דזשוירזי ברעג... ס'האָט זיך אויף דער שטילער, פולער אויבערפלעך פונם וואַסער, געחלומט, אַז דאָרט, אין אָט יענע ווײַטע שטעט, זענען אין אָט דער זעלביקער מינוט אוודאי מענטשן אַ סך איצט אין גאַס אַרויס, גרויסע עולמס האָבן זיך דאָרט איצט געקופּעט, פייערן דאָרט געצונדן, פעסער סמאָלע איבערן ים געלאָזן, שיף-מאַסטן אָנגעצונדן, אַן אילומינאַציע אַ גרויסע געמאַכט לכבוד דעם יום-טוב פון דעם אָנקומענדיקן זומער...

קודראָוו, וועלכער איז געזעסן מיטן פּנים צום ברעג פונם אינזל — ער האָט איצט אַליין גערודערט — האָט מיטאַמאָל די רודערס געלאָזט שטעקן אין דער לופט, ווי פליגל. בלויע און רויטע פּערל האָבן זיך פון זיי אַרונטער־געקאַפּעט אין וואַסער אַרײַן.

— זע נאָר... אַ נאַקעטע פרוי באָדט זיך.. אָן דאָרטן.

ער איז געבליבן זיצן אַזוי מיט אַ ברייט פונאַנדערגעעפנט מויל. זיינע באַנקעוואַטע אויגן האָבן איצט נאָך מער אַרויסגעשטאַרט, אַרויסגעקראָכן פון זייערע לעכער, ווי וועלנדיק ממשותדיק אַרירן מיט זייערע טרוקן־ברענענדיקע בליקן אָט די דאָזיקע וואונדערלעכע זעאונג פון אַ נאַקעטע, זיך־באָדנדיקער פרוי.

אָבער די דאָזיקע זיך־באָדנדיקע פיגור איז באַלד אַרויסגעשפרונגען פון וואַסער און איז פאַרשווונדן, און ביי קודראַוון איז דאָס מויל שוין געבליבן אַזוי ברייט־פונאַנדערגענומען. ער איז עפּעס געבליבן זיצן אַזוי, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. די רודערס זענען ביי אים שיר נישט פון די הענט אַרויסגעפאַלן.

נאָר אָט האָט זיך ווידער באַוויזן אָט די דאָזיקע נאַקעטע געשטאַלט און איז ווידער, פון ברעגאַינזל אַרונטער, אין וואַסער אַריין, אַ פיגור, גאָר נאַקעט און בלייך. קודראַוו האָט אפילו פון וויטנס געקאָנט דערקענען, אַז דאָס איז די פיגור פון אַ פרוי. לאַנגע האָר, ווי געדיכטע בלעטער־ריטלעך, האָבן זיך געשפּרייט פון איר קאָפּ אַרונטער אַרום איר אויבערשטן טייל גוף. טיפער אין וואַסער אַריין איז זי אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען. עס האָבן זיך באַלד געלאָזט הערן אין דער איינגעהאַלטענער ים־שטילקייט, וואָס האָט איצט געהערשט איבערן ים, שטאַרקע הילכן פון אַ גוטן שווימער, וועלכער האָט געלייגט קרעפטיקע קלאַפּטער. די לופט איז געווען ליכטיק. אַ לאַנגער קאָפּ האָר, ווי פון אַ וואַסער־מיידל, האָט זיך געשוואַרצט איבער דער בלוילעך־שטאַלענער אויבערפלאַך פונם אויסגוס.

— עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט בלויז — האָט דן, וועלכער האָט זיך אויסגעדרייט צום ברעג־צו אויף קודראַווס אויסגעשריי, זיך אָנגערופן. ער האָט גאָרנישט געזען דאָרטן. ער האָט דורכדרינגענדיק־סקעפּטיש עטלעכע מינוטן געקוקט אויף קודראַוון, און יענער האָט ווידער געמוזט אַרונטערלאָזן די אויגן.

אָבער די געשטאַלט האָט זיך דאָך פאָרט זייער דייטלעך און לעבעדיק באַוועגט. האָט קודראַוו פאַר זיך געטראַכט: איז עס בלויז אַ זעונג פון זיין צערייצטער פאַנטאַזיע? יאָ, ס׳קאָן זיין... פאַר די לעצטע פאָר וואָכן, זינט יענעם באַנקעט פון דער ספּענסער־געזעלשאַפט איז ער עפּעס גאָר צעשרויפט געוואָרן... אפילו איצט האָט

זיך דאָך בײַ אים דאָס פּנים געמינעט בלײַך און רויט, בײַם בלויזן דערמאָנען זיך אָן אײנער אַ פּאַסירונג בײַ יענעם באַנקעט.

עס איז געווען, בשעת דער הויפּט-רעדנער פונם אָוונט האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן פון זײַן ערנסטער רעדע וועגן „הערבערט ספּענסער, זײַן קאָסמאָגאָניע און איר שײַכות צו דער עקאָנאָמישער אינטערפּרעטאַציע פון דער געשיכטע". ראַיע איז געזעסן אומגעדרייט מיטן רוקן צום רעדנער, נישט דעמאָנסטראַטיוו, נאָר גלאַט אַזוי ווי עס וואָלט בכלל איצט פאַר איר קײן רעדנער אויף דער וועלט נישט עקזיסטירט. אין דער שטיל און פאַרטיפט האָט זי עפּעס גערעדט מיט דנען.

דערצערנט-קנאַיש פון אַזאַ מיאוסן האַלטן זיך בנוגע אַזאַ וויכ־טיקן ענין האָט זי קודראַוו פלוצלינג אָנגערירט בײַ די אַקסלען. אָך, ווי ער האָט זי געוואָלט גוט, אָבער גאָר, גאָר גוט אויסזיזלען.

אָבער פון דעם ריר פון זײַנע פינגער אין אירע נאַקעטע אַקסלען, פון וועלכע די האַלב-דורכזיכטיקע באַטיק-קאָפּטל האָט זיך אַרונטערגערוקט, איז אים אַ ציטער אַדורך דורכן לײַב, ווי ער וואָלט זיך אָנגערירט אָן אַן עלעקטרישן דראָט פון אַ גאָר הויכן וואָלטאַזש. און אַ וווּנדער איז עס געווען אַ גרויסער, אָט דער דאָזיקער שטאַר־קער עלעקטרישער ציטער, וואָס איז אים באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ מאָדנעם שרעק; אַ וווּנדער איז עס געווען אַ גרויסער, ווײַל בשעת מעשה האָט אים סך הכּל אַזאַ קלײן, שעלמיש-שמייכלענדיק פּנימל אָנגעקוקט.

— וואָס ווילט איר?—האָט דאָס דאָזיקע שעלמיש-שמייכלענדיקע פּנימל בײַ אים שטומערהייט געפרעגט.

ער האָט זיך נאָך מער דערשראָקן פאַר דעם דאָזיקן שמייכעלע, האָט זיך פאַרלוירן, האָט זיך פאַרשעמט פאַר זײַן פאַרלוירנקייט און איז באַלד נאָך שטאַרקער אָנגעצונדן געוואָרן.

— זייט אַזוי גוט!... אויב רעדן, טאָ גייט אַרויס אין דרויסן—האָט ער גראָב און כּמעט מיט פּינע אויף די ליפּן אַרויסגעשפּריצט—איר זעט דאָך, מען רעדט דאָ איצט וועגן עפּעס אַ וויכטיקן ענין, וועלכער איז, ווייזט אויס, נישט אַזוי אינטערעסאַנט פאַר אײַך.

ראַיע האָט קאָקעטיש צונויפגעשגירעוועט אירע ליפּעלעך און

פאַרוווּנדערט אַרויסגעשמוצערט, שאָקלענדיק דערביי מיטן קעפּל רעכטס און לינקס:

— פּסט... אַן ענין... אײ-אײ-אײ... אַ וויכטיקער ענין... אַזוי... כ'שטעל מיר פאָר, מר. קודראַוו, אַז ווען איר וואָלט אָבער געהאַט לעבן זיך אַזאַ ענין ווי איך, וועלכער זאָל אייך אָט־אַזוי־אָ וואַרים האַלטן ביי ביידע הענט, — דערביי האָט זי אַרויפגעהויבן פון אונטערן טיש דנס ביידע הענט, וועלכע זי האָט, ווייזט אויס, די גאַנצע צייט געהאַלטן אין אירע ביידע, קליינע הענטלעך, און דן איז פון דעם שטאַרק רויט געוואָרן — וואָלט איר דאָך דעמאָלט גאַנץ ווייניק אַכט געלייגט אויף אָט יענעם וויכטיקן ענין דאָרטן?

זי האָט שפּאָטיש אַרויפגעקוקט אויפן פּליכעוואַטן אַדוואָקאַט. דעם רעדנער. יענער האָט שוין העכער אַ שעה צייט געשוויצט, דערווײַזן עפּעס, געפּרעגלט זיך פון נחת, געהאַט הנאה פון דער געלונגנקייט פון זיינע קלוגע באַווייזן און מיט געוויאַלט געהאַלטן דאָ דעם עולם פאַרהאַרעוועטע אַרבעטער, מיד פון אַ גאַנצע וואָך שווערע שאַפּאַרבעט, נעצוווּנגען זיי זיך איינהערן אין זיין שווערער, פאַר זיי אומפאַרשטענדלעכער דרשה. דער היפּשער עולם מיט די תמעוואַטע פּנימער אַרויפגעהויבן צום רעדנער, איז שוין דאָ געווען גאָר אַ היפּשע צייט פאַרשפּאַרט אין דער דאָזיקער וואַרעמער פרילינג־נאַכט.

קודראַוו האָט זיך אָפּגעקערט פון איר, בייסנדיק די ליפּן פון אויפרעגונג.

— אַזאַ... ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון קוים-קאַנטראָלירטן כעס. ער האָט קוים געקאָנט הערן איצט דעם רעדנער. אים האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט צו פאַרנעמען, ווי זי זאָגט אין דער שטיל צום געלאַסן-שמייכלדיקן דנען:

— איר פאַרשטייט, דן... אָט אַזעלכע מגושמדיקע, „אידעאַליסטישע“ יונגען, ווי אייער פריינט... ווייסט איר: עס פאַרשאַפט מיר אַ באַזונדערן פאַרגעניגן, ווען ס'געלינגט מיר, אַז זיי זאָלן זיך פאַרליבן אין מיר... וואָס? ס'איז אוממעגלעך? נאַרישקייטן. איך קאָן זיי בעסער: אין אַ פּאָר וואָכן צייט. איז ער ביי מיר אַ פּאַרטיקער...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך די שנאה צו איר ביי קודראַווין געשטאַרקט מיט יעדן טאָג כמעט, איר העזה, איר זיכערקייט האָט אים

אי באַליידיקט, אי פאַראינטריגירט זיך צו פאַרמעסטן מיט איר איך כוחות. זי האָט אים אי געשראָקן, אי צוגעצויגן. כאָטש זינט דאַן האָט ער זי מער נישט געזען, נאָר איר געשטאַלט האָט זיך שוין אָפט געריצט מיט אים דורך פילע טונקעלע נעכט, וועלכע האָבן נאָר אָט יענער באַנקעט־נאַכט נאָכגעפאָלגט.

דאָס שיפל האָט זיך איצט געהוידעט איבער די כוואַליעס צו־ ריק צום ברעג. זיי האָבן אויפן צוריקוועגס כמעט נישט געדאַרפט רודערן, ס'איז געווען די צייט פונם וואַסער-צופלוס: די אָנשטייגנ־ דיקע וואַסערן פונם אָקעאַן האָבן דאָס שיפל אַליין צוריקגעפאַטשט צום ברעג.

אויף צוריקוועקס האָט שוין דן געהאַלטן די רודערס אין די הענט: איז אים ווידער אויסגעקומען צו זיצן מיטן רוקן צום ברעג. אַז זיי זענען צוגעקומען נענטער, האָט קודראָוו, וועלכער איז איצט געזעסן ווייטער מיטן פּנים צום ברעג, ווידער דערזען די פרויען־ געשטאַלט.

זי איז, אפנים, איצט צוריק פון וואַסער אַרויס. הויך, שלאַנק איז געווען די פיגור פונם באָדער, ווי אַ באַוועגלעכער בוים. דאָס לייב—מאַט-בלייך, איילבירטן־קאָליר. דאָס לבנה־ליכט איז אָט דעם בוים באַפאַלן און האָט אים באַדעקט מיט אַ רייכן געוועב פון ליכט- און שאָטן-פלעקן: ער האָט אויסגעזען ווי באַדעקט מיט מאַט־גאָלדענע שאלעכצן.

איצט איז נאָך דייטלעכער געווען צו זען די פיגור פון אַ פרוי. ביי קודראָוון זענען די באנקעוואטע, ברענענדיקע אויגן נאָך מער אַרויסגעקראָכן פון שטערן.

זי איז צו צו אַ מאָטאָר־שיפל, וואָס איז געלעגן אַרויפגעצויגן אויפן ברעג און איז אַהין אַריינגעשפּרונגען. אַ שוואַרצער מענטש — ער האָט אויסגעזען ממש שדים-שוואַרץ לעבן איר בלייכער נאַקעט- קייט — איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן פון אינעווייניק פונם מאָטאָר־ שיפל, און איר געהאָלפן אַריינשפּרינגען. און באַלד, נאָך איידער איר נאַקעטע פיגור האָט באַוויזן צו פאַרשווינדן אין דער טיפעניש פונם

דאָזיקן מאַטאָר־שיפל, האָט יענער שוואַרצער מענטש זיך אַרומגע־פלאָכטן אַרום איר קילן לייב.

עס האָט באַדאַרפט איצט זיין זייער שמעקעדיק, און קיל, אָט דאָס דאָזיקע מאַט, קליין, נאַקעט לייב. נאָר גאָר באַלד זענען די דאָזיקע ביידע פיגורן פאַרשוווּנדן, ווי אין דער ערד פונם ים ברעג איינגעזונקען. איבערן שיפל איז שוין ווידער געווען רויק. די דורכ־געריסענע לופט־בלויקייט איבער איר איז צוריק מיט לופט־בלויקייט פאַרלאַטעט געוואָרן.

פ

דער ים האָט געזונגען.

דאָס הויז אויפן ברעג „קריק" האָט זיך נאָך אַלץ געלויכטן איבערן וואַסער מיט אַלע זיינע אָנגעצונדענע פענסטער, ווי אַ יום־טובדיקס. נאָר דאָס שכּורע געזאַנג איז אינווייניק שוין יעצט שטילער און אויסגעוועפּטער געוואָרן און האָט קוים אָפּגעהילכט איבערן וואַסער.

עס איז שוין געוואָרן גאָר שפּעט. פון דער סט. יאָזעפס קירך אויפן שפּיץ באַרג האָט זיך געלאָזט הערן אין דער נאַכט אַריין אַ גלאָקן־געקלאַנג, וואָס האָט גערופן גלויביקע צו דער מיטן־נאַכטיקער מעסע. דער עולם אין קלייט איז שוין זיך צעגאַנגען אַהיים. פאַר־בליבן איז בלויז דזשאַן.

אין קלייט איז איצט פּוסט, ליכטיג.

דזשאַן רעדט צו זיך איינער אַליין, רעדט צו זיך אַזוי הויך, אויף אַ קול, ווי ער וואָלט געווען טויב.

— — נ—נאָ! מען דאַרף שוין אויך גיין אַהיים. שוין לאַנג געדאַרפט! אַ, אַן עוולה... מייבל זיצט דאָרט איינע אַליין אין דער פענסטער אין די בערג און וואַרט אויף מיר.

נאָר ער גייט אָבער אַלץ נישט אַוועק פון דאַנען. ער נעמט אַרויס געלאַסן זיין פּיפּקע, קאַלופּעט אויס אַרום מיט אַ מעסערל דאָס אָפּגעברענטע האָלץ פון אינעווייניק. לאַנג, לאַנג קאַלופּעט ער זי, די דאָזיקע פּיפּקע. ס'נעמט עפּעס גאָר קיין ענדע נישט צו דעם. ווייזט אויס, ער האָט שוין אַ שטיק צייט זי נישט גערייניקט.

אין קלייט איז שוין לאַנג קיינער נישטאָ
דער לאָמפּ ברענט ליכטיק, שווייגנדיק,

מרס. פּארנעל שטייט הינטער דער קאַנטארקע, שטאַרק הויך איז זי, נאָך העכער פון דזשאָנען. אַן אָנגעצויגנקייט איז איצט אין איר גאַנצער שטאלטנער פיגור, אַזש די לופט אַרום איר ציטערט.

— קום אַריין מיט מיר אין שפּייכלער, דזשאָן, ווילסט זען, ס'אַראַ גרויסע פערד־קראַבן מיין אַלטער תּרח האָט אין לעצטן פאַנג געכאַפּט?

זי עפנט אויף די טיר רעכטס, וואָס פירט פון קלייט אין שפּייכלער אַריין. דער שפּייכלער הענגט אַריבער גלייך איבערן וואַסער, עס הערט זיך פון דער דאָרטיקער טונקל דאָס אומאויפהערלעכע אומגעלומפּערטע פאַרשקען און קריכן פון די דאָזיקע פערד־קראַבן, זיי קריכן דאָרט נאָכאַנאַנד איינע אויף די אַנדערע, גרויסע, אַזעלכע, ווי טשערעפּאַכעס.

זי וואַרט ביי דער אָפענער טיר, מיטן פּנים אומגעווענדט אין דער טונקלקייט פון שפּייכלער אַריין. דזשאָן עפנט ברייט פונאַנדער זיין מויל, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. נאָר זי דרייט זיך פלוצלינג שאַרף אום. ער קוקט זי אָן. זי קוקט אים אָן. ביידע שווייגן.

דזשאָן איז דער ערשטער, וואָס לאָזט אַרונטער די אויגן. ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר,—אַזוי טאַקע, מיט די אַרונטערגעלאָזטע אויגן לאָזט ער זיך גיין, ווי אַ חדר־יינגל, וואָס פאָלגט אַ רבין מיט געוואַלט. ביי דער טיר לאָזט זי אים דורכגיין פאָרויס.

איידער ער גייט אָבער אַריין אין שפּייכלער קערט ער זיך נאָך איין מאָל אום צוריק.

— וואַרט, מאַדאַם, אָט וועל איך נעמען דעם לאָמפּ פון קלייט. אין שפּייכלער איז דאָך אַזוי פינסטער.

אָבער מרס. פּארנעל שטויסט אים אַריין פאַמעלעך נאָר קרעפּטיק און זיכער אינווייניק דורך דער טיר, זי רופט זיך אָפּ שטילער:

— ס'איז אלל־רייט, איך'ל זעלבסט אַריינברענגען דעם לאָמפּ.

און זי גייט אַריין אין פינסטערן חלל גלייך נאָך אים.

די טיר פאַרמאַכט זיך גלייך הינטער זיי. עס דערהערט זיך

אינווייניק דאָס פאַררוקן פון אַ הילצערנעם ריגל. שטיל. באַלד דער־הערט זיך אַ קלאַפּ, ווי עפּעס איז דאָרט אין דער פינסטער אומגע־וואָרפן געוואָרן. ווידער שטיל.

דער לאָמפּ איז געבליבן ברענען אין קלייט.

דורך די אָפענע טירן און פענסטער טראָגט זיך פונם שמאָלן וואַסער-צינגל דער פלייש־קער, שאַרף־אויפרייצנדיקער גערוך פון די אויסטערס און סקעללאַפּס, וואָס ליגן דאָרט אָנגעלאָדן אין גרויסע קאַסטנס אין די בערלינקעס און זעגל־שיפן.

אין אַ ווײַלע אַרום ריגלט זיך אָפּ די שפּייכלער־טיר פון אינ־ווייניק. דזשאָן קומט אַרויס אַ פאַרכמורעטער און אַן אָנגעלאָדענער, מיט אַ צעקנייטשט געזיכט. דער קאָלנער איז אים פונאַנדערגעשפּי־ליעט. ער הויבט נישט אויף די אויגן, שלט פאַר זיך, שפּייט קנאַקנ־דיק אויס און גייט פאַמעלעך דורך דער טיר אין דרויסן, אין דער נאַכט אַרויס.

מרס. פאַרנעל קומט אַריין אין קלייט נאָך אים. זי אָטעמט נאָך שווער. אירע באַקן זענען פאַרפלאַמט. אַ פּאָר קנעפּלעך פון איר קאָפטל זענען אָפּגעשפּיליעט. אויפן פּנים איז בײַ איר אַ נצחונדיק שמייכעלע.

מען דאַרף שוין פאַרשליסן די קלייט און זיך גיין לייגן שלאָפן.

נאָר דאָ דערהערן זיך דורך די אָפענע פענסטער שווימען אויפן בריקל, וואָס פירט איבערן „קריק" פון דער צווייטער זייט. ווער קאָן עס זיין אַזוי שפּעט, וווּנדערט זיך מרס. פאַרנעל.

די טריט דערנענטערן זיך. כאָטש זיי זענען לייכטע, כמעט שפּרינגנדיקע טריט, הילכן זיי אָפּ קלאָר און דייטלעך דורך דער נאַכט, ווייל ס'איז אַזוי שטיל. שיינע, האָפערדיקע, גרינגע פרויען־טריט, וועלכע האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון ערגעץ — אוודאי פון אַ פריילעכער, זאָרגלאָזער, גרויסשטאָטישער וועלט — און שפּאַצירן דאָ איינינקע אַליין אָפּגעטיילט פון זייערע אייגנטימער, דורך דער שמע־קעדיקער, פרישער נאַכט.

די טריט קומען אָן נאָך נעענטער — ס'דערהערט זיך דאָס

גוואַודזען פונם ברעט, וואָס איז איבערן וואַסער איבערגעלייגט צום שוועל פון דער קלייט.

איצט ערשט דערהערט דאָס אָנגעשטרענגטע אויער פון מרס. פּאַרנעל, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ פּאָר פּיס אין דרויסן — ס'קלינגען אָפּ העכער און שווערער אַ באַקאַנטע פּאָר פּיס, אַ מאַנסבילשע. און וואָס מער די צוויי פּאָר פּיס דערנענטערן זיך, אַלץ העכער ווערן אויך די שטימען—די מענטשן דאָרט הויבן אָן רעדן איצט העכער, דרייס־טער, זיכערער. זיי רעדן הויך און דרייסט, ווי מיט אַ כיוון.

— משטיינסגעזאָגט... וואָס האָבן מיר דאָ צו באַהאַלטן... סודות האָבן מיר ?

באַלד קומט אַריין מייבל, דזשאַנס פרוי.

דער קאָליר פון איר הויט איז איילבירטן־טונקל. זי האָט הויכע באַקנביינער, הויכלעכע, אויפגעהויבענע געדיכטע ברעמען, וועלכע קו־מען זיך אויף צוזאַמען איבער דעם שמאָלן נאָז־בריקל. בולט צייכנט זיך אויס איר כמעט פּירקאַנטיקער, ענערגישער קין. מיט איר ברו־נעטקייט וואָלט זיך די דאָזיקע פרוי גלייך, ביים ערשטן בליק אויף איר, אויסגעטיילט פון די פרויען דאָ ביים ברעג — מייסטנס בלאָנ־דע. אירע האָר זענען איצט פייכט פון נאַסקייט.

מרס. פּאַרנעל גאַפט אויף איר און קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן. בלויז אירע אויגן לייכטן אויף מיט אַ באַהאַלטענעם בצחון: זי האָט אָבער געוווסט, זי האָט מיט יעדן טראָפּן בלוט גע־פילט אַזוי אַ גאַנצן אָוונט, אַז זי איז דאָ ערגעץ, מייבל... דזשאַן ווייסט טאַקע נישט פון דעם, כאָטש ער האָט געמאַכט אַזאַ אָנשטעל.

זי האָט זיך אָבער באַלד גענומען אין די הענט אַריין, מיט אַ מינע אַ גאָר פריינדלעכער האָט זי זיך הויך אָפּגערופן:

— זע נאָר, ווער ס'איז דאָ — מייבל... פאַרוואָס ביסטו עס אַזוי נאַס, מייבל—האָסט זיך געבאָדן אין ים? אַזוי פרי אין יאָר? מעג מען זיך דען באָדן? — ס'איז נישט גוט מייבל—מען קאָן זיך נאָך פאַרקילן.

— ווייס איך וואָס, געבאָדן זיך גאָר — מעסט אָפּ מייבל מרס. פּאַרנעלן מיט אַ רויקן, קאַלט־פרעמדן שמייכלענדיקן בליק און גיט דערביי אַ הויב מיט אירע רונדיקע אַקסלען. — דאָס האָב איך נאָך היינט אין אָוונט אין דערהיים, אין ניו־יאָרק, איידער איך בין אַרויס

געפאָרן אַהער, אויסגעצוואָגן מיין קאָפּ... אַרויסגעפאָרן בין איך אין איילעניש—די האָר האָבן זיך נאָך ביי מיר נישט באַוויזן אויסצוטרו־קענען...

זי קוקט זיך אין איילענדיקער נייגעריקייט אַרום אין אַלע זייטן — זי איז דאָך אַריין אַהער געשעפּטלעך, בלויז אויף אַ פּאָר מינוט.

— איז הערט זיך איין, וואָס איך וויל אייך פרעגן מרס. פּאַר־נעל: מיין דזשאַן איז דאָ נישטאָ? מיין צוג האָט אַביסל פאַרשפּעטיקט, געטראָפן אַ צופאַל מיט אים אויפן וועג. עפּעס מיט די רעלסן, צי מיטן לאָקאָמאָטיוו...

זי האָט אין איילעניש שמייכלענדיק און אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן דערציילט, ווי זי איז אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל אין דער פינסטער—און, נאַטירלעך, קיינער האָט דאָרט נישט געוואַרט. אויף איר זי קומט דאָ קיינמאָל ניט אַזוי שפּעט, קיין וואָגן, קיין אויטאָמאָביל. דער אָמניבוס גייט שוין אויך נישט אַזוי שפּעט. מילא... איילט זי זיך אַזוי מיטן פינסטערן וועג דורכן וואַלד אַהיים, און ס'שרעקט איר עפּעס אַזאַ פינסטערניש צווישן די בוימער... אַז מען איז אָפּ אַזוי לאַנג אין ניו־יאָרק, חלומט מען אפילו נישט, אַז ערגעץ זענען נאָך דאָ אַזעלכע פינסטערע ווינקעלעך אויף דער ערד... נוט, וואָס זי טרעפט גראָד אָן אויפן וועג איר, מרס. פּאַרנעלס, גאָסן: ער איז געווען זייער פריינדלעך צו איר און האָט זי שוין באַגלייט דעם גאַנצן וועג. ער האָט זי געוואָלט אפילו צופירן ביז סאַמע הויז אירן, נאָר צוקומענדיק צום בריקל, און זעענדיק, אַז אין סאַלון איז נאָך ליכטיק, איז איר איינגעפאַלן, טאָמער געפינט זיך איצט גראָד דאָ דזשאַן אויך?

— וואָס, נישטאָ, אָקאָרשט אַוועק? מוז איך מיך טאַקע שוין איילן... אָרעמינקער, ער קאָן זיך מסתמא דאָרטן שוין נישט דער־וואַרטן אויף מיר.

הינטער איר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען גאָס, מרס. פּאַר־נעלס זון, ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן הינטער איר שווייגנדיק, ווי אַ באַדינער אירער: עטוואָס אַ פאַרשעמטער, אָנגעטון אין זיינע הויכע גלאַנציקע שטיול, אין אַ לעדערנער קורטקע, ווי גרייט צום

אַרויספּאָרן אין דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט מכלומרשט געוואַרט דרויסן. ער איז געווען מר. ליסליס שאָפער.

מייבל האָט מער נישט געוואַרט, האָט געזאָגט אַן איילנדיקע „גוטע נאַכט", אין כאַפּעניש באַדאַנקט גאָסן, און איז אַרויס.

אַז אירע טריט האָבן שוין געהאַט פאַרקלונגען אינגאַנצן אין דעם שטילן ימיק-שמעקעדיקן, ביינאַכטיקן דרויסן, האָט מרס. פּאַרנעל איר נאָכגעשיקט אַ קליין, צופרידן געלעכטערל.

זי האָט זיך געווענדט צום זון, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט ביי דער טיר און זיך געקווענקלט, אַריינצוגיין אָדער נישט.

— נו, קום אַריין אין שטוב, גאָס, וואָס זשע שטייסטו אויף דער שוועל? מען זעט דיך דאָך אַזוי זעלטן.

זי האָט זיך אַ לאַנגע וויילע געפּאָרעט אונטער דער קאָנטאָרקע, ענדלעך אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פאַרשטויבט פלעשל בראָנפן „ראָק און ריי" און אים אָנגעגאָסן אַ היפּש גלעזל:

— נאַ, גיב אַ זופּ.

און אַז יענער האָט אַראָפּגעוואָרפן די בושה פאַר דער מאַמען, האָט זיך צעפּלאַמט און אָנגעהויבן טרינקען גלעזל נאָך גלעזל, האָט זי שוין פון אים די גאַנצע צייט נישט אַרונטערגענומען אירע דורכדרינגלעכע, פאַרשנדיקע בליקן. זי האָט אויף אים געקוקט לאַנג, וואַרעם און דאַנקבאַר. מיטאַמאָל האָט זי דערפילט, ווי זי וואָלט געוואָלט אים איצט אַרומנעמען.

IV

א

אין אײנעם אַ זונטאָג איז קײן פּרינסעס-בעי אָנגעקומען אַ גאַסט.

דער זונטאָגדיק-אָנגעפּילטער צוג איז אָנגעקומען גאָר פרי. נאָר ס'האָט זיך שױן געפּילט, װי אַ הײסקײט שפּראָצט אין דער לופט אױף יענער זײט בלענדנדיק-קלאָרן האָריזאָנט.

װען דער אָנגעקומענער איז געבליבן שטײן אױף דער צוגעפּױלטער הילצערנער פּלאַטפאָרמע, האָט ער אַרױסגעלאָזן אַ קורצן צופרידענעם לאַכן, אַ לאַכן פון גרױס הנאה. ער האָט זיך אַ זשמורע געטאָן קעגן דעם ליכטיקן טאָג, װי אַ קינד, װעמען די זון קיצלט אונטערן קינעלע.

דער אָנגעפּילטער צוג מיט פּאַסאַזשירן איז שױן געהאַט װײטער געפלױגן זײן װעג, טאַפּנדיק און רודערנדיק צװישן פּאַרשטױבטן גרינס, װאָס איז גאָר נאָענט געלאָפן פּאַזע בײדע זײטן פונם הױכן ערד-אָנשיט, אײלנדיק צו דער באַרימטער ענד-סטאַציע פון דער סטײטען-אײלאַנד אײזנבאַן-ליניע מיט איר באַרימטן און טומלדיקן ים-רעזאָרט. דער גאַסט האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און דערזען:

דער צוג האָט אַרױסגעװאָרפן פון זיך אױף דער פּלאַטפאָרמע סך-הכל בלױז אַ פּאָר מענטשן. קענטיק, אַז דער דאָזיקער אָרט איז אַן אָפּגעזונדערטער און האָט גאָר װײניק צו טון מיט דער גרױסער װעלט. און דער װאָקזאַל... פון צװישן די שפּאַלטן פון דעם קלײנעם פּלאַטפאָרמל איז אינם ליכטיקן פרימאָרגן אַרױסגעװאַקסן הױך, פריש װילד-גראָז.

— ס׳איז דאָך אַן אמתדיק קליין דערפל צווישן יונגע, פרישע בערגלעך...

דער אָנגעקומענער יונגערמאַן האָט גלייך דערפילט אַ פרייד אַ דורכנעמענדיקע זיין גאַנץ וועזן, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט גענוי די סיבה פון דער דאָזיקער פרייד. „גוט, וואָס ער איז אַהער געקומען", האָט אַ קול אין אים אַלץ געחזרט, „גוט, וואָס ער איז געקומען אַהער."

דעם גאַנצן זאַמדיקן וועג פון דעם וואָקזאַל־סטאַציע ביז צום ברעג ים איז ער געגאַנגען צופוס, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט, ווי־ווייט איז דער דאָזיקער וועג. אים איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו פרעגן ביי עמעצן, ווו און ווי אַזוי.

אַ הויז צווישן בוימער, אַ גאָרטן, אַ קרענעצע. אַ ווינט־רעדל דרייט זיך נאָכאַנאַנד אין דער הויך, אויף אַ בריקל אונטער אַ הויכן אָפּדאַך איבער דער קרעניצע, און פּאָמפּט דאָס וואַסער אין אַ היפּשן בעטאָנענעם בעקן אַריין אונטן — אַ מין רעזערוואַר. אַ געדיכטער פּאַס פון שמעקעדיק סאָסנע־וואַלד בייט זיך שפּעטער איבער אין אַלטע, ריזיקע קליאָנען און מייפּל־בוימער, און נאָך אַנדערע וווּנדערלעך־בייע בוימער, פאַר וועלכע דער אָנגעקומענער האָט ניט געוווּסט קיין נעמען, ניט אין יידיש און ניט אין אַנדערע שפּראַכן. ער האָט דאָך זיין גאַנצן באַוווּסטזיניקן לעבן אָפּגעלעבט אין גרויסע שטעט.

ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, ווען די זון איז ערשט אַרויסגעגאַנגען אויפן הימל־אָנהויב: מאַנאַט — דאָס איז געווען דעם אָנגעקומענעמס נאָמען — האָט זיך פרי, נאָך באַגינען, געפּעדערט אין וועג אַריין. דער זאַמד פונם וועג האָט ערשט איצט גענומען ווערן גאָלדיק.

ער באַמערקט, אַז ס׳וואַקסט שוין דאָ די קוקורוזע אויף די פעלדער. אין ניו־יאָרק, דוכט זיך, איז דאָך ערשט דער ווינטער פאַרביי.

— דאָ הויבט זיך אָן דער זומער גאַנץ פרי...

ער גייט ווייטער. שטיל. אַ פויגל אין פעדערן פון בלוי און גאָלד — אַ „גאָלדן פינטש" — שטייט אויף אַ פּלויט. פאַרגאַפט ער זיך אויפן פויגל, און ווייס ניט וואָס פאַר אַ נאָמען אים צו געבן, —

אָט פונקט, ווי דער פויגל וואָלט אים עפּעס געוואָרן היימישער, ווען ער ווייס יאָ זיין נאָמען.

מענטשן, וועלכע ער האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געקענט, באַגעגענען זיך אים אין וועג, און מען זאָגט אים גוט-מאָרגן, און ער ענטפערט אַלעמען צוריק, ווי גוטע באַקאַנטע. פערמער מיט פאַרברענטע בּנימער און ווייסע העמדער צוליבן זונטאָג, אין ברייט-קאַנטיקע שטרויענע היט; יונגע מיידלעך מיט בלאָנדע לאַנגע צעפּ, ווייסע ציצענע קליידלעך און געבעט-בּיכלעך אין די הענט — אַלע אויפן וועג באַגריסן איינע דאָס אַנדערע.

און אָט מיט אַמאָל פאַלט דעם גאַסט איין, אַז אָט די אַלע טענטשן אַרום קענען אים גאָרנישט און פאַרדעכטיקן ניט, אַז ער איז דאָ אַ ווילד-פרעמדער צווישן זיי: אָט דאָס, וואָס עס טוט זיך ביי אים איצט אין האַרץ און אין געדאַנק, און צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער — ווען זיי וואָלטן עס געוווּסט...

אָבער אים האָט עס אַ ברעקל ניט געאַרט. אדרבא. ער האָט דאָך סיי-ווי אָפּט געהאַט דאָס דאָזיקע געפיל, אַז ער גייט אום אַ פרעמדער און אַ באַהאַלטענער צווישן אַלעמען, — אַ מענטש, וואָס איז אונטער נאָכגאַנאַנד זיך בּייטנדיקע מאַסקעס... אַ מענטש, וואָס גיט זיך אַלעמאָל זיּ מי צו זיין אויסערלעך מיט אַלעמען גלייך, צו זיין גוט-ברודעריש מיט אַלעמען, יעדן צו מאַכן פילן און דענקען, אַז ער איז „אַן אייגענער מענטש“... אַ, ווי דאָס האָט אים געוואַלטיק אַמוזירט...

עס דערהערט זיך מיט אַמאָל דאָס דינע, לויטערע קלינגען פון אַ קירכן-גלאָק. מסתמא איז אַ קירכע דאָ נישט ווייט, זאָגט מאַנאַט צו זיך גלייכגילטיק, און ער לאָזט זיך פונדעסטוועגן גיין אַ ביסל פאַרזיכטיקער. ער האַלט זיך נעענטער ביים פּלויט, ווי ער וואָלט זיך ניט געוואָלט מיט עמעצן באַגעגענען, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסמיידן אַ קירכלעכע פּראָצעסיע, וואָס וועט אפשר אָט באַלד דורכגיין דורכן מיטן וועג. ער גייט דעריבער מיט אַ זייט, קוקט זיך אַלע ווילע אום און כאָטש ער איז אַ שטאַרק בלאָנדער, און האָט בכלל זייער ווייניק אויסערלעכע יידישע סימנים, און כאָטש ער דאַרף איצט, אין דער זעלבער מינוט טאַקע, קעמפן קעגן אַ מין צו-להכעיסדיקן פאַרלאַנג, ער זאָל דווקא אַריינגיין איצט אין איינעם מיט אַלעמען אין

קלויסטער אַריין, אט פונקט ווי איינער פון זיי — איילט ער שוין פונדעסטוועגן וואָס גיכער פאָרויס. ער לויפט כמעט, זיך מער ניט אומקוקנדיק אויף צוריק, — ער איילט אַוועק צלץ ווייטער, ווייטער.

נאָך פון קינדווייז אָן, פון זיין יינגסטער דערציִונג אינם רבישן הויף — מאָנאַט איז געווען אַ גוטן יידס אַן אייביקל — ווען מען האָט אים געלערנט, אַז פאַרבייגייענדיק אַ „תיפלה" זאָל ער אויסשפּייען דריי מאָל און זאָגן דעם פסק „שקץ תשקצנו..." — איז עס אין אים פאַרבליבן, דאָס דאָזיקע מין קאַלטע, בלינדע מורא פאַר אַ קירך, אפילו איצט נאָך, אַז ער פלעגט פון דער ווייט דערזען אַ נאָענט גיין, פלעגט ע׳ר אויף גיך איבערלויפן אויף דער אַנדערע זייט גאַס. און אַז ער פלעגט זיך אַמאָל כאַפּן, אַז ס׳איז שוין צו שפּעט, און אַז ער וועט די דאָזיקע שוואַרץ־געקליידטע נאָנע שוין ניט אויסמיידן, פלעגט ער עס באַטראַכטן פאַר אַ שלעכטן סימן... ער, דער קלוגער, דער דורכגעטריבענער סקעפּטיקער, האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן, אַז קיין חכמה קאָן נישט פאַרטרייבן ביים מענטשן זיינע אַבערגלויבנס.

ער לויפט אַלץ ווייטער ביזקל ער פאַלט אַריין מיטן רעכטן פוס אין אַן אומגעזעענעם ריוו ביים וועג, און דאָס טשוכעט אים אויס אַ ביסל. ער לאַכט זיך דעמאָלט פונאַנדער פון זיך אַליין און דער שרעק פאַרשווינדט. אַ פול־לייביקער איז ער און אַ שווערע׳ אַזאַ. סאָפּעט ער איצט שטאַרק און קאַראַפּקעט זיך מיט אַלע כחות פון דעם ריוו אַרויס און בלייבט סוף כל סוף ליגן אויפן גראָז, אינגאַנצן אַן אויסגעמאַטערטער.

נאָר ליגנדיק ווייטער אַזוי האָט ער שוין בדיעבד הנאה פון דעם [illegible] זיקן ליגן. טראַכט ער, אַז דאָ, אויפן אינזל, וואָלט ער געדאַרפט קויפן אַ הויז, זיך באַזעצן. ניין, טאַקע נישט קויפן, נאָר אַליין אויפבויען זיך אַ הויז, פונם פונדאַמענט ביזן דאַך. — פונם פונדאַמענט ביזן דאַך. אַלץ אַליין אויפבויען. אַ הויז פון צוויי שטאָק מיט אַ בוידעם, מיט אַ קעלער. מיט אַ ברונעם און מיט שייערן.

נו, נישטאָ וואָס צו ליגן. ער שטייט אויף און גייט ווייטער. ער דערזעט עפּעס אַן אָרעמע פערמערקע שטיין לעבן דער טיר פון איר הויז.

— גוט מאָרגן

— גוט יאָר.

— כ׳זע אַז ביי אייך אין גאָרטן ווערן שוין פאַרטיק די פאַסאָליעס.

— דאָס זענען נישט קיין פאַסאָליעס, מיסטער, — דאָס זענען דאָך גאָר אַרבעס...

— אַך, יאָ, אַרבעס, — פאַרכאַפּט זיך מאָנאַט — כ׳האָב טאַקע געמיינט צו זאָגן: „אַרבעס״. — ער קוקט זיך אַרום אין גאָרטן און זוכט עפּעס אַ „זיכערע פלאַנץ״, אַז ער זאָל ווידער נישט אַריינפאַלן. אָבער נישט קיין עפּל און נישט קיין באַרן און נישט קיין פלוימען און אפילו נישט קיין קאַרשן איז נאָך אויף די בוימער נישט געווען צו זען... צו פרי אין יאָר.

— און דאָס, — אָנווייזנדיק אויף אַ בוים, פון וואַנען קליינע, לענגלעכע שפּראָצן אויף נידעריקע בוימלעך האָבן ערשט אָנגעהויבן אַרויסשיסן — דאָס זענען ביי אייך ציבעלקעס?

— ניין, דאָס זענען טאַמאַטען. הייגטיקס יאָר וועלן זיי אָבער זיין נישט אַזוי געראָטן. עפּעס געפעלן מיר די בלעטלעך נישט, — די גויע רעדט געלאַסן און גערן, ווייל זי זעט, אַז דאָס איז אַ גרויסשטאָטישער באַזוכער.

זי האָט גאָרנישט געהאַט בדעה אים צו פאַרשעמען מיט איר ענטפער, נאָר אַ רויטע פאַרב באַדעקט אים פונדעסטוועגן דאָס גאַנצע פּנים ביז איבער די אויערן, — צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרף ער, דער נאַר, דער ערשטער פרעגן, און אַרויסווייזן זיין עם-הארצות.

איז איצט טרעפט ער שוין פאָרזיכטיקער:

— און דאָס זענען דאָך ביי אייך געוויס... — און גיט בלויז אַ ווייסנדיקן שאָקל מיטן קאָפּ.

— יאָ, פאַרענדיקט שוין די פאַרמערקע פאַר אים, — ריכטיק. דאָס זענען אוגערקעס. דאָס — בוריקעס, דאָס — סאַלאַטע און דאָס — ווידער אַמאָל פאַסאָליעס...

יאָ, ער שטימט מיט אַלץ איין... ער ווערט פון דעם ערפאָלגרייכן איינפאַל זיינעם אַ ביסל דרייסטער. ער צייגט אָן אויף די גרויסע פלאַנטאַן-בלעטער, וואָס זעען אויס ווי בלעטער פון קרויט-קעפּלעך. נו, האָט זי דאָך גיט וואָס צו באַקלאָגן זיך, די דאָזיקע פאַרמערקע...

וויבאַלד אַז אַזוי פרי אין יאָר האָט זי שוין אַזעלכע געראָטענע בלע־טער!

— אָ, אָט דאָס אָבער — זאָגט ער אַרויס מיט גרויס מבינות — דאָס וועט זיך שוין אייך גראָד זייער איינגעבן היי־יאָר. געמוזט זיין זייער גוטע זיי־קערנער, ניין?

— וועלכע, אָט די? — שמייכלט די פּאַרמערקע. — די דאָזיקע פלאַנצן זענען דאָך פּשוטע פלאַנטאַן־בלעטער. מען זייט זיי דען — זיי וואַקסן פון זיך אַליין, ווי ווילד־גראָז. נאָר מיר לאָזן עס געדן וואַקסן, ווייל די עופות האָבן עס ליב צו פּיקן.

נו, דאָ דערמאָנט זיך פּלוצלינג מאָגאַט, אַז ער איז דאָך עפּעס אין גרויס איילעניש! אַ פיינער מענטש! מען וואַרט דאָך אויף אים דאָרטן אין פּרינסעס בײ... אָן אַ זיי־געזונט גיט ער זיך אַ ריס פון אָרט און לאָזט זיך לויפן.

אַז ער איז אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג, וויל ער זיך ערשט אי־בערצייגן, אַז דאָס איז ער נישט אַנטלאָפן פון חרפּה. ער קערט זיך אום און שרייט צו צו דער פּאַרמערקע פון דער ווייט אויף זיין די־נעם, מיידעלשן קול:

— ס׳איז נאָך ווייט עפּעס קיין פּרינסעס־ביי, יאָ?

נאָר די פרוי איז שוין הינטער אים נישט געווען. כאָטש ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט געהערט הינטער זיך אַ שטיל לאַכן. דאָס הויז איז שוין אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן.

גייט ער ווייטער. אַרום איז שטיל, זוניק, הויכע בוימער צוימען אָפּ דעם וועג פון ביידע זייטן. דוכט זיך אים. נישט אַנדערש, ווי ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אינעם גן־עדן אַריין... פון גרויס באַ־גייסטערונג הויבט ער אָן פּלוצלינג צו זאָגן פאַר זיך גאַנצע פּסוקים פון תהילים, — פּסוקים וואָס באָמבלען זיך אים אין קאָפּ פון אַמאָל־אַמאָליקע לאַנג־פאַרגאַנגענע טעג, און באַלד הויבט ער אויך אָן צו דעקלאַמירן עפּעס שורות, סטאַנצעס גאַנצע פון לאַנג־צוריק געלייענטע לידער, ביזקל ער ווערט מיד און הויבט אָן צו שוויצן.

אַז ער ווערט מיד, נעמט ער און גייט אַריין צווישן די בוי־מער ביים וועג. ער וואַרפט זיך אַנידער אויפן גראָז. מעגלעך, אַז אין דעם פּלאַץ, וווּ ער זיצט איצט, איז נאָך קיין מענטש קיינמאָל פריער

נישט געזעסן. און דאָס אַליין פילט אים שוין אָן מיט אַזאַ גרויסע פרייד, פונקט ווי ער וואָלט מיט איין מאָל באַגליקט געוואָרן אויף זיין גאַנצן לעבן... מיטאַמאָל בליצט אים עפּעס דורך אין מוח: ער נעמט אויף גיך אַרויס אַ מעסערל און שניצט עפּעס אויס אויפן בוים. דערנאָך לייענט ער איבער דעם אויסגעשניצטן נאָמען:

— מעם־אלף־נון־אלף־טית, מאנאט.

נאָר אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער שניצעריי, האָט ער זיך אָפּגערוקט פונם בוים, זיך אומגעקוקט צו דעם מיטן רוקן און שוין מער אויף דעם נישט געוואָלט קוקן. ער האָט געזאָגט צו זיך:

— אָט דער בוים איז געווען אַ געזונטער, ווער ווייס, ווי לאַנג ער וואָלט נאָך געלעבט. איצט האָב איך דורכגעלעכערט זיין קאָרע ביז טיף אינם האַרצן אַריין. אינגעקטן וועלן זיך איצט אָנהויבן פאַר־קלייבן אין בוים, און זיין ענדע איז שוין מיט דעם געוואָרן אַ סך נענטער... דאָס איז אַלץ אמת. נאָר איך האָב דאָך געמוזט טון דאָס, וואָס איך האָב געטון.

אַז ער האָט זיך אָפּגערוט, איז ער אויפגעשטאַנען און זיך גע־זעגנט מיטן בוים.

— מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען — מיר זענען שוין געוואָרן פריינט! — האָט ער אים גוטברודעריש פאַרזיכערט. דערנאָך האָט ער זיך אַליין געוווּנדערט אויף זיך, אויף וואָס פאַראַ נאַרישקייטן ער איז נאָך פעיק: אויסקריצן זיין נאָמען אויף אַ בוים, ווי אַ פאַרליב־טער גימנאַזיסטל! ס׳איז נישטאָ, ווער ס׳זאָל לאַכן!

ער איז ווייטער געגאַנגען אינם גאָלדיקן זאַמד. די זון האָט זיך אַלץ געשטאַרקט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ברייט אויפגעעפנט די אויגן זיינע, אויפגעעפנט זיי אין גרויס וווּנדער. זיינע נאָזלעכער האָבן זיך שטאַרק און אויפגערעגט פונאַנדערגענומען.

אַ ווינטל האָט אויף אים אַ בלאָז געטון, — אַ פלוצלינגדיק, ניי ווינטל. דער ים האָט געמוזט זיין דאָ גאָר נאָענט. נאָר מען האָט אים נאָך נישט געקאָנט זען.

וואָס ווייטער מאנאט איז געגאַנגען, אַלץ שאַרפער איז דער

ים-ריח געוואָרן, אַלץ געזאַלצענער, בייסנדיקער און אויפמונטערנדי־קער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין היטל אָן אַ זייט וועג, און זיינע בלאָנדע האָר האָבן אים געפּעכעט פון אַלע זייטן.

די שורות בוימער, וואָס האָבן, ווי הויכע פלויטן, אָפּגעצוימט דעם וועג פון ביידע זייטן, האָבן זיך געענדיקט. אַ לאָנקע האָט זיך איצט אָנגעהויבן. דער ווינט איז דאָ געוואָרן שטאַרקער און האָט געטראָגן אין זיך דעם ריח פון אויסטערס און צעפּוילטע ים-גראָזן. דער וועג האָט זיך מיטאַמאָל פאַרקירעוועט אָן אַ זייט. עס האָבן זיך דערזען די הויכע, ברוינע בנינים פון ליסליס פאַבריק...

דער גאַסט האָט פּלוצלונג שטאַרק אויפגעשריגן, ווי אַ ווילדער לעמפּערט, איידער ער גיט אַ שפּרונג אויף זיין פאַרצוקונג. זיין האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. און נאָך אַמאָל האָט ער אויפגעשריגן אַזוי ווילד, אַז די פויגלען און וועווערקעס אין דעם בוים, אונטער וועלכן ער איז גע-שטאַנען, האָבן זיך אָנגעהויבן פונאַנדערלויפן.

דער ים האָט זיך געשפּרייט פאַר אים. און קעגן אים — די ריזיקע פעסטונגען, טורעמס און באַסטיאָנען פון ליסליס פאַבריק.

ב

דן האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיטן אומדערוואַרטעטן אָנקומען פון מאנאטן. ער האָט, פון גרויסער פרייד אַפילו נישט געפרעגט ביי אים די סיבה פון זיין אומגעריכטן אָנקומען אַהער אין אָט אַזאַ העק: מאנאט האָט דאָך תמיד ליב געהאַט בלויז די גרויסע שטאָט און פלעגט אָפּלאַכן פון מענטשן, וועלכע פאָרן אין „קאונטרי" און בענקען נאָך „נאַטור־שיינקייט".

— נישטאָ מער קיין פעלדער, קיין וועלדער, קיין בערג און קיין טאָלן פאַר אונז און פאַר אונזער גלייכן, — ריזיקע טענעמענט-מויערן און קינסטלעכע פאַרקן, שמאָלע גאַסן — טאָלן דורכגעלייגטע צווישן הויכע שטיינערנע ווענט, — דאָס איז אונזער נאַטור...

נאָר אַ קשיה אויף מאָנאַטן, זיינע רייד און זיינע ווידעראַנאַנ-דיקע גענג... אַ גאַסט איז ער איצט סיי־ווי געווען גאָר אַן אָנגעלייגטער. עפּעס זענען די באַציונגען צווישן דנען און קודראָוון לעצטנס גע-

וואָרן אָנגעשטרענגטע אַזעלכע. זיי האָבן ביידע פאַרשוויגן, עקשנות־דיק און אייפערזיכטיק, איין און די זעלבע זאַך — האָבן פאַרמיטן צו רעדן וועגן איינער אַ פערזאָן, וועלכע איז זייביידן די גאַנצע צייט נישט אַרויס פון געדאַנק. און בכלל זענען זיי ביידע געווען מענטשן זיך לייכט אָנצינדנדיקע, יעדער אויף זיין אופן אייַנגעשפּאַרטע, שווייגנדיק-פאַרביסענע. מאַנאַט, פאַרקערט, איז געווען אַ מענטש אַ גוטמוטיקער, אַ נח-לבריות, אַ מענטש, וועמעס אָנוועזנהייט פלעגט תמיד אַריינברענגען רו און לייכטקייט און אַ שפּילעוודיקע שטימונג צווישן מענטשן. און כאָטש דן, דער יונגער און פאַרחלומטער דן, פלעגט זיך אָפט האַמפּערן מיט אים צוליב אידייאישע גרונטן, פלעגט עס אים אָבער אומבאַוווּסטערהייט תמיד ציען צו אים, און דערהויפּט באַך איצט.

מרס. פּאַרנעל האָט זיי סערווירט אַ רייכן זונטיק-מאָלצייט, האָט זי אָפּגעקאָכט פריש-געכאַפּטע קראַבן, אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ גאַנצן, פרישן „ווירדזשיניא־שינקע", וועלכן זי פלעגט „אויסקורירן" מיט צוקער, — אַן אייגנאַרטיקער רעצעפּט, וואָס איז געווען אַ קבלה אין זייער משפּחה פון דור־דורות, — און אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש היימישן ווין פון שוואַרצע יאַגעדעס.

נאָכמיטאָג זענען די דריי אַרויס שפּאַצירן איבערן זוים פונם „קריק". דן האָט מאַנאַטן אומעטום אַרומגעפירט, אים באַוויזן פאַרשי־דענע זאַכן און ערטער ביים ים־ברעג. מיט בלישטשענדיקע אויגן האָט מאַנאַט געקוקט אויף די שיפן, אויף די מאַסטן, אויף די פישער־נעצן, וואָס האָבן זיך געטריקנט אין דער זון. אַז קודראָוו האָט ביי אים אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט, ווי שפּעט, דענקט ער, קאָן עס איצט זיין, האָט אים מאַנאַט אָנגעקוקט אָט פּונקט אַזוי, ווי ער, קודראָוו, וואָלט געווען גאָר אַ נייער, נאָך אַ קיינמאָל נישט געזעענער מענטש — צי גאָר אַ סלופּ ביים ברעג, אַ מאַסטבוים פון אַ שיף, וואָס האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן. צו אָט דעם נישט-קלאָרן קעגנשטאַנד האָט ער עס לסוף אַרויסגעזאָגט:

— מאָדנע... אין שטאָט בין איך דאָך באַקאַנט צווישן נאָענטע פרייגט — ער האָט זיך געטון אַ טעאַטראַליש-עניוותדיקן פאַרבויג—ווי אַ רויקער: „מאַנאַט איז שוין אַ באַרויקטער מענטש"... דאָס איז אָבער

אַלץ, אַפּנים, אין דעם רווישיקן כּרך. דאָ ביים ברעג איז אָבער, אַפּנים, פאַראַן דרויסן מיר צופיל רויקייט, און זי באַגחעלטיקט מיך אינגאַנצן, און זי זויגט אויס מיין אינערלעכע רו. פיל איך, ווי אויף איר אָרט שטייגט אויף אַן אומרו...

אויפן מאַסטבוים פון אַ גרעסערער שיף האָט געקלעטערט איצט אַ שוואַרצע פיגור אין בונט־פאַרלאַטעטע אַרבעטס-קליידער, און אין אַ קהאקי־העמדל. די האָר, לאַנגע און בלאָנדע האָבן געפלאַטערט אין דער בלויער לופט. הענגנדיק אַזוי אין דער הויך, אַ ברייטער, אַ לאַנגער, אַ האָריקער, האָט דער דאָזיקער מענטש אויסגעזען, ווי אַ ים־באַשעפעניש, וואָס איז פון וואַסער אַרויסגעקראָכן, האָט אַרויפ־געקלעטערט אויפן מאַסטבוים, כּדי צו כאַפּן אַ בעסערן קוק אויף דער יבשה, וואָס האָט זיך הייגט געוויקלט אין זונטיק־רו.

אויסבויגנדיק זיך מיטן בויגן פונם ברעג צו דער צווייטער זייט, האָבן זיי אינגיכן דערזען, אַז דאָס איז געווען דזשאַן.

זיינע פיס זענען געווען אַריינגעשטעקט אין צוויי פּעטליעס, אויסגעפלאָכטן פון שטריק. איין פּעטליע העכער פון דער אַנדערער אויפן מאַסטבוים. אַ רימענער פּאַס האָט אַרומגענומען זיינע לענדן און זיך אַרומגעוויקלט אַרום דעם מאַסטבוים. ער האָט געקלעטערט אויפן מאַסטבוים. אַז ער פלעגט זיך וועלן אויפהויבן העכער, פלעגט ער אַרויסנעמען זיין פוס פון דער נידעריקערער, רעכטער פּעטליע, לאָזן זיך באָמבלען אַ ווײַלע אין דער לופט, בלייבן שטיין אויף דער העכערער, לינקער פּעטליע, אַרומנעמענדיק דעם בוים מיטן לינקן אָרעם. מיט דער רעכטער האַנט פלעגט ער דערווייל פּאַמעלעך פונאַנדערנעמען די ליידיקע רעכטע פּעטליע און אַרויפציען זי העכער. דערנאָך פלעגט ער אַריינשטעקן דעם פרייען פוס אין דער ביי־אויסגעבונדענער פּעטליע, וואָס איז שוין איצט געווען העכער פאַר דער לינקער און אויף אַזאַ אופן זיך הויבן העכער און העכער אויפן מאַסטבוים.

אויף דעם רימען־גאַרטל ביי זיין זייט איז געהאָנגען אַ קליין טעפּעלע פאַרב. דזשאַן האָט איצט געפאַרבט דעם מאַסטבוים פון זיין שיף.

אַלע דריי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דן האָט זיך גוט איינגע־קוקט, ווי דזשאַן אַרבעט מיט די פּעטליעס. ס'וועט צונויף קומען,

באַלד וועט מען דאָך דאַרפן אָפּפאַרבן דעם הויכן, צווייהונדערט-פּו־סיקן פלאַג־שטעקן, וואָס שטייט אויפן ליידיקן גראָז-פּלאַץ פאַרן פּאַ־סאַד פון מר. ליסליס פּאַלאַץ, און ער האָט נאָך ביז איצט קלאָר נישט געוווסט, ווי אַזוי ער וועט עס קאָנען טון.

— זונטיק אַרבעטן זיי אויך... — האָט דן פּאַר זיך נישט צו־פרידן געזאָגט.

מאנאט האָט אויף אים אַ שמייכל געגעבן:

—וואָס איז? דיינע קריסטלעך־רעליגיעזע געפילן ווערן מיט דעם חס־ושלום פאַרשוואַכט?

דן האָט אויף דעם נישט געענטפערט. אין די ערשטע מינוטן פון דעם גאַסטס זיין דאָ, האָט ער געוואָלט פאַרמיידן וויכוחים מיט אים.

נאָך אַנדערע פישערלייט האָבן זיך געפּאָרעט אַרום זייערע שיפלעך. פאַרפעכט שפּאַלטן, געלאַקירט, געפאַרבט, איבערגעפאַרבט, געשייערט די מעשענע פּיסטאָנען, שטאַנגען, שטאַבן, אָרעמס, און אַנ־דערע טיילן פון די מאַשינען, גערייניקט און געפּוצט.

אַ גרופּע יונגעלייט איז גראָד איצט אַרויסגעפאָרן אויף אַ מאָ־טאָר־שיפל אין ים אַרויס פון דער אינלענדישער זייט פונם „קריק". אַזויווי דאָס שיפל איז געווען אַ הויכס, מיט אַן איבערגעדעקט דעכל און אַ לאַנגן פלאַג-שטעקן, אַ מין יאַכטע, און דאָס וואַסער אינם „קריק" איז איצט געווען היפּש אויפגעשוואָלן, האָט דער דאָזיקער מאָטאָר־באָוט נישט געקאָנט אַדורך אונטערן בריקל. זיין פייפל האָט דין-אויסגעצויגן, הויך געפּישטשעט. חברה אויפן שיפל האָט געליאַרמט, מיט שטעקנס און פויסטן געקלאַפּט אינם הילצערנעם בריקל, כדי דער בריק-וועכטער, וואָס האָט איצט אין זיין וואַך-ביידל, אין שווער-זי־סער זונטיק-רו געדרימלט איבער אַן אָנגעהייערן, אַ פיל־זייטיקן זונ־טיק־בלאַט, זאָל אַרויסקומען עפענען די בריק.

אינם מאָטאָר־שיפל זענען געווען אָנגעוואָרפן פילע שאַכטלעך מיט קאָנסערווירטן עסנוואַרג, פלעשלעך מיט געטראַנקען, בייכיקע זונ־טיק־צייטונגען...

דאָ האָט דן ווידער באַמערקט:

— אַן עוולה, כ'לעבן. כ'וואָלט דער ערשטער זיך אָנגעשלאָסן

אָן אַ באַוועגונג, וואָס זאָל זען איינפירן די זונטיק־רו דאָ אין לאַנד.
און נאָך אַ מינוט שווייגן:

— בכלל, נויטיקן מיר זיך דאָ אין לאַנד אַביסל מער אין רו און אין שבתדיקייט.

קודראָוו האָט דאָס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. מיט אַן אָקסישער איינגעשפּאַרטקייט און שלעכט־פאַרמאַסקירטער שנאה, האָט ער אַרויסגעשפּריצט פון זיך אַ קנויל ווערטער.

— מילא... כ׳ווייס אַפילו, אַז דנען וועט נישט שמעקן מיין נישט־אָריגינעלע — ביי די ווערטער האָט ער זיך בייז־שפּאָטיש אַ קרים געטון — מיין נישט אָריגינעלע מיינונג... כ׳בין נישט אַזאַ מפונק און אַזוי פיין־שמעקעריש, ווי ער... דאָס איז אָבער פונדעסט־וועגן פאָרט דער אמת: ס׳איז אונזערע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטס־סיסטעם, וואָס צווינגט אונז דאָך צו אַרבעטן זונטיק. די דאָזיקע אָרעמע טייוואָלים מאַכן נישט גענוג אויף צום לעבן אין די זעקס אַרבעטס־טעג, מוזן זיי אַרבעטן זונטיק אויך. און די יעניקע, וועלכע זענען שוין נישט געצוווּנגען צו אַרבעטן זונטיק, האָבן דאָך נישט קיין אַנדער צייט פאַר פאַרוויילונג, אויסער אינם זיבעטן טאָג.

ער האָט געענדיקט מיט אַ פאַרביסנקייט, געצילט קעגן דנען כאָטש ער האָט נישט אויף אים געקוקט:

— נאָר אָט אַזוי איז עס שוין: צוערשט זויגט מען אונז אויס דאָס חיות, און דערנאָך — זאָגט מען אונז מוסר... מיר ווילן הנאה האָבן פון דער וועלט אַזוי גוט, ווי די איבעריקע!—האָט ער ענדלעך געטון אַ בליץ־אויף אויף דנען מיט פייערדיקע, וועלפישע אויגן, פונקט, ווי דן וואָלט עס הויפּטזעכלעך געווען אין דעם אַלעם דער שולדיקער.

נאָר דן האָט אַ מאַך געטון מיטביידע הענט, ווי ער וואָלט פאַרטריבן פון זיך דערעסנדיקע, זשומענדיקע פליגן: וואָס וויל דאָ קודראָוו פון אייך האָבן, רבונו־של־עולם...

— שוין געהערט, שוין געהערט...

און באַלד האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין אַ לאַנגער, מאָראַלי־זירנדיקער דרשה... ער האָט גערעדט לאַנג און אַ סך, ווי עס איז די טבע פון שווייגערס, ווען זיי עפענען סוף־כל־סוף אויף דאָס מויל.

זיינע רייד האָבן אין פלוג נישט געהאַט צו טון מיט קודראַווס אויפריכטיקער פאַרביטערונג — זיי האָבן גיכער געהאַט צו טון מיט דעם אַן אייגענעם געדאַנקענגאַנג, וועלכער האָט זיך שוין, קאָנטיק, פון לאַנגאָן געלעבט אין אים און איצט האָט ער געפונען די פּאַסיקע מינוט אויף צו באַפרייען זיך פון דעם.

— מאָדנע, ווי נישט-יידישע און יידישע ווערטן פאַרבייטן אַזוי אָפּט אינם לויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע זייערע אייגנטלעכע עקספּאָנענטן. ס'קומט אַמאָל אין דער געשיכטע אַ צייט, ווען נישט-יידישע ווערטן ווערן אויפגענומען דורך יידן, און יידישע ווערטן גנבענען זיך אַריין צו די גוים... אָט דער דאָזיקער סאָציאַליזם, וואָס אין אונזער יידיש-אַמעריקאַנישן וועלטל איז עס דאָך איינפאַך אַ געפאַר פאַר איינעם פאַרשריען און געדרודפט צו ווערן, ווי אַ „פינסטערלינג" און אַ מיאוסער רעאַקציאָנער, אויב ער אידענטיפיצירט זיך נישט מיט אים; אָט דער דאָזיקער סאָציאַליזם, ווי ער ווערט פאַרשטאַנען ביי אונז אין אַמעריקע: נישט ווי אַ פּלאַן און אַ פרווו־וועג אַרונטערצוברענגען אַביסל מער געזעלשאַפטלעכן יושר אויף אונזער וועלט, נאָר ווי אַן איינפאַכער מיטל מער אָנצופילן די שיסלען פון די ברידער־אַרבעטער, — און אפשר נישט אַזוי פון די ברידער־אַרבעטער, ווי פון זייערע ווייט נישט דורכאויס-ריינע פירער — מער אָנפילן זיי און מיט פאַרשידנאַרטיקע מאכלים, — אָט דער דאָזיקער „אידעאַל" איז דאָך אַ ריין-גוישער, אַ היידנישער, אַן עשו'דיקער, כאָטש מען הענגט אים אומעטום אָן אן אונז... אַ פיינער שטערן צו באַליכטן אַ מענטשנס וועגן מער פלייש און ברויט.—און מער גאָרנישט...

ער האָט זיך נאָך מער פונאַנדערגעהיצט און, ווי זיין טבע איז, נישט געקוקט אַפילו בשעת מעשה אין די פנימער פון די אָנוועזנדיקע.

— וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאר אונזער דורכשניטלעכער יידישער סאָציאַליסט, וועלכן מיר קענען און זעען אים דאָ אין לאַנד? דאָס איז נישט קיין בעסערער, נישט קיין באַוווסטזיניקערער מענטש, נישט קיין אָנהענגער פון אַ העכערן לעבנס-אינהאַלט: דאָס איז מער נישט ווי אַ גיריקע חיה, אָדער אַ בירריקע בהמה, וואָס האָט בלויז

איין „אידעאַל": צו האָבן דאָס, וואָס דער באַלעבאָס האָט. און גאַנץ אָפט — צו ווערן אַליין אַ באַלעבאָס... אָט אַזאַ אידעאַל, — אין דער טאָג-טעגלעכער ווירקלעכקייט, נישט אין די עטלעכע יום-טובדיקע דרשות — פלאַנצן עס דאָך אין אים איין זיינע רביים... אָט דאָס איז עס ביי זיי דאָס גערעכטיקייט-געפיל!

— און אַז ער האָט געכאַפּט אויף זיך קוד־אָווס פינסטערע בליקן, האָט ער זיך גלייך פאַרריכט!

— כ'זאָג נישט, אַז דאָס וואָס זיי ווילן, קומט די אַרבעטער נישט: טאַקע מער ברויט, מער פלייש, — אָבער איז דאָס אַלץ? קיין רייד אַפילו איז דאָך נישטאָ ביי זיי, קיין איין טריט נישט גענומען פאַר דער באַשאַפונג פון אַ נייעם, פון אַ העכערן טיפּ מענטש! און אויב נישט דאָס — היינט צו־וואָס די גאַנצע מי? אויב מיר קאָנען אַזאַ נייעם מענטשן נישט באַשאַפן, אויב ס'איז נישטאָ קיין האָפענונג פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַ העכערן, פאַר אַ גייסטיקערן מענטש — דעמאָלט לוינט זיך דאָס אַלץ גאָרנישט! די דאָזיקע אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטן אונזערע האָבן דאָך גאָר קיין זאָרג נישט וועגן דעם: מען אַפּעלירט בלויז צום מאָגן... איז וואָס וועט זיין דער סוף דערפון? — ווען מיר אָנשטאָט עטלעכע פּאָסקודניאַקעס, האָבן אַ סך פּאָסקודניאַקעס... „אייערע אינטערעסן"! אָבער וואָס פאַראַ אינטערעסן שרייבן זיי עס צו צו די אַרבעטער? עס איז דאָך בלויז אַ מין בלינדע נישט-פאַרגינערישקייט, וואָס טרייבט די מערסטע ביי אונז צום דאָזיקן „סאָציאַליזם"... אַ סימן האָט איר — איר ווייסט דאָך די אָנגעוויטיקטע דערשיינונג ביי אונז: אַזוי גיך ווי דורך אַ וועלכן ס'נישט איז צופאַל — געווינלעך, דורכן אָפּנאַרן און אונטערדריקן עטלעכע פון זיינע אייגענע חברים־אַרבעטער — ווערט אַזאַ סאָציאַליסט אַ פירער, אָדער ווערט אין פריוואַטן לעבן עקאָנאָמיש רייך און שטאַרקער, — הויבט ער טאַקע אַליין אָן פיינט צו האָבן דעם סאָציאַליזם און זיינע אָנהענגער... און ער איז דאָך אויך גערעכט: זיין „אידעאַל" צו האָבן וואָס מער עסן און וואָס מער פאַרגעניגן פאַר זיך, איז דאָך שוין פאַרווירקלעכט געוואָרן. און זיינע אינטערעסן זענען דאָך שוין איצט אַנדערע...

מאנאטס שמייכל, כאָטש ער האָט זיך באַמיט אים צו באַהאַלטן,

האָט דנען אַ ביסל באַאומרויקט, און דער שטראָם פון זיינע ענטו־זיאַסטישע רייד האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן און פאַרדאַמבעווען.

— יאָ... איז וואָס וויל איך עס אייך אויסברייען... יאָ... דעם סאָציאַליזם, ווי מיר זעען אים דאָ ביי אונז, פעלט דער הויפט־אינ־האַלט: דערהויבנקייט, דראנג צו העכערע מענטשלעכע הויכן... וואַרעם...

ער האָט געפילט, ווי ער האָט זיך פאַרפלאָנטערט, איז אַראָפּ פונם וועג, האָט פאַרגעסן דעם הויפט־געדאַנק, וועלכן ער האָט גע־וואָלט אַרויסברענגען, און האָט פון דער זייט געקוקט אויף מאנאטן, אַרום וועמעס ליפן עס איז געלעגן אַ שמייכעלע... „זאָל אים גרינ־גער ווערן אויפן האַרצן", האָט דאָס דאָזיקע שמייכעלע באַדייט... „זאָל אים לייכטער ווערן"...

דן האָט דערווייליע געפונען דעם פאַרלאָרענעם פאָדים פון זיי־נע געדאַנקען. דער דאָזיקער שמייכעלע מאנאטס האָט אים נאָך מער פאַרעקשנט — זיינע אויגן האָבן אויפגעבליצט:

— סאיז אַלץ גאָרנישט, גאָרנישט... די דאָזיקע אַלע באַוועגונ־גען אייערע פירן ערגעץ נישט, ברענגען צו גאָרנישט... מער נישט — אַן אומרו, אַ פּרוכטלאָזע אומרו האָט איצט אַרומגעכאַפּט די וועלט, און די יידן וועלן איצט דאַרפן אומקערן די וועלט צו איר רו! אַרונטערברענגען דעם שבת אויף דער וועלט... דעם שבת אין די מענטשלעכע הערצער...

— און מען זאָגט דאָך גאָר, יאַקבי, אַז יידן ברענגען אומרו אויף דער וועלט? — מאנאט האָט פון אַ ווינקל אויג כּלומרשט־אום־שולדיק געקוקט אויף דנען; ער האָט אים אַלץ קלוגיטשקע אָנגעצויגן, ער זאָל ווייטער רעדן: ס'האָט אים, ווייזט אויס, שטאַרק אמוזירט דנס אויפגערעגטקייט.

ג

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער. גאָלד און זון אומעטום. דער ראריטאַן־אויסגוס איז געלעגן איצט מיט אַ בלויער היץ פאַר־צויגן.

אויף יענער זייט אויסגוס, אויפן איצט אומגעזעענעם ליכטיק־

פאַרנעפלטן ברעג, האָבן זיך דנען געחלומט שטעט, נאָך קיינמאָל פון
אַ מענטשנס אויג געזעענע, — מיטנטאָגיקע, אייביק־ליכטיקע און איי־
ביק זוניקע שטעט... שטעט פון שטענדיקן יום־טוב, פון זוניקער רו,
שטעט מיט ליכטיקע, זון־פאַרפלייצטע גאַסן, מיט דרויסנדיקע פאַר־
זאַמלונגס־פלעצער און גרויסע האַלן, מיט ריזיקע, ליכטיק־פענסטער־
דיקע שולן און ווייסע בנינים, ווי פאַרצייטיקע גריכישע טעמפלען,
ווייסע בנינים מיט אָפענע טירן און ווענט מיט אָן אַ שיעור זיילן אויף־
זיילן...

אַהין, אין דער ריכטונג פון אָט די איצט אומגעזעענע ים־
שטעט אויפן צווייטן ברעג אויסגוס, האָט איצט דן געקוקט. מער, ווי
אויף מאנאטן. דער אויסדרוק פון זיין פנים איז געווען נביאיש,
ווען ער האָט גערעדט די פאָלגנדקע רייד:

— איר וועט דאָך לאַכן פון מיינע ווערטער... אָבער ס׳מאַכט
נישט. זיי זענען דאָך פאָרט דער אמת, און איר ווייסט אויכעט, אַז
ס׳איז אַזוי, כאָטש קיינער פון אייך, — צוליב אַלערליי טעמים, וועגן
וועלכע איך וועל מיט אייך איצט נישט האַמפערן זיך, — וועט עס
מיר נישט וועלן צוגעבן: טאַקע צוליב אָט די דאָזיקע טעמים גופא
קאָנט איר עס מיר דאָך נישט צוגעבן... אָבער פונדעסטוועגן ווייסט
איר, אַז איר ווייסט עס אויכעט: יידן זענען דאָך דער באַראָמעטער
פון דער וועלט, דער געפילפולסטער אבר פון דער מענטשהייט, די
פאָרזאָגער פונם קומענדיקן... ווען עפּעס טוט ערגעץ וויי, ווען עפּעס
איז ערגעץ נישט אַקוראַט ווי ס׳דאַרף צו זיין, זענען זיי עס די ער־
שטע צו דערפילן. זיי זענען דאָס האַרץ פון דער וועלט — און
אויך דער שכל: דער בלינדער שכל, דער שכל מיט אַ בלינדן
מוז, וואָס קאָן זיך נישט העלפן, נאָר מוז טון און באַלויכטן די
וועלט מיט דעם אמת זיינעם.

דן איז, קענטיק, אַריינגעגאַנגען אין גאָר גרויסן אַזאַרט... זיי־
נע באַקן האָבן געפלאַמט, זיין שטערן האָט געשוויצט, דער קאָלנער
פון זיין אויבערהעמד האָט זיך פונאַנדערגעשפיליעט, די העמד־אַרבל
האָבן זיך ווייט אַרויסגערוקט... פון אים האָט זיך איצט געגאָסן אַ
שטראָם מיט טיף־איבערצייגטע רייד:

— און נאָך עפּעס... יידן זענען באַשאַפן געוואָרן, כדי צו

דערגאַנצן די וועלט... יידן זענען אַ סאָרט מן. די, וועלכע עסן זיי—עסן זיי אויף אַלערליי אופנים—קאָנען פילן אין זיי גאָר פאַרשידענע טעמים... מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין דעם מיטלאַלטער, איז אויף דער וועלט געלעגן אַ שלעפעריקייט און אַ פוילקייט... די יידן, וואָס זענען דעמאָלט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אָרט צו אָרט, האָבן אין אָט יענער עפּאָכע אויפגעוועקט די וועלט, פונאַנדערגעטשוכעט זי מיט זייער שטענדיקער וואָכעדיקייט און אומרויקייט, געמאַכט די פעלקער פון דער וועלט ווייט-זעענדיק, דורשטיק נאָך ווייטע לענדער און ווייטן וויסן, נאָך באַקאַנטשאַפט מיט אַנדערע פעלקער... אָפט פּאַסירט עס אַזוי אינם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען אויף דער וועלט קומט אָן אָט אַזאַ שלעפעריקייט, אַזאַ תרדמה, ווי אויף אַ חיה נאָך אַ גאָר שווערער סעודה, — מיד ווערט די וועלט פונם אייננעזויפטן בלוט, חיהדיק-זאַט ווערט די וועלט און געגויגט צום זאַטן בלוטיקן דרימל... איז קומען דעמאָלט ווידער די יידן און ברענגען אַריין אין איר אויפרודערונג, לעבעדיקייט און ברויזנדיקייט, נאָר דערנאָך, אַז עטלעכע הונדערט יאָר פאַרלויפן אַזוי, פּאַסירט עס: אַליין נישט האָבנדיק קיין באַלויכטנדיקע נשמה, קיין אייגענעם קלאָרן וועג, קיין אייגענע מאָס, ווערן איצט די פריער-פאַרשלאָפענע כוחות פון דער וועלט, וועלכע די יידן האָבן אויפגעוועקט,—ווערן זיי שוין גאָר איצט צושטערנדיק חיהדיק-ווילד... אַפּן אַריבער די מאָס אין זייער אויפגעוואַכטן אומרו... אָט, ווי איצט... און דעמאָלט וועלן עס ווידער מוזן זיין די יידן — די יידישע יידן, וואָס זענען אַלעמאָל דאָ ווייניק אפילו צווישן יידן גופא און אַמאָל פאַרבלאָנדזען זיי אויך צווישן די גוים, וואָרים די אויסערלעכע גרענעץ צווישן ייד און נישט-ייד איז נישט דאָס זעלביקע, וואָס די גרענעץ צווישן יידישקייט און היידנישקייט אויף דער וועלט— דעמאָלט וועלן עס ווידער זיין די יידן, וואָס וועלן איינהאַלטן דעם צעשטערנדיקן גייסט פון דער דורך זיי באַפרייטער ענערגיע, דעמאָלט וועלן עס זיין זיי, וועלכע וועלן ברענגען רו אויף דער וועלט, וועלן ברענגען שבת אויף דער וועלט.

— ברענגען טויט אויף דער וועלט... — האָט מאנאט אָן אַ זייט פאַר זיך געזאָגט, איבערקרימענדיק דנען. אויף קודראָווס פּנים

איז די גאַנצע צייט, וואָס דן האָט גערעדט, געווען אויסגעשפּרייט אַ צעקרימטער, אַ פאַראַכטלעכער און פיינטלעכער שמייכל. „אַ בורזשוי און אַ פינסטערלינג", האָט ער געברומט פאַר זיך. אין בעסטן פאַל — „אַן אידעאַליסטישער אָפּשפּריץ פון קליינבירגערלעכער פאַרנעפּלט־קייט"!...

דערווייל, בשעת זיי האָבן דאָ אַזוי טיף און וויכטיק־ערנסט געשמועסט צווישן זיך, האָט דזשאָן שוין פאַרענדיקט זיין אַרבעט. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן פונם מאַסטבוים.

— גוט העלף.

— גוט העלף.

— דאָס איז מיין פריינט, מר. מאַנאַט פון ניו־יאָרק.

— האודי... *

— ס׳פרייט מיך זייער צו באַקענען זיך מיט אייך.

דזשאָן האָט פאַררויכערט אַ ליולקע. זיין געזונטער נאַקן איז געווען צעקאַרבעוועט און זיינע הענט פאַרמאָזאָליעט, באַדעקט מיט אַ האַרטן געלן אָנוווקס.

דן האָט זיך ביי אים פונאַנדערגעפרעגט פאַרשידענע איינצל־הייטן וועגן דעם, ווי אַזוי עס וועט אים זיין בעסער צו אַרבעטן מיט די פּעטליעס ביים פאַרבן דעם הויכן פלאַג־שטעקן. דזשאָן האָט אים דערקלערט אַלץ מיט אַ הויכער, קלינגנדיקער שטים, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער שטילער זונטיק־לופט ביים ברעג, ווי דער אָפּ־קלאַנג פון אַ קאָסע אָן אַ פּרווו־אייזן. זיין פּנים האָט געבלישטשעט פון הנאה, בשעת ער האָט גערעדט. צום סוף דערמאָנט ער דנען און קודראָווין:

— אינגיכן, הייסט עס, פאָרן מיר אַרויס אויף מיין שיף צו די אויסטער־פעלדער, האַ?

פאַרן אַוועקגיין פאַרקוקט זיך אים מאָנאַט טיף אין די אויגן, און דריקט אים שטאַרק די האַנט. ער זאָגט שטילער, כמעט, ווי איינרוי־מענדיק אַ סוד:

---

* האָס מאַכט איר.

— יאָ, איך זע שוין, אַז מיר וועלן נאָך אַמאָל ווערן גאָר־גרויסע פריינד...

ד

די זון האָט זיך געזעצט. אַ רויטע פליסיקייט, ווי פון אַ גע־שאָכטענעם גאָלדענעם פיש, צעגיסט זיך אין דעם „קריק". ווייט אי־בערן ראריטאַן-אויסגוס ליגט זיך אַוועק איבערן וואַסער אַ געשייער־טער קופּערנער זייל.

איצט, אַז עס ווערט טונקעלער, איז עס ערשט גוט צו כאַפּן קראַבן. אין אָוונט זעען זיי נישט די פאַנגער מיט זייערע נעצן. קודראָוו און דן האָבן גענומען אַ טאָפּ מיט „מיננים", עטלעכע קליי־נע קאָנוס־אַרטיקע נעצן, אָנגעצויגענע אויף רייפן, אַ פּאָר פאַנג־שטריקלעך, און אַרויסגעפאָרן אויף אַ שיפל אַרויף דעם שמאָלן לענג־לעכן „קריק", נישט ווייט פון סטיווענסעס האָטעל. מאַנאַט האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן — אים איז בעסער געפעלן געוואָרן זיך אַרומדרייען אויפן ברעג, אָדער אין סטיווענסעס האָטעל, און שמועסן מיט די געסט און באַזוכער.

איצט איז די צייט פון יאָר, ווען די קראַבן קומען אָן אַהער פונם ים אין גאַנצע שאַרן, כדי צו לייגן זייער־ע אייעלעך. זי באַ־דעקן און פילן אָן מיט זיי אַלע לעכער בײַם ברעג, אַלע שמאָלע אַריינגאַנגען און שפּאַלטן צווישן די סלופּעס פון די דעבארקאדערס אונטערן וואַסער.

מען וואַרפט אַריין די שטריקלעך מיט די אָנגעטשעפּעטע „מינ־ניס" אויף די העקלעך. אַזוי גיך, ווי מען פילט אַ שטילן, נאָכאַנאַנ־דיקן צופּן און גריזשען, שלעפט מען פּאָרזיכטיק און פּאַמעלעך אַרויס די שטריקלעך. אַז דער קראַב געפינט זיך שוין ביי אַ פוס־טיף אונטערן אויבערפלאַך פונם וואַסער, איידער ער קאָן נאָך דעם מענטשן דערזען און אָפּלאָזן דעם גוטן ביסן מיטן העקל צוזאַמען — ווייל אַ קראַב בייסט נישט און שלינגט נישט אַריין דאָס אָנגעטשע־פּעטע פישל, נאָר צופּט עס בלויז, שווימט נאָך דעם נאָך און גיט עס אַלע ווײַלע אַ גריזשע און אַ לאָז אָפּ — טונקט מען גיך אַרונטער די

נעץ אין וואַסער אַריין אונטערן קראַב און מען שלעפּט אים אַרויס אין דער נעץ.

מינוטן נאָך מינוטן גייען אַזוי פאַרביי. מען פילט נישט די צייט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, די צייט, אָדער גאָר ערגעץ פאַר־שווונדן. דער פאַנג איז אַ גוטער. דער עמער איז שוין האַלב-פול מיט רויטע און ברוינע קראַבן, וואָס קריכן דאָרט אַרום איינער אויפן אַנדערן און איינער איבערן אַנדערן, פלעכטן זיך צוזאַמען און באַטאַפּן איינע די אַנדערע מיט די קלעשטשעס אנטענעס און פיסלעך.

דער ריח פונם ים אין אָוונט איז שטאַרק און פאַרשיכורנדיק. עס ציגדן זיך אָן די פענסטער אינם נאָענטן האָטעל סטיוועגסעס און גלייכצייטיק צינדן זיי זיך אויך אָן אינם וואַסער. גאָלד און פייער, גאָלד און פייער. און דנס האַרץ הויבט אָן שלאָגן בלוטיקער און רויטער. פאַרביי די פאַרצויגענע אויגן זיינע דערזעט ער אַזוי קלאָר ראַיען. אַן אומעטיקע, אַ בלייכע, מיט אַ פאַרדעכטיקער היץ־פאַרב אויף די באַקן. וואָס קאָן זי, אַ שטייגער, איצט טון? אַ רחמנות כאַפּט אים אָן צו איר, אַ רחמנות, וואָס נאָגט און צופּט אַזוי ביים האַרץ. אַזאַ קליינינקע, אַזאַ שוואַכינקע — און אַזאַ ריזיקער מאַן, אַזאַ ברוט... איר מאַן, אלעקס... ס׳אַראַ גרויזאַמער אומזין דאָס אַלץ איז. ס׳אַראַ פלאַמענדיקע פינסטערניש איז עס אייביק, אייביק אַזוי— טענהט דער יונגער דן — איז עס אייביק דער דאָזיקער זיג פון אַטלעטישע פיגורן, פון חיהדיקער רויקייט?...

ער וואַרפט זיך פון איין גייסטיקן צושטאַנד אין אַ צווייטן... אָט גיט ער פון זיך אַלע „הויכע״, אַלע „שיינע״ געפילן אַ טרייסל אָפּ, און אים ווערט אַזש קאַלט פון דער פּשוטקייט פונם ניי־עם געדאַנק:

— ער איז אַ נאַר, דן, אַ נאַר... אין וואָס פאַר אַן אומווירק־לעכער וועלט לעבט ער עס? שלאָגט זי אים נישט פאָר אין אַלע אי־רע בריוו צו אים איר ליבע? דאַכט זיך, איר פאַרלאַנג איז אַזוי דייטלעך! דעם לעצטן בריוו האָט זי דאָך אַזוי פאַרענדיקט:

„...גלויב אין מיר, דן. ס׳טוט מיר אַזוי וויי, אַזוי וויי, וואָס איך קאָן רעדן ווייניק פון דעם. וואָס איז אין דער אמתן גע־שען. איך פאַרשטיי דאָך, וואָס דו קאָנסט איצט איבערדענקען וועגן

מיר. אָבער איך קאָן עס איצט נישט העלפֿן. איך בין, וואָס איך בין. אַנדערש קאָן איך נישט זיין. אַלנפֿאַלס, קיין צדקה בעט איך דאָך פֿון דיר נישט. איז וואָס דאַרפֿסטו אַזוי פֿיל איבערטראַכטן? איז צו־וואָס דאַרפֿסטו זיך אַזוי פֿיל עסן? האָב מיך ליב — דאָס איז אַלץ, וואָס ס'איז וויכטיק. (אָ, ווי דאָס האַרץ ציטערט אין מיר, אַז דו קאָנסט אפשר בכלל נישט ליב האָבן, כאָטש דו רעדסט אַזוי פֿיל פֿון ליבע...) האָב מיך ליב, דן: כ'צאָל פֿאַר אַלץ. נישקשה, כ'בין נאָך נישט פֿאַראָרעמט געוואָרן. פֿאַרשטייסט?.. טייערער, כ'דערוואַרט מיט אומגעדולד אַן ענטפֿער אויף אָט דעם בריוו. זיי וויסן גאָרנישט פֿון ליידן אויבנאויפֿיקן ליבע־פֿלירט, פֿון ליבע־שפּיל, וואָס נעמט נישט זיך, און נישט די ליבע צו ערנסט... דיין ליבע, דן. איז שווער, אומבאַוועגלעך, און האָט אין זיך עטוואָס פֿון דעם טראַגישן „אייביקייטס־שטאָף"... ליבע איז אָבער בלויז אַ שפּיל, בלויז אַ שוים, אַ ״וימען פֿון בלוטן... ליבע איז אַלץ אינאיינעם: מיאוס און שיין, אַ וויץ און אַ טראַגיזם — ס'איז סוף־כּל־סוף אַ פֿאַרשידנפֿאַרביקער פּלאָנטערל, וואָס ווערט געבוירן און שטאַרבט אַוועק אין איין טאָג..."

יאָ, מאָנאַט איז געווען גערעכט. פֿאַרוואָס איז ער, דן, פֿאַרשאָלטן געוואָרן צו נעמען אַלץ אַזוי ערנסט?

אַ בענקשאַפֿט דערוועקט זיך אין אים איצט, אַ באַגער אַ שטאַרקער צו איר לייב. ער האָט דאָך אַפֿילו, דער נאַר, קיינמאָל נישט געטראַכט פֿון איר לייב. אַ מיידל איז זי פֿאַר אים געווען, אַ כּלה, עפּעס אַן אומבאַשטימטע פֿאַרבערייטונג. — אַן א י י ב י ק ע כּ ל ה, אַן א י י ב י ק ע פ אָ ר ב ע ר י י ט ו נ ג. און אין דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט געהאַט צו איר אַזאַ איידל־פֿאַרדינערטן, פֿון תּאווה אויסגעטונענעם געפֿיל, האָט זי דערווייל שוין אַלע פֿאַרבאַהאַלטנסטע אופֿנים פֿון גוף־תּאווה אויף זיך דורכגעפֿילט.

ער האָט איצט געפֿילט אַ ביטערקייט, אַ באַליידיקונג, אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג זיך אָפּרעכענען מיט איר... פּונקט, ווי זי, נישט ער און זיין טרוימערישע בלינדקייט, וואָלטן אין דעם שולדיק געווען... ער האָט געביסן די ליפּן פֿון ווייטיק.

— איר לייב, איר לייב!

אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך שוין מיט עקל

אפגעטרייסלט פון זיינע „אומווירדיקע” מחשבות.

— ער איז אַן אומווירדיקער מענטש, וואָס ער קאָן טראַכטן אזוי פון ראַיען! אָך, די דאָזיקע מאָנאַטישע הייגט־וועלטיק־גרינגע פילאָזאָפיע, דאָס דאָזיקע לייכט־נעמען פון די הייליקסטע זאַכן!

גוט איז עס אפשר בלויז פאַר אָט דעם מאָנאַט, וועלכער איז מסתמא איבערפולט מיט אַלערליי וועלט־אָנשויאונגען, און נעמט פון יעדערער אַרויס דאָס, וואָס איז גוט פאַר אים... ער האָט דאָך נישט קיין איינציקע, קיין אייגענע וועלט־אָנשויאונג! גוט איז עס אפשר בלויז פאַר מאָנאַטן, וועמעס לייכטקייט שטאַמט זיכער פון דער פאַרלוירנקייט זיינער אין דער וועלט, פון זיין אָן־גלויבנדיקייט. אָבער נישט פאַר אים, נישט פאַר דנען.

וועגן מאָנאַטן האָט דן געוווּסט בלויז דאָס, אַז ער האָט אַמאָל געשריבן און געדרוקט אַ סך זאַכן אין יידיש. ער האָט אַפילו אַרויס־געלאָזן אַ בוך, וווהין ער האָט אַריינגעבראַכט זיינע אייגענע אויפ־געקליבענע פאַר גראָשן, דאָס געלט פון זיינע נאָענטסטע פריינט און דער כלה זיינערס אַ הונדערטער. דן, וועלכער האָט נאָך מאָנאַטן דעמאָלט נישט געקענט, נאָר וועלכער האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר שרייבער און פאַר ביכער, האָט דעמאָלט נאָכגעפאָלגט אַלע קריטיקן, וואָס זענען דערשינען וועגן מאָנאַטס בוך. איין קריטיקער האָט געזאָגט וועגן אים: „דער דאָזיקער יונגער און — דאָס מוז מען צוגעבן — אָריגינע־לער שריפטשטעלער איז בכלל צו שוואַך אינם בילדלעך־קינסטלערישן זין. — ער איז צו קלוג, ער איז צו געדאַנקלעך, צו ראַציאָנאַל, ער פילאָזאָפירט צו־פיל... ער באַמיט זיך שוין צו שטאַרק צו זיין אָרי־גינעל, מאָדערן, ניי... אָבער ער האָט אין זיך פונדעסטוועגן אַן אָדער פון אַן עכטן קינסטלער...” און אַן אַנדער קריטיקער האָט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער געשריבן וועגן אים: „דער דאָזיקער יונ־גער, פיל־צוזאָגנדיקער דיכטער מאָנאַט איז צו עמאָציאָנאַל, איז כמעט סענטימענטאַל... פון אים שלאָגט שוין צו־פיל מיט יוגנטלעכער נאַ־יוווקייט... פון זיינע לידער שרייט אַרויס דער מאַנגל אין עפּעס אַ פרישן, און אַ נייעם געדאַנק... גענוג שוין שטימונגען אין אונזער ליטעראַטור — גיט אונז געדאַנקען, אידייען! — צוגעבן מוז מען אָבער, אַז מאָנאַט גיט דאָך גרויסע האָפענונגען. ס'איז קענטיק, אַז פון אים

— שלאָגט אַן אייגענער קוואַל; וואָס וועט זיך אַזוי גיך נישט אויס־שעפּן. מיר וועלן דערוואַרטן דעריבער מיט אומגעדולד אַ צווייט בוך זיינס, אַ מאָדערנערעם, אַ מער דורכגעקאָכטן מיט לעבנס־חכמה, אַ בוך, וואָס וועט זיכער באַלד קומען פון זיין פּען...״

נאָך מאָנאַט, נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך, האָט נישט מקיים געווען די דערוואַרטונגען פון אַלע קריטיקער זיינע: ער האָט גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט שרייבן... ער האָט זיך דערווייטערט פון זיינע פריערדיקע פריינט, איז געוואָרן אַ גאַנצער פּראַנט אין זיין קליידן זיך, האָט אָנגעהויבן צו קולטיווירן אַ געשמאַק פאַר אויסערלעכקייטן, פאַר פאַרוויילונגען. ער האָט זיך, שוין אַן עלטערער בחור, אָנגעהויבן לערנען טאַנצן, שפּילן אויף אַ מאַנדאָלינע, איז גע־וואָרן ציניש־בלאַזירט אין זיינע רייד, סקעפּטיש וועגן דעם ענין לי־טעראַטור בכלל, און וועגן יידישער ליטעראַטור בפרט. דאָס לעצטע, וואָס דן האָט געהערט פון אים, איז געווען, אַז ער, מאָנאַט, האָט זיך לסוף פאַראינטערעסירט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער טוער, אַן אָרגאַניזאַטאָר אין עפּעס אַ „בראָדערהוד״ פון אַן אַמעריקאַנער יוניאָן.

ס׳איז געוואָרן אָוונטיקער. און מיטן פונם קראַבן־פאַנגען האָט זיך קודראַוו פלוצלינג אָפּגערופן, פון דער העלער הויט אַרויס:

— כ׳פאָר היינט אין שטאָט.

— אַ, טאַקע גוט — האָט אים דן געענטפערט, — אויף מיין אַל־טער קוואַרטיר זענען מעגלעך דאָ בריוו פאַר מיר, וועסטו זיי ברענ־גען.

און אין אַ ווײַלע אַרום:

— אפשר וועט דיר אויך געלינגען זיך זען מיט ראַיען? וואַרט, כ׳וועל דיר מיטגעבן אַ בריוו פאַר איר.

קודראָוו האָט אַ סקאָסנעם, אומרויק־פאַרדעכטיקן בליק געוואָרפן אויף דנען, און האָט אַרויסגעברומט עפּעס אונטער זיין האָריקער גראָב־פליישיקער נאָז. דן האָט אויף אים נייגעריק אַ קוק געגעבן, נאָר גאָר נישט ניט פאַרשטאַנען.

קודראַוו האָט געוואָלט פאַרן שוין, די מינוט, באַלד. ער וויל ניט פאַרשפּעטיקן דעם לעצטן צוג. האָבן זיי זיך געלאָזט רודערן צוריק אַהיים. קודראַוו איז געווען זייער נערוועז און האָט זיך געיאָגט. צובינדנדיק דאָס שיפל צום שווימענדיקן בריקל, איז ער גלייך אַרויס־געשפּרונגען און, פון איילעניש, זיך אויסגעגליטשט, אַרונטערגעפאַלן פון קליינעם פּלויט אינעם וואַסער אַריין. ער האָט זיך דערשראָקן, האָט זיך אָנגעהויבן צאַפּלען אינעם וואַסער, ווי אַן אַריינגעוואָרפענע הון, כאָטש דאָס וואַסער איז נישט געווען טיף. צום גליק, איז ער אויך געווען אָנגעטון אין זיינע ברעזענטענע אַרבעטס־קליידער. ער האָט זיך פונדעסטוועגן אינגאַנצן איינגענעצט און אויסגעשמירט מיט בלאָטע.

דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן. ער האָט זיך אויף גיך איבערגעטאָן אין זיינע שטאָטישע מלבושים און זיך גלייך געלאָזט גיין צום וואָקזאַל צו. דן האָט אים באַגלייט צו דער סטאַציע, וועלכע איז געווען נאָר אַ פּאָר מייל וויט פונם ים־ברעג. נאָר אויפן וועג האָבן זיי ביידע ניט געהאַט פון וואָס צו רעדן. און געזעגנט האָבן זיי זיך שווייגנדיק.

ה

צוריקוועגס איז דן געגאַנגען אַליין דורכן וואַלד. די אַקאַציע־בוימער האָבן שטאַרק פאַרשמעקט מיטן האָניג פון זייער גרויסן ווייסן צוויט.

דער אַנגעלוס האָט זיך געלאָזט הערן: שטילע, אויסגעצויגענע, אָוונטיקע קלאַנגען פון דער סט. יאָזעפס קירך, וועלכע איז אַ שטיי־נערנע געשטאַלט אַליין אינעם ליידיקן פעלד, וואָס אויפן באַרג נישט וויט פון דעם ליכט־טורעם.

נישט־טראַכטנדיק, האָט דן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צו דער קירך, געצויגן אַהין פון אַן אומבאַקאַנטן סאָרט געפיל, אָט פּונקט, ווי קליינשטעטלדיקע יידן אין די סליחות־פאַרטאָגן, ווען דער שמש קלאַפּט אָן מיט דעם סוקעוואַטן שטעקן זיינעם אין די לאָדנס פון זייערע שטיבער:

— שטייט אויף צו עבודת־הבורא!...

ער האָט נישט געוואָלט גיין מיטן שמאָלן שטיינערנעם שליאַך,

וואָס האָט געפירט אַרום און אַרום דעם פלויט פון מר. ליסליס סאָד. ער וואָלט געמוזט אָנלייגן איבעריקן וועג; איז ער אַריבערגעשפּרונגען איבערן פלויט, כדי צו נעמען אַ קירצערן, באַלכסונדיקן וועג. דער קלאַפּ אויף די פּיאַטעס פונם שפּרונג איז אָבער געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז עס האָט אים דורכגענומען ווי מיט אַן עלעקטרישן שטראָם. דן איז נאָך נישט אינגאַנצן געזונט געוואָרן זינט ער איז מיט העכער אַ האַלב יאָר פריער אַרונטערגעפאַלן פון די רעשטאָוואַגיעס. ער האָט זיך דעריבער געמוזט צוזעצן איצט אויפן גראָז, אַ ביסל אַ פאַרחלשטער.

אַז ער האָט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער געעפנט די אויגן, האָט ער דערזען:

אויף אַ נידעריקן שטיין נישט ווייט פון אים, פאַרשטעלט דורכן פלויט, איז געזעסן אַ פרוי. זי האָט געהאַט אַ היימישע טיכל אַרום קאָפּ, נישט קיין היטעלע. ס'איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז געווען אַ פרוי פון דער נאָכבארשאפט, וועלכע האָט דאָ אויף עמעצן געוואַרט.

דאָ איז געווען שטיל, און דער פלויט פון ליסליס סאָד האָט זי פאַרשטעלט פון אַ זײַטיקן אויג. ביי דנען האָט פאַרקלאַפּט דאָס האַרץ, פונקט ווי די פרוי וואָלט עס דאָ געוואַרט אויף אים. פון וואַנען האָט זי זיך אַהער מיטאַמאָל גענומען? מסתמא האָט ער אַזוי אַ היפּשע צייט געמוזט אָפּזיצן דאָ אַ פאַרחלשטער אויפן גראָז און האָט ניט געפילט, ווי זי איז צוגעקומען אַהער.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, און אומצייטיקע גאָלדענע קייקעלעך האָבן באַפּינטלט דעם הימל. און באַלד, ביים שיין פון די גלימצערנדיקע שטערן, האָט דן דערקענט אין אָט דער דאָזיקער איינגעוויקלטער פיגור מייבלען, דזשאַנס פרוי. זיין ווונדער איז נאָך מער געשטיגן. וואָס קאָן זי איצט טון דאָ איינע אַליין אין אָט אַזאַ שפּעטער שעה.

מיטאַמאָל, גאָר אומגעריכט, איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ דער לעצטער שבת-צו-נאַכט, קודראָווס און זיין פאָרן אויפן שיפל אין ים אַרויס און קודראָווס אויסגעשריי וועגן עפּעס אַ נאַקעטער פרוי, וואָס זאָל זיך האָבן געבאָדן אין ים. דן האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן דעם, און וואָס איז דאָ דער צוזאַ-

מענהאַנג מיט דער איצטיקער באַגעגעניש. אים האָט זיך עפּעס שטאַרק פאַרוואָלט צו פאַרטייען איצט זיין אָטעם, בלייבן זיצן שטיל אויף זיין אָרט און זען, וואָס וועט דאָ פאָרקומען.

נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס'איז נישט שיין אַזוי. ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז שטילערהייט צוגעגאַנגען, אַרונטערגענומען זיין הוט, און געזאָגט:

— גוטן אָוונט אייך, מאַדאַם. אַ שיינער אָוונט היינט.

מייבל האָט אויפגעציטערט, איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי און מיט אַן אויפגערעגטן, נערוועזן לאַכן, וועלכן זי האָט אָבער באַלד דערשטיקט אין זיך, ווען זי האָט דערזען אַ פרעמדן. זי איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע, מיט אַ פאַנאַנדערגענומענעם מויל. זי איז, קענטיק, געוואָרן נישט ווייניקער פאַרוווּנדערט פון דנען. נאָר באַלד האָט זי זיך געפונען.

— אַ, יאָ, זייער אַ שיינער אָוונט. זאָל נאָר קיין רעגן נישט גיין.

און אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך שוין אויף אַזויפיל באַהערשט, אַז זי האָט זיך ווידער צוגעזעצט אויפן שטיין:

— כ'וואַרט דאָ אויף דזשאַנען. מיר גייען היינט צוזאַמען אין קירך.

איר פּנים איז געווען אַזוי שיין־פאַרפלאַמט. אַ געזונטקייט האָט אַרויסגעבריט פון אירע רייכע גאָלדענע האָר און פון אירע רויטע בלוט־שפּריצנדיקע באַקן. דן האָט שוין איצט ניט געוווּסט, ווי אַזוי אַוועקצוגיין אין מיטן, האָט ער אַלץ געדרייט מיטן הוט אין דער האַנט און צוטומלטערהייט גערעדט:

— אָ, איר וואַרט דאָ אויף דזשאנען? כ'האָב אים טאַקע מיט עטלעכע שעה צוריק געזען אַרבעטן. איר ווייסט, אייער דזשאָן איז אַ ווילער יונג ביז גאָר. אַ וווּנדערבאַרער אַרבעטער און אַ וווּנדערבאַרער גוטער פריינד... אינגיכן פאָרן מיר אַלע אַרויס אויף זיין שיף אין ים אַרויס... ער'ט אונדז איינגעלאַדן.

זי איז ווידער אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן אירע פאַרזעסענע איברים. ערשט שטייענדיק מיט איר פיגור אויסגעצויגן, שלאַנק און הויך, ווי אַ טאָפּאָל, איז געווען צו זען איר

באַנצע, געוועלטיקנדיקע שיינקייט. אַזאַ בלאָנדע, אַזאַ ליכטיקע, אַזאַ שטאַרקע... שטאָלץ, ווי אַ מלכּה, האָט זי שמייכלענדיק אַרויסגעלאָזט די ווערטער:

— אָ, אַ קליינינקייט, מיין דזשאַן!

און ס'איז נישט געווען צו זען, אויב זי מיינט עס ערנסט, אָדער זי לאַכט. זי האָט דנען אַזוי אַ ווילדע אָנגעקוקט. אַ שוואַרצינקער, אַ בלייך־אויסגעמאָגערטער מיט אַ לענגלעך־אויסגעצויגן פּנים. אַ מאָדנער אַזאַ, אַ פרעמדער. זי האָט אַמאָל געהערט פון אירע מיידלעך־פריינד, אַז מיט אַ יידן איז גוט חתונה צו האָבן. זיי זענען אויסגעצייכנטע מאַנען. זיי שכּורן ניט, זיי שלאָגן זיך ניט, זיי גיבן אָפּ יעדן שבת אויף דער נאַכט דער ווייב די גאַנצע שכירות. און דער איז נאָך דערצו עפּעס אַ שעמעוודיקער אַזאַ. עס וואָלט אוודאי געווען אינטערעסאַנט צו האָבן אַזאַ איינעם פאַר אַ מאַן...

אונטער אירע דרייסטע בליקן, וואָס האָבן אַזוי אָן צערעמאָניעס באַקוקט אים פון קאָפּ ביז די פיס, האָט דן אַרונטערגעלאָזן זיינע אויגן. ער האָט באַלד דערפילט, ווי זי נעמט אים אָן ביי דער האַנט. אַ ציטער לויפט דורך דורך אים, און אים ווערט געוואַלטיק אומאַנגענעם און שווער אַזוי אינם גאַנצן גוף. אַז ער האָט דערפילט אַ קוש אויף זיין באַק, האָט ער שיר נישט אויסגעשריען. אַ כּעסדיקע היץ האָט אים אינגאַנצן דורכן בלוט דורכגעשפּאַרט.

— לאָזט מיך אָפּ — האָט ער געגרעדט צו דער ערד.

זי האָט געשמייכלט מיט אַ שטיפעריש בליצל אין די אויגן. זי האָט אים אָפּגעלאָזן און אַ קליינעם שטופּ געגעבן אין די אַקסלען.

— שנעלער, שנעלער, אַנטלויפט, דזשאַן קאָן נאָך באַלד אָנקומען, אייך דאָ טרעפן און דענקען, אַז כ'האָב מיט אייך געהאַט דאָ אַ באַשטעלונג. טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, אויף גיך.

דן, ווי אַ באַפרייטער תּפוס, האָט זיך פלינק איבערגעוואָרפן איבערן פּלויט.

אַז ער האָט זיך אין אַ פּאָר מינוט אַרום פאַרקירעוועט, כּדי אַרויפצוקומען אויפן ברייטן וועג, וואָס פירט גלייך פאַרביי די קירך, האָט ער אָנגעטראָפן גאַסן. גאַס האָט זיך אומרויק אַרומגעדרייט איבערן אָפענעם גראָז־פּלאַץ פאַר דער קירך, האָט רק אַרונטערגענומען

און צוריק אָנגעטון דאָס היטל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן:

— איר וואַרט, אַפּנים, אויף עמעצן? — האָט אים דן געפרעגט פון איידלקייט וועגן.

— ניין.

אין אַ ווײַלע אַרום איז גאַס אַריבערגעשפּרונגען איבערן שטיי־נערנעם פּלויט.

אַז דן האָט גענומען די לעצטע ווענדונג פונם וועג, די ווענ־דונג, וואָס פאַרן הויכן אײַזנבאַן־בריק, האָט זיך פאַר אים מיט איין מאָל אײַנגעאַנצן אויסגעשפּרייט דער פאַרקאַן אַרום ליסלי'ס סאָד, דער פאַרקאַן אַרום די ווײַטע אײַנגעשלאָסענע גאַלף־לאָנקעס און דאָרטן, אין טאָל ביים פּלויט האָט ער דערזען:

צוויי געשטאַלטן, אומקלאָרע און מטושטשדיקע אינם געדיכט־ווערנדיקן אָוונט, האָבן זיך דאָרט צונויפגענומען [צוזאַמענגעפּלאָנטן] און אַ ווײַלע ווי געקעמפט איינער מיטן אַנדערן. נאָר באַלד, ביידע באַזיג־טע, האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזן אויף דער ערד אונטערן פּלויט און אַנטשוויגן געוואָרן.

ו

מאַנאַט איז, אַפּנים, פאַרבליבן אין פּרינסעס־בעי אויף היפּשע עטלעכע טעג.

ער האָט זיך אַריבערגעקליבן צו סטיווענסן אין האָטעל, גע־דונגען דאָרט אַ גרויס צימער, און זיך אַ ביסל אײַנגעאָרדנט. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער גייט דאָ פאַרבלײַבן צוליב עפּעס וויכטיקע גע־שעפטן. נאָר ס'איז נישט געווען צו זען, וואָס זענען עס פאַראַ וויכ־טיקע געשעפטן, וואָס ער האָט דאָ. דורך טעג גאַנצע, אין דער צייט, וואָס דן פלעגט אַרבעטן אויף די לייטערס און די רעשטאָוואַניעס אין דער הויך, ביי ליסלי'ס פּאַלאַץ, פלעגט מאַנאַט דאָ אַרומגיין צווישן די אויסטערלייט, זיך מיט אַלעמען פונאַנדעררעדן, זיך צוקוקן צו אַלץ, זיך וועגן אַלץ פונאַנדערפרעגן, און זיך חברן מיט אַלעמען ביים ברעג, — מיט גרויס און מיט קליין.

די ברעגלייט האָבן צוערשט געקוקט אויף אים פאַרדעכטיק,

ווי אויף אַ סוחר, וועלכער איז פֿאַרשטעלטערהייט געקומען אויספּרעגן עפּעס ביי זיי, אויספֿאָרשן, און דערנאָך זיי דאָ אויסקויפֿן. אינגיכן האָבן זיי זיך אָבער צוגעוווינט צו אים און באַטראַכט אים, גלאַט ווי אַ טשיקאַוון ליידיק-גייער.

איינעם אַליין פֿלעגט מען אים דאָ אָפֿט זען אַרומגיין איבערן ברעג. פֿון דער ווייט האָט ער אויסגעזען, ווי אַ גרויסער, ערנסט־פֿאַרטראַכטער פֿויגל, וואָס גייט אַרום אויף זיינע לאַנגע, הויכע פֿיס און קוקט אויס ביים ברעג ים נאָך טויטע פֿיש און נאָך פֿרעש.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי סטיווענסן אין האָטעל, אונטן ביי דער „באַר", באַקאַנט מיט אַ סך אַרבעטער פֿון ליסליס פֿאַבריק, וועלכע פֿלעגן אַהין אַריינגיין אָוונט־צייט צו שמועסן און צו „כאַפּן אַ טרונק". ביסלעכווייז איז ער געוואָרן מיט זיי גאָר אַן אייגענער מענטש, פֿלעגט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירן, צוהערן צו זייערע שמועסן, פֿלעגט שוין אַליין אויך קאָנען אַריינוואַרפֿן אַ וואָרט. ער האָט שוין איצט געוווּסט יעדעס פּיצעלע וועגן זייער אַרבעט, ווי ער וואָלט אַליין געווען שוין אַ לאַנגע צייט אַן אַרבעטער ביי ליסלין אין דער ציינפּודער פֿאַבריק. ער פֿלעגט זיי פֿון צייט צו צייט, אגבדיק אַזוי, דערציילן וועגן די גרויסע שטרייקן, וואָס קומען איצט פֿאָר איבערן גאַנצן לאַנד, און ווי בעסער און שענער עס איז געוואָרן אומעטום דאָס לעבן פֿון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

—כע, עפּעס אַ קלייניקייט... אַ יוניאָן־אַרבעטער היינטיקע צייטן! זיי זענען געוואָרן אַ מאַכט אין אַמעריקע — אַפֿילו די פּאָליטיקאַנען פֿוןביידע פּאַרטייען מוזן זיך רעכענען מיט זיי! דער עיקר איז נאָר אָרגאַניזירן זיך!

ער האָט מיט זיינע דערציילונגען וועגן דעם אויפֿגעהויבענעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מצב פֿון די גרויסשטאָטישע יוניאָן־אַרבעטער געהאָלפֿן צוהיצן די מחות פֿון די פֿאַרהאָרעוועטע פֿאַרטעמפּטע אַרבעטער פֿון ליסליס פֿאַבריק, וועלכע האָבן נאָך קיינמאָל אין די אויגן נישט אָנגעקוקט קיין יוניאָן-אָרגאַניזאַטאָר. זיי פֿלעגן זיך צוהערן צו זיינע דערציילונגען מיט וווּנדערלעך־פֿונאַנדערגענומענע אויגן.

און מאָנאַט האָט דערווייל די גאַנצע צייט געמאַכט פֿאַר זיך

פֿאַרשידענע חשבונות און אויסרעכענונגען, פֿלעגט אויף אַ פּאָר טעג פּלוצלינג אָפּפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, און באַלד צוריקקערן זיך, און שטיל שמייכלען זיך אין קאָלנער אַריין:

— אַלץ גייט גוט, אַלץ גייט גוט.

עס איז געווען די פֿאַרמיטאָג שעה פֿון אַ באַקנדיקן זומער־טאָג.

מאַנאַט איז געגאַנגען אַרויף באַרג מיטן וועג, וועלכער האָט געפֿירט צו פּלעזענט פּליינס און צו דער פּאָסט. דער וועג איז געווען אַ הייסער און אַ ליידיקער. דער אָנגעגליטער זאַמד האָט געברענט אונטער די פֿיס.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַן איינגעבויגענע פֿיגור, זיצנדיק אונטער אַ גרויסן פֿאַרשטויבט־ווייסן סיקאַמאָר־בוים ביים וועג. די דאָזיקע איינגעבויגענע, טונקעלע און האָריקע געשטאַלט האָט געהאַלטן עפּעס פֿאַר זיך, עפּעס ווייס און צאַפּלדיקס, און האָט אויסגעזען. ווי אַן איינגעהויקערטע חיה, וואָס האַלט אין דער לאַפּע אַ פֿאַרצוקטן האָז, אָדער אַ צאַפּלענדיקן ווערעמל.

צוגייענדיק אַ פּאָר טריט נענטער, האָט מאָנאַט דערקאָנט אינם גע־דיכט פֿאַרוואַקסענעם קאָפּ מיט די גרויסע אַרונטערהענגענדיקע אויערן, אַז דאָס איז קודראָוו. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פֿרישן פּאַפּירל, וואָס האָט אים געקנאַקט אונטער די פֿינגער, און ער האָט עס באַ־וועגט. — מסתמא, אַן אָקאָרשט־דערהאַלטענעם בריוו.

קודראָוו ברוסט האָט זיך אויפֿגערעגט געהויבן און אַרונטער־געלאָזן, לייענענדיק דאָס דאָזיקע פּאַפּירל. מיט גיריקע אויגן האָט ער נאָכאַנאַנד געקוקט אויף דעם, ווי ער וואָלט זיך בשום אופֿן פֿון דעם נישט געקענט אָפּרייסן. זיין מאָרדע האָט בייז אַריבער דעם אַרויגעסטאַרטשעט, און אַן אויסזען האָט ער דעריבער געהאַט ווי ביי אַן אוראַנג־אוטאַנג.

אַז קודראָוו האָט דערהערט טריט הינטער זיך, האָט ער זיך מיט אַ ציטער אַרומגעקוקט. אויף גיך האָט ער אַרונטערגעלאָזן אויפֿן גראָז הינטער זיך די האַנט מיטן בריוו, און אָנגעקוקט מאָנאַטן אַ ווײַלע דערשראָקן און פֿאַרמישט.

נאָר מיטאַמאָל, ווי קריגנדיק פּלוצלינג אַ חולי־נופלים־אָנפֿאַל,

האָט ער זיך אַ וואָרף געטון הינטערוועגס אויפן גראָז, האָט אויסגע-שריגן מיט אַ טומלדיקער, אַ געמאַכטער פרייד אַ צו־פריינטלעכן „האלאָו" און אָנגעהויבן שמייכלען צו מאָנאַטן עפּעס צוגעלאָזן אַזוי. ער האָט געמאַכט פאַרשידענע האַוואַיעס און גרימאַסן מיטן פּנים, און זיך מחיהדיק געצויגן מיטן גאַנצן קערפּער איבערן גראָז, ווי פון גרויס פוילקייט.

נאָר מאָנאַט האָט באַמערקט, ווי זיין רעכטע האַנט האָט זיך עפּעס בשעת מעשה טיף איינגעגראָבן אונטער דער קופּע דעמפּיקע, צונויפגעקלעפּטע בלעטער, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד אַרום, ווי אַ דיקער פּלאַסט. קודראָוו האָט אַזוי די האַנט זיינע געהאַלטן דאָרטן אַ שטיקל צייט, ווי ער וואָלט זי דאָרט געוואָלט אָפּקילן. אַז ער האָט זי ענדלעך צוריק אַרויסגענומען, איז זי געווען אַ ליידיקע, אַ באַ־פּלעקטע און אַ באַשמירטע מיט בלעטער-קויט.

— כ'בין שוין צוריקגעקומען פון ניו-יאָרק — דערקלערט ער באַלד מאָנאַטן די וויכטיקע בשורה. ער באַטראַכט מאָנאַטן פונדעסט-וועגן מיט אַ פאַרדעכטיקער פאָרזיכטיקייט, און פאָלגט נאָך יעגעמס יעדע געזיכט-באַוועגונג. ער ווייסט נישט, אויב מאָנאַט האָט עפּעס באַמערקט, צי נישט...

— דאָס גיי איך ערשט פון צוג...

— פון צוג? — וווּנדערט זיך מאָנאַט פאַר זיך, — היינט ווי־זשע קומסטו אַהער? דאָס איז דאָך גאָר דער וועג צו דער פּאָסט.

נאָר אין דער הויך זאָגט ער בלויז אַרויס איין וואָרט:

— אַזוי.

ער נעמט שוין מער נישט אַרונטער קיין אויג פון קודראָוון. עפּעס איז ער אים צופיל צעטראָגן, קודראָוו... ער קוקט אויף אים אַזוי נאָכאַנאַנד און אַזוי דורכדרינגלעך, אַז לסוף מוז קודראָוו אַרוב־טערלאָזן זיינע אויגן. זיין פּנים ווערט טונקעלער, פאַרביסענער.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין שטאָט?

— גאָרנישט.

— גאָרנישט?

— גאָרנישט.

—געזען ראַיען? געבראַכט אפשר עפעס אַ גרוס, צי אַ גוט וואָרט פאַר דנען? אַז יענער גייט דאָך אַרום ווי אַ משוגענער... איבער ראַיען הויבט ער דאָך אָן באַלד פיינט האָבן די גאַנצע וועלט.

— ניין, כ'האָב זי נישט געזען.

ערשט איצט הויבט קודראָוו ווידער אויף זיינע אויגן און קוקט גלייך און אויך דורכדרינגלעך אויף מאַנאַטן. ער קוקט אַזוי גלייך און שטייף אויף אים: זיין קאָפּ שאָקלט זיך אַזש אויף רעכטס און לינקס פון צופיל אָנגעשטרענגטקייט. ס'קוקט אויס, ווי ער וואָלט דאָ איצט געוואָלט אויסקעמפן אַ שווייגנדיקע וועט, אַ וועט וועגן דעם, וואָר עס וועט פריער אַרונטערלאָזן די אויגן.

אָבער מאַנאַטן גייט עס, אַפּנים, ווייניק אָן. מאַנאַט טראַכט שוין איצט וועגן עטוואָס אַנדערש און אַ לענגערע צייט שטייט ער אַזוי פאַרטיפט. ערשט אין אַ היפּשער ווילע אַרום הויבט ער אָן ווי־דער רעדן נאָר ער קוקט שוין ־די גאַנצע צייט פאַר זיך אויפן וועג.

— אַ מאָדנער מענטש, אָט דער דן... אַזאַ פאַרשלאָסענער, אַזאַ געפילפולער און אַזאַ סענסיטיוער. ווייסט, צוערשט האָט עס אים, קענטיק, שטאַרק פאַרדראָסן, ווען ער האָט דערזען, אַז כ'ווייס פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן אים און ראַיען. ער האָט זיך אַזש איינגעקאָרטשעט פון קרענקלעכער געפילבאַרקייט און אומ־אַנגענעמקייט... אין אַלגעמיין האָב איך באַמערקט, אַז ער קאָרטשעט זיך איין, ווען ער קומט צווישן מענטשן. כ'ווייס נישט, אויב ער זעט זיי גאָר אינגאַנצן, די מענטשן אַרום אים. מיר דאַכט זיך, אַז ער זעט בלויז, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין קאָפּ, און ביי אים אין דער פאַנטאַזיע: און אין קאָפּ ביי אים איז נאָך דערווייל טונקל...

מאַנאַט איז אויף אַ ווילע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט צוריק־געצויגן זיינע בליקן פונם פאַרשטויבטן, היציקן וועג און זיי אָנגע־האָנגען אויף קודראָוון. די זון האָט שטאַרק געבראָטן.

— און פונדעסטוועגן... ווי שטאַרק ער איז מיר איצט נישט אומסימפּאַטיש, דן, מיט זיין טרוימערישן, פאַרנעפּלטן און קינדערישן קוק אויפן לעבן און אויף מענטשן, און ווי שטאַרק פאַרשידן ער איז נישט פון מיר, מוז איך מודה זיין: איך האָב אים דאָך ליב ער־

געץ אין די טיפעניש‍ן פון מיין הארץ... ער לעבט טאַקע דערוויל אין אַ טונקעלער וועלט, אָבער ער זוכט דאָך אַזוי אויפריכטיק — און אַזאַ איינער געפינט זיך סוף כל סוף זיין וועג. דן וועט אים אויך סוף כל סוף דערזען.

קודראָוו האָט די גאַנצע צייט, וואָס מאַנאַט האָט גערעדט, אייפערזיכטיק געשוויגן. צו וואָס דערציילט ער אים, מאַנאַט, אַלץ? עפּעס מאַכט ער אַ צו גרויס וועזן פון דנען... געדאַכט האָט זיך קודראָוון, אַז ראַיע שטייט דערביי און הערט אַלץ אויס און קוקט אַזוי שטאָלץ אויף דנען.

נאָר מאַנאַט גיט ערשט איצט אַ ניכטערן, זאַכלעכן קוק אויף קודראָוון, ווי ער וואָלט אים בלויז אָקאָרשט דערזען. ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל אָן עפּעס. ער רופט זיך ווידער אָפּ.

— מיר דאַכט זיך, קודראָוו, אַז דן נויטיקט זיך אין דיר היינט. ער האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז ער קאָן אַליין נישט אויסקומען ביים איבערשטעלן די גרויסע טאָפּלטע טרעטל-לייטערן. ס׳איז אַ שווערע אַרבעט.

— יאָ, איך גיי שוין — בורטשעט קודראָוו אַרויס אומצופרידן און פאַרכמורעט. — אָט, זינט ער איז יענעם מאָל אַרונטערגעפאַלן פון אַ רעשטאָוואַניע, איז ער עפּעס געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלעך-שרעקעדיק, אַזאַ פחדן, דן...

נאָר קודראָוו הויבט זיך אַלץ נישט אויף פון פּלאַץ, ווי ער וואָלט צו אים געוועזן צוגעקלעפּט. ער וואַרט. קיינער פון די צוויי רעדט נישט. אָן אויטאָמאָביל פאָרט דורך. נאָך איינער. אויפן וועג ווערט לעבעדיקער. אין דער ציין־פּודער פאַבריק אין טאָל לאָזט זיך הערן אָן אויסגעצויגענער פייף, הויך און שמחהדיק, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט דער אַרומיקער געגנט אַ ליכטיקע באַפרייונגס־בשורה.

ס׳איז צוועלף אַ זייגער. וואַרעמעס־צייט.

פון דער הילצערנער דאַמפּס־שול נישט ווייט שיטן זיך מיט אַ טומל אויפן וועג אַרויס אַ סך קינדער. אַ גרויסער געדרייטער קראַנץ פון באַוועגלעכע בלומען שפּרייט זיך איבעריכן אויס אויפן וועג. ווייסע און ברוינע בלומען. זיי גייען בלויז אַ קורצן וועג צוזאַמען. באַלד שיטן זיי זיך פונאַנדער איבער זייטיקע וועגן און סטעזשקעס, וואָס

קלעטערן אויף שפּועס פון אַרומיקע בערגלעך, און לאָזן זיך אַרונ־
טער אין ווייטע היימען, אין דער טיף פון ווייטע הויפן.

קודראָוו הויבט זיך סוף כּל סוף אויף; זיין פּנים איז פאַר־
חושכט, פאַרפאַלן...

— קומט מיט, מאַנאַט.

ניין. מאַנאַט איז מיד. ער האָט זיך שוין היינט אַזוי אויך צו־
פּיל אָנגעגאַנגען. ער׳ט פאַרבלייבן דאָ אַ ביסל.

קודראָווס סוטולאַוואַטע פלייצע איז איצט עטוואָס מער, ווי
געוויינלעך איינגעבויגן.

מיט געוואַלד לאָזט ער זיך גיין אַרונטער צום ברעג ים צו.

זיין געשטאַלט ווערט וואָס אַמאָל קירצער און קירצער, ווי זי
וואָלט איינגעשלונגען געוואָרן ביסלעכווייז אין דר׳ערד.

אַז קודראָווס קאָפּ איז שוין אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן, נעמט
מאַנאַט און ציט זיך אויס מיטן רוקן אויפן גראָזיקן פעלד, פּונקט ווי
קודראָוו האָט עס פריער מיט אַ ווײַלע געטון. ער שמייכלט דערביי
מאָדנע קינדיש, ווי ער וואָלט הנאה געהאַט פונם דאָזיקן שפּיל. זיי־
נע הענט, וועלכע ער האָט פאַרוואָרפן אויף הינטן, ראַיען זיך אויך
אַ ווײַלע אינם נאַסן בלעטער־פּלאַסט, און באַלד שלעפּט ער פון
דאָרט אַרויס אַ פּאָסט־קאַרטל.

ער זעצט זיך אויף מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. אין זיין
האַנט דערזעט ער אַ פאָטאָגראַפיש בילד אין דער פאָרם פון אַ
קאַרטל. דאָס דאָזיקע קאַרטל־בילד איז אויף דער צווייטער זייט אַד־
רעסירט צו דנען אויף זיין ניו־יאָרקער אַדרעס.

ס׳איז אַ ביוסט פון אַ יונג מיידל, כּמעט נאָך גאָר אַ קינד. מיט
אַ פּלוצלינגדיקער זיכערקייט האָט עס באַלד מאַנאַטן אַ בליץ געטון
אין קאָפּ, אַז דאָס מוז זיין „אָט יענע ראַיע", כאָטש ער האָט זי
קיינמאָל נישט בעזען.

דאָס בילד פונם מיידל האָט דערמאָנט אָן בילדער פון פאַר־
צייטיקע איטאַליענישע סעניאָריטאַס פון אַלטע יחוסדיקע משפּחות. אי־
רע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט, מיט אַ שרינט אין מיטן קאָפּ.
אַרום קאָפּ, אַנטבלויזטע נאַקן און אַקסלען האָט זי געהאַט אַרומגע־
וואָרפן אַ זיך־כוואַליעדיקן וואַל, און דאָס האָט איר צוגעגעבן אַן

אויסדרוק אי פון אָנגעטונענקייט, אי פון נאַקעטקייט, פון אַ געשטאַלט אויפגעבלאָזן־פּלאַטערנדיק, אויפן גרענעץ צווישן ערדישקייט און לופטיקייט.

ס׳האָבן שטאַרק צוגעצויגן די נאַקעטע, קיילעכדיק־דינע אַקסלען, פון וועלכע דער טיול־שלייער איז האַלב אַרונטערגעפאַלן און האָט אָפּגעדעקט אַ טייל פון קליינעם טאלעכל צווישן די בריסטן. נאָר דאָ האָט זי מיט דער לינקער האַנט צוגעהאַלטן דעם טיול־שלייער, ער זאָל גאָר אײַנגאַנצן נישט אַרונטערפאַלן. זי האָט פונדעסטוועגן געהאַלטן דעם טיול־שלייער געגנוג נידעריק, אַזוי, אַז דעם צושויערס אויגן זאָלן זיך אַלץ פאַרפאַלענערהייט רייסן אינם טאָלכל אַריין, זיך רייסן אַלץ ווייטער, אַלץ טיפער.

אין דער צווייטער, רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ רויטע רויז. — אַ צייטיקע, אַ היפשע, אַ פונאַנדערגעגנומענע רויז. פונם קליינעם מויל האָט איר אַרויסגעפּערלט אַ קליינע שורה בלישטשנדיקע דראָבנע ציין. די דאָזיקע ציין זענען איצט געווען שטאַרק צוזאַמענגענומען, ווי זיי וואָלטן עפּעס שאַרף געביסן. אירע אויגן האָבן אַזוי אי חנעוודיק, אי גרויזאַם געקוקט, — „ווי ביי אַ יונגער קינד־מערדעריז״, איז מאָנאַטן איינגעפאַלן דער פאַרגלייך.

אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדוכט:

אונטערן שלייער, דאָרט, ווו זי האַלט אים די גאַנצע צייט צו מיט דער האַנט, האָט זי באַהאַלטן אַ שאַרפן קינדזשאַל... ער האָט מיט אַ שטאַרק־קלאַפּנדיק האַרץ פאַרמאַכט די אויגן און איז אײַנגאַנצן בלייך געוואָרן.

ע.

א

ס'איז שוין געווען סוף-טאָג, אָבער נאָך היפּשלעך ליכטיק.

דעם שפּיץ פון די בערג איז געווען באַגאָסן מיט ליכט פון דער זון, וואָס האָט זיך געזעצט אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט פונם אויסגוס, אויפן ים-ברעג פון ניו-דזשירזי. די בערג האָבן זיך געדעקט אין בייטן ליכטיקייט און שאָטן, אין ברוינע און רויטע פאַסן. רויטע טראַקטן לאַנד. פּיאָלעטאָווע הויכן איבער בוימער... הייזלעך האָבן גע-בלישטשעט מיט ווייסע און טעררא-קאטא-ברוינע ווענט, פּאַלאַצן מיט דער קילקייט פון מאַרמאָר — ווי פּאַרצייטיקע, גריכישע יונג-פרויען, מיט דער קאַלטער דרויסנדיקער שיינקייט פון זייערע פּאָלקאָמענע קערפּערס.

שטיל. ביסלעכווייז האָט זיך די לופט אינגאַנצן אָנגעהויבן בלויען.

פיר זעגלען זיי געווען אינם שיפל, וואָס איז אַרויסגעפאָרן אויפן ים, — פיר. גאָס, דן, מאַנאַט און קודראָוו. גאָס און דן זענען געזעסן ביי די רודערס. דער ים איז געווען פול און אויפגעשוואָלן. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן און געקויקלט אין ברייטע, פּאַמעלעך-אויסגע-צויגענע רחבותדיקע בעוועגונגען, שפּילנדיק זיך מיט איינגעהאַלטענער שטאַרקייט און גבורהדיקער איינגעהאַלטנקייט: אַ מאָדנער, שטילער און דרעמלענדיקער כוח איז געווען פאַרבאָרגן אין די רויקע באַוועגונגען פונם וואַסער... דאָס שיפל האָט זיך אויף דעם פּאַמעלעך געהויבן און געזונקען, געהויבן און געזונקען.

אַ רויטע, אומגעווײנלעך־גרויסע, פלאַמענדיקע זון איז געהאָנגען ווייט איבערן ים. שאַרף־קײלעכדיק איז דער רעליעף פון אירע ליניען געווען אָפּגעצײכנט קעגן הימל מיט אַזאַ יום־טובדיקייט. ריזיק־פויל האָט זיך דאָס וואַסער געהויבן קעגן מעריבדיקן הימל־זוים ביז וואַנען עס איז אים געלונגען אָנהויבן אָפּצובײסן שטיקלעך זון. און די זון האָט מיט אַ קופּערנעם קוים־געזעגענעם שמייכל פון באַהאַלטענער תאווה פלומרשט גלייכגילטיק זיך געלאָזט בײסן פונם ים...

דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען געאַנקערטע שיפן. אייניקע — ליידיקע, אויף אַנדערע האָט די מאַנשאַפט זיך צונויפגעקליבן, זיך צעזעצט אויף די קופּעס און קאַסטנס אויפן דעק און געזונגען איצט אַן אָוונט־ליד. אויף אַ באַרקע, אָנגעלאָדן מיט איין איינגעפּרעסטן הויכן זאַמד־וואַל — די באַרקע איז געזעסן אַזוי טיף אינם וואַסער, אַז זי האָט זיך אַליין אויסגעזען, ווי אַ זאַמד־בערגל פונם טיפן ים־אָפּגרונט אַרויס — איז געזעסן אַ פּאָרל און אַרויסגעקוקט אָן אַ וואָרט אינם ימיקן אָוונט.

דן און גאָס האָבן גערודערט מיט פולן כח און זענען איינגיכן אויסגעמאַטערט געוואָרן. זיי האָבן דעריבער פאַרקירעוועט דאָס שיפל צום ברעג און זענען שוין די גאַנצע צייט געפאָרן פאַזע ברעג, ווו עס איז געווען גרינגער צו רודערן.

שווייגנדיקע זענען זיי איצט אַלע געווען, ווי זיי וואָלטן געפאָרן אין עפּעס אַ געהיימער שליחות, און ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן אינם שאָטן פונם הויכן באַרגיקן ברעג, וואָס האָט זיך געלייגט איבערן וואַסער.

פון דער סט. יאָזעפס קירך, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דאַנען אויפן באַרג, האָט זיך שוין געלאָזט הערן דער אנגעלוס. וואָס אַמאָל האָט זיך דאָס שיפל אַלץ מער דערנענטערט צו דער קירך. איינגיכן האָבן זיך שוין געזען די אָפענע טויערן פון דער קאַטוילישער קירך — האַלב־קײלעכדיקע אין דער הויך, ביים סופית — טונקעלע, שווערע טויערן, וואָס האָבן, ווי אַריינגעפירט אין אַ הויל. פון דער טיפעניש פונם אַלטאַר האָבן זיך אַרויסגעטונקט די פייערן פון הויכע וועקסענע ליכט — ליכט איבערן ים אַרויס. אין די דורכגאַנגען פון דער קירך זענען געווען צעשפּרייט אייניציקע דאַוונער, ס׳רוב איינגע־

בויגענע אַלטינקע אין ברייט־ברעג־קע אָפּגעבערענטע שטרוי־היט, פרוי־ען אין קליינינקע פּאַרצייט־קע שליאַפּקעלעך, וואָס זענען געזעסן אויפן שפּיץ־קאָפּ — קליינינקע שליאַפּקעס, ווי קינדער־היטעלעך.

אַן איינציק יונג מיידל מיט געבעט־ביכל אונטערן אָרעם און לאַנגן בלאָנדן צאָפּ האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן פון אַן אויסבויג פון אַ וועג. און דערנאָך איינציקווייז, איינציקווייז האָבן זיך שוין געצויגן פון פאַרשידענע זייטן, איבער זיך־בלייבנדיקע וועגן און פאַרביי־טונקל־גרינע שטיינערנע פּאַרקאַנען, דאַוונער צום אָוונט־געבעט אין דער קירך.

— איז היינט אַ יום־טוב, אָדער עפּעס אַ פאַסט־טאָג אין דער קירך?

— כ'ווייס נישט — האָט געענטפערט גאָס דנען מיט אַ באַליי־דיקטן שמייכל. — מער פעלט מיר נישט, איך זאָל נאָך וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער קירך!

און האָט צוגעגעבן בראַוו און וויל־יונגעריש:

— שוין אין דער קירך נישט געווען זייט לעצטן דעצעמבער. און דאָס אויך בלויז דערפאַר, ווייל כ'האָב געהאַט צוגעפירט מרס. ליסלין צום ווייַנאַכט דינסט.

אַזוי ווי די איבעריקע האָבן אַלץ געשוויגן, האָט ער באַלד אַ טרייסל געגעבן מיט זיין ברייטער, פיר־קאַנטיקער מאָרדע:

— איך בעט אייך, וואָס איז עס פאַר אַן אומעט אָנגעפאַלן אויף אייך? מיר פאָרן דאָך נישט אין קיין מאָנאַסטיר! מיר פאָרן דאָך צו די דריי שוועסטער, און אָט די זענען נישט קיין נאָ־גען, פאַרשטייט איר מיך...

ער האָט שעלמיש אַווינק געטון מיטן אויגל, — עס איז גע־וואָרן שמאָלער און באַדייטונגספולער. נאָר באַלד האָט ער זיי אָרונ־טערגעלאָזן, די אויגן, געטראַכט האָט ער שוין, אַז אין דער אמתן קומען אים אויך די דריי שוועסטער אָפּטמאָל אויס, ווי דריי נאָנען. עפּעס מיט אַזאַ מאָדנער אומפאַרשטענדלעכער דערוווייטערטקייט און אַריסטאָקראַטישקייט טראָגט עס פון זיי, אַז אַ סך מאָל פילט ער זיך דאָרט ביי זיי אין הייזל שעמעוודיק־פאַרלוירן, און דערוועגט זיך אַפילו נישט צורירן צו זיי. ער קאָן דאָרט אָפּזיצן אַזוי אַ שטיק צייט

און סוף כּל סוף שוין װעלן אַװעקגיין, צוליב דער דאָזיקער מאָדנער אָנגעצויגנקייט. נאָר געװײנלעך לאָזט זיך עס אויס, אַז װען ער האַלט שוין ביים אַװעקגיין, פאַלט עפּעס אָן אויף זיי אַ מין שמייכלענדיקע אויפגערעגטקייט, װי זיי װאָלטן זיך פּלוצלינג פונאַנדערגעבליט... פון די אָפענע פענסטער הויבט דעמאָלט אָן שאַרפער און שטאַרקער אַריינשמעקן ים, און נאַסע ערד, און פייכטע װאַקסנדיקע בוימער.

ב

שפּעט יעדן פרילינג פלעגן זיך אויף יענעם פאַרלעגענעם שטיק ברעג באַװייזן די דריי שװעסטער.

אַ גאַנצן װינטער איז דאָס הייזל געװען פאַרשלאָסן, די לאָדנס פאַרקלאַפּט, שװאַרץ פלעגט דאָס דאָזיקע הייזל אַרויסקוקן דורך די אַ־געדעקטע בוימער אויפן ים אַרויס. אַמאָל איינגאַנצן פאַרשניט — װי אַ חורבה פון פישערלייט. פון װערטער, װעלכע ער האָט געכאַפּט דאָ און דאָרט אין זייערס אַ געשפּרעך, האָט גאָס זיך אָנגעשטויסן, אַז װינטער־צייט װױנען זיי אין ניו־יאָרק, אין גריניטש װילעדזש, אין יענעם טייל שטאָט, װוּ עס װױנען שוין אַלערליי מאָדנע מענטשן: קינסטלער, מאָלער און שױשפּילער... און מער אָבער אַזױנע לייט, װעלכע האָפן ערשט צו װערן באַרימטע מענטשן. די דריי שװעסטער טאַנצן דאָרט אין אַ טעאַטער, צי װאָס.

ערשט סוף פרילינג קומען זיי אַהער. דאָס שטיבל בליט דער־מאָלט אויף. װייניק מענטשן װייסן פון אָט דעם פּלאַץ. מען גיט עס איבער פון מויל צו אויער, פאַרזיכטיק און געהיימניספול, בלויז צו אויסגעקליבענע, צו „איידעלע". עס איז שוין אויסגעאַרבעט געװאָרן ביי די באַזוכער אַ געגויער באַגריף, װאָס פאַר אַ סאָרט מענער עס װערן אַריינגעלאָזן צו די דריי שװעסטער. און גאָס איז געװען זי־כער, אַז מאָנאַט, דן און קודראָװ װעלן זיין זייער אָנגעלייגטע באַ־זוכער.

אין זומערדיקע אָװנטן פלעגן צופאָרן צום ברעג פונעם שמאָלן האַלב־אינזעלע, װאָס שיסט אַרויס אויף עטלעכע הונדערט פוס פון דער יבשה אינעם ים אַריין, קליינע רודער־שיפעלך, און אַמאָל אויך אַ װייס געפאַרבט מאָטאָר־שיפל — שטיל און שװייגנדיק, װי באַזו־

בער צו אַ באַהאַלטענעם און פאַרבאָרגענעם היידנישן טעמפּל.

דאָס הייזל — פון דרויסן אַן איינפאַך פויערש הייזל, נאָר אַן אַלטס, אַ חורבה — פלעגט יעדן פרילינג פון אינעווייניק איבערגע־פאַרבט ווערן אויפן באַפעל פון די דריי שוועסטער, אין די קאַפּריזנסטע קאָלירן, אין קעסטעלעך און פאַסן, אין ראָמבן און פּאַראַלעלאָגראַמען, אין דרייעקן און האַלבע לבנהס — געל, רויט, אָראַנזש און שוואַרץ-גרין. דאָס אינעווייניקסטע פונם הויז פלעגט דעמאָלט מאַכן דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט באַוויזן געווען פון סאַטירן.

פון דרויסן איז עס געווען רוי, נישט-געפאַרבט, פון טונקעלע האַלב־קיילעכדיקע שפּאָלן, וואָס האָבן זיך איבעראַל געשיילט און אַנטפּלעקט דאָס בלייך־געלע לייב פונם האָלץ. דאָס הייזל איז געווען אַרומגערינגלט מיט גרויסע צעקרימטע עפּל־בוימער, און מייפּלס, און שלאַנקע נאָדל-בוימער. זומער־צייט האָט מען עס דעריבער נישט גע־קאָנט אַרויסזען נישט פון ברעג און נישט פונם לאַנד. אויסער ביי־נאַכט, ווען דאָס ליכט פון די פענסטער פלעגט זיך דורכשפּיגן דורך די בוימער איבערן ים אַרויס.

די פיר האָבן ווייטער געהערעבעט. דאָס שיפל האָט זיך גע־קרייזט צוזאַמען מיטן אויסגעבויגענעם ברעג. ס'איז געוואָרן טונ־קעלער.

זיי זענען ענדלעך צוגעקומען צום לייכט-טורעם, וואָס האָט זיך געהויבן אויפן דרומדיקן ווינקל פונם אינזל. דער לייכט־טורעם איז באַשטאַנען פון אַ הויכער, אַ פיל-ווינקלדיקער מויער פון שטאַרק-טונקעלע ציגל, מיט אַן אויסזען פון אַ פאַרצייטיק שלאָס. אַ קיילעכ־דיק טערעמל איז געווען אין דער הויך — אין דעם דאָזיקן טערעמל אויבן זענען שוין די שטאַרקע עלעקטרישע פּראָזשעקטאָרס איצט אויפ־געלויכטן געוואָרן און האָבן געוואָרפן גרויסע מאַכטיקע זיילן איבערן אָקעאַן אַרויס, די פּראָזשעקטאָרס האָבן זיך אין אַ קרייז געדרייט אַרום און אַרום, און באַלויכטן די וואַסערן פון אַלע זייטן.

דאָ גאָענט אונטערן טורעם אויפן ווינקל-אינזל, איז דער ברעג־ם געווען נאָך טונקעלער: אפשר צוליב דער ליכטיקייט אויפן טורעם איבן, אָדער צוליב דעם, וואָס דאָ איז געווען דער סוף פונם אינזל ן וואַרטענדיגקייט האָט אָנגעפילט אַלעמענס הערצער, ווי אין לעצטע

מינוטן פון נאַכט. די לופט איז געוואָרן דריקנדיקער, געדיכטער.

און מיט אַמאָל איז דאָס שיפל אַרויסגעשווומען אויף יענער זייט אינזל, — אַזוי פלוצלינג, ווי זיך אַרונטערגליטשנדיק אין אַ נייער וועלט, אין אַ נייער העמיספערע, וואָס איז נאָך קיינמאָל פון אַ מענטשנס אויג נישט געזען געוואָרן. און אַ גרויס געשריי האָט דע־מאָלט אַרויסגעפּלאַצט פון אַלעמענס העלזער, ווי פון איין אומגע־הויערער קעל. פריידיקע, פול־ברוסטיקע קולות האָבן זיך געקייקלט איבערן ים, זיך אָפּגעשלאָגן אָן די ברעגן, און זיך דונערנדיק גע־ראָלט צוריק איבער די פול־ברוסטיקע וואַסערן.

אַ נייע וועלט האָט זיך זיי פאַר די אויגן אַנטפּלעקט, אויף וואָס די דריי, אויסער גאָסן, וועלכער איז שוין דאָ נישט איינמאָל געווען, האָבן זיך גאָרנישט געריכט. זיי זענען געווען איצט אינם סטייטען־איילענד סאונד. און עס איז זיי געווען, ווי זיי וואָלטן מיט אַמאָל אָנגעקומען אין אַ לאַנד פון אַ גרויסן און אייביקן ביינאַכטיקן יום־טוב. אַזוי פיל ליכט און פייערן האָבן זיך איצט אַנטפּלעקט פאַר זיי, אַז זיי האָבן געהאַלטן די מיילער אָפן און די אויגן אויסגע־שטאַרטשעט, אינגאַנצן צעטומלטע. לאַנגע קווייטן ליכט אויף עקסקור־סיע־שיפן, זיך איבערקניפּנדיקע קרענץ פייערן אויף די נאָענטע מערב־ברעגן פון דעם סטייטען־אינזל און דעם ברעג פון ניו־דזשוי־דזי, וועלכע זענען דאָ געווען זייער נאָענט איינער קעגן אַנדערן, — שיפן אָן אַ שיעור זענען דאָ געשטאַנען אָנגעצונדן, און געקוקט אינם אָפענעם אָקעאַן אַרויס, ווי דערוואַרטנדיק פון דאָרט דאָס אָנקומען פון עפּעס גאָר אַ וויכטיקער און ריזיקער טריאומף שיף. און דערווייל, אפנים, האָבן זיך אין דער ריכטונג צום אָפענעם אָקעאַן אַרויסגעלאָזט צוויי ריזיקע, עטלעכע־שטאָקיקע טראַנס־אַטלאַנטישע אָקרענטן, ווי צו מקבל פנים זיין די געסט.

ווייט אַריבער, פון מיטן דעם סטייטען איילענד סאונד, פון אומצייליקע באָטען און באַרקעס, פון וואָרנונגס־גלעקער און „בויס" האָבן פון וואַסער גרויס אויפגעבליט ליכטיקע פייערן בלויע, גרינע, געלע, רויטע... און פון דעם ווייטן ניו־יאָרק, וואָס האָט זיך דורכן סטעטן־אינזל פאַס געזען, ווי אַן אויסזיכט אויף יענער זייט פון אַ טיפן שפּאַקטיוו — האָבן אַהערגעבריט ליכטיקע און פייערדיקע פער־

דער פון אַ פאַנטאַסטישער אָנגעצונדענער שטאָט...

דאָס שיפל האָט זיך פאַרקירעוועט רעכטס און איז באַלד צו צום ברעג פונם שטיק לאַנד, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין וואַסער אַריין, ווי אַן אַריבערגעוואַקסענער צאָן פון אַ מאַמאָט־חיה. זיי האָבן אַרויפגעשלעפּט דאָס שיפל אויפן ברעג, עס איבערגעקערט און באַהאַלטן צווישן די בוימער.

ג

ווי זיי שלעפּן דאָ אַזוי דאָס שיפל, דערזעען זיי דורך די קלייניע האַלב־טונקעלע טונעלן, וואָס האָבן פון זיך זעלבסט דורך פיל יאָרן, זיך אויסגעלייגט אונטן ביי דער ערד, דורך די בוימער־שטאַמען, באַוועלבט פון אויבן מיט בלעטער־צווייגן, — ווי אויף דער צווייטער זייט פונם דאָזיקן קליין לאַנד, שטויסט זיך אַ רעדל מענטשן אַרום עטלעכע שיפלעך, וועלכע זיי האַלטן איצט אין אָפּבינדן. יעדער איינער שטופּט זיך, איילט זיך, אפנים צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ.

און באַלד זענען זיי אָפּגעשוווּמען. אַזוי געפּאַקט זענען יענע שיפלעך געווען, אַז אַ סך לייט האָבן דאָרט געמוזט בלייבן שטיין אין די שיפלעך. דן האָט פון ווייטן דערזען, אַז דאָס זענען געווען יידן — יידן מיט לאַנגע בערד און געדיכט־באַברעמטע אויגן, מיט אַ אויסזען פון פאַרצייטיקע וואַלד-סוחרים אין לאַנגע ליסטרינינע קאַפּאָטעס. מיט זייער חשיבותדיקן, באַרויקטן אויסזען האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אָקאָרשט גרויסע מתנות געהאַט געבראַכט צו עפּעס אַ גרויסן רבין. און פאַרזיכערטע, און געבענטשטע, האָבן זיי זיך איצט ווידער געלאָזט אין ים אַרויס, צו זייער ווייטן האַנדל...

דורכן שטיקל וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן ים-ברעג און דעם וווינונגס-אָרט פון די שוועסטער, מיט קלאַפּנדיקע הערצער און שווייגנדיק, האָבן זיך די פיר געלאָזט גיין צום שטיבל.

ווי אויסוואַרטנדיקע, זענען אויף דער וועראַנדע שוין געזעסן די דריי שוועסטער.

גאָס איז דער ערשטער אַרויף מיט דער זיכערקייט און פאַמיליאַריטעט פון אַן אַלטן באַקאַנטן. די איבריקע דריי זענען געגאַנ־

גען פון הינטן, אומזיכער און זיך ווונדערנדיק, וואָס וועט דאָ זיין.

די דריי מיידלעך זענען אַזוי נישט ענלעך געווען אויף גאַסן־פּרויען. גיכער זענען זיי שוין געווען ענלעך אויף געזונטע דאָרפס־מיידלעך. איינע איז געווען אַביסל אַ פּלומפּע, מיט פלאַמענדיקע האָר. די אַנדערע צוויי זענען געווען בלייכער, נאָר אַלע זענען געווען בלאָנדע. זייערע פּנימער זענען נאָך געווען פריש און מילך־ווייס, — פון אונטער די באַקן האָט געשפּריצט דאָס בלוט אַפער, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט, און דאָס בלוט וועט פון אונטער דער איי־דעלער הויט אָנהויבן אַרויסשפּריצן, ווי אַ דינער רעגן.

מען האָט זיי גערופן: קלאָד, אָדרי און אסתר, דורך אַ דינלעכן נעפּל האָט דן געהערט, ווי עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס צווישן עולם, ער האָט זיי אַלץ באַטראַכט מיט גרויס נייגיריקייט. זייערע רויטע אַריבערהענגנדיקע האָר זענען געווען גלייך אָפּגעהאַקט איבער זייער שטערן און זענען דאָרט געווען אַרומגענומען מיט באַגילדעטע רייפעלעך. אויף די זייטן־באַקן, אַרום די אויערן, זענען אַרונטערגע־האָנגען עקלעך האָר ווי פּאותלעך. זיי האָבן נאָכאַנאַנד געריכערט פּאַפּיראָסלעך, האָבן געטראָגן ווייסע בלוזקעס און שוואַרץ־קאַשמיר.נע קליידלעך. די פולע, רונדע אָרעמס זענען געווען אַנטבלויזט. באַנו־מען האָבן זיי זיך די גאַנצע צייט נישט־חוצפהדיק און ווויל־דערצויגן.

אויפן דיל פון דער ווערענדע זענען געלעגן אַ פּאָר זשורנאַלן. אין דער טונקלקייט האָט דן איבערגעלייענט מיט דערשטוינונג זייערע נעמען: מאָדערנע זשורנאַלן, וואָס ווערן געוויינטלעך געלייענט פון ראַפינירטע מענטשן, פון מענטשן מיט פאַרדינערטע געשמאַקן. ביי די ווענט זענען געשטאַנען טעניס־וואַרפערס, בלומען־טעפּ אָנגעפילטע מיט רייך־פאַרביקע פענזיס, מיט שטייפן, שטרענגען וויינאַרט־קאַקטוס, מיט געפלעקטע פעלד־באָגאַניאַס.

מאַנאַט איז געווען דער ערשטער, נאָך גאַס, וועלכער איז גע־וואָרן דאָ היימיש. ער האָט שוין איצט געפירט אַ שאַרפזיניקן, גרויס־שטאָטישן שמועס מיט אָרדין, וועלכע איז געזעסן פּונקט קעגן דנען. ער האָט גערעדט פונם לעצטן נומער פון עפּעס אַ מאָדערנעם זשור־נאַל, ווי עס זענען אָקאָרשט אָפּגעדרוקט געווען רעפּראָדוקציעס פון

די בילדער פון אַן אויף־דאָס־נײַ אַנטדעקטן מאָלער. יענער מאָלער, אַן איינזאַמער און אַן אָפּגעזונדערטער, האָט אַ לעבנלאַנג געשאַפן חונדערלעכע בילדער אויף דעם פאַרביקן אינזל טאַהיטי, אינם פּאַסי־פישן אָקעאַן... ער האָט געמאָלן לייבער פון עפּעס אַזעלכע מאָדנע ברויסע מענער און פרויען, לייבער מיט זאַפטיקע, פליישיקע און שטאַרקצייטיקע גלידער, ווי גרויס און זאַפטיק-פליישיק עס זענען די פרוכטן פון אָט יענעם ווייטן און פאַרביקן אינזל. פאַנטאַסטישע אַזעלכע מענטשן און בוימער — נײַע, נײַע... נאָר ס׳האָט זיך מיט אים איבערגעחזרט אַן אַלטע מעשה: ביים לעבן זיינעם האָט זיך כמעט קיינער אויף אים נישט אומגעקוקט. און ער, אָט יענער מאָלער, איז דאָרט סוף־כל־סוף אַזוי אויסגעגאַנגען, אַ נישט אַנערקענטער, אויפגעגעסן פון דער אָרטיקער פאַרשפּרייטער קרענץ-חולאת. ער האָט אָבער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם, האַלטנדיק זיין פּענזעל אין האַנט.

דן, פונקט אַנטקעגן אָדרין, האָט אַלץ נישט געוווּסט, ווי אַריינ־צומישן זיך אינם געשפּרעך. האָט ער פּלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ מין איראָניע:

— אָ, איר רויכערט פּאַפּיראָסן, מיסס אָדרי... אַ הייינטוועלטיקע!

אָדרי האָט זיך פול-ברוסטיק פונאַנדערגעלאַכט. מיט אַ זאַפטיקער קאָנטר-אַלטאָ האָט זי אַרויסגעברומט:

— וואָס איר הייינטוועלטיקע...—מיר רויכערן אַלע נאָך פון קינדווייז אָן. ביי אונז אין די בערג פון צפון־קאַראָליינאַ, פונוואַנען מיר קומען... געדענקסט, ק ל אָ ד ?

זי האָט זיך געווענדט צו דער מיטלסטער שוועסטער, וועלכע האָט איצט פאַרטיפט געשמועסט מיט גאָסן. אירע ווייסע ציין האָבן געשיינט אין דעם אָוונט, ווי נישט באַטראָטענער שניי. די גרויע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט אין נעפּל פון אַ דערינערונג. באַ־כאַ, ווי זיי פלעגן עס דעמאָלט אַוועקגיין פון הויז, אַרויף אין די בערג, זיך פאַרבאַהאַלטן אין די פאַרלאָזענע וואַלד־הייזלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען נאָך פון דער צייט פון די ערשטע קאָלאָניסטן-פּיאָנערן...

— אָהאָ... דאָרטן פלעגן מיר טאַקע רויכערן „פּייפס" — אמתע ליולקעס פון אויסגעהוילטע קוקורוזע־שטעקענער, כא-כאַ-כאַ...

מאַנאַט האָט פון דער זייט געוואָרפן אויף דנען אַ ליכט-פאַר־ אַכטלעכן, אַביסל אַ שפּאָטישן בליק. ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך איבערנעבויגן איבער פאָרענטש פון דער וועראַנדע, ווי בכיוון, לאַנג־ דיק דנען אַליין מיט דעם מיידל.

דן האָט זיך פאַרלאָרן. אין אים האָט גלייך אַלץ אָנגעהויבן ציטערן. זיינע קני האָבן זיך אָנגעהויבן אומרויק און קעגן זיין ווילן באַוועגן. אָדרי האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר שמייכלענדיקע אויגן און אים אַריינגעלאָזן דעם רויך פון איר סיגאַרעטל גלייך אין פנים אַריין. דן האָט עפעס אָנגעהויבן שטאַמלען:

— אַנטשולדיקט... כ'פאַרשטיי נישט... עפעס איז מיר די גאַנצע זאַך... איר שיינט אויס צו זיין אַזעלכע... כ'מיין... צוליב וואָס אייגנ־ טלעך טוט איר עס... גלאַט אַזוי מיט... מיט יעדן? מיט יעדן איינעם?

פלוצלינג האָט אָדרי אַרויסגעכאַפּט דעם ציגאַרעטל פון מויל: זי האָט אינגאַנצן געפלאַמט. אירע אויגן זענען געוואָרן שמאָל און בייז: זיי האָבן אָנגענומען דעם גלאַנץ פון אַ דערצאָרנטער פרוי, זי חצופה. זי האָט אַזש אינגאַנצן געציטערט. איר אונטערשטע ליפּ האָט זי פאַרביסן, איר האַנט-צענויפגעביילט. ס'האָט זיך שוין, דוכט זיך, געפילט דאָס שטאַרקע זידל־וואָרט, וואָס דאַרף באַלד קומען. ס'האָט זיך שוין, דוכט זיך, געזען די האַנט, וואָס איז אויפגעהויבן צום שלאָגן. נאָר דן האָט שוין איצט שטייף און איינגעעקשנט געקוקט אויף איר: אויסגעזען האָט ער, ווי אַ פרומער מארטירער, ווי עפּעס אַ פאַרצייטיקער קנאי.

נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט אסתר, וועלכע איז געזעסן אין מיטן און איז געווען די עלטסטע: פון אָט דער אסתר האָט אָפּגעווייעט מיט אַזאַ רויק־יט און אַזאַ געלאַסענער איידלקייט, וואָס איז כמעט געווען ענלעך אויף מוטערלעכקייט. זי האָט סאַמע אין דער רעכטער מינוט אָנגעכאַפּט קלאָדס האַנט. אויף דנען האָט זי אַרונטערגעקוקט מיט אַזאַ באַדויערנדיקן, שפּאָטישן שמייכל.

— יאָ, יונגערמאַן, טאַקע אַזוי. צו יעדן מאַן. איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — וויפל מירן ועלן.. צו יעדן מאַן — אָבער נישט צו אייך: ווייל מיר גיבן זיך איבער בלויז צו ריינע.

אַן אומאַנגענעמע שטילקייט האָט זיך איינגעהערשט. אסתּר איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבן. מיט איידלקייט האָט זי זיך געווענדט צו די איבעריקע.

— איר וועט אונז אַ ווײַלע אַנטשולדיקן, מירן באַלד אַרונטערקומען.

די איבעריקע צוויי שוועסטער זענען איר נאָכגעגאַנגען.

מאַנאַט איז צוגעגאַנגען צו דנען, וועלכער איז געזעסן אַ פאַרלוירענער און אַ פיבערנדיקער. שטיל, ווי אַ פאָטער, וועלכער רעדט צו אַ קינד, וואָס איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, ווען מען האָט עס געבומען צווישן מענטשן, האָט ער אים געזאָגט:

— דן, דו ביסט... דו מוזט מיר אַנטשולדיקן... דו דענקסט דאָך מסתּמא תּמיד פון זיך, ווי פון אַן „איידעלן", ווי פון אַן „ערלעך-ריינעם"... איז וואָלט איך אייגנטלעך געדאַרפט רעדן מיט דיר איינפאַכער, מענטשלעכער, אָנרופן זאַכן זייער פשוט מיט די פשוטסטע נעמען, ווײַל זאַכן, מײַן ליבער דן, זענען דאָך אַ סך פשוטער, ווי דו האָסט זיי ליב צו פאַרשלייערן, צו פאַרפלאָנטערן און אַרומוויקלען... נאָר כ'וועל בעסער רעדן צו דיר אין אַ שפּראַך, אַן אויסגעטראַכטע, אין אַ הילצערנער ביכער-שפּראַך, אַ שפּראַך, וועלכע איז אָבער פאַר דיר מער לעבעדיק און מערווירקלעך... און אָט איז, וואָס כ'וויל דיר זאָגן.

גאָס און קודראָוו זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל וועראַנדע און זיך אין דער שטיל איבערגעשמועסט איבער דעם געשעענעם. מאַנאַט האָט אַ גיכן קוק געטון אין זייער זײַט. עס האָט געשײַנט, ווי ער האָט זיך געישובט מיט זיך. ער האָט זיך שוין געשעמט, וואָס ער האָט אָנגענומען דעם טאָן פון אַ מוסר-זאָגער, פון אַ לערער.

דן איז אָבער אַן איינגעקשנט-פיבערנדיקער געזעסן קעגן אים. מאַנאַט האָט דערזען דעם גאַנצן פייערדיקן, אויפריכטיקן ווייטיק אין דנס אויגן... שטילער, פאָטערלעכער נאָך האָט ער פאַרענדיקט:

—צוליב וואָס דו מאַכסט אָן אַזאַ טומל... וואָס איז דען דאָ אין אַ „טאַט", דן? אין וועלכער ס'איז נישט טאַט? אַן אומריינע מחשבה איז אַ סך קויטיקער פון אַן אומריינעם טאַט... שוין כאָטש דערפאַר אַליין, וואָס די „אומריינסטע" טאַט, נאָכדעם ווי זי ווערט אַרויסגע-

בראַכט פון דער מעגלעכקייט, ווי זי האַלט אין איין באַאומרויקנדיקן דראָען און גריזשען און נאָיען און פאַרשפּרייט אַרום זיך אומצוכטן און אייטער, אין דער ווירקלעכקייט אַרויס — פאַרשווינדט די טאַט צוזאַמען מיט דער אומריינקייט און אין איין און דער זעלבער מי־נוט, און לאָזט איבער דעם טוער אַ ריינעם... ביסטו תּמיד פריי פון „אומריינע" מחשבות?... און בכלל — עס איז אָבער נאָך אַ גרויסער ספק, אויב עס איז בכלל דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַן אומריינע טאַט, — אומריין איז בלויז די אומריינע, די שטענדיק־אומריינע מחשבה...

ד

דער אָוונט איז געווען שטיל און וואַרעם. אַ נידריקער ברומען פון די קוימענס פון אַ גרויסן אָקרענט ערגעץ אין מיטן ים האָט זיך דערטראָגן אַהער.

די פיר זענען געזעסן פיבערדיקע און וואַרטנדיקע. זייערע קעפּ זענען געווען פול מיט פאָרשטעלונגען פון דעם, וואָס עס וועט באַלד פּאַסירן. שטילע פלאַמען האָבן זיך געהויבן פון זייערע בלוטן און זיי אַרומגערינגלט, ווי פלאַמען אַרום געשאָכטענע רינדער אויף אַ מזבח.

מיטאַמאָל האָבן זיך די טירן פון הייזל געעפנט. אַ״ע פיר האָבן אַ ציטער געטון. קודראָוו און גאָס האָבן אַזש אויסגעשריגן. נאָר גלייך זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, ווי צוגעקאָוועטע צום גרונט. די שוועסטער זענען געשטאַנען אויף דער וועראַנדע, אײַנ־גאַנצן נאַקעטע, מיט גאַז־שאַלן אַרומגעוואָרפן אַרום זייערע העלזער, אַרונטערפאַלנדיק אין ווייכע פאַלדן און בויגונגען איבער זייערע לייבער. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן זיידענע באַד־היטעלעך.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָבן דערטאַלן פון בלייכע לייבער אָנגעהויבן אַרויסלויכטן. די ברוסטן: שטייפע, קליינע, אָנגעצויגענע, אָפּשפּרינגנדיקע פון לייב, מיט אַ מין אסקאַמע־הויך אויף זיי, ווי אויף אומצייטיקע עפּל — ביי אָדרין און קלאָדן. אַ ביסל אַרונטער־געלאָזענע, לויזע, הענגנדיק פאַרבויגן צו ביידע זייטן — ביי אסתּרן. די אָרערן פון די פיס זענען ביי זיי געווען איצט אָנגעצויגן און שטייף. זיי זענען אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי מאַרמאָרנע סטאַטועס. ביים

אָנזען פון דעם איינדרוק, וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף די געסט, האָבן ביי די ייִנגערע צוויי שוועסטער אויפגעבּרענט די אויגן, שורות ווייסע ציין, גלימערנדיקע אינם אָוונט, האָבן פייערדיק טריומפירט מיט אַ בלוט-אויפשלאָגנדיקן שמייכל.

אסתּר איז געשטאַנען אינמיטן, אַן אָנפירערין.

— מיר גייען זיך באָדן. קיינער זאָל אונז נישט נאָכפאָלגן.

די שוועסטער זענען אַרונטערגעשפּרונגען פון די טרעפּ, דורכגעשאָסן דורך דיביימער, ווי דערשראָקענע אינדן, צום ים צו. לייכט אַזוי זענען זיי געשפּרונגען איבערן גראָזיקן גרונט, ווי זעונגען.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ פאַלן און פּאַטשן אין וואַסער. אַ צוריקשטויסן פון כוואַליעס און שטילע, פריידיקע אויסרופן, ווי פון זיך-באָדנדיקע קינדער.

די פיר זענען געבליבן געפּלעפּטע און אָן-אָטעמדיקע. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט שווייגנדיק. און באַלד, צוזאַמענרעדנדיק זיך מיט די בליקן, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, שטיל אַרונטער די וועראַנדע, זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני און אָנגעהויבן קריכן אויפן גראָז דורך די ביימער, קריכן איבער צווייגן און בלעטער און שטיינער. קריכנדיק אַזוי אינם פינצטערניש..., האָבן זיי אויסגעזען, ווי מאָדנע אַזעלכע פּאַרצייטיקע חיות, חיות מיט מענטשלעכע קעפּ.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ערשט ביי די שטאַמען פון די גרויסע סאָסנעס, וואָס זענען געוואַקסן אַ צוואַנציק פוס פונם וואַסער. דער ים האָט זיך געטונקלט, ער איז געוואָרן טיף-גרין, כמעט שוואַרץ קעגן דעם בלוי פונם אָוונט. אויפן ליידיקן, אויפגעהויבענעם ברעג האָט זיך געהויכט, אויפגעבלאָזן לופטיקע בערגלעך פון די שאַלן, וואָס די שוועסטער האָבן פון זיך אַרונטערגעוואָרפן. מען האָט געהערט אין דער טונקל זייערע שטימען, נאָר זיי אַליין האָט מען נישט געזען. זיי זענען געווען באַשיצט דורכן הויכן פעלזיקן ברעג.

נאָר אינגיכן זענען זיי אַרויסגעשווומען ווייטער אין ים אַרויס. געשווומען זענען זיי אין האַלבן-רינג — וואַסער-מיידן, וואָס האָבן מיטן אָוונט פון די ים-טיפענישן אַרויסגעטויכט. גאָר אין דער ווייט, אינם טשענעל, האָבן איצט טראַנסאַטלאַנטישע שיפן דורכגעאַקערט דאָס וואַסער, שווערע און רויקע. די דריי וואַסער-מיידן האָבן עס

געשיינט צו שווימען אהין צו אט יענע שיפן, צו פארלייכטערן זיי אט די שווערע, זייער וועג, צו רייצן זיך מיט זיי, און זיי דעם וועג מילדער מאכן.

און באלד האט מען שוין פון די זיך־באדנדיקע מער נישט געזען ווי קעפ און בלייכע הענט, — הענט, וואס פלעגן לייגן געמאס־טענע קלאפטער און רעגלמעסיק אויפפאטשן איבערן וואַ־סער, ווי ווייסע פויגל פארטאג אויפן ים.

די פיר מאנספערשוינען זענען צוריקגעפאלן אויפן גראז. זיי זענען געבליבן ליגן אזוי, פארחלשטע, פארוויקלטע אין פייערדיקע געוועבן און טומאנען. ס׳איז געווען שווער צו וויסן, ווי לאנג דאס האט אזוי געדויערט. זיי האבן שפעטער א ווײַלע דורך א נעפל גע־הערט א גערויש פון וואסער, וואס פאלט ארונטער פון שטיפעריש־ארויסשפרינגנדיקע באדערס, — ווי פון שאף, וואס לויפן ארויס פון א טייכל, ווו זיי האבן זיך געבאדן. נאר די פיר האבן זיך אלץ נישט אויפגעהויבן. זיי זענען געלעגן אויף זייערע רוקנס מיט די פנימער ארויף און געזען מאדנע היציקע זוונגען.

די שוועסטער, ציטערנדיק לײכט אינם קילבלעכן אוונטיקן דרויסן, האבן זיך ווידער געוויקלט אין זייערע גאז־שאלן.

— לאמיר זיי זוכן צווישן די בוימער — האט אדרי פארגע־לייגט. איר קול איז געווען איצט אי וואסערדיק־קיל, אי ציטערדיק — זיי געפינען זיך זיכער דא, ערגעץ צווישן די בוימער.

— יא, איך פיל זיי דא אויך. — ביי קלאדן האבן זיך אירע נאזלעכער אומרויק פונאנדערגענומען. אירע דלאניעס האט זי איצט געהאלטן איבער אירע קליינע, פייכטע, ארויסשיסנדיקע בריסטלעך, ווי זי וואלט זיי בגעווארעמט. — איך פיל זייער נאענטקייט דא מיט מיין גאנצן לייב.

זיי האבן זיך געלאזן זוכן צווישן די בוימער. די יונגעלייט זענען געלעגן מיט שווער־איינגעהאלטענע אטעמס. זייערע פנימער זענען געווען אינגאנצן רויט און מיט בלוט פארגאסן — זיי האבן געהאט דאס געפיל, אז אט־אט פלאצן זיי.

און באלד זענען שוין איבער זיי געשטאנען די שוועסטער. האבן ארויפגעשטעלט שטארקע קאלטע פיס, פון וועלכע וואסער־

ריטשקעלעך האָבן אַרונטערגעקאַפּעט אויף זייערע ברוסט־קאַסטנס.

— פאַרוואָס האָט איר אונז נאָכגעקוקט? — האָט אָדרי בייזלעך אויסגערופן. און זיך מיט איר גאַנץ געוויכט אַרויפגעשטעלט ביי גאָסן אויפן ברוסט־קאַסטן. דער יונג האָט אַ צאַפּלענדיקער, מיט פאַרנעפּלטע אויגן, אַרויפגעקוקט צו איר. ער האָט זי איצט אינגאַנצן אין זיך איינגענומען, פון די פּערלמוטער־ראָזעווע נעגל פון אירע פוס־פינגער, אַרויפצו, איבער די ליניעס פון די פיס, — קיילעכדיקע, אָבער דינע, ווי ביי מאַנסבילן, פון צו־פיל טאַנצן. זיינע אויגן האָבן זיך לסוף אָנגעהאַנגען אָן אירע אויגן, וואָס האָבן פּרעסעריש־בייז איצט אַרונטערגעקוקט אויף אים.

— טרעט שטאַרקער...

אסתּר האָט זיך אַריינגעמישט מיט אַ שמייכלענדיקן, אַ שלום־מאַכנדיקן קול:

— לאָז אָפּ, וואָס ווילסטו פון זיי, אָדרי? מיר האָבן דאָך אַליין געוואָלט, אַז זיי זאָלן אונז נאָכגיין און נאָכקוקן.

די שוועסטער זענען אַוועקגעלאָפן, הירזשענדיק מיט לוסטיקע שטימען. לויפנדיק האָבן זיי געהויבן זייערע פיס פאָרויס. — די קני האָבן זיך ביי זיי אויסגעגלייכט מיטן האַלבן גוף, ווי זיי וואָלטן איצט געטאַנצט אַ קלאַסישן, אַ גריכישן טאַנץ.

אַז די שוועסטער זענען שוין פאַרשוואונדן, האָבן זיך די פיר מיטאַמאָל אַ הויב־אויף געטון און זיך אָנגעהויבן נאָכיאָגן נאָך זיי, ווי די ערד וואָלט זיי געבריט אונטער די פיס. דן האָט זיך אומגעקוקט, צי עמעצער זעט אים נישט. ער האָט זיך געשעמט פאַר די בוימער. מאָנאַט האָט זיך געשטרויכלט מיט זיינע קלאָציקע שווערע פיס אָן אַ בוים. ער איז אומגעפאַלן. ער איז אָבער באַלד אויפגעשטאַנען און איז ווייטער געלאָפן. פונם שטערן האָט ביי אים גערונען בלוט. פון די ליפּן האָט אַ קלעפּיקער, אַ ווייסלעך־גרויער שוים, ווי פּאַפּ, אַרויסגעשלאָגן. זיין שטייפער קאָלנער איז איצט אויך געווען פאַרשמירט מיט בלוט. אין זייער שוואַרצן אָנטועכץ, זיך נאָכיאָגנדיק נאָך די בלייך־נאַקעטע מיידלעך, האָבן זיי איצט אַלע אויסגעזען, ווי פּאַרצייטיקע סאַטירן, געדיכט־באַוואַקסענע און פאַרבלאָנ־

טערטע אין ווילדע פלאַנצן, וועלכע יאָגן זיך נאָך ווילדע מיידן אין אַן אור-וואַלד.

— אָ, איר גיריקע בריאות! — אסתר האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטער איר אַקסל. מיט איר ווייכן, איינגענעמענדיקן קול האָט זי זיי צוגעשמייכלט, ווי צו קינדער. — באַלד, באַלד.

ה

די שוועסטער זענען אַ ווײַלע אַלע דריי געבליבן שטיין אויף דער וועראַנדע, מיט די פּנימער צום הויז, און מיט די רוקנס — צו די מאַנסבילן. נאָר באַלד, מיט איין באַוועגונג, ווי מושטירטע, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט.

אסתר האָט דעמאָלט אויפגעהויבן איר לינקע האַנט אין דער הויך, באַפעלנדיק. און נאָך איר האָבן די איבעריקע צוויי אויפגעהויבן זייערע הענט, אויפגעהויבן שטיל און שווימענדיק, ווי אין אַ אומטיקער תּפילה.

פון די דאָזיקע האַנט-באַוועגונגען האָבן זיך די שאַלן אָנגעהויבן אַרונטערגליטשן פון זייערע אַקסלען און זענען באַלד געבליבן ליגן אַרום זייערע פיס אין צונויפגעדרייטע ווייכע בייגל. די דריי שוועסטער זענען פלינק אַרויסגעשפרונגען פון די ווייכע בייגל, וואָס זענען געלעגן אַרום זייערע פיס, ווי לילאַ-קאָלירענע שוימען און האָבן זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ.

אין הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן, קליינע גאָלדענע פינטעלעך.

גאָס האָט אַרויסגעראָבן פון בוזים-קעשענע עפעס אַזאַ מעטאַלן צונויפגעלייגט פייפל, האָט זי פונאַנדערגענומען, זיך אַנידערגעזעצט אויף דער גראָזיקער ערד פאַרן הויז, אונטערגעלייגט די פיס אונטער זיך, ווי אַן אַראַבער, און אָנגעהויבן אַרויסלאָזן פון זיין פייפל שטילע, בעטנדיקע טענער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן איינס אָונט שטילע אַזעלכע און צוציענדיקע, ווי פון אַ פּאַסטוך, וואָס רופט צונויף אין אַ פאַרנאַכט זיין סטאַדע שעפּסן. די איבעריקע דריי מאַנסבילן זענען צוגעשפרונגען צו אים, פאַרכישופטע פונם רוף: זאָל

ער זיין דער פירער — ער וועט אויסבעטן, אויסכשופן די ליבע ביי די דריי שוועסטער...

פאַמעלעך האָבן זיך געבויגן און גענויגט די אָרעמס ביי די טענצערינס, — שלאַנגען, וואָס טאַנצן און בייגלען זיך אָט העכער, אָט נידריקער צום מאַניענדיקן רוף פון אַ מכשף. שטאַרקער און פליי־ציקער זענען וואָס אַמאָל די טענער פון דעם פייפל אַרויסגעשפּרונ־גען, פונאַנדערגעוואַקסענער און זיכערער זענען זיי געוואָרן פונם אייגענעם שאַלן. די קערפּערס פון די טענצערינס האָבן זיך בויגיק געקרימט און איידל־מאַניענדיק געצויגן.

די מאַנסבילן האָבן זיך באַלד אַלע אַ וואָרף געטון מיט די בייכער אויפן גראָז, אָנגעשפּאַרט די קעפּ אויף די דלאָניעס פון די הענט און די עלנבויגנס אָן דער ערד און עסנדיק־גיריק נאָכגעפאָלגט די מינדסטע באַוועגונגען פון די טאַנצנדיקע.

די טענער פון דעם פייפל האָבן זיך שוין איצט מער נישט געבעטן, — זיי האָבן געוויינט און געוואָיעט. די גרעזער האָבן זיך געבויגן. שטיל האָבן די בוימער זייערע קניפּנדיקע, קודלעוואַטע צווייגן געשאָקלט. פאַרחלשטער און שוואַכער זענען וואָס אַמאָל גע־וואָרן די קערפּער־באַוועגונגען פון די טאַנצנדיקע. אַרונטערגעלאָזן האָבן זיך ביי זיי די קעפּ און די אָרעמס, ווי די בלימלעך פון די מילך־ווייסע „כלה־קראַנצן“ אין אַ מידער, באַטאָגיקער, זוניקער שעה.

און פּלוצים, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט זיי אַדורך. האָבן די שוועסטער אַ טרייסל געגעבן זייערע דינע, שמאָלע אַקסלען, אַ פאַרוואָרף געטון די קעפּ אויף הינטער, און אַרייַנגעשפּרונגען אין הויז אַריין.

דאָס איז פאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז גאָס האָט אַזש אַרויסגעלאָזן דאָס פייפל פון מויל און איז אַנידערגעפאַלן פאָרויס מיטן פּנים אויף דער ערד. די איבעריקע דריי הינטער אים זענען געבליבן ליגן מיט פונאַנדערגעעפנטע מיילער.

ו

די שייבלעך פון די שטוב־פענסטער האָבן אָהערגעשיינט מיט אַ גלאַנציקער שוואַרצקייט, ווי קליינע סאַזשעלקעס פעך. די טיר איז

געבליבן שטיין אָפן. די עפענונג האָט אַהערגעקוקט, ווי די עפענונג פון אַן אונטערערדישער הייל, ווי די עפענונג צו אַ הייליקן, אַ פאַרהוילענעם היכל.

אָפּגעשוואַכטע, מיט ציטערנדיקע קניען, מיט קלאַפּנדיקע הערצער און שלייפן, האָבן די פיר מאַנסבילן געקוקט אַהין פאַרשמאַכט. נאַקעטע געשטאַלטן און צאַפּלענדיקע גלידער האָבן זיך געמאָלט פאַר זיי אין דעם טונקעלן חלל פון דער טיר.

דער אָוונט איז געוואָרן געדיכטער. פון די בוימער האָבן אָנגעהויבן אַרויספייפן די „פייפערס", נאָכאַנאַנד האָבן איצט בוים-פּרעש כאָרכלענדיק געקרעכצט, ווי גלגולים, ווי וואַלד-רוחות.

גאָס האָט זיך געשטעלט אויף די קני, זיך אויפגעהויבן. די איבריקע—נאָך אים און נאָכגעגאַנגען.

אינווייניק אין שטוב איז געווען פינסטער און שטיל. די דריי מאַנסבילן, וואָס זענען גאָסן נאָכגעגאַנגען, האָבן געהאַט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם. אָט, אָט, באַפאַלט מען זיי. אָט, אָט, הויבן שדים אומגעזעענע זיי אָן צו צופּן פון די פאַרהוילנסטע ווינקעלעך אַרויס.

גאָס האָט זיי איינגערוימט.

— שטילער... זיי זענען אין דער הויך... טוען זיך איבער.

ער האָט זיי געפירט מיט אַזאַ וויכטיקער מינע, ווי אַ כהן־גדול, וואָס פירט די איבריקע, די ייִנגערע כהנים צו דער עבודה.

ער האָט זיך אַ ווײַלע עפּעס געפּאָרעט אין דער טונקל. באַלד האָט אויפגעפלאַקערט אַ שוועבעלע מיט אַ בלויען טרעשטש. און גלייך דערנאָך: געלע פלעמלעך האָבן איינס נאָך דאָס אַנדערע אויפגעלויכטן אין די פיר חדר-ווינקלעך: דאָס האָט ער אָנגעצונדן קורצע, דיקלעכע, פּירקאַנטיקע וועקסענע ליכט, פאַרפּומירטע ליכט אַזעלכע, וואָס האָבן געשטעקט אין ערדערנע לייכטערס.

אַזוי ווי דער קאָליר פון די לייכטער איז געווען אַ ברוינער און האָט זיך נישט אַרויסגעזען פון דער פינסטערניש, האָבן די פלעמלעך געשיינט צו הענגען אין דער לופט. ס׳האָט אויסגעזען: מיילער פון אומגעזעענע פינסטערניש־חיות שפּייען אַרויס פון זיך די צינגלעך ליכט.

פון אַ ווינקל האָט גאָס אַרויסגעקאַטשעט עטלעכע קורצע דיק־

לעכע קלעצלעך, אויסגעהאַקטע אונטערשטע טיילן פוןביימער. די דאָזיקע רויע קלעצלעך זענען אָבער געווען אַרומגעדראַפּירט מיט טונקעלע געוואַנטן און טיכער. גאָס האָט זיי צוגעקייקלט צו די בענק, וואָס זענען געשטאַנען לענגאויס פון אַלע ווענט. ער האָט דער־נאָך ערגעץ געקראָגן און אַרויפגעשטעלט אויף די דאָזיקע קלעצלעך זערבלעך מיט אַלערליי פּרוכטן.

דן האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אַרום זיך. ביים קאַרגן שיין פון די וועקסענע ליכט אין די ווינקלען צימער האָט ער באַמערקט אויסטערלישע געלע, רויטע, מאַראַנץ־און גרין־שוואַרצע צייכענונגען, פיגורן און סילועטן אויף די ווענט. לאַנגע, גלאַנציקע ליטאָגראַפיעס זענען געהאָנגען צווישן זיי, צווישן אָט די צייכענונגען — אַזעלכע, ווי מען זעט אין פרומע קריסטלעכע פערמערס הייזער אויף די ווענט. ליטאָגראַפיעס, וואָס אילוסטרירן פאַרשידענע טעקסטן כּונם עוואַנ־געליום.

„יעזוס און די פרוי פון שומרון”. אַ בלאָנדער יעזוס אין אַ בלוי־ראָזעווער טאָגע זיצט אויפן ברעג פון אַ ברונעם, ביי וועלכן עס שטייט אַ הויכע, שלאַנקע פרוי אין אַ לאַנגן, ברוינעם, געפאַל־דעוועטן מאַנטל; אַ פרוי מיט אַנטבלויזטע אָרעמס, גרויסע מאַסיווע אויערינגלעך, וואָס נעסטלען זיך צום האַלז, און אַ מעשענעם שטערנ־באַנד, וואָס גיט איר צו דעם אויסזען פון אַ קורטיזאַנע. אירע זונה־אויגן, לענגלעכע אַזעלכע און ווייסדיקע, קוקן אַרונטער צום גרויסן וואַסער־קרוג אין איר האַנט. אַ צעשפּאָלטענער קאָקאָנוס, נאָך טיילווייז אָנגעפילט מיט זיין רויזלעכן נוס־וואַסער, לייגט זיך אַרויס ביי זייערע ביידנס פיס, ביי די פיס פון יעזוסן און דער זונה. די פּליסיקייט אינם קאָקאָנוס איז געווען פון אַזאַ פרישקייט, אַז עס האָט זיך נאָך איצט אויך געבעטן מען זאָל עס טרינקען.

און אָט זעט דן אויף אַן אַנדער בילד, ווי יעזוס שטייט ביי די בעדער פון בית־סעדא: אַלטע לייט רוען שווער אויף די מאַר־מאָרנע טרעפּ, הייִלן זיך אין די בעדער פון אַלערליי שלאַפקייטן. פויגל פליען אַרום איבערן וואַסער. פון דער ווייט זעען זיך אַהער פּלאַטשיקע, ווייסע דעכער און נידריקע, ברייטע קופּאָלן פון אַן

אָריענטאַלישער שטאָט... אַלטע לייט ווערן יונגער אין די דאָזיקע בעדער.

און נאָך אַ בילד, אַן אָוונטיקס. אַ גרויסע עדה פֿאַרצייטיקע יידן, מענער און פֿרויען מיט קינדער אויף די הענט, זענען אויסגעזעצט אויף דעם שפּיץ פֿון אַ בערגל, נישט ווייט פֿון אַן אָזערע, און אַ בלאָנדער בלייכער יעזוס טיילט אויס ברויט דער הונגעריקער, דער באַגייסטערטער עדה.

אויף אַנדערע ווענט זענען געווען אויסגעמאָלן בילדער פֿון פֿאַרצייטיקע גריכישע פֿעסטן. אָפֿענע, זייליקע מאַרמאָרנע פּאַלאַצן, ווו עלטערע פֿילאָזאָפֿן און חכמים אין ווייסע טאָגעס און מיט רייך-געקרייזלטע בערד זיצן אַרום טישן אין יום-טובדיקן באַנקעט, זופּן רויק דעם וויין פֿון קרוגן און קוקן זיך צו צו אַ טאַנץ, וועלכן יונגע קיילעכדיק-גלידערדיקע פֿרויען האָבן פֿאַר זיי איצט אויסגעבויגן מיט די אָרעמס. נידריקע, לאַכנדיקע מענטשעלעך מיט ציגענע בערדלעך און הערנער, באַהאָרטע און פֿאַרוואַקסענע ברואימלעך יאָגן זיך אין וועלדער נאָך בלייכע, נאַקעטע מיידלעך און פֿייפֿן אין פֿייפֿעלעך, אויסגעהוילטע פֿון צווייגן-לאָזעס.

ז

די פֿיר מאַנסבילן האָבן זיך צעלייגט אויף די געבעטע לאַנגע בענק ביי די זייטן ווענט, באַדעקטע מיט האַנט-געוועבטע פֿויערשע טעפּיכער און אַלערליי-פֿאַרביקע קישעלעך.

יעדער פֿון זיי איז געווען פֿאַרטיפֿט און פֿאַרוויקלט אין אַ רויטן הייסן וואָלקן. זייערע מוחות זענען געווען פֿאַרנעפּלט, און זיי האָבן נישט געהערט, ווי עס זענען אַרונטערגעלאָפֿן די דריי שוועסטער. אין דינע, קליינינקע שיכעלעך, אין קורצע, זיידענע בלויע אונטערהעמדלעך, וואָס האָבן זיי דערגרייכט בלויז ביז צו די קני. לייכט אַזוי, שוועבנדיק אויף די שפּיץ פֿינגער, זענען זיי צו צו די געלעגערס ביי די ווענט, און זיך אַנידערגעזעצט לעבן די מענער.

אַזוי שטיל איז עס געטון געוואָרן, כמעט אָן ווערטער, בלויז מיט שטילע האַלב-קלאַנגען, מיט אָפּגעהאַקטע, ציטערנדיקע אויסלאַכונגען.

די וועקסענע ליכט האָבן אַלע ווײַלע אױפגעטרעשטשעט און אַרױסגעלאָזן פֿון זיך אַ זיסלעכן פּאַרפֿום, װי פֿון װאַקס און האָניק. עס האָט געטשאַדעט און פֿאַרדרײט דעם קאָפּ.

מיט פֿונאַנדערגענומענע, נישט־באַװיליגנדיקע אױגן, האָט דן עס אַלץ צוגעקוקט.

לעבן אים איז קײנער נישט געזעסן, און גאָרנישט האָט אים דעריבער איצט געשטערט צו באַטראַכטן דאָס, װאָס ס׳איז פֿאָרגעקומען אַרום אים.

קודראָװ, אַ טונקעלער און אַ באַװאַקסענער, האָט געהאַלטן בײַ זיך אױפֿן געלעגער אסתּרן, האָט געגלעט אירע נאַקעטע פֿיס, גע-קנײפּט און געקנאָטן אירע קני. זי האָט אים געפּאַטשט איבער די הענט און זיך געװוּרט. אין דעם װײַטסטן װינקל פֿונם חדר איז געזעסן מאָנאַט. פֿון דאָרט זענען איצט אַרױסגעקומען שטילע רײד. אַ בלײכער, נאַקעטער אָרעם האָט זיך דאָרט באַװעגט און געהױבן אין דער טונקעלער הױך, װי צו עפּעס אַ טאַנץ. אױפֿן ענד פֿונם אָרעם, אין די שפּיץ-פֿינגער, האָבן זיך געלױכטן שטראַלנדיקע רעדע־לעך פֿון אַן אַנאַנאַס.

— אַן אַנאַנאַס!

דן האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן יענעם טאָג, װען ראַיע איז פֿאַר אים געשטאַנען אױך אָט אַזױ, אַ זיך־רײצנדיקע, מיט פּע-נעצלעך אַנאַנאַס אױף אַ טעלערל אין דער האַנט.

גאָס, װעלכער איז געזעסן אױף אַ דריטער באַנק, האָט באַלד אַרױסגענומען זײַן פּײַפּעלע און אָנגעהױבן אַרױסבלאָזן פֿון אים די מאָדנעסטע, די הומאָריסטישסטע, די קיצלדיקסטע טענער. צום טאָן פֿונם דאָזיקן פּײַפן האָט אָ ד ר י האַלב-ליגנדיקערהײט זיך אָנגעהױבן קנױלן אױף איר געלעגער און זיך פֿונאַנדערנעמען, װי אַ שלאַנג־בײַגל, אױסצײַכנענדיק אין דער לופֿט מיט אירע אָרעמס לאַנגזאַמע, בױגיקע ליניען און פֿיגורן, װאָס האָבן אױסגעזען, װי קלײנע לעבע־דיקע היהלעך.

אין שטוב איז געשטאַנען אַ רױטלעכער, געװירצטער נעפּל. רױטע און בלױע לײַלעכער האָבן זיך געװיגט אין דער לופֿט.

דן האָט נישט געפֿילט, װי לאַנג ער איז אַזױ געזעסן. ס׳האָט

אָבער אוודאי געמוזט זײַן לאַנג: די ליכט האָבן שוין אָנגעהויבן דער־ברענען צום סוף. זיי פלעגן איצט אַלע ווײַלע אויפשפּריצן מיט אַ רעגנבויגן פון פיל־קאָלירטע פײַער־פונקען. זיי האָבן אים דערמאָנט אָן היימישע, שפּעטע פרײַטאָג־צו־נאַכטן, ווען די אויסגייענדיקע שבת־ליכט פלאַקערן צום העלסטן אויף פאַרן לעצטן אויסלעשן זיך און ברענגען מיט זיך מחשבות פון טויט.

— סייווי... אַלץ שטאַרבט און פאַרגייט... הײַנט צוליב וואָס?

ווען דאָס לעצטע ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן, און אין שטוב איז געוואָרן מאָדנע שטיל, האָט ער זיך גלײַך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. ער האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן איצט אויף קיינעם מיט זײַן בלייכן, מיט זײַן מוסרנדיקן פנים. ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אונטער אַ הויכן אַקאַציע־בוים, ווו די ווײַסע גרויסע בלומען האָבן איצט געשמעקט זיס, ווי האָניק.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. דער קאָפּ האָט בײַ אים געברענט. אַ גרויסע אומרויִקייט איז אים באַפאַלן.

— גאָט, גאָט! וואָס קומט דאָ פאָר מיט אים? עפּעס פאַלט אין אים איצט פונאַנדער...

רויטע לײַלעכער האָבן זיך געדיכטער געוויקלט אין אים און אַרום אים.

מיטאַמאָל האָט ער דערזען פאַר זיך אַ באַקאַנטע געשטאַלט, וואָס גייט אַרויס אַ נאַקעטע, נאָכן באָדן זיך, פונם ים־פלעק צווישן די בוימער אַרויס. אָ, דאָס איז נישט געווען קיינע פון די דרײַ שוועס־טער — דאָס איז גאָר געווען ראַיע... שאַ...

...און וואָס טוט זי איצט? פאַרוואָס האָט ער עס אויף זיך גענומען צו זײַן אַזאַ ריינער? צוליב וועמען האַלט ער עס אויף זײַן ריינקייט? צוליב זײַן גלויבן? צוליב זײַן גלויבן אין דעם, אַז ריינקייט, סתּם־ריינקייט, דאַרף אויפגעהאַלטן ווערן אויף דער וועלט? איז ער זיכער, אַז ער טוט עס נישט אָפּטמאָל גאָר פון גאווה, — דערפאַר, וואָס ער וויל זיך האַלטן העכער פון אַלעמען? אָבער אויב דאָס איז עס דער מאָטיוו פון זײַן ריין־האַלטן זיך — מיט וואָס איז ער עס בעסער פאַר אַנ־דערע? ווײַל הייסט עס דאָך, אַז אין דער אמתן, ווען נישט זײַן שכל, וועלכער האַלט אים אָפּ דערפון, וואָלט ער דאָך יאָ געזינדיקט!

אָט ברענען דאָך אין אים איצט אַלערליי זינדיקע פֿאַרלאַנגען. איז מאָנאַט אפשר נישט גערעכט? איז דאָס נישט אַלץ איינס, ווי ער וואָלט געזינדיקט? נישטאָ קיין זינד, נישטאָ... אַ זינד איז בלויז, ווען אַן אומבאַפֿרידיקטער פֿאַרלאַנג עגבערט אין קאָפּ, בויערט ווי אַ שאַרף־שנאָבלדיקער הונגעריקער בייזער פֿויגל, וועלכער וויל מען זאָל אים באַפֿרידיקן...

עס האָט אים אָנגעהויבן וואַרפֿן פֿון קעלט אין היץ, פֿון פֿייער־פֿלאַכטע צו אייז־פֿלאַכטע. פֿונם וועלדל, פֿונם תאווהדיקן פֿאַרנאַכט, פֿונם רוי־שמעקעדיקן ים, פֿון די טונקעלע, אָפֿענע פֿענסטער פֿונם הייזל, זענען אויף אים אָנגעשווומען איצט אַלערליי טונקעלע, תאווה־דיקע זעונגען. פֿון רויטע ברענענדיקע שלייערן האָבן זיך אַלץ נאָכאַנאַנד אַרויסגעוויקלט די געשטאַלטן פֿון ר אַ י ע און א ל ע ק ס — צוזאַמען...

כאַ, וואָס פֿאַר אַן איינגעשפּאַרטע, צעקראָכן־לירישע, יינגליש־סענטימענטאַלע געדאַנקען ער האָט עס געהאַט די גאַנצע צייט וועגן איר און וועגן דעם, ווי אַזוי זי איז אַריינגעפֿאַלן צו אַלעקסן אין די הענט... זי איז דאָך אוודאי סוף כּל סוף מער נישט, ווי אַ פּשוטע אַוואַנטוריסטקע, וועלכע וויל, אַז נאָך אַ פּאָר מאַנסבילישע הערצער זאָלן זיך צאַפּלען און פֿאַרפּלאָנטערן אין די דינע זיידן־שפּינוועבסדיקע פּעדעמלעך, וואָס האָבן זיך, פֿון איר אומגעזען, אַרויסגעשפּונען אין דער לופֿט אַרום איר!...

וואָס פֿאַר אַ האַפֿט האָבן אירע ליבע־ווערטער? אַז זי איז אַ פּשוטע אַוואַנטוריסטקע, וועלכע וויל אויספּרובירן אַ ל ע סאָרטן ליבעס־פֿאַרהעלטענישן, — אָפֿענע און חתונה־געהאַטע, לינקע און באַהאַלטענע, — ראָמאַנטישע... אַזאַ אויפֿפֿירונג מוז באַשטראָפֿט ווערן! ערגעץ אין דער האַרמאָניע פֿון דער וועלט איז דורך דעם געוואָרן אַ פּגימה, און זי מוז מתוקן ווערן! און דן האָט געפֿילט, אַז ער האָט אויף זיך דעם חוב דאָס דורכצופֿירן.

דער אָוונט איז געוואָרן טונקעלער. דער ווינד פֿונם סטייטען־איילענד סאונד האָט געבלאָזן ברייטער, דורכנעמענדיקער, פֿייכטער. און פֿאַר די אויגן האָט זיך אַלץ געשפּרייט אַ ים א ליכטיקער, און ווייטע וואַסערן, און נאָך ווייטערע לענדער, — אַ וועלט אַ ליכטיקע,

אַן אייגגעאָרדנטע, מיט איר סדר... דער מענטש זאָל אויך נישט זיין קיין כאַאָס פון צופֿעלן קייטן!

זיין פרומע, זיין יידישע נאַטור האָט נישט געקאָנט באַגעמען דעם געדאַנק, אַז אַ מענטש זאָל זיך „אַזוי" אויפפירן... איז גאָרנישט דאָ, גאָרנישט — איז אַלץ מותר? און די וועלט איז נישט אַ פעסט־איינגעשטעלטע זאַך, מיט „מעגן" און „טאָר־נישטס", מיט ריין און אומריין, מיט ריכטיק און נישט־ריכטיק, מיט אמת און פאַלש? איז דאָס אַלץ אויסגעטראַכט? איז אַלץ — די גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט די מענטשן — פליִיציק, זיך־בייטנדיק, תמיד אומבאַשטימט און תמיד אומבאַשטענדיק? זאָל יעדער איינער אָפּלאָזן די לייצעס, נאָכגעבן זיין מינדסטן פאַרלאַנג, זיין קלענסטן באַגער, זיך לאָזן טראָגן אין דער וועלט פון געפילן, ווי אַ שטויבעלע, — וואוהין־זשע וועט עס סוף כל סוף פירן? מיט וואָס־זשע איז דער מענטש בעסער פון דער חיה? און אויב ער איז נישט בעסער, היינט צוליב וואָס אַלע באַמיִונגען? צוליב וואָס לוינט זיך עס אַלץ?

— ניין. אַזוי קאָן עס נישט זיין. אַזאַ וועלט קאָן נישט דויערן. מען וואָלט געדאַרפט פאַרניכטן אַזאַ וועלט.

פייערדיקע האַמערס האָבן אים אָנגעהויבן קלאַפּן אין די שלייפן. ער האָט דערפילט, אַז ער שטייט איצט פאַר אַ תהום — און עס ציט אים אַהין מיט אַ מאָדנער, מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט: זאָל ער אַריין, אָדער זאָל ער נישט אַריין?

ווי אַן אונטערגעשאָסענער, איז ער מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען פון אונטער די ביימער, וווּ ער איז געלעגן און צוגעלאָפן צום פענסטער.

די פענסטער זענען אַלץ געווען אָפן. דן האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין איינער אַ פענסטער־עפענונג. דאָרט איז איצט, ווייזט אויס, קיינער נישט געווען. שטיל. קיין שאָרך. די ליכט האָבן שוין מער נישט געברענט. ער האָט זיך טיפער איינגעקוקט.

נאָר אַז זיינע אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו דער פינסטערניש, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט:

דריי מענער שטייען איצט אויף פון די בענק. זיי טראָגן יעדער אויף זיינע אָרעמס כמעט־נאַקעטע מיידלעך, טראָגן זיי לייכט

אזוי און גרינג, טראָגן זיי מיט איינגעזאַלטענעם אָטעם און פייער־לעך, פונקט ווי כהנים, וואָס טראָגן יונגע לעמער צום מזבח. זיי זענען אַלע גלייך פאַרשוווּנדן דורך דער טיר, וואָס האָט געפירט אין דער הויך, צום צווייטן שטאָק, צו די שלאָפצימערן.

אין דעם חדר איז בלויז געבליבן די שווייגנדיקע טונקלקייט, ווו עס האָבן זיך קוים געבלייכט די גלאַנציקע אָלעאָגראַפיעס פון די קירכן־בילדער.

מיט אונטערגעהאַקטע פיס, אַן אונטערגעקאָסעטער, איז דן אַוועק פון פענסטער און זיך קוים צוגעשלעפט צו זיין פלאַץ אונ־טערן בוים.

ער איז אַנידערגעפאַלן מיטן פנים צו דער ערד. ר'האָט אָנגע־הויבן מיט קראַמפהאַפטע פינגער צו צופן, בייסן און רייסן די נאָ־ענטע גראָזן און די בלעטלעך. מיט די ציינער, אַרום וועלכע ס'האָט זיך געשפרייט אַ דינער, קלעפיקער און גרוי־ווייסלעכער שוים, האָט ער זיך איינגעביסן אין דער ערד. זיין בלוט, זיין גאַנצער גוף, האָט איצט שווייגנדיק געשריגן:

— ערד! ערד! ערד!

טיפער, מיט די הענט און פיס, האָט ער זיך אין איר אַלץ געגראָבן, אין דער פייכטער קילקייט פון דער ערד, ווי וועלנדיק זיך באַהעפטן מיט דער ערד, אין איר פאַרשווינדן, און דערנאָך צו־ריק פון איר אַרויסוואַקסן אַן אַנדערער, אַ נייער, — אַ באַנייטער, ווי אַ בוים אין פרילינג — אַ לעבעדיקער, נישט־טראַכטנדיקער בוים...

ער האָט נישט געפילט, ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן. דער ווינט פון ים האָט געבלאָזן שאַרפער און שטעכעדיקער. קליינע פלי־געלעך און מוקן זענען אים באַפאַלן און געביסן. שלענגעלעך און יאַשטשעריצעס, געפלעקטע און באַמאָלענע מיט די סימעטרישסטע אוי־זאָרן, האָבן זיך פאַמעלעך געררוקט איבער דער ערד, זיך אָנגעשלאָגן אָן אים, אויפגעהויבן די פלאַטשיקע, דינע קעפלעך, אַרויסגעשטעקט די לופטיקע, דינינקע צינגעלעך, ווי פלעמלעך, גרייט געווען צו בייסן. נאָר אַזוי ווי דן איז געלעגן שטיל, האָבן זיי אים אָנגענומען

פאר אַ קלאָץ, פאר אַן אונטערגעהאַקטן בוים, זיך צונויפגעקאָרטשעט און ווייטער געפּויזעט זייער וועג.

ח

פונם פאַרנעפּלטן דרימל — ער האָט נישט געפילט, ווי לאַנג ער האָט זיך אין דעם געפונען — האָט ער זיך אויפגעכאַפּט דורכן בידעריקן ברומען פון אַן אָרגל, וואָס האָט זיך פון די אָפענע פענ־סטער אַהער געטראָגן.

ער האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח און זיך אויפגעהויבן. ער איז צו צום פענסטער. אין שטוב איז שוין איצט געווען ליכטיק. קעראָסין־לאָמפּן זענען דאָרט געווען אָנגעצונדן. אַלע זענען איצט געווען דאָ. די דריי שוועסטער זענען ווידער געווען אָנגעטון אין באַשיידענע קאָסטיומען, אין שוואַרצע קליידלעך און ווייסע קאַפּטלעך, מיט הויכע, אויפגעשטעלטע קאָלנערס און לאַנגע אַרבל.

אסתּר האָט געשפּילט אויף אַ פוס־אָרגל. פון אירע ביידע זייטן זענען געשטאַנען אָדרי און קלאָד. און אַלע דריי האָבן געזונגען עפּעס אַזעלכע מעלאָדיעס, וואָס זענען געווען ענלעך אויף קירכן־לידער. מאַנאַט, גאָס און קודראָוו זענען לייטיש געזעסן אויף די געוואַנט־באַצויגענע קלעצלעך, געהאַלטן די היט אין די הענט, די קעפּ אַרונטערגעלאָזן, און די פּנימער — שטיל־פרום.

געפלאָכטענע קערבלעך פּרוכטן זענען געשטאַנען אויף דער ערד.

שטיל־אויסגעצויגן, ווי אַ פאַסטוכס פייפל אין אַן אויסגעוואַקסע־נעם זומערדיקן פרימאָרגן אין פעלד, האָבן זיך געהערט די דינע, ווייכע אַקאָרדן פון טשעלעסטע און מעלאָדיאַ. פאַטעטיש־רירנ־דיק, ווי אַ תּפילה־טוענדיק מענטשלעך קול, וואָס ציטערט פון באַ־האַלטענעם אינערלעכן געפיל און פאַרלאַנג נאָך סליחה, האָבן זיך געצויגן די אַקאָרדן פון וואָקס הומאַנאַ. און באַלד זענען אָנגעקומען צעשטורעמט די דונערדיקע, שטראָפנדיקע און מוסרנדיקע אַקאָרדן פונם דיאַפאַזאָן און קאָר אַנגלעיז. און דערנאָך ווידער וואָרנדיקע, לויטערע קלאַנגען — ווי פון אַ שופר אין אַ נביאס מויל אויף אַ הויכן באַרג, ריין, לופטיק, קיל — די קלאַנגען פון דעם האָרן. אַלץ, אַלץ, אַלץ, אַלע מענטשלעכע געפילן, אַלע נאָכאַנאַנדי־

קע און ווידעראַנאַנדיקע געפילן פון זינד און חרטה זענען געווען איינגעשפּאַרט אינם דאָזיקן קליינעם פוס־אָרגל. און די דריי שוועסטער האָבן פרום געזונגען:

Once more' tis eventide, and we
Oppressed with various ills, draw near,
What if thy form we cannot see? –
We know and feel that Thou art here.

ט

זיי זענען שוין אַלע געווען גרייט צו גיין אַהיים. ס'איז שוין געווען שפּעטלעך. די פּאַרענטשעס פון דער וועראַנדע זענען געווען נאַס פונם נאַכט־טוי. דאָס וואַסער אינם ים האָט שוין געהאַלטן אין אַפּפאַלן.

מען האָט זיך געדאַרפט איילן, ווייל שפּעטער אַביסל וועט זיין גאָר שווער צו פאָרן מיטן שיפל אַהיים: דאָס אָפּפאַלנדיקע וואַסער וועט עס ציען מיט זיך צוריק אין די וויטענישן פונם ים אַרויס.

גאָס איז אַוועקגעגאַנגען אָפּבינדן דאָס שיפל. קודראַוו, דן און מאָנאַט זענען דערווייל געשטאַנען אויף דעם נידעריקסטן טרעפּל פון דער וועראַנדע, די היטלען אין די הענט. די דריי שוועסטער — מיט עטלעכע טרעפּלעך העכער, איבער זיי. נאָך אַ ווײלע אומבאַהאָלפענעם און לעקישעוואַטן שווייגן, האָט זיך דערהערט אסתרס שטים פון דער טונקלקייט.

— איר זענט דאָך יידן, ניין?

זיי האָבן זיך נאַריש פונאַנדערגעשמייכלט. איינער האָט דעם צווייטן אָנגעקוקט, וואַרטנדיק, אַז יענער זאָל ענטפערן. מאָנאַט האָט זיך שפּעטער אַרום געוווּנדערט אויף זיך, וואָס ער האָט אויך געשוויגן.

אסתר האָט קיין ענטפער אויף איר פראַגע נישט געקראָגן, און באַלד האָט זי, די עלטסטע, די רויקסטע פון די דריי שוועסטער, כמעט מוטערלעך געזעגנט פון דער טונקלקייט אַרויס, — גערעדט ווי אַ העלזעריין, ווי אַ וואַרזאָגערין.

צוערשט האָט זי זיך געווענדט צו מאָנאַטן:

— איר — איך ווייס נישט ווי מען רופט אייך — איר זענט אַן
עלטערער בחור, וואָס פלייסט זיך צו ווערן יונג... איר זענט פון
די יעניקע אַלטע בחורים, וואָס הויבן זיך אָן לערנען טאַנצן אויף
דער עלטער, ווען ס'פּאַסט שוין נישט פאַר זיי: אַזעלכע אַלטע בחורים
דערוועקן ביי מיר געוויינלעך אַ רחמנות, און דעריבער אויך אַ מיאוס־
קייט-געפיל. אין אייך איז עס אָבער נישט מיאוס — פאַרקערט: איי־
ער קלוגשאַפט איז מכפר אויף אייער פאַרשפּעטיקטע ליידנשאַפטן...
איך האָב ליב צו זען, ווי איר שמייכלט מיט אַן איידעלן שמייכל,
בשעת איר זינדיקט. און כ'וואָלט אייך געוואָלט נאָכאַמאָל זען — מיט־
יאָרן שפּעטער...
דעמאָלט, פאַרבייגייענדיק קודראָוון, האָט זי זיך געווענדט צו
דנען:
— און איר זענט נאָך אַלץ אַ יונג בחורל, וועלכער פלייסט זיך
צו זיין אָן אַ שיעור עלטער, ווי ער איז... ס'איז אַ שרעק, ווי איר
ציט אויף זיך מיט געוואַלט די עלטער... אַמאָל איז עס באַריש, און
אַמאָל איז עס ייִנגליש-ליב, — ס'ועט דאָך סוף־כל־סוף אַריבער... נאָר
אַז איך קוק אָבער איצט אַביסל מער אויף אייך, זע איך, אַז איר
זענט אפשר אין דער אמתן צו אַלט פאַר אַ יונגנמאַן אין אייערע
יאָרן... אויך זענט איר מיר צו פרום, — פון אייער פרומקייט וועלן
אָן אַ שיעור ליידן אי איר, אי אַנדערע... נאָר אַנטשולדיקט: כ'וויל
אייך נישט מוסרן. כאָטש איר זענט דאָך מסתמא דווקא גראַד פון
יענע, וואָס האָבן יאָ ליב צו מוסרן אַנדערע, — זיי פילן זיך זייער
ראוי דערצו: זיי האָבן דאָך אַליין נישט געזינדיקט... זיי ווייסן אָבער
נישט, אַז נישט געזינדיקט האָבן זיי מחמת יונגשאַפט, אָדער, פשוט,
ווייל זיי זענען געקריוודעט געוואָרן פון דער נאַטור און מענטשן.
און ווען זיי געפינען עס סוף־כל־סוף אויס, ווערן טאַקע די דאָזיקע
פרומע יונגעלייט זייער פאַרביטערט: ס'איז שוין צו שפּעט... און
כ'זע שוין אין אייך איצט: אומבאַוווסט פאַר אייך לויערט שוין אין
די באַהעלטענישן פון אייער לעבן אַ ליידנשאַפט, אַ בייזע, גראָבע,
חיהדיקע ליידנשאַפט, אַ שלעכטקייט און אַ תאווה, — וואָס קאָן אייך
יעדע מינוט פאַרשיכורן און פאַרכליניען. אפשר אַנטלויפט איר שוין
באַצייטנס פון דעם, ראַטעווענדיק זיך, פאַרגראָבנדיק זיך פון איר

אין פרומקייט... איר וועט אָבער טייער צאָלן דערפאַר, ווען די איצט נאָך־באַהאַלטענע תאווה וועט זיך אין אייך סוף־כל־סוף שטאַרקן. אָ, זי וועט אייך ציִען און ציִען, די דאָזיקע תאווה,—פון גרויס שרעק און מורא פאַר איר וועט איר נאָכאַמאָל אומשטאַנד זיין צו דער־הרגענען אַ מענטשן...

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן איילן אַהיים. גאָס האָט פונם ברעג ים צו זיי געשריגן.

אינם שיפל האָבן זיי איצט אַלע איינצייטיק געמוזט רודערן, צו צוויי אויף יעדן רודער. די כוואַליעס פונם וואַסער־אָפּקום האָבן זיי קרעפטיק געצויגן אינם ים אַרויס. דאָס שיפל האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט אונטער די הויכע באַוואַקסענע באַרגיקע ברעגן.

אַז זיי זענען שוין געווען אין מיטן וועג, האָט דן, אַ מידער און אַ צעטומלטער פון באַאומרויִקנדיקע געדאַנקען און פאַרלאַנגען, אויפגעהויבן מיד זיינע אויגן אויפן הויכן ברעג. ער האָט דערזען: אין דער קירך אויפן באַרג זענען די טויערן געווען איצט ברייט פונאַנדערגעעפנט. אַ שטיל געזאַנג האָט זיך פון דאָרט געטראָגן, אַהער אַרונטער, צו די אָוונטיקע ים־וואַסערן, אַ קירך־געזאַנג. אַ סך ליכט האָבן דאָרט אינם קאַטוילישן קלויסטער געברענט איצט און געשפּיגלט זיך מיט זייערע פלעכלעך דאָ אינם ים.

— דאָרט איז היינט אָוונט אַ חתונה — האָט גאָס אַלעמען גע־לאָזט וויסן. ער האָט דערביי אַ שמייכל געטון, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרהוילן פאַר זיך. אַ רויִקער, האָט ער ווייטער גערודערט.

VI

א

דאָס פאַרבן פון מר. ליסליס רעזידענץ־הויז האָט זיך גענענ־
טערט צום סוף. דער זומער אויך.

דאָס הויז מיט זיינע דריי גאָרנס און צוויי ווינקל־טורעמס,
די שטאַלן, דער גאַראַזש, די וועשעריי און דער גלעזערן־וואַנטיקער ווינ־
טער־גאָרטן זענען שוין באַדעקט געוואָרן מיט עטלעכע שיכטן פאַר־
שידנקאָלירטער פאַרב.

דאָס פאַרבן פונם טייל פאַסאַד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום
ים אַרויס, האָט דנען פאַרשאַפט גרויסע שוועריקייטן. נאָך איידער די
אַרויפגעלייגטע פאַרב האָט זיך אויסגעטריקנט, זענען שוין פון אַלע
זייטן, פון די ווייטע זומפּיקע געגנטן, וואָס האָבן זיך געפונען אינם
מיטן סטייטען־אינזל, געקומען צופליען אומצייליקע מוקן און אינ־
סעקטן. אין טויזנטער און טויזנטער זענען זיי געקומען צופליען,
טאַנצנדיק און דרייענדיק זיך אין דער לופט אין אַ גרויסן פאַרן־
טויט יום־טוב. דער טערפּענטין פון דער פאַרב האָט זיי פון דער־
ווייטנס פאַרשיכּורט. די לעצטע מינוטן פון זייערע לעבנס האָבן זיי
מיט האַלב־פאַרטויבטע חושים אויסגעטאַנצט. און לסוף דורכאויס באַ־
פינטלט די פריש־געפאַרבטע זיילן, שטאַלעטן און ווענט מיט טויזנטער
טויטע קערפּערלעך. ס'פלעגט אויסקומען עטלעכע מאָל פון דאָס ניי
איבערפאַרבן.

ס'איז אָבער געווען ווײַל און גוט צו פֿאַרבן דאָ, אין דער
אָפֿענער לופֿט, קעגן די רוי-געזאַלצענע ווינטן פֿון ים.
טעג פֿאַרשטיקטע האָבן זיך נאָך דנען אויסגעשטעלט אין זכרון,
טעג און חדשים אומצײַליקע, ווען ער פֿלעגט אַרבעטן צו צען שעה
אַ טאָג און מער אין קלײנינקע, טונקעלע חדרימלעך פֿון ערגעץ אַן
ענגער איסט-סײַדער ווױנונג, אָדער אין די פֿאַרוועמטע אומציכטיקע
לעכער פֿון אָרעמע אירלענדער ערגעץ אויף אַמסטערדאַם עוועניו,
אַרום די הונדערט און דרײַסיקסטע גאַסן. דאָס פּרעגלען פֿון דעם
חזיר-שמאַלץ אויף די פֿעטע סקאַווראָדעס, געדיכט באַדעקטע מיט אַ
שיכט פֿון פֿעטער פֿאַרזשאַווערטקייט, דער בענזין, וואָס פֿלעגט זיך
אויסדעמפֿן, ווען מען פֿלעגט פֿאַרבן די הייסע וואַסער-רערן, די
וואַנצן און פּרייסן און שטובּיקע ווערעם, וואָס פֿלעגן פֿון די ווענט-
שפּאַלטן אַרויסגעטריבן ווערן דורכן שאַרפֿן פֿאַרב-ריח.
ער איז אַזוי געשטאַנען איצט אויף דער וועראַנדע פֿונם דריטן
אויבערשטן גאָרן פֿון ליסליס הויז און געמישט פֿאַרבן. ער האָט
נאָכאַנאַנד געמישט און געפּרובירט ווײַס, און געברענטע סיענאַ, און
רויע אָמבער, און פּרייסישן בלוי, און לאָמפּן-שוואַרץ, און אולטראַ-
מאַרין בלוי, און געלע אָקרע. ער האָט זיך גאָר פֿאַרגעסן, וואָס
פֿאַר אַ קאָליר ער האָט געוואָלט איצט אַרויסקריגן, האָט צונויפֿגע-
מישט איין מישעכץ מיט דער צווייטער און פֿרײדיק געלאַכט פֿאַר
זיך ביים אָנבליק פֿון די אומדערוואַרטעטע שאַטירונגען און ניואַנסן,
וואָס אים איז געלונגען אַרויסצוקריגן ביים מישן די פֿילע פֿאַרבן.
מיטאַמאָל איז דער ווינט פֿון ים געוואָרן שטאַרקער און האָט
דנען אַרונטערגעריסן פֿון קאָפּ דאָס ווײַסע מולער-היטעלע.
ער האָט זיך אויסגעדרייט. דאָס היטעלע איז שוין אין אַ מינוט
אַרום געווען אונטערן באַרג, אויפֿן ים-ברעג. דנס בליקן האָבן עס
נאָכגעפֿאָלגט.
דער ים האָט זיך פֿאַר אים געשפּרייט, די קלאָרע לופֿט פֿונם
קילן טאָג האָט געלאָזט אים זען דעם צווייטן קעגנאיבערדיקן אויס-
גוס ברעג מיט די ווײַטע שטעט פֿונם ניו-דזשערזי ברעג, ווי פֿון אַ
חלום-לאַנד אַרויס.

לעצטנס האָט דן געקראָגן אַ סך בריוולעך פון ראַיען, בריוו־לעך פול מיט וואַרעמע, האַרציקע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלייענט, ווי אַ געזאַנג.

„מיין יונגער ראָזעווער לייב וואַרט אויף דיר, דן. מיין יונגער ראָזעווער לייב, וואָס איז אַזוי איידל און דורכזיכטיק־קלאָר. קום צופאָרן.

„הערסט, דן. איינער אַ מאַן האָט מיך אַמאָל באַשווירן, כ׳זאָל מיך אים איבערגעבן, ווייל ער האָט מיך ליב ביז צום טויט, האָט מיך ליב פאַרפאַלענערהייט, ווי אַ שווינדזוכטיקער האָט ליב דאָס לעבן. אָט אַזוי, מיט אָט די ווערטער, האָט ער עס מיר געזאָגט! כ׳האָב אים אויף דעם דעמאָלט געענטפערט: גוט, כ׳וועל עס טון. כ׳וועל מיך אים איבערגעבן. אָבער מיט איין באַדינג: נאָכדעם ווי איך וועל זיך אים איבערגעבן, זאָל ער באַגיין זעלבסטמאָרד...

„איז ווייסטו וואָס ער האָט געטון? ער האָט מיר גלייך אויף דעם נישט געענטפערט. ער וועט זיך איבערלייגן, האָט ער מיר געזאָגט. אָבער מער האָב איך אים שוין נישט געזען. מער נישט: אין אַ חודש אַרום האָב איך געהערט, אַז ער האָט חתונה געהאַט. כאַ־כאַ־כאַ... קום, דן, מיין איינציקער, מיין ראָזעווער לייב וואַרט אויף דיר".

דן האָט זיך באַמיט צו פאַרשטויסן פון זיך די רייצנדיקע ווערטער אירע. ס׳האָט אין אים אויסגעוואַקסן איצט ביים געדאַנק, אַז ער פאָרט אינגיכן אַוועק ווייט, ווייט פון ניו־יאָרק, איצט, אַז ער ווייס, אַז זי האָט אים אַזוי ליב, וועט ער זיך מיט איר ערשט אָפּרעכענען.

— נקמה! נקמה!

ער איז איצט סך־הכל אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק, נאָך גאָר יונג אין דערפאַרונגען, אָבער מיט אַן אַלטן שכל, מיט אַ שטענדיקן, פּיקסירטן קוק אויפן לעבן, וואָס איז, אַפּנים, געווען איינגעפלאַנצט אין אים דורך דורות און דורות. זיין יונגשאַפט האָט דן פאַרבראַכט אין אָרעמקייט, אין דחקות און אין אָפּגעזונדערטקייט. קיינמאָל נישט קריגנדיק דאָס, נאָך וואָס זיינע פאַרלאַנגען און פאַנטאַזיע האָבן גע־דורשט; צוליב זיין סענסיטיווער, שטאָלצער נאַטור, נישט וועלנדיק זיך צופרידנשטעלן מיט די ברעקלעך, וואָס ער האָט יאָ געקאָנט

קריגן, — האָט ער דעריבער געלעבט אין אָפּגעזונדערטקייט: אין אָט דער אָפּגעזונדערטקייט איז ער געווען רייך, געווען אַ קעניג, אַ הערשער...

אין אָט דער אָרעמער אָפּגעזונדערטקייט האָט ער עס אויך אויסגעאַרבעט זיין פאָרשטעלונג פון אַ מוסטער־לעבן, אַ לעבן פון ריינקייט און פרישות, אַ האַרמאָניש לעבן, אַ לעבן איינגעאָרדנט לויט לאָגישע כּללים, אַ לעבן אין ריכטיקע ראַמען, אַ לעבן, — קלאָר, רויק און איינטאָניק, ווי אַ ווינטער־טאָג אין אַ קליין שטעטל... די פרוי מיט אירע קאַפּריזנע ענדערונגען און איר אייביקער „אומערלעכקייט" איז אים געווען אַ פּרעמד, אַ פיינטלעך.

אַ געפיל פון ווילדקייט און פרייקייט האָט אים איצט אַרומגעכאַפּט, ווען ער האָט דערזען פון דער הויך אויף דער וועראַנדע, ווו ער איז געשטאַנען, די וועלט אַרום, — דעם ים, די בערג און טאָלן, די ווייטע דערפער און אייזנבאַן־סטאַציעס איבערן אינזל, די בלישטשענדיקע טורעמס און שפּיצן פון פּאַלאַצן און קירכן. ער האָט געהאַט אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד פונם „לעבן", כאָטש ער אַליין האָט עס נאָך גאָרנישט געלעבט: ער האָט הנאה געהאַט פונם לעבנס בלויזן אויסזען.

ב

מיטאָג־צייט זענען דן און קודראָוו געלעגן אויפן גראָז, אויף דער ווייכער לאַנגע אונטער די הינטערשטע הויז־פענסטער. זיי האָבן נישט געהאַט פון וואָס צו רעדן און זיי האָבן אַ שטיק צייט געשוויגן אין דער זון.

— איר פאַרבט?

די שטים, אַ לויטערע קאָנטראַלטאָ, איז געקומען פון ערגעץ הינטער זיי. זיי האָבן זיך ביידע גלייכצייטיק אומגעדרייט, אַביסל דערשראָקן פון דער אומדערוואַרטעטקייט. דורכן פענסטער, הינטער וועלכן זיי זענען ביידע געזעסן, האָט אַרויסגעקוקט די אויבערשטע העלפט פון דער יונגער הויכער פיגור פון מר. ליסליס טאָכטער בעריעניס, איר עטוואָס־מאַנסבילשער פּנים מיט די בלאָנדע וואַנסעלעך איבער די דיקלעכע ליפּן, און די גרויסע גרויע אויגן. דאָס איז

געווען די זעלביקע יונגע פרוי, וועלכע דן האָט אָנגעטראָפן יענעם שבת מיט עטלעכע וואָכן צוריק, ווען זי איז אָנגעקומען מיט אַן אויטאָמאָביל ז.ויפן זאַמדיקן וועג, בשעת דן האָט זיך צוריקגעקערט פון דער פּאָסט.

דן האָט זי שוין אַ סך מאָל געהאַט געזען דורכגיין דאָ דורכן הויף מיט אַ גרויסער שער אין האַנט, פאַרריכטנדיק די פילע בלומען־בייטן פאַרן הויז, אַרומשניידנדיק די קוסטעס פון „קאַליפאָרניע־פּריוועט", וועלכע האָבן אַרומגערינגלט, ווי אַ נידריקער פּלויט, די היפּשע טעני־ניס־לאַנקע. אַ געזונטע און אַן אַטלעטישע איז זי געווען, מיט אַן אויסזען פון אַ לערערין פון גימנאַסטיק און „פיזישער קולטור".

כאָטש דן האָט מיט איר קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויסגעערעדט, האָט ער דאָך שוין געהאַט אַ שטיקל פאָרשטעלונג פון איר. אין די ליידיקע, נודנע, וואָכעדיקע אָוונטן ביים ים, ווען מרס. פאַרנעל פלעגט זיך באַמיען צו אונטערהאַלטן אירע פרעמד־שטאָטיקע קוואַרטיראַנטן מיט אַלערליי היימישע רכילותן וועגן די אַרומיקע איינוווינער ביים ברעג און אין דאָרף, האָט זי דנען אויך דערציילט פאַרשידענע זאַכן וועגן בערעניסן.

יעדעס יאָר, אָנהויב זומער, קומט זי צופאָרן אַהיים פון ניו־יאָרק, ווו זי שטודירט, מאָלט, שרייבט פּאָעמען, און ווו זי פירט, בכלל, דאָס לעבן פון אַ באהעמערן". טויזנטער דאָלאַר פּטרט זי אַזוי אַוועק יעדעס יאָר דעם טאַטן אירן. זי איז די „שוואַרצע שאָף" אין דער משפּחה. איינגנטלעך, די איינציקע שאָף: קיין אַנדערע קינדער האָט דער רייכער ליסלי נישט געהאַט, און פון אָט דער בערעניס האָט ער אויך זיכער קיין גרויס נחת נישט געהאַט. פון גרויס ווילטאָג איז זי אַוועק אויף עפּעס מאָדנע אַזעלכע וועגן, פון וועלכע אירע עלטערן האָבן קיינמאָל אפילו נישט געחלומט, האָט זיך געחברט נאָכאַנאַנד מיט פאַרדעכטיקע קאָמפּאַניאָנען, וועלכע זענען געווען פאַר איר נישט פּאַסיק לויט איר שטאַנד.

אָט אפילו איצט, ווען בערעניס האָט אָנגעהויבן רעדן מיט די מוליערס, מיט די אַרבעטער־„פאַריינערס", האָט איר מוטער, וועלכע האָט זיך געפונען אין הויז הינטער איר, אויפגעפלאַמט און געברענט זי מיט די אויגן, פאַרוואָס זי היט נישט אָפּ איר כבוד, פאַרוואָס זי

לאָזט זיך אַריין אין שמועסן מיט די אַרבעטער... נאָר די טאָכטער האָט זיך נישט ווילנדיק געמאַכט פון דעם. „פאַריינערס"*) האָבן זי פון תמיד אָן אינטערעסירט. דאָרט אין ניו־יאָרק, אינם „ווילעדזש",**) האָט זי שוין געהאַט איר דערפאַרונג, אַז די „פאַריינערס", דערהויפּט די רוסן, זענען בסך־הכּל די אינטערעסאַנטסטע מענטשן אויף דער וועלט, און יעדער דריטער רוס איז ממש אַ גאון.

דנען האָט זי שוין באַמערקט עטלעכע מאָל, אין אירע אָפטע שפּאַצירגענג איבערן הויף און ביים ברעג. אַ כאַראַקטער אַזאַ און אַ קיינעם־נישט־זעענדיקער, — אוודאי איז ער געווען אַ „פּאָעט"...

— איר פאַרבט? — האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— יאָ. — האָבן ביידע אינאיינעם געענטפערט.

— איך פאַרב אויך אַמאָל, — דאָס הייסט, נאַטירלעך, נישט דאָס זעלביקע, וואָס איר... איך מאָל. בילדער מאָל איך, קונסט־בילדער... דערהויפּט אָבער סקולפּיר איך — האָט זי מיט באַגייסטערונג איינפאָרמירט וועגן זיך די צוויי אין די פאַרשמירטע אַרבעטס־קליידער, וועלכע זענען שווייגנדיק קעגן איר געשטאַנען — איך האָב ליב צו סקולפּירן מענטשן ביי דער אַרבעט זייערע... איך האָב ליב צו באַזינגען אַרבעט אין אַלע אירע פאָרמען — אַך, בילדער פון האָרעוואַניע, פון מוסקולן־אָנשטרענגונג... אָט, למשל, אַזעלכע... — און נישט וואַרטנדיק אויף קיינעמס בקשה, האָט זי אַוועקגענומען אויף אַ ווײַלע איר האַלבע פיגור פון פענסטער־עפענונג, איז פאַרשוווּנדן, און האָט זיך גלייך ווידער באַוויזן, מיט פולע אָרעמס מיט סקולפּטור־אַרבעטן. זי האָט זיי איינס נאָך דאָס אַנדערע צוגעטראָגן צום פענסטער:

אַ בראָנזענעם נעגער מיט אַ לאָם אין האַנט, וועלכער האָט אויפגעריסן גרויסע שטיקער אספאַלט אויף אַ בריק; אַ פּלאַסטעלין־גרופּע אויף אַ הילצערנעם געשטעל, אַ נישט־פאַרטיקע אַרבעט, וואָס איז נאָך דערווייל געווען אונטערגעהאַלטן מיט דראָטן, און האָט פאָר־געשטעלט אַ גרופּע אויפגערעגטע, אויפגערייצט־וואַרטנדיקע שטרייקערס

*) אויסלענדער.

**) אַ באָהעמישער ווינקל אין ניו־יאָרק.

אויף דער וואָך; אַ באָדנדיקע יונג־פרוי, וואָס האָט געלייגט געמאָס־טענע, קלאָרע קלאַפּטער...

— באַטראַכט נאָר — בערעניס האָט אַזוי אָנגעקוואָלן פון איר אַרבעט, אַז אַ גאַנצע נעץ פון אָדערלעך בלויע זענען איר אַזש אַרויס אויפן שטערן — באַטראַכט נאָר גוט אָט די דאָזיקע ליניע... איר קוקט נאָר אָן אָט דעם נעגער — ס'אַראַ קרעפטיקע מוסקולן־באַוועגונג? ס'איז נישט קיין פשוט מענטשלעך בילד — ס'איז אַ געזאַנג אין בראָנדז!.. ס'איז אַ שטיק זון, ס'איז אַ שטראָם, הייסקייט, ס'איז דאָס פליסן פון דעם לעבן גופא פאַר אונזערע אויגן... אַז איר באַטראַכט אָט די דאָזיקע פיגור אַ ביסל לענגער, דערטראָגט זיך צו אייך אַפילו דער שווערער, שטיקנדיקער גערוך פון נעגערשן שווייס ביי דער אַרבעט...

— און אָט די גרופע שטרייקערס — האָט זי פאָרטגעזעצט מיט נישט־געשטילטער באַגייסטערונג — קוקט נאָר אָן די פנימער! וויפל שנאה, וויפל אונטערדריקטע פאַרביטערטקייט, וויפל איינגעשפּאַרטקייט, וויפל דערשלאָגנקייט און מרידה איז אויסגעדריקט אויף די דאָזיקע פנימער! מיט יעדן מוסקול זייערן זענען זיי איצט וואַכנדיק—אויפגערייצטע חיות, גרייטע די נעקסטע מינוט זיך אַרויפוואַרפן אויפן אומגעזעענעם שונא — וועלכן איר, ווען איר קוקט אויף דער גרופע אַ ביסל לענגער, שפירט פשוט ערגעץ אין דער אַרומיקייט...

דן האָט זי בייגיריק אָנגעקוקט, בשעת זי האָט אַזוי באַגייסטערט גערעדט וועגן אירע אייגענע ווערק. מעגלעך, אַז דאָס זענען טאַקע שיינע ווערק: ער, אַלנפאַלס, האָט אין דעם קיין חסרונות נישט געקאָנט געפינען. אָבער זיינע מחשבות האָבן זיך איצט גאָר באַזונדערס פון אירע באַגייסטערטע רייד, און אין אַן אַנדער וועג געוועבט.

— וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען די אַרבעטער ביי איר פאָטער אויף דער פאַבריק גייען אַרויס אין אַ שטרייק און קלויבן אויס אַ שטרייקער־וואָך ביי דער פאַבריק... וואָלט זי דעמאָלט אויך געווען באַגייסטערט פון זיי?

ער האָט זיך געוווּנדערט, פונוואַנען ביי אים האָט זיך גראָד איצט גענומען דער דאָזיקער מאָדנער געדאַנק. אפשר דערפאַר, ווייל

ער האָט טאַקע אַמאָל אונטערגעהערט אין סאַלון, אַז צווישן די אַרבע־טער אין דער פאַבריק הערשט שוין אַ לענגערע צייט אַן אומצו־פרידנקייט ?

— נו, ווי געפעלט עס אייך ? — האָט אים בערעניס אויפגע־וועקט פון זיינע אַרומבלאָנדזנדיקע מחשבות. זי האָט נישט געקראָגן די נויטיקע קאָמפּלימענטן און שבחים, צו וועלכע זי איז געווען גע־וווינט. דן האָט פלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט :

— צוליב וואָס איז דאָס אַלץ ?

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזאַ פונאַנדערגענומענעם מויל, ווי זי וואָלט פלוצלינג געטראָפן געוואָרן מיט אַ שטיין.

— וואָ—אָ—אָס מיינט איר... „צוליב וואָס" ?

נאָר זי איז באַלד געקומען צו זיך. גיך, גיך האָט זי אָנגע־הויבן שיטן מיט ווערטער, ווערטער, וואָס זענען איר, קענטיק, גרינג פון מויל אַרויסגעקומען, ווערטער, שוין נישט איינמאָל געהערטע און נישט איינמאָל גערעדטע... אויף איר פּנים איז איצט געווען אויסגע־גאָסן אַזאַ זיכער, אַזאַ איבערצייגט שמייכעלע.

— וואָס הייסט... וואָס רעדט איר... דאָס איז דאָך סקולפּטור, דאָס איז דאָך קונסט ! קונסט. דאָס מיינט : דאָס איבערדיכטן פונם לעבן, דאָס ווידערשאַפן פונם לעבן — דער דראַנג, וואָס איז דאָ אין די טיפענישן פון דעם קינסטלערס נשמה, נאָכצומאַכן גאָט !

איר פּנים האָט אָנגעהויבן פלאַמען, נאָר דן האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן אירע רייד. זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט. אַזעלכע ווערטער און אויסדרוקן האָט ער שוין אַ סך, אַ סך מאָל געזען אין ספרים און געהערט פון מענטשן... ער האָט געקוקט אויף איר מויל, וואָס איז געווען באַליידיקט אָנגעשטעלט אויף אים, אויף אירע דיקע ליפּן מיט די וואַנסעלעך, וואָס האָבן אַזוי זיכער און גלאַטיק איבער־געחזרט ווערטער, וועלכע האָבן אי פאַר אים, אי פאַר איר, קיין מיין נישט געהאַט, ווערטער פאַלשע, קאַלטע, ליגנערישע, ווערטער, וואָס אַלע חזרן איבער ביי אַזעלכע געלעגנהייטן און פילן דערביי גאָרנישט... „קונסט ! קונסט !"

איינגעעקשנט און טונקל, האָבנדיק שוין איצט כמעט הנאה צו רייצן זיך מיט איר, האָט ער נאָך אַמאָל איבערגעחזרט :

— יאַ... אָבער צוליב וואָס איז עס? צוליב וואָס דאַרף מען עס, אַט די קונסט? ווער דאַרף זי?

זי איז ווידער געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע. זי האָט זיך אַזש אַ שאָקל געטון צוריק. איר איז קוים געבליבן כּוח אַרויסצוזאָגן דעם לעצטן, דעם סאַמע איבערצייגנדיקסטן שפּאָגל־נייעם געדאַנק אירן.

— אָבער... אָבער... דאָס איז דאָך קונסט!

אַ דערשטוינטע, אַ נישט־פאַרשטייענדיקע, אַ צוריקגעשלאָגענע, האָט זי זיך ענדלעך אָנגעהויבן אָפּרוקן פון פענסטער, וווּ זי איז געשטאַנען. איר האָט באַלד אָנגעהויבן צו פאַרדריסן אויף איר נאַיוו־קייט, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אַ געשפּרעך מיט אַזאַ מענטשן: זי האָט געמעגט זיין פאָרזיכטיקער אַ ביסל... אָ, זי איז שוין צו שטאַרק געניגט אומעטום צו זען קינסטלער און באַגאַבטע מענטשן צווישן די רוסן...

זי איז מיט פיבערנדיקן פאַרדרוס אַרויסגעלאָפן פון קיך אין זאַל אַריין, פאַרטשעפּעט דאָרט אויפן וועג די נעגערשע הויז־מיידל. ביי דער לעצטער איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט אַ טאַץ מיט גלעזער קאַלטן פּונש, וועלכן זי האָט איצט געהאַלטן אין פונאַנדערטראָגן די שטוביקע, צוליב דער גרויסער היץ. דער טאַץ מיט די גלעזער האָט זיך מיט אַ געבראַזג אַ קייקל געטון איבערן דיל. דער ברוין־ווייניקער פּונש האָט פאַרפלעקט די ריינע טעפּיכער.

די שוואַרצע איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע, מיט פונאַנדערגעצוימענע הענט און פיס פון שרעק. זי איז דאָ געווען נישט לאַנג צוריק אָנגעשטעלט און האָט מורא געהאַט פאַרלירן די שטעלע — האָבן זיך אירע אַרויסטאַרטשנדיקע, גרויסע ווייסלען געקייקלט הין און צוריק, פון די צעבראָכענע טייערע גלעזער אויפן דיל צום צאָרנדיקן געזיכט פון דער יונגער באַלעבאָסטע, בערעניס. די אונטערשטע, דיקע, אָפּגעשיילטע ליפּ, האָט נאַריש געציטערט. אויפן ברייטן צוגעפּלעטשטן נאָז מיט די אומגעהויערע נאָז־לעכער זענען אַרויסגעטראָטן גרויסע טראָפּנס שווייס, ווי נאַסער באָב.

— פוי, ס'אַראַ אומגעלומפּערט, מיאוס פאָלק דאָס איז — האָט בערעניס אַרויסגעברומט מיט האַרץ און האָט אויסגעשפּיגן

א זייגער דריי נאָכמיטאָג איז קודראָוו צוריקגעקומען פון הינטער דעם גאָר־הינטערשטן פלויט אַרום ליסליס מאַיאָנטעק, וועלכן ער האָט איצט צום צווייטן מאָל איבערגעפאַרבט. ער האָט געדאַרפט נעמען נאָך אַ טעפּעלע פאַרב.

ער איז געווען איינגאַנצן באַדעקט מיט שטעכעלקעס, מיט ווילדע בלומען און ווילד-גראָז. זיינע הענט זענען געווען צעקראַצט. די קוסטעס און ווילדע געוויקסן פון די גרויסע שטרעקעס נישט-פאַרזייטער, ווילדער ערד, וואָס האָט געהערט צו ליסלין, זענען צוגעטרעטן פון יענער זייט צום סאַמע פלויט, און זענען אויך געוואַקסן אויפן פלויט גופא, און ס'איז געווען שווער צו אַרבעטן.

אַז ער האָט אָנגעגאָסן אין זיין טעפּל אַ ביסל פאַרב פונם גרויסן פאַרב־קעסל, מיט דעם צעבראָכענעם בלעכל פון טעמאַן־קאָנסערוון, וואָס האָט זיי געדינט, ווי אַ שעפּ-לעפל, — איז ער געבליבן שטיין אַ ווײַלע שווייגנדיק. ער האָט נאָכאַנאַנד איבערגעביטן די פיס, ווי אַ מיד, אויסגעמאַטערט פערד. נישט ווייט פון אים איז דן געשטאַנען אויפן דאַך פון צן איבערגעדעקטער ווערענדע און אים איבערגעפאַרבט.

קודראָוו האָט איצט געמוזט זיין אין גרויסן גרימצאָרן. פון זיינע אויגן האָט פייערדיק געשפּריצט ביטערע פיינטשאַפט. דאָס אַלץ האָט זיך אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען דן, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, האָט זיך אויף אים צוערשט נישט אומגעקוקט.

— אַז זיי האָבן נישט וואָס צו טון... — האָט ער אַרויסגעברומט, ווי פאָרטזעצנדיק אַ געשפּרעך, וועלכן ער האָט נישט לאַנג צוריק איבערגעריסן — אָט, וואָס איז דער מער מיט זיי... דער עצם דראַנג זייערער נאָך קונסט שטאַמט דאָך פון האָבן צופיל צייט, פון ליידיקגייערישקייט... צו אַליין פּראָדוצירן זיי גאָרנישט ממשותדיקס... אַז אַלע נויטיקע אַרבעטן פאַרן מענטשלעכן קיום ווערן דאָך אָפּגעטון פאַר זיי דורך פרעמדע הענט... „קונסט”! די דאָזיקע פריצלקע איז דאָך אַוועק פון אונז אַ ברוגזע, אין פולשטענדיקער איבערצייגונג, אַז, משטיינסגעזאָגט, וואָס מיר אַרבעטער קאָנען שוין פאַרשטיין אין קונסט... כע! וואָס איז דער וווּנדער... אַלץ נוצלעכס פאַר זייער

לעבן ווערט פאַרזאָרגט פון אונז, די אונטערדריקטע, — איז שוין עפּעס אַ חידוש, וואָס ביי זיי ווערט געבוירן אַ דראַנג נאָך אַזוינס, וואָס זאָל אויספילן די ליידיקייט פון זייער לעבן?... ביי איר טאַטן אין פאַבריק אַרבעטן דאָרט אַ סך הונדערטער מענטשן... און דאָ פאַרבן מיר די שטאָלן, די הינער־הייזלעך, דעם הונטס קאַנורע, דעם דרויסנדיקן אָפּטריט, דעם אָפּטריט פאַר די באַדינער... אפילו אַן אָפּטריט מוזן זיי דאָך האָבן אַ העלכּערן, אַן עקסקלוסיוון!... נו, איז וואָס איז דאָ צו רעדן... איז וואָס קאָנען מיר שוין, אַז אָך און וויי צו אונז, פאַרשטיין איגם ענין קונסט! זיי באַטראַכטן דאָך אונז אוודאי, ווי אַ פאַרגרעבטן המון, ווי כּפוי־טובהניקעס. מיר זענען זיי נישט געגוג דאַנקבאַר, מיר פאַלן נישט כּורעים פאַר זייערע קינסט־לערישע קאַפּריזן און פאַנטאַזיעס... משטיינס געזאָגט, אויף ווען זיי וואַרפן עס אַרויס זייער קינסטלערישע מי...

אַ קלעפּיקער שוים איז אים אַרויס אויף די ליפּן, וועלכע האָבן זיך איצט יעדע ווײַלע ביי אים פאַרקרומט מיט אַ צאַפּל, מיט אַ קאָנוווּלסיע. נאָר ס'איז געווען קענטיק: נאָך גרעסערע צאַפּלענישן און קאָנוווּלסיעס קומען איצט פאָר אינווייניק, אין אים. אינווייניק, אין אים, האָט זיך אַלץ איצט געמוזט איבערקערן פון שטאַרקן עקל און מוראדיקער נישט־גוטקייט.

אַז ער האָט זיך אַ ביסל גרינגער געמאַכט דאָס פאַרביטערטע געמיט, איז ער צוריק אַוועק פאַרבן דעם פּלויט, ברומענדיק אַלץ פאַר זיך:

— נאָר מיט ווען איז דאָ מעגלעך אויסצוטענהן זיך... אַז מיר רעדן אויף צוויי באַזונדערע לשונות... ס'איז דאָ איין וועג: מען דאַרף זיי פאַרניכטן, אינגאַנצן אויסראָטן, ביזן עק פאַרטיליקן, — מיט גוטן וועלן זיי קיינמאָל נישט אַוועקגיין... אָן אַ זכר דאַרף מען אָפּ־ווישן זיי פון דער ערד, ווייל אַז אַ בלויזער סימן פון זיי זאָל נאָר בלייבן, וועט זיך אין אַ שטיק צייט אַרום דאָס גאַנצע פּאַסקודנע, פאַרשאָלטענע געשלעכט זייערס צוריק אָנפלאָדיען...

אויפן וועג צוריק האָט ער פון גרויס צאָרן אַ בריקע געטון דעם ערשטן באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אים געטראָפן אונטער די פיס, אַן איבערגעשראָקענעם פאַרבייפליענדיקן עוף, אין בויך אַריין.

מיט אַ פלוצלינג־איבערגעריסענעם קודאַלטשען האָט עס זיך אַוועקגע־קייקלט איבערן גראָז אין דעם זייטיקן רינווע־קאַנאַלכל אַריין, און איז דאָרט געבליבן ליגן אַזוי, מיט צעשויבערטע, צונויפגעקלעפטע און נאַסלעך־געוואָרענע פליגלען.

און דן האָט שוין דערנאָך אַ היפּש ביסל געהאַט פון וואָס צו טראַכטן פאַר זיך... די אַרבעט איז געווען אַ מאָנאָטאָנע — מיטן פענזל נאָכאַנאַנד הין און צוריק, הין און צוריק איבער די ברעטער פונם וועראַנדע־דאַך — נאָכאַנאַנד זענען דעריבער אויך געלאָפן די מחשבות:

— ...איז קודראַוו סיידן נישט גערעכט? די איצטיקע קונסט — אויף וועמען ווערט זי סוף כל סוף געבויט? ס׳איז דאָך דאָס זעלבע, וואָס אין די גריכישע טעמפּלען אַמאָל: אויף די קעפּ פון די קאַריאַ־טידן פלעגן זיך אויפהאַלטן די געצאַצקעטע קאַרניזן, די אויסגעטאָקטע פריזן, מיט די אויבערשטע זיילן פון די ווונדערלעכע טעמפּלען... און וואָס איז דען איצט, נאָך אַלעמען—פילן דען עס אַ סך מענטשן דעם טעם פון דער איצטיקער קונסט? און איז עס דען גאָר מעג־לעך, אַז ווען עס איז זאָל דער רוב מענטשן פאַרשטיין אָט אַזאַ קונסט ווי אונזערע? ווערט דען נישט אונזער גאַנצע איצטיקע קונסט, אין אַלע אירע דערשיינונגען, וואָס אַמאָל אַזוי קאַפּריזנע אייגנאַר־טיקער, אַזוי אָפּגעזונדערטער און אָפּגעשלאָסענער פון די זייטיקע מענטשן, אַז קיינער, אויסער דעם קינסטלער זעלבסט, קאָן שוין זיין אַרבעט נישט פאַרשטיין...

...ער דערמאָנט זיך איצט, ווי מאָנאַט האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס נעמט זיך געוויס פון דער אַבסאָלוטער איינזאַמקייט פונם מענטשן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, אַן איינזאַמקייט, וואָס ווערט מיט יעדן נייעם דור אַלץ שטאַרקער און האָפנונגסלאָזער... די אינ־וויניקסטע וועלטן און די איבערלעבענישן פון יעדן איינציקן מענטשן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ אַזוי פאַרפלאָנטערטער, ווערן וואָס אַמאָל אַלץ מער אַזוי נישט־ענלעך אויף די איבערלעבענישן פון אַ צווייטן מענטשן, אַז כמעט קיינער קאָן נישט מער היינטצוטאָג, — ווי עס פלעגט, למשל, זיין דער פאַל אין די פריערדיקע דורות, — געפינען זיך אין די שריפטן פון אַן אַנדער מענטשן; כמעט יעדער איינער

פאַרמאָגט דאָך היינט צו טאָג אַזאַ פאַרצווייגטע, אַזאַ גאָר אַנדערע וועלט אין זיך...

...נאָר וווּהין פירט עס אַלץ... איז אפשר נישט דערפאַר, אפנים, רייסן זיך עס וואָס אַמאָל אַלץ מער מענטשן צום שרייבן... זיי פילן, אַז אָ, זיי, — זיי האָבן נייע, גאָר נייע סודות צו דערציילן, דערציילן וועגן זאַכן, וועלכע קיין אַנדערער ילוד-אשה, האָט נישט איבערגעלעבט... און דעריבער ווערט עס דאָך טאַקע אַלץ שווערער פאַר די מאַסן לייענער צו „פאַרשטיין" די שריפטן, די בילדער, די סקולפטורן, איבערהויפט די מוזיקאַלישע שאַפונגען, וועלכע האָבן אַממייסטן צו טון מיט איבערלעבענישן פון מענטשלעכע נשמות — פון די היינטיקע קינסטלער... ס'ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, אַלץ גרעסער די צאָל אויסטערלישע פלאַנצן, מיט וועלכע עס קוויקן זיך בלויז די שעפער אַליין...

...מאָנאַט האָט אים דעמאָלט מיט זיין ציניש שמייכעלע באַרויקט: „דאָס איז אַ קנאַפער אומגליק", האָט ער אים אויף זיינע רייד געענטפערט. „דער עיקר איז דאָך: דאָס געשאַפענע בלייבט דאָך אַלץ אַ טרייסט פאַר דעם, וואָס שאַפט עס"... אָבער — האָט זיך דן אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן — מאָנאַט איז דאָך אומגערעכט! דאָ איז דאָך נישט בלויז אַ רייד פון שאַפן קונסט-ווערק! איז די געדייאונג און פאַרשפרייטונג פון קונסט-ווערק נישט מעגלעך געוואָרן בלויז אַ דאַנק דער שטענדיקער אונטערדריקונג פונם רוב מענטשן, פון די מאַסן-מענטשן, וועלכע פאַרזאָרגן מיט אַלץ נויטיקן אַן אומבאַדייטנדיקן טייל, נעמען ביי אָט דעם טייל מענטשן צו אַלע מאַטעריעלע זאָרגן זייערע, און געבוירן אַזויערנאָך אין אים, אי דעם דראַנג נאָך דער פאַרשאַפונג פון די דאָזיקע קונסט-פראָדוקטן, אי די מעגלעכקייט צו פאַרשאַפן זיי?... די הויפט-באַדערפעניש נאָך קונסט זעט מען דאָך היינט-צוטאָג הויפטזעכלעך ביי די קליינבירגערלעכע קלאַסן... פונקט ווי די פאַרזאָרגער און אונטערשטיצער פון דער קונסט זענען דאָך אַלעמאָל געווען צווישן די רייכערע קלאַסן... קומט אויס, אַז די איצטיקע קונסט איז מעגלעך נאָר דערפאַר, וואָס זי שטיצט זיך אויף אונטעריאָכטער מענטשהייט, אויף מענטשן-שקלאַפן, — פונקט ווי עס איז געווען אין אַלט-גריכנלאַנד, פונקט, ווי עס איז געווען אין דער רע-

נעסאנס-צייט! — הייסט עס, אַז דאָס געפיל פון שיינקייט מוז תמיד גיין קעגן דעם געפיל פון גערעכטיקייט?.. איז דאָס אפשר נישט די אורזאַך, פאַרוואָס ביי די אַמאָליקע יידן, ביי די העברעער פון די ביבלישע צייטן, האָט קיין קונסט נישט געדייעט, און אַרויסגעגעבן האָבן זיי אָנשטאָט קונסט גאָר אַ הויכע עטיק, אַ שטרעבונג נאָך גערעכטיקייט?

ניין. ער קאָן שוין קיינמאָל נישט געפינען קיין תענוג אין אַזאַ קונסט, ווען ער ווייס, אויף וואָס פאַר אַ פונדאַמענט זי ווערט געבויט... אים וועלן שוין אַלעמאָל פאַרפאָלגן די קליינע קינדערשע קערפערלעך, דער שווייס און בלוט פון געצוווּנגענער, אויסגעפרעסטער, מענטשלעכער מי, וואָס איז איינגעמויערט אין די גראַניט-ווענט פון די גראַנדיעזע טעמפּלען און היכלען... ווו איז אין אָט דעם דאָ שיינקייט?

דער טאָג האָט זיך גענענטערט צום סוף. ס׳איז מיטאַמאָל, אומדערוואַרטעט, פון ים אָנגעקומען אַ כמאַרע, און ס׳האָט וואַרעם געדראָט מיט אַ פלוצלינגדיקן זומערדיקן גאָס־רעגן. דן האָט זיך צוגעאיילט צו פאַרענדיקן זיין אַרבעט. זיין איילנדיק, זיין נערוועזן פּינזל האָט געשפּריצט אַזש איבער די שויבן. האַרציקער, האַרציקער און פלייסיקער האָט ער געאַרבעט, ווי פאַרטרייבנדיק די אַנדערע, די סותרדיקע מחשבות, וואָס האָבן אויף אים אָנגעפאַלן. ווי אַ פייל־געדאַנק האָט ווידער דורך אים דורכגעשאָסן אַ פראַזע, וואָס ער האָט איינמאָל געהערט פון מאַנאַטן:

— ס׳קאָן דאָך זיין; אַזוי ווי ס׳איז, איז טאַקע ריכטיק... די גאַנצע וועלט מיט „פּשוטע" מענטשן לעבן טאַקע בלויז צוליב דעם, כדי פון זיך אַרויסצוברענגען פון צייט צו צייט, אין ארט און ארט, אַזעלכע איינציקע, אַזעלכע אויסדערוויילטע, וואָס פאַרמאָגן אַן אומווידערשטיילעכן דראַנג צו שיינקייט און צו דער שאַפונג פון שיינקייט...

דער ווינט פון ים האָט אָנגעהויבן בלאָזן שטאַרקער. עס האָבן אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן די ערשטע, גרויסע, וואַרעמע רעגנטראָפּנס, און באַלד נאָך זיי האָט אַרונטערגעשאָטן אַ ריינער, פליאָכנדיקער גאָס-רעגן. דער ים האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער

רעשעטע, פון וועלכער עס האָבן אין דער הויך געשפריצט מיליאָנען וואַסער־שפּריצלעך. צום ים האָט דן איצט גערעדט, ווי ער וואָלט דאָרט, אין די אַרויפשטאַנצנדיקע, אומצייליקע וואַסער־זיילן געזען נייע מענטשן, וואָס וועלן נאָך אַמאָל פון ים אַרויסקומען.

— ער, דן, וויל נישט אַזאַ סאָרט קונסט... דאָס, וואָס אין אים איז געווען אַזאַ שטאַרקער ווידער־געפיל קעגן דעם, איז פאַר אים געווען אַ גענוגנדער סימן, אַז ס'איז מעגלעך, ס'מוז זיין. ס'מוז באַשאַפן ווערן אַן אַנדער סאָרט קונסט, אַ קונסט, וואָס זאָל אין ליידן און פיין אויסגעפינען, וווּ איז דער געזעלשאַפטלעכער אמת, וועלכער קאָן גיין צוזאַמען מיט שיינקייט...

ג

נאָך וויטשערע זענען קודראַוו און דן ביידע געזעסן אויף דער ווערענדע פון איינפּאַר־הויז. נאָכן רעגן האָט זיך דער הימל נאָך ריינער אויסגעלייטערט. דער אָוונט איז געווען אַ יונגער. אַ פרישקייט איז געשטיגן פון ערד נאָענט ביים ים. דאָס וואַסער האָט זיך איצט, ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע אָוונטן, געהויבן אינם „קריק", דערגאַנגען אַזש ביזן דיל פון דער ווערענדע. פונם וואַסער אַרויס האָט עפּעס אינם אָוונט געפּייפט, שטילע קולות און געברומערייען פון קליינע וואַסער־חיהלעך, צי פרעש. דער ריח פון ק׳עמס און פוילנדיקן ים־גראָז האָט פאַרשיכּורט.

איבערן ברעט, וואָס איז געווען אין אַזעלכע נעכט פון וואַסער־צופלוס אַריבערגעוואָרפן אויף הויכע קלעצער איבערן וואַסער צו פאַרנעלס הויז, איז פונם אָוונט אַרויס אַריבערגעשפּרונגען אַהער אויף דער ווערענדע אַ ברייטלעכע, פולע פיגור. ס'איז געווען מאַנאַט.

שוין עטלעכע טעג אַז דן האָט אים נישט געזען. פון אים האָט איצט נאָך מער ווי תּמיד, געשפּאַרט מיט פרייד און לעבנסלוסט. ער האָט אַרונטערגעוואָרפן זיין היטל אויפן דיל פון דער ווערענדע, האָט זיך אַרונטערגעקייקלט און איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן מיטן וואַסער שטראָם פונם „קריק" אינם ים אַרויס. אים האָט עס נישט געאַרט.

דן מיט זיין געוויינלעכע טבע נישט אָפּלאָזן קיין זאַך, ביז

ער באַנעמט זי נישט דורכאויס, ביז ער באַרויקט זיך נישט אינגאַנצן וועגן איר, האָט מאנאטן, שוין אינם סאַמע אָנהויב פונם געשפּרעך, איבערגעגעבן אין קורצן קודראָווס בייטאָגיקע רייד און זיינע אייגענע רעיונות, און געוואָלט וויסן, וואָס ער, מאָנאט, דענקט אָט וועגן דעם זעלבן ענין.

מאנאט האָט אָן־חשקדיק אַ קרים געטון מיט דער נאָז:

— אָט, זאָל מען זיך פון אים אָפּטשעפּען...

אים האָט שוין אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס ער איז גאָר אינגאַנצן געקומען אַהער פאַרברענגען דעם אָוונט. פונקט דעמאָלט, ווען ער פילט אַזוי פריידיק, און קומט זיי גאָר איינלאַדן אַרויסצופאָרן מיט אים ערגעץ אויף אַ שיפל... עס שטייען שוין די לעצטע, רייפע טעג פון זומער, און די טעג ווערן שוין קירצערע, אַרומגעשוירענע. דער אָוונט איז זיס און געווירצט, און טראָגט אין זיך אויפרייצנדיקע ריחות, וועלכע רעגן דאָס בלוט. און אויסער דעם: מאנאט האָט סתם אַ סך אורזאַכן זיך צו פילן פריילעך. זיין אַרבעט דאָ, ביים ים, גייט זייער גוט, אויסגעצייכנט. נעהיימע קאָמיטעטן, „אייעלעך" און קאָמיסיעס פאַר די פאַרשידנסטע צוועקן זענען שוין געגרינדעט געוואָרן; דער גרעסטער טייל פון די אַרבעטער אויף ליסליס פאַבריק איז שוין באַלד, אָט־אָט, אָרגאַניזירט... אָך, דאָס ווייס ער פון תמיד: אַז ער מאַכט נישט קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען, נאָר ער אַרבעט זיך גרינג, שפּילנדיקערהייט, איז דאָ אַלעמאָל מזל־ברכה אין זיין אַרבעט...

און דאָ איז אַרום אַזאַ שמעקעדיקער, אַזאַ ליכטיקער אָוונט ביים ים. ס׳איז אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט און אַ „היי־טייד"*). דאָס וואַסער איז אויפגעשוואָלן, אומעטום, אין אַלע שפּעלטעלעך פון דער יבשה, וווהין דער ים דרינגט אַריין מיט זיינע אומציילִיקע וואַסערצווייגן און צווייגעלעך, מיט זיינע הערנער און הערנעלעך, אומעטום האָט דאָס וואַסער מיט איבערפלייצנדיקער ליבשאַפט אַרויפגעוואָרפן זיך און באַגאָסן די ערד...

---

*) פלוט.

„קומט, לאָמיר פאָרן מיט דעם שיפל צו די דריי שוועסטער",
האָט ער זיי געוואָלט זאָגן. „באַלד, באַלד, אָט נאָך עטלעכע וואָכן,
און זיי פאָרן שוין אינגאַנצן אַוועק פון דאַנען אויף אַ לאַנגן ווינ־
טער"...

און אָנגעקומען איז ער, ווייזט אויס, אויף רייד, ווידער רייד.
ער האָט זיך אַ לענגערע ווײַלע געקנייטשט אַזוי, געקווענקלט, און
האָט ענדלעך באַשלאָסן, אַז ער וועט זיי כאָטש דערפאַר, וואָס זיי
פטרן אים אָן אָוונט, „ארײַנזאָגן".

ווי נאָר מאָנאַט האָט געעפנט דאָס מויל צו רעדן, האָט אויף
אים קודראָוו אָנגעהויבן קוקן מיט ברענענדיקע, כמעט פײַנטלעכע
אויגן. ער האָט מאָנאַטן קיינמאָל נישט ליב געהאַט. ער האָט נישט
ליב געהאַט זײַן לײַכטקייט, זײַן פריילעכקייט, זײַן גאַווהדיקע זעלבסט־זי־
כערקייט. ער האָט עס אים נישט פאַרגונען. און בכלל—ער האָט מאָ־
נאַטן קיינמאָל נישט געטרויט. ער האָט פון תמיד אָן פאַרדעכטיקט
יעדע רייד פון אַן אינטעליגענט. ער פלעגט טראַכטן: „ער פּאָזירט
בלויז, ער לאַווירט סתם מיט אַלערליי ווערטער, אַמאָל אַזוי, אַמאָל
אַנדערש... פונקט ווי עס טוען עס תמיד די אַלערליי אינטעלי־
געטן, די אַלערליי פירערס. אין האַרצן לאַכן זיי אָבער פון
אונז"...

ער האָט געקוקט אויף מאָנאַטן די גאַנצע צײַט, וואָס יענער
האָט גערעדט, מיט אַן אָפענעם גרויסן מויל, מיט ברייט־אויסגע־
שטשירעטע געלע ציינער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן ארײַנצושלינגען
נישט נאָר מאָנאַטס ווערטער, נאָר טאַקע אים אינגאַנצן.

צו מאָנאַטן איז סוף כל סוף אויך אַריבערגעגאַנגען אַ טייל
פון קודראָווס פײַנטלעכער שטימונג, און אים איז פון דעם געוואָרן
עפּעס נישט אַנגענעם אַזוי. ס'האָבן אים געררייצט יענעמס דורכדרינג־
לעכע, עסנדיקע בליקן, וואָס זענען נאָכאַנאַנד געווען אויף אים אָנ־
געשטעלט. קעגן זײַן געוווינהייט, האָט זיך דעריבער אין זײַן שטים
איצט געלאָזט הערן אַ צערייצטקייט.

— מילא, דאָס, וואָס קודראָוו האָט געזאָגט... איך וועל מיך
אָפּהאַלטן פון געבן מײַן מיינונג וועגן קודראָוון און זײַנס גלײַכן.
נישט ווײַל איך שעם מיך פאַר אים... — אָ, די מאָס פון צערייצט־

קייט אין מאָנאַטס שטים איז אַלץ געוואַקסן! — ניין, די אורזאַך איז גאָר אַ פשוטע: איך וויל אויף זיך נישט ציען דעם צאָרן פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער ווערט אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערע מאַכט אין דער וועלט, און מיט אַ מאַכט מוז מען זיך תמיד רעכענען, ווען אפילו זי איז אומגערעכט... כ'האָב שוין לאַנג אייגעזען די נאַרישקייט און פוסטע מליצהדיקייט פון „גיין קעגן שטראָם"; כ'גלויב, אַז דאָס האָבן עס די קלוגע און די ערענדיקע — די ניכטער־זעענדיקע — אומישנע אויסגעטראַכט, אַז ס'איז דאָ אַ שיינקייט, וואָס ליגט אין „גיין קעגן שטרם"... דאָס האָבן עס די קלוגע אומישנע אויסגעטראַכט, כדי די נאַאָנים זאָלן זיך לאָזן אָט מיט דעם אַלעמאָל־געפערלעכן און קיינמאָל ערגעץ־נישט־ברענגענדיקן וועג, וואָס הייסט: „דער וועג קעגן דעם שטראָם"...

נאָר קודראָוו איז, קענטיק, ווייניק נתפעל געוואָרן פון מאָנאַטס חכמות—מער נישט: זיינע ליפן האָבן זיך געקרימט, זיינע אויגן האָבן נאָכאַנאַנד געשפריצט פייער ביים רויקן, שטילן פליסן פון מאָנאַטס ציניש̈ע רייד. מאָנאַט האָט עס באַמערקט און אים האָט זיך שטאַרקער פאַרוואָלט רייצן אים:

— נאָר דאָס איז אַלץ אן אַ זייט... אייגנטלעך... נאָר אייגנטלעך, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?... יאָ, אַנטקעגן דעם פּראָלעטאַריאַט... איז דאַרף איך אייך דאָך נישט זאָגן, אַז כ'בין גאָרנישט אַזוי גוואַלטיק באַגייסטערט פאַרן צוקונפטיקן קעניג פון דער וועלט, פאַרן פּראָלעטאַריאַט... כאָטש איך דין אים און וועל אים מסתמא דינען—ער איז דאָך פאָרט דער צוקונפטיקער קעניג פון דער וועלט... נאָר פונדעסטוועגן ווייס איך דאָך זייער קלאָר, אַזוי גיך, ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן דער קעניג פון דער וועלט, וועט ער אָנהויבן באַגיין קעגן אַנדערע די זעלבע עוולות, וועלכע מען איז פריער באַגאַנגען קעגן אים. ווייבאַלד, אַז פונם אונטערדריקטן רעדט דאָך קיינמאָל נישט אַרויס די דורשט נאָך גערעכטיקייט, טאַקע די אַבסטראַקטע דורשט נאָך גערעכטיקייט סתם, נאָר—באַוווסטזיניק, צי אומבאַוווסטזיניק—רעדט פון אים אַרויס בלויז זיין פּערזענלעכע געקריוודעטקייט... איז ווו־זשע איז דאָ דער אָנהויב און ווו איז דאָ דער סוף? אַזוי איז עס געווען, און אַזוי וועט עס זיין... אומרעכט ווערט

אָפּגעוואַשן מיט אומרעכט און דאָס לעצטע אומרעכט מיט נאָך אַ גרע־סערן אומרעכט... „ווייל דו האָסט דערטרונקען עמעצן, וועט מען דיך דערטרינקען, און דער סוף פון דיינע דערטרינקער וועט זיין, אַז מען וועט זיי דערטרינקען".

קודראָוו, וועלכער איז די גאַנצע צייט, וואָס מאָנאַט האָט גע־רעדט, געזעסן אויף נאָדלען האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער אָבער מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, איז אויפגעשפּרונגען און האָט זיך אָנגע־הויבן פּאַטשן אין די זייטן מיט אַ ווילדן געלעכטער.

— כאַ—כאַ, אַט אַ געפּלאַפּלעריי, בגאמנות... ווער ס'דערלויבט זיך עס צו רעדן אַזוי גרינג וועגן פּראָלעטאַריאַט... ציניקער איינער. און ווער ביסטו? פון וואָס האַלטסטו?

מאָנאַט האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן, איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט קודראָוון אָנגעהויבן איינגעמען מיט ווייכע רייד. אַן אויס־זען האָט ער געהאַט אַ ביסל אַ צעטומלטן, פּונקט, ווי ס'וואָלט אים אַ קאַפּיטשקע געעקלט, פּונקט, ווי ער וואָלט געקוקט אויף קודראָוון, ווי אויף עפּעס אַ מאָדנע, ווילדע חיה, וועלכע האָט זיך מיטאַמאָל צעבושעוועט, און וועלכע מען מוז אויף אַלע פאַלן באַרויקן, צוערשט באַרויקן.

— זעץ זיך, זעץ זיך, קודראָוו... כ'בעט דיך, ווער נישט אַזוי אויפגערעגט... אַנטשולדיק מיר, קודראָוו, איך האָב בשום אופן נישט גע־וואָלט דיך דערצערנען, ווייל כ'בין דאָך איינגנטלעך מיט אייך. איך פּאָלג אַלעמאָל נאָך די מאָדע—ס'איז געוואונטער אַזוי. דאָס איז מיין כלל, און איצט איז דאָך זייער מאָדיש, און ס'לוינט זיך טאַקע צו זיין אויפן צד פונם פּראָלעטאַריאַט, ווייל ער הויבט שוין אָן צו ווערן אַ מאַכט... און איבעריקנס, כ'זאָג דאָך נישט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין, אַז אַזוי איז עס שוין אין דער מענטשלעכער טבע, אַזוי איז שוין דער אייביקער אמת פון דער וועלט, וועלכער האַלט זיך אין איין איבערחזרן... און ווייל איך זע נישט קיין סוף פאַר דעם אייביקן מענטשלעכן קאַמף אין דער וועלט, האַלט איך נישט דערי־בער פון די אַלע „אידעאַלן" און „באַוועגונגען". איך האָב שוין מיין אייגענע דערפאַרונג אין אָט דעם ענין... פאַרשטייסט מיך, קודראָוו, אומרעכט איז זייער אַן אַנשטענדיקע זאַך... ווען אפילו איר זענט פריער געווען ריין, קוים אָבער הויבט איר אָן קעמפן קעגן אומרעכט

ביי עמעצן און ערגעץ־ווו, לאָזט זיך עס סוף־כל־סוף אויס מיט דעם, וואָס דאָס אומרעכט קלויבט זיך אַריבער צו אייך אַליין... אייך דוכט זיך דאָך, אַז איר האָט יענעם באַזיגט — ס׳הויבט זיך אָבער גאָרנישט אָן: דאָס „באַזיגטע״ אומרעכט האָט אייך באַזיגט, איז אַריין אין אייך...

אָט דער מאָנאָט איז שוין געווען אַ געוואַלטיקער סקעפּטיקער, אפּנים.

— אָט, — האָט ער פאָרטגעזעצט — ווען עס וואָלט מעגלעך געווען צו קעמפן קעגן אומרעכט בכלל... קעגן אומרעכט, ווי אַ טייל פונם געבוי פון דער וועלט? אָבער, ס׳ווייזט אויס, איז אומרעכט שוין אַן אומאָפּטיילבאַרער טייל פון דער וועלט: אומרעכט וועט, אפּנים, שוין קיינמאָל נישט פאַרשווינדן, אַזוי לאַנג, ווי עס פאַרשווינדט ניט די זון... סיידן אפשר — סיידן אפשר, אַז גאָר אַ נייער מין מענטש זאָל אַמאָל באַשאַפן ווערן, אַזאַ מין מענטש, וואָס איז נאָך דערוויייל ערגעץ נישטאָ...

קודראָוו איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט אַ שווייגנדיק..., און אָנגעכמורעטער. ער האָט דאָך געפילט ביי זיך אַזוי שטאַרק, אַז מאנאט איז אומגערעכט, אַז ער איז אַ ליגנער, אַ פראַזע־שיסער, אַ פּאָזירער, נאָר ער האָט אין דער זעלבער צייט אויך געפילט, אַז קוים קומט עס בלויז צו רייד, וועט שוין מאנאט אַלעמאָל אַרויס דער זיגער... אַ ברומענדיקער, אַ בייזער, מיט שנאה־שפּריצנדיקע אויגן, האָט ער זיך דעריבער נאָך טיפער איינגעקאָרטשעט אין זיין שטול.

מאנאט האָט זיך שוין דערווייל אָביסל באַרויקט, ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מיאטע צוקערקע, עס אַריינגעוואָרפן אין מויל אַריין, עס אָנגעהויבן זויגן און איידל זיך אומגעווענדט צו דנען. איצט האָט זיך זיין שטים און זיין גאַנצע באַנעמונג געביטן. ס׳איז געווען קענטיק, ווי דנען האָט ער האלט געהאַט, — ווי דן איז אים געווען צום האַרצן, און ער האָט אים געוואָלט אַרויספירן פון זיין פאַרבלאָנדזעניש... זיינע היפּש־לאַנגע רייד צו אים זענען איצט געווען די באַלעבּנדיקע רייד פון אַן עלטערן חבר:

— חקרנסט זיך, הייסט עס, נאָך אַלץ, דן, מוחסט זיך נאָך אַלץ... דאָס איז טאַקע גאַנץ יודישלעך... אָבער לאָז געמאַך! אַ

קינסטלער קאָן זיך נישט אַזוי שטאַרק באַאומרויקן וועגן פראַגן פון יושר, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס עס איז זיכער, ווי דער טאָג, אַז קיין יושר איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט... די צרה איז בלויז, וואָס איך קאָן דיך איצט נישט איבערצייגן אין דעם — דוסט דאַרפן עלטער ווערן, דן... כאָטש ביי אַ היינטיקן מענטשן וואָלט שוין פון קינדווייז אָן, פשוט מיט דער מאַמעס מילך איינגעזויגן, געמעגט זיין די דערפאַרונג פון אַזויפיל דורות, אַז איינמאָל פאַר אַלעמאָל: ס'איז נישטאָ, ס'איז נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט... אַז דאָס לעבן נופא איז בעצם אַ שטאַרק, אַ שטאַרק „אומיושרדיקער" פראָצעס... היינט ווי קאָן גאָר אַ מענטש, כאָטש מיט בלויז אַביסל אויפריכטי־קייט אין זיך, גאָר רעדן וועגן אַזאַ זאַך, ווי מענטשלעכער יושר?... מ'האָט פון קינדווייז אָן געדאַרפט איינפלאַנצן אין דעם מענטשן, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי אמת און יושר אויף דער וועלט, אַז יע־דער איינער מוז גוט אַכטונג געבן אויף זיך זעלבסט; מ'וואָלט עס געדאַרפט לערנען נאָך אין די קינדער־שולן... וואָלטן אַזויפיל פאַר־חלומטע יונגעלייט אַזוי שטאַרק נישט אַנטוישט געוואָרן שפּעטער, ווען זיי וואַקסן אויס... וואָלטן זיי נישט געקומען דערנאָך מיט קיין טענות צו דעם סדר־העולם, וועלכער איז נעבעך אין דעם טעות זיי־ערן גאָרנישט שולדיק... וואָלטן זיי אַזוי נישט פאַרביטערט די טעג זיך און אַנדערע, מיט אומזיסטע ווייטיקן, אָט ווי דו, דן... אָבער אַנשטאָט דעם איז גאָר אָנגענומען, מען זאָל אָט דעם קארדינאַלן לעבנס־פאַקט פאַרהוילן פון קינדער, און אפילו פון דערוואַקסענע אויך. אויף ווייפל ס'לאָזט זיך... און בכלל: אין „גוטער" געזעלשאַפט האָט מען פיינט צו רעדן פון דעם אַליין, און מ'האָט פיינט די יעניקע מענטשן, וועלכע ווייזן אָן אַמאָל אויף דעם, וואָס אַלע ווייסן...

מאָנאַט האָט זיך אויף אַ לענגערע ווײַלע פאַרטראַכט. און אַז מינוטן זענען אַזוי פאַרלאָפן נאָך מינוטן, און ער האָט אַלץ געקוקט אינם פאַרנעפּלטן ים אַרויס, האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער האָט שוין צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר צו זיך, צו זיך אַליין.

— און אפשר איז עס ריכטיקער אַזוי... וויבאַלד אַז דאָס לעבן איז שוין אַזוי מיאוס, איז שוין אפשר גלייכער, אַז מען זאָל לעבן

אין אַ שיינער אָפּנאַרעריי... צוליב וואָס נאָך אויפּווייזן דעם מענטשן זיין שטינקנדיקייט און זיין קויט?.. ס'איז אַזוי אויך אַ רחמנות אויף אים... איר ווייסט: כ'האָב דערפאַר טאַקע ליב די אַמעריקאַנער און די אנגלא-זאקסען, ווייל זיי זענען צבועקעס... און צבועצטווע איז דאָך אַזוי אַבסאָלוט נויטווענדיק אין לעבן... ס'איז דאָס איינציקע אפשר, וואָס מאַכט דאָס לעבן דערטרעגלעכער.

מאָנאַט איז וואָס אַ מינוט געוואָרן אַלץ ערנסטער. זיין געוויינ־לעכער שמייכל איז שוין איצט פאַרשוווּנדן. אויף זיין פּנים איז גע־ווען איצט אויסגעגאָסן אַ האַרט ווייטיקדיקייט, וואָס האָט דנען גאָר איבערראַשט. די לבנה איז ערגעץ אַוועקגעשווומען אָן אַ זייט, אויף יענער זייט דאַך. דער ים־אויבערפלעך, וואָס האָט זיך פון דער ווע־ראַנדע געזען, איז געלעגן אויסגעשפּרייט ווייט און אָוונטיק־שטיל. אַפילו די גרילן און די ציקאַדן אינם גראָזיקן, פאַרוואַקסענעם באַרג-שפּוע, נישט ווייט, זענען איצט אויך אַנטשוויגן געוואָרן. דער גאַנצער אַרויף־באַרג האָט זיך געטונקלט אַהער, ווי אַ רוקן פון אַ אומגעהויי־ערע באַוואַקסענע חיה. בלויז פאַספּארישע לאַמטערנדלעך פון אומציי־ליקע פייער-פליגן האָבן אַלע ווײלע דאָרט אויפגעגלאַנצט, אומבאַדייטנ-דיקע, הילפלאָזע אויפליייכטונגען אין אַרומיקן אָוונט-טונקל. די פּנימער פון די דריי מענטשן אויף דער ווערעאַנדע האָבן זיך קוים געבלייכט אינם שוואַכן ליכט, וואָס איז אויף זיי געפאַלן פון הינטן, פון אַן אויפגעהאָנגענעם קעראָסין לאַמטערן.

און מיטאַמאָל האָט זיך דנען אנגעהויבן דוכטן:

אויף דעם באַרג אַנטקעגן, אינם אָוונטיקן געפיל, שיילט זיך ביסלעכווייז אויס די געשטאַלט פון אַ מענטש, — די געשטאַלט פון אַ קלוגן, יצר-הרעדיקן און אַנטוישטן מענטשן... און ס'איז יענעמס שטים, אַ פאַרטרוילעך-צוגעלאָזענע, אַ לאַקנדיקע און פאַרנאַרנדיקע, וועלכע ער הערט איצט פון דער טונקל:

— ...אַז די וועלט איז אַ כאַאָס.. אַז קיינער ווייס גאָרנישט, גאָרנישט... אַז נאָך ווייניקער ווייסן די יעניקע, וועלכע מאַכן דעם אָנשטעל פון ווייסנדיקע... איז אויב דער קינסטלער שאַפט עפּעס שיינעס, הארמאנישעס, גאנצעס, איז אויב ער פורעמט וואָס־סאיז־גיט־איז אַרויס פונם אַרומיקן ווירוואר — טאָ זאָל ער שוין געבענטשט

זיין פאַר אָט דעם אַליין, זאָל ער שוין זיין געבענטשט פאַוי אָט דער געבראַכטער טרייסט זיינער... ס׳איז גענוג פון אים! און זאָל ער אפילו בויען און פורעמען אויף יענעמס לעבן... ער מוז עס טון אַזוי! ווייל ער טוט בלויז דאָס, וואָס עס איז פאַר אים פון פריער אָן גע־ווען אָנגעצייכנט...

די גאַנצע צייט וואָס מאנאט האָט אַזוי פאַרטרוילעך גערעדט, איז אין דנען געוואַקסן אַ שטילע שרעק. נישט שוין־זשע איז עס טאַקע אַזוי — נישט שוין־זשע איז עס טאַקע דאָס אמתע בילד פון דער וועלט? ער האָט עס נישט געקאָנט צולאָזן... אין אים האָט עפּעס די גאַנצע צייט, וואָס מאנאט האָט גערעדט, געבונטעוועט, פּראָטעס־טירט. ער האָט קוים דערוואַרט, אַז מאנאט זאָל ענדלעך אַנטשוויגן ווערן. ער איז דעמאָלט אויפגעשפּרונגען, — אַ צעפלאַמטער, אַ צאָרנ־דיקער אַזאַ, און דערמאָנט האָט ער מיט זיין איצטיקן אויסזען אָן גאָר לאַנג צוריק, אָן דורות פון איינגעעקשנטע און איינגעשפּאַרטע לייט, אָן מענטשן, וועלכע זענען געטריבן געוואָרן אין פייער אַריין דורך אַן אַנדערן, דורך אַן אינווייניקסטן פייער, וואָס האָט אין זיי געברענט... ער האָט איצט נישט גערעדט, נאָר אויסגעשריגן עפּעס פון זיך, וואַרפנדיק זיין קול נישט נאָר אויפן „שולדיקן", אויף מאַ־נאטן, נאָר אויפן ים, אויף דער יבשה, אויף דער גאַנצער וועלט:

— ס׳איז נישט אמת... איינעמס וועג איז נ י ש ט אָנגעצייכנט פון פריער! ס׳איז יאָ דאָ אַ בחירה פאַרן מענטשן!... ס׳איז נישט אַלץ אַלץ־איינס — ס׳איז יאָ דאָ אי גוטס, אי שלעכטס אויף דער וועלט, אי פאַלשקייט, אי אמת... דאָס האָבן די שוואַכע, אָנחוט־השדרהדיקע עס אויסגעקלערט אָט די דאָזיקע באַקוועמע „אָנגע־צייכנטקייט פון פריער"... דאָס איז בלויז אַ שוץ פאַר די מידע, פאַר די אָן־כּוחדיקע, וואָס קאָנען נישט איינהאַלטן אין זייערע הענט די לייצעס פון זייער אייגן לעבן... דער שטאַרקער מענטש איז פאַר זיך פאַראַנטוואָרטלעך! ער, ער אַליין דאַרף אויסקלויבן פאַר זיך דעם ריכטיקן וועג!

פון אים האָט געשלאָגן איצט אַ היץ. ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ פייערדיקן וואָלקן, וואָס האָט זיך סוף כּל סוף אויך דערטראָגן צו מאנאטן און אים פאַרכאַפּט. ער איז דאַן אויך אויפ־

געשפּרונגען, אויך מיט אַ פייער אין זיינע אויגן: אין דער מינוט איז ער אַליין געוואָרן שטאַרק ענלעך אויף דנען... ער איז שוין אַליין געווען גרייט מיט ברען זיך אַ וואָרף צו טון אויפן לעצטן, און מיט התלהבות צו דערווייזן זיין אמת, — אַז ס'איז נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט... קודראָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט, גרייט אַריינצופלעכטן זיך אין צעקאָכטן ווערטער-געשלעג.

נאָר פונם ים אַרויס האָט זיך פּלוצלינג געלאָזט הערן אַ נידעריק, בייז, אָנזאָגנדיק ברומען פון אַ טראַנסאַטלאַנטישן אָקרענט. דאָס ברומען פונם אָקרענט האָט פאַרהילכט די שוואַכע שטימען פון די מענטשן אויף דער ווערענדע. אַ נעפּל האָט זיך אָנגעהויבן קנוילן איבערן ים, און די רויכיקע קלובעס האָבן דערגרייכט אינגיכן ביזן סאַמע הויז. ס'האָבן זיך באַלד געלאָזט הערן קלאָגנדיקע קולות פון סירענעס.

ס'איז אומדערוואַרטעט אַרויפגעקומען אויף דער ווערענדע מר. פאַרנעל. ער איז ווי אַרויסגעקומען גלייך פונם וואַסער און ים-נעפּל אַרויס. דאָס שיפל זיינס האָט מען צוליבן נעפּל נישט געזען, כאָטש ס'איז געשטאַנען נישט ווייט אויפן „קריק" לעבן שווימענדיקן פּליט.

מר. פאַרנעל האָט געהאַלטן אין די הענט פולע עמערן קראַבן.

ער האָט געזאָגט אַלעמען אַ גוטן אָוונט, און איז אַריין אין הויז. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ווידער אַרויס, און אַ רוף געטון מאָנאַטן, ער זאָל אַרויספאָרן מיט אים צוזאַמען אינם ים אַרויס, כדי אַריינצונעמען די „אַאַלן-טעפּ"*). מיט מאָנאַטן האָט ער זיך לעצטנס שטאַרק באַפריינדט און זיך געפילט מיט אים היימיש, פונקט ווי עס האָט זיך אַזוי געפילט מיט אים די גאַנצע משפּחה פאַרנעלס. אַז ער פלעגט דאַרפן עפּעס טון, און מאָנאַט איז געווען דערביי, פלעגט ער אים נעמען מיט זיך, ווי ער וואָלט עס געטון מיט זיינעם אַן אייגענעם זון. ער האָט מאָנאַטן אַ שלעפּ געטון פאַרן אַרבל.

— מיין גאָט, — האָט דער אַלטער אים דערציילט — האָט זיך

*) אזעלכע הילצערנע כאַפּ-קעסטלעך, מיט לאַנג אינעווייניק, ווו ס'כאַפּן זיך די „אַאלן", שלאַנגען-ארטיקע פיש, ענלעכע אויף שלייענס.

אויף דיר שוין עטלעכע מאָל נאָכגעפרעגט. ער דאַרף דיך נויטיק זען, דוכט זיך—דיר עפּעס איבערגעבן, נאָר ער ווייסט נישט, ווו מען טרעפט דיך. מען זעט דיך זעלטן, ביסט נישטאָ נישט ביי סטי־ווענסן, נישט דאָ. ווו דרייסטו זיך עס אַרום די גאַנצע צייט? מיט מיידן, העי?

מאָנאַט איז נאָך אַלץ געווען צעהיצט, אַז ער האָט אַ קוק גע־טון אויפן אַלטן האָט ער צוערשט נישט פאַרשטאַנען, וואָס יענער וויל, און אים נישט געענטפערט. נאָר אַז ער האָט זיך אין אַ ווײַלע אַרום געכאַפּט און זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, איז ער שוין מער נישט געווען. ער איז אַליין אַרויסגעפאָרן. ער איז אין איין מינוט פאַרשוואונדן אינם נעפּל. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער איז אַזוי אַרונטערגעטראָטן פונם פליט גלייך אויפן וואַסער אַרויף. ס'האָט זיך בלויז געהערט אַ פּאָר מאָל פון דער טונקל דאָס אויפקלאַפּן פון די רודערס, ווי דאָס פּליאָשקען פון אַ גרויסן פיש, וואָס איז פון וואַסער אַרויסגעשפּרונגען.

ד

אויף דער וועראַנדע איז געווען איצט אומאַנגענעם-שטיל. אַלע זענען געזעסן שווייגנדיק אין אַן אומבאַקוועמער פאַרלעגנהייט. דן האָט געטראַכט, אַז ער האָט בעסער גאָרנישט געדאַרפט רעדן, נישט אַרויסקומען מיט זיינע ספקות און געדאַנקען. ער האָט שוין געהאַט אין דעם זיין ערפאַרונג. מיט זיך אַליין, אין זיינע אייגענע אינוויי־ניקסטע וועלטן, איז ער תמיד געווען דער זיגער... אים פלעגט גע־לינגען איינאָרדנען זיינע ספקות און זיינע טראַכטונגען אין אַ גאַנצער האַרמאָנישקייט, אין אַ גאַנצער און אויסגעהאַלטענער וועלט. אַ וועלט, אין וועלכער ער פלעגט זיך פילן רויק. ווען נאָר ער פלעגט אָבער קומען אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט, ווען ער פלעגט פּרווון איבערצייגן אין עפּעס זיינעם אַ יידן-קעגנער, פלעגט ער זיך תמיד פאַרלירן... אַלע זיינע פריערדיקע זיכערקייטן פלעגן פאַר־שווינדן.

זיין גאַנצע הילפלאָזיקייט אין דער ווירקלעכער וועלט פלעגט זיך דעמאָלט אַרויסווייזן. אויב איינער פלעגט זיך וויציק אויסדריקן

וועגן דעם ווערט פון אַזעלכע אידעען און געדאַנקען, וואָס זענען אים געווען טייער, פלעגט ער פילן דעמאָלט אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. זייענדיק סענסיטיוו אין העכסטער מאָס, ווי אַלע מענטשן, וואָס פירן אַ לאַנגע צייט אַן אָפּגעזונדערטן לעבן, פלעגן אַזעלכע פאַלן פון אומזיסטיקע פּרוּוון פון צונויפרעדן זיך מיט מענטשן, אים געבן בלויז נאָך אַ ווייטערדיקן צוריקשטויס אין זיך אַריין; ער פלעגט זיך נאָך אַזעלכע פאַלן ווידער אויף אַ לאַנגער צייט פאַרשליסן אין זיך. דן מיט זיין שוואַכער און טרוימערישער נאַטור, האָט ליב געהאַט אַ מין פּאַטישע רו, אַ נשמה־גלייכגעוויכט, אַ גאַנצקייט, אָט דאָס פלעגט ער קאָנען דערגרייכן נאָר אין איינגעשלאָסנקייט אין זיין חלום־וועלט אָבער קיינמאָל נישט אין דער דרויסנדיקער, ווירקלעכער וועלט, וועלכע פלעגט תמיד אויפרעגן און צעשטערן, תמיד אויפרעגן און ווידערשפּרעכן זיין גאַנצע, שטילע, אינווייניקסטע איינגעאָרדנטע וועלט...

קודראָוו איז איצט אויך געזעסן אין זיין ווינקל אַ פינסטערער, אַן אָנגעכמורעטער. ער האָט דעם לעצטן טייל פונם געשפּרעך צווישן מאָטאַן און דנען אפילו נישט נאָכגעפאָלגט. וואָלקנס זענען איצט נאָכאַנאַנד געלאָפן איבער זיין שטערן. זון־גאָלד האָט דאָך זיין שטערן סיי־ווי אויף זיך קיינמאָל נישט געזען. ער איז דאָך תמיד אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער, אַ טונקעלער, אַ געקריוודעטער.

קודראָוו איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט קיינעם נישט ליב געהאַט.

ער האָט דורכגעלעבט זייער אַ שווערע יוגנט. ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן ביי אַן אָרעמער אלמנה, אין אַן אָרעם יידיש שטעטל אין פּאָדאָליער גובערניע, ערגעץ ביי דער גאַליציאַנער גרענעץ. אין אַ שטעטל, וווּ די דאגות פון פּרנסה הויבן זיך אָן גלייך שבת־צו־נאַכט, ציען זיך דערנאָך אַ גאַנצע וואָך און ווערן בלויז אויף אַ ווײַלע, צוליבן פּנים וועגן, פאַרשטילט פרייטיק־צו־נאַכט, ווערן פאַרשטילט בלויז צוליב אַ שבת־אָנשטעל.

זיין פאָטער איז געשטאָרבן גלייך נאָכדעם, ווי ער, קודראָוו, איז געבוירן געוואָרן. ער האָט זיין פאָטער פיינט געהאַט, כאָטש ער האָט אים קיינמאָל נישט געקענט. אַלע אין דער משפּחה האָבן פיינט

געהאַט דעם אָנדענק פונם פאַרשטאָרבענעם פאָטער. די מוטער האָט שטאַרק געהאָלפן איינפלאַנצן די דאָזיקע שנאה אין אירע קינדער. זי האָט נאָך געהאַט אַלטע, נישט אָפּגערעכנטע חשבונות מיט אים, מיטן „אַלטן".

ווען ער האָט נאָך געלעבט, פלעגט אין הויז הערשן אַ שטענדיקע קריגעריי. זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט צושטימען צו זיינע רייד, צו זיינע ווערק. ווען ער האָט געזאָגט „טאָג", האָט זי געזאָגט „נאַכט". זי איז געווען תּמיד פאַרזאָרגט און פאַרביטערט צוליב איר אָרעמקייט. זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט געקאָנט טון אַ בעסערן שידוך, ווען ער וואָלט זיך נאָר נישט אונטערגעדרייט. נישט ער האָט זיך אַפילו אונטערגעדרייט, נאָר זי איז גאָר אים נאָכגעלאָפן, אונטערגעשטעלט שדכנים און סתּם גוטע פריינט. נאָר זי האָט דאָס אַלץ פאַרגעסן, האָט פון דעם נישט געוואָלט טראַכטן אַפילו; איר לעבן איז געווען אַ פינסטערעס און איר איינציקער פאַרגעניגן איז געווען צו טון דעם מאַן אויף צו־להכעיס.

עס פלעגט זיך מאַכן אַמאָל, אַז זי האָט שוין פאַרפאַרטיקט אַלע פאָרבערייטונגען אויפצונייען זיך אַ „יובקע". זי האָט שוין אַפילו איינגעקויפט די סחורה, וואָס איר איז געפעלן. ביים מאַן האָט זי, פאַרשטייט זיך, וועגן דעם נישט אָנגעפרעגט. די דאָזיקע סחורה האָט זי איינגעקויפט פונם געלט־קניפל, וואָס זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט בגנבה פון איר מאַן. זי האָט שוין באַצייטנס געהאַט אַ ווילדע הנאה... נישט אַזוי פונם קלייד, ווי פון דעם, וואָס זי טוט דעם מאַן אויף צופיקעניש:

— אי, אַז ער וועט זיך דערוויסן...

זי האָט ממש אויסגעוואַרט אויף דעם, און האָט פּשוט געבענקט, אַז ער זאָל מאַכן אַ סקאַנדאַל... איז וואָס וועט זי טון דעמאָלט? וועט זי דעמאָלט נעמען ברעכן און שליידערן דאָס געפעס און די טעפּלעך... שכנים וועלן זיך צונויפקלויבן... וועט זי זיך צעשויבערן די האָר, אויפרייסן די בלוזקע, און נעמען שרייען הויך, אויפן קול, מיט אַ ניגון, ווי מען באַוויינט אַ טויטן:

— קוקט נאָר אָן, יידן, דעם רוצח, אוי... שלאָגן זיך האָט ער

זיך געוואָרפן אויף מיר, אוי... צעממיתט האָט ער מיך און צענהרגט, אוי...

מאַכט זיך אָבער:

ס'איז גראָד אַ וואַרעמער, שיינער פרילינגס-טאָג פון די ערב־פסח-טעג, ריטשקעלעך לויפן ביי די זייטן גאַס, ריטשקעלעך פון די ליימיקע בערג דרויסן שטאָט. די זון שיינט, די האַרטע ווינטערדיקע ערד גייט אָפ, ווערט ווייך. אויפן בלאָטיקן מאַרק זענען אויסגעשפרייט קליינע אינזעלעך פון פרישן, געלן שטרוי. לעבן די אינזעלעך שטרוי שטייען פויערים אין הויכע שעפסענע קוטשמעס, פויערטעס אין קאָלירטע טיכער, ווי טורבאַנען, אַרומגעוויקלט אַרום זייערע קעפ, און פאַרקויפן לכבוד פסח פרישע ערדענע טעפ און מאַקעטרעס, געגלייזטע קופליעס און טעפלעך פאַר פאַליכטשיקעס, — פרישע אַזעלכע און טרוקענע כלים, וואָס רייבן זיך אונטער די הענט.

קומט דער מאַן יענעם טאָג אַהיים פון דער אַרבעט — ער איז געווען אַ האנסשאר — אַ מידער אַזאַ, אַ פאַרקאַלעכטער און אַ פאַרשמירטער מיט ליים, נאָר אַזאַ אויפגעלייגטער. ער רייבט זיך אַ האַנט אָן אַ האַנט פון גרויס פרייד, גייט אַרום הין און צוריק איבערן הויז, דערזעט ווי זיין פרוי פאָרעט זיך מיט דער סחורה. זיין האַרץ איז פול און וואַרעם. ער שעמט זיך... ער וויל איר זאָגן אַ גוט וואָרט, נאָר ער קאָן עס נישט געפינען. ער ווערט בלויז אינגאַנצן שעמעוודיק־רויט. ער שטעלט זיך אָפ לעבן טיש און הויבט אָן באַטאַפן די סחורה. ער לאַשטשעט אַזוי אַ ווײַלע דעם שטאָף...

הויבן אירע אויגן אָן שפריצן פונקען, ווי ביי אַ קאַץ. זי ווערט אינגאַנצן איין שטיק פייער, ווי דער מאַן וואָלט עס איצט איר אייגן לייב אָנגערירט. זי איז שוין גרייט זיך אַרויפצוואַרפן אויף אים, זי וואַרט שוין ממש אויף דעם, טאָמער הויבט ער איר אָן אויסרעדן, טאָמער זאָגט ער אַרויס כאָטש איין וואָרט, טאָמער הויבט ער איר אָן פרעגן: ווו האָט זי גענומען געלט, פאַרוואָס ווייס ער פון דעם נישט, און אַזוי ווייטער.

נאָר דער מאַן שטייט בלויז אַזוי אַ ווײַלע און שווייגט. און ס'איז נישט צו וויסן, אויך זיינע באַקן פלאַמען, און זיינע אויגן גלאַנצן איצט מחמת זיין תמידער חולאת אָדער מחמת דעם פרילינג

אין דרויסן, אָדער מחמת עפּעס אַנדערש. אין אַ מינוט אַרום זאָגט ער מיט אַ וואַרעמער, אַביסל ציטערנדיקער שטים:

— ס'איז זייער גוט... ס'איז זייער שיין... מיר איז עס זייער געפעלן... אַ פיינע סחורה... דער עיקר געפעלן מיר אָט די אַ שיינע הייסע רעדעלעך אינם בלויען סאַטין... איך בין אַזוי צופרידן, סטיסיע, וואָס דו'סט האָבן אַ קלייד אויף פּסח...

ער זאָגט עס אַלץ מיטאַנאַנדער אַרויס מיט אַ גיך פלאָנטערנדיקער צונג און אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט, קלאַפּט, — אַזויווי אַ שטייגער, ער וואָלט עס געווען אַ חתן און וואָלט געשטאַנען איצט לעבן זיין כלה.

דעמאָלט האָט מיט דער ווייב זיינער עפּעס פּאַסירט. זי איז געבליבן דעמאָלט זיצן גאָר אָן לשון. ווי אַן אָפּגענומענע, מיט אַ גרויס פונאַנדערגעעפנט מויל. דאָס פייער איז ביי איר געבליבן נישט אַרויפגעשפּריצט. וואָס האָט די דאָזיקע אומגליקלעכע שוין געקאָנט דעמאָלט טון? זי האָט דאָך געקאָנט טון בלויז דאָס:

דאָס קליידל האָט זי מער קיינמאָל נישט אויפגעניים; די אָנגענומענע סחורה איז שוין אַזוי געבליבן ליגן...

און אין עטלעכע טעג אַרום איז דער פּסח שוין לאַנג פאַראַיבער. עס זענען אַנטשטאַנען הייסע, וואַכנדיקע און נודנע-לאַנגע זומערדיקע טעג. ס'איז איצט סטיסען אוודאי בלויז פאַרבליבן נאָר איינס: ווען זי פלעגט זיך נאָר דערמאָנען אָן דעם, אַרויסצונעמען פון צייט צו צייט די נישט-אויפגענייטע סחורה פונם שופלאָד אַרויס, עס ברייט פונאַנדערלייגן אויף אַן אָנגעזעענעם אָרט און מיט בייזער הנאה צוקוקן: איר מאַן ווערט פּשוט „צולאַפּעט", וואָס די סחורה וואַלגערט זיך אַזאַ לאַנגע צייט אומזיסט-אומנישט... און טאָמער זאָגט ער אַ וואָרט, איז באַלד:

—און געלט אויף אויפנייען דאָס קלייד, פאַרצעדינער מיינער— פלעגט זי אים דעמאָלט מיט אַ פיינטלעך שמייכעלע רייצן — האָסטו? האַ?

די ערשטע קינדער אין אָט דער פאַמיליע זענען אַלע געווען מיידלעך. די שטוב איז געווען פול מיט זיי און מיט זייער מיידלשן קוויטשענדיקן געפּילדער. דעריבער, אַז די מוטער איז טראָגעדיק געוואָרן מיט אים, מיט קודראַוון, האָט דער פאָטער נעבעכן דעמאָלט

גאָט, אַז דאָס ניי־געבוירנס זאָל זיין אַ ייִנגל. ערשטנס, אַ קדיש. צווייטנס, איז אַ ייִנגל נישט אַזאַ יאָך אויפֿן האַלז ווי אַ מיידל: אַ ייִנגל, אַז ער וואַקסט נאָר אונטער אַביסל, קאָן מען אים אַוועקגעבן פֿאַר אַ בעל־מלכא, איז אַראָפּ אַ מויל פֿון טיש, און ער קאָן נאָך אַפֿילו זיין אַ שטיקל שטיצע אינם ענין פּרנסה. נישט אַזוי אַ מיידל, וואָס מער זי וואַקסט אונטער, וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ מער זאָרגן פֿאַרשאַפֿט זי דעם טאַטן. און וואָס וועט שוין זיין שפּעטער, אַז עס וועט שוין געלינגען צו אויסגעבן די קינדער? אַ ייִנגל ברענגט איין, אַ מיידל ברענגט אויס.

נאָר סטיסיע, אַז זי האָט זיך פֿון זיין ווונש דערוווּסט, — פֿון אַ שכנה האָט זי זיך עס דערוווּסט, ווייל זיי, מאַן און ווייב, פֿלעגן שוין זעלטן רעדן איינס צו דאָס אַנדערע — איז כאָטש זי האָט אַליין אויך אַסך מאָל געטראַכט, אַז ס׳וואָלט שוין, כ׳לעבן, צייט געווען צו האָבן אַ ייִנגל אין דער פֿאַמיליע, — האָט זי אָבער באַלד באַשלאָסן ביי זיך, אַז איינמאָל ניין: זי מוז האָבן אַ מיידל.

זי האָט פֿון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן האַלטן שטילע ווייבערשע עצות מיט אַלטע ווייבער זנאכארקעס, האָט אָנגעהויבן איינעמען אַלערליי קרייטעכצער און געטראַנקען אַזעלכע, וועלכע האָבן איר זיכער געזאָלט העלפֿן האָבן דווקא אַ מיידל. מיטן מאַן האָט זי וועגן דעם נישט גערעדט, — זי האָט בלויז נאָכאַנאַנד אַלץ געוואָרפֿן פֿייערדיקע בליציקע אויגן און געשוויגן פֿאַר זיך. ער, דער מאַן סטיסיעס, איז אַרומגעגאַנגען די גאַנצע לעצטע צייט מיט אַ ליכטיקן און פֿריידיקן פּנים. לויט זיינע אויסרעכענונגען אין דעם ענין, און נאָך דעם, ווי ער, פֿון זיין זייט, האָט זיך אויך באַראַטן מיט אַלטע, דערפֿאַרענע לייט, איז ער געווען זיכער: נאָכדעם, ווי זיי האָבן גע־האַט אַזוי פֿיל טעכטער, וועט דאָס איצטיקע קינד זיין אַ ייִנגל. נאָר זי, דאָס ווייב זיינס, האָט יעכידנע געלאַכט אין זיך און אין דער שטיל, זי האָט דאָך געוווּסט, אַז זי גרייט אים צו שוין איינמאָל אַ שפּיצל, אַז די גאַל וועט אים פֿון דעם אַזש פּלאַצן. מער נישט: זי האָט זיך נישט געקאָנט שוין דערוואַרטן די געבענטשטע און געגאַרטע מינוט פֿון געבורטס־ווייען און דעם מאַנס ביטערע אַנטוישונג. האָט זי זיך אָנגעהויבן איילן, מיט אַלערליי מיטלען אונטערצויאָגן אַביסל

די געבורטס-צייט און לסוף אַרויסגעוואָרפן אַ זיבעטל.

דאָס קינד איז געווען אַ יינגל.

קודראָווס מוטער האָט פון יענעם טאָג אָן געפילט אַ גוואַלדי־קע פאַרביטערונג קעגן אַלעמען, קעגן איר מאַן, קעגן דער וועלט, קעגן גאָט.

— אויב גאָט וואָלט אין דער אמתן געווען אַ גערעכטער...

זי האָט געטראַכט, ליגנדיק אין קינפּעט, אַז ס'איז מעגלעך, אַז דאָס עופהלע זאָל סיי־ווי לאַנג נישט לעבן... נישט, אַז זי זאָל האָבן געבעטן גאָט, אַז עס זאָל שטאַרבן, נאָר אַזוי ווי עס איז דאָך סיי ווי אַ זיבעלע, און זיבעלעך בלייבן זייער זעלטן לעבן, איז...

נאָר דאָס עופהלע, נישט אַנדערש, ווי אויף צו להכעיס דער מאַמען, איז נישט נאָר געבליבן לעבן, נאָר האָט וואָס אַ טאָג אַלץ געזונטער געדייעט און געוואַקסן, אויף איר אייגן מילך און בלוט, אויף איר אייגן לייב איז דאָס דאָזיקע ברוין־אומבאַהאָלפן עופהלע, וואָס איז אויף צו להכעיס געקומען אויף דער וועלט, געדייעט און געוואַקסן, האָט נאָכאַנאַנד צוגענומען לייב און געקראָגן שיינע רויטע בעקלעך און אַ דורשטיק, שטאַרק־הונגעריק פּיסקל.

דערפאַר האָט דער מאַן אירער אין אַ קורצער צייט אַרום אָנגעהויבן קרענקען. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ קראַנקער מענטש, האָט פון תמיד אָן געהאַט שוואַכע לונגען, וועלכע זענען געווען דורכגעגעסן מיטן שטויב, קאַלך, וואַפּנע און ליים, וואָס ער פלעגט נאָכאַנאַנד איינאָטעמען בשעת זיין האָנטשעריי־אַרבעט. ער האָט חוץ דעם געהאַט אויך אַ שוואַך האַרץ איבער די שטענדיקע רייסע־רייען מיט זיין פרוי. נאָר ער פלעגט זיך תמיד שטאַרקן, אויפהאַלטן קוראַזש, נישט געוואָלט לאָזן איר זען, אַז ער נעמט זיך אירע רייד צום האַרצן, און אַז ער ווערט פון איר קראַנק. ער איז געווען תמיד אויף דער וואַך קעגן דעם שונא...

אָבער צום סוף האָט ער עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט.

אין בעט איז ער בסך הכל געלעגן עטלעכע טעג. נאָר פאַר אָט דער צייט האָט ער עטלעכע מאָל געמוזט אויסהערן פון זיין

פרוי שטעכעדיקע אָנצוהערעניש, אַז דאָס מאַכט ער זיך בלויז קראַנק, אַז אים „פּאַליובעט" עס, מען זאָל אים פּילנעווען און מען זאָל נאָך אים „אוכאַזשעווען". נאָר קיין כּוח צו זידלען זיך האָט ער איצט שוין מער נישט געהאַט; זיין לעצטער חיות איז אים אַוועקגע־פאַלן מיט יעדער שעה. ער האָט זיך איצט בלויז געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אָט־אָט שטאַרבט ער, און דעמאָלט וועט זי שוין וויסן... זי וועט בלייבן אַן אָרעמע, עלנטע אַלמנה, אַן אַלמנה מיט פינף קליינע קינדער, און זי וועט שוין גענוג אויסגעריסן ווערן פון פיל אַלמנהשע צרות און פאַרדרוסן. אָ, דעמאָלט וועט זי ערשט זען, אַז אָן אַ מאַן איז איר אַ סך ערגער.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער טאַקע געשטאָרבן, קידראָווס פאָטער. געשטאָרבן מיט אָט דער לעצטער פרייד זיינער.

דאָס, זיין פלוצלינגן טויט, האָט אים זיין פרוי שוין קיינמאָל נישט געקאָנט מוחל זיין.

זי פלעגט אַלעמאָל טענהן פאַר זיך, אַז אַזאַ יונגער, געזונטער מענטש ווי ער, האָט נאָך, נישקשה, געקאָנט לעבן אַ סך לענגער, האָט נאָך, נישקשה, געקאָנט אַפילו זי אַ היפּש ביסל אַריבערלעבן... נאָר דאָס האָט ער עס איר אומישנע אָפּגעטון, געשטאָרבן אומישנע פאַר דער צייט, כּדי זי זאָל בלייבן אַ בידנע אַלמנה, אַ מטופּלטע מיט קליינע קינדער, און זאָל זיך שווער מוטשען.

איר כּעס האָט זיך מיט די פאַרלויפנדיקע חדשים און יאָרן, אַלץ געענערט און געענערט, איז געוואַקסן און געוואַקסן, און געשפּייזט זיך פון זיך אַליין, ווייל זי האָט דאָך מיט איר מאַן איצט שוין מער נישט געקאָנט זיך אָפּרעכענען. גאָרנישט: ער האָט איר אָפּגע־טון אַ שפּיצל, איז זיך אַוועקגעשטאָרבן און לאַכט ערגעץ דאָרט פון איר!.. איר איינציקע נקמה אָן אים איז דעריבער געווען, וואָס זי האָט איצט איינגעפלאַנצט אין אירע קינדער אַ שנאה צום בלויזן אָנ־דענק פון זייער טאַטן.

דאָס איז איר אָנגעקומען זייער גרינג. די קינדער זענען נאָך געווען קליין, ווען זייער פאָטער איז געשטאָרבן. די מאַמע האָט זיי

אַליין געדאַרפֿט איצט אויסהאַלטן און דערציִען. די אָרעמקייט אין שטוב האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט. טאָמער פֿלעגן די קינדער בײַ איר אַמאָל בעטן אַ קאָפּיקע פֿאַר אַ נאַשעריי, צי מען זאָל זיי אויפֿנייען אַ גאַנץ בגדל אויף יום טוב, אָדער אַ שיכעלע, פֿלעגט זי זיי גלייך צו אים אָפּשיקן:

— גייט בעט בײַ אייער טאַטן...

— האָט טענות צו אייער טאַטן, וועלכער האָט אייך איבערגעלאָזט אויף מײַן קאָפּ אַזעלכע וויסטע עופֿהלעך...

די קינדער האָבן דעריבער ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צונויפֿשיידן די אָרעמקייט, די קריגערייען און דחקות, וואָס האָבן זיך איצט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט אין הויז, מיט דעם פֿאָטערס טויט. דאָס איז אַלץ ער אין דעם שולדיק. זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן פֿילן, אַז דער פֿאָטער האָט זיי אָפּגעטון אַ שטאַרק מיאוסע זאַך מיט זײַן טויט, — אָט, האָט ער זיך גענומען און איז אַנטלאָפֿן ערגעץ, און זיי אַליין איבערגעלאָזט...

די מוטער קודראָווס איז דעמאָלט געוואָרן אַן אײַנקויפֿערין אויפֿן מאַרק, אַן אײַנקויפֿערין פֿאַר רײַכע באַלעבאָסטעס. זי פֿלעגט זיי תמיד חנפֿענען, אָט די דאָזיקע פֿעטע און רײַכע ייִדענעס אין די אויגן און שעלטן מיט טויטע קללות אונטער די אויגן. אָבער קיין חיונה פֿאַר איר פֿאַמיליע האָט זי פֿון דעם פֿאָרט נישט געקאָנט ציִען.

נאָכדעם, ווי זי האָט זיך עטלעכע יאָר געפּלאָגט אַזוי, זענען זיי אַלע אַריבערגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. דאָ האָבן די שוועסטער געדאַרפֿט גיין צו דער אַרבעט, און אויסהאַלטן דאָס הויז. קודראָוו איז נאָך געווען צו יונג. מ'האָט אים ערגעץ נישט געוואָלט צונעמען אויף דער אַרבעט. האָט ער דערווײַל, ביז וואַנען ער'ט קאָנען אַרויסקריגן „וואָרקינג פּייפּערס“,*) זיך אָנגעטון אין קורצע הייזעלעך, פֿונוואַנען זײַנע דיקע קלאָציקע פֿיס האָבן מאָדנע אומבאַהאָלפֿן אַרויסגעשטעקט, און האָט אָנגעהויבן באַזוכן די פֿאָלקס־שול. די שוועסטער האָבן אים

*) אַן אָפֿיציעלער דאָקומענט, וועלכער באַשטעטיקט, אַז אַ יונגע פּערזאָן איז שוין אין געהעריקן עלטער און מעג זיך שוין ווענדן נאָך אַרבעט.

דערפֿאַר פֿײַנט געהאַט, װײַל ער איז אַן אומזיסט „מויל“ אין שטוב. די מאַמע האָט אים אויך פֿײַנט געהאַט, װײַל ער האָט איר תּמיד דערמאָנט אינם פֿאַרשטאָרבענעם מאַן אירן. װי דער לעצטער, איז קודראָװ אויך געװען אַ שװײַגנדיקער און אַן עקשן. איז דאָ, אין אַמעריקע, פֿלעגט אין שטוב אויך תּמיד פֿאָרקומען צאַנקערײַען. די קריגערײַען, װי בײזע פֿאַרזױלענע שטוב־רוחות, זענען מיט זײ מיטגעפֿאָרן קײן אַמעריקע פֿונם אָרימען פּאָדאָליער שטעטל — בײזע, צונױפֿגעװאַקסענע צװילינגברידער.

אַז קודראָװ איז אונטערגעװאַקסן און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, האָבן זיך די קריגערײַען אין הויז צװישן אים און דער מוטער ערשט נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. די מאַמע האָט געװאָלט, אַז ער זאָל איר אָפּגעבן דאָס גאַנצע פֿאַרדינטע געלט, און ער האָט געװאָלט אַ טײל פֿון דעם האַלטן פֿאַר זיך. אײנמאָל האָט די מוטער דערפֿאַר געװאָרפֿן אויף אים אַ טעפּל, און ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף איר מיט אַ ברויט־מעסער. די מאַמע האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גרויס געפּילדער, אַז איר זון װיל זי קוילענען... די שכנים זענען זיך צונױפֿגעלאָפֿן. קודראָװ איז דעמאָלט אַנטלאָפֿן פֿון הויז אָט װי ער שטײט און גײט — אָן אַ היטל, אָן אַ רעקל, מיט אַ פֿונאַנדערגעשפּילטע איבער־העמד. און מער האָט ער זיך שוין אַהײם נישט אומגעקערט. ער האָט שוין מער קײנמאָל זיך נישט געװאָלט זען מיט זײַן מוטער, און זי האָט פֿון אים אויך מער נישט געװאָלט װיסן, כאָטש זײ האָבן בײדע געװױנט בלויז עטלעכע גאַסן אײנער פֿונם אַנדערן.

מיט דנען האָט זיך קודראָװ מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער באַקאַנט אין דער זעלבער מיטל־שול, װוּ זײ האָבן זיך בײדע געלערנט אין די אָװנטן. זײ האָבן זיך אײנגיכן אַזױ גוט באַפֿרײַנדעט אין דעם גרויסן כּרך, אַז זײ האָבן באַשלאָסן זיך אַריבערצוקלײַבן אויף אײן קװאַרטיר. אַזױ װעט עס, אויסער דעם, קאָסטן ביליקער. זײ האָבן געדונגען אַ צימערל פֿאַר װעלכן זײ האָבן צוזאַמען געצאָלט פֿינף דאָלאַר אַ חודש.

קודראָוו האָט דעמאָלט גראָד איבערגעלעבט אַ שווערע צייט. ער איז שוין עטלעכע חדשים אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. ער האָט אפילו געהאַט אַ גוטע מלאכה אין האַנט — ער איז געווען אַ יוועע־לירער, נאָר אים איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שווערער צו אַרבעטן ביי זיין פאַך. ס׳איז געווען מאָדנע: ער פלעגט נישט קאָנען גלייכגילטיק אַרבעטן אַרום די פערל, די בריליאַנטן און טייערע שטיינער. אָפט, אין מיטן פון אַ דעליקאַטער שלייפונגס־אַרבעט פון עפּעס אַ דימענט, אַ בלויען שטערן־סאַפיר אָדער אַ רובין, אַ געלן טאָפּאַז אָדער אַ רויטן גראַנאַט, אַ פיל־קאָלירטן אָפּאַל אָדער אַ גרינעם עמעראָלד, וועלכע ער האָט געדאַרפט איינפאַסן אין אַ בראַנזלעט אָדער אַ מעדאַליאָן, פלעגט אים אָנכאַפּן אַ מאָדנע ליידנשאַפט, אַן אומווידערשטיילעך פאַרלאַנג, צו צעברעכן אַלץ, וואָס אונטער זיין האַנט, צו צעשטויבן און פאַרניכטן די איידלשטיינער, וואָס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויף טעצעלעך אַרום אים. עפּעס פלעגט ער זיי, אָט די דאָזיקע איידלשטיינער באַטראַכטן, ווי זיינע פערזענלעכע פיינט, — זיינע אייביק־אייביקע פיינט, צו וועלכע ער האָט שוין קריוודעס פון גאָר לאַנג... איינמאָל האָבן די הענט אים אַזוי געביסן און אַזוי געצויגן צו צעשטויסן מיטן העמערל אַ שנירל פערל, וואָס ער האָט גראָד געהאַלטן דעמאָלט אין רייניקן און פּאָלירן, אַז ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט מער איינהאַלטן. דערזעענדיק, אַז אָט־אָט, און דער טייפל איז אים גובר, — און דעמאָלט וועט ער זיך שוין מיטן באַלעבאָס פונם שאַפּ קיינמאָל אין לעבן נישט קאָנען אויסצאָלן, — האָט ער אויף גיך געכאַפּט און אַרויסגעקאַפּעט אַ טראָפּן אָליים זיך אויף דער דלאָניע. אויפן פּאָליצקע ניט ווייט פון אים פלעגן תמיד שטיין גרויסע בייכיקע פלעשער מיט אָלים און אַזאָט־זויער־שטאָף, אין וועלכע ער פלעגט שייערן די רויע אַלמאַזן. אויף דער דלאָניע איז אים כהרף־עין אויסגעברענט געוואָרן אַ טיפע, שמאַרצנדיקע ווונד, און ער האָט וואָכן־לאַנג מיט דער האַנט נישט געקאָנט אַרבעטן.

צום סוף האָט ער יוועלירעריי גאָר אינגאַנצן געמוזט אויפגעבן. דן, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געווען אַ גוטער בעל־מלאכה, אַ מוליער, האָט אים דעמאָלט אַרייגעפירט צו זיך אין שאַפּ, און אים

געהאָלפֿן זיך אויסלערנען דעם פֿאַך פֿון מולערײַ אָבער אַרבעט איז אים שווער געווען צו קריגן: ער פֿלעגט רעגלמעסיק זיך ווענדן אין אַלע אַרבעטס־פֿלעצער, וואָס פֿלעגן רעקלאַמירן אין די צײַטונגען. אַז דער מײַסטער פֿון אַ שאָפּ פֿלעגט נאָר אַ קוק טון אויף קודראָוון, פֿלעגט ער גלײַך זיך אָנהויבן קווענקלען און זיך מתנצל זײַן, אַז אײַגנטלעך איז קיין אַרבעט בײַ אים איצט נישטאָ... די מײַסטער פֿלעגן, אפֿנים, גלײַך דערפֿילן, אַז אַן אַרבעטער מיט אַזאַ פּנים און אַזעלכע אויגן לאָזט זיך נישט קריוודען און באַוואָלהנען, — ס׳איז אײנער פֿון יענע חבֿרהלײַט, וואָס לאָזן זיך אוודאי נישט „שפּײַען אין קאַשע״...

ווען קודראָוו פֿלעגט נישט אַרבעטן, פֿלעגט ער אָפּליגן אויף זײַן בעטל גאַנצע טעג און שווײַגן, כמורנע קוקן אויף דער סטעליע און שווײַגן.

אין אײן אָוונט האָט ער געבעטן דנען, וועלכן ער האָט באַטראַכט ווי אַ ליטעראַרישן מבֿין, ער זאָל איבערלײענען זײַנס אַ פּאַפּירל, וואָס ער האָט אים דערלאַנגט, — אַ פּאַפּירל, פֿאַרשריבן מיט טונקעלע, שווערע, קלאָציקע אותיות. דאָס פֿאַרשריבן פּאַפּירל איז, קענטיק, געווען אַ ליד, און עס האָט געהײסן: „בײז״.

— דאָס ליד הינקט זיכער אונטער לויט אַלע כּללים פֿון מעטער און ריטם, — האָט ער מיט אַ סאַרקאַסטישן פֿאַרקרימטן שמײכעלע צוגעגעבן, נישט קוקנדיק אין דנס זײַט. ער האָט מיט פֿײַנטלעכן שוים אויף די ליפּן אַרויסגערעדט די ווערטער „מעטער און ריטם״, — זײ האָבן דאָך אויך באַלאַנגט צו דער רײַכער וועלט פֿון אָט די יעניקע, וואָס פֿאַרמאָגן אַלץ, אַלץ, — פֿאַרמאָגן אַפֿילו די מעגלעכקײט צו פֿאַרפֿאָלקאָמענען זיך אין דער קונסט פֿון „מעטער און ריטם״.

— אָבער זעסט דאָך... איך האָב עס פּאָרט אָנגעשריבן,
און דן האָט מיט קיל־ווערנדיק בלוט געלײענט:
„עפּן איך אויף מײַן מויל קעגן אײַך —
אַ שוואַרץ, מיאוס לאָך, אַ לויערנדיקער תהום.
גיסט זיך פֿון מיר ביטערע, געדיכטע לעבערדיקײט —
פֿאַרגיפֿטיקט בלוט, פֿאַרגליווערטע גאַל.

האָב איך פאַר אייך גאָרניט. בלויז שנאה אייביקע.
ווער וואָלט געגעבן, און מיין בלוט וואָלט אין מיר אין גאַנצן אויסגעטרוקנט געוואָרן, אויסגעצויגן געוואָרן פון מיר ביז אַ טראָפּן.
און אַלע מיינע אָדערן, און מיין גאַנץ אינגעווייט זאָל אָנגעפולט ווערן מיט סמיקער גאַל.
און איך זאָל אַרומגיין מיין גאַנץ לעבן און אַלע מיינע יאָרן, אין אָט דער צעפוילטער וועלט, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, פון מענטש צו מענטש, און פאַרסמען מיט מיין זיין, מיטן הויך פון מיין ברענענדיקן לייב, ווו איך וועל זיך נאָר באַווייזן, אייך און אַלץ, וואָס געהערט צו אייך.
גאָט — דו גרויזאַמער און מיאוסער — פאַר מיין נשמה און האַרץ, וואָס האָבן אַזוי ווייניק פאַרזוכט די פריידן פון דער וועלט, באשר כאָטש די איינציקע פרייד, — די לעצטע פרייד: זאָל פון מיר אָטעמען מיט סם און אָפּשטאַרבונג, פאַר אָט דער פאַרמיאוסטער וועלט, זאָלן טויט און וויסטעניש פאַר איר נאָכגיין אין מיינע טריט.
פון אייביקער שנאה צו אייך פאַרקריפּלט איז מיין געזיכט, — אַ שנאה אויף אייביק און אייביקייט.
ווייל צו שמייכל און געלעכטער דורך אייך פאַרשטיינערט איז מיין בעזיכט. —
מיין שנאה צו אייך —
אויף אייביק און אייביקייט...״

מיט דנען האָט ער זיך געקאָנט בעסער אויפטראָגן, ווי מיט די איבעריקע באַקאַנטע זיינע. זיי האָבן זיך געפּרוווט באַאיינפלוסן איינער דעם אַנדערנס געשמאַק. דן פלעגט אַלץ צורעדן קודראָוון, ער זאָל לייענען די עסייען פון מ א ט ט י ו אַ ר נ אָ ל ד, פון ט ה אָ ר אָ, פון ע מ ע ר ס אָ נ ע ן... און קודראָוו, פון זיין זייט, פלעגט אים אַלץ צורעדן ער זאָל זיך מער אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן — ער פלעגט אים ברענגען ריזיקע בענדער פון מאַרקסן, די גייסטע ביכער פון וויליאַם אינגליש, וו א ל ל י נ ג און ד ז ש אָ ן ס פּ אַ ר ג אָ, פאַרפלאָנטערטע שווערע סאָציאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען פון

שהאָרסטײַן װעבלײַן, געשריבענע אין אַ מאָדנע־האַמעטנעם און אומגעלומפּערטן ענגלישן סטיל, װאָס האָט שטאַרק דערמאָנט אָן דײַטש, בראָשורן פֿון אַללען בענסאָן און יודזשין דעבס, און נאָך, און נאָך — קודראַװס טישל איז מיט דעם געװען תּמיד פֿאַרלײגט. אױב שױן יאָ ראָמאַנען פֿלעגט ער היפּשזעלכלעך לײענען סינקלערן, און פֿון פּאָעטן פֿלעגט ער, חוץ פֿון עדװין מאַרקהיים בלינד־בלוטיק און באַגײַסטערטע רעדן בלױז פֿון שעללין, — פֿונעם „רע װאָלט פֿונם איסלאַם”, פֿון „טשענטשי”, װעלכע ער פֿלעגט צו הױך, מיט אַ שלעכטן, ביכערישן ענגלישן אַקצענט תּמיד האָלט האָבן צו דעקלאַמירן מיט אַ באַזונדערער װידערשפּענסטיקער הנאה.

קודראַװ האָט דנען סוף כּל סוף איבערגערעדט ער זאָל אַרײַנטרעטן אין דעם סאָציאַליסטישן ברענטש, װוּ יענער איז שױן אַ לאַנגע צײַט געװען אַן אָנגעזעענער מיטגליד און האָט געהאַט די חזקה פֿון אַ שטענדיקן קאָמיטע־מאַן. אַלײן האָט ער געאַרבעט שװער — װען נאָר ס'פֿלעגט געלונגען צו קריגן אַן אָרט — אַ גאַנצן טאָג און פֿאַרדינט בלױז צען דאָלאַר אַ װאָך. בײַנאַכט האָט ער זיך געלערנט אָדער געטון עפּעס פֿאַר דער פֿאַרטײ; געגאַנגען פֿלײַסיק אױף די גאַסן־ראָגן, װוּ עס האָבן געדאַרפֿט פֿאָרקומען מיטינגען, געהאָלפֿן צונױפֿשטעלן אױף דער גיך די רעדנער־פּלאַטפֿאָרמעס אױף די הינערפּיסלעך, פֿונאַנדערטײלן און פֿאַרקױפֿן בראָשורן און פּאַמפֿלעטן, נאָכדעם װי דער רעדנער איז פֿאַרטיק געװאָרן.

פּערזענלעך האָט ער אָבער װײניק הנאה געהאַט פֿון דעם לעבן. — ער האָט בכּלל נישט געהאַט קײן פּערזענלעך לעבן. ער האָט זיך געפֿילט שטאַרק געקריװדעט פֿון דער װעלט, נאָר ער האָט זיך געטרײסט, אַז ער — די פֿאַרטײ פֿונם אַרבעטער־קלאַס — װעט זיך נאָך אַמאָל אָפּרעכענען מיט אָט דער װעלט, װאָס באַשטײט פֿון די יעניקע, װאָס פֿאַרמאָגן און באַזיצן, — דער װעלט פֿון די רײַכע, די גליקלעכע, די זאַטע, די צופֿרידענע, די שמײכלענדיקע... זײַן אײנציקע טרײסט און האָפֿנונג איז דאָך געװען, װאָס ער איז אין אַ פֿאַרטײ פֿון אױפֿשטאַנד, פֿון װידערשפּעניגונג. ער פֿלעגט אין זײַנע געשפּרעכן באַגרינדן זײַנע איבערצײַגונגען אױף שטיקלעך און פֿרענדלעך פֿון „װיסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם”: ער פֿלעגט נישט גלױבן, אַז

זיינע איבערצייגונגען האָבן זיך אָבער אין דער אמתן געגומען פון דער שנאה, וואָס איז אין זיין בלוט נאָכאַנאַנד געוואַקסן און גע־שפּראָצט, צו אָט יענע זאַטע און אַלץ־פאַרמאָגנדיקע; פונם געפיל פון געקריוודעטקייט דורך אָט דער וועלט, — אַ געפיל, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט.

ער פלעגט זיך תמיד טוליען צו דבען, און האָט אפילו געצי־טערט איבער זיין פריינדשאַפט: אים פלעגט זייער שווער אָנקומען שליסן באַקאַנטשאַפט מיט עמעצן, און נאָך מער — זיך באַפריינדן מיט יענעם. ער האָט זיך געשראָקן פאַר מענטשן, און האָט זיי ניט געגלויבט.

מיט מיידלעך פלעגט אים גיין שלעכט. ער האָט ביי זיי גע־האַט דעם קלענסטן ערפאָלג. ער האָט נישט געהאַט קיין צוגאַנג צו זיי. ער איז געווען אַ ברענענדיקער, אַ ליידנשאַפטלעכער, און דאָס בלוט איז אין אים תמיד געווען אויפגערעגט. אויף מיידלעך פלעגט ער בלויז גלאָצן מיט פייערדיקע אויגן. יונגע מיידלעך פלעגן אַנט־לויפן פון אים. עפעס האָבן זיי געהאַט פאַר אים און פאַר זיין ברע־נענדיקן ליידנשאַפטלעכן קוק אַ געהיימען שרעק. און אים האָט דווקא נאָר געצויגן צו יונגע, צו גאָר יונגיטשקע מיידלעך. פון עלטערע מיידלעך — וועלכע האָבן פון לאַנגער דערפאַרונג געוווּסט, אַז אָט־אַזאַ־אָ איינעם איז ערשט גרינג צו פאַרדרייען דעם קאָפּ—פלעגט ער זיך מיט שנאה אָפּקערן, ווי פון זיין באַשערטן גורל. אויך צוליב דעם האָט זיך קודראָוו נאָך מער דערנענטערט צו דבען. אים פלעגט גוואַל־טיק אימפּאָנירן דאָס, וואָס דן האָט „אַזאַ ערפאָלג" ביי פרויען. כאָטש דן אַליין, דער פאַרחלומטער, האָט פון דעם „ערפאָלג" זיינעם גאָר נישט געוווּסט: ער האָט זיך נאָך זיי נישט געיאָגט, און זיי זענען פון אים נישט אַנטלאָפן.

ווען קודראָוו האָט זיך פון דעם דערוווּסט, האָט אים אָנגע־הויבן נאָך מער ציען צו אים: נישט אַנדערש, ווי דן איז געבוירן געוואָרן, האָט קודראָוו צו זיך געזאָגט, אין אַ זיידן העמדל. אים „גליקט". דאָס איז געווען קודראָווס איינציקע טרייסט. מיט דבען איז עס בלויז „מזל". האָט ער זיך נאָך נעענטער געטוליעט צו דבען; טאָמער וועט אפשר אַ ביסל פון יענעמס מזל אויך צו אים אַריבער־

גיין. ס׳איז אָבער נישט אַריבערגעגאַנגען.

קודראָווס פֿאַרבאַהאַלטענע קנאה צו דנען האָט זיך דעריבער אַלץ געשטאַרקט. ער האָט זיך פֿונדעסטוועגן אַלץ געהאַלטן אָן אים, אָן דנען, אים מורא געהאַט אָפּלאָזן, געקלעפּט זיך צו אים. אומבאַ־פֿרידיקטע, שטאַרקע תּאווה האָט נאָכאַנאַנד געפֿלאַקערט אין אים און אים נישט אָפּגעלאָזן. ער פֿלעגט צושטיין צו דנען, יענער זאָל אים כאָטש געבן אַדרעסן פֿון פֿרויען, וואָס פֿאַרקויפֿן זייער ליבע, אויב ער קאָן אים נישט באַקאָנען מיט שיינע „אָנשטענדיקע״ מיידלעך. ווען דן האָט אים געענטפֿערט, אַז ער ווייסט נישט פֿון אַזעלכע, האָט אים קודראָוו נישט געוואָלט גלויבן. ער האָט פֿאַרדעכטיקט, אַז דן פֿאַרבאַ־האַלט אַלץ פֿאַר זיך... ער האָט זיך פֿונדעסטוועגן אַלץ געהאַלטן נאָענט צו דנען. האַלטנדיק זיך נאָענט צו אים, האָט קודראָוו געהאַט די אילוזיע, אַז ער דערנענטערט זיך פֿאַרט דורך דעם צום לעבן. דנס „גליקן״ אין אַלץ האָט אים אפֿילו פּערזענלעך באַליידיקט; נאָר בישקשה — ער וועט זיך נאָך אַמאָל אָפּרעכענען מיט דנען אויך, אָט פּונקט, ווי מיט דער גאַנצער וועלט.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע, אָנגעשטרענגטע באַ־ציונגען צווישן דנען און ראיען, האָט עס קודראָוון שטאַרק געפֿרייט. בכלל, אין יענעמס צער פֿלעגט ער אַלעמאָל זען אַ שטיקל טרייסט פֿאַר זיין אומבאַפֿרידיקט, געקריוודעט לעבן. ער האָט נישט פֿאַרשטאַ־נען געענוי, וואָס עס קומט פֿאָר צווישן זיי ביידן, צווישן ראיען און דנען. ער האָט אָבער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ראיע האָט זיכער אָוועקגעוואָרפֿן דנען, האָט אים „געוויזן די טיר.״ אַזוי, הייסט עס... האָט ער טאַקע ענדלעך דערלעבט אָן דנען אַ שטיקל נקמה... דע־מאָלט איז עס ביי אים איינצייטיק אויך געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, ער זאָל געווינען ראיעס ליבע פֿאַר זיך.

ווען ער האָט אַנומעלט אונטערגעהערט ראיעס ווערטער צו דנען אויפֿן באַנקעט פֿון דער ספּענסער-געזעלשאַפֿט, די זיכערקייט מיט וועלכער זי האָט עס געזאָגט, אַז „אין אַ פּאָר וואָכן צייט איז ער ביי מיר אַ פּאַרטיקער״, — האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער

גאַנצער קרענקלעכער, איבערגעטריבענער שטאָלץ-געפיל פון איינעם, וועמען דאָס לעבן האָט שטאַרק באַעוולהט און געקריוודעט.

— זי דענקט, הייסט עס, אַז פאַר אים וועט עס אוודאי זיין אַ גרויסער, נישט-געריכטער גליק, ווען זי וועט אים צווואַרפן אַ שמייכל... זי איז זיכער, אַז ער וועט צופאַלן צו דעם מיט אַזאַ זשעדנעקייט, ווי אַן אויסגעהונגערטער הונט...

ווייל קודראָוו האָט דאָך געוווסט, אַז דאָס איז טאַקע אמת. האָבן אים ראיעס פאַרגעדענקטע רייד געשניטן מיט מעסערס, געשניטן באַכאַנאַנד און אומאויפהערלעך. ער האָט דעריבער ביי זיך אָפּגעמאַכט זיך היטן פאַר איר, זיך האַלטן פון דער ווייטן פון איר, נישט דערלאָזן איר זיך אויסלאַכן פון אים... אָ, ער וועט דערוויזן איר, אַז ער איז, נישקשה, נישט קיין בעטלער, נישט קיין הונט...

נאָר פונדעסטוועגן: זינט יענע אונטערגעהערטע רייד אויפן באַנקעט, האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט אַ גרויסע, אַ ברענענדיקע אומרו. ס'האָט אים אָנגעהויבן ציען צו איר, צו ראיען מיט אַ גרויסער אומווידערשטייטלעכער קראַפט, אוודאי, דאָס האָט אים אייגנטלעך געצויגן צו איר בלויז איינאונאיינציקער פאַרלאַנג: דערוויזן איר, אַז זי נאַרט זיך אין אים, אַז ער קאָן זיך נאָך פון איר אויסלאַכן... נאָר ער האָט זיך סוף כל סוף אויך אַריינגעפּלאָנטערט.

ה

כמעט די גאַנצע צייט, וואָס דן און מאָנאט האָבן דאָ איצט אויף דער ווערענדע געשמועסט וועגן די הויכע, אַבסטראַקטע ענינים, איז ער, קודראָוו, געווען גאָר פאַרטיפט אין אָט דעם פּלאָנטער, וואָס האָט זיך אין אים און אַרום אים די לעצטע פּאָר חדשים אָנגעהויבן קנוילן, און צוליב וועלכן ער פלעגט לעצטנס יעדע פּאָר וואָכן, מיט אַלערליי אויסריידן, פאַרלאָזן פרינסעס-בעי אויף אַ פּאָר טעג און אָפּפאָרן קיין ניו-יאָרק. ער האָט אויך איצט, זיצנדיק גאָר נישט ווייט פון דנען, שוין וויניק געטראַכט פון אים און זיינע טענות צו מאָנאַטן, — ער האָט גאָר געטראַכט וועגן איינער אַ נאַכט, אַ פאַרבראַכטער מיט עטלעכע וואָכן צוריק אין ניו-יאָרק, אין בראָנקס-פּאַרק, מיט ראיען.

ער האָט אַלץ געזוכט און אויסגעפּרובירט אַלערליי אופנים, ווי זיך צו באַגעגענען מיט איר. ער פלעגט שעהן גאַנצע אָפּשטייי ביי דער אַריינגאַנג-טיר צו דער אָוונט-שול, וועלכע זיי פלעגן אַמאָל אַלע צוזאַמען באַזוכן, ביז ער האָט אויסגעפונען, אַז ראיע האָט לעצטנס פאַרלאָזן די שול. ער פלעגט באַזוכן די הייזער פון אַלערליי האַלב-באַקאַנטע און גאָר פרעמדע באַקאַנטע. ער פלעגט יעדעס מאָל גיין אויף אַן אַנדערן באַל — אין אָט די אַלע ערטער האָט ער זי אומזיסט געהאָפט צו טרעפן. ביזקל ער האָט זיך באַשלאָסן.

קומענדיק דאָס מאָל קיין ניו־יאָרק, האָט ער איר תיכף אָנגעקלונגען דורכן טעלעפאָן, אויסמערקירנדיק דערביי די צייט, ווען דער מאַן אירער איז נישטאָ אין דער היים. „ער האָט פאַר איר אַ גרוס פון דנען", האָט ער איר קורץ דערקלערט. „זי וועט דאָך זיכער קומען צולויפן, ווי אַן אונטערגעשאָסענע, צו זען מיך", האָט ער מיט קנאה און נישט-פאַרגינערישקייט צו דנען באַמערקט צו זיך. ראיע האָט גלייך געמאַכט מיט אים טעלעפאָניש אַ באַשטעלונג.

נאָר די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געוואַרט אויף איר אויפן באַשטימטן פּלאַץ, האָבן אים שוין נישט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן נאָכאַנאַנד אָט די ווערטער אירע צו דנען, וואָס ער האָט אין יענעם אָוונט אונטערגעהערט, — שרעקנדיקע און צוציענדיקע, קילנדיקע און אויפרעגנדיקע ווערטער...

— ווילסט זען, דן? אָט אָ דער פאַנאַטישער, לאָבוזאָוואַטער סאָציאַליסט — איינס און צוויי מאַך איך, אַז ער זאָל זיך פאַרליבן אין מיר.

אַז זי איז צו דער באַשטימטער שעה אַרונטערגעקומען צו אים, אַ פרישע אַזאַ און אינגאַנצן אַן אויפרעגנדיקע, פאַרשפּרייטנדיק פון זיך אַן אויפצאַפּלענדיקן יונגן פּרויען־ריח, האָט זיין האַרץ גלייך אין אים אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן. זי האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל און האָט שוין די גאַנצע צייט גאָר פריינדלעך געשמייכלט צו אים. נאָר ער האָט זיך גלייך איינגעפאַנצערט: ער האָט באַשלאָסן צו זיין אויף דער וואַך, זיך היטן פאַר איר.

ער איז געגאַנגען ביי איר זייט שטייף, מיט אויפגעבלאָזנקייט און איבערגעטריבענער זעלבסטווערדע. זייער ראַנדעוו־אָרט איז גע-

ווען אַ פאַרלעגענער טייל פונם באָטאַנישן גאָרטן אין די בראָנקס, זיי האָבן שווייגנדיק געקלעטערט אַזוי אַ לענגערע צייט אויף צוגראָ־בענע בערגלעך, אויף אָנגעהויפטע שטיינער, אויף פלאַכע פעלזיקע טעראַסן. קודראָוו האָט באַלד באַשלאָסן, אַז אַזוי טויג עס נישט, אַז מען דאַרף פאַרפירן אַ געשפרעך.

— איר ווייסט, פאַרוואָס דאָ איז אַלץ אַזוי צעגראָבן? דאָס גייט מען דאָ מאַכן אַ וווּנדערלעכן גאָרטן... אַ גאָרטן אינם סטיל פון די אַלטע יאַפּאַנעזישע פאַמיליען-גאָרטנס, מיט אָפענע טיי-הייזער, מיט רייכע, פאַרפּוצטע בודדא-טעמפּלען... מיט קאָלירטע לאַמטערנעס, מיט סאַזשעלקעס, מיט לאָטאָס-בלומען, מיט קאַרליקעס-ביימלעך, מיט הייליקע פאַמיליען-שטיינער, מיט... מיט... — אַזאַ געשפרעך, האָט קודראָוו געטראַכט, וועט איר זיכער געפעלן ווערן.

ראַיע האָט אָן אַ זייט, פאַר זיך, מיט הנאה געשמייכלט: אָט די דאָזיקע אַלע אָווערטיורעס פון זיך-פאַרליבנדיקע בחורים האָט זי שוין גוט, צו־גוט געוווּסט...—נו, אויב אַזוי, איז שוין רעכט, — דער אָנהויב איז שוין אַ גוטער.

זי האָט שוין ביי זיך פון פריער געהאַט באַשלאָסן, אַז קודראָוו זאָל זיך אין איר פאַרליבן. זי וועט זען זיין צו אים גוט. זי וועט זען געווינען זיין צוטרוי. זי האָט נאָך ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים פאַרשטאַנען, אַז קודראָוו איז אַ מענטש אַ פאַרעקשנטער און אַ פאַנאַטיקער. איז וועט זי זען אים מאַכן גלויבן, אַז זי שטימט איין מיט אים אין אַלץ, — מיט אַלע זיינע אידעען. נישקשה, זי האָט דאָך אויך געהערט עטוואָס וועגן סאָציאַליזם. —

מיט זייער אַן אומשולדיקער מינע, פאַראינטערעסירט ביז גאָר אין קודראָווס רייד, האָט זי אים געענטפערט:

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַלץ זייער שיין, אָבער ווען מען באַ־טראַכט זיך, אַז דאָס וועט דאָך אָפּקאָסטן אַ סך געלט, אַן אוצר אַ גאַנצער... און איר ווייסט דאָך, קודראָוו: צאָלן דערפאַר וועלן סוף־כל־סוף מוזן די אָרימע אַרבעטער... דאָס מיינט: נאָך העכערע צינזן און שטייערן פאַר זיי, — נישט אמת?

אים האָט זיך פונדעסטוועגן אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס לאַכט זי גאָר אָפּ פון אים, אַז דאָס איז גאָר אַ שטאָך זיינע סאָציאַליסטי־

שע איבערצייגונגען. ער איז דעריבער ווידער געוואָרן שטייף, ווידער אויף דער וואָך, ווי אַ קראַב, וועלכער דערשמעקט אַ שונא. זי דענקט דאָך, אפנים, אַז דאָס איז ער געקומען אין שטאָט, ווייל אים האָט זיך פאַרגלוסט צו זען זי?... מיט אַ כּיוון האָט ער נאָכאַמאָל איבער־געחזרט אין אַ גלייכן קול, קאַלט און געשעפטסמעסיק:

— יאָ, איז בין איך, הייסט עס, טאַקע ספּעציעל געקומען אַהער צו אייך, אייך איבערגעבן אַ פּערזענלעכן גרוס פון דנען... איך האָב משער געווען, אַז איר זייט דאָך זיכער נייגיריק צו הערן פון אים?

אויף דעם האָט זי געענטפערט, אַז ס'איז נישט אַזוי געפער־לעך, אַז צוליב דעם האָט ער זיך אייגנטלעך ניט געדאַרפט מטריח זיין, אַז ס'איז שוין אָלרייט... זי קריגט דאָך אַליין פון אים בריוו יעדן טאָג, אָדער כּמעט יעדן טאָג.—אַרויסזאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז זי אפילו קיין ברעקל ניט רויט געוואָרן.

און דערנאָך, נאָך עטלעכע איבערגעחזרטע פאַרזוכן פון זיין זייט אַרויפצוברענגען אַלץ דאָס געשפּרעך אויף דנען,—פאַרזוכן וועל־כע זי האָט קלוג-טאַקטיש, אָבער קאַלט און שאַרף אָפּגעשטעלט, — האָבן זיי פון דנען שוין מער ניט גערעדט, ווי ניט ער וואָלט גאָר איצט זייערע ביידנס מוחות אויסגעפּולט. ס'איז געוואָרן אָוונט, טונ־קעלער און קילער. דאָס געשפּרעך האָט זיך שוין ביי זיי אַ לענגערע צייט עפּעס ניט געקלעפּט.

— מיר איז קאַלט,—האָט ראיע פּלוצלינג געזאָגט, און גענומען קורדאָוון אונטערן אָרעם. אַזאַ קליינינקע, אַזאַ דינינקע איז זי גע־ווען, אַזאַ בויגעוודיקע און שמעקנדיקע אינם אָוונט... פון דער זייט, פאָרזיכטיק, האָט קודראָוו אויף איר געקוקט. ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל עס נאָך ניט באַמערקן. ער האָט זיך בשום אופן ניט גע־קאָנט פאָרשטעלן, וויאַזוי עס קאָן מעגלעך זיין, אַז אַזאַ יונגע און שיינע פרוי זאָל אים ליב האָבן. דאָס האָט אים אָנגעשטימט איצט זייער פאַרביטערט קעגן איר.

נאָר ראיע האָט שוין בשעת מעשה געטראַכט עפּעס גאָר אַנדערש:

— פאַרוואָס ניט,—האָט זי געטראַכט—זי וועט מיט אים טאַקע

יאָ אַביסל פלירטעווען. ערשטנס, איז עס טאַקע ממש אַ פאַרגעניגן צו צווינגען אַזאַ שווערן און אומגעלומפּערטן מאַנסביל זיך צו פאַרליבן. אָ, זי ווייסט שוין פון לאַנג, אַז ווען אַזעלכע שווערע און אומגעהובלע־וועטע מענער פאַלן, פאַלן זיי שוין מיט אַ הילך... און צווייטנס...

צווייטנס, איז איר אַזוי אומעטיק איצט, נאָך דעם אַלעמען, וואָס ס'האָט אַזוי אומדערוואַרט פּאַסירט צווישן איר און אַלעקסן... זייער פלוצלינג חתונה האָבן.. גאָט, ווי אומעטיק און שווער... און מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן.,. און דאָס האַרץ טוט אַזוי וויי פאַר דנען, כאָטש ער איז אין דעם אַליין שולדיק.

און איבריקנס: זי וועט דאָך אים, קודראָוון, סיי־ווי מער ניט זען, ווי היינטיקס מאָל. טאָ וועט זי כאָטש אַ שטיף טון היינטיקן אָוונט... וועט זי פאַרגעסן זיך אויף אַ ווײַלע אָן אַלץ, אָן אַלץ,—אָן דעם פאַרפאַלענעם שריט אירן, אָן אַלע אירע צרות און ליידן...

אַז ס'איז געוואָרן נאָך טונקעלער, איז זי צו קודראָוון געוואָרן נאָך מער צוגעלאָזן און איידל. נאָר וואָס מער זי איז צו אים צוגעלאָזן געוואָרן, אַלץ מער האָט ער געפלאַמט און געפּייניקט זיך פונם געדאַנק, וואָס ער האָט אַ מיאוס פנים, אַ געשטופּלטס און אַ צוקאַרבטס, ווי ער וואָלט ערשט פון אַ פּאָקנקרענק אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך געפילט ביי ראיעס זייט, ווי אַ נעגער־באַדינער, וואָס באַגלייט זיין האַרינטע. דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט. ביי אים איז מיטאַמאָל אויפגעשטיגן אַ ביטערער פאַרלאַנג צו שלאָגן זי.

זי האָט אים געפירט אויף אומבאַקאַנטע שטעגן אין פּאַרק. קודראָוו האָט ניט געוווסט, וווהין ער גייט. ער האָט זיך אָן ווילן נאָך איר נאָכגעשלעפּט. אַז זיי זענען שוין געווען טיף אין פּאַרק, ערגעץ אין אַ פאַרלעגענעם, בלעטער־באַדעקטן אָרט, איז איר פלוצלינג נישטגוט געוואָרן. זי איז שיר ניט אומגעפאַלן. „מיר איז שלעכט”, האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט, און זיך אַ שאָקל געטון אין זיין זייט, גרייט אומצופאַלן. „דאַכט מיר, אַז איך וועל באַלד חלשן”, האָט זי קוים אַרויסגעאָטעמט.

קודראָוו האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען, וועלנדיק זי אויפהאַלטן. מיט איר נאָכגיביקן, אָפּגעלאָזענעם און ווייכן קערפּער האָט זיך ראיע אָן אים שווער אָנגעשפּאַרט. ער האָט אינגאַנצן געברענט.

ער האָט זי אַרומגענומען, זיך אָבער באַלד דערשראָקן פאַר זיין אייגענעם מוט. און האָט צוגעכאַפּט די הענט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין זיי הייסע קוילן. ער האָט ניט געוווסט, וואָס צו טון מיט איר. זי האָט זיך, קענטיק, קוים געהאַלטן איצט אויף אירע פיס, ווי אַ שוואַך שטעקעלע. האָט ער זי ווידער אַרומגענומען און זי פּאַמעלעכן אַנידערגעזעצט אויף אַן אויפגעהויבענעם, באַגראָזטן אָרט דערביי.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן איר, זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיינע אַקסלען. „מיר איז ניט גוט, קודראָוו, מיר איז עפּעס ניט גוט", האָט זי געשעפּטשעט. און פאַרהלשט פאַרמאַכט די אויגן.

קודראָוו איז געזעסן לעבן איר שווער, אומבאַוועגלעך. ער האָט מורא געהאַט אַ ריר צו טון פון אָרט, טאָמער גליטשט זיך איר קאָפּ אַרונטער פון זיינע אַקסלען. ביסלעכווייז האָט זיך אָבער איר קאָפּ סיי־ווי אַרונטערגעגליטשט פון זיינע אַקסלען,—ער האָט אַליין נישט געפילט וויאַזוי, נאָר ער איז געבליבן ליגן ביי אים אין שויס.

ס'איז געווען שטיל אַרום. פּלוצלינג האָט זי אויף אַ ווילע געעפנט די אויגן אירע און אַרויפגעקוקט צו אים. מיט האַלב־פאַרמאַכטע וויעס, ווי פון שלאָף אויפגעוועקט, האָט זי אַרויסגעזאָגט אין אַ אָפּגעשוואַכטער, זיך־לאַשטשענדיקער שטים:

— אָ, קודראָוו... ס'אַרע וואונדערלעכע, גלאַנצנדיקע און גרויסע אויגן איר האָט, קודראָוו, פּונקט ווי ביי אַ שפּאַניער... כ'האָב נאָך קיינמאָל, ביי קיין מאַן, נישט געזען אַזעלכע אויגן... מען קען זיך דאָך אין אייך פאַרליבן בלויז פאַר אייערע אויגן אַליין.

און זי האָט באַלד ווידער אַרונטערגעלאָזט אירע וויעס און איינגעדרימלט. דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, האָט זי גערעדט, הייסט עס, בלויז פון שלאָף... אין דרימל האָט זי געמוזט האָבן שווערע חלומות, ווייל זי האָט אַלע ווילע שווער געקרעכצט און זיך אַלץ שטייפער און שטייפער צוגעדריקט צו קודראָוון.

אַז זיי האָבן זיך גאָר שפּעט ביינאַכט געזעגנט, האָט קודראָוו שוין איר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט איר לאָזן וויסן, ווען ער וועט נאָכאַמאָל קומען קיין ניו־יאָרק.

— זאָל איך איבערגעבן דנען אַ גרוס פון אייך? זאָל איך זאָגן אים, אַז איך האָב אייך געזען?

ראַיע האָט אים אַ לענגערע ווײַלע שווײַגנדיק אָנגעקוקט מיט אירע ברייט־אָפענע, פּײַלט־גלאַנציקע אויגן. די אויגן אירע זענען געווען אין אָט דער אנגעשטרענגטער מינוט אַזוי שטאַרק וואַכנדיק און האָבן אַזוי ליכטיק געברענט... ס'איז שוין געווען שווער צו גלויבן, אַז זי איז בלויז מיט אַ קורצער ווײַל צוריק געשלאָפן... זי האָט אויף אים באַכאַנאַנד און וויכטיק אַזוי געקוקט. און קוקנדיק אַזוי אויף אים, בלויז אַרויסגעזייט פון די צונויפגעשנירעוועטע ליפעלעך אַפּאָר געלאָסענע, גלייכגילטיקע ווערטער:

— כ'ווייס... טוט, ווי איר פאַרשטייט.

ו

געדאַנקען לויפן, געדאַנקען פליען. דאָס אַמאָליקע, דאָס דורכגעלעבטע, שוין אַשיקע לעבן בליצט ווידער אויף — קליינע, דינע פייער־פּאַסן. אַ גאַנץ אויסגעברענט לעבן פון יאָרן און יאָרן לויפט דורך אין רגעס, אין מינוטן.

ס'האָט זיך ווידער דערהערט פון דער ים־טונקל דאָס פּליאָשקענדיקע קלאַפּן פון רודערס. דער אַלטער פאַרנעל האָט זיך ערשט אומגעקערט פון זיין ים־נסיעה און האָט מיטגעבראַכט די אַאַלן־טעפּ.

דאָס דאָזיקע קאַלטע, דורות־אַלטע באַרויקענדיקע קלאַפּן פון די רודערס האָט מאָנאַטן געבראַכט צו זיך. ער האָט באַמערקט די שטילקייט, וואָס האָט געהערשט שוין אַ לענגערע ווײַלע אויף דער וועראַנדע, אים האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט פריער מיט אַ קורצער ווײַלע אָנגעוווירן זיין גלייכגעוויכט. אפשר, האָט ער געטראַכט, זענען דעריבער אַנטשוויגן געוואָרן דן און קודראָוו ווייל ער, מאָנאַט, האָט זיך אַזוי צוקאָכט.

— לאָמיר אייך בעסער דערציילן — האָט מאָנאַט איצט אָנגעהויבן מיט איבערגעטריבענער פריילעכקייט, וועלנדיק פאַרשפרייטן אַביסל מער געמיטלעכקייט אויף דער וועראַנדע — לאָמיר אייך בעסער דערציילן, וויאַזוי איך האָב היינט געהאַט אַ גליקלעכן טאָג. הערט...

שוין עטלעכע טעג, אַז ער גייט אַזוי אַלץ אַרום אָן אַ ציל

איבער די וועגן פון סטייטן איילענד. ער רוט זיך, זאָגט ער, אַביסל אָפּ פון זיין אַרבעט דאָ, ביים ים, פון דער „פּאָליטיק", פון די יוניאָן־פּאַרדרייעניש... ער וועט נאָך, נישקשה, דאָ האָבן גענוג אַרבעט, גענוג טראָבל... רוט ער זיך, הייסט עס, דערווייל אָפּ.

— כ'דערווייטער אַלע מיינע געדאַנקען פון דעם פאַרשטייענדיקן טומל...

מרס. פּאַרנעל האָט אים געזאָגט, אַז דאָ ערגיץ אין אַ וועלדל—רעגירונגס-אייגנטום—געפינט זיך אַן אַלטע שטיינערנע קירך, וואָס אַלטע האָלענדישע פּיאָנערן-קאָלאָניסטן האָבן זי נאָך מיט אַפּאָר הונדערט יאָר צוריק אויסגעבויט. ער האָט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געזוכט, און היינט איבערפרי געפונען—און געזען:

די קירך איז שוין באַלד איינגאַנצן פאַנאַנדערגעפאַלן. זי איז אויסגעבויט פון אַזעלכע קיילעכדיקע און ווינקלדיקע שטיינער, ניט קיין אַרומגעטעסעוועטע, נאָר רויע, ווי ערשט פון פעלזיקן באַרג אויסגעריסענע, שטיינער דורכויס באַוואַקסענע מיט לישאַיעס, מיט מאָכן און גרינעם שימל... אַ בנין וואָס זינקט וואָס אַ יאָר אַלץ טיפער און דער ערד אַריין.

אַ פּויזע. מאָנאַט לאָזט אַביסל אַרונטער זיין שטים, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

— ס'איז מיר געווען גוט אַזוי... תמיד, ווען איך קוק אויף איינפאַלנדיקע בנינים, ווערט ביי מיר דאַמאָלס שטאַרקער דער חשק צו לעבן...

ביידע, אי קודראָוו, אי דן, האָבן זיך מיט אינטערעס איינגעהערט אין זיינע רייד, זיי האָבן זיך נאָר געוווּנדערט, קעגן וואָס דערציילט ער עס זיי אַלץ.

דערווייל, אַרומגייענדיק אַזוי איבער די שיינע אַספאַלטענע טראַקטן פון סטייטן איילענד, האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָ אויפן אינזל, אין אַ צפונדיקער ריכטונג פון פּרינצעס־ביי, לעבן דער סטאַציע קוגענדייל, געפינט זיך אַ שול, אַ יידישע שול...

—יאָ... איז, הייסט עס, מאָרגן גייט ער אַהין... ווער וויל מיטגיין?

קודראָוו גיט אַ קוועטש מיט די אַקסלען און קוקט אָן דנען

ביידע שוויגן. מאָנאַט זעצט פאָרט:

— מען זאָגט: ס'איז אַן אַלטע יידישע שול... זי איז געבויט אין דעם מאווריטאַניש-ביזאַנטישן סטיל, ווי די שולן אינם מיטלאַל-טערלעכן שפּאַניען. מסתּמא איז זי טאַקע אויסגעבויט געוואָרן דאָ אַמאָל פון איינגעוואַנדערטע שפּאַנישע יידן...

דעם גאַנצן וועג צוריק אַהיים האָט ער געטראַכט, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן האָבן געקענט זיין די יעניקע, וואָס האָבן די דאָזיקע שול אויסגעבויט? וויאַזוי האָבן זיי זייער גאַנץ לעבן דאָ, אינם פרעמדן לאַנד, אָפּגעלעבט? מיט וואָס פאַר אַ בענקשאַפטן איז זייער לעבן געווען אָנגעפילט?

— דאָס לאַנד אונזערס ארום, גאַנץ אַמעריקא, באַשטייט דאָך פון שטיקער און שטיקער אַזעלכע בענקשאַפטן... פון בענקשאַפטן נאָך אַלערליי היימען און לענדער, פון פאַרווירקלעכטע אָדער בלויז אָנ-געדייטעטע, שטיקער בענקשאַפטן, פון תּמידער ציִעניש נאָך געבורטס-שטעט, נאָך איבערגעלאָזענע היימאַטן, נאָך פאַרדערצייט אָפּגעשניטע-נע יאָרן... אַזוי פיל מענטשן אין אונזער לאַנד גייען דאָך אַרום מיט אויגן, וואָס זענען פאַרנעפּלט און בלינד צום אַרום: זיי זענען פאַרטיפט אין זעאונגען פון אַנדערע, אויף תּמיד פאַרשווונדענע לענדער...

מאָנאַט איז ווידער שטיל געוואָרן.

— נעמסט מיט זיך מאָרגן מיט, מסתּמא, אַ טלית און תּפילין זעקל? — האָט זיך קודראָוו אַ וויצל געטון און אַ קוק געגעבן אויף מאָנאַטן מיט אַ פון-אויבן-אַרונטערדיקן בליק.

מאָנאַט האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. ער האָט בלויז איידל צוגעשמייכלט.

— וואָס מיינסטו... ס'איז אַ געדאַנק, — האָט ער שמייכלענדיק צוגעגעבן. — אַן איינפאַל... כ'האָב גאָר וועגן דעם פריער ניט גע-טראַכט...

און דנען האָט עס מיטאַמאָל אַ ציִ געגעבן, אַ צופּ געגעבן ביים האַרץ. זיין מוח האָט אינמיטן מאָנאַטס דערציילונג אַוועקגעוואַנדערט. ער האָט געטראַכט, אַז מיט יאָרן צוריק האָט ער דאָך אין די שולן און בתּי-מדרשים פאַרבראַכט ריינע, באַגייסטערטע, הייליקע יוגנט-טעג. יוגנט-טעג, ווען אַלץ איז געווען קלאָר, און דער גלויבן-

אַ שטאַרקער. לויטערע טעג אַזעלכע, קלאָרע יוגנט-טעג, ווען די שאַרפע שפּיצן פון צווייפלען אַלערליי האָבן זיך אין אים נאָך ניט אָנגעהויבן אַריינעסן. און אים האָט זיך מיטאַמאָל פאַרוואָלט צו גיין אין אָט יענער שול, פון וועלכער מאָנאַט האָט אים אָקאָרשט דערציילט.

ער האָט געפרעגט ביי מאָנאַטן, אויב די שול איז אַן אָרטאָדאָקסישע אָדער אַ רעפאָרמירטע שול.

— אויב ס'איז אַן אָרטאָדאָקסישע, וועט ער מאָרגן מיטגיין מיט אים; ס'איז כאָטש טשעקאַווע. ער וועט ספּעציעל אַוועקוואַרפן אויף אַ טאָג די אַרבעט. אויב ס'איז אָבער אַ רעפאָרמירטע שול, וועט ער ניט גיין; ביי די רעפאָרמירטע איז דאָך סיי ווי טויט...

ער האָט ווייטער געזאָגט—אַ ביסל מיט איינגעהאַלטענער היץ, — אַז אַ שול פון די רעפאָרמירטע יידן—אַ „טעמפּל"—איז פּשוט אַ קירך, אָן קריסטן. ס'איז אַ שול מיט אַ מאָדנע-פאַרעווען גאָט.—ניט קריסטלעך, ניט יידיש—אין וועלכן די באַזוכער גלויבן אַליין ניט... ס'איז אַ שול פול פון יידן, וועמענס גאַנצע „יידישקייט" איז אַ ליידיקע שאָלעכץ, אַ שיינע פאָרם מיט אַ פוסטן, נישטיקסטן אינהאַלט!

מאָנאַט האָט באַשיינפערלעך געזען, ווי דן רייסט זיך ווידער צו פאַרפירן אַ קריגערישן שמועס. ס'האָט אים אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן דער ענין. ער האָט פלוצלינג זיך אָנגעבויגן. ווי וועלנדיק פאַרבינדן זיינע שיך-בענדלעך. דאָרט, אָנגעבויגענערהייט, אַז דן זאָל ניט זען, האָט ער געשמאַק, געשמאַק אַ געגעץ געטון.

אַז דן איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט מאָנאַט אָנגעשטרענגט דעמאָלט זיין לעצט ביסל ענערגיע,—ס'איז געווען קענטיק, אַז ער ענטפערט אים בלויז פון איידלקייט וועגן, ענטפערט אים מיט זאָרגלאָזער גלייכגילטיקייט:

—אינהאַלט... אינהאַלט... צוואָס—אינהאַלט?... דער אינהאַלט פון צערעמאָניאַלן גאָט-בעטן איז אומעטום דער זעלבער: אַ מענטשלעכער... אויבנאויפיקער „רעליגיאָנס-דראַנג"—אָדער גאָר בלויזע געזעלשאַפטלעכקייט און מענטשלעכע נאָכמאַכונג, אַ תשובה-טון נאָכן זינדיקן—צו דאָס אָפּרוען פון אַ טומלדיקער, אַ „זינדיקער" נשמה דער אונטערשלאַק איז אומעטום דער זעלבער. אָט זעסטו—איך קאָן אין אַ יידיש-אָרטאָדאָקסישער שול נישט

אַריינשמעקן אַפילו; כ׳האָב פּיינט, אַז מען שרייט, אַז מען שפּייט און מען כראַקעט, אַז מען פּאַניבראַטעוועט און מען יאַרידעוועט מיט גאָט... אַז מען דערלאַנגט אים, דעם אויבערשטן, אַלע ווייַלע אַ שמעק טאַבעק. וואָס ווילט איר, מיינע פּריינט... שיינע מאַניערן זע־נען פּאָרט טאַקע, נאָך אַלעמען, דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט. איר פאַרשטייט: דאָס אינערלעכע פונם מענטשן, דאָס „מענטשלעכע״ אַזוי צו זאָגן, איז דאָך אין עצם גאָר מיאוס. זיין אינהאַלט בייט זיך ווייניק... טאָ זאָל זיין כאָטש אָנגענעם פאַרן אויג! אין אַ רע־פאָרמערישער שול,—פּונקט ווי אין אַ קירך, ווייסן זיי כאָטש די קונסט פון אָפּנאַרן...

שטילער, פאַרטרוילעכער, זיך איינבויגנדיק נידעריקער און נענ־טער צו דנען און קודראָוון, מיט אַ שעמעוודיקייט, ווי ער וואָלט דערציילט פון אַן אייגענער שוואַכקייט. האָט זיך זיין קול איצט גע־גאָסן אין דער שטילער, שמעקעדיקער נאַכט:

— כ׳לאָז מיך דאָך אַזוי גרינג אָפּנאַרן... כ׳וויל דאָך אַזוי שטאַרק, מען זאָל מיך אָפּנאַרן... אַז ס׳קומען אָן מינוטן, ווען איך ווער מיד, מיד, טויט־מיד פון דער קלאָרקייט, פונם וויסן, לאָז איך מיך דאַן... ניט נאָר לאָז איך מיך— — איך בין נאָך אפילו דאַנק־באַר די אָפּנאַרער. ווען־זשע—ווען זיי טוען עס קונציק אַזוי, אַז כ׳זאָל עס ניט באַמערקן... דאָס קענען זיי, די גוים... זיי טוען עס אַזוי שיין... און דאָס קענען אויך יענע יידן, וועלכע האָבן זיך דערנענ־טער צו די גוים.

דן איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער, אַן איינגעעקשנטער, אַ טיף־איבערצייגטער אין זיינס. ער האָט שוין ווידער חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און אַריינגעלאָזן זיך אין אַ לאַנגן אויסגוס. „ווערטער האָבן דאָך קיינמאָל ניט געקאָנט איבער־געבן, דאָס וואָס ער פילט״, האָט ער אַלץ זיך געהאַלטן אין איין אויפוואַרפן.

קודראָוו האָט זיי ביידן פינסטער אַזוי אָנגעקוקט. ער האָט דעם גאַנצן לעצטן געשפּרעך זייערן בשום אופן ניט געקאָנט באַנעמען.

— וואָס טוט זיך דאָ? ווער איז דאָ דער משוגענער? וועגן וואָס אַמפּערן זיך עס איצט היינטוועלטיקע, יונגע מענטשן? און דאָס

איז נאָך אַ טוער פון אַרבעטער יוניאָן...

ביי אים איז פאַרבליבן אַ שנאה צו דער שול נאָך פון פריער קינדערווייז אָן. דער חדר, ווו ער האָט זיך געלערנט, האָט זיך געפינען אין דער רוזשינער שול. דאָרט האָט מען אים געשמיסן, ווען ער איז געגאַנגען אין חדר; דאָרט האָבן אים שטאַרקערע, רייכע יינגלעך תמיד געשלאָגן, ווען ער פלעגט זיי ווידערשפעניקן, און נישט פאָלגן זיי בשעת די שפילן. דאָרט האָט זיין קינדיש האַרץ מיט ווייטיקדיקער צאַפּלעניש צוגעקוקט, ווי די איבעריקע חדר־יינגלעך ברענגען געשמאַקע, רייכע אָנבייסנס, און ער — אַ שקארינקע מיט אַ זויערער אוגערקע. אַהין האָט אים די מאַמע געטריבן, ווען ער פלעגט בעטן עסן, און פראַווען „ברוגזן“ אין דער היים. אַהין פלעגט ער קיינמאָל ניט וועלן גיין.

די טומלדיקע קויטיקע שול, ווו די עלטערע פלעגן זיך אויף אים, דעם קבצנדיקן יתום, קיינמאָל נישט אומקוקן, די שול, ווי דאָס גאַנצע קליינע שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, — דאָס שטעטל מיט אירע מיאוסע, נישט־פאַרגינערישע מענטשן, — האָט ער דאָך די גאַנצע צייט געוואָלט פאַרגעסן, אויסמעקן פון זיין געדעכעניש... זיי האָבן אים דערמאָנט אָן דחקות, אָן אָרעמקייט, אָן שמוץ, אָן אונטערדריקונג, אָן פאַנאַטיזם... ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דערוואַקסענע אינטעליגענטע מענטשן זאָלן גאָר קאָנען פאַרטראָגן צו גיין אין שול אַריין. „מען טאָר זיי גאָר קיינמאָל נישט גלויבן, די דאָזיקע אינטעליגענטן“, האָט ער מיט פאַרדראָס געמורמלט פאַר זיך. „איך האָב עס פון לאַנג געוווּסט... ביי זיי איז אַלץ אַן אָנשטעל“.

די נאַכט איז געוואָרן קילער. מר. פארנעל איז אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע מיט דער פּריזבע פונם הויז, וואָס האָט געפירט פונם פיש־שטאַל פאַזע דעם „קריק“. ער האָט געהאַט אין האַנט דעם טאָפּ מיט די אַאַלן. ער איז געווען אינגאַנצן דורכגענעצט פונם נעפּל. ער האָט אַריינגעבראַכט די אַאַלן אין הויז אַריין.

מרס. פארנעל האָט זיי איצט צערעכט געמאַכט, זיי איינגעפּרעגלט אין פּוטער. דער געשמאַקער ריח פון די געפּרעגלטע פיש האָט זיך אַרויסגעטראָגן אַהער.

מאָנאַט איז אַריין אין הויז, ס׳האָט זיך געהערט, ווי ער פירט זיך אויף שטיפעריש דאָרט אין קיך מיט דער מרס. פארנעל. ער באַשטעלט בײַ איר אַ פּאָרציע געפּרעגלטע אַאַלן.

— קלויבט זיך גאָר אַריין צו אונז אין הויז, מר. מאָנאַט, — האָט זי אים דאָרט פאָרגעלייגט — ס׳וועט אונז זיין פרייליכער, און איר וועט צו דעם גאָרנישט דערלייגן, איך פאַרזיכער אייך...

ער האָט איר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, כאָטש ער האָט באַמערקט בשעת מעשה איר אויגן־גלאַנץ, און די אויפפלאַמנדיקע רויטקייט אויף אירע באַקן. ער האָט געטראַכט: זי מוז שוין אוודאי זיין איצט אַלט איבער פערציק יאָר... בײַ זיי ווערן די פרויען נישט אַלט אַזוי גיך, ווי בײַ אונז, יידן... און צוריקגערעדט, ווער ווייסט, אפשר שטאַמט איצט די געשמאַקע רויטקייט אויף אירע באַקן, בסך־הכל, פון דעם אויוון־פייער, בײַ וועלכן זי איז איצט געשטאַנען...

אַזוי צי אַזוי, — מאָנאַט האָט באַשלאָסן בײַ זיך: פון איצט אָן און ווייטער וועט ע׳ זען זיך מיט איר אַ ביסל מער אָפּגעבן, מיט דער מרס. פארנעל.

VII

א

אַ פּאָר וואָ־ן שפּעטער איז דזשאָן אַרויסגעפאָרן מיט זיין אַרטעל אין ים אַרויס, ווייט אין ים אַרויס, צו זיינע אויסטער־פעלדער. ס'איז גראָד געווען אַ געזעצלעכער אַרבעטס־יום־טוב, לייבאָר־דעי,*) ווען די יוניאָן דערלויבט נישט צו אַרבעטן.

די שיף האָט פאַרלאָזן איר אַנקער־פּלאַץ זעקס אַ זייגער אין דער פרי. אויסער די מיטגלידער פון דער אַרטעל זענען הייַנט אויך געווען אויפן שיף עטלעכע פרעמדע עקסקורסיאַניסטן. דזשאָן פלעגט אַזעלכע עקסקורסיאַניסטן פון צייט צו צייט מיטנעמען. ער פלעגט זיי רעכענען דריי דאָלאַר פאַרן טאָג, — פאַר דער רייזע, פאַרן עסן, און פאַרן צושטעלן פאַנג־שפּייז אויף כאַפּן־פיש. צוליב דעם פלעגן עס די עקסקורסיאַניסטן אַרויספאָרן.

מאַנאַט און דן זענען אויך מיטגעפאָרן: זיי האָבן דאָך סיי ווי נישט געאַרבעט צוליבן יום־טוב.

צום שיף, וואָס איז געווען געאַנקערט נישט ווייט פונם ברעג, אינם אָפענעם אויסגוס, זענען זיי צוגעפאָרן צוזאַמען מיט די עקס־קורסיאַניסטן אין אַ מאָטאָר־שיפל.

די זון האָט ערשט אָנגעהויבן אויפגיין. די וואַסערן פונם אויס־

---

*) אַ יום טוב לכבוד אַרבעטער; ווערט געפייערט דעם ערשטן מאָנטאָג אינם חודש סעפּטעמבער.

נוס האָבן זיך באַוועגט פּאַמעלעך און פּויל, ווי נאָך אַ זאַטער, אויסגעשלאָפענער נאַכט, און זיך איבערגעגאָסן פון איין פולן פעלד אינם צווייטן. די יונגע זון־יפּילן, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן אַרויסשיסן פון הינטער דעם האָריזאָנט, ווי אַ זיך־פונאַנדערשפּרייטנדיקער פּעכער, האָבן באַפאַרבט דאָס וואַסער מיט פאַרשידנפאַרביקע קאָלירן. די ים־פעלדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין זייער וועג, האָבן באַלד אויפגעלויכטן, ווי ריזיקע פעלדער אפּאל־שטיינער, אויף וועלכע עס פאַלן זיילן ליכט.

קודראַוו האָט זיך אנטזאגט מיטצופאָרן. ער האָט געמוזט דרינגענדיק אָפּפאָרן אין שטאָט, האָט ער דערקלערט. דן האָט אויך לכתחילה געפּלאַנעוועט צו פאָרן קיין ניו־יאָרק אויף לייבאר דעי. ער האָט דאָך צוליבן יום־טוב געהאַט דריי פרייע טעג: שבת, זונטאג און מאנטאג, און ער האָט זיי געוואָלט פאַרברענגען אין ניו־יאָרק. נאָר קודראָוו, אַז ער האָט עס דערהערט, האָט ער זיך אָנגעהויבן זייער באַאומרויקן. ער איז מיטאַמאָל עפּעס אויפגעלעבט געוואָרן און גענומען איינרעדן דנען, ער זאָל עס נישט טון.

— עס לוינט זיך נישט אַוועקפאָרן אויף אַזאַ קורצער צייט... זיי וועלן בעסער אַלע אַרויספאָרן מיט דזשאנען צו די אויסטערפעלדער. וואָס איז דען דאָ אין ניו־יאָרק? שוין זיך גענוג אָנגעזען ניו־יאָרק. אָבער דאָ וועט מען זען עפּעס נייס טאַקע...

נאָר אַז עס איז געקומען צו דער לעצטער מינוט, אַז זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט מאנטיק אין דער פרי, גרייט אויף אַרויספאָרן מיט דזשאנען, האָט קודראוו געהאַט אַ בלייך, צעקנייטשט און נישט־אויסגעשלאָפן פּנים. ער האָט דערקלערט, אַז ער מוז תיכף פאָרן אין שטאָט. שוין עטלעכע טעג אַז ער ליידט עפּעס פון אַ קראַנקהייט, וואָס באַאומרויקט אים זייער שטאַרק. ער האָט נישט אָנגערופן דעם נאָמען פון דער חלאת.

ער האָט דערביי אַרונטערגעלאָזן די אויגן. מאנאט האָט באַמערקט, אַז קודראַווס פּנים איז געווען דורכאויס באַדעקט מיט קליינע פרישטשעקלעך.

אויף דער שיף איז פון פרי אָן אָנגעגאַנגען אַ פיבעריש־באַשעפטיקט טון. דזשאנס פרוי, מייבל, וועלכע איז געקומען צופאָרן

צו איר מאַן אויף איבער יום־טוב, האָט שוין פון גאָר פרי אָן געקאָכט אין דער קליינער שיף־קיך עסן פאַר די עקסקורסיאַניסטן און פאַר דער אַרטעל. דן האָט מיט דערשטוינונג דערזען, אַז מרס. פארנעל האָט זיך אויך געפונען דערביי און האָט אַרויסגעהאָלפן מייבלען אין דער אַרבעט.

מיט אַ פּאָר טעג פריער האָט זיך מייבל אומדערוואַרט באַוויזן ביי מרס. פארנעלן אין קלייט, און זי אָנגעהויבן שטאַרק צורעדן, זי זאָל אויך אַרויספאָרן מיט זיי אום לייבאר דעי.

—וואָס וועט איר דערלייגן — האָט זי מיט מרס. פארנעלן אַלץ איינגעטענהט — בייטאָג איז דאָך סיי־ווי אַ קליינע לייזונג, און פאַרנאַכט וועלן מיר שוין זיין צוריק... דערהויפּט אין אַזאַ טאָג, ווען ביי ליסלין אין פאַבריק אַרבעט מען נישט.

מייבל האָט זי זייער שטאַרק איינגערעדט: ס'איז איר, קענטיק, געגאַנגען אין לעבן, אַז יענע זאָל פאָרן.

מרס. פארנעל האָט אינעווייניק אין זיך געשמייכלט. זי האָט אָנגעגעבן אַלערליי אויסריידן, פאַרוואָס זי קאָן נישט מיטפאָרן. בכלל, האָט זי זיך אַ שטיק צייט געלאָזט גאָר שטאַרק בעטן...

—גוט, — האָט זי זיך צום סוף געטראַכט. — דו אַליין פירסט די קאַץ צו דער סמעטענע. איך פיר מיך אויף, ווי אַן אָנשטענדיקע פרוי. איך גיב דיר אַלערליי געלעגנהייטן, אַז דו זאָלסט קאָנען הרטה האָבן אויף דיין איינלאַדונג, און איך זאָל זיך אויף דער שיף נישט געפינען. איך האַלט תמיד פון ערלעכער שפיל. נאָר אַז דו באַשטייסט... מילא, אַז דיר איז ליב, איז מיר ניחא.

ווען יענע האָט עס נישט באַמערקט, האָט זי מייבלען אָפּגעמאָסטן, ווי גרויס זי איז געווען, און באַטראַכט זי גוט פון קאָפּ ביז די פיס. מייבל האָט זיך אומרויק אַלץ געהאַלטן אין איין אַרומדרייען, אין איין זוכן עמעצן אָדער עפּעס אין דער קלייט.

— די האָר קריכן שוין ביי איר אויס, ביי דער דאָזיקער גרויס־שטאָטישער דאַמע — האָט מרס. פארנעל מיט פרייד געטראַכט, באַטראַכטנדיק מייבלען — און ס'אַרא באַקן... די באַקן זענען ביי איר אַזעלכע בלייכע, אָפּגעצערטע, איינגעפאַלענע... די אויגן אירע קוקן אויס אַזוי מיד, פאַרצויגן מיט אַ נעפּל, מיט קישעלעך בלויע

אונטער זיי, ווי פון אַ סך נישט-געשלאָפענע נעכט.

— זי איז שוין גאָרנישט אַזוי יונג, ווי זי קוקט אויס, — האָט מרס. פאַרנעל באַשלאָסן, — ביי אירע ליפּן-ווינקלען ציִיגן זיך שוין צוויי טיפע, ווייכע קנייטשן.

מרס. פאַרנעל האָט דערנאָך אַ קוק געטון אין שפּיגל אויפן וואַנט, וואָס איז געווען געדיכט באַשפּרינקלט מיט פליגן-סימנים. זי האָט דאָרט דערזען איר געזונטע פּנים-פּאַרב. — יאָ — האָט מרס. פאַרנעל נאָך אַמאָל מיט זעלבסט-זיכערקייט אַ שמייכל געטון. — מען זעט דאָך... וואָס טויגן דאָ יאָרן...

העכער אויפהויבנדיק איר קול, האָט זי געענטפערט דער נאָך אַלץ צוטראָגענער מייבלען:

—נו, מילא, אַז אַ שכנה בעט... גוט, כ'וועל שוין מיט אייך פאָרן, וויבאַלד, אַז אייך גייט עס אַזוי שטאַרק אין לעבן.

נאָר מייבל איז נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען אַ צומישטע, אַ פאַר-לוירענע. זי האָט שוין איצט, אפשר, גאָרנישט געהערט מרס. פאַרנעלס ענטפער. זי האָט זיך, קענטיק, געמוזט פילן איצט זייער נערוועז און מיד. די קני האָבן זיך ביי איר אונטערגעבויגן. זי האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול, נאָר מיט איין מינוט שפּעטער איז זי שוין אויפגעשטאַנען, האָט אָן אַ וואָרט איבערגעלאָזן מרס. פאַרנעלן אין קלייט און אָנגעהויבן נערוועז אַריינקוקן אין אַלע צימערן. וועמען האָט זי דאָרט געקאָנט זוכן?

צום סוף האָט זי עפּעס אַרויסגעשטאַמלט עטלעכע אומקלאָרע ווערטער און זיך אָנגעהויבן קלויבן אַוועקגיין. זי האָט אַפילו פאַרגעסן אָפּצודאַנקען מרס. פאַרנעל פאַרן צוזאָג מיטצופאָרן. ערשט שוין זייענ-דיק ביי דער טיר, האָט זי זיך אומגעקערט און אַ צעטראָגענעם שמייכל געטון.

— מיר פאַלט איצט גראָד איין... איך וואָלט נויטיק באַדאַרפט זען אייער גאָסן... כ'האָב צו אים אַ געשעפט. אָדער, שאַ... אפשר קאָנט איר עס מיר זאָגן, מרס. פאַרנעל? ווייסט איר נישט, ער וואָלט מיך געקאָנט צופירן אין זיין מאַשין צו דער סטאַציע אויף מאָרגן נאָך ,,ייבאר דעי, — אָבער גאַנץ פרי, אַזוי אַז איך זאָל נאָך קאָנען פאַרכאַפּן דעם פרימאָרגן-צוג?... ווי, מען זעט אים דאָ גאָרנישט

לעצטנס? המ, תמיד פאַרנומען... רק פאַרנומען.

פון פאַרביטערונג זענען די צוויי קנייטשן אַרום אירע ליפּן נאָך קענטיקער און טיפער געוואָרן, אַזוי ווי גאָסעס שווערער מזל וואָלט איר פּערזענלעך גאָר, גאָר שטאַרק אָנגעגאַנגען. אַז ער פירט זיי דאָך שטענדיק אַרום אויף לוסט־רייזעס. די דאָזיקע שררות... וואָס דאַרפט איר מער... אפילו מאָרגן, אַ יום־טוב־טאָג, וועלן זיי אים דאָך אויך אַ גאַנצן טאָג אַרומיאָגן אין דער מאַשין. פאַר ליסליס אַ שאָפער איז, קענטיק, נישטאָ נישט קיין שבת און נישט קיין יום־טוב.

זי איז געווען אַזוי פאַרביטערט, אַז זי האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי נישט־קלוג זי באַנעמט זיך איצט... זי איז דאָך אַזוי אָפן זיך מודה אין אירע אמתע געפילן צו גאָסן. און מרס. פאַרנעל האָט שוין טריומפירענדיק גענוג געשמייכלט אונטער, אירע מייבלס, דינע, גיך־פאַרשווינדנדיקע פלייצעס.

נאָך מאָנטיק גאַנץ פרי, ווען דזשאָנס שיף איז שוין אָט־אָט געווען גרייט אָפּצוגיין, האָט די פאַרשמייעט מייבל דערזען, ווי פון אַן אייליק־אונטערגעפאָרענעם מאָטאָר־שיפל האָבן אנגעהויבן אַרויפקראַפקען אויפן אַריבערגעוואָרפענעם טרעפּן־לייטערל פון דער שיף גאָס מיט נאָך עפּעס אַ דאַמע.

— הייסט עס, אַז גאָס האָט טאַקע היינט נישט געאַרבעט... אבער ווער־זשע האָט עס געקאָנט זיין די דאַמע?

די דאַמע איז געווען אנגעטון אין אַ מאַנסבילשן ספּאָרט־אַנצוג פון כאַקי, אין אַ רעקל און אין הויזן, אין אַ ברייט־ראַנדיקן הוט פון אַ „קאָווּבאָי”, מיט אַ רויטן טיכל אַרום האַלז, ווי אַ שניפּס. ביידע האָבן זיך אַפּנים שטאַרק געמוזט איילן, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן: זיי זענען געווען שטאַרק פאַרשוויצט אין האָבן איצט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אַז די דאמע איז שוין געווען אויפן שיף, האָט מייבל דערזען, אַז דאָס איז בערעניס ליסלי.

זי האָט געפּלאַפּלט איצט הויך, גוטמוטיק און פריילעך, מיט דער געוויסהייט פון אַ מענטשן, וועלכער ווייס, אַז זיין געזעלשאַפט איז אוודאי אָנגעלייגט און ווערט געשעצט.

—ס'איז, הייסט עס, געווען אַזוי... ערשט נעכטן ביינאַכט דערוווסט זי זיך, אַז היינט גאָר פרי גייט אָפּ אַ שיף צו די אויסטער־פעל־

דער... האָט זי מיטגענומען גאָסן און אָט איז זי דאָ... אַך, זי האָט דאָך שוין פון לאַנג אַזוי שטאַרק געוואָלט אַרויספאָרן צו די אויסטער־פעלדער... נאַט אייך געלט פאַר אונז ביידן, — זי האָט דערלאַנגט דזשאַנען עטלעכע קרעדיט־בילעטן, וועלכע זענען אוודאי געווען מער, ווי די נויטיקע סומע.

אַז מייבל האָט זיי ביידן דערזען, איז זי געוואָרן בלייך. זי האָט שוין גאָסן אַ לענגערע צייט אין אַ סך ערטער געזוכט און נישט געקאָנט אין ערגעץ טרעפן. איז דאָס, הייסט עס, איז עס?... ווי מען קאָן זיך עס אויף מאַנסבילן ווייניק פאַרלאָזן...

מיט באַנייטער ענערגיע, זיך נישט אומקוקנדיק מער אויף די אָנגעקומענע, שיילנדיק און בראָקנדיק די קאַרטאָפל פאַרן „קלעם טשאודער״, * האָט זי אַ טראַכט געטון וועגן זיך און דזשאַנען... אָבער זיי—דזשאַן און זי—זיי זענען דאָך עפּעס אַנדערש... זי האָט דזשאַנען קיינמאָל נישט געגעבן, זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, ווען זי האָט נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען... איצט איז שוין פאַרפאַלן. וואָס קאָן אַ חתונה־געהאַטע פרוי טון? זיי זענען קאַטויליקער און אַ גט איז ביי זיי אינגאַנצן פאַרבאָטן... יאָ, ביי איר מיט דזשאַנען איז עס עפּעס גאָר אַנדערש.

— אָבער גאָס!...

זי האָט אַ קוק געגעבן אויף מרס. פאַרנעל, וועלכע איז געשטאַנען נישט ווייט פון איר ביי אַ גרויסן בעקן און האָט דאָרט געשניטן קעפּלעך קרויט. דוכט זיך, יענע שמייכלט עפּעס אַזוי פאַרבאַהאַלטן אין זיך... מייבלס בלייכקייט איז דעמאָלט אַריבער אין אַ צאָרנדיקער רויטקייט.

— אָט האָסטו דיר אומגעריכטע געסט... איצט וועט שוין נישט זיין געגנוג עסן פאַר אַלעמען — האָט מייבל כעסדיק אָנגעהויבן אַריינברומען אין די טעפּלעך אַריין. הע, ווי זיי דערלויבן זיך עס אַלץ... אַז מען איז רייך, דענקט מען, אַז די גאַנצע וועלט איז זיינס... אפילו נישט געלאָזט אונז פריער וויסן, אַז זיי קומען.

---

* אַ זופּ פון קלעמס.

מאַנאַט איז די גאַנצע צייט פון דער נסיעה געשטאַנען לעבן רודער, לעבן דזשאַנען. דאָ האָבן זיך אויך צונויפגעקליבן דאָס רוב עקסקורסיאַניסטן. זיי האָבן זיך נייגיריק צוגעהערט צו דזשאַנס רייד, איבערגעריסענע פון צייט צו צייט דורכן ווינט און דורכן דעק־טומל. געבן דערקלערונגען די עקסקורסיאַניסטן איז געווען דזשאַנס פליכט. ער פלעגט עס אָבער טון אומגערן, רעדן מיט האַלבע ווערטער: די פראַגן פון די גרויסשטאָטישע עקסקורסיאַניסטן פלעגן אים קלינגען זייער נאַריש.

ער האָט זיי אָנגערופן די ערטער, פאַרביי וועלכע זיי זענען פאַרבייגעפאָרן, זיי דערקלערט דעם צוועק פון זיין איצטיקער נסיעה.

מיט צוויי יאָר צוריק, אָנהויב פרילינג, האָבן זיי — ער מיט זיין אַרטעל — אָפּגעריייניקט ווייט אין ים אַרויס, לעבן די „אַטלאַנטיק הויכלענדער", אַ שטיק ים־גרונט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעשאָטן דאָרט מושלען, זאַמד און צעשטויסענע קליינע שטיינדלעך, כּדי די יונגע אויסטערס זאָלן שפּעטער, ביים געבוירן ווערן, האָבן אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן און ווו צו מאַכן זייער היים.

אַרום און אַרום די צוקונפטיקע אויסטער פעלדער, אינמיטן אָקעאַן, האָבן זיי אינם דנאָ אַריינגעשלאָגן גרויסע שטעקענער און געלאָזט שווימען אַרום זיי אַנקער־צייכנס, „בואָיז" און פוסטע פעסער, כּדי מען זאָל שפּעטער קאָנען גרינג געפינען דעם אָרט פון אָט די אויסטער־פעלדער.

דערנאָך ערשט האָבן זיי דאָרט פאַרזייט קליינע אויסטערס, אַריינגעוואָרפן זיי אין די טויזנטער אין די דאָזיקע ים־פעלדער אַריין, — האַלב־לעבעדיקע, איינגעשלאָפענע און שווייגנדיקע געוויקסן. און איצט איז מען עס געפאָרן געוויר ווערן, וואָס עס הערט זיך מיט די „ספּעט", מיט די ערשט־געבוירענע אויסטערס. דורך דער צייט, וואָס דזשאָן איז דאָרט נישט געווען, זענען זיי שוין זיכער היפּשלעך אויסגעוואַקסן. און אפשר איז שוין איצט די צייט געקומען זיי אַריבערפירן אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַן אַזערע, אָדער אַ טייכל. כּדי צו לאָזן זיי דאָרט פעטער ווערן אין דעם זיסן פרישן וואַסער.

2

דער טאָג האָט שוין אָנגעהויבן קענטיקער אויסוואַקסן. די זון איז שוין אינגאַנצן אויפגעגאַנגען, — אַ גרויסע, אַ קיילעכדיקע, אַן אָפּגעזונדערט-רויטע, — און האָט זיך אין קלאָרן רעליעף אָפּגעשפּיגלט איבערן וואַסער — איין זון איבער איין ים.

אַ ים פון אויבן, אַ זון פון אונטן. גרויס, איינציק, אייביק. אַרום און אַרום — הימל, ליכט און וואַסער. אַ וועלט-ווייטקייט און אַן אייביקע יום-טובדיקייט האָבן געפלייצט פון אַלע זייטן אויף דער שיף. ס'איז געווען, ווי מענטשן האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און זענען אַוועקגעפאָרן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון דער וועלט, און פאַרלאָזן זי, — ליכטיקע, זוניקע האָבן זיי איצט מיט אַ גאָלדענער שיף זיך געלאָזט זוכן דעם אָרט פון זייער אַמאָל-אַמאָליקן געבורט. ער איז דאָך זיכער נאָך אַלץ פאַרבליבן אָנגעצייכנט, ערגעץ אויף די עקוואַנער-וואַסערן, פונקט ווי דער אָרט פון זייער סוף-כל-סופיקן טויט: אויף די אייביקע וואַסערן...

די שיף האָט זיך שוין איצט אינגאַנצן דערווייטערט פון ברעג. פאַרשוווּנדן זענען שוין די, אויפלויכטנדיקע אין דעם פרימאָרגן-ליכט, פענסטער פון ווייסע הייזער און פּאַלאַצן אויף בערג און בערגלעך פונם אינזל, די טונקעלע פעלזן פונם ברעג, די געאַנקערטע שיפן דאָרטן... ס'האָט זיך איצט בלויז געשפּרייט אַ שטיל, ברייט וואַסערפעלד. העט ווייט ביזן הימל-זוים.

דאָרט, ביים זוים פון ים און הימל, האָבן באַלד פיל ליכטער אויפגעטאַנצט, אַז מען האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט... געדוכט האָט זיך, ווי גרויסע פישן וואָלטן דאָרט קעגן דער ווייטער זון געשפּרונגען, און אויפגעשימערט מיט נאַסע שטיקער זון. אַ שטילע שיף פלעגט זיך, אין אַ באַזונדערן בויג פון זוניקן ים און וואַסער-אויבערפלעך, דאָרט פון צייט צו צייט באַווייזן, באַווייזן זיך שטיל, גישט-באַוועגלעך, אַזוי ווי אַ שיף אין אַ לעבער-ים. צווישן הימל אין וואַסער איז איצט געווען בלויז איין געוועב, — אַ געוועב פון יונגער זון, פון זיך-הוידענדיקע ליכטיקע ליילעכער, פון אויסגעוועפּט ים-וואַסער

אין דער לופט און פון געשפּענסטער־פלעקן פון ווייט־אָפּגעזונדערטע שיפן.

ביים „סטוירן"*) זענען אייניקע עקסקורסיאַניסטן געזעסן, זיך געלאַנגווייליקט פון דערווייל־נישט־קאָנען גאָרנישט טון, און באַלד אָנגעהויבן שפּילן אַ פּינאַקל. די אַרבעטער פון דזשאַנס אַרטעל האָבן דערווייל געשקראָבעט די קעסלען, געשייערט מאַשינען־טיילן, איבער־געררוקט פון איין אָרט אויפן אַנדערן פּעסלעך, קאַסטנס און שטריק, געוואַשן דעם דעק, אים צוגעגרייט אויף אויפצונעמען די אויסטערס.

מייבל האָט אין קיך געפּרעגלט דינע פּעניצלעך חזר־גריוון און קאַרטאָפל. מרס. פּאַרנעל האָט אַרויפגעשטעלט אויפן פייער דעם קעסל מיט וואַסער פאַרן קלעם־טשאַודער.

אַרום דזשאַנען זענען נאָך אַלץ פאַרבליבן עטלעכע עקסקורסי־אַניסטן, גרויסשטעטישע, וואָס האָבן מיט בלייכע פּנימער און אָפענע מיילער זיך צוגעהערט צו דזשאַנס דערקלערונגען.

— פעט מאַכן די אויסטערס? וואָס מיינט איר? ווי אַזוי טוט איר עס?

— אָט אַזוי. פּשוט. מען וואַרפט אַריין די יונגע אויסטערס אינם „זיסן" וואַסער פון אַ טייך אָדער אַן אַזערע. מען שיט אַהין אַמאָל אויך אַריין „באַפרוכטפערערס", — זיי סטימולירן דאָס איבעראַרבעטן און איבערקאָכן פון די שפּייז ביי די אויסטערס... און אויסטערס קומען ביי אונז דעריבער אַרויס גרויסע, פיינע, ווייל מיר האָבן דאָ אַן אויסגעצייכנטן גרונט: אַ פעלזיקער באָדן, מיט אַ שיכט ווייכער ערד אַריבערגעוואַקסן איבער דעם פעלד־באָדן: דאָס איז דער בעס־טער גרונט, וואָס קאָן נאָר געבן פאַרן דערפאָלגרייכן גדייען פון אויסטערס... קאַרסטען! מעגסט זיך אויך שטעלן העלפן רייניקן דעם דעק! נישטאָ זיך וואָס צוצוקוקן צום קאָרטן־שפּילן!

דער ווערטער־פּאַדים האָט זיך איבערגעריסן און זיך ווידער צענויפגעקניפּט. די געפליגלטע קלאַנגען זענען אַרויסגעשווומען פונם שיף־טומל, מיטן זאַלציקן ווינט געפלויגן קעגן דער זון און פאַרלוירן געגאַנגען איבערן ווייטן וואַסער.

---

*) דער הינטערשטער טייל פונם שיף.

ס'האָט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אויסגעמאָלט פאַר די פאַר־
כאַזשירן אַ בילד.

— ווי דערנאָך זענען דאָרט אין ים געלעגן די אויסטערס דורך
וואכן, חדשים און יאָרן לאַנג, און געוואַקסן, אַלץ געוואַקסן... מער האָט
מען שוין אויף זיי ניט געדאַרפט אַכטונג געבן. אַליין זענען זיי שוין
געוואַקסן אין די טיפענישן פון זייערע שאָלעכצן, שפּייזנדיק זיך אויף
מיקראָסקאָפּישע פּלאַנצן און ים-חיהלעך, אַריינזויגנדיק בלינדערהייט
אין דער האַלב-געגליווערטער פּראָטאָפּלאַזמע זייערער די אייגענע
ברעקלעך יונגוואַרג און אייעלעך — און עקשנותדיק וואַקסנדיק, אַלץ
וואַקסנדיק, נאָכאַנאַנד וואַקסנדיק.

שטערן-פיש און פּויקל-פיש און אַנדערע מחבל-פישלעך זענען
אויף זיי אָפּט אָנגעפאַלן, — זייערע אייביקע ים-שונאים, — און פאַרניכ־
טעט די יונגע אויסטערס אין די טויזנטער, — אָבער די לעצטע זענען
אַלץ געוואַקסן, נאָכאַנאַנד געוואַקסן.

ים-שוואמען, און פּילפיסיקע ווערים, און שליימיקע גראָזן און
וואַסערדיקע געוויקסן האָבן זיך אַריינגעגנבעט צווישן זיי, ביי זיי
צוגענומען די שפּייז און געפּרוווט זיי אויסהונגערן אויף אַזאַ אופן
צום טויט, — און די אויסטערס זענען אַלץ געוואַקסן, נאָכאַנאַנד געוואַקסן.

פון צייט צו צייט בלויז, מיט היפּשע אינטערוואַלן, פלעגט
אַהין אַרויספאָרן דזשאָן מיט זיין אַרטעל, זיי פלעגן דעמאָלט אָפּריי־
ניקן דעם גרונט און פאַרטרייבן די פיינט פון די אויסטערס: ס'איז
נאָך אַלץ פאַרבליבן גענוג... אינם סעזאָן פון רויגן-וואַרפן זענען
צענדליקער טויזנטער און הונדערטער טויזנטער פון זיי געבוירן גע־
וואָרן, מיליאָנען גאַנצע... איינע זענען געוואַקסן אויף די אַנדערע,
איינע אין די אַנדערע, אין געדיכטע קופּעס, שיכט אויף שיכט, באַרג
אויף באַרג, קינדער אויף עלטערן, קינדער אויף קינדער.

די יונגע אויסטערס וואַקסן זיך אַריין אין די שאָלעכצן פון
די אַלטע אויסטערס, די אַלטע וואַקסן צוריק אַריין אין די שאָלעכצן
פון די יונגע, שיכט אויף שיכט, באַרג אויף באַרג — זיי וואַקסן זיך
אַזוי צונויפאַמען ריזיקע קופּעס-ווייז, — נעמען אָן געשטאַלטן פון צעקריפּל־
טע בוימער, פאַרפלאָנטערטע קוסטעס, פאַרשידנאַרטיקע און פילפאַר־
מיקע פיגורן און אַלערליי אויסטערלישע פאָרמאַציעס.

איז איצט פאָרן עס אַרויס די אויסטערלייט פאַנאַנדערבערעכן אַט די דאָזיקע צונויפגעוואַקסענע קופּעס, פונאַנדערנעמען זיי, אָפּטיילן די צונויפגעוואַקסענע אויסטערס איינע פון די אַנדערע און זיי דערנאָך צוריק אַריינוואַרפן אין ים אַריין, זיי זאָלן דאָרט ווייטער וואַקסן, שוין באַזונדערע און אָפּגעטיילטע.

ג

מאָנאַט האָט זיך אויפגעפירט, ווי אַ גליקלעך קינד, וועמען דערוואַקסענע נעמען מיט אויף אַ רייזע. פון איין ווינקל שיף אין דעם אַנדערן איז ער אַרומגעלאָפן, האָט געוואָלט אַלעמען העלפן און זיך אַלעמען געפּלאָנטערט אונטער די פיס. לסוף איז ער געבליבן שטיין ביי דעם קיכל.

מרס. פּאַרנעל האָט שוין איצט געהאַט אַלץ פּאַרפּאַרטיקט פאַר דעם קלעם־טשאַודער, אינם קעסל אַריינגעשאָטן די צעבראָקטע גרינסן און קלעמס. זי איז איצט געווען גוט געשטימט, האָט זיך נאָכאַנאַנד געוויצלט.

— מאָנאַט וועט דאָך ניט טאָרן עסן דעם קלעם-טשאַודער און די חזיר־גריוון,—ס'איז דאָך ניט „כשר"...

מאָנאַט האָט צוערשט געפּרוווט ענטפערן אויף אירע וויצן, נאָר באַלד האָט ער דערפילט, ווי עפּעס איבערגעוועלטיקט אים. ער האָט שוין אָפּט אין איר אָנוועזנהייט געהאַט דאָס געפיל פון אַ גרויסער, אַן איבערגעוועלטיקנדיקער סטיכישער קראַפט. ער האָט זיך פאַרלוירן און האָט הילפלאָז און שוואַך אָנגעהויבן שמייכלען צו איר. אַ ווײַלע האָט ער נאָך פון אינערציע, ווי אַן אויסגייענדיקער זייגער געפּלאַפּלט עפּעס. ער איז אָבער באַלד אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן.

מאָנאַט פלעגט זיך דאָך תמיד אָן טענות אונטערגעבן די בלינ־דע געפילן און אימפּולסן זיינע, ניט נאָכפרעגנדיק, ניט פאַנאַנדער-קלויבנדיק זיך צופיל אין זיי, ניט אָנמאַכנדיק קיינע אומזיסטע פּלאָנ-טערס... ער האָט שוין פאַר די לעצטע פאָר וואָכן עטלעכע מאָל גע־פילט, ווי אַ הייסע פאַרשכורנדיקע קראַפט אין זיין בלוט בויגט זיין גוף נאָכאַנאַנד און איינגעשפּאַרט צו איר, צו מרס. פּאַרנעל. די לופט אַרום זיי, ווען נאָר זיי פלעגן בלייבן אַליין איינער מיטן אַנ־

דערן, פלעגט תיכף ווערן ציטערדיק און פלעגט זיי ביידן אָנהויבן צוזאַמענשמעלצן. מאַנאַט איז שוין איצט ניט אָפּגעטרעטן פון מרס. פארנעל. ער האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק באַשעפטיקן מיטן אויפעפענען אויסטערס מיט אַ שטאַרקן, שאַרפן מעסער, וואַרפנדיק זייערע שאַרפע שאָלעכצן מיט אַ הילך אין אַ גרויסן צעבער אַריין. ער האָט צוגעגרייט אָן אַ שיעור פרישע אויסטערס פאַרן מיטאָג. ער האָט שטאַרק געשוויצט.

די שיף איז ענדלעך אָנגעקומען צו יענעם ווייטן טייל ים, ווו די אויסטער-פעלדער האָבן זיך געפונען. עפעס אַ ווייטע יבשה פון אַ פרעמדן ברעג האָט זיך אַהער, אין מיט־ים, געזען, ווי דורך אַ שפּאַקטיוו.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט גרויסע נעצן האָט די אַרטעל אַרויסגעשלעפּט די אויסטערס, בערג גאַנצע, און זיי אויסגעשאָטן אין דער שיף אַריין. אַ פולער דעק איז אויף אַזאַ אויפן גאָר אין גיכן אָנגעלאָדן געוואָרן. מיט האַמערס, מיט אייזנס, מיט העקלעך און פרעגטעס האָט מען זיך דערנאָך גענומען פאַנאַנדערקלאַפּן די צונויפגעוואַקסענע בינטלעך און קרענצלעך אויסטערס.

מאַנאַט איז דאָ אויך געווען און מיטגעהאָלפן. אַז ער האָט זיך נאָר אַרויסגעריסן פון מרס. פארנעלס אָנוועזנהייט, איז ער שוין אויפגעלעבט געוואָרן. אָבער באַלד זענען שוין די הענט ביי אים געוואָרן צעשניטן פון די שאַרפע, שפּיציקע אויסטער-שאָלעכצן און איינגאַנצן באַדעקט מיט בלוט, ער האָט אָבער אַלץ ניט אויפגעהערט לאַכן און וויצלען זיך.

די אויסטער־לייט האָבן זיך ווייניק געקימערט פון מאַנאַטס צעשניטענע הענט. נישקשה, זאָל ער זיך צוגעוווינען, דער דאָזיקער גרויסשטאָטישער ליידיקגייער... נאָר לעבן אים איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן בערעניס. אַ דערשראָקענע און באַאומרויקטע האָט זי געזוכט פּיבעריש ביי זיך אין טעשל, געזוכט אַ בינט און ניט געפונען. האָט זי, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אויף קיין איינציקע מינוט, גענומען און אויפגעהויבן איר אויבערשטע קלייד, פון איר ריין ווייס אונטערקליידל אָפּגעריסן אַ שטיק זוים, און מיט דעם אַרומגעוויקלט מאַנאַטס צושניטענע האַנט.

איר ליבע צו „פּאַריינערס" האָט זיך אין איר איצט שוין ווי־דער אויפגעצונדן... דער דאָזיקער „פּאַריינער" איז, חוץ דעם, געווען בלאָנד, און אַזאַ לעבעדיקער.

— יאָ, יאָ, די יידן... זי האָט פאַר זיי פון תמיד אָן דעם גרעסטן רעספּעקט... אַ גבֿיאַל פאָלק.. אַ פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל געגעבן... — זי האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט. ווי זי וואָלט אים אומגערן באַליידיקט.—זי האָט דאָך געמאַכט אַ טעות... דאָס הייסט.. ער איז דאָך אייגנטלעך אַ רוס, ניט וואָר?

מאָנאַט האָט געשמייכלט און איר געקוקט אַ לענגערע ווײַלע גלײַך אין די אויגן אַרײַן. זיי זענען געווען גרויסע, פולע, אירע אויגן, עסטוזיאַנטישע און נאַרישע. צוליב עפּעס אַ קאַפּריז זײַנעם, האָט ער שטאַרק באַטאַנט זײַן ענטפער.

ניין, מיס ליסלי, ניט קיין רוס,—אַ ייד, אַ ייד.

ד

י זון האָט זיך געשטאַרקט צוזאַמען מיטן וואַקסן פונם טאָג. ס'איז ניט געווען קיין באַהעלטעניש פון איר אויפן ים.

אַז די מאַנשאַפט האָט פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט מען זיך אַנידערגעזעצט עסן. מען האָט זיך צעוואָרפן אויף די פּאָר לאַנגע הילצערנע בענק אַרום דעם בארט, אויף די צונויפגעדרייטע בייגל שטריק, אויף קאַסטנס, אויף פעסלעך. מען האָט געגעסן פון בלעכלעך, פון אָפּגעקאָלופּעטע שיסעלעך, פון צעשפּאָלטענע טעלער. צו־ליבן יום־טוב און צוליב די עקסקורסיאַניסטן איז דער וואַרעמער הײַנט געווען אַן אויסערגעווייגלעך פאַרשידנאַרטיקער: קלעם־טשאַודער, טשילי קאָן קאַרנע, געדעמפּטע וועמפּלעך מיט אַרבעס, געקאָכטע קאַד־פיש און צום סוף פלוימען־פודינג פון קאָנסערוון־בלעכלעך אויף פאַרבײַסן.

דערנאָך האָט דזשאַן אָנגעהויבן אַרומפירן זײַן שיף אַהין און אַהער איבערן ים, געטאַפּט געזוכט אַלץ אַ פּאַסיקן אָרט, וווּ זיך אָפּצו־שטעלן, כדי די עקסקורסיאַניסטן זאָלן קאָנען כאַפּן פיש.

די פּאַסאַזשירן האָבן דערווײַל אָנגעהויבן צוגרייטן זייערע ווודקעס און פאַרנעמען ערטער ביים בארט. אַ שיף־אַרבעטער איז

אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן, האָט צוגעשטעלט ביי יעדנס פיס אַ שיסעלע מיט צעבראָקטע רויע קלעמס, פאַנג אויף צו כאַפּן די גרויסע ים־פיש, וואָס האָבן געקישעט אין די היגע וואַסערן, — די פליאַנדערס, די סי־בעס, די בלעק־פיש, די ווהייטפייש, און די פליוקס.

קופּקעס פון די עקסקורסיאַניסטן האָבן זיך דערווייל צונויפגע־שלאָגן, צונויפגעלייגט געלט אויף אַ פּריז דעם יעניקן, ווער עס וועט היינט כאַפּן דעם גרעסטן און דעם וואגיקסטן פיש.

די שיף, וועלכע האָט איצט באַלאַנגט צו דזשאַנס אַרטעל, איז געווען פון גאָר גרויסן יחוס. זי פלעגט נאָך מיט יאָרן צוריק,—דע־מאָלט אַ יאַכט־שיף — דורכשניידן דעם אַטלאַנטישן ים־קיסט, פלעגט מאַכן לאַנגע לוסט-נסיעות פון ניו־יאָרק ביז צו די בערמיודא-אינזלען, און ווייטער־צו, צו די אינזלען פונם מערב־אינדישן אַרכיפּעלאַג און צו די צענטראַל-אַמעריקאַנישע רעפּובליקן. נאָר איצט, אויף דער עלטער, איז זי איבערגעניצעוועט געוואָרן אין אַ פישער־שיף. מ׳האָט פון איר אַרויסגעוואָרפן אַלע שיינע באַפּוצונגען, די ווענטלעך און די מחיצות פון די לוקסוסדיקע קאַבינען, די פּאַרקעט־דילן און דעם באַגילדעטן מעבל. זי איז דעריבער געוואָרן אַ סך גרוימער אינעווייניק. פון דרויסן איז זי אויסגעפּעכט געוואָרן אויפסניי, און פון אינווייניק האָט זי געקראָגן אַריינגעשטעלט אַ גרויסן טרייב־מאָטאָר.

די דאָזיקע אַלטע אַריסטאָקראַטישע שיף, וואָס האָט שוין גע־זאָלט לאַנג אונטערגיין אָדער פּאַמעלעכקע פוילן און אויסברענען אין דער זון ערגעץ אויף אַ זאַמדיקן ברעג, ווו די שאַרף-געזאַלצענע ים-ווינטן זאָלן פּאַמעלעך און נאָכאַנאַנד זי בייסן, אויפעסן און צו־ברעקלען דאָס פאַנאַנדערפאַלנדיקע האָלץ, וואָס לויכט ביינאַכט מיט אַ פאַנטאַסטיש-פאָספאָריש ליכט—אָט די דאָזיקע אַלטע שיף האָט דע־מאָלט געקראָגן אַן אומבאַשטימטע לעבנס־פאַרלענגערונג... דאָס נייע אַריינגעשטעלטע האַרץ האָט פרישע, ציטערדיקע אימפּולסן נאָכאַנאַנד צושיקט איבערן גאַנצן גרויסן שיף־גוף. דורך די פאַרשידענע מעשענע מאַכינאַציעס,—די שרויפן, די שטאַנגען און שטאַבן, וואָס זענען גע־ווען, ווי יונגע אָדערס און מוסקולן—זענען פון די גלאַנציק-מעשענע קעסלען נייע זאַפטן פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן אַלטן גוף, ווי

פון דריזען פון אַ יונגן מענטשן, וועלכע זענען איבערגעפּלאַנצט געוואָרן אינם גוף פון אַ זקן אַן עובר־בטל.

ה

דזשאָן האָט געוווּסט גענוי יעדן ווינקעלע פונם אויסגוס — ווו און אין וואָס פאַרא אָרט מען קאָן כאַפּן יעדן סאָרט פיש. ער האָט די שיף ענדלעך אָפּגעשטעלט אויף איינעם אַ געווונטשענעם אָרט.

אַלע האָבן מיט טומל און געפּילדער תיכף פאַרוואָרפן די גרייטע וואודקעס אינם ים אַריין. ס'איז געוואָרן אַ געדראַנג ביי די באַרטען. שטריקלעך פון וואודקעס האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט איינע אין די אַנדערע.

מאַנאַט איז געזעסן אָן אַ זייט אויף אַ שטריק־בייגל. ער האָט נישט געהאַט קיין וואודקע. ער האָט גלייכגילטיק זיך צוגעהערט צו דעם, ווי בערעניס, וועלכע האָט זיך אומגעבעטענערהייט אַנידערגעזעצט לעבן אים, באַשיט אים מיט פראַגן:

— הערט, איך האָב שוין לאַנג ביי אייך געוואָלט פרעגן... אַנטשולדיקט מיין העזה... אַ שטייגער, וואָס טוט איר דאָ ביים ברעג, מר. מאַנאַט? כ'האָב שוין עטלעכע מאָל באַמערקט אייך דאָ אויפן אינזל, ווי איר גייט אַרום דאָ איבער די זומפּיקע פעלדער ביים ברעג איינער אַליין, ווי אַן אינזשענער, צי אַן ערד־מעסטער... איך האָב מיך תמיד געוווּנדערט: וואָס טוט איר דאָרט ביים ברעג, איינער אַליין?

מאַנאַט האָט איר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. ער האָט בלויז באַוויזן צוויי רייען געזונטע, בלישטשענדיקע ציין. ער האָט געשמייכלט ממש, ווי אַ קלוג קינד, וואָס ווייס, אַז עס וועט נאָך באַלד, גאָר־גאָר באַלד איבערראַשן די דערוואַקסענע מיט עפּעס אַ פיין שפּיצל, — שוין איינמאָל אַ שפּיצל... אָנשטאָט צו ענטפערן איר, האָט ער בעסער זי אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן וועגן אירע אייגענע טרוימען און אויפטוען אויף דער דאָזיקער גרויסער און טשיקאַ־ווער וועלט.

און אין אַ ווילע אַרום האָט ער שוין געוווּסט, אַז זי איז, צווישן אַ סך אַנדערע מעלות און דערגרייכונגען, אויך אַ פּאַעטעסין,—

אַ דיכֿטערין, וואָס „זאָגט צו אַ סך“. זי האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן און זיי געהאַלטן גלייך אָנגעהאָנגען אויף מאַנאַטן, מיט באַוווסטזיניקער באַשיידנקייט, הינטער וועלכער עס האָט געשטעקט אַ היפּש ביסל שטאָלץ פֿון זעלבסטזיכערקייט. „אַזוי זאָגט די קריטיק“, האָט זי צוגעגעבן.

זי האָט אים דערציילט, אַז אירע לידער דרוקן זיך אין די מאָדערנסטע זשורנאַלן, צוזאַמען מיט די דיכטונגען פֿון די אָנגעזעענסטע אַמעריקאַנישע פּאָעטן, — פֿון אַלדינגטאָן, ראָבערט פֿראָסט, מערי לאָוועל, וויטשל לינדזיי, ריטשאַרד לע גאַליען, ראָבינסאָן...

— צווישן די דאָזיקע באַרימטע נעמען, אין אײנער אַן אַנטאָלאָגיע פֿון מאָדערנער פּאָעזיע, קאָן מען, אַגב, אויך געפֿינען איר נאָמען, ביים אָנהויב פֿון אַ היפּשער סעריע יאַפּאַנעזישע האָקקוס, — דער נאָמען פֿון בערעניס וואַנ־דע־וואָטער...

—וואַנ־דע־וואָטער? אייער נאָמען איז דאָך גאָר מיס ליסלי?

מאַנאַט שמייכלט די גאַנצע צייט. ס'דאַרף הייסן: כאָטש אַליין אַ קליגערער און אַן עלטערער, אַ מענטש, וועלכער האָט שוין אַזעלכע ייִנגלשע נאַרישקייטן זיך לאַנג פֿון קאָפּ אַרויסגעשלאָגן, קאָן ער אָבער פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטיין און פֿאַרגעבן ענלעכע נאַרישקייטן ביי אַ ייִנגערן.. ער האָט באַמערקט, אַז זי האָט וואַנסעלעך אויף דער אונטערשטער ליפּ. אין אַלגעמיין, האָט זי געהאַט אַ שטאַרק מאַנסבילשן אויסזען.

— איר ווייסט דאָך... איך האָב מיר געטראַכט אַזוי... אויב כ'וועל ברויכן מיין טאַטנס נאָמען אויף מיינע אַרבעטן, וועט מען זאָגן: „איינפֿלוס“.. חוץ דעם: קאָלעגן וועלן געוויס נישט פֿאַרגינען... אי רייכקייט, אי דיכטער-רום? אָ, מ'עט נישט דערלאָזן... און אפשר— האָט זי זיך גלייך געכאַפּט, אַז ס'איז נישט „באָן טאָן“ צו רכילותן אויף אייגענע קאָלעגן, און זי קאָן נאָך מיט דעם אויך באַווייזן איר אייגענע פּניעותדיקייט — אפשר זענען זיי גערעכט... פֿאַרוואָס קומט טאַקע איינעם אַלץ? דיכטער־אַנערקענונג, האָב איך שוין איצט אויסגעפֿינען, איז דאָך אינגאַנצן אַ פּריווילִיקע זאַך... און ס'האָט שוין גאָרנישט אַזוי אָפּט צו טון מיטן עצם פֿון דער דיכטונג. ס'איז אַזוי;

אויב די אַרומיקע מענטשן, אין וועמענס הענט עס ליגט די מעגלעכקייט צו מאַכן אַ יונגן שריפֿטשטעלער באַרימט, זענען פֿריינטלעך גענויגט צו אים, — מחמת ער איז שטיל, באַשיידן, אָרים, קראַנק, ער מוטשעט זיך נעבעך, און בכלל אויב ער איז אויף צרות, ס׳גייט אים שלעכט אין לעבן, — נו, מאַכט דערווייל נישט אויס: קאָן מען אים כאָטש פֿאַרגינען דעמאָלט דעם רום פֿון אַ דיכטער... אויב אָבער איינער איז געזונט, רייך...

מאָנאַטס נייגיריקייט איז אויפֿגעוועקס געוואָרן ביי אירע לעצטע רייד. ער האָט גלייך ניט געקענט כאַפּן, אויב איר טאָן איז אַן איראָנישער, אָדער זי מיינט עס ערנסט. זע נאָר... ווי קומען עס צו איר אַזעלכע דערפֿאַרענע, גאַליקע רייד? ער האָט אָנגעשטרענגט באַטראַכט איר געזונט, גלאַט, אָפֿן און שטאַרק-מאַנספּילש פּנים. — ניין, ס׳איז גאָרנישט,—האָט זיך מאָנאַט גלייך געענטפֿערט.— דאָס זענען בלויז ווערטער. ווערטער אונטערגעהערטע פֿון פֿאַרביטערטע קאָלעגן אין באָהעמישע קאַפֿע־הייזער. יאָ, ער געדענקט זיי נאָך גוט, מאָנאַט, די דאָזיקע גאַנצע, אי ליבע, אי פֿאַסקודנע חברה...

נאָר בערעניס האָט שוין ווייטער געשמועסט, צוגעלאָזן און אינטים, ווי זי וואָלט שוין מאָנאַטן געקענט פֿון פֿיל, פֿיל יאָרן.

— איר ווייסט... כ׳האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן אָפּזאָגן זיך גאָר אינגאַנצן פֿון מיין פֿאָטערס רייכטום... ס׳איז מיר אַ שטער... כ׳מיין—אפֿילו אינערלעך איז עס מיר אַ שטער: עפּעס איז שוין אַלץ פֿאַר דיר אָפּגעטון געוואָרן, און דיר גופֿא—דיר גופֿאָ בלייבט בלויז איבער צו זיין פֿויל און צו לאָזן זיך ווילטון...

נאָר דערווייל... דערווייל האָט זי זיך אָפּגעזאָגט בלויז פֿון פֿאָטערס נאָמען. אין איר אייגענער אַרבעט, נאַטירלעך. איר פֿאָטערס נאָמען האָט שוין הינטער זיך עמעצן אַ פֿאַרטיקן — איר פֿאָטער.

— איך בין דאָך אָבער אַ נייע. און איך וויל אַ נייעם נאָמען...

— פֿאַר אַן אַלטן אינהאַלט, — האָט מאָנאַט געענדיקט אין דער שטיל.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט, אויפֿגעפֿלאַמט. זי האָט אָנגענומען מאָנאַטן, מיט וועלכן זי האָט ערשט היינט צום ערשטן מאָל זיך באַקאַנט, פֿאַר דער האַנט, מיט אַ פֿאַרטרוילעכער מינע, האַלטנדיק

אַזוי מאָנאַטן פאַרן האַנט, האָט זי עפּעס וואַרעם איינגעטענחט מיט אים. זי האָט אים, קענטיק, שטאַרק געוואָלט איבערצייגן אין עפּעס, אין וואָס זי איז אַליין גאָרנישט אַזוי שטאַרק געווען איבערצייגט, און דערפאַר איז איר אָנשטרענגונג געווען גרויס. זי האָט גענומען און האָט פאַר אים איצט אויסגעשפּרייט אַ רייע ווערטער,—ווערטער, וואָס זי האָט ניט לאַנג צוריק מיטגעבראַכט פון אַרטיסטישע ווינקעלעך אין ניו יאָרק:

— איר פאַרשטייט... אונזערע עלטערן האָבן אויפגעבויט די אַמעריקאַנער אינדוסטריע; מיר וועלן אויפבויען די אַמעריקאַנער קולטור... אַן אייגענע, אַן אַמעריקאַנישע וועט זי זיין... ניט די אייראָפּעישע קולטור פון די ניי-ענגלענדער שרייבער פון פאַרן בירגער־קריג, און אויך נישט די איצטיקע אַמעריקאַנישע ערב-רב קולטור, די דאָזיקע מעכאַניש-געמישטע, אָבער אָרגאַניש ניט צונויפגעמישטע... מיר וועלן שאַפן אַן אייגנטימלעכע קולטור, אַזאַ, וואָס איז נישטאָ אין ערגעץ, אין קיין לאַנד... זי וועט זיין אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פונם גאַנצן צוזאַמענשטעל פון די פילע פעלקער, וואָס באַוווינען איצט אַמעריקע...

די זון האָט געבראָטן. דער ים איז געווען שטיל און היציק. ס'האָט זיך אַלע ווייל געלאָזט הערן אַ פריידיקער אויסגעשריי פון איינעם פון די פישער, ווען ער פלעגט אַרויסציען אַ גרויסן פיש פונם וואַסער. אַן איטאַליענער, איינער פון די שיף־אַרבעטער, האָט אָפּערע־מעסיק פאַרצויגן אַן אריע פון אַ באַקאַנטער אָפּערע.

— O, Figlia delamore...

אַפּאָר שווייגנדיקע, ריזיקע און שעמעוודיקע רוסן—מאָנאַט האָט אין זיי דערקענט די אַרבעטער אין די רימענע הויזן, וועלכע האָבן געאַרבעט דעם גאַנצן זומער ביים אויסטריקענען די זומפּן העכער־צו, בייך ים־ברעג, אַרום פּלעזענט-פּליינס,—האָבן אונטערגעכאַפּט די באַקאַנטע מעלאָדיע, און זי מיטגעברומט אָן ווערטער. די איבעריקע פּאַסאַזשירן,—דאָס רוב פרייליכע, הויכע, בלאָנדע אירלענדער, — דערהערנדיק אַן איטאַליענישע מעלאָדיע, האָט זיך עס ביי זיי צונויפגעמישט מיט אַן אַנדערער פּאָפּולערער ניו־יאָרקער גאַסן־מעלאָדיע, פּלומרשט אין איטאַליענישן סטיל, און זיי האָבן זי אונטערגעכאַפּט

מיט אַ קאַקאַפאָנישן געפּילדער:

O, Marie, O, Marie
Wouldn't you come back to me..
My heart pains me so...
I love jou so...

און בערעניס האָט אַלץ פאַרטרוילעך געהאַלטן מאַנאַטס האַנט, און ענטוזיאַסטיש גערעדט:

— „די צרה מיט אונז איז, וואָס מיר ווייסן נישט, ווי צו באַגעמען זיך מיט די „פּאָרייגנערס״, מיט די אימיגראַנטן וואָס קומען צו אונזערע ברעגן... מיר דאַרפן אויף זיי קוקן, נישט ווי אויף בעמערס, נאָר ווי אויף גע בע ט ע ר ס!.. זיי וועלן אונז אַ סך העלפן אין דער אויפבויונג פון אונזער נייער עכט-אַמעריקאַנישער קולטור, אויב מיר וועלן נאָר האָבן גענוג שכל נישט צו דערשטיקן זייערע מיטגעבראַכטע אייגענאַרטן... פון זיי, פון זיי וועט אונזער קולטור געהאָלפן ווערן!..

זי איז געבליבן זיצן אַן אויסגעשעפּטע פון דער אראַטאָרישער אָנשטרענגונג אירער. ביים סוף פון אירע רייד איז מאַנאַט געוואָרן אין איר אַ היפּש ביסל פאַראינטערעסירט און האָט װאַרעם אַ פּאָר מאָל אַ קוועטש געטון איר האַנט. איז זי צו אים נאָך צוגעלאָזענער געוואָרן:

— איר לייענט דאָך מסתמא אַ סך פּאָעזיע, מר. מאַנאַט? יאָ? טאָ קומט אַמאָל אַריבער צו אונז... כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט זיך נעענטער באַקאַנען מיט אייך. אפשר וועלן מיר איינער פונעם אַנדערן עפּעס קאָנען לערנען. איר מוזט זיין זייער אַן אינטעלעקטועלער מענטש: אַלע רוסישע יידן זענען דאָך זייער אינטעלעקטועל... נו, איז עס אָפּגעמאַכט? איר שמייכלט? איך נעם אָן, אַז איר זאָגט מיר צו אַריינצוקומען צו אונז גאָר אינגיכן.

ו

די שיף האָט זיך געהוידעט אין די שטאַרקע, הויכע וואַסערן פון מיט־אָקעאַן, זיך גענויגט הין און צוריק, ווי אַ שווימערל פון אַ וואודקע.

אַלע זענען געווען שטיל־פּאַרטון, פּאַרקאָכט אינם פּישפּאַנגען. יעדע ווײַלע פּלעגט אַן אַנדערער פון די פישערלייט אַרויסשלעפּן אַ גרויסן פיש און אים אַרויפוואַרפן אויפן דעק. אייניקע פון די געכאַפּטע פיש זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיי געמוזט גלייך אויפן אָרט מיט אַ העקל צושפּאַלטן דעם קאָפּ, כדי זיי זאָלן זיך נישט אַרומשליידערן און איבערקערן די עמערס.

עמעצער פלעגט אומדערוואַרטעט אַרויסשלעפּן פון ים אַ קליינינקן קײלעכדיקן ים־יעזש, וועלכער פלעגט זיך אויפשוועלן אין דער לופט, אָנבלאָזן זיך, ווי אַ לופט-באַלאָן און פאַררוקן אין דעם קײלעכדיקן קערפּערל דאָס קליינע קעפּל. נאָר אַז מען פלעגט אים אַ ווײַלע לאָזן ליגן אַזוי, און קיינער פלעגט אים נישט אָנרירן, פלעגט ער צוריק פּלאַטשיק צוזאַמענפאַלן, ווי אַ דורכגעלעכערטער פּענכער.

אינמיטן דער רייזע האָט דן אָנגעהויבן ליידן פון ים-קראַנקהייט. מען האָט אים אַריינגעפירט אין קאַיוטע און אַנידערגעלייגט אויף אַ קושעטקע: ערשט פאַרנאַכטלעך-צו, אַז אים איז בעסער געוואָרן, איז ער אַרויס אויפן דעק, ער האָט אין קיך גענומען אַ טעפּעלע קאַווע, האָט זיך געזעצט לעבן מאנאטן, פאַרטיפט געקוקט אין זיין טעפּעלע קאַווע און געשוויגן.

מאנאט האָט שמייכלענדיק געקוקט אויפן ים און געריכערט זיין פּיפּקע. ער האָט געפילט מיט יעדן טראָפּן בלוט זיינעם, אַז פון אָט דעם איינציקן טאָג, פון אָט דער נסיעה אויפן שיף, פון די באַגעגענטע מענטשן, איז ער געוואָרן רייכער, מיט אַ סך רייכער... איין טאָג—אַ גאַנצער לעבן. אַלץ אין אים האָט נחתדיק געציטערט פון איבערפלייצנדיקער פרייד ביים בלויזן געדאַנק, אַז ער לעבט, ער לעבט נאָך, און דער אומפאַרמיידלעכער סוף אין גאָרנישט איז נאָך גאָר, גאָר ווייט... ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט אַזוי געקאָנט פאָרן מיט אָט דער שיף זיין גאַנץ לעבן, גאָרנישט נישט טון, נאָר זיך בלויז פרייען זיין גאַנץ לעבן מיט דעם אַליין, וואָס ער לעבט...

דורכן נעפּל פון זיינע געדאַנקען האָבן זיך צו אים אין מיטן דעריינען דערטראָגן דנס רייד:

—באַלד, נאָך אַ פינף־זעקס וואָכן, וועלן זיי שוין פאַרטיק דאָ מיט זייער „דזשאב" ביי ליסלים הויז... און דעמאָלט? די מאָליער-

אַרבעט האָט אים שוין דערעסן — ער וויל אַוועקפאָרן.

— וווהין?

— אין דער וועסט*), אין אַ קאַלעדזש, שטודירן.

מאָנאַט האָט אים אָנגעקוקט מיט באַדויערן, ווי מען קוקט אָן אַ גרויס, אומבאַהאָלפן, נישט-דערוואַקסן קינד. נאָר דער איינגעשלאָפענער דן האָט עס נישט באַמערקט, ווי ער האָט בכלל קיינמאָל נישט באַמערקט, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד מאַכן אויף אַ זייטיקן מענטש, ווי עס האָבן בכלל נישט עקזיסטירט פאַר אים קיין אַנדערע מענטשן — סיידן אויף אַזוי פיל אויף וויפל זיי זענען געווען דירעקט פאַרמישט אין זיין אייגענעם לעבן. דאָס איז נישט געווען אַזויפיל פון עגאָיסטישער איינגעליבטקייט אין זיך, נאָר גיכער פון אַ שטענדיקער פארטראַכטקייט, פון אַ פאַרטאנענקייט מיט איינענע רעיונות און אייגענע קיינמאָל נישט־געשטילטע ספקות. שווער, ערנסט, מיט אַ פנים, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אויסדרוק, פונקט ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט ער ווייטער גערעדט, קוקנדיק די גאַנצע צייט פאַר זיך מיט עקשנותדיקע אויגן:

— מיר איז עפּעס נישט קלאָר... עפּעס זענען מיר לעצטנס אַ סך זאַכן געוואָרן נישט קלאָר... כ׳פּיל, ווי דער בנין פון דער וועלט, וועלכן איך האָב אין זיך ביז אַהער געהאַט, הויבט אָן צו וואַקלען זיך...

רויע, שטאַרקע ווינטן בלאָזן אויף אים פון אַלע זייטן, אויף אָט דעם בנין; ווען מאָנאַט פּרוווט אַמאָל אַריינברענגען ספקות אין זיין, דנס, וועלט, שלײדערט זיי דן תמיד אַוועק, ווי אַ פרעמדוווקס, ווי אַ פאַרפירונג, ווי אַ בלויזן סאָפיסטישן חכמהנען־זיך. פאַרקערט, זיין זיכערקייט ווערט נאָך תמיד אין אַזעלכע פאַלן מער געשטאַרקט און מער איינגעאַנקערט.

— נאָר ווען דו, מאָנאַט, ביזט שוין נישט נעבן מיר, הויבן ערשט די דאָזיקע ספקות אָן איינצוואָרצלען זיך אין מיר... כ׳הויב

---

*) מערב־אַמעריקע.

ערשט דעמאָלט אָן צו פֿאַרלירן מיין זיכערקייט...

און איצט — דאַכט זיך אים אָפּט, אַז ער ווייס שוין נישט, וואָס איז דער אמת, און ווו איז דער אמת... ער וויל דעריבער אַוועקפֿאָרן, אָנהויבן שטודירן, זען אויסגעפֿינען, וויאַזוי אַנדערע מענטשן, פֿאַר אים, האָבן עס געוווּסט, ווי זיך אויפֿצובויען אַ גאַנץ, אַ האַרמאָניש לעבן, ווו קיין זאַך זאָל זיך קיינמאָל ניט האַלטן אין איין אומזיכערן וואַקלען... אָדער אפשר האָבן גאָר אַזעלכע מענטשן קיינמאָל ניט געלעבט?

מאָנאַט האָט אויף אים אַ לויפֿיקן קוק געגעבן. ס'האָט אים אַרומגענומען אין אָט דער מינוט אַ מאָדנע ליבשאַפֿט-געפֿיל צום דאָזיקן יונגן, נאָך ניט-פֿאַנאַנדערגעוויקלטן טרוימער. אָבער דאָס דאָזיקע געפֿיל איז געווען געמישט מיט רחמנות צו זיין איינזייטיקער אַלטקייט, צו זיין דורותדיקער אַלטקייט, צו זיין יידישער אַלטקייט... יאָ, ער וועט אים עפּעס ענטפֿערן. כאָטש וואָס איז די פּעולה? ער ווייס דאָך גאַנץ גוט, מאָנאַט, אַז זיינע רייד וועלן דינען איצט אַלנפֿאַלס גאָר ווייניק העלפֿן... ער וועט אים פֿונדעסטוועגן ענטפֿערן.

נאָר ס'האָט שוין אויסגעזען די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, ווי ער וואָלט גערעדט ניט באַשטימט צו עמעצן, נאָר סתם אַזוי,—ער האָט גיכער גערעדט צום רויך, וואָס האָט זיך נאָכאַנאַנד געקרייזלט פֿון זיין פּיפּקע און איז פֿאַרשוווּנדן אין דינסטע, זיידענסטע רינגעלעך... ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט צוגעגעבן זיינע רייד נישט קיין גרעסערע וויכטיקייט, ווי דעם רויך, וואָס ער האָט פֿון זיין טרייבל איצט אַרויסגעלאָזן. ער האָט דאָך ביידע זאַכן געטון בלויז צוליב דער מינוט, צוליב אַ בלויזן מינוט-קאַפּריז.

— שטודירן... איך ווייס ניט צוליב וואָס איז דאָס דאָזיקע אַוועקפֿאָרן אין דער ווייט, שטודירן... דאָס שטאַמט, אפֿנים, אין דיר ווידער פֿון דעם יידיש-אַסקעטישן: הוה גולה למקום תורה... אָבער צוליב וואָס? מען קאָן אַלץ אויסגעפֿינען גופֿא אויפֿן אָרט—אַרום זיך, ווו מען זאָל ניט זיין... און קיין סך איז סיי ווי נישטאָ, וואָס אויסצוגעפֿינען...

עס זענען אין לעבן דאָ, לויט מאָנאַטן, בלויז עטלעכע אמתן,

וועלכע יעדער איינער פון אונז דאַרף אויסנעפינען, און וואָס פריער — אַלץ בעסער.

— שווערלעך קומט עס טאַקע אָן — דאָס מוז איך דיר צוגעבן, דן. ווייל די, וואָס ווייסן זיי שוין, אַט די דאָזיקע אמתן, באַמיען זיך גאָר שטאַרק צו באַהאַלטן זיי פון אונז... אָבער געפינען, געפינען מיר זיי אויס סוף-כּל-סוף — און אָט אין דעם באַשטייט דאָך אייגנטלעך דער באַזונדערער פיינלעכער וועג פון יעדן איינציקן מענטשן — מיר געפינען זיי אויס, די דאָזיקע אמתן, אויף צו להכעיס אַלע „דערציונגען" און אַלע ביכער-שטודיען...

און מאַנאַט פאַרענדיקט:

— און אַז מען געפינט שוין אויס אָט די דאָזיקע עטלעכע אמתן, איז שוין דערנאָך מער נישטאָ, וואָס אויסצוגעפינען, איז שוין בכלל מער נישטאָ, וואָס צו „זוכן"...

— און וואָס זענען זיי, אָט די דאָזיקע עטלעכע אמתן? — האָט דן שמייכלענדיק, כּלומרשט נישט-גלויבנדיק, אָבער אין דער אמתן — הונגעריק, מיט לעכצנדיקע בליקן אויף מאַנאַטן געקוקט.

מאַנאַט האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— די מעשה איז, וואָס פאַר דיר וועלן זיי קיין אמתן נישט זיין, דן... נישט איצט, אַלנפאַלס.

מאַנאַט פאַרלאָזט זיך שוין אויפן „ראָד"... אויף וואָס פאַר אַ ראָד? אויף אָט דאָס זעלביקע ראָד, וואָס דרייט זיך אומעטום און אַלעמאָל, אין יעדן איינציקן מענטשנס לעבן... קיין זאָרג נישט, — פריער, אָדער שפּעטער, אַז עס וועט קומען דנס רייע וועט ער שוין זיי סוף-כּל-סוף אַליין אויסגעפינען די דאָזיקע אמתן.

— טרינק דערווייל דיין קאַווע, דן, — זי ווערט קאַלט.

ז

די זון האָט זיך געזעצט. אינסטינקטיוו האָבן זיך די מענטשן אויפן שיף נענטער צוגערוקט איינער צום אַנדערן, און נענטער צום צענטער פונם שיף, ווו די מאַשינען האָבן זיך געפונען, און פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשטראַלט אַ וואַרעמקייט. ס'איז געווען איצט יענע פאַרנאַכט שעה, ווען דאָס געמישעכץ פון ווונדערלעכע שקיעה-פאַרבן אויפן הימל און אין דער לופט האָט אַ פיזיאָלאָגישע ווירקונג אויפן

מענטשלעכן בלוט, דאָס בלוט ווערט אין אָט דער שעה רויקער, שמעקעדיקער און עראָטישער, און בענקט נאָך באַהעפטונג מיט אַנדער בלוט. ס׳איז געווען איצט די שעה פון מענשלעכער דערנענטערונג.

ביי די באָרטן זענען נאָך פונדעסטוועגן אַלץ געשטאַנען עטלעכע געציילטע מענטשן און געכאַפּט פיש — די פיש, וועלכע מען קאָן בעסער כאַפּן אין אָוונט, ווי בלוי־פיש און אַאַלן. די מאַנשאַפט, אַלע אויסגעמאַטערטע, איז געלעגן צעשפּרייט אין פאַרשידענע שיף־ווינקל׳ען, געשפּילט „ביינדלעך”, קאָרטן, געזונגען. דער אָוונט איז נאָך געווען אַ פריער, און די מענטשלעכע סילועטן האָבן זיך שאַרף געצייכנט קעגן אָוונט.

דן האָט איינער אַליין דאָ אַרומגעבלאָנקעט, אַ פאַרלוירענער צווישן אַלעמען, און זיך אומעטום, אויף יעדן טריט, אָנגעשטויסן אָן פּאָרלעך. דזשאַן האָט איבערגעגעבן זיין פּלאַץ ביים רודער קאַרסטען. ער אַליין איז איצט געזעסן ביי אַ לאַמטערנע לעבן נאָז פון שיף. מיט די גרויסע וואַסער־בלויע אויגן האָט ער אַרויפגעקוקט צו בערעניסן, וועלכע איז געזעסן אויף אַ שטריק־קנויל אַביסל העכער פון דזשאַנען, און האָט מיט אים עפּעס איינגעטענהעט. ער האָט אָבער גאָרניט געהערט פון אירע רייד. זיין קאָפּ האָט אים געברענט און אינווייניק האָט אים דאָרט אַזוי גערוישט פּונקט ווי ער, דער קאָפּ זיינער, וואָלט געווען איצט פול פון ברעג ביז ברעג מיט זודיק וואַסער. בערעניס האָט געהאַט אַריבערגעוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס, און די שלאַנקע, געזונטע פיס אירע אין די קורצע „ניקערבאַרקערס”, אַנטבלויזטע כמעט ביז צו די קני, האָבן דזשאַנען געפיבערט.

דן איז ווייטער געגאַנגען איבערן דעק. ביים ווייטן „סטוירן” האָט ער באַמערקט, ווי מייבל און גאס, פאַרשטעלט ביידע דורך די הויכע קאַסטנס מיט אייז און פאַרשידענע פּראָוויאַנטן, ליגן אַזוי אויפן דעק שטאַרק אַרומגענומען, — צוויי קריגערישע מענטשלעכע גופים, וועלכע זענען אויף אַ קורצער ווייליע שלום געוואָרן. אינם אָוונט האָט זיך געבלייכט אַ ווייס פלעק פון ריינע אונטערוועש פון איר פאַנאַנדערגעשפּילעטער בלוזקע אַרויס.

דן איז געגאַנגען ווייטער, איילנדיק און ווי אַנטלויפנדיק. אין דער געדיכטער־ווערענדיקער פינסטערניש, צווישן אַ געפלעכט און גע־

פּלאָנטער פון שטריק, קאַסטנס, קאַנען, צושפּרייטע קערפּערס און קופּקעס אומבאַקאַנטע זאַכן, האָט דן געהאַלטן אין איין זוכן מאָנאַטן, ווי זיין, דנס, פאַרלוירענעם שאָטן... ער האָט אים לסוף געפונען ליגנדיק לעבן מרס. פאַרנעל.

אָ, מרס. פאַרנעל האָט זיך דאָך אין דער מינוט גענויטיקט אַזוי שטאַרק אין טרייסט... זי האָט געוואָרפן וואָלפישע, הונגעריקע אויגן אין אַלע ריכטונגען. מאָנאַט האָט זי איידל, נאָר איבערצייגנדיק געצערטלט, און געפּרוווט זי אַלץ אַרומנעמען ביי דער טאַליע: די טאַליע אירע איז געווען צו ברייט פאַר דעם אומפאַנג פון זיינע אָרעמס, און ער האָט געמוזט איבערחזרן עטלעכע מאָל זיינע הערצאָאישע פאַרזוכן.

און כאָטש מאָנאַט האָט זיך אַלע מאָל געלערנט אַרויסצוקריגן די פולע זיסקייט פון יעדן איינציקן מאָמענט און נישט טראַכטן ניט פון אַ „פריער” און נישט פון אַ „שפּעטער”, — האָט ער דאָך איצט, צודריקנדיק צו זיך אין דער פינסטער דעם גרויסן לייביקן פרויענגוף פון דעם ברעג־ימיקן ווייב, זיך נישט געקענט באַפרייען פון אַ מאָדנעם געפיל:

אָט די מרס. פאַרנעל, די גויע מיטן געמיש פון שאָטלענדישן און אירלענדישן בלוט אין אירע אָדערן, זי ווערט דאָך איצט אַרומגענומען פון אים, מאָנאַטן—אַן אייניקל פון גוטע יידן, אַ שפּראָץ אַ הפקרדיקער פון אַ גאַנצן יחוסדיקן און פרומען דור רביים.

אַ בילד, אַ שוין לאַנג פאַרגעסנס, האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אין דער זעלבער מינוט — אַ בילד פון אַן אַמאָל־אַמאָליקן, אַ היימישן פרייטאָג־אָוונט. די מאַמע זיינע, אַ יונגע רביצין אין אַ זיידענער פיקל־הויב און אין אַן אַטלאַסענעם לאַנגן קלייד, געדיכט באַהאָנגען מיט דראָבניקע שוואַרצע פעריל־פרענזעלעך, שטייט איצט ביים טיש נאָכן ליכט־בענטשן. זי לייגט אַרויף אירע הענט אויף זיין קאָפּ, און בענטשט אים, דעם יונגן מאָנאַטן. ער איז אָנגעטון אין אַ לאַנגן זיידענעם סורדוטל ביז די פיאַטעס, אין אַ מאַרדערנעם גרינגן שטריימל, פון וועלכן עס הענגען אַרונטער צוויי לאַנג־לאַנגע געקרייזלטע פאות, ווי בלאָנדע מיידלשע צעפּעלעך. ער טראָגט אַ פּאָר זאַמשענע לאַטשן אויף לאַגגע, מיידלשע זאָקן ביז די קני, וואָס זעען

זיך אים פונם זיידענעם סורדוטל אַרויס. די מאַמע בענטשט אים, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן, קינד טייערס, זאָל ער זיין אַ גליקלעכער... זאָל ער האָבן אַ סך פרייד אין זיין לעבן.

מאַנאַט דערמאָנט זיך, אַז אָט אַזוי, מיט אָט דעם נוסח, פלעגט זי אים בענטשן יעדן פרייטאָג נאָך ליכט־בענטשן, און דער־ביי פלעגט זי פאַרגיסן אַ סך טרערן, אָט די יונגע מאַמע זיינע. אַפנים, אַז דאָס, פרייד און גליק, האָט הויפּטזעכלעך געפעלט אין איר אייגן לעבן. נאָר, אַז זיין באָבע האָט אַפּאָר מאָל געהערט אַזוי־דעם באַשטענדיקן נוסח פון זיין מוטערס ברכה, האָט זי זיך שטאַרק צובייזערט. זי האָט אָנגעשריגן אויף דער שנור אירער:

— פרייד... גליק... בענטש אים בעסער, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ פרומער ייד, אַ פרומער און אַ גאָטספאַרכטיקער בן־תורה!

נאָר די מוטער זיינע, אין דער שטיל, פלעגט אים פונדעסט־וועגן אפילו דערנאָכדעם אויך בענטשן מיטן זעלביקן נוסח.

— זאָלסט אויסוואַקסן אַ גליקלעכער, מיין קינד... זאָלסט האָבן אַ סך, אַ סך פרייד פון דיין לעבן.

ח

דן האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן דעק ניט ווייט פון מאָ־נאַטן און האָט פאַרמאַכט די אויגן. ס׳איז אים איצט געווען קאַלט, שטאַרק קאַלט. ער איז געווען אַליין און האָט זיך אין דער נאַכט־קאַלטקייט געטוליעט אין זיך גופא און געזוכט אין זיך אַביסל וואַרעמקייט.

אין דער פינסטערניש און שטילקייט אַרום אים, — אַ שטילקייט, וואָס איז אַזוי ווי ניט איבערגעריסן געוואָרן דורכן מאנאטאנעם קלאַפּן און פליאָשקען פון די שיף־רעדער, — אינם ריח פון רויע פיש און אויסטערס אויפן דעק; אינם נאָכאַנאַנדיקן קלאַפּן פון דעם דורכגע־שניטענעם וואַסער אָן די ווענטלעך פון שיף, — האָט באַלד אַלץ אין אים אָנגעהויבן ציטערן און אומרויִק אַרומיאָגן. עס האָט אין אים אַ ריס געטון: וואָס טוען איצט ראיע און אַלעקס, אַ שטייגער, אין אָט דער שעה, אין אָט דער נאַכט... ער האָט שטאַרקער, פעסטער צוגע־דריקט זיינע אויגן־לידלעך, כדי ער זאָל ניט זען דאָס, וואָס ער־

האָט איצט אָנגעהויבן צו זען. נאָר וואָס שטאַרקער ער האָט צוגע-דריקט די אויגן זיינע, אַלץ מער האָט ער געזען פאַר זיך און אַרום־און־אַרום זיך פּאָרלעך, בלויז צוזאַמענגעהאָפטענע פּאָרלעך, אַרומגענו־מענע מאַנסבילן און פרויען, צונויפגעפלאָכטענע ערס און זיס, נאַקע־טע און האַלב־נאַקעטע, לייב אַריינגעדרונגען אין לייב, שווייגנדיק צוזאַמען מיט שווערן אָטעם אין די מינוטן פון יחוד.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מאָדנע צורייצנדיק געפיל, — אַ געפיל, ווי ער זינקט איצט און ווי ער ווערט גלייכצייטיק גרינג-לופטיק אַזוי אויפגעהויבן.

— גאָרניט איז ניטאָ, דן... מען מעג אַלץ, אַלץ... קיין זינד איז ניטאָ... אַלץ, וואָס ס'איז דאָ, איז ריין, ווייל ס'איז ניטאָ קיין ריין און קיין אומריין... אַלץ איז באַשאַפן געוואָרן פון איין האַנט, אויף איין אופן...

— אָבער פאַרוואָס קומט עס אָן אַנדערע אַזוי גרינג... פאַרוואָס ליגט אויף אים אַזאַ שווערער יאָך, פון נעמען אַלץ אין דער וועלט אַזוי ערנסט? אָט איז, צום ביישפּיל, גאס מיט מייבלען... און אָט — אויפן זעלביקן שיף בערעניס און דזשאָן און מאָנאָט און מרס. פאַר־נעל—איז טאַקע גאָרנישט ניטאָ? גאָרנישט?

און מיטאַמאָל האָט אַ בליץ געטאָן איבערן ים אַ לאַנגער, שטאַרק־ליכטיקער בליץ, ווי פאַר אַ שלאַקס־רעגן. די אומהיימלעכע וואַסערן פון אָקעאַן האָבן זיך אויף איין אויגנבליק אַנטפּלעקט פאַר דנען. דער בליץ האָט אויסגעזען, ווי אַן אומגעהויערע, אַ פייערדיקע שלאַנג, דער קאָפּ זיינער—אַ ברענענדיקער, פון לויטער פייער. און דער לאַנגער גוף און עק —אַן ערדישער, אַ ברוינער, אַ טונקעלער. די דאָזיקע שלאַנג איז געווען צוזאַמענגעפלאָכטן אין אַ קנויל. דאָס פייערדיק־געריייניקטע מויל האָט געהאַלטן דעם אומריינעם עק אין זיך, און פונם ערדישן עק איז אַרויסגעקומען דער ריין־פייערדיקער קאָפּ־פייער און ליכט, און ריינקייט און ברוינע ערדישקייט, —און דן איז אַנידערגעפאַלן מיטן פנים אויפן דעק, אַ פאַרחלשטער, פאַרבלענדט פונם גרויסן פייערדיקן ליכט, און האָט געוויינט.

ט

ער האָט ניט געוווּסט, ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן. אַז ער איז געקומען צו זיך, איז אויפן דעק נאָך אַלץ געווען טונקל און שטיל.

אַז דנען האָבן זיך ביסלעכווייז צוריקגעקערט אינגאַנצן אַלע זיינע חושים, האָט ער פאַרנומען, ווי פון אַ ווינקל-שיף האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ שושקען-זיך. אַ מין סודותדיק צונויפריידן־זיך. עפּעס אַן אומצופרידנקייט איז געווען אין אָט דעם געמורמל, אין די איינגעהאַלטענע שטימען איז געווען אַ קוים־פאַרדעקטע אויפרעגונג, אָט פּונקט, ווי קאָנספּיראַטאָרן וואָלטן עפּעס דאָרט אין געהיים געפּלאַנעוועט...

דן האָט צוערשט גאָרנישט פאַרשטאַנען פון די אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע האָבן זיך צו אים דערטראָגן, זיי זענען געווען אַזעלכע פרעמדע, דערווייטערטע: אין קאָפּ איז אים געווען איצט הויל-אויסגעברענט, ווי נאָך אַ פיבער. ס׳האָט אים גענומען אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט אָנגעהויבן זיי צונויפבינדן, די דאָזיקע אויפגעכאַפּטע ווערטער.

דאָס האָבן זיך די אויסטער-לייט באַקלאָגט דאָרט אויף זייער אומדערטרעגלעכער לאַגע: די פאַרדינסטן ביים ברעג ווערן וואָסו אַמאָל אַלץ קלענער, אַלץ אָרעמער, אַלץ מאָגערער... אַוועקגיין צו ליסלין אויפן פאַבריק, — איז עס נישט אַזוי גרינג צו פּועלן ביי זיך. נאָר אַפילו, אַז מען פּועלט עס שוין יאָ ביי זיך, נעמט מען שוין דאָרט איצט קיין אַרבעטער מער נישט אָן. ס׳איז דאָרט פול געפּאַקט. די געוועזענע אויסטערלייט, וועלכע אַרבעטן שוין דאָרט אַ לענגערע צייט, זענען אויך נישט צופרידן; זיי באַקלאָגן זיך אויך. די עלטסטע, חשובסטע אַרבעטער, — אַמאָליקע אָנגעזעענע אויסטער-לייט פונם ברעג, איינוווינער מיט אַ חזקה, — זאָגט מען לעצטנס, אונטער אַלערליי אויסריידן, נאָכאַנאַנד אָפּ... מען ברענגט אויף זייער אָרט פון דער פרעמד יונגע, האַרעפּאַשנע אַרבעטער: די לעצטע פילן זיך נישט דאָ פאַר אַזעלכע מיוחסים און פירן זיך נישט אויף אַזוי אומאָפּהענגיק... מען ברענגט אַרונטער אַהער גאָר ווילד־פרעמדע

מענטשן, — אומאַנטוויקלטע, נידעריקע „פאַרייַנערס״: סלאַוון, אונגאַרן, איטאַליענער... אַפילו „קונס״*) אַזש פון די אינזלען פונם מערב־אַר־כיפעלאַג און פון קובאַ...

איבערן ים, אין דער טונקל, ביים קלאַפּן פון די רעדער און נאַכטישן אויפגעשריי פון די נאַכפליענדיקע פויגלען, האָט זיך גע־טראָגן איבערן שיף־דעק אַן אויפגערעגטער געמורמל:

— אַ שטרייק. אַ שטרייק... די שפין ליסלי האָט אונז אומ־גליקלעך געמאַכט, צושטערט דעם גאַנצן ים־לעבן אונזערן... מירן אים ווייזן! מיר מוזן אים ווייזן! מיר זענען פרייע אַמעריקאַנער! מירן זיך נישט אונטערגעבן!...

מאַנאַט האָט נאָך שטייפער אַרומגענומען מרס. פּאַרנעל, און גענורעט זיין קאָפּ אין איר הויכער ברוסט. איין אויער, מיט יענעם זייט קאָפּ, איז דאָרט געווען פאַרבאָרגן אין אַן אָנגענעמער וואַרעמקייט. אָבער צום אויער, דעם דרויסנדיקן, האָבן זיך דערטראָגן ברעקלעך פונם אומצופרידענעם געמורמל אויפן דעק... „גוט״, האָט ער גע־טראַכט פאַר זיך מיט הנאה; „ס'הויבט זיך שוין אָן... די זוימען, וואָס איך האָב דאָ פאַרזייט, הויבן שוין אָן צו ברענגען פרוכט. גוט... ס'גייט אַ גאַנג״.

מיט יעדער מינוט האָבן אַלץ שאַרפער אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דעם מוח די ביטערע, ווידערשפּעניקסטע געמורמלערייען פון די אומגע־זעענע אַרבעטער אויפן דעק. זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן אויספילן זיין גאַנץ געהירן. אים האָט מאָדנע געוווּנדערט, וואָס ער האָט ביז איצט אַזוי ווייניק געטראַכט דערפון. וואָס ווילן זיי דען, די דאָזיקע אומצופרידענע? ברויט. וואָס פילט אויס זייער מוח איצט? דער דראַנג נאָך ברויט. מיט וואָס קאָן מען די דאָזיקע אומצופרידענע באַרויקן? מיט ברויט, ברויט... נאָר אויב אַזוי, אויב אַז פאַר אַזוי פיל מענטשן איז דאָס אַזאַ וויכטיקער ענין, — איז אפשר איז דאָס טאַקע דאָס וויכטיקסטע אין לעבן—מער ברויט? זענען אפשר אָט די אַלע ספקות און אומרוען, וואָס פאַרנעמען זיין מוח, בלויז פוסטע גאָרנישטן?...

---

*) נעגערן.

ברויט דאַרפן דאָך ערשט מענטשן, נאָך ברויט... מער ברויט...

ס׳האָט זיך פלוצלינג דערהערט אַ געשריי, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער נאַכט איבערן ים, — אַ קוויטש, און אַ גראָבער שעלטן זיך מיט מיאוסע ווערטער. איינער פון דער מאַנשאַפט איז געהאַט איינגעשלאָפן זיצנדיקערהייט, אַ פוס פאַרלייגט איבער אַ פוס. זיינע חברים האָבן אים דעמאָלט אונטערגעשטעלט אַ ברענענדיק ליכט אונטערן זויל פון זיין שטיוול, אונטערן אויפגעהויבענעם פוס, ביז דאָס פלעמל האָט דורכגעברענט די לעדער פון דער פּאָדעשווע און אָנגעהויבן באַקן דעם פוס. דער פאַרצאָרנטער מאַטראָס האָט זיך געוואָרפן שלאָגן, נאָר נישט געוווסט אויף וועמען. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענער און זיך געשאָלטן. דער עולם אַרום האָט זיך געשטיקט, לאַכנדיק פון גרויס הנאה און פרייד.

— ברויט ווילן זיי, — האָט דן אַלץ געמורמלט פאַר זיך. — און נאָכן ברויט — וואָס? פאַרוויילונגען?

און דערנאָך איז אויפן שיף שוין געוואָרן נאָך שטילער און טונקעלער, — די שיף האָט זיך שוין דערנענטערט צו דער יבשה. פונם אָרט, ווו גאָס און מייבל זענען געלעגן, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שטיל כראָפען. און דאָרט, ווו ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק האָט דן געזען מאָנאַטן און מרס. פאַרנעל, איז איצט געווען בלויז אַ שטיק זיך-באַוועגנדיקע פינסטערניש, וואָס האָט אַ ווײַלע, אַז דן האָט זיך גוט צוגעקוקט, געציטערט, געציטערט און באַלד געבליבן ליגן שטיל, און זיך צוריק פאַנאַנדערגעפאַלן אין צוויי העלפט.

ביים „נאָז“, אינם לאַמטערן-ליכט, איז דזשאַן געזעסן אויפן אָנקערברעט. בערעניס איז געלעגן לעבן אים אויפן דעק, איר קאָפּ אויף זיינע קני. דזשאַן האָט איר געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז שוין גאָרניט אַזאַ אומוויסנדיקער, ווי זי האָט מסתמא לכתחילה געמיינט, נישקשה ער האָט אין זיין יוגנט דורכגעמאַכט אַ דאָרפס-שולע... ער איז אַוועק אין זיין קאַיוטע, זיך אַ היפּשע ווײַלע געגראָבן דאָרט אין זיין קופער, און באַלד צוריקגעקומען מיט עפּעס אַ פאַרשמירט ביכל, וואָס האָט געהאַט אָפּגעפליקטע טאָוולען, און איז געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט פאַרטריקנטע פיש-שאָלעכץ. פון אָט דעם ביכל האָט ער עס איצט מיט באַגייסטערונג אַרויסגעלייענט. ער האָט גע-

לייענט שווערלעך, אַזוי אויסרעדנדיק יעדן וואָרט איבערגעטריבן-קלאָר. טראַף נאָך טראַף, ווי איינער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אויסגעלערנט לייענען. די דאָזיקע ווערטער האָבן טראַפנווייז, ווי געשפּאָט פון דנען.

Three is fishers went sailing away to the west,
Far out to the west, as the sun went down,
Each thoungnt oj the woman who loved him best

— — — — — — — — —

For men must work and women must weep –
Aad there is little to earn, and few ao keep– – –

VIII

א

קודראָוו האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום אומגעקערט פון שטאָט, אַ פאַרכמורעטער, אַ פינסטערער.

ער איז אַרומגעגאַנגען איצט די מערסטע צייט מיט אַרונטער־געלאָזענע אויגן, פאַרטיפט אין שווערע רעיונות, איבערלייגנדיק אין זיין מוח דאָרט זאַכן אַלערליי, רעכענענדיק, חשבונענדיק און פרוווּ-דיק דערקלערן פאַר זיך עפּעס ניט-פאַרשטענדלעכס.

— ס'טייטש, פון בלויז איין מאָל?

ער האָט עס באַטראַכט, ווי אַ גוואַלדיק אומרעכט קעגן זיך. דעם דאָזיקן „אַדרעס" האָט מען דאָך אים רעקאָמענדירט, ווי זייער אַ פאַרלאָזלעכן און רעאַלען פלאַץ. און חוץ דעמן ער האָט דאָך דער־נאָך זיך גלייך געלאָזט באַהאַנדלען פּראָפילעקטיש.

נאָר אפשר, אפשר איז שוין געווען צו־שפּעט? מען דאַרף דאָך מאַכן די פּראָפילעקטישע איינשפּריצונג ניט שפּעטער, ווי אין אַ שעה אַרום. — אָך, ווי אים גייט עס אַלץ קאַפּויר...

יאָ, ער דערמאָנט זיך טאַקי, ווי דער יונגער מעדיקער-סטודענט, וואָס אין דער עפנטלעכער רעגירונגס-סטאַציע פאַר אַזעלכע ענינים, האָט געמאַכט לאַנגע שהיות בשעת ער, קודראָוו, איז צו אים צוגעקו־מען מיט זיין בקשה. אין קודראָוון האָט דעמאָלט ממש געציטערט יעדער נערוו פון אויפרעגונג, שרעק און עקל צו דעם, וואָס דאַרף באַלד פאָרקומען.

אָבער שטאַרקער פון אַלץ איז געווען זיין שרעק און אומגעדולד.—אָט-אָט, און די געפאָדערטע שעה פליט שוין פאַרביי.—ס'האָט

אים געגומען אַ שפּיק צייט, ביזקל ער האָט אויסגעפונען, ווו די פּראָ-פילאַקציאָנס-סטאַציע געפינט זיך. און דאָ—דער יונגער, פריש־ראַזירטער, מילך־און־בלוט־יקער יונגער סטודענט-מעדיקער, וועלכער איז איצט געווען אויף דער וואַך.—נעמט זיך עס, אפנים, גאָר־גאָר ווייניק צום האַרצן. ער שטייט גראָד איצט ביים טעלעפאָן-אַפּאַראַט, לאַכט זאָרגלאָז און —קודראָוון דוכט זיך—צולהכעיסדיק, פירט אַן אומענדלעכן געשפּרעך מיט עפּעס אַ מיידל. דאָס מיידל, אויף יענער זייט טעלעפאָן־ליניע—אַזוי האָט קודראָוו זיך קלאָר פאָרגעשטעלט — לאַכט אויך איצט, אפנים, לאַכט געשמאַק און אַנגענעם פון דעם סטודענטס חכמהען זיך, לאַכט דאָרט און רויטלט זיך אוודאי, און האָט שוין באַצייטנס הנאה פון דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש, וועלכע זיי האָבן איצט טעלעפאָניש אַראַנזשירט...

און דאָ זיצט קודראָוו, ווי אויף הייסע קויהלן. אים עקלט גוואַלדיק פון דעם גאַנצן נידריקן טייל גוף זיינעם. — אים דוכט זיך, אַז אָט־אָט, סאַמע איצט, אין דער זעלביקער סעקונדע, גנבעט זיך שוין די מיאוסע חלאת אַריין צו אים... אָבער וואָס האָט ער געזאָלט טון? ער האָט דאָך נישט געקענט אָנהויבן שרייען צום מעדיק-באַדינער, אַז יענער זאָל זיך צו איילן.

און דערנאָך איז עס געקומען. — ער האָט געוואַרט אין טויט־שרעק אַ טאָג, און צוויי, און דריי. אַז עס האָבן זיך באַוויזן די קליינע ווייסע קרעצלעך, איז קודראָוו אַוועק צום דאָקטאָר.

— ריכטיק.—האָט דער דאָקטאָר גלייכגילטיק געפּסקנט מיט איין וואָרט. — ריכטיק.

און איצט האָט קודראָוו געשאָלטן אי גאָט, אי די מענטשן, אי זיין ביטערן גורל... פאַרוואָס דאַרף זיך עס גראָד מיט אים, און ניט מיט אַן אַנדערן, טרעפן? פאַרשאָלטן זאָל ווערן זיין ביטערער מזל... ווי עס לאָזט עס אים ניט כאָטש אַביסל הנאה האָבן פונם לעבן.

— און ווער איז אין דעם אַלץ שולדיק, אויב ניט ראַיע... ראַיע מיט איר מיאוס־פאַלשן שפּיל מיט אים, מיט איר האַלטן אים אין כסדרדיקער אויפרעגונג? אין איר אַרט עס דאָך ניט — אַז זי קומט אַהיים, האָט זי דאָך דאָרטן אַ מאַן.

אין קודראָוון האָט איצט געברענט די רציחה.

דן האָט איינמאָל געכאַפּט אויף זיך קודראָווס אָנגעשטעלטע

בליקן, פון וועלכע עס האָט אָפּגעגעבן מיט אַזאַ פיינטשאַפט, אַז דן האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר אים, און פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן פאַרמיידן צו בלייבן מיט קודראָוון אַליין אין צימער. נאָר דאָס זעלביקע אויסמיידן צו פאַרבלייבן אַליין מיט דנען האָט זיך אויך באַמערקט ביי קודראָוון.

דן האָט עטלעכע מאָל, קומענדיק אַהיים, אומדערוואַרטעטערהייט אָנגעטראָפן קודראָוון פאַנאַנדערשפּרייטנדיק אַזעלכע שטיקלעך לייוונט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מעדיצינישע בינטען. אין צימער האָט איבגיכן פאַרשמעקט מיט כלאָראָפאָרם, מיט יאָד און מיט זיסלעכן, שטיקנדיקן ריח פון פוילנדיקער וווּנד און פון רינענדיקן אייטער. אַרום קודראָווס בעט, אויף אַ שטול, האָבן זיך באַוויזן פאַרדעכטיקע, אָפּשרעקנדיקע פלעשלעך און שאַכטלעך מיט אַלערליי זאַלבן און שמירעכצן.

ער האָט איצט מיט דנען וויי‏ניק־וואָס גערעדט. מער נישט, מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער איינמאָל פאַרביטערט באַמערקט דנען, — ווי יענער וואָלט געווען גאָר שולדיק אין זיין אומגליק, — אַז ער זאָל זען מער ניט טרינקען פון דעם זעלבן גלאָז, וואָס ער, קודראָוו, טרינקט, און אַז ער זאָל אויך זיין מער פאָרזיכטיק מיט די האַנטיכער.

ב

קודראָוו איז אין איינעם אַ פאַרנאַכט, גלייך נאָך דער אַרבעט, אַרומגעגאַנגען אַ שטיקל צייט איבערן וועג, וואָס פירט אַרויף באַרג צו דער פּאָסט. ער איז אַלץ געגאַנגען הין און צוריק פאַרביי דער פּאָסט, הין און צוריק. ער האָט זיך, קענטיק, געשראָקן אַריינגיין אינעווייניק: דאָרטן זענען געווען מענטשן. אַז ער איז לסוף פאָרט אַריינגעגאַנגען אינם קליינעם שטיבל, זיך בשעת מעשה אַרומקוקנדיק אַרום זיך, ווי אַ גנב, — האָט ער ערשט אויסגעפונען, אַז פאַר אים איז דאָרטן גאָרנישט, לחלוטין גאָרניט נישטאָ.

קיין איינאיינציקער בריוו.

דער יונגער קלוירק האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק פון דעם געפּרעסטן פלעצל קיי־טאַבאַק, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפן טיש, עס אַריינגעלייגט אין מויל אַריין און מיט אַפּעטיט עס אָנגעהויבן

קייען און מעלה־גרהן. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך זיך געקליגט אונטערן נאָז אונטערברומען די מעלאַנכאָלישע, אַלט־אירלענדישע מעלאָדיע „אאולד לאנג סיין". ער האָט קודראָוון איידל, זייער איידל געטרייסט:

— פֿאַרוואָס־זשע זאָלט איר, יונגערמאַן, ניט שרייבן אייער געליבטער, זי זאָל אייך אָפּטער שיקן בריוו?

קודראָווס אויגן זענען פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. אַלץ אין אים האָט געציטערט. ער האָט זיך געוואָלט וואַרפֿן אויפֿן קלוירק און שלאָגן אים. ער האָט זיך אָבער גיך פֿון דאַנען אַרויסגעכאַפּט.

מיט רונטערגעלאָזענע אויגן איז ער אַזוי אַ לאַנגע צייט געגאַנגען פּאַמעלעך מיטן וועג צוריק אַרונטער באַרג. ס'איז געווען מאָדנע שטיל איצט אויפֿן פֿאַרנאַכטיקן וועג. די פֿאַרשטויבטע בוימער ביי די זייטן פֿונם שאָסיי־וועג — די ווייסע סיקאָמאָרס, די בלויע צעדערן, די גרינע סאָסנעס און ספּריוס־בוימער מיט די נייע צוגעקומענע גריינע שפּיצלעך און פּופּסיקלעך פֿון הייאָר, — אָט די אַלע בוימער האָבן זיך דאָך איצט מסתמא דערמאָנט, ווי מיט חדשים צוריק איז דאָ אויך אַזוי אַרומגעגאַנגען, אויך מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, אַן אַנדער יונגערמאַן, — דן. נאָר זיי האָבן פֿונדעסטוועגן געשוויגן, די בוימער. זיי האָבן שוין פֿון לאַנג און לאַנג, אַ סך, אַ סך מאָל צוגעזען אַזעלכעס.. האָבן זיי געשוויגן איצט אינם פּרי־הערבסטיקן אָוונט, און בלויז געשאָקלט מיט זיי הויכע קרוינען זייערע, — קלוגווייסנדיק אַזוי און אַלט־גלייכגילטיק צו מענטשלעכע ליידן האָבן זיי געשאָקלט אינם אָוונט מיט זייערע בלעטער־שפּיצן:

— ש־ש־ש־אַן־הו־הו... ש־ש־ש־הו־הו... שטערט נישט, שטערט נישט.

קודראָוו איז אַזוי געווען פֿאַרטיפֿט אין זיך, אַז ער האָט ניט געהערט, ווי אים פֿון הינטן האָט אַלץ וואָרנענדיק געטרומייטערט דער האָרן פֿון אַן אויטאָמאָביל. ער האָט עס ערשט דערהערט, ווען דער אויטאָמאָביל איז פֿון הינטן גלייך אָנגעפֿאָרן אויף אים און האָט זיך מיט אַן איבערגעהאַקטן כריפּען פֿונם מאָטאָר פּלוצלינג אָפּגעשטעלט. אַ דערשראָקענער, האָט זיך קודראָוו אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט, צווישן די ביימער. דער שאָפֿער האָט זיך געזידלט. ער האָט זיך אַ לאַנגע

צייט געמוטשעט, ביז וואַנען ער האָט ווייטער געקאָנט לאָזן לויפן די מאַשין.

אַז קודראָוו האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, פון דער פלוצלינגדי־קער איבערגעשראָקנהייט, האָט ער זיך שנעל געלאָזט גיין אין טיפן וואַלד אַריין. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען לויפט אים נאָך. גרויע וועווערקעס און געל־געשטרייפטע „טשיפּאָנקס״ זענען דאָ און דאָרט אינם וואַלד שטיל־פאַרגליווערט געשטאַנען אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, ווי תפילה טוענדיק צום צוקומענדיקן אָוונט. קודראָוון האָט זייער פּאָזע אויסגעקוקט זייער נאַריש. אַן אויפגערעגטער האָט ער אַ וואָרף געטון אַ שטיין אויף זיי און זיי פאַרטריבן. אַ רויטקייט פון לעצטע זון־פלעקן האָט זיך געלייגט אומעטום אויף גראָז און שטיין.

ער איז געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד אַריין. עס איז שוין געווען אָנהויב הערבסט. אַ זאַפטיקייט און אַ רויטקייט האָט געשפּריצט פון אַלע ביימער. בלאַט, שטאַם און וואַלדיקע ערד האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין איין קילן, שאָטנדיקן געמיש. קודראָוו איז געווען איצט אַרומגעכאַפּט פון אַ ווילדקייט, פון אַ מאָדנעם פאַרלאַנג צו שלאָגן עמעצן, שלאָגן עמעצן ביז בלוט... פאַרטרוקנטע צווייגן האָבן זיך ווי געבייצט מיט אים און אים געדראַפּעט נאָכאַנאַנד דאָס פּנים. אין וואַלד איז וואָס אַ מינוט געוואָרן אַלץ טונקעלער.

ער האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט אָן אַ פינסטערן פאַרטאָג לעצטן פרילינג, ווען ער איז, פונקט אַזוי ווי איצט, געלאָפן מיט דנען אינם וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק.

— און איצט איז עס זיין ריי, — איז אים איינגעפאַלן מיט פאַרדרוס — איצט אַנטלויפט ער עס פון דער זעלביקער פרוי... אָדער אפשר לויפט ער גאָר נאָך נאָך דער זעלביקער פרוי?

ראיע איז ביי אים איצט אויסגעוואַקסן אין אַן אָפּשרעקנדיקער געשטאַלט... ער האָט זי געזען דאָ צווישן די ביימער אין וואַלד, ווי אַן אַלטע, אַן אייביקע מכשפה. איר קליינע געטאָקטע נאָז איז געווען לאַנג און אויסגעקרומט. אָנשטאָט אירע דראָבנע, פּערלדיקע ציינדלעך, זענען איר גאָר לאַנגע, געלע און צעפוילטע פּאָדערשטע ציינער געוואַקסן פונם קינדישן מיילכל אַרויס. ער איז אָן אַן אָטעם געלאָפן.

פלוצלינג בלייבט קודראָוו שטיין. אויף דער וואַלדיקער ערד, אונטער אַ בוים, אָן אַ זייט פונם שליאַך, אויף וועלכן קודראָוו איז איצט געלאָפן, ליגן אַ מאַן און אַ פרוי. אָן שטים און אָן אַ לאַך, ליגן זיי פאַרטאָן, מיט פאַרמאַכטע אויגן. הענט בלאָנדזשען בלינד איינע איבער דעם אַנדערנס גוף. קודראָוו האָט זיך אויף גיך באַהאַלטן אונטער אַ ברייטן דעמב.

אַז ער האָט זיך בעסער איינגעקוקט אין די צוויי מענטשלעכע גופים, האָט ער דערקענט אין זיי מאָנאַטן און בערעניסן. אַרום זיי, אין אומאָרדנונג, צעוואָרפן אויפן גראָז, איז געלעגן אַ פּאָליטרע, אַ פּאָר ביכער, עטלעכע צייטונגען, און אַ צעקנייטשטש יאַקל. אַ לאַנגע צייט איז קודראָוו אַזוי געשטאַנען אינם אָוונט אונטערן ברייטן דעמב און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פאַרקומענדיקן מיט ווילדקייט און מיט ברענענדיקע אויגן.

שפּעטער אַ ביסל, אַז ער האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט קוקנדיק, האָט ער זיך שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, אַוועקגעגנבעט פונם דעמב, און באַלד, אַן אונטערגעשאָסענער, זיך ראַשיק געלאָזט לויפן צווישן בוים און צווייג, אַרויף בערגלעך און אַרונטער טאָלן. ער איז געשפּרונגען איבער פלויטן און געפאַלענע אויסגעשטרעקטע ביימער ער איז געלאָפן אָן אַ אָפּהאַלט, ער האָט זיך ווי געשראָקן פאַר עמעצן.

דער וואַלד איז געווען אַ הויכער, איז געלעגן אויף אַ באַרג, און זעלטן ווען ס'האָט זיך קודראָוון דאָ אָנגעטראָפן אַ הויז. פון צווישן די צווייגן האָבן זיך, לינקס־צו, בלויז געזען גרויע פלעקן פונם ים וואָס איז געווען דאָרט ערגעץ אין דער נידער. אין וואַלד איז פון ערגעץ קיין סימן פון אַ פייער ניט געווען צו זען. דער וועג צום אינזל־ווינקל און צום דאָרטיקן ליכט־טורעם איז, חוץ דעם, געווען אַ לאַנגער. איז כדי ער זאָל נישט פאַרבלאָנדזען, האָט ער באַשלאָסן צו האַלטן זיך פאַזע ים. אַזוי וועט עס טאַקע געדויערן אַ היבש ביסל לענגער, נאָך לענגער אפילו, ווי עס געדויערט, פאָרנדיק מיטן שיפל פאַזע דעם ים־ברעג. אָבער דאָ האָט ער געהאַט פאַר זיך לינקס דעם ים און די שיף־פייערן. איז אים ניט געווען אַזוי אָפּשרעקנדיק צו גיין אַליין דורכן וואַלד.

ער איז געלאָפן ראַשיק און צעהיצט. ער האָט געוואָלט נישט

פּאַרשפּעקטיקן, און אָנקומען אין דער צייט צו די דריי שוועסטער.

ג

דן איז געווען צופרידן, וואָס קודראָוו האָט לעצטנס אָנגעהויבן אויסמיידן צו פֿאַרבלייבן אין הויז אָוונט-צייט. כּמעט יעדן אָוונט פֿלעגט אַזוי קודראָוו ערגעץ פֿאַרפֿאַלן ווערן. אַז ער פֿלעגט זיך אַרויסרוקן פֿון הויז, פֿלעגט ער האַלטן די אויגן אַרונטערגעלאָזן ווי אַ גנבֿ.

ווען קודראָוו פֿלעגט ניט גיין מיטן וועג אַרויף באַרג, וואָס פֿירט קיין פֿלעזענס פֿליינס, צו דער פּאָסט, פֿלעגט ער דעמאָלט אָפּבינדן אַ שיפֿל פֿון דער פֿליט לעבן פּאַרנעלס הויז ביים „קריק”, צו וועלכן אַ ריי שיפֿלעך פֿלעגן זיין תּמיד צוגעבונדן,—און פֿלעגט אַרויספֿאָרן אין ים אַרויס. ער פֿלעגט זיך האַלטן מיטן שיפֿל גאָר נאָענט צום ברעג. אַזוי נאָענט, ווי עס איז נאָר געווען מעגלעך צו רודערן. וואָרים אויב עפּעס — ער האָט דאָך אפֿילו נישט געקאָנט שווימען אַ מהלך פֿון אַ הונדערט פֿוס.

מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען פֿון אויבן, איבערן ים, אויף די באַרגיקע סטעזשקעס, האָבן געזען, ווי ער רודערט אַזוי שווער און פֿאַרזיכטיק, פּאַמעלעך און איינגעעקשנט פּאַזע דעם ברעג, אין דער ריכטונג צום סטייטען איילענד סאונד, — ס'האָט פֿון דער הויך אויסגעקוקט, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף איין אָרט, אַ פֿאַרמשפּטער צו זיין צוגעשמידט צום וואַסער. ס'פֿלעגט אים געוויס נעמען אַזויאַרום אָנדערהאַלבן—צוויי שעה ביזקל ער פֿלעגט אָנקומען אַהינצו.

דן פֿלעגט דעריבער לעצטנס אין די אָוונטן פֿאַרבלייבן איינער אַליין אין הויז. ווי אַלעמאָל, ווען דן איז געזעסן אַליין מיט זיך, איז אויך איצט אין חדר געווען האַלב-טונקל. דער נאַפֿט-לאָמפּ איז געווען גאָר שוואַך אַרויסגעדרייט. מער נישט, דער ווייטער שיין פֿונעם ליכט-טורעם האָט זיך יעדע מינוט אַריינגעקייקלט אַהער און באַלויכטן אויף די ווענט די פֿון אילוסטרירטע זונטאָג-צייטונגען אויסגעשניטענע בילדער פֿון פּרעזידענט ט ע אָ ד אָ ר ר ו ז וו ע ל ט, אָפּערע-זינגער ענריקאָ ק אַ ר ו ס אַ, באַרימטן נגערשן אַטלעטישן טשעמפּיאָן ד ז ש ע ק

דזשאנסאן און דעם פּאָפּולערן פאָלקס־פּאָעט ווהיטקאס רייל, וועלכע זענען שוין פון יאָרן און יאָרן געהאָנגען דאָ אויף די ווענט.

אויפן טיש האָבן זיך געוואַלגערט עטלעכע ביכער, וועלכע דן האָט פאַרכאַפּט מיט זיך, ווען ער איז אין אײַלעניש געקומען אַהער פון ניו־יאָרק. ער האָט זיי געהאַלטן איצט אין לייענען אַלע מיט איין מאָל — אַ קאַפּיטל דאָ און אַ קאַפּיטל דאָרט פון יעדן בוך, איינס נאָכן אַנדערן. דאָס איז געווען זיין טבע פון תמיד אָן — אַן איסטניס־טבע, בלויז טועם צו זיין פון אַ מאכל אויפן טיש פאַר אים, אָבער נישט עסן צופיל פון איין זאַך. קיינמאָל נישט ווערן זאַט מיט אַ בוך אָדער אַ שרייבער, וועלכע האָבן אים צוגעצויגן און פאַראינטריגירט. בנוגע ביכער פלעגט ער ווען תמיד האָבן דאָס געפיל פון הונגער און האַלב־באַפרידיקטקייט.

די ביכער, וועלכע זענען געלעגן דאָ פאַר אים, זענען געווען פון אַ באַגרענעצטן כאַראַקטער, ווייל צוגעצויגן און פאַראינטריגירט ווערן פלעגט דן פון אַזעלכע שרייבער, וועלכע פלעגן אים מיט זייערע געדאַנקען און איבערלעבונגען צוריקשטויסן צו זיך און צו זיינע אינווייניקסטע וועלטן, אַרויפברענגען אים אויף אייגן־נאָענטע מחשבות און ערינערונגען.

ניט ווייט פון דנס ביכער, אָפּגעטיילט פון זיי, ווי פון טמא, מיט אַ מחיצה פון אַ פּעקל סאָציאַליסטישע טאָג־בלעטער און זשורנאַלן, האָבן זיך געקופּקעט עטלעכע פון קודראָווס ביכער, ווערק איבער עקאָנאָמישע פראַגן פון קאָנסערוואַטיווע עקאָנאָמיקער, ווי ספּענסער און באָסאַנקעט, ווערק איבער סאָציאַליזם פון הילקוויט און דזשאן ספּארגא, און אַזוי ווייטער. אָבער טייערער פון אַלץ האָט געשעצט און ממש פאַרגעטערט קודראָוו איינע אַן אַלטע בראָשור איבער יאָזעף דיטשגען. אַ פּראָסטער אַרבעטער פון אַ וואַרשטאַט, וואָס איז געווען אַ ניט־אָנערקענטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער פונם 19־טן יאָרהונדערט. זיין אָנערקענונג האָט ער ערשט געקראָגן אַ היבש ביסל שפּעטער.

מיטן דאָזיקן ביכעלע פלעגט זיך קודראָוו קיינמאָל נישט שיידן. ער פלעגט זיך מיט דעם אַרומטראָגן, ווי מיט אַ ביבל. פאַר אים איז דאָס געווען אַ הייליקער סימן און אַ צוזאָג, אַז אויך ער, קודראָוו,

כאָטש ער איז אַן איינפאַכער אַרבעטער, קאָן נאָך אַמאָל דערגרייכן צו אַ וויכטיקן אָרט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַז אויך ער, כאָטש מער נישט ווי אַ מאַסן־מענטש, קאָן נאָך זאָגן דאָרט זיינס אַ דויערנדיק, אַן אייביקדיק וואָרט.

דורך די אָפענע פענסטער האָבן זיך איצט קוים דערטראָגן אַהער די געראַנשן פון דרויסן: דאָס געשריי פון אַ שיף־טרובע ער־גען ווייט אין ים אַרויס, דאָס טומלדיקע גערעדעריי פון באַזוכער אונטן אין קלייט, דאָס טרומייטערן פון אַ פאַרביי־זשומענדיקן אויטאָ־מאָביל, דאָס געלעכטער פון יונגע דאָרפס־פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך איצט אינם אָוונט געלאָזט גיין איבערן פוסטן לאַנדס־וועג, — דאָס אַלץ האָט דערגרייכט אַהער צו דנען שטאַרק־אָפּגעשוואַכט, ווי דורכ־געזייט דורך אַ שטאַרקער מחיצה. גאָרנישט האָט דעריבער דנען גע־שטערט איצט זיך אָפּצולאָזן און אַריינפאַלן אין אַ חלום־וועלט. איבע־ריקס פלעגט דאָס אים תּמיד אָנקומען זייער גרינג. ביי דער ער־שטער געלעגנהייט, ווען מען האָט אים נאָר געלאָזט צו־רו, פלעגט ער גערן אַריינפאַלן אין אַ וועלט פון צעמישטע און אומבאַשטימטע חלומות, אין אַ וועלט פון אומבאַשטימטע געגנשטאַנדן און מענטשן.

פון די יינגסטע יאָרן זיינע איז ער שוין געווען אַזאַ — אַ פאַר־טראַכטער. אפשר איז עס אים די דאָזיקע גליק־און־אומגליק־ברענגענ־דיקע געוווינהייט געקומען צוליב דעם, וואָס זיינע עלטערן האָבן אים פון קינדוויז אָן געצוואונגען צו „פירן אַ שטאָט", זיך צו האַלטן אָפּ־געזונדערט פון די אַרומיקע קינדער, ניט אָנטייל נעמען אין זייערע שפילן, אָפּצוזיצן די מערסטע פרייע צייט אין הויז, אַרומגערינגלט מיט קינדער־ביכער.

„דו ביכט באַשטימט, קינד מיינס, פאַר עפּעס אַנדערש, העכערס... דו וועסט נאָך זיין אַמאָל אַ גרויסער רב... פון ווייט און פון נאָענט וועט מען שטראָמען אין דיין שטאָט אַריין, צו הערן דיינע קלוגע רייד" — דאָס דאָזיקע לידעלע האָט אים די מוטער זיי־נע אַריינגעזונגען נאָך ביים וויג, אים אַריינגעשושקעט אין די אויערן, ווען ער איז שוין געווען אַ דערוואַקסענער חדר־ייִנגל.

און אפשר איז זיין נייגונג צו אָפּגעזונדערטקייט געווען בלויז אַ פועל־יוצא פון זיין בלוט־אָרעמקייט, און פון דעם האָט זיך, מעג־

לעך, אויך גענומען זיין אומעטיקייט און טרוימערישקייט? — ווער־ווייסט... אין מינוטן פון ספקות פלעגט דן טאַקע אַזוי טראַכטן. אַ גע־בירטיקער פון פּאָלעסיע, — אַ קאַנט, ווו ס'הערשט אַ געמיש פון אוקראַאינישע און ליטווישע איינפלוסן, — האָט דן אין זיך געהאַט אי די טרוימערישקייט פון די אוקראַאינער יידן און אי די שכלדיקייט, די בייגונג צו חקירהן זיך פון די ליטווישע יידן.

און שפּעטער, ווען אין אַ גאָר פריער יינגלשאַפט האָט ער זיך צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אריבערגעקליבן קיין קיעוו, האָט זיך דע־מאָלט זיין טרוימערישקייט אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט, איז די איינגעשלאָסנקייט אין די אומבאַשטימטע נעפּלדיקע חלום־וועלטן אין אים נאָך קענטיקער געוואָרן, — קענטיקער געוואָרן צוליב דער אַרומיקער פרעמדקייט.

ער פלעגט אַרומגיין איינער אַליין איבער דער שטאָט. ווו ער האָט ווייניק מענטשן געקענט: איז עס געווען איבער קרעשטשאַטיק און פּאָדאָל, אָדער איבער דעם קריגעריש־הייליקן פּעטשערסק און די אַריסטאָקראַטישע אָפּגעזונדערטע ליפּקעס, איבער דער וויטלעבער, הינטער־שטאָטישער שוליאווקע אָדער דער דאָרפיש־יידישער דימעיעוו־קע, — ער פלעגט אומעטום אַרומגיין אַ פרעמדער, אַ טרוימער.

און אָט אַזוי איז עס אין אים אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ חלום־וועלט, אַ כשר־וועלט, אַ ריין־וועלט, — אַ וועלט, ווו מענטשלעכע מעשים ווערן געפירט נישט דורך געפילן און אימפּולסן, נאָר דורך גערעכטיקייט און ריינקייט, דורך ריכטיקייט און לאָגיק... און פלעגט ער אפילו יאָ האָבן זינדיקע מחשבות, האָט ער אָבער געוווסט, אַז זיי זענען זינד: זיי זענען ניט אַ טייל פון אים, ניט ער אַליין, נאָר אַ פרעמדוווקס, אַ ווילד־וווקס, וואָס ער מוז קעמפן מיט דעם... זינד איז עטוואָס, וואָס גנבעט זיך אַריין צו אים פון אַן אַנדערן, פון אַ בייזן רשות — ס'איז, מיט איין וואָרט, זינד... און מען מוז עס אַרויסשטויסן פון זיך, און זיך דערנאָך נאָך מער ריייניקן, שטאַרקער ריייניקן.

אַ פרוי, איז דן געווען זיכער ביי זיך, דאַרף מען זיך נעמען בלויז צוליב דעם, מען זאָל קינדער האָבן און ממשיך זיין דעם מענטשלעכן דור — ער איז געווען פון יענע יונגעלייט, וועלכע וועלן

ליבערשט זיך אַליין אומווירדיק מאַכן, איידער גיין צו אַ גאַסן־פֿרוי, איידער „נעמען" אַ פרוי „גלאַט אַזוי". ווייל די מיאוסטע, חיהדיקסטע מענטשלעכע מעשים דאַרפֿן אויך געלייטערט און געהייליקט ווערן; די טמאדיקסטע זאַכן דאַרפֿן אויך אַרומגערינגלט ווערן מיט אַ הייליקייטס־קרייז — און דורך דעם אַליין געהייליקט ווערן.

פון זיין קינדהייט אַרויס האָט ער נאָך געדענקט, ווי אין די פרייטאָג־צונאַכטסן, ווען די בענטש־ליכט פלעגן שוין אָנהויבן שמעלצן זיך און אויסגיין, פלעגט זיין פאָטער זיצן איבער אַ גרויסן אומגעהויערדיקן סדור, און זאָגן עפּעס נאָכאַנאַנד, זאָגן און זאָגן... דערנאָך ערשט פלעגט ער אַריינגיין צו דער מוטער זיינער אין שלאָף־צימער. דער קליינער דן, וועלכער פלעגט שלאָפן אויף אַ קאַנאַפּע אין סאַליע, פלעגט פון זיין געלעגער אַרונטער, נאָכקוקנדיק דעם טאַטנס יעדע באַוועגונג, זיך תמיד וווּנדערן, וואָס פאַר אַ תפילות אָדער ברכות דער פאָטער קאָן עס זאָגן איצט, שוין היפּש נאָך דער פריי־טאָג־צו־נאַכטיקער וועטשערע. און אַז דער פאָטער איז שוין געשלאָפן, האָט איינמאָל דן זיך אַרונטערגעגנבעט פון זיין געלעגער און ביים שוואַכן, ציטערדיקן שיין פון די ליכט־קנייטלעך, וואָס האָבן זיך נאָך געטיקט אין די לעצטע, צושמאָלצענע חלב־שיסעלעך, האָט ער אַריינגעקוקט אינעם ריזיקן בייכיקן סדור כל בו, דפוס ווילנא, וועלכן דער טאַטע, אַ שלעפּערדיקער, אַפּנים, האָט זיך פאַרגעסן צו פאַרמאַכן. דער סדור איז געווען אויפגעמישט אויף אַ לאַנגער אומפאַרשטענדלעכער „תפילה פאַרן יחוד".

יאָ, צַלץ דאַרף אַרומגערינגלט ווערן מיט קדושה!

די שכלדיקייט און טרוימערישקייט, וואָס האָבן זיך געפּאָרט אין דנען, האָבן זיך אפשר אויך גענומען דערפון, וואָס זיין פאָטער איז געווען האַלב מתנגד, האַלב חסיד; אין זיין געבורטס־שטאָט האָט געהערשט אַ געמיש פון צוויי וועלט־אָנשויאונגען, אַ מתנגדישע און אַ חסידישע. אין דער דאָזיקער שטאָט האָט מען געדאַוונט נוסח ספרד בנוסח האר"י; גערעדט האָט מען אָבער, ווי ליטוואַקעס. קיין רבי, קיין גוטער־ייד פלעגט אין דער שטאָט באַשטענדיק נישט וווינען; עס פלעגן אָבער פון צייט צו צייט קומען צופאָרן אַהער אַמאָל דער מאַקאַראָווער רבי, אַמאָל דער האָרנאָסטאַיפּאָלער, אַמאָל דער ליעווער

און אַמאָל דער קאַרלינער רבי. דנס פּאָטער פֿלעגט געוויינלעך פֿאָרן איין מאָל אין יאָר צום האַרנאַסטאַיפּאָלער. ער פֿלעגט אָבער געבן פּדיון דעם לאיעווער אויך, ווען נאָר יענער פֿלעגט צוויי מאָל אין יאָר אַרונטערקומען אין זייער שטאָט...

און נאָך איינס האָט דער יונגער דן פֿאַרגעדענקט פֿון זיין קינדהייט:

די שולן און בתי־מדרשים אין זיין שטאָט — פֿון אַלע רביים, פֿון אַלע נוסחאות — זענען אַלע געווען צונויפֿגעזאַמלט אויף איין גרויסן פּלאַץ, — אויפֿן שול־הויף. און אַלע זענען זיי געשטאַנען אַנטקעגן וואַסער, אַנטקעגן דעם טייך פּריפּיעט... דאָס יינגל דן פֿלעגט פֿאַר־ברענגען די מערסטע שעהן פֿון זיינע טעג אין די שולן און לעבן טייך, אין די שולן און לעבן דעם טייך פּריפּיעט...

ד

דן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיינע חלומות. ער האָט דערהערט, ווי עמעצער פֿרעגט זיך נאָך אויף אים אין דער אונטערשטער שטוב. ער האָט דערקענט מאָנאַטס שטים.

אונטן איז איצט אוודאי קיינער ניט געווען. דן האָט גע־הערט, ווי מרס. פֿאַרנעל האָט מיט אַ תּאווהדיק־אויפֿגערעגטן גע־לעכטערל געפּרווט פֿאַרהאַלטן מאָנאַטן. ס׳איז דאָרטן אויף אַ שטיקל צייט געוואָרן שטיל, איינגעהאַלטן־שטיל. ס׳האָט געדויערט אוודאי אַ צען מינוט, ביזקל מאָנאַט איז אַרויפֿגעקומען.

אַז מאָנאַט איז אַרויף, מיט אַ פֿאַרפֿלאַמטן און ווי אַן אָפּגע־פֿאַרעטן פּנים, האָט ער באַמערקט, ווי דן פֿאַרשאַרט אויף גיך היני־טערן קישן עפּעס אַזעלכע פֿאַרשידענע פּאַפּירן.

מאָנאַט האָט פֿאַרויכערט זיין פּיפּקע, האָט אַרויפֿגעדרייט דעם קנויט פֿונם נאַפֿט־לאָמפּ אויפֿן טיש און זיך אַנידערגעזעצט לעבן דנען אויפֿן בעט. ער האָט אויסגעזען איצט מאָדנע באַרויקט, ווי ער וואָלט אָקאָרשט פֿון אַ טבילה אין קאַלטן וואַסער אַרויס. פֿון זיינע גרויע אויגן האָט געשטראָמט אינם אָוונטיקן חדר אַ רויק ליכט.

— כ׳קום איצט פֿון וואַלד, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן סתם, ניט געבעטענערהייט. ער פֿלעגט תּמיד אָנהויבן שמועסן, ווען נאָר ער פֿלעגט האָבן חשק, ניט קימערנדיק זיך אויב דער צווייטער צד הערט

אים, אָדער ניט: ער האָט, שיינט עס, גערעדט הויפּטזעכלעך פון אייגענער הנאה־וועגן.

— כ׳קום איצט פון וואַלד... — האָט ער ווידער אָנגעהויבן — כ׳האָב דאָרט זייער אינטערעסאַנט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג מיט מר. ליס־ליס טאָכטער. מיר האָבן זיך דאָרט געמאַכט אַליין עסן און אַלץ...

בערעניס האָט מיטגעבראַכט אַ פּאָר בלעכלעך קאָנסערווירטע גרבעס, אַ פּאָר בלעכלעך טאָמאַטן־סופּ, קאָנסערווירטן שפּאַרגעל און אַנאַנאַסן. זיי האָבן געמאַכט אַ פייער. זיי האָבן דאָרט אומדערוואַרטערהייט געפונען אַ פאַרלאָזענעם לאַגער־פּלאַץ מיט אַן אַלטער פּליטע, וועלכע אויספלוגערס האָבן אוודאי געמוזט איבערלאָזן, און אויף דעם האָבן זיי געקאָכט עסן. דערנאָך זענען זיי אַוועקגעגאַנגען קלויבן שעלקאָוויצעס.

— ווייסט — האָט מאַנאַט פאַרטגעזעצט מיט גורמאַנישער הנאה— ערשט איצט, סוף זומער, ווערן זיי דאָך צייטיק, גרויסע אַזעלכע און זאַפטיקע...

קלויבנדיק די יאַגעדעס האָבן זיי דערוויילע גערעדט פון אַלערליי זאַכן. דאָס הייסט — דאָס מייסטע האָט זי גערעדט. אים, מאָנאַטן, איז שוין דעמאָלט געווען צו גוט און צו רויק, אַז ער זאָל בכלל וועלן וועגן וואָס ס׳איז־ניט־איז רעדן... נאָר אירע רייד, כאָטש ער האָט זיך צו זיי שוואַך צוגעהערט, זענען אים פונדעסטוועגן געווען אָנגענעם: זיי האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן פּישטשען פון די אַרומיקע אומבאַקאַנטע פייגל, מיטן זומזען פון די אַרומיקע אומצאָליקע אינסעקטן, און מיט אַלע איבעריקע קילנדיקע וואַלד־גערוישן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט... ס׳איז אים ניט געווען וויכטיק, וואָס זי האָט גערעדט, דאָס דאָזיקע געזונטע מיידל, וועמעס בלוט, יונג און ענערגיש האָט פון איר פּשוט אַרויסגעשוימט און אַרויסגעזונגען... זי איז פאַר אים פּשוט געווען אַ טייל פונם אַרומיקן — אַליין אַ בלאַט, אַ קוסט, אַ יונגער בוים...

מאָנאַט האָט ווידער פאַרצויגן עטלעכע מאָל, שטאַרק און טיף, זיין פּיפּקע.

— ערשט פאַרנאַכט־צו איז זי עפּעס געוואָרן מיד און פאַרחלשט — פונם רעדן, פונם זאַטן עסן, צי פונם לאַנגן, רייכן, גאָלדן־

וואַלדיקן טאָג, — אַזוי מיד און פאַרחלשט, אַז זי האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט אויפהויבן פון אָרט... ער איז דעריבער געבליבן ליגן אַזוי מיט איר אין וואַלד ביז אַ שטיק אינם אָוונט.

דן האָט אַלץ געשוויגן. דאָס האַרץ האָט אים געצאַפּלט איבער ראיעס בריוו, וואָס זענען איצט געלעגן ביי אים אונטערן קישן. וואָס איז אים אָנגעגאַנגען מיס ליסלי?

— אָ, מיר זענען מיט איר שוין געוואָרן גאָר נאָענטע פריינד... צוגעלאָזן אַזוי... מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך אפילו געווען ביי זיי אין הויז. איך זאָג דיר — אַן אמתער פּאַלאַץ! וועגן אַזוינס האָב איך בלויז געלייענט אין ביכער. הערסטו, ס'שטייגט אפילו אַריבער אָט יענע פּאַלאַצן, וועלכע איך פלעג אַמאָל — ער האָט אַ קרים געטון מיט דער נאָז און אַ פאַרשוואַלדיקטן שמייכל געטון — „באַזינגען" אין מיינע שירים... ווייס איך וואָס! ווי קומען דען חלומות צו דערווירקלעכקייט? ס'איז נאָך נישטאָ קיין איין חלום, וועלכער זאָל זיין אַזוי שיין, ווי די ווירקלעכקייט...

ער האָט געבעטן דנען זיך פאָרשטעלן: אַזוי פיל יאָרן האָט ער געוווינט אין אַ טענעמענט הויז,— ער דאַרף דאָך ניט דנען באַשרייבן דעם אויסזען פון זיין צימער, אַ צימער אין אַ טענעמענט-הויז... היינט, אַז ער דערזעט דאָ אַזעלכע גרויסע, הויכע, געוועלבטע צימערן, אַז מען דאַרף אַזש פאַרייסן דעם קאָפּ אויף אָנקוקן די סטעליע... און אַלץ איז דאָ אַזוי...

— ווייסט, כ'האָב גאָרנישט קיין ווערטער פאַר דעם, וואָס איך האָב געזען. ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס כ'האָב געזען אַזוינס... ס'איז פּונקט ווי די בוימער און בלומען, — ער האָט ווידער אַ פאַרשוואַלדיקטן שמייכל געטון — וועלכע איך פלעג אַמאָל באַזינגען און טאַקע אָנרופן מיט זייערע ריכטיקע נעמען, נאָר כ'פלעג זיי קיינמאָל אָבער נישט דערקענען, ווען כ'פלעג זיי דערנאָך דערזען אין דער ווירקלעכקייט, — אין אַ וואַלד, אָדער אין אַ גאָרטן...

אָט: זאָל זיך דן פאָרשטעלן רייכע, דעקאָרירטע פּאַנעלען אויף די ווענט; די פּאַנעלען זענען באַקלאַפּט מיט אַזאַ טייערן געוועקסטן ברוינעם לעדער. און די שאַלאָוואַניעס זענען פון אַזעלכע טייערע האָלצן — די טירן, פענסטער, דילן, דאָס גאַנצע האָלצוואַרג איז פון

יאַפּאַנעזישער דעמבע, פון קאַרשן־בוים און מאהאגאָני, פון זעלטנסטע אימפּאָרטירטע געהילצן — פון לעמאַן-האָלץ, פון אַפריקאַנישן שוואַרץ־האָלץ, און, און... ער ווייסט מער קיין נעמען נישט. און יעדער חדר האָט פאַר זיך אַ באַזונדער בודואַר, אַ באַזונדערן וואַש־צימער. היינט ס׳אַראַ מעבעל—אַזוינס האָט ער ביז אַהער געזען נאָר אויף קינאָבילדער...

ער האָט זיך פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט, האָט איבערגעביטן אַ פוס איבער אַ פוס און האָט גאָרנישט געהערט, ווי דן האָט בשעת מעשה אַרויסגעלאָזן אַ פּאָר האַלב-דערשטיקטע, טויבלעכע קרעכצן.

—הערסטו, דן לעבן, כ׳האָב אין אָט דער מינוט טאַקע פאַרשטאַנען דאָס, וואָס מ׳הערט ביי אונז אַזוי אָפט, אַז געוועזענע אידעאַליסטן, אַרבעטער־פירער, כלל־טוערס, פאָלקס־פאַרזאָרגער און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. קוליען זיך מיט אַמאָל איבער, ווערן „רענעגאַטן"... צאַך, וואָס איז דען טאַקע נאָך דאָ אויף דער וועלט אויסער דאָס ביסעלע עולם־הזה?

און מאָנאַט האָט זיך ערשט פאַנאַנדערגערעדט... ער זעט טאַקע נישט איין, זאָגט ער, נישט נאָר, פאַרוואָס מען זאָל נישט טאָרן פאַרראַטן אַן אידעאַל צוליב עולם־הזה,—ווייל פאַרוואָס זאָל אַן אַבסטראַקטער, נישט־ממשותדיקער אידעאַל זיין וויכטיקער און העכער פון מיר גופא, פלוני בן פלוני, אַ מענטש פון פלייש און בלוט? — נאָר אפילו פאַרוואָס איינער זאָל נישט טאָרן דערהרגענען אַ צווייטן מענטשן, כדי אים, דעם ערשטן, זאָל ווערן גרוימער און ליכטיקער...

— איבעריקנס, צוליב וואָס אָט די אַלע רייד... מיר האַנדלען דאָך סיי-ווי אַזוי איי־ נער בנוגע דעם צווייטן, כאָטש נישט אויף אַזאַ שרייענדיקן אופן...

דן איז געלעגן אויפן בעט, מיט אומגעדולד און דענערווירטקייט אויסגעהערט מאָנאַטס רייד. „ער פוצט זיך", האָט ער אומצופרידן באַמערקט... „נישט שוין־זשע דענקט ער, אַז מען באַמערקט עס נישט..." אים האָט זיך גראָד איצט אַזוי שטאַרק געוואָלט זיין אַליין מיט זיך, און מיט די בריוו, וואָס אונטערן קישן... נאָר מאָנאַט האָט מיט קיין שום צייכן נישט געלאָזט וויסן, אַז ער קלויבט זיך אינגיכן אַוועקגיין, אָדער אויפהערן רעדן.

— יאָ, איך ווייס דאָך, וואָס דו טראַכטסט איצט... יושר... זינד...

אָבער פאַרשטייסט, דן, כ׳האַלט מיר אַזוי: אויב כ׳טו נאָר עפּעס אָפּ אַ זאַך, ליגט שוין דאַן אין דעם אַליין דער באַווייז, אַז די אָפּגע־טוענע זאַך איז יושרדיק! אַז איך האָב עס געדאַרפט, אַז איך האָב עס געמעגט טון! וואָס איז דאָ צו רעדן פון זינד, שמינד! ווען עמעצן, צום בײַשפּיל, אײַנפאַלן באַשולדיקן אין זינד אַ וואָלף, ווען ער פאַרצוקט אַ שעפּעלע, אַ וורובל, וועלכע פּיקט אויס די קערנער פון אַ פאַרזייט פעלד?

מאָנאַט האָט געוואָרפן אויף דנען אַ שנעלן בליק פון דער זייט, צו זען די ווירקונג, וואָס זיינע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט. ער האָט זיך צו אים נענטער צוגערוקט און האָט פאָרטגעזעצט אין אַ שטילער פאַרטרויליכער שטים, אַזוי, אַז אויף אַ זייטיקן האָט עס גע־מוזט מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז מאָנאַט מיינט עס דורכאויס ערנסט מיט זיינע ווערטער:

— אָט, שטעל זיך פאָר... אין דער מינוט, וואָס איך בין דאָרט ביי די ליסליס געזעסן, איז מיר געוואָרן אַזוי גוט און אַזוי שטיל, אַזוי פויל און באַרויקט האָב איך מיך דאָרט געפילט, אַז מיר איז אײַנגעפאַלן אַ נאַרישער געדאַנק: אַ שטייגער, ווען איך וואָלט ווערן ליסליס איידעם... ווייסט, שוין צוליב דעם אַליין וואָלט זיך עס גע־לוינט, — אַז כ׳זאָל קאָנען אָפּלעבן מיינע יאָרן אין אייביקן יום-טוב און רו...

דן האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן. מאָ־נאַט האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— נאר איינער, ווער נישט אין כעס... ס׳האַלט נאָך נישט דערביי... דאָס הייסט, ביי מיר וואָלט עס מר. ליסלי גרינג געפּועלט. נאָר וואָס איז די פּעולה: ער האָט דאָך אויך עפּעס אין דעם אַ שטיקל דעה...

ה

דנען האָט שוין אָנגעהויבן שטאַרק צו פאַרדריסן מאָנאַטס רייד.

— וואָס איז דאָס — מאָנאַט וויל אים שאָקירן? האַלט איב מאָנאַט באמת פאַר אַזאַ קינד, וועמען מען קאָן איבערשרעקן מיט אַזעלכע זאַכן? אָדער אפשר — זאָל עס זיין, אַז מאָנאַט מיינט עס

טאַקע אין דער אמתן? ס׳קאָן זיין, אַז ביי מאָנאַטן איז אַלץ רעכט...

אַזוי צי אַזוי — מאָנאַט האָט אים איצט, ווי תמיד, אינטריגירט: אי קיל געשראָקן מיט זיינע ווערטער, אי צוגעצויגן. און דן האָט שוין איצט געוואָלט, מאָנאַט זאָל ווייטער רעדן. מאָנאַט איז גראָד אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן; ער האָט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט. האָט דן, כדי ווידער אויפלעבן דאָס געשפּרעך, אַרויסגעפּלאַצט מיטן ערשטן, וואָס איז אים אויף דער צונג געפאַלן:

— און וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט זי אויף דיר, — אָט די מיס ליסלי?

מאָנאַט האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ער האָט זיך גערן אָנגעכאַפּט אָן יעדער געלעגנהייט, ער אַליין זאָל קאָנען מאָנאָפּאָליזירן דעם געשפּרעך. אָט דאָס האָט ער דאָך טאַקע געוואָלט: אבי ניט לאָזן דנען אָנהויבן, ווי זיין טבע איז, באַקלאָגן זיך: באַקלאָגן זיך אויף מענטשן, באַקלאָגן זיך אויף דער וועלט...

— אַ, בערעניס... פאַרשטייסט, זי איז, הייסט עס, פון דעם איצטיקן, דעם יונגן דור אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן זיך פאָרגענומען איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו ווערן אינטעלעקטועל, אייראָפּעאיש... יאָ, טייערער דן, אייראָפּע הויבט זיך שוין אָן אַריבערקלויבן אַהערצו, די צופוילטע אייראָפּע... אייראָפּעאיזם איז, ווי דו זעסט, אַ קרענק אָן אָנשטעקנדיקע... און ווי מאָדנע דאָס איז אַלץ... מיר דאָ, וואָס שטאַמען טאַקע פון אייראָפּע, זענען דאָך שוין אַזוי מיד פון די אַלע מהותדיקע שאַרפקייטן און אינטעלעקטואַליזמען. פון די דערעסענע „אייביקע פּראָבלעמען״... איבערהויפּט איז, ווי דו ווייסט, מיד דער-פון אונזער איצטיקער יידישער דור אין אַמעריקע... מיר ווילן דאָ אַלע ווערן וואָס מער ערדיש, וואָס מער פּרימיטיוו! — (מאָנאַט האָט קרום אָן אַ זייט געשמייכלט) — מיר בענקען דאָך אין אונזער ליטעראַטור, פונקט ווי מען טוט עס אין אייראָפּע, נאָך אַ דזשעק לאָנדאָן... גאָר אַן אייגענעם דזשעק לאָנדאָן... איז אָט הער, וואָס עס האָט פּאַסירט...

מאָנאַט האָט ווייטער דערציילט, ווי ער האָט געוואָלט איר אַרויסווייזן זיין קענטשאַפט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, זאָגט ער איר: „לאָנדאָן, דזשעק לאָנדאָן, אָט דאָס איז די אמתע אַמערי-

קע! — „לאָנדאָן״! — שמייכלט זי זיך דעמאָלט פאַנאַנדער, מעשה עלטערער מענטש, ווען ער רעדט מיט אַ קינד. זי ווערט אַליין אַזוי רויט־פאַרשעמט איבער זיין, מאַנאַטס, ליטעראַרישער אָפּגעשטאַנענקייט... „לאָנדאָן?— דער איז דאָך גאָר קיין שרייבער ניט... ער איז פּשוט אַ סענסאַציאָנעלער שרייבער פון אַוואַנטוריסטישע געשיכטעס פונם ווילדן מערב...*) אָ, ניין... דזשעק לאָנדאָן איז צו רוי, צו פּרימיטיוו, כדי צו זיין אַן אמתער קינסטלער... מען רעדט אפילו פון אים איצט נישט מער אין ראַפינירטער, אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט...״

— היינט גיי ווייס... — האָט מאנאַט פונאַנדערגעמען די הענט. — גיי ווייס וואָס קונסט איז... וואָלסטו געזען, דן, ווי איך, אין מיין ריי, בין רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן איבער מיין אומוויסנהייט... „אפשר, — בעט איך זיך ביי איר, — אפשר איז כאָטש דאָ אין אַמעריקע מעגלעך אַ סינטעז פון דיביידע, — אַ סינטעז פון געזונטער רויקייט און ראפינירטער, אינטעלעקטועלער „אייראָפּעיש־קייט״?— פאַרשטייסט, דן, אַז איך בין דאָך פאָרט אַ ייד, אַ קרעמער... האָט זיך מיר פאַרוואָלט דאָ מאַכן געשעפט, פאַרשאַכערן אייראָפּעישן אינטעלעקטואַליזם אויף אַמעריקאַנישע פּרימיטיוויטעט, צונויפּפאָרן אַ שדוך... אַ סינטעז...

נאָר בערעניס האָט אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ. אויף ניין, איינמאָל ניין—זי וויל פון זיינע רייד אַפילו נישט הערן:

— ניין! — האָט זי איינגעשפּאַרט־איבערצייגט אויפגעשריגן — מיר קענען שוין מער נישט זיין פּרימיטיוו! מיר, דער איצטיקער דור, ווערן, מיט יעדן טאָג ממש, וואָס אַמאָל אַלץ מער באַוווסטזיניק און איבערגעשפּיצט!..

ס'איז געווען, לויט מאָנאַטס רייד, אַן אמתע קאָמעדיע... מאָנאַט, פאַרטיידיקנדיק זיין שטאַנדפּונקט, איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט, האָט היציק איינגעטענהט מיט איר „קעגן דער דאָזיקער באַוווסטזיניקייט, קעגן דער דאָזיקער צופּרעסנדיקער, צושטערנדיקער געקליגעלטקייט, קעגן דער פּסיכאָלאָגישקייט, דער האר־שפּאַלטענדיקער זעלבסט־אַנאַליזירונג און זעלבסט־בייסעניש פונם היינט־וועלטיקן מענטשן...״

— איך, מאָנאַט, בין עס געווען דער אַפּאָסטאָל פון רויקייט

---

*) מעריב־שטאַאַטן פון צפון־אַמעריקע.

דער אַפּאָסטאָל פון אומפּילבאַרקייט און פּשוטקייט. אוי, זאָג איך דיר ס"איז נישט געווען, ווער ס׳זאָל לאַכן...

ער האָט זיך דערפאַר אָפּט אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז ער איז אַזש אומגעפאַלן מיט זיין גאַנצער שווערער פיגור אויפן בעט. גאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער שוין ווידער שקציש אָנגעקוקט דנען.

— אָבער פאַרשטייסט דאָך, דן, אַז דאָס איז אַלץ טעאָריע, פּוסטע ווערטער... הינטער אונזער אַמפּערן זיך האָט שוין אוודאי געשטעקט גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש: דאָס בלוט ביי אונז ביידן איז געווען צוהיצט,—פונם וואַרעמען נאָכמיטאָג, פון דער זון אָנגעוואַרעמט,— האָט געשוימט, האָט געזוכט אַן אויסגאַנג, ווי דער זאַפט פון אַ בוים אין אַ הייסן זומער־טאָג, וואָס טריפט אַרויס פון אים אין קלעפּיקער, גאָלדענער קאַליפאָניע...

איז טאַקע שפּעטער, אַז ס׳איז געוואָרן קילער און טונקעלער אין וואַלד, זענען ביי זיי מיטאיינמאָל אַלע ווערטער אויסגעשעפּט געוואָרן... ער איז דעמאָלט געבליבן ליגן מיט איר ביז שפּעט אין צוונט אין וואַלד. די שאַרפקייט פונם אָוונט־גערוך, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון די ספּריוסעס און די העמלאָקס*), האָט מאָנאַטן איינגאַנצן דורכגענומען, געמאַכט זיין בלוט ציטערן און קלינגען, ווי ער וואָלט זיך געהאַט אָנגעטרונקען מיט פולע גלעזער שטאַרקער קאַווע.— ס׳איז געווען אַזוי טונקל און שטיל אין וואַלד.—בלויז די בלעטער פון די נאָענטע רהאָדאָדענדראָנס האָבן געגלאַנצט פאַר זייערע אויגן, ווי ...טיקער גוטאַפּערטשע.

— איז וואָס מיינסטו... ס׳האָט זיך, דן, צום סוף אַרויסגעוויזן, ...יז זי איז טאַקע נאָך אַלץ מער ערדיש פאַר מיר... איך האָב אַ ...טיק צייט נישט געהאַט קיין מוט, — פאָרט ליסליס טאָכטער... און ...ץ דעם, מאָלע וואָס עס קאָנען זיין די קאָנסעקווענצן... און אַזוי ...יטער, און אַזוי ווייטער... אָבער זי...

דן האָט זיך נענטער צוגערוקט צו דער וואַנט. מאָנאַט איז אַזאַ ...ברייטער און אַזאַ שווערער, און פאַרנעמט אַזויפיל אָרט. אויסער ...דעם—מאָנאַטס גוף שטראַלט אַרויס אויף דנען מיט אַזאַ היפּנאָטישער

*) אזעלכע נאָדל־בוימער,

קראַפּט, און דן רוקט זיך וואָס ווייטער פון דעם אַוועק און וויל זיך פון דעם באַפרייען.

דער אָוונט האָט זיך געשטאַרקט דרויסן און איז געדיכטער געוואָרן, אינאיינעם מיט אים איז שטאַרקער און שמעקעדיקער געוואָרן די געזאַלצענע פרישקייט, וואָס האָט זיך געשפּאַרט אַהער פונם ים. פון דעם האָבן זיך בײַ די דנען די נאָז־לעכער ברייטער פאַנאַנדערגענומען, און די ברוסט האָט זיך העכער געהויבן, און די אויגן זענען פול געוואָרן מיט יונגער, גלאַנציקער פייכטקייט. און אפשר האָט זיך בײַ דנען ניט פון דעם די ברוסט געהויבן. אפשר האָט אים גאָר דאָס האַרץ געציטערט פאַר די בריוו אונטערן קישן, מאָנאַט זאָל זיי נאָך נישט באַמערקן.

און מאָנאַט האָט זיך נאָך באַקוועמער אויסגעצויגן צופוסנס פונם בעט, האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן זיין ברייטן, שווערן, געפּאָלדעוועטן גוף פול אַוי און נחתדיק... אַ מענטש, וואָס האָט זיך געפּילט, אפנים, אומעטום רויק און אויפן אָרט. אויך דאָ, ביים ים, איז אים גוט געגאַנגען: ער האָט זיך שוין אַזוי וויל איינגעלעבט מיט אַלעמען דאָ... ס'האָט אויסגעזען, ווי ער, מאָנאַט, וואָלט געווען אַ מענטש, וועלכער האָט געהאַט אין זיך פאַרהוילן גאָר אַ סך געשטאַלטן. ער פלעגט בלויז טון און בײַ יעדער געלעגנהייט אַרויפגעצויגן אויף זיך די געהעריקע געשטאַלט... און אַז דן האָט אים איינמאָל אויפגעוואָרפן. —

— בײַ דיר, מאָנאַט, איז דאָך אַ מענטשלעך-פּערזענלעכע געשטאַלט, אָט ווי בײַ אַן אַנדער מענטשן — קליידער: אַמאָל זעט מען די קליידער בײַ מענטשן, און אַמאָל — אַנדערע. דעם נאַקעטן מענטשן, דעם אמתן מענטשן, זעט מען אָבער קיינמאָל ניט... ווו ביסטו, — דו אַליין, מאָנאַט? און שעמסט זיך גאָרניט צו טראָגן אַזויפיל מאַסקעס אויף זיך, מאָנאַט?

איז מאָנאַט האָט אים דעמאָלט — און ס'איז אויך דאָס מאָל פּונקט ווי אַ סך אַנדערע מאָל, ניט געווען קענטיק, אויב ער שפּאַסט אָדער ער מיינט עס ערנסט — אויף דעם געענטפערט:

— אַוווּ בין איך? אַ מאָדנער מענטש ביסטו... צוליב וואָס די דאָזיקע, אומגליק-ברענגענדיקע נייגעריקייט דיינע? צוואָס דאַרפסטו

עס אַזוי נויטיק אָנטאַפּן מיך? איך בין ניטאָ, דן, ניטאָ מיך... נאָר דו מוזט, אפנים, זיין זיכער מיט מיר, זיין זיכער, אַז דו קענסט מיך, אַז דו האָסט מיך געפּאַקט, האָסט אויף מיר אַ צעטל אָנגע־קלעפּט, האַלסט מיך פאַרשלאָסן אין האַנט און דו קאָנסט מיך דע־מאָלט, צו יעדער מינוט, שטיקן און דערשטיקן אין דיין שטרענגער, אין דיין „רעכטפּערטיקער" האַנט? נישט אמת, האַ? אפשר טאַקי בע־סער — פאַר מיר, פאַר דיר און פאַר אַלעמען, — אַז איך זאָל בלייבן, תמיד בלייבן דרויסן פון יעדן איינעמס אויג, דרויסן פון יעדן איי־נעמס האַנט?

ו

מאָנאַט דערהערט, ווי ס'קנאַקט עפּעס אונטער אים, עפּעס בויגט און ברעכט זיך, ווי פרישע, האַרטע בויגעלעך פּאַפּיר. ער באַמערקט אויך, ווי דן, דערהערנדיק דעם דאָזיקן טרוקענעם קנאַקן, ווערט בליי־כער. ס'הערט זיך אין דער אַרומיקער שטילקייט קלאָר און הילכיק דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון זיין האַרץ, ווי קלעפּ פון העק, פאַלנדיקע פון די הענט פון ווייטע בויערס. מאָנאַט גיט זיך דעמאָלט אַ לעצטן צי־אויס אויפן בעט, און הויבט אָן אומישנע רעדן הויך, הויך — פאַרשרייענדיק, פאַרדעקנדיק מיט זיין קול אַלע באַאומרויקנדיקע שאָרכן און קלאַנגען אינם חדר.

— יאָ, מחשבותן... איז וואָס־זשע טוסטו: דו פאָרסט טאַקע אַוועק פון דאַנען, דן?

נאָר ס'איז געוועזן קלאָר, אַז געטון האָט ער עס פון איידלקייט וועגן, ווען ער האָט געשטעלט אָט די דאָזיקע פראַגע. ער האָט אפילו נישט געוואַרט אויף דנס ענטפער. ווי דאָס לאַנגזאַמע ריזלען פון אַ וואַלד־וואַסער דורך אַ געדיכטער, וואַלדיקער בלעטער־וואַנט, הערט דן איצט, — דורך זיינע פאַרהלשטע, פאַרטונענע הושים, — ווי מאָ־נאַט רעדט, רעדט... די ווערטער זיינע קוליען זיך אין דער געלב־לעכער, לאָמפּ־באַלויכטענער אָוונט־לופט פונם חדר, ווי גנאָמען, — ווי ניט־ערדישע, שפּילעוודיקע אזעלכע באַשעפענישן... זיי טאַנצן אַזוי אין דער לופט, ווי גומי־באַלן אין די הענט פון אַ געניטן זשאָנגלער, אַן אקראָבאַט,—זיי נעמען ביי אים אָן יעדעס מאָל אַן אַנדערע, גאָר אַן אומדערוואַרטעטע פּאָזיציע, — אָט די פּאָזיציע, וואָס זיי האָבן צופעליק אָנגענומען אין אָט יענער מינוט...

— אָ, דן... צי דען ווייסטו נאָך ניט, אַז אַרומפאָרן איז אַ נאַרישע באַשעפטיקונג פאַר אַ קלוגן מענטשן... די וועלט איז אומעטום איינס, דאָס מענטשלעכע לעבן — איינס איז אומעטום זיין אינהאַלט. בלויז פוסטע מענטשן רייסט עס תמיד אין די ווייטע לענדער אַריין — דאָס אַנטלויפן זיי פון זייער פוסטקייט...

אַז ער באַמערקט אָבער, ווי דן ווערט בלייך, פאַרכאַפּט ער זיך אַ ביסל צוריק. ער בעט אים, דנען, ער זאָל זיך למען-השם נישט באַליידיקן: ער מיינט עס, חס-ושלום, נישט פּערזענלעך... און חוץ דעם — חוץ דעם קאָן דאָך, נאַטירלעך, זיין אויך אַן אַנדער דערקלערונג פאַר אָט דעם דאָזיקן דראַנג צו רייזן, — אַזוי צו זאָגן אַ ריין-פיזיאָלאָגישע דערקלערונג... צום ביישפּיל: ער, מאָנאַט, איז אַ מענטש אַ פעטער, אַ שווער-רירעוודיקער, — ער פילט זיך שוין גאָר היפּשלעך אונטער... אָט ווייל ס'איז אים שווער זיך רירן פון אָרט — בענקט ער דעריבער, אַז בכלל דאַרף קיינער נישט אַרומפאָרן...

— אָבער דו, דן, ביזט דאָך אַ בחור אַ מאָגערער, אַ גרינגוואָגיקער, און דעריבער תמיד אומרויק, איז פאַר דיר דאַרף שוין, מעגלעך, דער דאָזיקער כלל נישט גילטן...

נאָר דן קאָן שוין דאָ מער נישט אויסהאַלטן מאָנאַטס שפּאָטערײַ. ס'איז שוין צופיל. ער שפּרינגט אויף און דערציילט אים, פאַרוואָס ער פאָרט אַוועק. ער רעדט גיך-גיך, אָן אַן אָטעם. איין שטראָם נישט-פאַרענדיקטע ווערטער ווערט איילים אַרויסגעשטויסן דורך אַ מבול נייע אָנפּלייצנדיקע ווערטער און האַלב-ווערטער, — די שליוזן פון דנס צוריקגעהאַלטנקייט זענען געעפנט געוואָרן... און פון דעם דאָזיקן גאַנצן ווערטער-ווירבל פאַרנעמט מאָנאַט אומגעפער עטוואָס אַזוינס:

— נקמה, נקמה... ס'טייטש, זי האָט אים אָפּגענאַרט... און ס'איז ניט אַזוי אים, ווי זיין אַלטן גלויבן אין ריינקייט און ערלעכקייט, וואָס זי האָט צעשטערט — דערביי ווערט דן גלייך רויט-אָנגעצונדן, — ער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט זיין סוד. ער פילט זיך, ווי אַ יונג, אומשולדיק מיידל, וועמען מען האָט אָנגעטראָפן אומדערוואַרטערהייט נישט אינגאַנצן אָנגעטון. „ס'איז שוין צו-שפּעט..." — טראַכט ער אַ פאַרצווייפלטער, אַ פאַרפאַלענער.

און מאָנאַט רוקט זיך צו צו אים נענטער — ער הויבט צו

אים אָן רעדן ווייך, ווי צו אַ ברוגז קינד, וואָס האָט ענדלעך גע־עפנט דאָס האַרץ...

— אָבער דן... וואָס איז געווען — איז געווען... דער עיקר איז דאָך גאָר דאָס: האָט איר זיך ליב איצט? —

נאָר אויף דעם שרייט אויס דן אין אַ הויך, דערצאָרנט קול, אָט ווי ער וואָלט די גרעסטע עוולה פון דער וועלט איצט אַרויס־געשריען:

— אָבער זי האָט דאָך די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט מיך כּלומרשט ליב געהאַט, באַהאַלטן פון מיר דעם אמת: זי איז דאָך, אפנים, די גאַנצע צייט געווען אַ חתונה־געהאַטע! זי איז, הייסט עס, די גאַנצע צייט געווען צו מיר ליגנעריש! איז וואָס, אַז זי האָט מיך איצט ליב? וואָס פאַר אַן אמת קאָן שוין זיין, מ'שטיינס געזאָגט, אין אַזאַ ליבע?

שמייכלט אויף דעם מאָנאַט... נאָר אין זיין שמייכל איז שוין איצט דאָ עפּעס אַ האָפנונגסלאָזיקייט, — אַ מין פאַרביטערטער גע־דאַנק, אַז אייביק, אייביק וועט שוין, אַפנים דויערן, ביי געוויסע מענטשן דאָס דאָזיקע אומגליק־ברענגענדיקע דינען צום אָפּגאָט „אמת", וועלכער איז גאָר נישטאָ — אין ערגיץ נישטאָ... אין זיין טאָן, ווי ער ענטפערט איצט ווידער דנען, גנבעט זיך שוין דעריבער אַריין אַן אומגעדולדיקייט:

— אמת, אמת... אַך, וואָס קאָן איך מיט דיר טון, דן... ווי לאַנג וועסטו זיך נאָך דאַרפן פּלאָגן, ביזקל דוס'ט אויך אויסגעפינען, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין איין אמת, צוליב וועלכן עס זאָל זיך לוינען צו פאַרלירן כאָטש אַן איינציקע מינוט פון דעם פּשוטסטן מענטשלעכן גליק... און אַז ס'איז נישטאָ אפילו קיין בלייב־סטער שאָטן פון גליק, צוליב וועלכן מען זאָל נישט טאָרן ליגן זאָגן...

ער ווייסט נישט, וואָס דאָרט ביי ראַיען איז פאָרגעקומען און פאַרוואָס זי האָט באַהאַלטן פון דנען דעם אמת. אים דוכט אפילו, אַז דן קען זי נאָך אַליין ניט גוט, אַז דן אַליין אפילו קען בלויז דעם שאָטן פון ראיען, אַ שאָטן, וועלכן דן האָט אַליין געשאַפן, אַ שאָטן, וועלכער האָט זיך אַמבעסטן אַריינגעפּאַסט אין דנס אינערלע־כער וועלט... איז ער, מאָנאַט, ווייסט אוודאי נישט, ווער פון זיי ביידן

דאָרט איז גערעכט — גיכער פון אַלץ זענען זיי ביידע גערעכט. נאָר איינס ווייסט ער דאָך: מען טאָר דעם אמת נישט דערציילן... דער אמת איז די געפערלעכסטע זאַך, וואָס קאָן נאָר געבן פאַרן מענטשן.

דערביי וויל ער, מאָנאַט, זיך אויך, אפנים, נישט אָפּזאָגן פון דער הנאה פון אַ קאַפּיטשקע פילאָזאָפירן.

— כ'ווייס נישט, פאַרוואָס מיר, דערוואַקסענע, פרעטענדירן צו האָבן אַזוי פיל אָפּשיי פאַר אמת־זאָגער — נאַטירלעך, ווען זיי געפינען זיך באַדייטנט ווייט פון אונז, און באַרירן ניט מיט זייער אמת־ליידנשאַפט אונז פערזענלעך, אָדער אונזערע נאָענטסטע... אַז דער אמת ברענגט דאָך קיינמאָל און קיינעם קיין גליק נישט, קיינמאָל און קיינעם קיין רו ניט... און וואָס זשע קומט אַרויס סוף־כּל־סוף פון דעם, אַז מען זאָגט שוין איינעם אויס דעם אמת? בלויז נאָך אַ ביסל ליידן אויף דער וועלט... און אין דעם, דוכט זיך, נויטיקט זי זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק, די וועלט...

נאָר אין דנען האָט איצט אינווייניק, אין דער יונגער נשמה און אינעם יונגן בלוט, אַלץ געזאָדן... אַלץ אין אים האָט געשריגן און אויסגעשריגן: „וואָס איז מיר גליק... זאָל די גאָרע וועלט אונטערגיין, אַבי עס זאָל זיגן דער אמת!" עס האָט אין אים איצט אינעווייניק געשריגן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַזש קיין כּוח נישט געהאַט דעם דאָזיקן געשריי אַרויסצוברענגען פאַר מאָנאַטן. ער איז בלויז געשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט ברענענדיקע, מיט קנאַיש־גלויביקע אויגן... אָ, פאַר זיך האָט ער דאָך געוווּסט אַזוי זיכער, פּונקט ווי טאָג איז טאָג און נאַכט איז נאַכט, אַז ס'איז יאָ דאָ אַ וועג, און בלויז איין וועג אויף דער גאַנצער וועלט, — דער וועג פון ריינקייט... אַז מען דאַרף, מען מוז לעבן אַ ריין, אַן אויסגעהאַלטן, אַן אמתז'יק לעבן.

אין די שטילע, שווייגנדיקע מינוטן, וואָס זענען איצט אָנגעשטאַנען אינעם צימער מיט די פענסטער קעגן ים, האָט דן איצט מאָנאַטן שוין מער נישט געזען. אַלץ איז פאַר אים פאַרטרונקען געוואָרן

אין נעפל. ער האָט געטראַכט פון די פיל בריוו, וועלכע ער האָט לעצטנס געקראָגן פון ראיען. „קום צו מיר, דן... דאָס, וואָס איך וויל דיר איצט זאָגן, וועט אפילו מעגלעך קלינגען צו גאוהדיק, נאָר איך וועל עס דיר פאָרט זאָגן: פאַרוואַרף מיך נישט, דן, — אָ, כ׳ווייס, עס זענען דאָ גענוג, אַ סך פרויען אויף דער וועלט... אָבער איך ווייס פונדעסטוועגן נישט, ווען עס וועט דיר אויסקומען נאָכאַמאָל צו באַגעגענען אַזאַ פרוי, ווי איך... איך בין נישט איין פרוי — איך בין אַ סך פרויען. און אַלע פרויען אין מיר וועלן דיך ליב האָבן מיט דער גרעסטער שטאַרקייט, וואָס קאָן נאָר זיין אין ליבע.״

דן האָט פון יעדער שורה פון אירע לעצטע בריוו אַרויסגעלייענט חרטה... האָט ער געטראַכט, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט, — איצט וועט ער זי ערשט באַשטראָפן, און מיט דעם אויסלייזן זי פון איר זינד...

ער האָט איר אויף קיין איינציקן פון אירע לעצטע בריוו נישט געענטפערט. בעסער אַזוי: ער וועט שוין ליבערשט אויפהאַלטן אין זיך דאָס גרויסע, ריינע ליכט פון זיין אַמאָליקער אומבאַפלעקטער ליבע צו איר... און דאָס, וואָס מאָנאַט זאָגט, אַז „דאָס לעבן פון די חושים איז דאָס איינציקע, וואָס איז דאָ אין לעבן״ — עך, מאלע וואָס די דאָזיקע מאָנאַטס זאָגן שוין...

דער נאַפט אין לאָמפ האָט שוין אָנגעהויבן אויסגיין. אין דרויסן איז, אפנים, בשעת זייער פאַרטונענעם געשפרעך, געבוירן געוואָרן אַ שטורם־ווינט, וועלכער האָט זיך שוין איצט היפש געשטאַרקט, און זיך וואָיענדיק פאַרצויגן. מאָנאַט האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. אין דער וואַקסנדיקער געשפענסטיקער פינסטערניש פונם חדר האָט דן געזען, ווי מאָנאַט שמייכלט אַזוי פאַר זיך.

— אָ, האָב איך עס מיך אויסגעליידיקט היינט־ביינאַכט פון אַ היפש ביסל ווערטער, — ס׳איז עפעס אָנגענעמער אַזוי: פוסטער און גרוימער געוואָרן אין קאָפ...

אַז מאָנאַט איז פאַרשלונגען געוואָרן אין דער אומרויקער, פייפנדיקער, מיט עפעס טראָגנדיקער טונקל פון טיף־נאַכט לעבן ים, איז דן אויף גיך צוגעפאַלן צום קישן, אַרויסגענומען פון דאָרט די פאַרבאַהאַלטענע בריוו און זיי אָנגעהויבן מיט אימפעט רייסן, די

קנויט אינם לאָמפּ איז שוין גאָר ט[illegible]ונקען, ס'איז שוין סיי ווי געוועזן שפּעט, און דן האָט זיך געפֿוילט אַרונטערגיין נאָך נאַפֿט. אין דער כמעט־פֿינסטערניש פֿונם חדר האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן דרייען די ווייסינקע, צוריסענע פּאַפּירלעך, און שטיל אַזוי נישט געוואָרן אין די גאָר געדיכטע שיכטן טונקל ביים דיל.

אין דרויסן זענען געדיכטער געוואָרן ים און וואָיענדיקע, ווינטיקע נאַכט.

IX

א

שפּעט הערבסט איז שוין געווען אויפֿן אינזל. דער אינזל אינ־מיטן אָקעאַן האָט זיך אָנגעהויבן טונקען אין הערבסט, — האָט זיך די גאַנצע וועלט אין הערבסט געטונקען. פֿאַר די עטלעכע לעבנס אויף אים, פֿאַר זייער יונגקייט און פֿריש־גרינעם אָנהויב־לעבן איז דאָך דער אינזל און זייערע איבערלעבונגען אויף אים געווען דער צענטער פֿון דער וועלט.

דער אינדיאַנער זומער איז שוין אויך געווען פֿאַריבער—לופֿט איז שוין געווען קאַלט, זון האָט געלויכטן מיט פֿאַרטונקלטן, נאָך־יום־טובדיקן מעש, וואָס מען האָט שוין אויפֿן וואַנט אויפֿגעהאָנגען: עס איז שוין נאָך יום־טוב... מיטאַמאָל איז דער אינזל אָפּגעדעקט געוואָרן ביז די ווייטסטע ווייטן.

מאָנאַט איז אַרויסגעגאַנגען מיטן וועג, וואָס האָט געפֿירט פֿון ברעג־ים צום שטעטל פּלעזענט פּליינס אויפֿן באַרג. וואָס העכער ער איז געשטיגן, האָט זיך אַלץ מער דאָס לאַנד אַנטפּלעקט פֿאַר אים — גאָר אַ ניי לאַנד. פֿונעם הויכן באַרג זיך כוואַליענדיק, האָט זיך געזען דאָס לאַנד אַרום, זיך בערגלענדיק און זיך טאָלנדיק ביזן פֿיל־שיפֿנדיקן ניו־יאָרקער ים־אויסגוס מערב־צו. אינעם נאָך־ליכטיקן דין־גרויליקן אָוונט אויפֿן באַרג האָט דער ווייטער ים־אויסגוס מיט די טויזנטער פֿייערן אויסגעזען ווי אַ פֿאַנטאַסטישע, ווייטע מדינה, וואָס איז מיט אַמאָל נאָענט צום מענטשלעכן אויג צוגערוקט געוואָרן: צוגערוקט געוואָרן פֿאַרן מענטשלעכן תּענוג וועגן אינעם שפּעט־

הערבסטיקן אָוונט; צוליבן מענטשלעכן פאַרגעניגן ויעגן, פאַרן אָנקום פונם ווינטער.—פאַר זיין פאַרגיין.

צפון־צו האָט זיך געפּאַסט דער שמאָלער סטייטן איילענד סאונד,—אַ וואַסערדיקע בריק צום ניו דזשוירזי־ברעג, אויף וועלכן פייערן פון ווייטע שטאָל־פאַבריקן האָבן שוין דורך די אומגעהויערע פענסטער־ווענט אָנגעהויבן פלאַמען אינם אָוונט, פייערן פון די דאָרטיקע ריזיקע שמעלץ־אויוונס. פון ווייטן האָט געברענט און געצונדן דאָס האַרץ דער אויסגעחלומטער ליאַרעם פון טומלדיקער, פאַרשלינגענדיקער אַרבעט, שטאָלענער אַרבעט. ריזן־אַרבעט... נאָר מאָנאַטן האָט איצט ניט צו דעם געצויגן. שוין עטלעכע טעג, אַז ער פילט, אַז עפּעס איז דער מער מיט אים. אַלע מאָל איז עס דאָך מיט אים געווען אַזוי, איידער ער פלעגט דאַרפן אויספירן עפּעס אַ וויכטיקע אַרבעט... דער איצטיקער אָנהויב־אָוונט — אַ יום־טוב אָוונט צווישן פרעמדע מענטשן אויפן אינזל — אָ, אָט דעם זעלטענעם אָוונט האָט ער דאָך אַזוי געוואָלט, אַזוי געזוכט! אַזעלכע אָוונטן דאַרף ער דאָך אַזוי שטאַרק האָבן, איידער ער טוט עפּעס.

אָוונטן פון שטילער באַטראַכטקייט. אָוונטן פון קילן נשמה־חשבון.

און דרום־צו... דער וואַסער־פּאַס, וואָס וואַשט די נידעריקע ברעגן פון ברוקלין, מיט די פילע פּראַכט־האַפּנס און מאַסטן־וועלדער און שווימענדיקע שיף־בריקן, און ריזיקע, רויכערנדיקע קוימענס פון פאַבריקן,—ער ציט זיך ווייט־ווייטער צו מזרח־צו, צום צווייטן אַטלאַנטיק אַרויס. די לופט איז איצט אַזוי קלאָר, אַזוי אָ פ ד ע ק נ ד י ק, אַז ס'זעט זיך מאָנאַטן דייטלעך אינם אָוונט די געלע, זאַמדיקע, שמאָל־לאַנגע נאָדל פון ס ע נ ד י ה ו ק, אַריינשטעכנדיק זיך אין אָקעאַן אַריין, ווי אַ דינע פייל. און דאָס ווייטע אָקעאַן־וואַסער שפּרייט זיך איצט טונקל־ווייניק צו די אומהיימלעכע אָפּשרעקנדיקע און צוציענדיקע אָקעאַנען־ווייטן — מאָנאַטס פאַרשווונדענע רויקייט, דער אָפּגעשוואַכטער קאָנטראָל איבער זיך און זיינע שטימונגען,—די קאָנצענטרירטקייט און רויקייט, אויף וועלכע ער האָט אַזוי פיל יאָרן פון זיין לעבן געאַרבעט. — האָבן אין אים איצט זיך געלאָזט פילן. זיין צערודערטקייט פון די לעצטע עטלעכע וואָכן איז געשטיגן. פון זיין

קעל האָט זיך אין דער קילער באַרג־לופט אַרויסגעריסן אַ געשריי.

— אַהו! אַהו! איך, קליינינקער־גרויסער מענטש, בין דאָ! און כ׳שריי וועגן דעם, כ׳לאָז וויסן וועגן דעם אייך, וואַסערן און ווייטע וועלט! איך וויים — איך וועל דיך נישט איבעראַנדערשן און אַריבערשרייען, וועלט! דו ביסט פול מיט שלעכטס, וועלט, און וואָס וועט שוין משטיינס געזאָגט העלפן, אַז איך, מיט מיין קורץ לעבן, זאָל שרייען תמיד דאָס געשריי פון ווידערשפעניקונג און ניט־אָננעמען דיך, וועלט! וועלט, דו ווייט־גרויסע, דו קאַלט־גלייכגילטיקע צו מיינע פאַרלאַנגען און פאַנטאַזיעס, וועלט פון גרויען פעלז און פרעמדע וואַסערן — אייביק־גרוי, אייביק־קאַלט און אייביק־פעלז — כ׳שריי צו דיר:

— איך, א י ך, מאָנאַט, נעם דיך אָן! יאָ, כ׳נעם דיך אָן! איך וויים, דו ביסט קאַלט און גרויזאַם, וועלט, נאָר כ׳האָב דיך אַזוי ליב! כ׳האָב דיך בלינדערהייט ליב! כ׳האָב דיך סתם ליב! כ׳האָב דיך ליב, ליב, ליב! —

מאָנאַט איז אַלץ געגאַנגען מיטן וועג אַרויף־באַרג. די לופט איז געווען קלאָר, פראָסטיקלעך, שטייף־אָנגעשטרענגט און דורכזיכטיק־דין — די וועלט אַרום און אַרום האָט זיך געעפנט פון איין עק ביזן צווייטן. אין דער קלאָרער אָוונטיקער לופט האָבן איצט ברוין און הויל זיך געצייכנט די בלעטערלאָזע בוימער. די וועלט האָט זיך אויסגעטון, אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די זומערדיקע שרייענדיקע, רייכע פאַרפוצונגען פון בלאַט און צווייג און זאַנג.

קלאָר איז איצט געווען דער הימל. אויף הימל־וועלטן, ווייט איינס פונם אַנדערן, האָבן זיך איצט בלויז דורכגעוואָרפן שאַרף־געצייכנטע בלייכע זיילן, מאַרמאָרנע פליטעס, פאַרפרוירענע ליכט־וואָלקנס, פאַרגליווערטע זילבער־פאַסן. פאַסן און שטרייפן, און צעשפּרייטע ליכט־הערנער, וועלכע ווייטע ימישע אָקרענטן האָבן דורך פיל זומער־נעכט געוואָרפן אויפן הימל מיט זייערע ווייטע, שטאַרקע פראָזשעקטאָרס, — זענען איצט געלעגן אָפּגעקילטע און פאַרגליווערטע אויפן הימל. הימל־ליילעכער זענען געווען געלאַטעט דאָ און דאָרט מיט מאַרמאָרנע שטיקער, דורכגעזייט מיט גרוי־ווייסלעכע מאַרמאָרעדערן. גליווערנדיקע פאַרבן פון אַ קאַלטן טאָג־פאַרגיין אין שפּעט־

הערבסט האָבן באַשפּרייט דעם הימל, פאַרפרוירן געוואָרן און גע־פלאַמט אַזוי פאַרפרוירענערהייט. די גראָזן ביי די זייטן וועג זענען שוין געווען אָפּגעבליאַקעוועט און ווייסלעך.

מאָנאַטס קליידער האָבן זיך אַלע ווילע געשאַרט און פאַר־טשעפּעט אָן די קוסטעס ביים וועג, אָן די פאַרטרוקנטע צווייגן און די אויסגעדאַרטע ווילדע פּירות. עס האָבן זיך נאָך פּורפּורדיק גע־פאַרבט אינם אָוונט פאַרבליבענע הענגלעך ווילדן וויינטרויב, וועלפישע יאַגעדעס, עלדערבעריס און פאַרטרוקנטע סומאַקס. די בוימער זענען שוין איצט געווען גאָר נאַקעטע — צייכנס בלויז. ערינערונגען פון אַמאָליקע לעבעדיקע בוימער.

און אַז די בוימער זענען אָפּגעדעקט געוואָרן, האָבן זיך איצט באַוויזן פון די ווייטע בערג אַרונטער און אין די טאָלן פּאַלאַצן און רייכע הייזער, הענגענדיק ווייס און קלאָר אַזוי אין דער לופט. די לופט איז געווען אַזוי שאַרף און ריין, אַז עס האָט זיך קלאָר און אָפּגעצייכנט געהערט דאָס רודערן פון אַ באַן, וועלכע איז געלאָפן צענדליקער מיילן ווייט פון דאַנען.

מאָנאַט איז אַלץ געגאַנגען איינער אַליין מיטן וועג. וואָס הע־כער ער איז געשטיגן, אַלץ מער האָט זיך די וועלט, אַלץ מער האָבן זאַכן און מענטשן אינם קילן אָוונט זיך פאַר אים אָפּגעדעקט. היינט איז געווען אַ יום־טוב, טהענקסגיווינג־דעי *). מאָנאַט איז איצט געגאַנגען אין אַ הויז, ווו ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף יום־טוב־דיקן טהענקסגיווינג־מאָלצייט. זיין בלוט האָט געברענט אין גאַנצן פון אַן אומעטיקער פרייד. דן און קודראָוו זענען אויף יום־טוב אָפּגע־פאָרן קיין ניו־יאָרק. ער איז איינער אַליין דאָ פאַרבליבן — מעגלעך, אַז אויף צענדליקער מיילן אַרום איז נישטאָ איצט אינם פּראָסטיקן דרויסן קיין אַנדער ייד.

אַז ער טוט אַמאָל אַ טראַכט אַזוי, איז ער דאָך דאָ אייגנט־לעך אַ פרעמדער. פאַלט עס אויך אַמאָל איין איינעם פון די אַנדע־רע איינוווינער דאָ ביים ים, אַז יענער איז דאָ ביים ברעג אַ פרעמדער?

---

*) אַן אַמעריקאַנער יום־טוב: דער יום־טוב פון דאַנקזאָגונג.

קיינמאָל, קיינמאָל. אָבער עס פאַלט דאָך זיי זיכער איין אַמאָל, אַז ער, מאָנאַט, איז דאָ אַ פרעמדער, און מען ווייסט אפילו נישט, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען אַהער, און צוליב וואָס? מעגלעך, אַז ניט. ער האָט זיך דאָך דאָ אַזוי גוט איינגעלעבט. ער לעבט זיך אַר־מעטום איין אַזוי ווייל, ווו ער זאָל ניט קומען. ער ווערט גאָר גיך איינס מיט אַלעמען. ער מישט זיך גאָר גוט אויס מיט אַלע סאָרטן מענטשן און הערט באַלד אויף זיך אויסטיילן פון די אַרומיקע לייט, מיט וועלכע ער וווינט. דאָ, אין פרינסעס בעי, איז עס אויך געווען אַזוי, און פונדעסטוועגן...

דער וועג איז פוסט. ס'איז דאָך איצט אָוונט און יום־טוב, און הערבסט. די הייזלעך, ווייט־אָפּגערוקט איינס פונם אַנדערן דורך פעל־דער, וועלדער און גערטנער, שטייען טיף אָפּגערוקט פונם וועג, אויף וועלכן ער גייט. זיי זענען איצט פאַרמאַכט און פאַרריגלט אונטער טיר און לאָדן.

...אָט, ער האַלט זיך ניט איין און קלאַפּט אָן אין אַ לאָדן. מען לאָזט אים אַריין — זיכער! אַלע קענען אים דאָ ביים ברעג. דערהויפּט לעצטנס איז זיין נאָמען דאָ אויף אַלעמענס ליפּן, אויף ליפּן פון יונג און אַלט, אויף ליפּן פון פרוי און קינד, ווי דער נאָ־מען פון אַ ווייטן דערלייזער, אַ ישועה־ברענגער... איז אָט, נעמט ער און קלאַפּט אָן אין אַ לאָדן. נור אַז ער קומט אַריין, ווערט אין הויז פּלוצלינג אַ שטיקל סומאַטאָכע. אַמאָל, אין דער היים — דער גאַנצער ענין פון דעם, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַ היים, זעט אפילו אויס מאָנאַטן גאָר אומוואַרשיינלעך, אַן אויסגעחלומטע זאַך — וואָלט וואַרשיינלעך געוואָרן פּונקט אַזאַ גערודער, ווען אליהו־הנביא וואָלט פּלוצלינג אַריינגעקומען צום סדר... אָבער די לייט דאָ אין שטיבל שמייכלען צו אים גאָר פריינטלעך און ער שמייכלט אויך צו זיי. נאָר ער ווייסט: אינעווייניק אין האַרץ ביי זיי — און סיידן ביי אים ניט? — איז דאָך פאַרבליבן פּוסט, קאַלט, פרעמד...

ב

מאָנאַט גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן, וועקט זיך אויף און לאַכט זיך פונאַנדער.

— דאָס איז דאָך בלויז אַ פֿאַנטאַזיע — ער וועט ניט אָנקלאַפּן צו קיינעם... אַ חוץ דעם — ער גייט דאָך סיי ווי איצט אין אַ באַשטימטן הויז און אַהין איז ער דאָך יאָ איינגעלאַדן.

און ער גייט ווייטער. ס'באַגעגנט אים אַן אַרבעטער פֿון ליסליס פֿאַבריק, וועלכער קערט זיך אום אַהיים. מסתמא פֿון אַ שכנס אַ הויז. ער האָט דאָרט געקויפֿט עפּלעכע בינדלעך סעלערי *). אַמאָל האָט ער אוודאי געהאַט אַן אייגענעם גאָרטן, נאָר מען האָט עס ביי אים אויסגעקויפֿט. דאָס לאַנד דאָ ביים ברעג ים ווערט וואָס אַמאָל אַלץ צו טייער, מען זאָל עס קאָנען באַנוצן פֿאַר אַגריקולטור. די צאָל פֿערמערס ווערט דאָ וואָס אַמאָל אַלץ ווייניקער, די שייערן און פֿויערשע הייזלעך זענען שוין אין דער אַרומיקער נאַכבאַרשאַפֿט לאַנג אַרונטערגעוואָרפֿן געוואָרן. אויפֿן אָרט פֿון די אַמאָליקע פֿאַרזייטע און פֿאַרביק־געקעסטלטע פֿעלדער ווערן דאָ איצט אויסגעבויט רייכע פֿאַלאַצן און רעזידענצן. און די גרויסע פֿעלדער, וואָס פֿאַרבלייבן נאָך הינטער אַזאַ רייכן פּאַלאַץ, שטייען שמיטהדיק־פּויל, צעפּעשטשעט־ליידיק — זיי זענען באַוואַקסן מיט פּעטן, שיינעם, פֿיין־אַרומגעשניטענעם גראָז, פֿאַרפֿלאַנצט מיט בלויע צעדערן, מיט שטייפֿע, גלאַנציקע רהאדאדענדראנס, מיט שלאַנקע קיפּאַריסן און אָלעאַנדערס, וואָס מיט די שמאָל־לענגלעכע געלע בלעטער, — איבערגעפּלאַנצטע פֿון דער האַלבטראָפּישער פֿלאָרידא.

און נישט נאָר די ערד. פּויל און פּוסט שטייען שוין אויך דעם גרעסטן טייל יאָר די רייכע פּאַלאַצן. אין זיי וווינען מאַגנאַטן און רייכע באַנקירן פֿון ניו־יאָרק. אָבער זיי קומען בלויז צו פֿאָרן אין זומער־צייט אויף אַ פּאָר מאָנאַטן, אָדער גאָר אויף עטלעכע וואָכן. און אין אָנהויב ווינטער פּוסטעווען זיי שוין, אָט די דאָזיקע פּאַלאַצן.

אַז דער אַרבעטער גייט זיי פֿאַרביי, פֿאַלט אויף אים אָן אַן אימה פֿון די שווערע מאַרמאָרענע ווענט, וואָס שטייען אין אָפּגעזונדערטקייט אין דער טיף פֿון בוימער, אַן אימה פֿון די טיר-און־

---

*) אַזאַ גרינס.

פענסטער, וואָס זענען פאַרקלאַפּט מיט שווערע לאָדנס. דאָרט ווײנט גאָר אַן אַנדער ראַסע מענטשן, — העכערע, שטאַרקערע און געוועלטיקנדיקע אַזעלכע... אָט, ווי די ווייסע סטאַטועס פון געטער, ווי די בראָנזענע און שטאָלענע פאַרקערפּערונגען פון ניט־היגע, ווילדע אַזעלכע חיות און באַשעפענישן, וואָס שטייען דאָ און דאָרט אין גאָרטן...

די אימה גייט דערנאָך ביים דורכגייער ביסלעכווייז אַריבער אין אַן אַראָפּגעפאַלנקייט ביי זיך. אָט די קאַלטע, שטאָלצע דערוויטערטקייט פון מאַרמאָר און בראָנז אין דער טיפעניש פון פלעקלאָזן, געפוצטן גרין שטיקט אים, דריקט אים... און צולעצט פאַרפלייצט אַ קנאה דאָס האַרץ, אַ קנאה און אַ פיינטשאַפט, וואָס וואַקסט, פאַרסמט און ברענט.

דער אַרבעטער פון ליסליס פאַבריק גייט אַלץ ווייטער, ווייטער. די סעלערי בלייבט זיך אין זיין האַנט. ער איילט זיך אַהיים. ס׳הויבן זיך שוין אָן באַווייזן די ערשטע הייזלעך פונם דאָרף. אין דאָרף איז איצט שטיל. די גאַסן זענען איצט פוסט. נאָר אָט — אין אַ ווינקלגאַס, לעבן אַ נייעם טעררא־קאָטא הויז, שטעכן דורך די נאַכט הערנער פון אויטאָמאָביל־לאַמטערנעס. דאָ ווײנט אַן אויפזעער איבער איינער פון די אָפטיילונגען פון ליסליס פאַבריק. אַלע אַרבעטער האָבן אים פיינט. זיי געדענקען נאָך די צייט, ווען ער איז געווען אַזאַ אָרעמער פערמער, ווי זיי, פלעגט נאָך אינם פישער־סעזאָן מוזן צואַרבעטן אַ ביסל ביים ים־ברעג, כדי צו זיין אימשטאַנד דורכצושטופּן זיך דורכן ווינטער. אַן אייגענער מענטש געווען. איצט איז ער אַ נוגש. ער איז דאָס דאָך געווען דער יעניקער, וועלכער האָט מר. ליסלין אָנגעגעבן דעם פּלאַן, מען זאָל ביי דער פאַבריק אויסבויען אַ גרויסן, אַן אומגעהויערן רעסטאָראַן, וועלכער זאָל מיטאָג־צייט קאָנען שפּייזן אַלע פערצן הונדערט אַרבעטער. די אַרבעטער פלעגן דאָרט איצט קאָנען קריגן הייסע עסנס, ניט די קאַלטע צוביסנס, וואָס זיי פלעגן שלעפּן מיט זיך יעדן אין דער פרי אין זייערע בלעכענע קענדעלעך, גייענדיק אָדער פאָרנדיק אויף זייערע וועלאָסיפּעדן צו דער אַרבעט. זיי פלעגן זיך איצט, וואַרמעס־צייט, קאָנען דעריבער אויסרוען און דערנאָך בעסער און פלייסיקער אַרבעטן... אפילו אַ ביבליאָטעק האָט דער ליסלי אויסגעבויט פאַר זיי און געעפנט דאָרט אַן

אָפּטיילונג פון דער „ווײַ עם סי איי" *) און בילאַרד־צימערן. די אַרבעטער האָבן שוין אין די אָוונטן אויפגעהערט צו שכורן און אויף מאָרגן באַלעמוטשען בײַ דער אַרבעט... אָ, מר. ליסלי האָט צו זײַנע וווילטעטיקייטן גאָרנישט דערלייגט, סיידן אפשר דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שמען ווײַט אַרום איבער די גרענעצן פון דער געגנט,—אין ריזיקע, טעגלעכע צײַטונגען און אין דיקע עקאָנאָמישע זשורנאַלן,—ווי אַ מאָדערנער רעפאָרמערישער אַרבעטס־געבער, וועלכער טוט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך פאַר זײַנע אַרבעטער. שאַ, ער האָט דאָך זיי אפילו אָנגעהויבן געבן צום סוף יאָר אַ באָנוס, זיי, הייסט עס, כמעט געמאַכט פאַר שותפים — און איז דאָך, מיט אַלע זײַנע קרבנות, רײַכער געוואָרן, רײַכער געוואָרן ממש פון שעה צו שעה, און די אַרבעטער האָבן געלעבט אין דער זעלביקער דחקות.

מאָנאַט האָט געקענט דעם דאָזיקן אַרבעטער מיטן בינטל סעלערי אונטערן פאַכווע, וועלכער איז איצט געגאַנגען אויפן וועג אַהיים. ער האָט אים געזען עטלעכע מאָל אויף די אָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונגען, וועלכע מאָנאַט פלעגט פון צײַט צו צײַט אין געהיים צונויפרופן בײַ סטיווענסן אין שענק. אָדער אפשר איז דאָס געווען גאָר אַן אַנדערער?... אַלע פון זיי, אַלע האָבן מאָנאַטן דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט צו זיי אויף אַ פאַרזאַמלונג, אויסגעזען איינפאָרמיק, אַלע גלײַך! אויסדרוקלאָזע טעמפּע פּנימער, מיט פאַרהאַרטעוועטע, פאַרוואַקסענע, פאַרגליווערט־שווערע מחות. מאָנאַט האָט צו זיי קיין באַזונדערע ליבע ניט געפילט. ער האָט געוווּסט, אַז זיי זענען בלינד און פול מיט שנאה און קנאה. שנאה און קנאה ניט נאָר צו זייערע בעלי־בתים, נאָר אויך צו זייערע אייגענע פירער. ער האָט געוווּסט, אַז מען קאָן זיך אויף זיי שווערלעך פאַרלאָזן, אַז צווישן זיי איז קיין אייניקייט נישטאָ, מער ניט אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי האָבן אַן אַלגעמיינע קריוודע, אַן אַלגעמיינע שנאה... ער, מאָנאַט, האָט דאָך געוווּסט, אַז קיין ליבע צו אים איז בײַ זיי אין האַרצן נישטאָ... פאַרוואָס? זיי איז

*) נעמען פון בוכשטאַבן. Y. M, C. A. (ראשי תיבות פאַר „זאַנג מען קריסטשן אַסאָסיאיישאַן" — פאַרבאַנד פון קריסטליכע יונגע לייט).

ער דאָך אויך, אין די סאַמע טיפעניש, אַ פרעמדער... אפשר האָב זיי פאַר אים אָפּשיי — ער טוט דאָך פאָרט גוטס פאַר זיי! — אָבער זיי האָבן אים נישט ליב.

און צוריק — האָט ער צו זיי גאָר קיין טענות נישט... ווייל וואָס זאָל ער זיך נאַרן — מאָנאַטן איז פון תמיד אָן געווען שווער זיך אַליין צו נאַרן — ער טוט דאָך אַלץ, נאָך אַלעמען, בלויז צוליב זיך, צוליב זיך! עס איז פשוט זיין גרעסטער פאַרגעניגן צו זען, ווי דער דאָזיקער מענטשן־מאַטעריאַל קאָרטשעט זיך, פורעמט זיך אונטער זיינע הענט, בשעת אַן אומצופרידענער באַוועגונג, בשעת אַ שטרייק!

און אַ ביסעלע האָט ער טאַקע אויף זיי רחמנות... זיי, אין זייער שנאה, זענען דאָך פאָרט נישט מער, ווי קינדער, און דאָס ערגסטע — ווי אומבאַוווסטזיניקע חיות... פילט ער, מאָנאַט, אַז ער מוז זיי באַשיצן, קערעווען זייערע בלינדע שנאה־אימפולסן אויף דעם ריכטיקן וועג...

און דער עיקר פון אַלע עיקרים — ער מוז דאָך טאָן דאָס, וואָס ער טוט, ווייל אים, מאָנאַטן, איז אַזוי אומעטיק, גאָט, ווי אומעטיק, אויף דער וועלט... און ער וויל, אַז עפּעס זאָל ברענען, אַז עס זאָל פייערן און עס זאָל תמיד זיך רודערן אויף דער וועלט! ער זאָגט צו זיך אַזוי, מאָנאַט: אַז די וועלט איז שוין אַזוי שלעכט, ווי זי איז איצט, איז פאַר וואָס זאָל זי טאַקע נישט ברענען, פאַר־וואָס זאָל זי טאַקע נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ תהו־ובהו, אין אַ צעמישעניש, אין אַ צעטראָגעניש, — ווער ווייסט: אפשר וועט פון אָט דער צעמישעניש, פון אָט דער צעוואַרפעניש, עפּעס בעסערס אַרויסקומען?...

און סתם: אַ פייער אויף דער וועלט איז טאַקע גלאַט שיין — עס איז שיין אָנצוקוקן אַ וועלט, וועלכע ברענט: טאָ זאָל פון צייט צו צייט אויפפלאַקערן אין דער וועלט־פינסטערניש אַ העליש פייער, אַ ריזיקע שרפה!...

מאָנאַט האָט שטאַרק ליב צו זען דאָס דאָזיקע גרויזאַמע שפּיל... און טאַקע אַליין וויל ער אויך פון צייט צו צייט אָנטייל נעמען אין דעם דאָזיקן גרויזאַמען פאַרנעפלטן שפּיל.

ג

מאָנאַט האָט שוין מער נישט געקאָנט נאָכפאָלגן דעם אַרבעטער אויפן וועג. דער אָוונט איז געוואָרן בלויער און געדיכטער. דער אַרבעטער איז פאַרשוווּנדן אין אַ הויז. כאַ־כאַ... ער האָט זיך שוין זיכער געמוזט פאַרגעסן אָן זיין סעלערי־קריוודע! די פייגטשאַפט זיינע איז זיכער איבערגעברענט געוואָרן אין אַ טרייסטנדיקער האָפנונג, אַז ער קאָן דאָך נאָך אַמאָל אַליין ווערן אַן אויפזעער...

און מאָנאַטן איז פון דעם געוואָרן אומעטיקער. עך, ניט גוט איז אים, מאָנאַטן, וואָס ער זעט דאָס אַלץ... ניט גוט איז בכלל, אַז מען הויבט שוין אָן צו זען זאַכן מיט צו־אָפענע אויגן... ער האָט זיי אַזוי שטאַרק מקנא געווען איצט; יעדן איינעם פון זיי, פון די געקריוודעטע, איז שוין זיכער פיל בעסער, ווי אים, מאָנאַטן, וואָס ער נעמט זיך פאַר זיי אָן.

גייענדיק אין דער ליידיקער, קאַלטער גאַס, צווישן די צוויי רייען יום־טובדיק באַלויכטענע פענסטער, האָט זיך מאָנאַט שטאַרק פאַרטראַכט. אָ, ער איז דאָך אַליין אויך געווען אַ שטיקל טרוימער, כאָטש ער פלעגט פון טרוימער אָפלאַכן ביי יעדער געלעגנהייט, כאָטש ער פלעגט ליב האָבן, אַז ער אַליין זאָל גילטן אומעטום, ווי אַ פּראַקטישער, ווי אַ ניכטערער מענטש... אָבער איצט איז ער דאָך געווען איינער אַליין אין וועג און עס איז נישט געווען פאַר וועמען צו פּאַזירן. ער איז איצט איינער אַליין אויף אַן אינזל, אין אַ וועלט, וואָס איז פּלוצלינג ניי געוואָרן, איינער אַליין אינם קאַלטן אָוונט, אונטער די פאַרפרוירענע הימל־פלאַכטעס, וואָס זענען אין פיל־קאָלירנדיקע פלאַמען שווער געהאָנגען אין דער לופט, — פאַרפרוירענע פלאַכטעס פייער.

— יאָ... האָט ער, מאָנאַט, אָקאָרשט זיין גאַנץ לעבן ניט געקעמפט מיטן טרוימער אין זיך? זינט ער איז געקומען צו באַוווּסטזיניקייט, זינט ער האָט דערזען דאָס ניכטערע, קאַלטע לעבן — געדענקט ער, — האָט ער אָנגעהויבן פירן אַן איינגעשפאַרטן, עקשנותדיקן קאַמף מיט זיינע איינגעבוירענע, לירישע נייגונגען, מיט זיינע נייגונגען צו אָפלאָזן זיך, אומדערוואַרט אַוועקשווימען אין טרוימען

און אין טאָג-חלומות, אַריינפּאַלן אין האַלב־דרימלדיקע צושטאַנדן. ער געדענקט דאָך נאָך גוט, מאָנאַט, ווי שווער אים איז אָנגעקומען דער דאָזיקער קאַמף, ווייל זיין גאַנץ בלוט איז געווען קעגן דעם, ווייל זיין גאַנץ בלוט איז געווען טרוימעריש בלוט.

פונם רבישן הויף, ווו מאָנאַט איז אַן אָפּגעזונדערטער, אויף אַ יידענעם־פּרישותדיקן אופן אויפגעהאָדעוועט געוואָרן, איז ער אַנט־לאָפן נאָך גאָר יונגערהייט. און גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אַריינ־געטאָן אינם לייענען „רוסישע ביכלעך". מיט אַזאַ פאַרברענטקייט און פאַרטועקייט האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער נייער וועלט, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, אַז ער האָט אַ שטיק צייט גאָר אין גאַנצן ניט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ערשט, ווען ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַמעריקע, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, ווי ניכטער, ווי טרוקן די וועלט איז, — ווי ניכטער־טרוקן זי איז אַלעמאָל געווען. ער האָט דערזען אַ וועלט, וואָס איז אַלעמאָל געפירט געוואָרן פון די ניכטערע, פון די „קלוגע", פון די אויסגעטועטע פון אַלערליי אילוזיעס... ער האָט דערזען, אַז בלויז די ניכטערע און פּראַקטישע, די מענטשן מיט די שטאַרקע, ניט-סענ־טימענטאַלע ווילנס, קאָנען אויפטון עפּעס אויף דער וועלט... ער האָט דערזען, אַז די וועלט, וואָס דרויסן אים, איז אַ וועלט פון קלוגע, פון שווייגנדיק־ביטרע און ניכטערע מענטשן. און פאַמעלעך, פאַמעלעך,— ניכטער און זיכער, ווי די אַמעריקאַנישע חדשים און יאָרן, וואָס זע־נען איבער אים פאַרלאָפן,—האָט אויך ער, מאָנאַט, אַריינגעזויגן אין זיך די הערשנדיקע לופט.

זיין בלוט איז אָבער פאָרט געווען טרוימעריש בלוט... פלעגט ער זיך פיינט האָבן דערפאַר. אַלע ווײַלע מיט אַ ניכטערן צופּ ביים לייב פלעגט אים אויסקומען זיך אַרויסרייסן פון זיינע חלומות, פון זיינע באַאומרויקנדיקע צווייפלען און אומבאַשטימטע ניט־צופרידנקייטן. ער האָט זיך איצט געשטעלט פאַר אַ ציל צו ווערן שטאַרק און מעכ־טיק, — צו ווערן אַ פירער פון דער וועלט, צו געניסן פון די מאַ־טעריעלע גיטער פון דער וועלט, צו האָבן ממשותדיקע פאַרגעניגנס, צו דערגרייכן אַ געזעענע דערהויבנקייט און מאַכט איבער מענטשן,— אַ מאַכט, וועלכע מען זאָל קאָנען אָנטאַפּן מיט די הענט...

מאַכט. מאַכט, — האָט ער שוין איצט געוווסט, — דאָס איז דאָך דאָס איינציקע, וואָס ליגט הינטער אַלעמענס פאַרשידנאַרטיקסטע האַנדלונגען!

אין געזעלשאַפט פון חברים פלעגט ער שוין תמיד אָפּשפּעטן פון אַלע טרוימער. ער פלעגט זייער ערנסט דערקלערן, אַז זיין איינציקער אידעאַל אין לעבן איז בלויז צו ווערן אַ פעטער, אַן אָפּגעקאָרמעטער סוחר, אַ סוחר מיט קליינינקע, חזירשע, פאַרגאָסענע שמאַלץ-אויגעלעך און מיט אַ טאָפּלטער גאָמבע. חתונה האָבן וועט ער נאָר מיט אַ גרויס-גופיקער, בהמהש-צופרידענער שטיק ווייב פאַר אַ „לעבנס-באַגלייטערין". יאָ...

...ווען ער האָט אַזוי גערעדט, איז זיין שטים בשעת מעשה געוואָרן ערנסט, אָבער אויף זיינע ליפּן פלעגט זיין אַ שקאָצישער שמייכל, ווי ער וואָלט מיט דעם כלומרשט געוואָלט בלויז שאָקירן זיינע חברים... און אָט אַזוי, ווי אַ טעאַטראַלישע פּאָזע, האָבן זיי עס אויך אָנגענומען. נאָר זיין אויבערפלעכלעכער שמייכל האָט פאַרדעקט אין דער אמתן אַ טיפן ערנסט, וועלכן קיינער פון די אַרומיקע האָט ניט געזען, — אַ אמתן ווונש צו ווערן רויק, צו ווערן קלאָר, ניכטער, אַגרעסיוו און — ערפאָלגרייך...

...און ביסלעכווייז, דורך שטאַרקע ווילנס-אָנשטרענגונגען און פאַרעקשנטע נשמה-קאַמפן, האָט מאַנאַט אַרויסגעטריבן פון זיך יעדן ברעקל טרוימערישקייט, יעדע אומבאַשטימטע אילוזאָרישקייט, יעדע אָפּגעלאָזענע פאַרחלומטקייט, וועלכע פלעגט אים יינגלווייז אַוועקציען אין פאַרנעפּלטע אומבאַשטימטקייטן. ער האָט אָנגעהויבן לעבן אַ ניכטער און באַוווסטזיניק לעבן. ער איז זיך גאָר גיך קלאָר געוואָרן אין זיינע צילן און פאַרלאַנגען.

זיין אינערלעכע ענדערן זיך האָט זיך באַלד אויך אָפּגעשפּיגלט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען. ער האָט באַלד אָנגעהויבן אויסזען, ווי די דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער יונגעלייט, וועלכע קוקן אַלע אויס איינער ענלעך אויפן צווייטן, ווי אַלע פון איין פורעם אויסגעקנאָטן — דער טיפּישער „קלין-קאַט יאָנג אַמעריקען", מיט די ברייט-אָפענע, דרייסטע אויגן און מיטן עזותדיקן אַגרעסיוון פּנים, — אַ פּנים, וועלכעס איז תמיד, צו יעדער מינוט, גלאַט ראַזירט, ווי זיין באַ-

זיצער וואָלט גרייט געווען יעדע מינוט אַוועקצוגיין ערגעץ אויף אַ באַל. דער יידישער „צלם־אלהים", די צייכנס פון גייסטיקייט און פאַרטיפטקייט, זענען אינגיכן פאַרשוווּנדן פון זיין, מאָנאַטס, פנים.

און מער צוליב זיין „אַמעריקאַנישן" אויסזען און זיין געשליפן צינגל, — וועלכעס האָט איצט אָבער געוווּסט, ווו עס דאַרף רוען און שווייגן — איידער צוליב עפּעס אַנדערש, האָט ער אינגיכן געקראָגן אַ שטעלע אין דער פאַרוואַלטונג־ביוראָ פון אַ גרויסער יוניאָן. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז און זיכער, מיט זיין דורכגעטריבנקייט און מענטשן־קענטעניש, איז ער אַלץ געשטיגן. איז געוואָרן אַ געשעפטס־אַגענט, אַ סעקרעטאַר, אַן אָרגאַניזירער...

און מאָנאַט האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ צופרידענער מיט זיך, אַלץ רויקער, רויקער — עס איז ענדלעך אַלץ, אַלץ מקוים געוואָרן... ער איז שוין איצט מער נישט געווען מאָגער, דאַר, בלייך. ער איז געוואָרן פעט, אָפּגעפרעסן, — פאַר וואָס זאָל זיך איינער טאַקע מיט באַזונדער הנאה נישט אָפּגעבן צו די פאַרגעניגנס פון עסן און טרינקען? — מיט אַ דאָפּלטער געמבע, שווער־לייביק. דער טרוימערישער נעפל, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן זיינע אויגן פאַרצויגן, איז איצט אויך פאַרשוווּנדן. זיינע אויגן זענען געוואָרן קלאָרע, קלוגע, ניכטערע, — קאַלטע און ניכטער־זעענדיקע.

ד

פון הינטן האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן שמייסן אַ ווינט. דער ווינט האָט געצויגן פונם ים־אויסגוס אין דער נידער. ער איז געווען דורכנעמענדיק, נאַס און עסנדיק. די בוימער האָבן זיך שטאַרק צעטרייסלט און אָנגעהויבן רעדן. שיכטן בלעטער האָבן זיך געלייגט צו מאָנאַטס פיס, און ער האָט געטראָטן איבער זיי. די בלעטער זענען געווען נאַס און זיך געקלעפּט צו מאָנאַטס שיך, צו זיינע הויזן. איז ער איצט געגאַנגען איבערן וועג אַ באַדעקטער מיט בלעטער.

אַן אויטאָמאָביל איז דורכגעפאָרן. אַ פריילעך געלעכטער. פרעמדע, לאַכנדיקע, יום־טובדיקע פנימער, אַ געל־שרייענדיק עזותדיק ליכט פון די אויטאָמאָביל־לאַמטערנס—און ניטאָ מער. מער נישט—נאָך אַ שטאַרקערע

פוסטקייט און פאַרוואָגלטקייט איז פאַרבליבן אויפן וועג, מאָנאַט האָט זיך איינגעקאָרטשעט.

איצט האָט שוין דער ווינט געבלאָזן ניט נאָר פון הינטן, נאָר פון דער זייט אויך. פּלוצלינג האָט עס אַ גוואַלדיקן ריס געטאָן פונם זייטיקן וועלדל. מאָנאַט האָט אַ קוק געטאָן אַהינצו. ער האָט דערזען אַן עפנונג, אַ דורכריס אינעם וואַלד. דאָ, אויף דעם אָרט, האָט מען אים לעצטנס גענומען אויסהאַקן, דעם וואַלד. מען האָט דאָ אָנגעהויבן דורכפירן אַ וועג, אַ נייעם וועג, אַרונטער-צו צום מערבדיקן זאַמדיקן אינזל-ברעג. דאָ האָבן זיך געפונען גרויסע שטייענדיקע לאַנגאָניקע זומפּן, — זומפּן פון טויזנטער און טויזנטער יאָרן. די זומפּן האָבן פאַרשפּרייט אַרום זיך מיאַזמען און ריחות פון צעפוילנדיקס. אין זיי זענען יעדע שעה געבוירן געוואָרן מיליאָנען מאָסקיטאָס, וועלכע פלעגן אָנפאַלן, ווי היישעריקן, און באַפאַלן ישובים און דערפער אויף צענד-ליקער מייל אַרום. מיט אַ צוויי יאָר פריער האָט מען די זומפּן באַ-גאָסן מיט הונדערטער און הונדערטער פעסער רוי-אייל, כדי אַוועק-צוהרגענען די אינסעקטן. און איצט האָט מען זיך גענומען די זומפּן אויסטריקענען. אַ גאַנצן זומער האָט מען זיי געהאַלטן אין טריקענען. מען האָט דורכגעפירט גרויסע רערן פונם זאַמדיקן ים-ברעג, אַ צוויי מייל פון דאַנען, גלייך אין די זומפּן אריין. טאָג נאָך טאָג האָבן מאַשינעס געפּאָמפּעט אַהער אין די זומפּן דאָס זאַמד-וואַסער פונם ים. מענטשן אין לעדערנע הויזן און לעדערנע קורטקעס, מיט שטיוול ביז איבער די קני, האָבן געבראָדיעט גאַנצע טעג אין די זומפּן, זיך געפּאָרעט אַרום די גרויסע צילינדערס פון די קאַנאַלן-רערן און זיי איבערגערוקט אָט אין איין ווינקל, אָט אין אַנדערן.

מאָנאַט פלעגט דאָ ליב האָבן אַרומגיין דורך די זומערדיקע טעג, זיך צוהערן צום נאָכלאַנאַנדיקן רויש פון די מוטנע, געדיכט-זאַמדיקע וואַסערן, און זען, ווי יעדן טאָג ווערט וואָס מער פון די זומפּן פאַרוואַנדלט אין זאַמדיקע וויסטענישן, פון וועלכע עס פלעגט דאָ און דאָרט בלויז אַרויסשטעקן אַ שפּיץ פון אַ קוסט, אַ צעקריפּלט, האַלב-פאַרדעקט געוויקס. און איצט האָט מאָנאַט געזען, ווי די גאַנצע זומפּן זענען שוין אויסגעפּוילט געוואָרן מיט זאַמד. אינמיטן דער מדברדיקער געלקייט זענען שוין איצט דורכגעלייגט געוואָרן אַספאַל-

טענע סטעזשקעס, — טראָטואַרן פון געפּלאַנטע שפּעטערדיקע גאַסן, וואָס האָבן ערשט געדאַרפט ווערן. שטיקער זאַמדיק פעלד אויף בייַדע זייטן פון די זאַמדיקע סטעזשקעס האָבן שוין אָנגעהויבן באַשפּרייט ווערן מיט טונקעלע שיכטן ליימיקן גרונט, וואָס האָט אויסגעזען, ווי איבערגעברענטער אַש. מען האָט שוין אויף דעם נייעם געוווּנענעם שטיק ערד אָנגעהויבן בויען זומער־רעזידענצן פון רייכע שטאָטישע סוחרים און באַנקירן.

הייזער, הייזער אויף זומפּן און זאַמד... מאָנאַט איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע אויפן וועג און געקוקט דורכן שיטערן וועלדל אַרונטער־צו, אויף די זומפּן. אָט, אַ שטייגער, ווען ער, מאָנאַט, נעמט און וואַרפט אַלץ מיט־אַנאַנדער אַוועק און בויט זיך טאַקע דאָ אויס אַ הויז, האַ? יאָ, מען וועט עס נאָך דאַרפן אַמאָל טון — ווי, טאַקע נעמען זיך בויען דאָ אַ הויז?

מאָדנע, מאָנאַט גיט אַ ציטער ביים דאָזיקן געדאַנק. דאָס ווינטל נעמט אים דורך, אַפּנים.

— מילא, ס'איז נאָך דערווייל דאָ צייט. מ'עט עס טאַקע דאַרפן באַשליסן אַמאָל, אָבער שפּעטער... שפּעטער...

מיט אַמאָל גיט ער זיך אַ טרייסל־אויף פון זיינע רעיונות. וואַרט, ער איז שוין, דאַכט זיך, לאַנג פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, וווהין ער האָט געדאַרפט אַריינגיין... זיכער. אָט איז דאָך שוין באַלד דער מיטן־דאָרף, דער עפּנטלעכער גאַראַזש, די „סאָקאָני״ גאַזאָלין־סטאַציע. ער קערט זיך אום צוריק. ער איז איצט אויפן וועג צוריק, באַרג־אַראָפּ, צום ברעג ים צו. די מיילן ווערן אַלץ קלענער — פיר מיילן קיין פּרינסעס־בעי, דריי און אַ האַלב מייל, דריי מייל... אַ בלעכענע, ברוינע האַנט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער,—אָנגעקלאַפּט אויף אַ בוים, אויף אַ טעלעגראַף־סלופּ, אויף אַ פּאַרקאַן, אויף אַ פּלויט,— ווייזט אים דעם וועג אַרונטער. נאָר ער באַמערקט ווידער ניט, ווי ער איז נאָכאַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, וווהין ער האָט געדאַרפט אַריינגיין, און האָט זיך ווידער ניט פאַרקירעוועט אַהינצו.

אפּנים, אַז ער איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק מיט זיינע מחשבות... וואַרט, אַז עס איז שוין יאָ אַזוי, אַז ער איז שוין איינער אַליין אין וועג, אין אַ קאַלטן, ווינטיקן, צווישן־פעלדיקן דרויסן, וויל

ער נאָך דערטראַכטן אַ פּאָר זאַכן...

אַ שטייגער, וואָס פּאָרט טוט ער דאָ ביים ים? און בכלל — פאַרוואָס בלאָנקעט ער שוין אַזוי פיל יאָרן אַרום דאָ אין לאַנד, טומלט אַזוי פיל, פּירט אָן שטרייקס, רעגט אויף און רייצט און וועקט די מאַסן — און אַליין האָט ער נאָך קיין אייגן היים נישט, קיין אייגענעם קליין ווינקל? אַ שטייגער, וואָס טרייבט עס אים, ער זאָל אומעטום זייען דעם זאָמען פון אומצופרידנקייט, ווען ער אַליין האָט דאָך זיין גאַנץ לעבן געבענקט און געשטרעבט צו אַן איינגע־אָרדנט, שטיל, צו אַ באַרויקט־צופרידענעם לעבן? אָט ער, אַזאַ פעטער חברה־מאַן, מיט אַזאַ זעלבסטצופרידענעם פּנים, מיט אַן אונטער־וואַקסנדיקן באַלעבאַטישן בייכל, מיט אַן אַלץ־אָננעמענדיקן שמייכל — איז ניט שוין־זשע זייט ער עס אומעטום די קערנער פון אומצופרידנקייט און אויפשטאַנד בלויז צוליבן שפּיל, צוליב זיין איי־גענעם שפּיל?

סוף־כל־סוף האָט זיך מאָנאַט געכאַפּט, אַז ער איז פאַרקראָכן גאָר אויף אַ זייטיקן שליאַך, טיפער אין אינזל אַריין. ער איז נאָך אויף דעם שליאַך קיינמאָל נישט געווען, זינט ער איז דאָ ביים ברעג ים. דער שליאַך האָט אים אַרויסגעפירט אויף אַ הויכלאַנד.

נאָר עפּעס איז אים דאָס דאָזיקע שטיק לאַנד באַקענט. ער דערזעט פאַר זיך אַ פערמערס הויז, און דאָס הויז קוקט אים אויך אויס מאָדנע באַקענט. הינטערן הויז איז דאָ אַ היפשלעכער גאָרטן. פונם גאָרטן זענען שוין כמעט אַלע גרינסן אויסגעגראָבן געוואָרן. עס שטייען בלויז אָפּגעצופּטע קוקורוזע־שטעקענער און צונויפגעפלאָכטענע שטעקלעך פון פאַסאָליע־פלאַנצן. אינם פּראָסטיקן אָוונט פורפורן זיך נאָך אַ פּאָר פלאַמענדיקע קרויט־קעפּלעך.

מאָדנע, ווי ער האָט אַלץ דאָס געפיל, אַז ער איז שוין דאָ איינמאָל געווען... אפילו די שורות אַלטע, בכבודיקע, הויכע און ברייטע עלם־ביימער אויף ביידע זייטן שליאַך — זיי זענען אים אויך זייער באַקענט. און מיט אַמאָל קומט עס אים אַלץ צוריק אויפן זכרון — דעם דאָזיקן וועג איז ער דאָך מיט אַ צייט צוריק דורכ־געגאַנגען, ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּרינסעס־בעי, גייענדיק פונם

קליינעם הילצערנעם יאָ, ריכטיק... וואָקזאַל. צוויי וועגן האָבן זיך דאָ באַלכסונדיק געשניטן און אַריינגעפאַלן איינער אינם צווייטן אַריין.

ער קוקט אַזוי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפן פערמערס הויז מיט די היימיש־באַלויכטענע פענסטער אינם אָוונט. דערנאָך ווענדט ער זיין בליק אויפן ווייטלעכן טייל שליאַך, דאָרט, ווו די ביימער ווערן געדיכטער און פאָרמירן אַ קליין וועלדל, ווי אַן אויפגעשוואָלענע קרוין אויף דער דינער בוימער־ריי. דאָס האַרץ קלאַפּט אים און די פיס בייסן אים — ער וויל זיך אַזש לאָזן לויפן אַהין. נאָר ער האַלט זיך פונדעסטוועגן איין און גייט אַהין, צום וועלדל, גראָד פּאַמעלעך, זייער פּאַמעלעך. אַז ער קומט אָן אַהינצו און איידער ער גייט אַהין אַריין, קוקט ער זיך אַפּריער אום אין אַלע זייטן. נאָר אויפן וועג איז קיינער נישטאָ. אַלע זיצן דאָך איצט אין די הייזער ביי די יום־טובדיקע באַלויכטענע טישן.

אינם קליינעם וועלדל איז וואַרעמער אַביסל — דער שטאַרקער ווינט פון דרויסן דערגרייכט נישט אַהער. אונטער די פיס ברעכן זיך טרוקענע צווייגלעך, בלעטער און פאַראַיאָריקע שישקעס. מאָנאַט קלאַפּט זיך אָפּ עטלעכע מאָל דאָס פּנים אין שטאַמען פון בוימער, איידער ער געוווינט זיך צו צו דער טונקלקייט.

צום סוף דערזעט ער אים, דעם בוים. אַ ווײַלע שטייט מאָנאַט אַזוי שווייגנדיק פאַר אים. דערנאָך נעמט ער אים אַרום, אויף ווי ווייט זיינע הענט קאָנען דערגרייכן. ער טאַפּט אַזוי דעם בוים, באַטאַפּט אים פון אַלע זייטן, און פירט זיינע פינגער איבער די קליינע אויסגעשניטענע רינצעלעך אין דער קאָרע פונם בוים. ער דערקענט זיי, די רינצעלעך — ער האָט דאָך זיי אַליין מיט זיין מעסערל אויסגעשניטן דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען אַהער. ער באַטאַפּט די אותיות מיט זיינע פינגער, ווי אַ בלינדער; און ווי אַ בלינדער, לייענט ער זיי שטיל פאַר זיך, לייענט מיט די פינגער: —מם—אלף—נון—אלף—טית, — מאָנאַט, מאָנאַט.

ער איז אויף גיך אַרויסגעלאָפן, ווייל עס האָט שוין געקערט זיין שפּעט. ער האָט זיך אָנגעהויבן איילן אַרויף־באַרג אין דאָרף אַריין.

איילנדיק זיך אויף דער איינגעלאַדענער טהענקס־גיווינג וועטשערע, איז זיין מוח נאָך אַלץ געווען צעהיצט, ווי דעם גאַנצן פאַרנאַכט. פון גאָרנישט ניט־טאָן, איז זיין מח נאָכאַנאַנד אַרומגעשפּרונגען פון איין זאַך אויף דער אַנדערער. אָט, האָט ער אינמיטן דעריננען גענומען און אויפגעבויט אין זיין פאַנטאַזיע אַ בילד פונם געשעענעם צווישן ראיען און דנען. דערביי האָט ער זיך אַזש געריבן די הענט פון גרויס הנאה און געלאַכט אַליין צו זיך, וואָס ער הויבט דאָס אָן אַלץ אַליין פון זיך צו פאַרשטיין.

פון געזעענס און געהערטס, פון שטיקלעך און ברעקלעך, בויט ער אויף דאָס בילד, — דן איז דאָך אַזאַ שווייגנדיק־סענטימענטאַלער און רעדט קיינמאָל קיין וואָרט נישט פון דעם, און פרעגן ביי אים קאָן מען אויך נישט.

—אָך, דן... דן פאַרגרעסערט דאָך אַלץ און פאַראַלגעמיינערט תּמיד דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט אים: ביי אים איז פון אַ געוויינטלעכער קליינינקייט אויסגעוואַקסן אַ וועלט־טראַגעדיע... וואָרום וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען?

...לעבט אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק אַ יונגע, נאָר שוין געניטע פרוי, אַ קלוגע; אַ פרוי נאָך יונגערהייט שוין אַן אויסגעניכטערטע, אַ פרוי, וואָס פאַרמאָגט שוין אָפענע אויגן פאַר דער ווירקלעכער וועלט און מענטשן.

— איז וואָס איז פאַר ראיען אַזאַ יונגערמאַן, ווי דן?

אַ קליין־ווּקסיק, אַ נישט איבעריק שיין בחורל, — אַ בחורל כמעט נאָך מיט אַן יינגעלשן אויסזען, אַ בלייך פנים, שמאָלע פּלייצעס... אפשר בלויז אויגן אַ פּאָר, וואָס ברענען און לויכטן תּמיד...

און אין דעם אייגענעם הויז מיט איר פאַמיליע געפינט זיך אַלעקס, אַ הויכער, אַן אַטלעטישע פיגור — אַ מאַן!

אָבער דן איז אַ טרוימער,—אַ בחורל מיט שיינע רייד, מיט שיינע חלומות. און ווען נאָר ראיע איז מיט אים, פילט זי זיך, ווי זי וואָלט איינגעצייטיק געווען אין אַ סך וועלטן, מיט די אויסטערלישסטע, וווּנדערבאַרסטע מענטשן — דן איז אַ סך מאַנסבילן, און אַ פרוי האָט ליב אַ סך מאַנסבילן.

פאַרברענגט זי אי מיט אַלעקסן, אי מיט דנען. און יונג איז זי,

און איר בלוט דורשט נאָך ליבע, און איר לייב הויבט זיך ערשט אָן פונאַנדערבליען... דן גייט אָבער אַרום ביי איר זייט מיט פאַרנעפּלטע אויגן, אַ פאַרטונעגער אין אַ חלום-וועלט און רירט זי אפילו נישט אָן: ער זעט זי דאָך גאָר נישט... ער דערציילט איר בלויז אַלץ וווּנדערלעכע, נישט-ערדישע מעשיות, מעשהלעך, וואָס וועקן, רעגן אויף, זאָגן צו — און באַפרידיקן נישט...

ווערט ראיעס בלוט נאָך אומרויקער, דורשטיק, אומבאַפרידיקט שוימט עס, שלאָגט זיך רופנדיק אָן אָן די אָדערן-קאַנאַלעכלעך פון איר מיידעלש לייב... יעדן אָוונט אַזוי, יעדע נאַכט!...

און איינמאָל אין אַ זומערדיקער זונטאָג-נאַכט, ווען ראיע און אַלעקס קערן זיך אום אַהיים פון קאַני-אײַלענד, — דן פאָרט נישט קיין קאני-איילענד; ער האַלט, אַז דאָרט זענען די פאַרווײַלונגען שרייענדיק-וואולגאַר, אַז דאָרט איז טומלדיקער טויט און נישט קיין פריילעך לעבן, — ווו זיי האָבן ביידע פאַרבראַכט דעם טאָג אַזוי יום-טובדיק, אין טומלדיקער פרייד, — איז שוין דאַמאָלס ביי זיי ביידן דאָס בלוט קאָכעדיק און אויפגעברויזט. ס'איז נאָך פינסטער אין די צימערן פון זייער אָרעמער וווינונג אינם גרויען, פאַרשטויבטן טענעמענט-הויז; פון דרויסן שרייט אַריין די פייערדיקע נאַכט, שרייט אַריין מיט לעבן און גלוסטונג, און אין דער טונקלקייט פון חדרים מאַכט זי הערצער קלאַפּן, שטאַרקער קלאַפּן...

— וואַרט, אָט וועל איך אָנצינדן אַ לאָמפּ — זאָגט אַלעקס. ער נעמט זי אַרום שטאַרק אין זיינע אָרעמס. קיין לאָמפּ צינדט ער אָבער נישט אָן. אַ קורץ איבערגעשראָקן מיידלש געשריי — אַ הויב אויף אין דער לופט; דאָס האַרץ רייסט זיך אָפּ, הויבט זיך, פליט; די וועלט דרייט זיך פאַר די אויגן — און באַלד וואַלגערן זיי זיך אויפן נאָענטסטן געלעגער, און בלוט מישט זיך מיט בלוט.

און אויף מאָרגן, און אויף איבערמאָרגן, און וואָכן און חדשים שפּעטער פּאַסירט עס אַזוי:

קיין מיידל איז זי דאָך שוין נישט. זי האָט דאָס געפיל, אַז זי איז געפאַלן. זי האָט עס מורא צו דערציילן עמעצן — אַ ביטערער, פאַרפאַלענער סוד. אַן אָנגענעמען שרעק פילט זי אָבער אין גאַנצן גוף, ווען דן שפּאַצירט נאָך אַלץ אַרום מיט איר, ווי מיט אַ יונג-מיידל, — דערציילט איר אַלץ זיינע שיינע חלום-מעשיות, רעדט צו איר

אַזעלכע שיינע רייד... זי איז שוין אַזוי געוווינט צו דעם, אַז מער קאָן זי שוין אָן דעם נישט אויסקומען; בפרט נאָך, אַז אַלעקס רעדט צו איר אַזוי זעלטן, און קיינמאָל נישט אַזוי שיין. חוץ דעם: ס'איז אַזאַ געהיימע ציטערדיקע פרייד, וואָס לעבן איר גייט אַרום אַ „ריי־נער" יונגערמאַן, אין וועמענס ווען זי לעבט, ווי אַ מיידל, ווי אַ מיידל... אַ שאַרפע פרייד געמישט מיט ווייטיק: זי דאַרף אים נאַרן...

און שפּעטער אַרום, ווען דן, פאַרגעסנדיק זיך אַמאָל, פּרוּווט זי אַנרירן שעמעוודיקערהייט, רוקט זי זיך אָפּ פון אים מיט ווייטיק. איינמאָל אַזוי, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל... דענקט דן, אַז דאָס האָט ער זי „באַליידיקט" מיט זיין מאַנסבילשן ריר; האָט ער חרטה, ציט זיך איין אין זיך, קאָרטשעט זיך איין.

נאָר אין ראיען הויבט זיך שוין דעמאָלט ביסלעכווייז אָן וועקן דער פאַרלאַנג, אַז דן זאָל צו איר יאָ אַרויסווייזן שטאַרקע מאַנסביל־שע לאַסקעס: זי דאַרף שוין אַזוינע לאַסקעס; זי איז איינגאַנצן רייף געוואָרן איז אפשר וואָלט ער, דן, מיט זיינע לאַסקעס זי געקאָנט אַרויסרייסן פון אַלעקסן, פון איר פאַלן, פון איר זינד?

טעג און נעכט בענקט זי, אַז דן זאָל צו איר אָנהויבן אַרויס־ווייזן מאַנסבילשע צערטלעכקייטן; אמת, ביי אים וואָלט עס אַפילו אויס־געקומען זייער מאָדנע: ער איז דאָך אַזאַ „ריינער", אַזאַ יינגל... זי ווייסט נישט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגערופן אויף זיינע מאַנסבילשע דער־בענטערונגען. אפשר וואָלט עס זי גאָר אָפּגעשטויסן.

— יאָ, זאָל עס בעסער אָנהאַלטן אַזוי, ווי עס איז איצט: זאָל ער כאָטש פאַרבלייבן אַ ריינער, אַ ניט־באַפלעקטער.

נאָר זי פילט, אַז עפּעס איז דאָ ערגעץ־ווו נישט גלאַט. זי זוכט דעריבער אַלץ מער דערנענטערן דנען צו זיך, — ווידער קוקט זי אויף זיינע לאַסקעס אַרויס מיט אומגעדולד.

אָבער דן איז שוין צוריק אַריינגעקראָכן אין זיין טרוימערישע, נזירשע הייל. ס'מאַכט אים שוין מער נישט אויס: אויב ער איז אין דער ווירקלעכקייט דער נאַר, האָט ער אָבער אַ גרויסע רייכע פאַנ־טאַזיע: פאַר אים איז שוין איצט גענוג דאָס, וואָס ער גייט לעצטנס אום כמעט יעדן אָוונט ביי איר זייט... ער ווייס בלינדערהייט, אַז זי, ראיע, איז זיין, ז יי ן כלה. ער וואַרט דעריבער אַלץ אָפּ, און וויל זיך אָן איר נישט אָנרירן; ווי אַ גרויסער קמצן, לייגט ער אַלץ

אָפּ אויף שפּעטער, אויף אַ גרויסער יום־טובדיקער מיטנגאַכטיקער שעה...

אך, ווי ראיע פרייט זיך עס אַזוי שטאַרק, וואָס דן האַלט אויף זיין ריינקייט... נאָר אַ פרוי איז זי דאָך אַ שוואַכע,—איז שוין צוגעצווינגט געוואָרן צו מאַנסבילשע צערטלעכקייטן און אַלעקס איז אַלעמאָל דאָ ביי דער זייט, ער ווינט דאָך ביי זיי אין הויז, — איז צווישן איין צאַפּלדיק־ציטערדיקער באַגעגעניש מיט דנען און אַ צווייטער, מישט זי דערווייל איר בלוט מיטן בלוט פונם געזונטן, ווייניקרעדנדיקן אַלעקסן...

און, גאָט, ווי איינפאַך דאָס אַלץ איז, ווי איינפאַך, ווען מען קוקט מיט ניכטערע אויגן. דאַן איז דאָ נישטאָ נישט קיין ראָמאַנטיזם, נישט קיין פאַנטאַסטישקייט, נישט קיין עטיק, נישט קיין פּסיכאָלאָגיע אפילו — דעמאָלט איז דאָ בלויז פשוטע, נישט-ראָמאַנטישע פיזיאָלאָגיע... און אפשר נאָך בלויז א קליין קאַפּיטשקע פּסיכאָלאָגיע: איצט. אַז ראיע האָט דערזען, אַז דן איז אַן עקשן, אַ שטאָלץ־איינגעשפּאַרטער, אַ מענטש מיט „פּרינציפּן", — איז זי אויך געוואָרן איינגעעקשנט, שטאָלץ־איינגעשפּאַרט, און שוין אויך געקראָגן „פּרינציפּן": זי האָט שוין די אַמביציע צו זען, אויב דנס „פּרינציפּן" וועלן נישט צעשמאָלצן ווערן, ווי וואַקס, ביי איר פייער. איצט איז עס שוין ביי איר אַריין אין אַ נצחון, צו זען, אויב דן וועט זיך אונטערגעבן...

אַז מאָנאַט דערנענטערט זיך ווידער צום דאָרף, פילט ער, אַז די שפּולקע פון זיינע מחשבות איז שוין אויף היינטיקס מאָל כמעט אַ ליידיקע. נו, קאָן מען שוין אוודאי איצט אַריינגיין אויף וועטשערע צו דזשאַנען... אָט איז שוין טאַקע דאָס דאָרף. דערפילט ער אָבער ווידער מיט אַמאָל אַזוי שאַרף און ניכטער, אַז ער איז דאָ איין פרעמדער, איין אַנדערשדיקער מענטש צווישן אַזויפיל אייגענע, גלייכע — און עס הויבט אים שוין אָן צו עגבערן אַ ספק... איז וואָס־זשע — איז, אַ שטייגער, ער, מאָנאַט, עפּעס אַ סך גליקלעכער מיט זיין ניכטערקייט? און וואָלט דען דן געפילט זיך בעסער, גליקלעכער, ווען ער וואָלט וועגן זיינע באַציונגען מיט ראיען געוווסט דעם נאַקעטן, דעם אָפּגעדעקטן אמת?

און מאָנאַטן הויבט אָן קלאָר ווערן, אַז ס'איז שוין אפשר גלייכער צו לעבן אין אַ טעות... זאָל שוין דן זיך בעסער פאָרשטעלן, אַז ער איז עס דער באַליידיקטער, דער געקריוודעטער און פאַרשטויסענער טרוימער און אידעאַליסט אין דער וועלט, דער ריטער פון זיטלעכקייט און מאָראַלישער גבורה... פלאַקערט זיך כאָטש אין אים פון דעם פונאַנדער אַ פילפאַרביקע, אַ רייכע, אַ רויטע וועלט... אַ וועלט פון שווער־נאָגנדיקער שיינקייט און האַרבן, פאַרביסענעם אומעט. וואָלט דן אָבער געווען אַ ניכטערער מענטש, וואָלט ער טאַקע געוווסט דעם נאַקעטן אמת, וואָס ליגט הינטער זיין „טראַגעדיע" מיט ראיען,—וואָלט דאָך דאָס אַלץ פאַר אים געווען בלויז אַ טרוקענער, אַ וואָכעדיקער, אַ גראָב־ערדישער פאַקט, — אַ פאַקט, פון וועלכן ער וואָלט געוואָרן בלויז ציניִשער און אָפּגעטעמפּטער, — אָפּגערויבטער און אָרעמער.

ה

מאָנאַט האָט באַלד דערזען זיך אין מיטן דאָרף.

איין גרויסע, ברייטע גאַס; צוויי רייען אַלטע, הויכע עלםבוימער אויף ביידע זייטן.

שטיל, די גאַס איז שוואַך באַלויכטן מיט גאַז־לאַמטערנעס. די הייזער אָבער זענען שטאַרק באַלויכטן פון אינווייניק; ליכט־פּאַסן שלאָגן זיך דורך די לאָדנס. פון די הייזער טראָגט זיך איצט דרויסן ניט אַרויס אַפילו קיין איינציקער שאָרך — יעדע פאַמיליע דאָרט איז, אפנים, שטאַרק—שטאַרק פאַרטאָן אין יום־טובדיקער פייערלעכקייט. איינגעהאַלטענע שטילקייט פון אָוונט און יום־טוב שפּרייט זיך אויפן דאָרף.

ביי די יום־טובדיק־געגרייטע טישן דאַכט זיך מאָנאַטן צו זען די צופרידענע פּנימער פון די אַרומזיצנדיקע מענטשן. עפּעס פאַרפאָלגן אים אַזוי די דאָזיקע פּנימער... און מאָנאַט איז שוין אין כעס אויף זיך, פאַרוואָס ער האָט היינט דעם גאַנצן טאָג דעם דאָזיקן געפיל פון פאַרפאָלגונג, פון פרעמדקייט. ס'איז ניט אמת, קיינער פאַרפאָלגט אים דאָ נישט, — ס'איז פּשוטע קנאה. ער איז אַן איינזאַמער הונט. ער איז עס דאָך געווען די גאַנצע צייט זינט ער איז דאָ אין

לאַנד. אָבער פרעמדקייט גאָר? אַז ער וויל, קאָן ער דאָך אָנקלאַפּן אינם ערשטן הויז, און אַריין. מען קען דאָך אים אין יעדן הויז —

מאָנאַט איז אָבער ערגעץ נישט אַריינגעגאַנגען. פאַרקערט. ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט. די הייזער האָבן אים געטריבן און געשטופּט פון הינטן. די רייען הייזער אויף ביידע זייטן גאַס האָבן זיך הינטער זיינע פּלייצעס איבערגעוואונקען, מיט אַ צוגעזשמורעטן אויגל און פאַרקרימטער נאָז, איבערגעוואונקען זיך אינם באַוווסטזיין פון אַן אייגענעם, געמיינשאַפטלעכן סוד. איין ריי האָט זיך דערנענטערט צו דער אַנדערער, זיך צונויפגעגעשלאָסן אין זייער היימישקייט און אים, מאָנאַטן, אַרויסגעשטופּט פון צווישן זיך. דעריבער דערזעט זיך מאָנאַט באַלד אויפן מאַרק־פּלאַץ.

דאָ איז שוין פריילעכער, לעבעדיקער. אַ גרויסער פיל־פענסטערדיקער ביליאַרד־לאָקאַל שטראָמט מיט ליכט אין מאַרק אַריין. אַרום דעם ביליאַרד־לאָקאַל דרויסן שטויסן זיך יונגוואַרג. קינדער מיט פנימער, פאַרשמירטע אין סאַזשע און אַלערליי פאַרבן, לכבוד יום־טוב. יינגלעך אָנגעטאָנענע אין מיידלשע קליידלעך; מיידלעך אָנגעטאָנענע אין הויזן, רעקלעך און מאַנסבילשע היטלעך, וואָס זיי האָבן גענומען ביי די עלטערע ברידער, — די שטייפע „קעסעלעך" הענגען זיי אַראָפּ איבער די אויגן. ביי די בחורימלעך זענען די בעקלעך באַשמירט מיט רוזש און אָנגעפּודערט, ווי ביי זייערע עלטערע שוועסטער, וועמעס קליידלעך זיי טראָגן איצט. אַלע ווילע פאַרדרייסן זיי די קליידלעך, וועלנדיק מכלומרשט פאַרשנורעווען די שיך, אָדער אַרויסנעמען עפּעס פון די קעשענעס פון די הויזן, וועלכע זיי טראָגן אונטער די קליידלעך. די מיידלעך לאָזן דערביי אַרויס אַ קוויטש, ווערן רויט, אַנטלויפן מיט אַ כיכיקען און קוקן אָבער באַלד פאַרפלאַמטע אויף צוריק. אַנדערע יינגלעך זענען אויסגעשמירט אינגאַנצן אין שוואַרץ, ווי נעגערס, קאַטשען הין און צוריק מיט די אויגן־ווייסלעך, רעדן מיט אַ פולער צונג צווישן די ליפּן און צווישן די ציינער, נאָכמאַכנדיק די נעגערשע אויסשפּראַך. די מיידלעך אין די יינגלשע מלבושים קייען גרויסע פּיפּקעס אין מויל. אַ פרייד און אַ געלעכטער.

מאָנאַט זעצט זיך אַנידער ניט ווייט פונם לאָקאַל, אויפן גאַניק

פון דער גרויסער כל־בו קלייט, דער איינציקער קלייט אין דאָרף. די קלייט איז אַלץ מיט־אַנאַנדער: מען פאַרקויפט דאָ אַלערליי אייזנס און פישפאַנג־מכשירים, מעדיקאַמענטן, סאָדע־וואַסער, געפרוירענס, ביכער, שוכוואַרג, מעבל, עסנוואַרג. אַ טייל פון דער קלייט איז עס אויך דער ביליאַרד־לאָקאַל מיטן געוועזענעם סאַלאָן, ווו מען פאַרקויפט איצט, צוליב דער אָרטיקער „פּראָהיבישאָן" 1), ניער ביר 2) און, בלי־רואים, שנאַפּס און אַנדערע אַלקאָהאָלישע געטראַנקען.

דער גאַניק געפינט זיך אינגאַנצן אין פינסטערניש. מאָנאַט קאָן דאָ זיצן אומגעשטערט. אים כאַפּט דעריבער אַרום אַ גרויסע פרייד. ער באַטראַכט דעם דאָרפס־פּלאַץ פאַר זיך. ער זעט דעם קינאָמאַטאָגראַף מיט די גרויסע אַפישן, וואָס באַקלעפן אַלע ווענט, דעם איינציקן ציגאַר־מאַגאַזין, דעם קליינעם רעסטאָראַנדל און די תמידע, הילצערנע פּלאַטפאָרמע, פון וועלכער מען האַלט רעדעס אין וואַל־צייטן, אָדער אין צייט פון פּאַראַדן. דאָס איז דאָס דאָרף און דאָס זענען די מענטשן. פון אָנהויב לעבן ביז זייער סוף. איינגעפונדע־ווטע. דאָ געבוירן און דאָ וועלן זיי שטאַרבן, אָדער ערגעץ אַרום אין זייער אייגענעם לאַנד. דאָ וועלן אויך אויסוואַקסן זייערע קינדער און קינדס־קינדער, ביז העט ווייט אין אַלע דורות אַרונטער, אַזוי לאַנג, ווי אָט די ערד, אויף וועלכער די מענטשן לעבן, וועט גאָך עקזיסטירן.

און וואָס פאַר אַ זיכערקייט האָט ער, מאָנאַט — — —

מאָנאַט גיט זיך אַ וואָרף, — אַ שטאַרקן, דערצאָרנטן ריס. צוליב דער טונקלקייט אויפן גאַניק קלאַפּט ער זיך אָפּ זיין עלנבויגן אָן אַ צעריסענער דורכגעלעכערטער בלעכענער שילד פון קאָקאָ־קאָלאַ.

פוי, ער דאַרף פאַרטרייבן פון זיך אָט די דאָזיקע נאָגנדיקע בודיענדיקע געדאַנקען, וואָס עסן צו און איבלען און זויגן אַזוי נאָכאַנאַנד, אַזוי האָפנונגסלאָז און אָן אַן ענטפער! ער מוז זיך ענדלעך אויסטשוכען...

---

1) פאַרבאָט צו פאַרקויפן אלקאָהאָל־געטראַנקען.

2) א ביר־געטראַנק אָן אַלקאָהאָל.

וואָס איז דאָס מיט אים טאַקע געוואָרן די לעצטע עטלעכע טעג,—עפּעס אַלץ אַזעלכע סענטימענטאַלע, צעקראָכענע געפילן... ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ער האָט זיך נאָך מיט אַזוי פיל יונגן חשק פאַרנומען מיט שרייבערשער אַרבעט—הויבן ווידער אָן ספקות אַרויס־שטעקן זייערע זיסע, פיינלעך-צוקערדיקע צינגלעך, לעקן אים און צענעמען אים אַזוי ווייבעריש... און ער האָט געדענקט, אַז ער האָט זיי שוין לאַנג דערשטיקט,

ער שטופּט זיי איצט ווידער ענערגיש אַרונטער, אָט די דאָזיקע זיסע און בייסנדיקע צינגלעך. „אַ געשעפט, נו... וואָס גייט עס אים טאַ־קע אַלץ אָן"... פון אָט דער מינוט הויבט ער אָן אָנגעשטרענגט צו־צוהערן זיך—ווי ער וואָלט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז פון איצט אָן, סאַמע פון אָט דערזעלביקער מינוט, טוט ער שוין תשובה ווערט אַן אַנדער מענטש—צום פרייליכן טומל און געפילדער, וואָס שטייגט איצט צו אים, אין אָפּגעריסענע כוואַליעס, פון דער ליכטיקייט אַרויס, פון דעם קרייז ליכטיקייט ביים ביליאַרד-לאָקאַל. באַוווסטזיניק זוכט ער אין דעם אַ טרייסט.

—וואָס איז דען... איז ער, מאַנאַט, ניט געקומען אַהער, אויפן אינזל, עפּעס אַ שליחות, אַן אַרבעט אויסצופירן? און בכלל: האָט ער, מאַנאַט, קיין אַרבעט ניט אויף דער וועלט? און איז זיין לעבן נישט שיין כאָטש דערפאַר אַליין, וואָס עס איז — לעבן?

און זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין — ער קאָן דאָך נאָך, אַלנ־פאַלס, זיין אייגן לעבן אויסלעבן זייער ליכטיק און זייער טומלדיק, תמיד־ניי, תמיד-פאַרשיידנאַרטיק און תמיד־אַנדערשדיק...

אָט, ס'דערמאָנט זיך אים, ווי דן האָט אַנומלט אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער הארץ איבער דעם, וואָס יידן בויען דאָ אין אַמע־ריקע אַלץ אויף זאַמד, וואָס יידישע לעבנס-פאָרמען ווערן דאָ איינגאַנצן אָפּגעווישט, וואָס יידישע ימים־טובים טרעטן דאָ אָפּ דעם אָרט די קריסטלעכע, וואָס אפילו די, וואָס געדענקען נאָך יידישע ימים־טובים, פילן זיך, קעגן זייער ווילן, אַזוי וואָכעדיק אין די יידי־שע ימים-טובים, און אַזוי יום-טובדיק אין די גוישע... איז וואָס־זשע האָט אים דעמאָלט מאַנאַט אויף דעם געענטפערט?

—נאַרישקייטן—האָט ער אים אויף דעם געענטפערט—נאַרישקייטן... דאָס איז אַלץ גאָרנישט... אַבי מיר לעבן דאָ, און בויען דאָ, און רוען

דאָ... פֿאַרקערט,—גליקלעכער זענען מיר דאָך דאָ, ווי ערגעץ אַנדערש: מיר ווערן דאָ ענדלעך איינפֿאַכע מענטשן, געוויינטלעכע מענטשן... און וואָס נאָך דאַרף מען דען אויף דער וועלט?

און מאָנאַטס האַרץ גייט איצט אויף מיט פֿרייד און דאַנק. יאָ, פֿאַר אים איז עס אויך היינט דער יום-טוב פֿון טהענקס-גיווינג. ער שרייט אויס אַ דאַנק,—אַ דאַנק פֿאַר דעם, וואָס ער לעבט. ער שרייט אויס זיין פֿרייד איבער דעם, וואָס ער קאָן דאָ זיצן אויפֿן גאַניק אומגעשטערטערהייט און צוזען, ווי עס שטראָמט אַרום אים דאָס לעבן, דאָס פֿרעמדלעבן.

—ניין, נישט פֿרעמד! ער איז אינגאַנצן שוין מיט דעם, מיטן אַרומיקן,—ער דאַרף זיך בלויז נאָך שטאַרקער אויסמישן מיט די שכנים... נאָך מער מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַן אייגענעם... ער טאָר מיט קיין ברעקל נישט ווייזן, אַז ער פֿילט זיך נישט, ווי איינער פֿון זיי.

ו

פֿון די פֿעלדער אַרויס דערהערט זיך פֿלוצלינג אַ ווייטער זומזען, ווי פֿון אַ ריזיקן פֿיל-פֿליגלדיקן און פֿיל-מוילנדיקן אינסעקט, וואָס האָט זיך פֿלוצלינג אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. דער עולם אויפֿן מאַרק ווערט שטיל. דאָס זומזען דערטראָגט זיך אַהער פֿון די פֿעלדער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ס׳דאַכט זיך, ווי הויך אין הימלרויט וואָלט איצט גערודערט אַ שטאַרקער, קראַפֿטפֿולער אַעראָפּלאַן־מאָטאָר.

באַלד הויבן זיך אָן שטעכן פֿאָרויס דורכן אָוונט צוויי שטאַרקע פֿייערן פֿון אויטאָמאָביל-לאַמטערנס, וואָס באַוואַשן די אָוונט-טונקלקייט מיט בלויען און געלן ליכט. דער עולם יונגוואַרג אויפֿ׳ן מאַרק דערקענט גלייך די שוואַרצע, עלאַסטישע חיה, וואָס האָט אָקאָרשט צוגעברומט אַהער,—דעם לאַנגן, גלאַנציקן און פּאָלירטן אויטאָמאָביל. דאָס איז ליסלי׳ס אַן אויטאָמאָביל. מען דערקענט אויך דעם שאָפֿער.

דער אויטאָמאָביל איז אויסגעפּוצט מיט בלומען און גרינסן און פֿיל-קאָלירנדיקע סטענגעס. אינעווייניק, אויף די פּאַסאַזשיר-ערטער איז דאָרט אָבער קיינער נישטאָ—דער גאַנצער אינעווייניק פֿון אויטאָמאָביל איז אָנגעפּילט מיט שאַכטלעך און קעסטלעך, אין וועלכע עס געפֿינען זיך סימעטריש-און קינסטלעריש-צעלייגטע ווינטער-פּרוכטן—זעלטענע פּרוכטן, אימפּאָרטירטע פֿון קאַליפֿאָרניע און צענטראַל-אַמעריקע. און

וואונדער איבער וואונדער—דאָרט געפינט זיך אויף אַ גאַנצער קאַסטן מיט ווײַן־פלעשער, מיט פאַרשידענע ליקערן און קאָניאַקן, פלעשער מיט לאַנגע העלזלעך און אין שטרויענע פעלצלעך.

דאָס זענען געווען ווײַנען פאַר דעם טהענק־גיווינג יום־טוב מאָל־צײַט. אָ, מר. ליסלי האָט שוין געוווּסט, ווו צו קריגן זיי, בישט געקוקט אויף דער „פּראָהיבישאָן”. ער האָט געשיקט זײַן טאָכטער צו אַן אַלטן באַקאַנטן זײַנעם, אַ געוועזענעם גרויסן סוחר, וועלכער האָט זיך שוין אַ צײַט צוריקגעצויגן פון געשעפטן און וועלכער האָט געוווינט אין אַן אייגענעם שלאָס אויף דער קעגנאיבערדיקער זײַט אינזל, נאָענט צו ניו־יאָרק.

דאָס דאָזיקע שלאָס איז געווען באַרימט אַרום און אַרום — עס איז געווען געבויט אינעם טײַלווײַז־לופּטיקן און געפליגלטן, טײַלווײַז שווערן און מאַסיוון אַנגלאָ־נאָרמאַנישן סטיל. עס האָט געהאַט שמאָלע, הויכע פענסטער, מיט סאַטירן, גאַרגאָילן און בילדער פון הייליקע אויף די פענסטער־געזימסן און איבער זיי — אין גאָטיש־נאָרמאַנישן סטיל. אָבער דער בנין האָט אויך פאַרמאָגט ברייטע נידעריקע טויערן, און עטלעכע קײַלעכדיקע, ברייט־בײַכיקע, צוגעפלעטשטע קופאָלן אויף די ווינקל־טורעמס—אין ראָמאַנעסקן סטיל. דאָס שלאָס איז געבויט געוואָרן נאָך מיט אַ הונדערט און פופציק יאָר צוריק דורך אַן אַריבער־געקומענעם בריטישן ים־סוחר, וועלכער האָט זיך אויף די עלטערע יאָרן צוריקגעצויגן פון געשעפט און דאָ באַזעצט. ער האָט עס אויך אויס־געבויט אַ האַפן אויף איינעם אַ ברעג פון סטעטן־אײַלאַנד, — אַ האַפן, וועלכער איז שוין איצט געווען פאַרעלטערט און פלעגט מער ניט געברויכט ווערן. דער פּאַלאַץ איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, קעגן ים אַרויס. און דאָרט איז אויך געווען אַ ווײַן־קעלער, וואָס איז תמיד און צו יעדער צײַט באַזאָרגט געווען מיט ווײַנען אויף יאָרן און יאָרן.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק. ביים אויטאָמאָביל־ראָד איז געזעסן בערעניס צוזאַמען מיטן שאָפער גאָס. בערעניס האָט זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן וואַרפן אויף די קינ־דער, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט, בראַזיליאַנער ניס און וועלשענע ניס און פיסטאַשקעס, פוטער־ניס און אינדיאַנער ניסלעך און מאַראַנצן. זי האָט זיך אַזוי צעטראַסקעט, אַז זי איז געוואָרן באַלד שטאַרק פאַרפלאַמט

פון דער אַרבעט. אַט האָט זי עפּעס איינגערוימט גאָסן. יענער האָט אַ שמייכל געטאָן אַ שמייכל פון איינעם, וועלכער גיט נאָך דעם קאַפּריז פון אַ צעבאַלעוועטן קינד. ער איז ספּריטנע אַרונטערגעשפּרונגען פון דער מאַשין, האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון דעם אויטאָמאָביל שאַכטל נאָך שאַכטל, זיי געעפנט און דערלאַנגט בערעניס'ן. בערעניס האָט פון דאָרטן אָנגעהויבן וואַרפן אויף די קינדער שאָקאָלאַדן און באָמבאָניערקעס.

די קינדער האָבן געשריגן הוראַ און זיך געפּילט שטאָלץ ביים געדאַנק, וואָס זייערע טאַטעס אַרבעטן ביי ליסלין אין פאַבריק. אַ פּאָר עלטערע לייט, וועלכע האָבן זיך ביז איצט געפונען אין ביליאַרד-לאָקאַל זענען אויך אַרויס, צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל, האָבן אַראָנטערגענומען די היטלען און געכאַפּט אין זיי ניס און קאָנפעקטן.

מאַנאַטן, וועלכער האָט פון זיין באַהעלטעניש דאָס אַלץ צוגעקוקט, האָט זיך געדוכט: ער האָט דיזעלבע פאַרשווינען שוין איינמאָל געזען אויף אַ פאַרזאַמלונג ביי סטיווענסן אין האָטעל. זיי האָבן עס דאָרטן העכער פון אַלעמען געליאַרעמט קעגן דעם פאַרשווונדערישן אויסזויגנדיקן, בלוט-צאַפּנדיקן ליסלי... מאַנאַט האָט זיך טיפער אַריינגערוקט אין דער פינסטערניש אויפן גאַניק פון דער געשלאָסענער קלייט און האָט געשמייכלט פאַר זיך.

—אַזוי... אַזוי...

דאָ לאָזט זיך דער אויטאָמאָביל ווידער אין וועג אַריין. אויף מאַנאַטן שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווייל דאָס קראַפטפולע ברענענדיקע ליכט-אויג פונם אויטאָ. אפשר איז עס געווען גאָר אומגערן; נאָר מאַנאַט מוז דאָך פאַרשטעלן מיט די דלאָניעס זיינע אויגן: דער זייל ליכט אַנטדעקט אים פּאָרט איינגאַנצן, ווי ער איז... אַלנפאַלס, אַזוי דאַכט זיך אים.

האָט זי אים דערקענט, בערעניס? ער קאָרטשעט זיך איין שטאַרקער און טוליעט זיך צום וואַנט, ווי ער וואָלט געוואָלט אין איר און אין איר טונקלקייט פאַרשווינדן.

אויך בערעניס האָט אים איינגעלאַדן ער זאָל קומען צו זיי צום יום-טובדיקן טהענקס-גיווינג מאָלצייט, אָ, זי האָט זיך דאָך דערוווסט וועגן דעם פייער וועלכן מאַנאַט האָט איצט אין צעבלאָזן אויף איר פאַטערס

פאַבריק און וועלכער מוז זיך שוין גאָר-גאָר אינגיכן פאַנאַנדערפלאקערן...
זי האָט זיך — טאַקע פון מאָנאַטן אַליין — דערוווּסט וועגן די שטרייק-פאָרבערייטונגען, וועלכע ער פירט דאָ אָן: ער, מאָנאַט, האָט עס איר אַליין דערציילט אין אַ שפּאַסיקער פלאַפּלענדיקער מינוט, ווען זיי האָבן ביידע פאַרבראַכט אײנעם אַ טאָג אין וואַלד.

יאָ, זי איז דעמאָלט מיט אים געווען אין אַלץ איינשטימיק... די לאַגע פון די אַרבעטער אויף דער פאַבריק איז זיכער אַן אומדערטרעגלעכע. וואָס־איז, זי ווייס עס סיידן אַליין נישט? אָט, איז זי דאָ אַנומעלט געווען אין פאַבריק וואַרמעס-צייט, — ס'איז געווען נאָך איידער איר פאָטער, מר. ליסלי, האָט אויפגעבויט דעם רעסטאָראַן דערביי — האָט זי געזען, ווי די אַרבעטער עסן זייערע וואַרמעסן פון די פעקעלעך, פון די בלעכענע קעסטעלעך, מיט אַזעלכע קויטיקע הענט, פאַרשמירטע אין אייל־פעטס און אין מאַשין־שמירעכץ — ממש אַ גרויל... קאָנען זיי דען נישט אָפּוואַשן די הענט?

יאָ, זיכער איז זי געווען אין אַלץ איינשטימיק מיט מאָנאַטן, ווען יענער, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און אַ געהיימע פייערל אין די אויגן, האָט אין אַ צו־להכעיסדיקער, שטנדיקער מינוט איר וועגן זיינע פּלענער אָנגעוווּנקען. זי האָט געטראַכט נאָך דעמאָלט, אַז עפּעס דאַרף אין דעם ענין געטון ווערן... אָבער מאָנאַט האָט שוין בשעת מעשה מיט זשעדנעקייט מער אַריינגענומען אין זיך איר לייב איידער אירע ווערטער.

אַבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי אים אויפן וועג אָנגעטראָפן און אומדערוואַרטעט אים פאַרבעטן, ער זאָל קומען צו זיי אויף יום־טוב צו דער פאַמיליע-וועטשערע.

— איר פאָטער איז אַ גוטער מענטש, זייער אַ גוטער... אַ מענטש מיט אַ קלאָרן בליק — דאָס ווייס זי דאָך שוין פון לאַנג... אַ סימן האָט מאָנאַט — אָט זאָל ער זען, ווי איר פאָטער באַהאַנדלט עס מיט אַזוי פיל געדולד און פאָרויסזעענדיקער איינגעהאַלטנקייט אַזאַ מין ווילדע, צעלאָזענע טאָכטער, ווי זי איז...

איז יאָ... איז וועט זי שוין זען ביי דער יום-טובדיקער וועטשערע אַרויפברענגען דאָס געשפּרעך טאַקע אויף דער לאַגע אין דער פאַבריק. און זי איז איבערצייגט.

—מען קאָן ביי אים אַ סך פועלן מיט גוטן, ביי איר פאָטער... ער איז אַ שטימונגס־מענטש. און זי וועט שוין זען אויפפּאַסן און אויפצוכאַפּן די ריכטיקע מינוט, די ריכטיקע שטימונג זיינע.

די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט גערעדט, האָס מאָנאַט געשוויגן, אָבער סתם געקוקט אויף איר איר. האָט זיך עס שוין געדאַכט, אַז דאָס נעמט ער זי אַריין אין זיך מיט זיינע אויגן... איז זי פון זיין קוק נאָך אויפגעלעבטער געוואָרן, נאָך זעלבסט־זיכערער. זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— איז וועט דאָך מאָנאַט קומען, יאָ? — און מיט אַ שמייכל, פון וועלכן אירע גרויע אויגן נעמען זיך ברייטער און אָנגעשטרענג־טער פונאַנדער: — און נאָך עפּעס... ער דאַרף זיך נישט זאָרגן, מאָנאַט, טאָמער וועט מען זיך פאַרזיצן שפּעט! ער׳ט קאָנען נעכטיקן ביי זיי. זי וועט שוין געבן די געהעריקע פאַראָרדנונגען, מען זאָל פאַר אים צוגרייטן דאָס בוידעם־שטיבל. דאָס שטיבל, וואָס געפינט זיך אינעם הויז־טורעם, און האָט פענסטער פון אַלע זייטן. מען זעט פון די פענסטער אַרויס אי דעם סטעטן איילענד סאונד, אי די ים־אויסגוסן אויף ביידע זייטן אינזל, אי דעם העכערן און אי דעם נידעריקערן ניו־יאָרק־אויסגוס...

ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד, איז עס דאָרט געווען איר שטודיר־צימער. אָבער עס איז — אין נאָמען, אַלנפאַלס, — פאַר בליבן איר צימער נאָך ביז היינטיקן טאָג. קיינער געברויכט עס נישט. די פּאָליצעס אויף די ווענט זענען דאָרט שווער באַלייגט מיט בי־כער, — אירע אַמאָליקע לערן־ביכער, טעקסט־ביכער...

— זי האָט זיך נאָך איצט אויך ליב אַריינצוכאַפּן אַהינצו פון צייט צו צייט, אין אַ פוילן נאָכמיטאָג, אין די חדשים, ווען זי פאַר־ברענגט אין דער היים, און פאַרען זיך דאָרט אַרום די ביכער... און וואַלגערן זיך...

אָבער מאָנאַט שוויגט אַלץ. ער ווייס דאָך, וואָס זי איז אויסן, בערעניס. ער קוקט אויף איר קאַלט, ניט גערירט. ער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט זיך צו איר אַ ביסל צופיל צוגעלאָזן פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן. זי קוקט אים אויס זייער נאַריש אין אָט דער מינוט. די דיקע, פאַרקאַשערטע, מאַנסבילישע ליפּן אירע, מיט די וואָנצע־לאַך אויף דער אויבערשטער ליפּ און דער גאַנצער אויסזען אירער—

דער אויסזען פון אַ „היי-סקול"-לערערין, וועמען היפּשע עטלעכע יאָר זענען שוין פאַרלאָפן זינט דער צייט, ווען זי האָט על-פּי-יושר און על-פּי-דין געדאַרפט חתונה האָבן — און דאָס חנדלען זיך אירס און דאָס פּעשטשען זיך אירס, און די פולשטענדיקע איבערצייגטקייט אין דער אייגענער חכמה און אין דעם אייגענעם באַזיצן פון די לעצט-טעסטע, שפּאָגל-נייעסטע מיינונגען און אָנשויונגען איבער אַלע זאַכן אין דער וועלט...

זי הויבט אים שוין אָן דערעסן. מעגלעך, אַז זי וועט טאַקע ביי דעם פאָטער אירן עטוואָס פּועלן, אויב ער'ט זיין אין אַ שטי-מונג פון גרויסמוטיקייט און צדקה. אָבער ער, מאָנאַט, איז פונדעסט-וועגן אַ גרעסערער בעלן צו זען, ווי אַזוי בערעניס וועט עס אַ שפּרונג טאָן צען איילן פון דער ערד, ווען זי'ט דערזען דעם ערשטן, אמתן פּייערל אויף איר פאָטערס פאַבריק...

—ניין, מאָנאַט וועט שוין זיכער נישט קומען... כאָטש ער זאָגט איר איצט נישט אויף געוויס — נישט יאָ און נישט ניין...

בערעניס באַמערקט עס, און ווערט ביי זיך מאָדנע געפאַלן... זי ווערט דעמאָלט נאָך פריילעכער, נאָך צוגעלאָזענער, און מאַכט שוין דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט, אדרבא, געוואָרן פון די רייד זיינע נאָך זיכערער, אַז ער וועט געוויס קומען, מאָנאַט. זי פאַרקוקט אים אין די אויגן מיט אַ באַזייטונגספולן בלישטש.

— יאָ, הייסט עס, מאָנאַט וועט קומען, האַ? זאָל ער נישט מורא האָבן, טאָמער וועט אים נישט איינגיין דאָס שלאָפן אויף אַ ניי געלעגער נישקשה,—אים וועט נישט זיין אומעטיק... שפּעט ביינאַכט, אויב זי וועט דערהערן, אַז ער וואַרפט זיך אַ שלאָפלאָזער אויף זיין גע-לעגער, וועט זי קומען אים געוויר ווערן אינם בוידעם-שטיבל. און זי וועט ברענגען מיט זיך אַ פלאַש קאָניאַק-בראַנדי. אין שטוב וועט דעמאָלט זיין שטיל. אַלע וועלן שלאָפן, און זיי וועלן שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן, און שטיפן ביינאַכט... מאָנאַט וועט דאָך קו-מען, יאָ?

און מאָנאַט ווערט אויף אַ מינוט ווייכער... אָבער ניין, ער קאָן פאָרט נישט קומען. איר איינלאַדונג קומט, צום באַדויערן, צו-שפּעט.

— ער האָט שוין פריער צוגעזאָגט דזשאַנען, אַז ער וועט קו־
מען צו אים אויף טהענקס-גיווינג וועטשערע.

ביי דזשאַנען — זאָל עס טאקע בערעניס פאַרשטיין — איז
היינטיקן טהענקס־גיווינג אַ טאָפּלטע שמחה. ערשטנס, האָט ער זיך
אַריבערגעקליבן אין אַ נייער, גרויסער דירה, העכער צו אין דאָרף.
ער האָט עס געמוזט: ער האָט לעצטנס אָנגעהויבן פירן אַ באַלעבאַ־
טישן, אַ שטאַטנעם לעבן, — ער איז געוואָרן אַ וואַזשנער סוחר...

און מאַנאַט האָט שוין איר דערציילט, ווי דזשאַן האָט אין
דעם משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים געהאַט אַ פאַרצויגענעם
סכסוך מיט ליסליס פאַבריק-פאַרוואַלטונג. עס האָט זיך געמלעך
געהאַנדלט וועגן אַ היפש שטיקל ערד ביים ברעג-ים, ניט ווייט
פון ליסליס פאַבריק, וועלכן דזשאַן פלעגט תמיד געברויכן פאַר
זיין אויסטער־געשעפט. דאָרט פלעגט ער אונטער אַן אימפּראָווי־
זירטן דעכל אויף הינערשע פיסלעךהאַלטן זיין גאַנצן זאַפּאַס
סחורה, ווי אויך פאַרקויפן לאחדים אויסטערס, סקעלאָפּס, פיש,
וואָס פלעגן צופעליק געכאַפּט ווערן אין די סקעלאָפּ־נעצן. ער
פלעגט אויך דאָרט, אונטערן דאָזיקן אָפּדאַכל, האַלטן תמיד
זיינע נעצן, אַריינשלעפּן אַהין אַמאָל אַ שיפל אויף פאַררינכטן, און
נאָך אַזעלכע קלייניקייטן. בקיצור, ער האָט באַטראַכט דעם
דאָזיקן אָרט פאַר זיין אייגנטום, זינט ער געדענקט זיך. זיינע על־
טערן — און אפשר אויך ז ײ ע ר ע עלטערן — האָבן געוווּסט, אַז
דאָס דאָזיקע שטיק ערד איז זייערס, פונקט ווי זיי זענען געווען
זיכער, אַז דאָס הויז אין דאָרף, אין וועלכן זיי וווינען, איז זייערס.

נאָר אָט האָט פּלוצלינג ליסלי אַריינגעשיקט דזשאַנען אַ מעל־
דונג, ער זאָל זיך פון דאָרט אַרויסקלויבן, — ליסלי דאַרף דעם
אָרט זייער נויטיק... ער דאַרף דאָרט אַמגיכסטן נויטיק אויסבויען אַ
פּריסטאַן פאַר די קוילן־באַרזשעס, וועלכע האָבן אַהער געפירט פון
פּענסילווייניאַ קוילן פאַר ליסליס פאַבריק. ביז יעצט האָט ער זיך אין
דעם אָרט נישט גענויטיקט. נאָר איצטער —

דזשאַן האָט זיך פון דער מעלדונג געשמאַק אויסגעלאַכט און
זיך פיין אויסגעזידלט אויף ליסליס חשבון. ליסלי אָבער האָט שוין
גראָד נישט געלאַכט. צוליב וואָס באַליידיקן אַ מענטשן אומזיסט!

איבריקנס, האָט ער געהאַט אויף דעם די נויטיקע „פּאַפּירן", — אויף אַלץ, אויף אַלץ האָט שוין ליסלי געהאַט די „נויטיקע פּאַפּירן"... און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען דזשאַנס פּאַטריאָטעס אַרויסגעוואָרפן פון דעם אַלטן הילצערנעם שטעלכל — איין שעריף מיט איין אָפּי־ציעלן געשריפטס האָט אים פון דאָרט אָן שום קונצן און טענות עוואַ־קואירט.

ער איז סוף־כּל־סוף געצוווּנגען געווען אינגאַנצן פונאַנדערצולאָזן זיין אַרטעל, — איינער פון די לעצטע ביים ברעג, דזשאַן... דער ברעג־ים האָט שוין איצט אינגאַנצן אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן. דער אויס־טער־האַנדל האָט זיך פון דאַנען שוין כּמעט אינגאַנצן געהאַט אי־בערגעטראָגן אין די פישער־האַפנס פון ק אָ נ ע ק ט י ק ו ט און נ יי־ע נ ג ל אַ נ ד, פון ג ל אַ ס ט ע ר און ק יי פּ ק אָ ד... און דזשאַן איז געוואָרן אַ קצב און אַ באַקאַליי־הענדלער... דאָס איז איינס. און צווייטנס...

צווייטנס, האָט זיך מייבעל אויך ענדלעך ענדגילטיק דאָ באַ־זעצט מיט אים אינאיינעם. מייבעל איז געוואָרן אַ הויזווירטין. זי האָט אויפגעגעבן איר קלערק־באַשעפטיקונג אין דעם אוניווערסאַל־מאַגאַזין אין ניו־יאָרק, זיך באַזעצט דאָ ביים ברעג־ים און באַשלאָסן צו ווערן אַ גוטע, געטרייע ווייב.

— אַ יאָ, זייער אַ שאַבלאָנער און סענטימענטאַלער סוף, מיס ליסלי? אָבער זאָל נאָר בערניס פאַרשטיין! נאָך אַלעמען איז דאָך מייבעל אַן איינפאַכע, ניט קיין געבילדעטע פרוי... די אַרבעט אין ניו־יאָרק זויגט אויס די ביינער. קיין פאַרמעגלעכע עלטערן, שוין אָפּגערעדט פון פאַבריקאַנטן־מאַגנאַטן, האָט זי נישט, און פאַר אַן אָרעמער פרוי איז זייער שווער צו זיין אומאָפּהענגיק און מאָדערן...

און נאָך עפּעס — וואָס איז דאָ צו פאַרהוילן? מייבעל האָט זיך סוף־כּל־סוף פאַרבענקט נאָך אַ היים, נאָך אַ מאַן, וועמען מען האָט שטענדיק נעבן זיך, — אַ מאַן, וועמען מען קאָן צו יעדער צייט, לויט דער שטימונג, אי ליב האָבן, אי צו להכעיס טון...

יאָ, מאָנאַט דערמאַנט זיך איצט: זיי האָבן זיך אַזוי פיין אַרויפגעאַרבעט, אַז זיי פלאַנעווען אפילו אָפּקויפן די גרויסע כּל־בו קלייט, — אַט דיזעלבע קלייט, אין וועלכער מאָנאַט באַהאַלט זיך

איצט אויס אינם טונקל און באַטראַכט פון דאָרט דאָס שטילע, פאַרעמ־דע דאָרף, און דערמאָנט זיך אָן דעם געשפּרעך מיט בערעניסן. אָ, מאָנאַט ווייס דאָך, אַז אַהינצו, צו דזשאַנען, איז ער דאָך איינגע־לאַדן געוואָרן נישט אַזוי טאַקע צוליבן יום־טוב, ווי מחמת זיי ווילן דערווייל זיך באַראַטן מיט אים וועגן די געשעפטס־אויסזיכטן פון דער נייער קלייט... מאָנאַט האָט זיי אפילו געזאָגט, אַז ער קאָן זיי אין דעם קיין עצה נישט געבן, ווייל ער הויבט גאָר נישט אָן צו וויסן וועגן האַנדל און וועגן קלייטן. אָבער אי מייבעל אי דזשאָן האָבן זיך דערביי פונאַנדערגעלאַכט:

— כאַ, כאַ... ס׳איז אַ גוטער וויץ, נו... האָט ווער געזען אַמאָל אַ יידן, וועלכער זאָל נישט האָבן קיין ידיעה אין האַנדל?

ניין. מאָנאַט קאָן צו ליסלין נישט קומען. בערעניס מאָג זיך זיין טאַקע זיכער געוועכט וועגן איר פאָטער. ער איז אַ גרויסער מענטש, אַ קאַפּיטאַן אין זיין אינדוסטריע און יעדער גרויסער מענטש איז זיך באַרעכטיקט צו זיינע שטימונגען... אויף דעם איז נישטאָ וואָס צו דערווידערן. נאָר ער באַדאַנקט איר פונדעסטוועגן פאַר דער איינלאַדונג.

— אָ, ער וועט צו זיי קומען, זיכער... אָבער נישט גראָד די נאַכט פון „טהענקס־גיווינג״...

ז

אַז מאָנאַט האָט אַרונטערגענומען די דלאָניעס פון די אויגן, זענען שוין די שטאַרקע פייערן פון דעם אויטאָמאָביל געווען לאַנג אָפּגעווענדט פון אים.

דאָס אַלץ האָט געדויערט אפשר איין מינוט. דער אויטאָמאָביל איז שוין געפלויגן, ווי אַ טייפל, אַרונטער באַרג. מאָנאַט האָט פון הינטן געזען — אַזוי האָט זיך אים, אַלנפאַלס, אויסגעדוכט — ווי בע־רעניס טוליעט זיך צו גאָסן, דעם אָנטרייבער, וועלכער האָט אויסגע־זען ווי אַ בער אינם גרויסן מאַרדערנעם שאָפּער־פּעלץ, אין וועלכן ער איז געווען איינגעוויקלט.

— האָט זי אים, מאָנאַטן, הייסט עס, באַמערקט אויפן גאַניק, אינם שטאַרקן אויגנבליקלעכן לאַמטערן־פייער, וואָס האָט אויך אים

אַ שאָס געגעבן? נו, מילא, אויב מאַנאַט איז נישט ביי איר היינטי־קע נאַכט, נאָר ביי מייבלען אויף חנוכת־הבית, איז דערפאַר גאָס איצט ביי איר זייט... האָט זי כאַטש איר טרייסט און איר נקמה: גאָס איז דאָך שוין דערפאַר מער נישט ביי מייבלען...

מאַנאַט איז אויפגעשטאַנען פון גאַניק, האָט אויסגעקנאַקט און אויסגעצויגן זיינע פאַרלעגענע ביינער, האָט זיך צורעכט געמאַכט און זיך געלאָזט גיין.

ער האָט געשמייכלט צופרידנערהייט.

— אַז מען וויל, איז אייגנטלעך בערעניסעס טריומף גאָר קיין טריומף נישט... ניט גאָס איז געווען דעריעניקער, וועלכער האָט דער ערשטער פאַרלאָזן מייבלען: זי האָט דאָך שוין פון לאַנג אויפגעהערט זיך צו וועלן טרעפן מיט גאָסן...

און געשען איז עס אַזוי: אַז דזשאַן האָט מיט אַ צייט צוריק זיך דערוווּסט פון אָט דעם אַלץ, וואָס איז צווישן זיי ביידן פאָרגעקומען, האָט ער געמאַכט אַ גרויסן סקאַנדאַל מייבלען. דאָס איז געווען אין איינעם אַ זונטיק-ביינאַג. און אין אָוונט, ווען זי האָט זיך געקליבן פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק, ווי תמיד יעדן זונטיק אָוונט, האָט דזשאַן, נישט אַרויסרעדנדיק אַ וואָרט, גענומען איר רענצעלע, אַרויסגעשאָטן פון דאָרט אירע זאַכן, און אָן צערעמאָניעס זיך גענומען אַרונטערציען פון איר דעם מאַנטל.

— אַז דו וועסט נאָר פּרווון נאָך אַמאָל אַוועקפאָרן פון דאַנען, וועל איך דיר קיין איין אבר נישט איבערלאָזן אַ גאַנצן.

מייבעל איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע. מיט אַ פונאַנדער־געעפנט מויל — אַזוי געפּלעפּט, אַז זי האָט זיך אַזש פאַרגעסן אַ לענגערע ווײַלע צומאַכן דאָס מויל: אַזוינס האָט זי נאָך פון איר מאַן קיינמאָל נישט געהערט... זי האָט אים געוואָלט ענטפערן אויף דעם. אַזוי ווי ער האָט פאַרדינט. און בכלל איז זי שוין געווען גוואַלטיק אויפגעבראַכט אויף אים פאַרן סקאַנדאַל, וואָס ער האָט איר היינט ביינאַג געמאַכט: אַלע שכנים זענען זיך דאָך צונויפגעלאָפן! וואָס וועט זיין, אַז דאָס נייעס וועגן דעם וועט נאָך דערגרייכן אין שטאָט?

—ניין, זי מוז מאַכן אַן עק צו דעם אַלעמען גלייך אויפן אָרט, שוין...

נאָר זי איז אַזוי צעטומלט און מבולבל געוואָרן יענעם זונטיק אָוונט פון דזשאַנס רייד, אַזעלכע אומגעווײנלעכע און באַליידיקנדיקע, אַז

זי האָט אים אויפֿן אָרט גאָרנישט געקאָנט ענטפֿערן. איז זי אומישנע פֿאַרבליבן דאָ איבער נאַכט, כּדי אויף מאָרגן זיין ערשט רעכט אים־שטאַנד צו ענטפֿערן אים ווי געהעריק, אָט ווי ער האָט פֿאַרדינט!

אָבער אַז זי איז אויפֿגעשטאַנען אויף מאָרגן אין דער פֿרי, באַלדעם ווי זי איז אַ גאַנצע נאַכט, צוליב אַלערליי מאַן־און־ווייב אורזאַכן, ניט געשלאָפֿן, האָט זי קודם כּל אָנגעטאָן אַ שטוביק קליידל מיט אַ פֿאַרטוך און האָט באַמערקט אין דער הויך:

— פֿוי, וויפֿל שטויב האָט עס זיך ביי דיר דאָ אָנגעקליבן, דזשאַן! פֿאַרן גאַנצן לעצטן יאָר האָט שוין, אפֿנים, קיינער דאָ נישט צוגעקליבן אין הויז...

און זי איז שוין פֿון יענעם טאָג אָן אַזוי פֿאַרבליבן וווינען מיט דזשאָנען אין דאָרף...

האָט זיך דזשאַן דעמאָלט אויך מישב געווען, אַז אויב אַזוי — דאַרף ער שוין נישט גיין מער צו מיסעס פֿ אַ ר נ ע ל, זי זאָל אים ווייזן דאָרט אינם פֿינסטערן שטאַל די ערשט־געפֿאַנגענע פֿערד־קראַבן...

— כאַ־כאַ, דזשאַן האָט זיי שוין נישט איינמאָל געזען, די דאָזיקע פֿערד־קראַבן! —

און איצט איז ביי זיי אין שטוב שטיל און רויק... איז שאַ — איז צוליב וואָס־זשע זאָל ער, מאָנאַט, צו זיי איצט אַריינגיין?

און מאָנאַט שטעלט זיך פֿאָר דעם יום־טובדיק־געדעקטן טיש, מיטן ברוינעם אינדיק אויבנאָן, מיט דער שיסל זשוראַווינעס־איינגעמאַכטס, מיטן גרויסן היפּשן קירבעס־פּלאָדן אין סאַמע מיטן טיש. אים לאָזט איצט נישט אָפּ איין געדאַנק, — אַ געדאַנק, אַז אויב ער וועט איצט אַריינגיין צו דזשאַנען, וועט אים דאָך דאָרט דעם גאַנצן אָוונט ניט אַרויס פֿון קאָפּ אַן אַנדער פּאָרל, אַ יידיש פּאָרל פֿון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק... די צוויי פֿון אָט יענעם פּאָרל האַלטן שוין, אפֿנים, אַ לענגערע צייט אין איין עסן און אויפֿעסן זיך לעבעדיקערהייט מיט זייערע קלעמענישן, מיט זייערע ספֿקות, שטיקלעכווייז, פּאַסנווייז שניידן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע דאָס לייב מיט זייערע פֿאַרדאַכטן, מיט זייערע ראַפֿינירטע גריזשעניש... זיי האַלטן שוין, אפֿנים, אַ לאַנגע צייט אַזוי אין איין בייסן און צופּן זיך איינס דאָס אַנדערע מיט

זייערע פאַרשפּיצטע, פּיל-ציינערדיקע, קראַנקע מוחות.

—און צוליב וואָס ?—און וואָס איז דער חילוק, אַזוי צי אַזוי?..

און בכלל — מאָנאַט פילט איצט, ווי די אומרויקייט פון די לעצטע טעג שטאַרקט זיך אַלץ אין אים, וואַקסט אין אים ממש מיט יעדער מינוט... דער גאַנצער, לאַנגער, איינזאַמער שפּאַציר אינם אָוונט האָט אים פאָרט נישט געהאָלפן — עס קומט, עס קומט... אָ, שוין אַזוי לאַנג, אַז ער איז פון דעם געוועזן פריי... נו, איז דאָך פאַרפאַלן. איז אויב אַזוי, מעג ער זיך דאָך לכל־הדעות אומקערן איצט אַהיים ?

און צום סוף האָט זיך מאָנאַט ווידער דערזען אונטן, ביים ברעג ים. אינם קאַלטן ים, איבער דער גאַנצער אויבערפלאַך פונם אויסגוס, האָבן זיך געצונדן און געלאָשן פייערן אין דער נאַכט, פייערן פון די געאַנקערטע שיפן, — אויף די שיפן אין ווייטן ים אַרויס האָט זיך געדוכט צו זיין איצט היימישער, ווי אויף דער יבשה.

אַז מאָנאַט איז פאַרבייגעגאַנגען מיסעס פאַרנעלס הויז, האָט ער דערזען, ווי עפּעס אַ געשטאַלט בינדט אָפּ דאָס שיפל פונם קליינעם פּליט אינם קריק און לאָזט זיך אַרויס אין דער פינסטערניש, גאָר אָן אַ לאַמטערן, גלייך אין ים אַרויס. מאָנאַט האָט אין דער געשטאַלט דערקענט דנען.

הייסט עס, אַז דן איז טאַקע היינט אין שטאָט נישט געפאָרן... אָבער מאָנאַט האָט אים נאָך נעכטן אַליין באַגלייט צום וואקזאַל און געזען, ווי ער זעצט זיך אַריין אין צוג. אפשר, דן האָט אין דער לעצטער מינוט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אָנטאָן ראַיען דעם נחת־רוח און איר נאָכגעבן... און אַפילו זיך אַליין האָט ער אויך נישט פאַרגונען די פרייד... ער האָט אוודאי געמוזט אַרויסשטייגן פונם צוג מיט אַ פּאָר סטאַנציעס שפּעטער און זיך אומקערן צוריק, אין פּרינסעס־ביי, מיטן לעצטן, שפּעט־באַנאַכטיקן צוג.

איינער אַליין איז ער, מסתמא, אָפּגעזעסן אַזוי אַ גאַנצן יום־טוב־טאָג און אַ גאַנצן אָוונט ביי זיך אין צימער, — האָט דאָרט בלויז געטון און געוויגן זיינע קריוודעס צו דער וועלט... און איצט איז

ער עס אַרויסגעפּאָרן אין ים אַרויס אַביסל אויסלופטערן דעם טשאַד פון די שווערע מחשבות זיינע, — ער איז אַרויסגעפאָרן אויף איי־נער פון זיינע איינזאַמע נאַכט-נסיעות, וועלכע ער פלעגט לעצטנס אָפט מאַכן.

מאָנאַט האָט פאַר זיך געשמייכלט: ווייזט אויס, אַז בלויז אין דער פינסטערניש איבערן ים פילט דן נישט די אָן־וועגיקייט און די שלעכטסקייט פון דער וועלט...

ח

עטלעכע טעג און עטלעכע נעכט איז מאָנאַט אָפּגעזעסן אַזוי איינגעשפּאַרט אין זיין צימער אויפן אויבערשטן שטאָק פון סטיוועג־סעס האָטעל. ער האָט געבעטן סטיווענסן, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן, אַז ער, מאָנאַט, געפינט זיך איצט ביי זיך אין צימער.

— אַז מען וועט ביי אים פרעגן, ווו איז מאָנאַט, זאָל ער ענטפערן, אַז ער האָט אומדערוואַרטעטערהייט געמוזט אָפּפאָרן פון הי...

סטיווענס, פון זיין זייט, האָט נאָך אויף דער דאָזיקער דער־קלערונג יעדן איינעם פון די נאָכפרעגער עפּעס געהיימניספול צוגעגעבן.

— ש־ש־ש... איר וועט פון אים גאָר אינגיכן הערן, פון מר. מאָנאַטן... כאָטש מר. מאָנאַט געפינט זיך איצט אַוודאי הונדערטער און הונדערטער מיילן פון דאַנען...

די אַרבעטער פון ליסליס פאַבריק און די אויסטערלייט, וואָס פלעגן זיך אין די אָוונטן צונויפקלויבן ביי סטיווענסן אין דער „באַר", האָבן זיך דאָרט לעצטנס אַ סך געטומלט און געקריגט. מאָנאַטס נאָ־מען פלעגט אַלע ווײַלע דערמאָנט ווערן. די צייט, ווען דער סטרייק האָט געדאַרפט גערופן ווערן, האָט זיך געגענטערט. אַלע האָבן גע־פרווט טרעפן, ווען עס פאַלט אויס דער גרויסער טאָג. אייניקע האָבן מיט ווילדטיקייט דערקלערט, אַז זיי ווייסן ווען — זיי האָבן „אינסייד דאָופ"*) נאָר אַלע האָבן זיך פונדעסטוועגן געוווּנדערט,

---

*) אינעווייניקסטע אינפאָרמאַציע.

פּרוס מאָנאַפּ איז סאַמע אין דער לעצטער מינוט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. מען האָט שטאַרק אונטערגעמורמלט אויף אים.

אין האָטעל האָט זיך אין מיטן דערינען איינגעשטעלט עפּעס אַ יידישער פֿאַבריקמאַכער, וואָס מען האָט נישט געוווסט, פֿון וואַנען ער האָט זיך מיטאַמאָל גענומען דאָ: פֿון לאַנגווייליקייט האָט זיך דער עולם געהאַלטן אין איין גאָלן און אין איין שערן זיך און באַנעצן זיך די קעפּ מיט אַלערליי „טאָניקס" און וואַסערלעך.

און מאָנאַט איז איצט טאַקע געווען הונדערטער און הונדערטער מייל ווייט פֿון דאַנען... בייטאָג איז ער געשלאָפֿן און ביינאַכט האָט ער פֿיבעריש, איילנדיק, ווי געצווונגען און געיאָגט, געשריבן, נאָכאַנאַנד געשריבן. אים האָט נישט אויסגעמאַכט דער טומל, וואָס האָט זיך צו אים געטראָגן פֿון אונטן, פֿון דעם האָטעל־פֿאָיע. ער האָט דאָך פֿון תּמיד אָן ליב געהאַט צו וווינען אין אַ האָטעל. ערשט אין אַ האָטעל פֿלעגט ער זיך דאָך פֿילן רעכט היימיש. נעכט גאַנצע איז ער געזעסן אַזוי איבערגעבויגן איבערן האָטעל־טישל, אַ באַדעקטן מיט אַ ווייסן טישטוך, וועלכן ער האָט דאָ און דאָרט, אין איילעניש, פֿאַרשפּריצט מיט טינט.

נאָר בעתן שרייבן פֿלאָנטערן זיך מאָנאַטן אַלערליי געדאַנקען אין קאָפּ.

— איז וואָס־זשע, מאָנאַט — דו האָסט נישט אויסגעהאַלטן דעם ברוגז — דו האָסט זיך, הייסט עס, סוף־כּל־סוף אונטערגעגעבן דעם בשוף פֿון ווערטער, האַ, מאָנאַט?... און דיינע אַמאָליקע באַשלוסן, און דיינע אַמאָליקע הייסע נדרים—זענען, הייסט עס, געווען אויך נישט מער, ווי ווערטער?

און מאָנאַט שרייבט און שרייבט אַלץ נאָכאַנאַנד דורך די שפּעטע, קאַלטע נאַכט־שעהן. עס איז שוין אָנהויב דעצעמבער. האַלב־נאַכטיקע שטורעמס שרייען און ווילדעווען איצט אויפֿן אָקעאַן דערביי, און עס ציטערן נאָכאַנאַנד די שויבן אויף די פֿענסטער. נאָר אין צימערל איז וואַרים — מאָנאַט וואַרפֿט פֿון צייט צו צייט אַריין אינם גליענדיקן ראָד פֿונם שטאָלענעם אייוועלע אַ שטיק פֿעך־גלאַנציקן אַנטראַציט, וואָס בלישטשעט קעגן פֿייער מיט אומצייליקע פֿלעמלעך און שטערנדלעך.

און אינעווייניק, אין מאָנאַטן, איז איצט אויך היפּשלעך וואַרים... ס'האָט אים אינגאַנצן „דורכגענומען" — און ס'גיסט זיך פון אים אַ שטראָם פון ווערטער, גיסט זיך רוישיק און פריש, ווי פון אַן אָפּגעטאַיעטן באַרג־טייכל אין פרילינג.

אָבער מאָנאַט פילט: ערגעץ אין אַ ווינקל קאָפּ איז ביי אים פאָרט קיל, נאָך אַלץ קיל: שרייבנדיק אין דער נאַכט, הערן דאָרט, אין יענעם קילן קאָפּ־ווינקל, אַלץ נישט אויף זיך צו דרייען פאַרשידענע געדאַנקען, — אַלטע און דערעסנדיקע געדאַנקען נאָך פון פאַר עטלעכע יאָר צוריק.

...האָבן דאָך אָט די זעלביקע געדאַנקען אים דעמאָלט געפירט צום באַשלוס, אַז ער זאָל אויפהערן שרייבן, אינגאַנצן אויפהערן... וואָס־זשע — מאָנאַט האָט שוין גאָר פרי אָנגעוווירן די ערפורכט פאַר קונסט. ער האָט שוין גאָר פרי אָנגעהויבן גלויבן, אַז שרייבן איז בלויז אַ סוראָגאַט פאַר לעבן, אַז קונסט איז בלויז אַן איינרעדעניש, אַ חלאת—אפשר אַ שענערע, ראַפינירטערע חלאת, איידער אַ פאַרשטאָפּונג אָדער אַ לויזער מאָגן, אָבער דאָך אַ חלאת. מענטשן ווילן דורכשרייבן אויסלעבן זייער נאַטירלעכן געזונטן דראַנג נאָך גליק, נאָך רום, נאָך מאַכט!...

און נאָך עפּעס,—דאָס שרייבן איז דאָך, אין בעסטן פאַל, אַזאַ מין באַקלאָגן זיך: אָדער אַ באַקלאָגן זיך פון איינעם, וועלכער האָט נישט געלעבט און וויל זיין הונגער נאָך לעבן אויסלעבן אינם שרייבן, אָדער אַ באַקלאָגן זיך פון איינעם, וועמען דער כאַאָס פון דער וועלט געפעלט נישט, וועמען די שלעכטיקייט פון די מענטשן געפעלט ניט; —איז, אויב דאָס איז אַזוי, דאַרף עס דעמאָלט נישט מאָנאַט: ער קאָן זיין יונגע, זאַפטיקע ענערגיע אויסברענגען אויף אַן אַנדער אופן! ער, מאָנאַט, וועט זיך אויסברענען אינם לעבן גופא! —

פונם ים האָט זיך געלאָזט הערן אַ טרובען פון אַ שיף. אים האָט געענטפערט נאָך איינע. אַ דריטע שיף האָט אונטערגעהאַלטן. אפנים, אַז אַ טומאַן האָט זיך איצט אָנגעהויבן וויקלען איבערן וואַסער.

פון גאָר נאָענט, פון אונטער די פענסטער פון מאָנאַטס צימער, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שווער, שטאַרק רודערן איבער דער טרוקענער, פאַרכריאַפּעוואַטער ערד. דאָס האָבן גרויסע, פיל־טאָניקע, שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן געהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אין איין פירן

רויע מאַטעריאַלן אין ליסליס פאַבריק אַריין, מאַטעריאַלן וואָס זענען
בויטיק פאַר דער פאַבריקאַציע פון די ציין־פּראָדוקטן, — וועגנס
מיט גליצערין און זייפן, מיט גרינס און קאַרטאָפל, מיט צעלו־
לאָיד און אַלערליי סאָרטן האָר; וועגנס אָנגעלאָדענע מיט קאַסטנס
פּאַמיסשטיין, מיט פּעפּטאָנס און מיט אַלערליי כעמישע שטאָפן,
אין לאַנגע צילינדערס און סלאָיעס, האָבן זיך איצט געצויגן אין אַ
לאַנגער ריי פונם וואָקזאַל.

אין דער פאַבריק איז אָנגעגאַנגען לעצטנס אַ פאַרשטאַרקטע,
פיבערישע פּראָדוקציע, — דער אַלטער פוקס ליסלי האָט דערשמעקט
די אומרויִקייט פון זיינע אַרבעטער און האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ
שטרייק וועט זיכער בקרוב אויסברעכן. האָט ער זיך באַצייטנס באַ־
זאָרגט: ער האָט אָנגעשטעלט עקסטרע צוויי משמורות אַרבעטער אוי־
סער די געוויינלעכע, בייטאָגיקע. איין עקסטרע וואַך האָט געאַרבעט
פון זעקס אָוונט ביז האַלבע נאַכט, און די צווייטע עקסטרע וואַך
האָט געאַרבעט פון האַלבער נאַכט ביז פאַרטאָג. אָ, ליסלי האָט זיך
שוין גוט באַזאָרגט ער זאָל קאָנען לאַנג אויסהאַלטן דעם שטרייק...
די פאַבריק האָט זיך די לעצטע וואָכן אויף קיין איין מינוט אינם
מעת־לעת נישט אָפּגעשטעלט.

דאָס רודערן פון די מאַסע-אויטאָמאָבילן אונטער מאָנאַטס פענ-
סטער האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט. אונטן, ביי סטיווענסן אין האָ-
טעל, זענען די אַרבעטער אַרויס פון סאַלאָן, זיך אַנידערגעשטעלט
פאַר דער טיר און שווייגנדיקערהייט און כמורנע געקוקט: ס'האָט
אויסגעזען, ווי גרויסע פּראָצעסיעס חיילות, ווי טראַנספּאָרטן מיט
קריגס־שטאָפן ווערן איצט געפירט אינם לאַגער פונם אומגעזעענעם
שונא, — ווערן געפירט אַהין, אויף יענער זייט בריקל, איבערן „קריק",
אויף יענער זייט פון די ברוינע פאַבריק־מויערן, ווו די פענסטער
האָבן אַ גאַנצע נאַכט געלויכטן און געוואָרפן באַומרויִקנדיקע אָפּ־
גלאַנצן אינם טונקעלן, האַרבסטיקן דרויסן.

די אויטאָמאָבילן האָבן זיך געצויגן און געצויגן אונטער מאָ־
נאַטס פענסטער, נאָר ער האָט שוין גאָרנישט געהערט: ער איז גע-
ווען איצט שטאַרק פאַרטון אין זיין שרייבערישער אַרבעט... בלויז אַ
פּאָר מאָל, איגב אונטער־באַוווסטזיין זינעם, האָט זיך אים אויסגע־

דאַכט, אַז אין דרויסן רודערן עפּעס שטאַרק אַזעלכע עראָפּלאַנען, פֿליענדיקע עראָפּלאַנען אין ז'ער הויך. מאָנאַטן פֿלעגט אַלע מאָל אָנפֿילן אַזאַ גרויסע פֿרייד, ווען ער פֿלעגט דערהערן דאָס טומלדיקע, דראָבנע, קלאַפּנדיקע געזאַנג פֿון אַ זיך־דורכשניידנדיקן עראָפּלאַן הויך אין דער לופֿט. איז איצט, נישט געזעענערהייט, האָט דאָס נאָכאַנאַנדיקע רודערן פֿון די מאַסע־אויטאָמאָבילן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דעם פֿיבער אין זיין בלוט: די פֿיבערנדיקע קייקעלעך אין זיין בלוט האָבן איצט אַזוי גיך־גיך אַרומגעטאַנצט... אָבער אינם קילן ווינקל־קאָפּ האָבן זיך די אַמאָליקע דערעסנדיקע געדאַנקען נאָך אַלץ געדרייט, — פֿון זיך אַליין זיך געדרייט, ווי מעכאַניש אַרונטערוויקלענדיק זיך פֿון אַן אַלטער שפּולקע.

— יאָ, און וואָס נאָך... איז אָט צו יענע געדאַנקען, וועלכע האָבן אים באַוויזן אויפֿהערן צו שרייבן, זענען צוגעקומען נאָך אַנדערע, קלעפּיקע אַזעלכע און נאָכאַנאַנד־פּיקנדיקע געדאַנקען, געדאַנקען, ווי פֿאַרעקשנטע מוקן. ס'האָט, הייסט עס, געהייסן: דער גורל פֿון אַ יידישן שרייבער אין אַמעריקע איז שווער — ער איז דאָ מאָדנע, פֿאַרפֿאַלן־פֿרעמד... נאָר איז שוין, אפֿנים, נישט דער גאַנצער אַמעריקאַנישער דור, צו וועלכן ער געהערט, פֿאַרמשפּט צו זיין דורכגעדרונגען מיטן דאָזיקן אייביקן, קיינמאָל נישט אָפּלאָזנדיקן געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט, — פֿרעמדקייט סיי צווישן אייגענע, סיי צווישן פֿרעמדע?

„איך, מאָנאַט, וויל דאָך בלויז איין קלייניקייט: איך וויל הערן די יידישע שפּראַך אַרום מיר, איך וויל הערן דאָס יידיש רעדן אַרום מיר — איך וויל יידישע גאַסן, יידישע הויפֿן, יידישע הייזער, יידישע קינדער — און זיי זענען דאָ נישטאָ, און עס איז אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן דאָ ווען עס איז זיין...‟

אַזוי האָט עס געהייסן — — —

און אין קילן מוח־ווינקל וויקלען זיך נאָכאַנאַנד פֿעדים נאָך פֿעדים — פֿאַרלוירענע טענות, שטומע טענות, אומזיסטיקע טענות...

און וואָס נאָך האָט עס געהייסן? ס'האָט נאָך געהייסן: — אַז מיר זענען דאָ אַזוי פֿרעמד און נישט־איינגעוואָרצלט, הײנט ווי־אַזוי זשע קאָנען מיר דאָ שאַפֿן אַ ליטעראַטור? די אַלטע היים ווערט

דאָך ביי די פון זיין דור אַלץ בלייבער און אָפּגעמעקטער — ביז זי פאַרשווינדט גאָר אינגאַנצן... און דאָס נייע יידישע לעבן דאָ איז אַזוי כאַאָטיש, אַזוי צעקרימט, אַזוי פאַלש און קאַריקאַטוריש — ס'איז פאָרמלאָז... ס'איז אַ ריזיקער שפּינוועבס..: און אַפילו אַז נייע פאָר־מען, אייגנאַרטיקע און יידישע, וועלן שוין דורך מסירת נפש און איינגעשפּאַרטקייט פון איינצלנע יאָ דאָ געשאַפן ווערן — וועט אפשר שוין דעמאָלט נישט זיין פאַר וועמען?...

— ווייל צו וואָס איז אונזער לעבן דאָ געגליכן? צו אַ גרויסן באַרג מיט זאַמד־צוקער: פון אַ טרייבל אין דער הויך ווערט נאָכאַ־נאַנד געשאָטן אַ שטראָם פון נייע זעמדעלעך מעליך אויפן שפּיץ באַרג, אָבער פון אונטן, פון די זוימען באַרג שפּרייטן זיך די זעמ־דעלעך צוקער אַלץ פונאַנדער, שפּרייטן זיך אַלץ פונאַנדער, ביז זיי ווערן נישט, ווערן נישט... און קיינמאָל, אין קיין איין־איינציקער מינוט, איז שוין קיין איינציק זעמדעלע אינם דאָזיקן באַרג מיט זאַמד־צוקער נישט באַשטענדיק: עס ר ו ק ט זיך אַלע מאָל, עס באַ־וועגט זיך נאָכאַנאַנד פון אויבן אַרונטער־צו, ביז ער פאַרשווינדט אינגאַנצן אין די ברייטע פליינען אַרום באַרג...

—אָבער, זאָגסטו, עס איז דאָך דערווייל פאָרט אַ באַרג? יאָ, ד ע ר ו ו י י ל, ברודער. אָבער אָט, און פונם טרייבעלע אויבן הערן זיך אויף צו שיטן זעמדעלעך אויפן דאָזיקן זאַמד־צוקער באַרג?

— מיר לעבן דאָ בלויז אַ טאָג־לעבן, אַ ת מ י ד־פ אַ ר ש ו ו י נ־ד נ ד י ק לעבן... אונזער לעבן דאָ איז אַזוי שוימיק, אַזוי לירִיש. אַזוי פראַגמענטאַריש און אַזוי קיינמאָל נישט אויסגעשטאַנען, אויף ווי ווייט עס איז יידיש... וואָס? זאָגסט, ברודער, אַז אַלעמאָל איז עס מיט אונז אַזוי געווען? אַז איידער מיר האָבן זיך נאָך באַוויזן ערגעץ איינצוואָרצלען, וואָרצלט מען אונז שוין פון דאָרטן אויס? זאָגסט, ברודער, אַז אַפילו, ווען מיר באַרויקן זיך שוין אויסערלעך אין אַ געוויסן לאַנד, פאַרשווינדט פון אונז דאָך קיינמאָל נישט דער אינערלעכער אומרו, דער „היסטאָרישער זכרון", די געהיימע, טאָ־טשנדיקע זאָרג, — אַ בלינדע, געירשנטע זאָרג — אַז דאָס איז אַלץ בלויז אויף דערווייל, אַז מיר קאָנען אויך דאָ נישט זיין זיכער מיטן ווייטער?

— ריכֿטיק, ברודער, ביסט גערעכֿט, איז אפשר... אפשר קאָנען מיר עס, אַט אַזאַ צושטאַנד, טאַקע ערגעץ נישט דערגרייכֿן, אָבער דאָ, אין דעם דאָזיקן לאַנד און ביי די מענטשן פון אונזער דור, איז דאָס דאָזיקע געפיל נאָך שאַרפער...

— איז אויב־אַזוי, ווי־זשע קאָן עס אַ יידישער קינסטלער אין אַמעריקע נעמען די רויקייט צו שאַפן אַ בנין פון אַ וואַסער־שוים, אַ געצעלט פון נישט־איינגעוואָרצלטע, אויפן אויבערפלעך אַרומשווי־מענדיקע גראָזן, אַ געמאַך פון אַ לעבן, ווו אַלץ איז נישט־יידיש און דאָס יידישע איז פאַרווישט, נישט־קלאָר און צעשווומען, — פון אַ שטענדיקן כֿאַאָס, פון אַ כֿאַאָס, וואָס ווערט דער נאָרמאַלער צושטאַנד פון אַ גאַנצן פאָלקס־לעבן?

און מאָנאַט שרייבט אַלץ אַזוי אַוועק אין די שפעטע נאַכט־שעהן. ער פאַרציט שטאַרק זיין ליולקע, פאַרציט זי מיט פאַרגייענדיקע כּוחות, ער פאַרשאַרט יעדע מינוט פונם שטערן די נישט־געהאָרכזאַמע בלאָנדע בינטלעך האָר זיינע און פאַרשרייבט אַזוי בלאַט נאָך בלאַט, בלאַט נאָך בלאַט. שטיל יאָגט אַזוי נאַכֿט־מינוט נאָך נאַכֿט־מינוט... און אינם קילן ווינקל־מוח לאַכט עס זיך שוין איצט אין מאָנאַטן טייוולאָניש־הויך פונאַנדער:

— אָ, עס האָט שוין אים ווייניק גוטס געטאָן דאָס דאָזיקע חברן זיך מיט דנן, מיט דעם ליטוואַק... נישט נאָר איז ער, דן אַליין, אַ גרויסער עקשן און ער וויל פון זיינעם בשום אופן נישט אַוועקגיין, אויף אַ האָר נישט אָפטרעטן—נאָר אויך ער, מאָנאַט, האָט זיך סוף כּל סוף אָנגעשטעקט פון אים, פון זיין גריבלען זיך, פון זיין צעפּאַל־מעסן יעדן געפיל זיינעם, פון זיין שטענדיקן פאַרדעכֿטיקן און אָפּ־פרעגן יעדן געפיל זיינעם... אָט דאָס דאָזיקע פאַרגרעסערן אַ יעדע קליינינקייט, אָט דאָס דאָזיקע פאַראַלגעמיינערן די געוויינלעכסטע פּאַסירונגען פון אַן איינצעלנעם מענטש... מאָנאַט, מאָנאַט,—נעם און קוק זיך אַליין שאַרף אַריין אין די אויגן: איז עס מיט דיר איצט אויך נישט געוואָרן אַזוי? איז עס נישט אָקאָרשט אָפּטמאָל דיין אייגן לעבן, וואָס האָט דיך געפירט צו אָט די דאָזיקע פּעסימיסטישע געדאַנקען? דיין אייגן לעבן איז נאָך נישט איינגעשטעלט און נישט איינגעוואָרצלט געוואָרן, מאָנאַט... וואָרום נישט קוקנדיק אויף דיין גאַנצער

אַמעריקאַנישקייט, האָסטו דאָך אַלץ ליב האָטעלן,—האַ, מאָנאַט? אָט: דו פאָרסט שוין אַזוי לאַנג אַרום, און צינדסט אומעטום אָן שריפות, מאָנאַט. עס דאַרף הייסן: דו ווילסט פאַרבעסערן דעם אַרבעטערס לאַגע... דו ווילסט לעשן, צי פונאַנדערבלאָזן דעם אַרבעטערס שנאה?...

—אָבער דאָס זענען דאָך בלויז ווערטער, מאָנאַט. ס'איז דאָך דיין אייגענע אומרויִקייט, וועלכע דו ווילסט אינם פייער שטילן: ווייל דו אַליין האָסט נאָך אין ערגעץ דיין היים נישט געמאַכט, ווייל דיין רויק אָרט איז נאָך אין ערגעץ נישט געפונען, ווייל דו ווייסט דאָך נאָך אפילו ניט אין וועלכן לאַנד דו וועסט אַ רו געפינען... דיין טונקלזען פונם איצטיקן יידישן לעבן האָט זיך גענומען דערפון—ווייסט, מאָנאַט?—ס'האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דו ביסט אָפגעריסן געוואָרן פון יידן, מאָנאַט!

—נו, יאָ, דו האָסט שוין אויף דעם אַ פאַרטיקן ענטפער... דו זאָגסט, אַז דו ביסט בעצם נישט און ווילסט נישט זיין קיין מאַרטירער, און דיר איז שוין נמאס געוואָרן צו שטיקן זיך אין געטאָ, און דאָס גאַנצע יידיש-יידישע לעבן אין אַמעריקע איז דאָך איין געטאָ! — טאָ זאָלסטו אָבער וויסן זיין מאָנאַט: יידישע-יידן מוזן ביי אונז אַלע מאָל און אומעטום וווינען אין אַ געטאָ...

אַז מאָנאַטן האָבן זיך צולעצט אָנגעהויבן קלעפּן די אויגן, און אַ מידקייט האָט אײַנגאַנצן אָפּגעשוואַכט זיינע פינגער, איז שוין געווען פרימאָרגן: אַ קילער, טרוקענער, אָנהויב-ווינטערדיקער זונטיק-פרימאָרגן.

מאָנאַט האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. די לופט איז געווען טרוקן-פרעסטלדיק און קיל-ליכטנדיק. דער ים האָט זיך אינם פרימאָרגן מיט פאַרגליווערטער, פערלמוטערדיקער איידלקייט געצויגן קעגן עטלעכע ווייט-אַרומשווימענדיקע שיפן.

ס'איז נאָך געווען שטיל אויפן אינזל. די זון איז נאָך נישט אויפגעגאַנגען; בלויז אַ מילכמאַן איז ערגעץ אויף אַ זייטיקער סטעזשקע איילנדיק דורכגעפאָרן מיט זיין וואָגן, און האָט פונאַנדערגעפירט מילך. ס'האָבן שוין געקלונגען די גלאָקן פון דער סט. דזשאָזעפס קירך צו דער צווייטער מעסע.

דער טיש איז געווען דורכאויס אָנגעוואָרפן מיט פּאַפּירן, — מאָדנע דערוויטערטע, פרעמד־אייגענע ווייסע פּאַפּירלעך, — פון ערגעץ אָנגעפלויגענע שלו־פויגל. מאָנאַט האָט זיי אויפגעהויבן און דורכגעזיפּט דורך זיינע פינגער, די דאָזיקע פּאַפּירלעך. שולדיק־שעמעוודיק, ווי זיך פאַרענטפערנדיק פאַר עמעצן, האָט ער געשמייכלט:

— הייסט עס, איך האָב פּאָרט געשריבן... פּאָרט געשריבן.

X

א

קודראַוו איז אַרומגעגאַנגען די לעצטע עטלעכע טעג מיט אַ אַרבעטערקייט אין האַרצן, אַ פאַרביטערטקייט, וועלכע ער האָט נישט געהאַט אויף וועמען אויסצולאָזן. פון די דריי שוועסטערס הויז האָט מען אים פאַרטריבן אַזוי גיך, ווי מען האָט דאָרט אויסגעפונען, אַז זיין גוף פוילט.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, אַ ברענענדיקער און אַ קאָכנדיקער, ווי אַ שטייף־צוגעדעקטער הייסער קעסל, אַן אָנגעפילטער מיט דאַמפן און פאַרשטיקטע ריחות. ער האָט, נישט קוקנדיק אויף זייער פאַרבאָט, פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט יעדע נאַכט אייגינקער אַליין אַרויספאָרן אַהין, צו די דריי שוועסטער, מיטן שיפל. ער פלעגט עס דאָרט צובינדן צו אַן אלטן, מיט מאָך און שליים באַדעקטן, גליטשיקן פליטל, וועלכער האָט זיך דאָרט פון תּמיד אָן האַלב געשווענקט אינם וואַסער, — אַביסל ווייטער פונם שאַרפן קלין יבשה, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען דאָס בונט־געפאַרבטע שטיבל פון די דריי שוועסטער, און וואָס האָט אַרויסגעשאָסן אין ים אַרויס.

צוגעבונדן דאָס שיפל, פלעגט ער דערנאָך אויסטון די שיך, פאַרקאַטשען די הויזן ביז די קני, און דורכבראָדזשען דאָס איבעריקע ביסל וועג דורכן וואַסער, איבערן שטייניקן גרונט. די שפּיציקע שטיינער אויפן ים־גרונט האָבן געשטאָכן די באָרוועסע פיס, נאָר ער האָט עס נישט געפילט. אַ דערשראָקענער קראַב, אויף וועלכן ער

איז איינמאָל אין דער פינסטער אַרויפגעטראָטן, האָט זיך מיט די שאַרפע קלאמערן איינגעגעסן אין קודראווס אַ פוס־פינגער. קודראוו, אַ צעטומלטער, האָט אים נאכגעשלעפּט נאָך זיך אויפן ברעג אַרויס. אַ כּעסדיקער, אַ דערשראָקענער, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם קראַב פאַרן האַרטלעכן, פּילפּיסיקן קערפּערל זיינעם און מיט געוואַלט געוואָלט אַרונטעררייסן פונעם פוס. נאָר דער קראַב, וואָס שטאַרקער קודראָוו האָט אים געריסן, האָט זיך נאָך עקשנותדיקער איינגעגעסן מיט די קלעשטשעס אין קודראָווס פלייש. קודראָוון האָט אָנגעכאַפּט אַ חלשות ביים האַרצן, און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון. ער איז לסוף אַ דערשעפּטער אַנידערגעפאַלן אויפן נאַכטיק־קאַלטן זאַמד, האַלב־פאַר־חלשט. אַז ער האָט זיך אין אַ צען מינוטן אַרום אויפגעכאַפּט און געקומען צו זיך, האָט דער קראַב זיך שוין אַליין געהאַט אָפּגעטראָגן. נאָר אויף קודראָווס פוס־פינגער זענען פאַרבליבן בלויע צייכנס, פון וועלכע עס האָט, דאַכט זיך, געראונען בלוט.

אָט אַזוי פלעגט ער זיך נאַכט נאָך נאַכט, שטילערהייט, אַ באָר־וועסער, איינינקער־אַליין אַרומגנבענען אין דעם קליינעם וועלדל, וואָס האָט זיך געפונען האַרט הינטער די פענסטער פונעם הייזל פון די דריי שוועסטער. דערהערנדיק אַ שאָרך, פלעגט ער זיך גלייך אַרונטערלאָזן אויף דער ערד, אַוועקקריכן פון די פענסטער, און צוריקקריכן איבערן נאַסן גרונט אויף אַלע פיר.

עס איז שוין געווען איצט גאָר שפּעט אין האַרבסט. אַ עסנדיקער ווינט פלעגט אָפּט און פלוצלינג אָנהויבן דורכשטעכן די קליידער מיט שאַרפע שפּיזלעך. דורכשטעכן ביז אין טיפן לייב אַריין. קודראָוו פלעגט אין אַזוינע נעכט אינגאַנצן דורכגענעצט ווערן, זיינע קליידער פלעגן אים צוגעקלעפּט ווערן צום לייב און אויסזען פלעגט ער אין יענע נעכט ווי אַ נאַסער, צעפּאַטלטער, הימלאָזער הונט.

ווען אַרום און אַרום איז קיין שום שאָרך נישט געווען, און ער פלעגט צוקריכן גאָר נאָענט צום הייזל, פלעגט ער זיך שטילערהייט, מיט פאַרטייעטן אָטעם, אויפהויבן און פון אונטער אַ בוים אַרויס, מיט אַ פאַרפלאַמטן פּנים און ברענענדיק־גזלנישע אויגן, קוקן אַזוי נאָכאַנאַנד אין די פענסטערלעך אַריין. סיי ווען דאָרט פלעגט ווערן

מיטאַמאָל פינסטער, און סיי ווען דאָרט איז געווען ליכטיק. ער פלעגט קענען אָפּשטיין אַזוי אונטער די פענסטערלעך לאַנג-לאַנג. דעמאָלט, אין אַט יענע מינוטן, האָט ער גאָרנישט געפילט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. שאַרפער ווינט און שטעכעדיקער רעגן האָבן אים דעמאָלט אַזוי ווייניק גערירט, אָט פונקט ווי ער וואָלט געווען אַליין עפּעס אַ פאַרהאַרטעווע-טער געוויקס אַזאַ אינם אַרומיקן וועלדל.

נאָר איינמאָל, אַז ער איז אין אַ קאַלטן רעגנדיקן, שטאַרק-טונקלען אָוונט אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד אונטער אַ טריפנדיקן בוים,—אָפּוואַרטנדיק, ער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס, ביז טיף אין נאַכט אַריין,—האָט ער ענדלעך באַמערקט, אַז אין די פענסטער איז עפּעס צו-לאַנג פינסטער... קיין לאָמפּ ווערט דאָרט נאָכאַנאַנד גאָרנישט אָנגעצונדן!

ערשט איצט איז אים געוואָרן אויפפאַלנדיק: ער האָט דאָך באָך אייגנטלעך דעם גאַנצן אָוונט קיין פייער אין הייזל ניט געזען. זיין צעהיצטער מוח האָט אים דאָרט, אינם פינסטערן הייזל, דעמאָלט אָנגעהויבן פאָרצושטעלן פאַרשידענע רויטע, בלוטיק-צעבליטע בילדער פון אַ ווילדן יום-טוב פונם גוף. יעדן אָוונט אפילו פלעגן די לאָמפּן אינמיטן דערינען — פון דרויסן האָט זיך אויסגעדוכט: גאָר אָן אַ שום באַזונדער אורזאַך דערצו—אויסגעלאָשן ווערן. נאָר די טראָגעדיקע, היציק-שווייגנדיקע פינסטערניש, וואָס פלעגט קודראָוון אַזוי ווילד מאַכן, פלעגט קיינמאָל אַזוי לאַנג נישט אָנהאַלטן, ווי דאָס מאָל.

שטילערהייט, מיט שטאַרקן האַרץ-קלאַפּעניש, אויף אַלע פיר, האָט קודראָוו פון הינטערן בוים אַרויס זיך צוגעגנבעט צום הייזל און געוואָלט אַריינקוקן דורך אַ פענסטער-שויב. און ערשט איצט האָט ער דערזען: די פענסטער זענען אַלע געווען פאַרקלאַפּט מיט לאָדנס. און ווען ער איז שוין איצט מיט מער זיכערקייט, אַרומגעגאַנגען אַרום הויז, האָט ער באַלד דערזען, אַז אַלץ, אפילו די טיר, איז שוין אויך פאַר-קלאַפּט מיט גרויסע ברעטער אין דער פאָרם פון אַ שתי-וערב.

די שוועסטער זענען שוין, הייסט עס, אַוועקגעפאָרן אין שטאָט איבערן ווינטער. נאָר אַרום און אַרום דעם שטיבל איז געווען שטיל אַזוי און ציכטיק-צוגעקליבן, און קיין הויזלעכער אָפּפאַל, קיין מיסט, אָדער אַזוי אַרויסגעוואָרפענע, אומנויטיקע חפצים איז אין ערגעץ ניט געווען צו זען ווי געוויינלעך לעבן אַ הויז, פון וועלכן מען קלייבט

זיך אַרויס אויף אַ לענגערער צייט. ס'האָט זיך דעריבער קודראָוון געוואָלט דוכטן, אַז די שוועסטער זענען בלויז אויף אַ קורצער ווײַלע, דאָ נישט ווייט ערגעץ, אַוועקגעגאַנגען, און קערן זיך תיכף אום צוריק.

ער האָט גענומען דעמאָלט און אַרומגעקרייזט עטלעכע מאָל דאָס הויז, ווי אַ געטרייער איבערגעלאָזענער שומר. ער האָט נאָכאַנאַנד באַטאַפּט די פענסטער און די טירן, מיט הונגעריקע הענט באַטאַפּט און באַשמעקט מיט ציטערדיקע נאָז-פליגלען אַלץ, וואָס האָט אים דערמאָנט אָן דער נאָענטקייט פון די דריי יונגע פרויען. און דערנאָך, אַז קיין באַקאַנטער לייכטער פרויען-טראָט האָט זיך נאָך אַלץ פון ערגעץ דורכן וועלדל נישט געלאָזט הערן, איז ער אַרויף אויף דער ווערענדע און האָט זיך אַוועקגעלייגט פאַר דער טיר. פון קעלט האָט ער זיך אַזש צונויפגעקאָרטשעט; ער איז דאָרט אַזוי אָפּגעלעגן אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין אויף דעם האַרטן דיל, ווי אַ פאַרלאָזענער הונט, און האָט פאַר זיך געוואָיעט שטיל.

ב

אויף טהענקסגיווינג-דיי *) איז ער געפאָרן אין שטאָט אַריין מיט אַ פעסטן באַשלוס.

— אָ, ער איז נישט דן — ער וועט זיך נישט לאָזן פירן פון איר פאַר דער נאָז... וואָס פאַר אַ שטיק וועט זי עס פּראַווען מיט אים? זי איז דאָך אַ חתונה-געהאַטע—יאָ צי ניין? נו, איז דאָך איר אַלץ איינס...

אַז ער איז געקומען אין ניו-יאָרק האָט ער די ערשטע זאַך צוגעגרייט אַ צימער וווהין ער זאָל זי קאָנען אַרויפנעמען, ווען ער וועט זיך מיט איר טרעפן. ער האָט געהאָפט און בלינדערהייט געבעטן עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם כוח, זיין גורל, אַז עס זאָל דעמאָלט גראָד זיין אַ רעגן... אַז עס וועט גיין אַ רעגן, וועט ער האָבן אַן אויסרייד אויף נישט צו שפּאַצירן מיט איר אין דרויסן, און אויף איינלאַדן זי צו זיך.

ער האָט אַראַנזשירט מיט איר טעלעפאָניש אַ באַגעגעניש. דאָס איז אים, להיפוך זיינע דערוואַרטונגען, אָנגעקומען זייער גרינג. זיין זעלבסט-זיכערקייט איז אויפגעשוואָלן צו אַ גוואַלדיקער גרויס ווען ער

*) אַן אַמעריקאַנישער יום-טוב.

האָט דורכן טעלעפאָן דערהערט, אַז ראיע וויל זייער גערן טרעפן זיך מיט אים.

ער האָט זי אָפּגעוואַרט אויפן באַשטימטן אָרט, געוואַרט אויף איר עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. אינם קלאָרן, שטאַרק-זוניקן שפּעטן נאָכמיטאָג האָט קודראָוו נאָכאַנאַנד געשאָלטן מיט ביטערע קללות קעגן דעם ריינעם, לילאַ-בלויען הימל, קעגן דעם קיילעכדיקן גאָלדענעם קויל פון דער זון, וואָס האָט מיט לעצטער, פאַרשווענדערישער ליבע געלויכטן אין אָט יענעם שפּעטן נאָכמיטאָג: יאָ אַלץ איז געווען קעגן אים... ס'איז געווען גראָד אויף צו-להכעיס איינער פון די רייכע, זוניקע, שפּעט-האַרבסטיקע טעג פון נאָוועמבער און די קלאָרע לופט האָט מענטשן פאַרשכורט מיט עפּעס אַ שמעקנדיקער ווייניקייט.

עס איז שוין באַלד געוואָרן אָוונט, און ראיע איז נאָך אַלץ נישט געקומען. קודראָוו האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז אויב דער אָוונט זאָל אויך זיין אַזאַ שיינער, ווי דער טאָג, וועט אים אוודאי זיין שווער אי-בערצורעדן ראיען, זי זאָל אַריינגיין מיט אים אין הויז. אָבער ער האָט באַלד, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, דערזען אַ צייכן פון גערעכטיקייט פון דער וועלט בנוגע אים, ווען אָוונט-צו האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן דו-נערן און בליצן און ס'האָט באַלד אַ פליאָך געטאָן אַ קאַלטער, שמייסנ-דיקער גוס-רעגן. מיט פינסטערער, ברוזיזנדיקער פרייד האָט קודראָוו גע-וואַרט אויף איר לעבן דער סאָבוויי-סטאַציע שעהן גאַנצע אינם פליאָכנדיקן מבול. זי איז אָבער אַלץ נישט געקומען.

ראיע איז גראָד יאָ געהאַט אַרונטערגעקומען צום פּלאַץ פונם ראַנדע-וואו, ווייל זי האָט געוואָלט אויסגעפינען ביי קודראָוון וואָס דן מאַכט. זי איז געווען זייער באַאומרויקט. דן האָט איר שוין לעצטנס אינ-גאַנצן אויפגעהערט צו ענטפערן אויף אירע בריוו. זי האָט שוין אַ שטיק צייט גאָרנישט דערהאַלטן פון אים, חוץ אַ קליין צעטעלע מיט אַ פּאָר שורות, מיט עטלעכע טעג צוריק אין וועלכע עס האָט זיך קורץ געזאָגט, אַז ער וועט מעגלעך קומען אין שטאָט אויף אַ פּאָר טעג, אַזוי אַרום טהענקסגיווינג-דיי. זי האָט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט אַרויספאָרן מיט אים ערגעץ אין אַ האָטעל אויפן לאַנד אויף אָט די פּאָר טעג. אָ, אָט דאָס וועט זיין פאַר אים אַן איבעררעשונג... נאָר אין דער סאַמע לעצטער מינוט, טאַקע היינט אין דער פרי, האָט זי דער-האַלטן פון דן ווידער אַזאַ קורצן צעטעלע, וועלכער האָט איר פּאַר-

שאַפּט שטאַרק האַרץ־קלאַפּעניש. אינם צעטעלע זענען ווידער געווען בלויז אַ פּאָר געציילטע ווערטער:

— ניין, ער וועט נישט קומען. ער קאָן נישט קומען.

נישט־קוקנדיק אויפן שלאַקס־רעגן, איז ראיע דעריבער אַרונטערגעפאָרן פון איר היים אין דעם ווייטן, פאַרלעגענעם טייל בראָנקס, צו זען קודראָוון. זי האָט געוואָלט ביי אים אויסגעפינען אַלץ, וואָס ס'וועט זיך נאָר לאָזן. נאָר אַז זי האָט פון דער צווייטער זייט גאַס באַמערקט קודראָווס פינסטערן און אָנגעכמורעטן פנים, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעשפּרייט אַזאַ פאַרצווייפלטע, אַזאַ מוראדיקע אַנטשלאָסנקייט, האָט זי זיך פאַר אים מיט אַמאָל שטאַרק דערשראָקן... איר האַרץ האָט זי איבער עפּעס נישט דערלאָזן צו גיין צו אים. זי האָט גלייך גענומען און אויף גיך צוועקגעאיילט אַהיים.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט קודראָוו געקראָגן פון איר אַ בריוול. זי אַנטשולדיקט זיך. ס'טוט איר זייער באַנג. ער, קודראָוו, פאַרשטייט דאָך אַליין, וואָס ס'קאָן אַמאָל פּאַסירן. איר מאַן איז עפּעס לעצטנס געוואָרן זייער פאַרדעכטיק אויף איר און לאָזט זי פּשוט פון אויג נישט אַרויס. זי איז שוין טאַקע געווען יענעם אָוונט אַרויסגעגאַנגען פון הויז, נאָר זי האָט באַלד דערשפּירט, אַז מען גייט איר נאָך. „עפּעס האָט זי געפילט אַזוי מיטן גאַנצן לייב, אַז מען גייט איר נאָך...” זי האָט זיך דעריבער געמוזט פון מיטן וועג פאַרקירעווען, און זיך אומקערן אַהיים.

צום סוף פונם בריוול איז געווען אַ קליינע ידיעה, — אַ פּאָסט־סקריפּט, אַ נישט וויכטיקע נייס, וואָס זי האָט שיר נישט געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם, נאָר אין דער לעצטער מינוט איז עס איר גראָד איינגעפאַלן.

„יאָ... עס קאָן זיין, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, ניטל־צייט, זאָל זי אַרונטערקומען קיין פּרינסעס־בעי, — ווי באַלד אַז קודראָוו האָט איר שוין אַזוי פיל מאָל גערימט און געלויבט דעם דאָזיקן אָרט. נאַטירלעך, זי קאָן אים נישט פאַרשפּרעכן אויף געוויס, אַז זי וועט קומען, אָבער ס'קאָן זיין און זייער פּאַסירן... ס'איז אפילו כמעט, ווי זיכער.”

קודראָוון האָבן דערנאָך די גאַנצע צייט אָנגעפילט פינסטערע זאָרגן. וועגן דנען איז אפילו קיין איין וואָרט נישט געווען אינם דאָזיקן בריוול. נאָר עפּעס האָט געבלאָזן אויף אים אַזאַ קילנדיקע, אַזאַ

פאַרהוילענע אָפּשרעקנדיקייט פון צווישן די שורות פון ו׳איעס בריוול...
אַז ער האָט איינמאָל אַ שטיק צייט נאָכאַנאַנד און איינגעשפּאַרט גע־קוקט אַזוי אויפן דאָזיקן בריוו, האָט מיטאַמאָל דנס פאַרטראַכטע און „איידעלע״ געשטאַלט אים אָנגעהויבן אַרויסלייכטן פונם בריוו, אָט ווי מען דערזעט אַ וואַסער־פאַרב־צייכענונג אויף אַ וועקסל־פּאַפּיר, ווען מען האַלט עס קעגן ליכט.

קודראָוו איז ערשט דעמאָלט געוואָרן זיכער בײַ זיך, אַז דאָס קומט זי גאָר זען דנען, נישט אים. אים, קודראָוון, גוצט זי אַוודאי בלויז אויס, ווי אַן אויסרייד, אָדער גאָר, ווי אַ כּלומרשטן „קאָנקו־רענט״, כּדי דורך אים, נישט לאָזן דנען זיך אינגאַנצן דערווייטערן פון איר... און דן, מכּלומרשט, באַמערקט עס גאָרנישט... בכּלל איז עס דאָך קלאָר, אַז עס איז אַ קאָנספּיראַציע פון זייער ביידנס זייט קעגן אים.

קודראָווס מוח איז אין דער מינוט פאַרלאָפן אינגאַנצן מיט בלוט. גוט איז נאָך געווען, וואָס דן האָט זיך דערבײַ נישט געפונען. קודראָוו וואָלט זיך זיכער געווען אַ וואָרף געטון אויף אים און אים דערשטיקט, אָט דעם דאָזיקן קליינעם וואָרים, אָט דעם דאָזיקן אינטעליגענטן „נישטל״... באמת, וואָס פאַר אַ באַטרעף וואָלט ער בײַ אים, קודראָוון, געהאַט, ווען ער נעמט אים אַריין אין זיינע הענט, אין זיינע שטאַרקע האָריקע הענט, ווי בײַ אַ שימפּאַנזע? וואָס וואָלט שוין דעמאָלט געוואָרן פון אַלע זיינע דנישע, מ׳שטיינסגעזאָגט, פאַנטאַזיעס, „איבערלעבענישן״ און גרויסהאַלטעניש...

פון דעמאָלט אָן האָט ער פאַרמיטן צו בלייבן מיט דנען אַליין אין הויז.

ג

בײַ סטיוועגסן אין האָטעל, האָבן זיך אין אַ פּאָר צימערן אויפן מיטלסטן שטאָק באַזעצט עטלעכע מיידלעך. עטלעכע גרויסשטאָטישע מיידלעך.

צוערשט זענען געקומען אַהין בלויז צוויי מוידן; זיי האָבן גע־וווינט צוזאַמען אין איין חדר. בײַטאָג פלעגט מען זיי אין ערגעץ נישט זען. נאָר אין די אָוונטן פלעגט מען זיי תּמיד טרעפן אונטן,

אין דעם תמיד-טומלדיקן און אָנגערודערטן האָטעל-פאיע, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער „באר” און פונם סאַלאָן מיט אַ זיך-הוידעדיק טירל, וואָס האָט זיך געעפנט איןביידע זייטן. זיי האָבן, ווייזט אויס, קיין אַנדער באַשעפטיקונג נישט געהאַט דאָ ביים ברעג, די דאָזיקע צוויי מוידן, ווי זיך יעדן אָוונט גרויסשטאָטיש אויסצופוצן, אָנטון קורצע קליידלעך, וואָס האָבן זיי דערגרייכט ביז די קני, און זענען זיי געהאָנגען מיט זיידענע בענדלעך איבער די נאַקעטע אַקסלען; זיך אויסשמירן דאָס פנים געדיכט מיט רוזש און שמינקע, זיך אויסווייקן אין פאַרפומען און וואַסערלעך, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ שאַרפן גערוך, אַז זיי פלעגן די פישער-לייט אַזש פאַרטשאַדן די מוחות און פאַרשאַפן קאָפּ-ווייטיק...

דעם ערשטן אָוונט, אַז זיי זענען אַרונטער אין פאָיע פון זייער צימערל אין דער הויך, אָנגעטוענע אין די קורצע קליידלעך מיט די אינגאַנצן אַנטבלויזטע אָרעמס, ווי די הערעלעך אונטער די פאַכוועס זענען ביי זיי געווען אויסגעבערענט, ווי ביי כאָריסטקעס; מיט די שטאַרק-אָנגעפודערטע העלזער, וועלכע זענען זיי געווען ווי מיט אַ סך מעל באַשאָטן, — האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין אַ פּאָר ווייכע שטולן און — גאָרנישט, געוואַרט. דער עולם האָט אויף זיי געקוקט מיט גרויס נייגעריקייט און—גאָרנישט, אויך געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין. מען האָט זיך דערווייל, שטאַטנע און דרך-ארצדיק, איינער מיט דעם אַנדערן איבערגעוואָרפן מיט פרעגנדיקע בליקן. נאָר דערנאָך, אַז מען איז אַביסל שוין צעוואַרעמט געוואָרן פונם אויסגעזויפטן ביר און וויסקי, האָט מען זיך שעלמיש אָנגעהויבן שטויסן איינער דעם אַנדערן מיט די עלנבויגנס אין די זייטן, אָנגעהויבן שיסן טעמפּע, הויכע וויצן,—וויצן וואָס זענען וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ דרייסטער און צוויידייטיקער; וויצן, וואָס מען האָט געקאָנט הערן אין יעדן ווינקל פון דעם פאָיע: די וויצן זענען דאָך געזאָגט געוואָרן פאַר די ווייטסטע ווענט...

מיט אַ פּאָר אָוונטן שפּעטער זענען שוין די מיידלעך געזעסן ביי די פישער-לייט אויף די שויסן און, — מעשה אומשולדיקע מיידלעך, וואָס באַליידיקן זיך, ווען מען באַהאַנדלט זיי נישט איידל, — האָבן זיי זיי געפּאַטשט איבער די באַקן פאַר די „פרייהייטן”, וואָס די קאַוואַליערן פלעגן זיך ערלויבן.

און באַלד—די ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַ אומגעהויערער

שנעלקייט, ווי אַ ווילדער פייער אין וואַלד—באַלד האָט זיך די גאַנצע געגנט אַרום, דערוווּסט פון דעם דאָזיקן טשעקאַוון נייעס... ביי סטיווענסן איז געוואָרן שטאַרק באַשעפטיקט און טומלדיק יעדן אָוונט. דער עולם—דערעיקרשט די אַרבעטער פון ליסליס פאַבריק—פלעגט שוין פאַרבלייבן דאָ ביז גאָר שפעט אין דער נאַכט אַריין. אַ׳ע קונדן זענען אַוועק פון מרס. פאַרנעלן, אַפילו די עלטסטע ברעג-לייט, שוין אָפגערעדט פון די פאַבריק-אַרבעטער.

אינגיכן זענען אין סטיווענסעס האָטעל צוגעקומען נאָך עטלעכע מיידלעך; זייער צאָל האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרגרעסערט. זיי האָבן שוין באַלד פאַרנומען דעם גאַנצן אויבערשטן שטאָק. דער פאַיע פלעגט זיין פול מיט זיי יעדן אָוונט. אָט פלעגט איינע פון זיי פאַרשווינדן מיט די טרעפ, וועלכע פלעגן פירן אין דער הויך, אָט אַ צווייטע. די לאָדנס פון דעם אויבערשטן גאָרן פלעגן שוין גאָר פרי אין אָוונט צוגעמאַכט ווערן.

מיט אַ פאַרשולדיקטן שמייכעלע האָט דעמאָלט, אין איינעם אַ שטאַרק-טומלדיקן אָוונט, סטיווענס געבעטן מאָנאַטן, ער זאָל זיך זען אַרויסקלייבן פון דאַנען.

— צו אים, סטיווענסן, איז די לעצטע טעג געקומען צופאָרן אַ היפש ביסל פאַמיליע, — מערסטנס „ווימען-פאָלק"... עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי מאַכן אָן אַ סך טומל,—פאָרט ווייבער... נו, זיי מוזן דאָך אוודאי שטערן מר. מאָנאַטן אין זיין אַרבעט?

נאָר מאָנאַט האָט סטיווענסן זייער שטאַרק אָנגעהויבן באַדאַנקען פאַרוואָס ער נעמט זיך אַזוי פיל צום האַרצן זיין, מאָנאַטס, ווילזיין.

—ניין, מר. סטיווענס, עס מאַכט אַבסאָלוט נישט... קיינער וועט אים נישט שטערן אפילו, אַז ער וועט פאַרבלייבן אין זיין פריערדיקן אָרט... אים אַרט בכלל נישט דער דאָזיקער טומל: פאַרקערט, ער האָט גאָר שטאַרק ליב אַזאַ געזעלשאַפט...

און חוץ דעם, קאָן ער דאָך דעם האָטעל נישט פאַרלאָזן: קיין אַנדער האָטעל איז דאָך דאָ נישטאָ; און ער האָט זיך שוין דאָ דערוואָרבן אַזוי פיל פריינט און באַקאַנטע ביים ים-ברעג, מאָנאַט...

סטיווענס האָט זיך דעמאָלט אַביסל געקנייטשט, געקווענקלט, האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיט געוואַלט קאָן מען מאָנאַטן נישט צווינגען זיך אַרויסקלייבן. האָט ער גענומען און אים אַריבערגעפירט אין אַ קליין חדרל אויפן בוידעם, — אַ בוידעם-חדרל, וואָס פלעגט געוויינלעך קיינמאָל נישט באַנוצט ווערן.

אָבער מאָנאַט איז, קענטיק, פון אָט דעם נייעם חדרל אויך פאַרבלי ן שטאַרק צופרידן... באמת, אים איז שוין שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס אונטן פלעגן לעצטנס תמיד זיך פאַרזאַמלען אַ סך אַרבעטער פון דער פאַבריק; דאָס וואָס פיל פון זיי—און גראָד די עלטערע—פלעגן אָפליגן איצט ביי סטיוועגסן גאַנצענע טעג. ווייל גראָד אָט די עלטערע פאַבריק-אַרבעטער, די היגע, ביים ברעג געבוירענע, זענען איצט אַרומגעגאַנגען אָן באַשעפטיקונג; זיי האָבן דעריבער סיי-ווי גאָרנישט געהאַט צו פאַרלירן. די יונגע אַרבעטער — מערסטנס, איטאַליענער און פּאָליאַקן — וועלכע האָבן יאָ געהאַט באַשעפטיקונג אין דער פאַבריק, פלעגן אָבער דערפאַר אויך האָבן גענוג געלט צו פאַרטאַכלעווען,—זיי פלעגן דאָ אָפליגן דורך די נעכט.

און מאָנאַט איז איצט געווען שטאַרק פאַרטון, אָ, ווי פאַרנומען... ער האָט שוין איצט דאָ געהאַט עטלעכע געהיימע געהילפן וועלכע מען האָט אים צוגעשיקט פון ניו-יאָרק, — צוויי געזונטע, ברייט-פּלייציקע אירלענדער מיט רויטע האַרט-אַרומגעשוירענע קאַרקעס. זיי האָבן שטענדיק געקייט און געשפּיגן שטיקער טונקל-ברוינעם קיי-טאַבאַק, נאָכאַנאַנד געקייט און געשפּיגן. מאָנאַט מיט אָט די געהילפן זיינע האָבן זיך די גאַנצע צייט געמישט צווישן עולם, זיך געחברט מיט אַלעמען, געשטעלט דעם עולם ביר און נאָכאַנאַנד געשושקעט זיך דאָ מיט דעם, דאָ מיט יענעם.

קודראָוו פלעגט זיך דאָ, אין ביר-סאַלאָן, אויך אַרומוואַלגערן די לעצטע צייט. ער האָט שוין איינטלעך ביים ברעג ים מער גאָרנישט געהאַט צו טון. ביי ליסלין אין הויז איז שוין כמעט די גאַנצע מוליערי-אַרבעט געווען פאַרטיק. בלויז דן אַליין איז דאָרט פאַרבליבן צו פאַרענדיקן עטלעכע קליייניקייטן. קודראָוו האָט געזאָלט נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק אָפּפאָרן פון דאַנען. נאָר ער האָט נישט געקאָנט—ער האָט געוואַרט, אַז די טעג זאָל אַרונטערקומען ראַיע... ער האָט אָבער נאָך נישט געוווסט, וואָס וועט פון דעם אַרויסקומען.

דנען האָט קודראָוו געזאָגט, אַז ער פאָרט דעריבער נישט אין שטאָט, ווייל אין ניו-יאָרק איז איצט סיי-ווי דאָ ווייניק אַרבעט. דער האַרבסט-סעזאָן ביי די מוליער-אַרבעטער איז שוין איצט לאַנג פאַרביי,

און ביזן פרילינג-סעזאָן איז נאָך דאָ געגוג צייט — ער וועט זיך דאָ דערווייל אַ ביסל אויסרוען.

דן איז שוין אויך כּמעט פּאַרטיק געווען מיט דער אַרבעט, נאָר סאַמע אין די לעצטע טעג האָט זיך בערעניס מיט אַמאָל אַרומ-געזען, אַז מען דאַרף אינווייניק, אין הויז, אויך איבערפאַרבן עטלע-כע פאַרלאָזטע ערטער. זי האָט געפעלט ביי איר פאָטער, מען זאָל פאַרהאַלטן איין מוליער אויף נאָך עטלעכע טעג. אין אַ קילן ווינטיקן אָוונט פון סוף-נאָוועמבער, ווען דן האָט שוין געהאַלטן אין אויס-וואַשן די פאַרב-בערשטלעך אין בענזין, און אין פאַרפּאַקן די איג-סטרומענטן, איז צו אים צוגעגאַנגען ליסליס סופּעראינטענדענט און אים געזאָגט, אַז ער זאָל דאָ פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג. ס'איז דאָ נאָך אַ ביסל אַרבעט. אָבער איין מענטש קאָן עס שוין באַזאָרגן. האָט מען געבעטן ליסלין, אַז דן זאָל עס טאָן אָט די אַרבעט.

ער האָט אויסגעפּאַרבט אַ פּאָר שפּיזאַרניעס, איבערגעפאַרבט די קיך אין ליכטיק-גרוי פון אויבן און אין אָראַנזש-קאָליר—די אונטערשטע העלפט. בערעניס פלעגט זיך דאָ אָפט אַרומדרייען בשעת דער אַר-בעט. זי פלעגט אַזוי אָפּשטיין דאָ גאַנצע שעהן ניט ווייט פון דנען און צוקוקן, ווי ער שטייט אויף אַ ברעט, איבערגעלייגט איבער צוויי לייטערס, און פאַרבט דעם סופיט פון דער ריזיקער, אַלט-מאָדישער קיך. זי האָט געוווסט, אַז דן איז מאָנאַטס אַ פריינד; זי פלעגט זיי אָפט באַגעגענען צוזאַמען. איצט איז זי געשטאַנען נישט ווייט פון דנען און דאָס אַליין האָט זי אָנגעפילט מיט אַן אָנגענעמער אומ-רויקייט.

אויך גאָס פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אַהער אין זיינע לאַנגע, גלאַנציקע שטיוול און לעדערנער שאָפּערשער קורטקע. ער פלעגט פאַרבלייבן דאָ אַ ווײַלע זיך אָנוואַרעמען. אין דרויסן איז שוין איצט געווען גאָר קאַלט, — ס'איז שוין געווען נישט ווייט פון אָנהויב-ווינטער. אַמאָל פלעגט זיך דאָ אויך אויף אַ מינוט באַווייזן מר. ליסלי — ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דן האָט אים געזען אַרומגיין מיט זיינע אייגענע פיס אויף גאָטס ערד. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ ברייט-קיילעכדיקער, ווי אַ פעסעלע, און שוין אינגאַנצן גרוי. אָנגעטון אייגפאַך, און שטיל-בכבודיק. ער איז דאָ

דורכגעגאַנגען מיט פּאָרזיכטיקע און פון אויבן-שווימענדיקע טריט, ווי נישט וועלנדיק זיך טמא מאַכן פון באַרירונג מיט דער קיך. ער האָט קיין איינציק מאָל קיין קלאַנג פון מויל נישט אַרויסגעלאָזן. ער איז שטיל אַרומגעגאַנגען און באַקוקט די נייַ־געפּאַרבטע ווענט. אַז ער פלעגט דאַרפן אויף עפּעס אויפמערקזאַם מאַכן דנען, פלעגט ער עס נישט טון דירעקט, נאָר דורך דער דינסט.

מר. ליסלי האָט גוט געוווסט וועגן דעם פּאָרשטייענדיקן שטרייק, נאָר ער האָט זיך וועגן דעם, אפּנים, נישט געקימערט. ער האָט זיך גאָר, גאָר ווייניק וועגן דעם געזאָרגט. פּאַרקערט. זיין קאָפּ איז, דוכט זיך, די לעצטע צייט פאַרנומען געווען מיט אַלערליי סאָרטן נאַרישקייטן און קאַפּריזן. אַזוי, למשל, איז אים איינגעפאַלן אין איינעם אַ טאָג שיקן רופן צו זיך אַזאַ ניט-אָנגעזעענעם און ניט-באַדייטנדיקן בירגער, ווי סטיווענסן, דעם אייגנטימער פון האָטעל. יענער איז געגאַנגען צו ליסלין זייער אומגערן, מיט אַ באַזאָרגט געמיט. ער האָט דאָך געוווסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און צוליב וואָס מען רופט אים. מסתמא וועט ער קריגן פונם גרויסן מאַגנאַט אַ שאַרפן אויסרייד, אַן אָנצוהערעניש, ער זאָל וואָס גיכער „אויסרייניקן" דעם האָטעל, ווייל עס מאַכט קאַליע זיינע אַרבעטער. און ליסלין וואָלט מען אוודאי געמוזט פאָלגן. ליסלין אַנטקעגן קאָן מען זיך נישט שטעלן אומבאַשטראָפטערהייט.

גרויס און אומבאַשרייבלעך איז אָבער געווען זיין דערשטוינונג, ווען ליסלי האָט אים אויפגענומען ביי זיך אין קאַבינעט און נישט ביי דער הויז-טיר, — אויפגענומען אים פריוואַט, ווי עפּעס אַ וויכטיקן געשעפטסמאַן... ער האָט בלויז פאַרגעסן צו בעטן אים זיך זעצן. נאָר אפשר איז שוין דאָס געווען נישט נויטיק. ער האָט דאָך דעם שטוינענדיקן סטיווענסן בסך-הכל געדאַרפט זאָגן אַ פּאָר ווערטער:

— צו מיינע אויערן — האָט ער אים געזאָגט אין דעם רויקן, פּאָטערלעכן טאָן פון עפּעס אַ פּאַטריאַרך — צו מיינע אויערן האָבן דערגרייכט רייד וועגן דיינע גוטע טואונגען דאָ ביים ברעג... כ'ווייס, אַז דיין האָטעל איז זייער באַליבט ביי אונזערע אַרבעטער: נאָך אַ שווערן אַרבעטס-טאָג קאָנען זיי ביי דיר אין האָטעל געפינען רו און פאַרשידענע איינפאַכע, צוגענגלעכע פאַרגניגנס.

ער איז צוגעגאַנגען מיט זײַנע קורצע, שווערע טריט צום אַר־בעטס־טישל, האָט דאָרט עפּעס אָנגעשריבן. נישט קוקנדיק אויף סטי־ווענסן, אַפילו נישט אויסדרייענדיק זיך צו אים מיטן פּנים דערלאַנ־גענדיק אים הינטער אַרום אַ פּאַפּירל האָט ער אַרויסגעברומט.

— מ־ה... ס'איז נישט מער, ווי רעכט. כ'האָב אַלעמאָל גע־האַלטן, אַז אַרבעטער זענען אויך מענטשן... איז אָט — אָט האָסטו אַ טשעק אויף פיר הונדערט דאָלאַר. כ'ווייס, טאָמער פּילסטו זיך אַ ביסל געענגט אין דײַן געשעפט צוליב די נײַע הוצאות, וואָס דיר איז לעצטנס אויסגעקומען צו מאַכן.

ד

דער שטרייק איז דאָך סוף־כּל־סוף אויסגעבראָכן.

דאָס האָט פּאַסירט גאָר אומדערוואַרט.

גאָר ווייניקע פון די אַרבעטער אויף דער פאַבריק, בלויז עט־לעכע געציילטע אָנפּאַרטרויטע מאַנאַטס, די קאָמיטעט־לײַט, האָבן געהאַט אַן אָנונג וועגן דער צײַט פונם שטרייק־אויסברוך. ביזן לעצטן מאָמענט, — כאָטש אַלע האָבן שוין געוווּסט וועגן דעם נאָענטן און זיכערן אָנקומען פונם שטרייק — האָט אָבער דאָס רוב אַרבעטער נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם טאָג, ווען דער שטרייק וועט אויס־ברעכן. אַלע האָבן ספּעקולירט, זיך געוואָרט, געפּרוווט פאָרויסזאָגן דעם טאָג. אָבער אַלץ אומזיסט: דער געוואַרטער און פאָרויסגעזאָגטער טאָג איז אָנגעקומען, און אַ צווייטער, און אַ דריטער, און — גאָר־נישט. זיי, די פאַרלאָפענע טעג, האָבן בלויז פאַרשטאַרקט די אומ־רויקייט פון די אַרבעטער.

איצט האָט מען שוין איבעראַל געוווּסט, אַז דאָ, ביים ברעג ים, איז שוין אַ לענגערע צײַט געווען אַן „אָרגאַניזירער"‚—איינער פון יענע מאַכטפולע מענטשן, וועגן וועלכע מען הערט געוויינלעך נישט די גאַנצע צײַט, נאָר וועלכע שווימען אומדערוואַרט־שנעל אַרויף, אין איין, צוויי טעג, אויף דער אויבערפלאַך פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט אַ פּלוצלינגדיקער וויכטיקייט; איינער פון יענע פּלוצלינג וויכטיק־געוואָרענע לײַט, פון וועלכע מען לייענט אָפט אין די צײַ־טונגען, בשעת אַ שטרייק פון קוילן־גרעבער אָדער אייזנבאַן־אַרבעטער, אָדער האַפן־טראַנספּאָרטלער... איז נישט אַנדערש, ווי אָט דער אומבאַ־

קאַנטער פּירער האָט, אפנים, געהאַט דערביי זיינע אייגענע אויס־רעכענונגען:

געוואָלט האָט ער, ווייזט אויס, מיט אָט דער טאַקטיק זיינער ביסלעכווייז אָפּשוואַכן די איינציקע אומאָפּהענגיקע ווילנס פון די באַזונדערע אַרבעטער, לאָזן אין זיי ביסלעכווייז, נאָר זיכער און שטאַרק, אויפוואַקסן דאָס געפיל פון אייגענער הילפלאָזיקייט און געצווונגענער געהאָרכזאַמקייט.

און ער, אָט דער אומבאַקאַנטער און וויכטיקער פּירער, דער פריינד פון די אַרבעטער אויף ליסליס פאַבריק, האָט עס טאַקע אויך סוף־כל־סוף אויסגעפירט: די אַרבעטער האָבן סוף־כל־סוף אויפגעהערט צו „טרעפן״: זיי זענען אָבער גרייט געווען יעדע מינוט צו הערן דעם רוף — און פאָלגן.

אין אָט דעם פריכאָרגן, ווען דער שטרייק איז אויסגעבראָכן, האָבן זיי, פונקט ווי יעדן אַנדערן טאָג אין דער וואָך, זיך אויך היינט געצויגן אַרונטער־באַרג, צום ברעג־צו, געצויגן זיך פון אַלע ווינקעלעך פונם אינזל, פון ווייטע ישובים און דערפלעך. געצויגן זיך אויף וועלאָסיפּעדן און אויף פּלאַטפאָרמעס פון גרויסע משא־אויטאָמאָ־בילן, געגאַנגען צו פוס און געשלעפּט זיך מיט די אַלטע, פאַררוי־כערט־קויטיקע וואַגאָנעס פון דער סטעטן־איילענד אייזנבאַן.

די, וואָס האָבן זיך גראָד אַ ביסל פאַרשפּעטיקט צו דער אַר־בעט, — ס'איז געווען דער פרימאָרגן פון אַ מאָנטיק־טאָג נאָך אַ פריי־לעך־פאַרבראַכטן זונטיק — האָבן זיך נאָך געפונען אינם לעצטן וועלדל, וואָס פאַר דער פאַבריק, און האָבן מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַרויסגעוואַרט, אַז אָט־אָט, און עס לאָזט זיך הערן דער פייף פון פאַבריק־טרייבל, און זיי זענען נאָך אויף דער זייט פון דער פאַבריק... די זענען עס געווען די ערשטע צו פאַרדעכטיקן, אַז עפּעס ניט גלאַטס און ניט־געוויינלעכס הענגט אין דער לופט אויף יענער זייט בוימער.

— דוכט זיך, אַז די צייט פון פייפן פונם פאַבריק־טרייבל איז שוין לאַנג פאַריבער? אָדער זייערע זייגערס לויפן עס אַביסל אונ־טער?

האָבן זיי זיך, און די וועלאָסיפּעדן, און די שאָפערס אַ ביסל שטאַרקער צוגעאײַלט.

נאָר אַז זיי זענען ענדלעך, אָן־אָטעמדיקע, צוגעקומען צו דער פאַבריק, האָבן זיי שוין דאָרט געטראָפן די טויערן פון דער פאַבריק פאַרמאַכט. גרויסע, שוואַרצע עולמס האָבן זיך געשטויסן פאַר די טויערן.

אַלעמענס פּנימער האָבן זיך אויפגעהויבן און געצויגן צום מע־טאַלענעם קעסטל ביים קוימען.

דער טרייבל־פייף האָט אַ פאַרשעמטער און אַ פאַרשטיקטער באַהאַלטן זיך אינעם הויכן ריזיקן קוימען, וועלכער האָט זיך, ווי גע־וויינלעך, שטאָלץ און ווילטיק געצויגן קעגן הימל. נאָר קיין רויך האָט איצט פון אים נישט געשפּאַרט.

אין דער לופט, איבער די קעפּ פונם בונטיקן עולם, האָט גע־הערשט איצט אַ מאָדנע, אַן אומרויקע רו. ס'איז באמת ביי די תּמיד־פאַריאָגטע אַרבעטער געווען איצט אַן אומגעוויינלעך געפיל. ס'האָט אויסגעקוקט, די אַרבעטס־וואָך האָט מפיל געווען און געבוירן אַ זונ־טיק פאַר דער צייט.

זיך געגנוג אָפּגעוווּנדערט און זיך געגנוג אָנגעקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט אַ געמישט געפיל פון דערשטוינונג, אומרויקייט און פרייד, האָבן די אַרבעטער ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך צעלייגן אויפן אָפּגעבליאַקעוועטן, פאַרוועלקטן הערבסט־גראָז אַרום און אַרום דער פאַבריק. די ערשטע ווײַלע האָבן זיי זיך דערפילט עפּעס הילפלאָז אַזוי, אין דערוואַרטונג, ווי אַ פאַרלוירענע סטאַדע שאָף, וועלכע האָט געוואַרט אויף איר פאַסטוך. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס וועט דאָ פאַרקומען ווייטער. קיינער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט אָנטייל גענומען אין אַ שטרייק.

מחמת דער נייקייט און אומדערוואַרטקייט פון אַ רו־טאָג אין מיטן דער וואָך, איז אויף די אַרבעטער באַלד אָנגעפאַלן אַ געפיל פון יום־טובדיקייט. ליגנדיק אויפן גראָז, נישט האָבנדיק וואָס צו טון, האָט מען דערוויל אויפגעעפנט די בלעכענע צובייסנס־קעסטעלעך און פריילעכערהייט אָנגעהויבן עסן.

נאָר מיט אַמאָל, אין מיטן עסן, האָבן אָנגעהויבן פליען אין

דער לופט אומצייליקע פּאַפּירלעך. קיינער האָט נישט געזען פון וואַ־
נען זיי זענען געקומען און ווער האָט זיי דאָ פונאַנדערגעטיילט. זיי
זענען עפּעס, ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן,—דאָ, דאָרט און אומע־
טום,—אַרויסגעוואַקסן אין שטייפע, געפּאַקטע פלאַנצן־פּעקעלעך. די פּע־
קעלעך האָבן זיך באַלד פונאַנדערגעבליט און פאַרשפּרייט אַרום זיך
ווייסע אַראָפּפּאַלנדיקע בליטן, — געדרוקטע שטרייק־אויפרופן צו די
אַרבעטער. דער עולם האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיי, ווי צו אַ פּלוצ־
לינג־אַרונטערגעפאַלענעם מן, געריסן די פּאַפּירלעך איינער פ,נם אַנ־
דערנס האַנט, אין געיעג נאָך אַן עקזעמפּליאַר, געשפּרונגען און געפאַלן
איינער איבער דעם אַנדערנס קאָפּ.

באַלד זענען אַהער אויך צוגעקומען די פישערלייט פונם נאָ־
ענטן ים-ברעג — מענטשן מיט טונקל־פאַרברענטע פּנימער, וואָס האָבן
געלויכטן פון באַהאַלטענער הנאה און נקמה, — ס'האָט אויסגעקוקט,
ווי זיי וואָלטן זיך געפילט גאָר-גאָר נאָענטע מחותּנים אויף דער
שמחה פון די שטרייקער...

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער. אַ שפּעט־האַרבסטיקער טאָג,
וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אינם אָנהויב ווינטער אַהיין. דאָס וואַסער
אין ים האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט אומצייליקע זון־שאלעכצן, זילבער־
נע און קילע שאַלעכצן, וואָס זענען וואָס אַמאָל, מיטן אויפשטייגן
פון דער זון איבערן ים, אַלץ גאָלדענער געוואָרן. קלאָר איז געווען
דער טאָג און קלאָר־קיל די לופט, אויסער אין די ערטער אויף דער
זון; די לופט איז געווען אַזוי דורכזיכטיק־קלאָר, אַז מען האָט גע־
קאָנט זען גאָר ווייט אינם ים אַרויס, אויף מיילן און מיילן ווייט.

אין די קליינע „קריקס", וואָס האָבן זיך ווי וואַסער־אָדערלעך
געצויגן פונם ראַריטאַן ים-אויסגוס, זענען שוין געלעגן די פאַראַנ־
קערטע איבערן ווינטער יאַכטן און רייכע מאָטאָר־שיפן. אויפן ברעג
גופא זענען געווען אַרויפגעצויגן איבערגעקערטע, היפּשע פישער־שיפן,
וועלכע מען האָט איצט געהאַלטן אין פאַריכטן פאַרן קומענדיקן סע־
זאָן, אויספילן די שפּאַלטן מיט געדיכטן פאַרב־טייג און איבערפּעכן.
ס'איז געווען שטיל אַרום אויפן ים. דער אַלטער פעלזיקער ים־ברעג
דאָ, וועלכער איז מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק געווען אַזאַ
בליענדיקער האַפן, אין וועלכן עס פלעגן פאַרפאָרן די ליכטיקע האָ־

לענדישע זעגל־שיפן, האָט איצט, פונקט ווי אַמאָל, געקוקט אויף דעם פּאַרקומענדיקן געראַנגל אַרום אים מיט אַ קילער, רויקער קלאָרקייט פון באַוואַלדעטן פעלדז און געלן זאַמד.

דער עולם האָט זיך געפילט יום־טובדיק. מען האָט נאָך נישט געוווּסט גענוי, וואָס מען וועט דאַרפן טון איצט, אַז ס'איז שוין יאָ דאָ אַ שטרייק. מען האָט זיך הויך און מונטער איבערגעשריגן איינער מיטן אַנדערן. מען איז געווען אין אַ צושטאַנד פון פרייליכער דער־וואַרטונג.

באַלד זענען אויסגעוואַקסן צווישן עולם טראַנספּאָרט־פּלאַטפאָר־מעס. אויף זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט רעדנער. די רעדנער זענען געווען פרעמדע מענטשן, אַפּנים, אַריבערגעקומענע פון שטאָט. אַלנפאַלס, קיינער האָט זיי דאָ ביז אַהער נישט באַמערקט. ס'איז מיטאַמאָל גע־וואָרן שטיל צווישן די מאַסן עולם. און אין דער שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבן שיטן איבער זייערע אויסגעצויגענע קעפּ און גופים, אויסגעשטרעקטע אויף די שפּיץ פינגער, אַ האָגל פון דונערנדיקע, פייערדיקע ווערטער, ווערטער, וועלכע האָבן אויפגעקאָכט און אויפ־געבראויזט דאָס בלוט. די אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט מיט דורשטיקע מוחות און ברייט־פונאַנדערגעעפנטע מיילער—זיי האָבן זיך גוואַלדיק געוווּנדערט, ווי אַזוי די דאָזיקע פרעמדע מענטשן האָבן עס אַלץ אַזוי גענוי געוווּסט וועגן זייער לאַגע,—זיי האָבן דאָך פּשוט ביי זיי פון מויל אַרויסגעכאַפּט די דאָזיקע ווערטער,—ווערטער, וועלכע האָבן אַזוי מאָדנע־גוט איבערגעגעבן זייער אומצופרידנקייט און פאַר־ביטערונג, זייער לאַנגיאָריקן פאַרהוילענעם און אָפּט שוין כמעט אָפּגע־שטעמפּטן כעס און צאָרן.

ה

צווישן עולם האָט זיך דאָ אויך אַרומגעדרייט דן. ער איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק שוין אינגאַנצן פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט. אפילו מיט די דרויב־אַרבעטן, וועלכע בערעניס האָט פאַר אים לעצטנס אויסגעקראַצט. נאָר עפּעס האָט ער אַלץ נישט געקאָנט אָפּפאָרן קיין ניו־יאָרק. ער האָט געפילט, אַז ער מוז דאָ וואַרטן ביזן „סוף“ —

ביז וואָס פאַר אַ סוף?.. בלינדערהייט האָט ער געהאַט אַזאַ מין מאָדנע געפיל: אין די נאָענטסטע עטלעכע טעג וועט עפּעס וויכ־טיקס פאָרקומען דאָ... עס וועט פאָרקומען עפּעס גאָר וויכטיקס נישט נאָר אַרום אים, נאָר אויך אין אים.

ער האָט זיך דאָ איצט די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט צווישן עולם, אַרומגעדרייט זיך אַן אומצופרידענער און אַן אומגלויביקער אי אין דעם אויסגאַנג פונם שטרייק, אי אין די מאָטיוון, צוליב וועלכע ער איז אַרויסגערופן געוואָרן.

— אויב מאָנאַט איז דאָס דער אָנפירער פון דעם אַלעם, היינט ווי אַזוי קאָן עס שוין טויגן, היינט ווו איז שוין דער „העכערער זין" פון דעם אַלעם?

האָט דאָך דן נישט איין מאָל געהערט פון מאָנאַטן, אַז דאָס אַלץ איז ביי אים אַ שפּיל, בלויז אַ שפּיל... און געדענקט ער דען נישט מאָנאַטס ווערטער, ווערטער ציניש־גלייכגילטיקע, וועלכע ער פלעגט הערן פון אים ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן: „אַז ווי באַלד די וועלט אונזערע איז אַ וועלט פון גזלה, אַז וויבאַלד די וועלט ווערט געפירט פון אַזעלכע מענטשן, ווי די איצטיקע, שאַדט עס נישט אָנצורייצן זיי איינע אויף די אַנדערע, און זאָל זי גאָר ברע־נען, די וועלט?"

דן האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אַ צעטומלטער; ער האָט נישט געקאָנט צוקוקן וויאַזוי אַזוי פיל מענטשן דאָ אַרום אים ווערן עס פאַרפירט און אָפּגענאַרט פון מאָנאַטן... ער האָט דאָ אויפן גרויסן פעלד פאַר דער פאַבריק פאַרבראַכט די גאַנצע צייט, פונקט ווי ער וואָלט אַליין אויך געווען אַ שטרייקער. יעדער נערוו האָט אין אים געציטערט פון אומרו. ער האָט יעדע מינוט וואָס ער איז דאָ געווען און געשוויגן, געפילט אַ פערזענלעכע שולד. דאָס אַלץ האָט אים פאַרפאָלגט. אַז ער פלעגט נאָר אויף אַ ווײַלע פאַרמאַכן זיינע אויגן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט צו זען:

—מאָנאַט געפינט זיך דאָ ערגעץ אַרומעט... ער באַטראַכט אַלץ און אַלעמען אַרום מיט אַ שמייכעלע, ער כיכיקעט אין זיינע הויפן, ווי אַ קליינער טייוועלע, פון דעם גאַנצן טומל, פון דער וואַנצער קאַשע, וואָס ער האָט פאַרקאָכט...

נאָר מאָנאַטן איז דאָ אַרום נישט געווען צו זען. ער איז גע־

ווען איצט שטאַרק, גאָר שטאַרק פאַרנומען: צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר אַרבעטער־דעלעגאַטן, וועלכע זענען אויף אַן אָפענעם מיטינג אויסגעקליבן געוואָרן. ער האָט איצט אנטייל גענומען אין די געמישטע קאָנפערענצן ביי ליסלין אין קאַבינעט. ער איז דאָרטן געזעסן אין אַ ווייכן, פלושענעם פאָטער־שטול און האָט אויף קיין איינציקע מינוט נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון ליסלין. דער אַלטער פוקס איז געווען רויק, זייער רויק. ער האָט מאָנאַטן באַהאַנדלט גאָר איידל און כמעט, ווי אַ גלייכן — אַלע ווײַלע האָט ער אים אונטערגעטראָגן אַ שמעקעדיקע האַוואַנאַ־ציגאַר פון אַ פּריש־אויפגעעפנטער היפּשער ציגאַרן־שאַכטל, אָדער אונטערגערוקט אַ בייכיקן פלאַש קאָניאַק, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טאַץ אין מיטן פונם, מיט בלויען געוואַנט באַדעקטן, טיש.

— נעמט, פאַרזוכט נאָר אָט די מאַרקע, מר. מאָנאַט... נעמט נאָך אַ גלעזעלע פונם דאָזיקן... ס'איז אמתער פראַנצויזישער liqueur-creme אימפּאָרטירטע פון באָרדאָ... שמעקט עס נישט זייער היפּש, ווי? איר שטימט מיט מיר איין? יאָ, איז ווי־זשע האַלטן מיר עס, מר. מאָנאַט?

ליסלי האָט גלייך ביים אָנהויב פון די געשפּרעכן דערקלערט, אַז ער האָט אויף זיינע אַרבעטער בשום אופן נישט פאַראיבל דערפאַר, וואָס זיי זענען אַרויס אין אַ שטרייק — כאָטש, צוריקגערעדט, אַ סך פון זיי אַרבעטן ביי אים נאָך פון קינדווייז אָן, זענען מיט דער פאַבריק, קאָן מען זאָגן, כמעט צוזאַמענגעוואַקסן, האָבן זיי דאָך, דאַכט זיך, נישט געדאַרפט אים, ליסלין, אַזוי באַהאַנדלען... נאָר גאָרנישט... ער האָט נישט קיין פאַראיבל... ווייל בכלל, גיט ער צו, אַז אַרבעטער האָבן אַ רעכט אָוועקצולייגן די אַרבעט, ווען זיי ווילן, פונקט, פאַרשטייט זיך, ווי אַרבעטער מוזן האָבן דאָס הייליקע רעכט צוריקצוגיין צו דער אַרבעט, ווען זיי ווילן... יאָ, דאָס איז, אייגנטלעך, אַ וויכטיקער פונקט — אַ פונקט, וועלכן עס שאַדט נישט אונטערצושטרייכן איינמאָל און אַ צווייטן מאָל:

—אויב, הייסט עס, אַרבעטער האָבן אַ רעכט צו שטרייקן, ווען זיי ווילן, דעמאָלט האָבן דאָך אַרבעטער אויך אַ רעכט צו אַרבעטן, ווען זיי ווילן, — ווי, נישט אַזוי?

און ווייטער. —
ער, ליסלי, איז זיכער מסכים נאָכצוגעבן די אַרבעטער, אויב
שט אַלע זייערע פאָדערונגען, איז כאָטש אַ היפּשן טייל פון זיי.
ער איז, אין אַלגעמיין, גאָרנישט אַזאַ שלעכטער אַרבעטס־געבער, ווי
ר. מאָנאַט שטעלט זיך פאָר", האָט ער מיט אַ שמייכעלע צוגעגעבן
ון מאָנאַטן אונטערגעטראָגן נאָך אַ ציגאַר. און אַזוי ווי ס'איז שוין
עוועןצייט צו גיין עסן „לאָנטש", איז זיך די געמישטע קאָנפע־
ענץ פונאַנדערגעגאַנגען אָן באַשטימטע רעזולטאַטן.

די אונטערהאַנדלונגען, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אויף אַ
אָר איידעלן און אָנשטענדיקן אופן, האָבן זיך דערווייל פאַרשלעפּט
אַזוי פון טאָג צו טאָג. ליסלי האָט זיך אַלץ געטשעפּעט צו פאַרשי־
ענע נישט־וויכטיקע קליניקייטן, און די פשרה, צו וועלכער ער האָט
אַזוי געצרן און „אין פרינציפּ" צוגעשטימט גאָר פון אָנהויב אָן, איז
אַלץ פאַרצויגן געוואָרן. ער האָט, ווייזט אויס, נישט אומזיסט פאַר־
צויגן די אונטערהאַנדלונגען, דער דאָזיקער כיטרער פוקס. ער האָט
אַלץ געוואַרט אויף עפּעס, דער דאָזיקער געניטער מאַגנאַט, מר.
ליסלי.

זיינע מענטשן אין קאָנטאָר האָבן דערווייל כסדר געהאַלטן
עפּעס אין איין אַרויסשיקן און אַריינקריגן געהיימניספולע אַזעלכע
טעלעגראַמעס, אין אַ געהיימען שיפער. טאָג און נאַכט האָט געקלונגען
דער טעלעפאָן, קיין און פון ניו־יאָרק. עפּעס אַ וויכטיק שטיקל אַר־
בעט איז דאָרט אָנגעגאַנגען דורך דער גאַנצער צייט, וואָס אין די
גרויסע, ליכטיקע אויפנאַמס-חדרים פון דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע
זענען געזעסן די פאַרטרעטער פון ביידע צדדים, האָבן איידל און
צוגעלאָזן געשמייכלט איינער צום אַנדערן, האָבן גערויכערט שמעקע־
דיקע ציגאַרן און זיך אַלע ווילע צעגעפרישט די גומענס, וואָס זע־
נען זיי פאַרטרוקנט געוואָרן פון אַ סך רעדן.

דער שטרייק האָט זיך אויף אַזאַ אופן שוין געהאַט פאַרצויגן
אין פינפטן טאָג אַריין.

צווישן עולם איז שוין פאַרשוווּנדן די יום-טובדיקייט פון די
ערשטע טעג, און בלויזע אומרויִקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַרום אַלע־
מען וויקלען. עס האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנ־

געהויבן זאָרגן וועגן דעם ערפאָלג פונם שטרייק. אַז ווער ווייס...

די רעדנער פלעגן יעדן טאָג אָפּגעבן באַריכטן וועגן דעם גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען. נאָר ס'איז פאַר די אַרבעטער נישט געווען קלאָר, וואָס ליסלי איז אויסן מיט זיינע פאַרציונגען און נאָכאַנאַנדיקע אָפּלייגונגען פון שליסן אַן ענדגילטיקן „סעטלמענט".*) עס האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין מיט אַמאָל קלאַנגען, אַז פון ערגעץ וועלן גאָר אינגיכן אַראָפּקומען אַהער שטרייק־ברעכער. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז אינעווייניק אין פאַבריק געפינען זיך שוין איצט פרעמדע, אַרונטערגעבראַכטע מענטשן, וועלכע טוען דאָרט אין געהיים די גאַנצע צייט געוויסע אַרבעטן, וואָס לאָזן זיך טון פון נישט־געניטע הענט.

דער עולם, אַן אויפגערעגטער פון די פאַרשידענע קלאַנגען, האָט זיך דעמאָלט שטורעמדיק־אויפגעבראַכט, גאָר נישט אויפגערעדטערהייט אַ לאָז געטון צו די טויערן, — אַ ,אָז געטון מיט פלוצלינגדיקן אימפּעט, אָן אַ ברעקל פאַרקלערן זיך, ווי אַ פאַרשפאַרטער שטראָם פון אַ טייך, אין וועלכן מען האָט מיטאַמאָל אויפגעהויבן די שליוזן.

נאָר די הויכע טויערן זענען געווען פאַרשלאָסן, הויך און פאַרשלאָסן.

אויף דער דרויסנדיקער זייט פון אָט די דאָזיקע הויכע טויערן איז פלוצלינג פאַרן שוואַרצן, געדיכטן עולם אויסגעוואַקסן אַ באַוואָפנטע וואַך,—גאָר אַ נייע, אַ העכערע דאמבע... אַ געזעמל פון קאַלטע, שטרענגע לייט מיט ריין־געגאָלטע בולדאָג־פּנימער און פּירקאַנטיקע מאָרדעס. אָנגעטון זענען זיי געווען ציוויל, נאָר די ביקסן האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט, אין דער פאָזיציע פון „פּאָרטעאַרמס", — גרייט צום שיסן יעדע רגע.

אַ פרעמדער עולם... קיינער פון די אַרבעטער האָט זיי, די דאָזיקע „גאַרדס", נישט געקענט און קיינער האָט נישט געוווסט, פון וואַנען זיי זענען אַהער אַרונטערגעבראַכט געוואָרן. די שטרייקערס, מיט שרעק און מיט שנאה אין די אויגן, מיט קריצנדיקע ציין, זענען דעמאָלט צוריקגעפאַלן פון די טויערן, — צוריקגעפאַלן מיט בייזן געברום, מיט געשטערטער, צוריקגעשליידערטער גבורה.

---

*) פשרה־אָפּמאַך.

און באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אויפן פּלאַץ, איין גאַנץ ווייסט פון וואַנען, אַלערליי קלאַנגען, איינער באַאומרויקנדיקער פונם אַנדערן. מען האָט דערציילט, אַז ליסליס אַגענטן פאָרן אַרום יעדע נאַכט איבער די שטרייקערס הייזער, און רעדן איבער די אַרבעטער זיך צוריקצוקערן צו דער אַרבעט. מען זאָגט צו די יעניקע, וועלכע וועלן זיך פריער פאַר אַנדערע אומקערן, „העכערע" שטעלעס — שטעלעס פון „פאָרלייט", פון אויפזעער. שטעלעס מיט אַן אייביקן, יערלעכן באָנוס, וואָס וועט זיי מאַכן כמעט שותפים גאַנצע אין פאַבריק...

קיינער פון די אַרבעטער האָט נישט געפעלט אין קיין פרימאָרגן, ווען מען פלעגט אויסרופן די נעמען, אַלע זענען געבליבן געטריי. און דאָך, צוליב אָט די קלאַנגען, האָבן די שטרייקערס אָנגעהויבן קוקן איינער אויף די אַנדערע מיט חשד-אויגן און גוט אַכטונג געבן יעדערער אויף זיין שכן. איינער האָט דעם אַנדערן אָנגעהויבן צו פאַרדעכטיקן, אַז ביי יענעם איז מען עס אפשר לעצטע נאַכט געווען מיט אַ באַזוך פון ליסליס מענטשן... יעדער איינער האָט זיך דעריבער שטאַרקער נאָך געפלייסט אַרויסצוווייזן זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אַלגעמיינער זאַך, און יעדער איינער האָט איינגעטענהט הויך מיט זיינע חברים פאַר אַן עקשנותדיקן, דויערנדיקן שטרייק, — אַ שטרייק ביז אַ פולשטענדיקן נצחון.

אַ טיילווייזער אומצוטרוי איז פונדעסטוועגן געוואַקסן צווישן עולם. פאַרקערט: וואָס באַגייסטערטער און ענטוזיאַסטישער איינער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט מען אים פאַרדעכטיקט. און האָט איינער, אדרבה, געשוויגן, האָט מען אים אוודאי פאַרדעכטיקט, אַז ער איז עס פון די יעניקע, וואָס קווענקלען זיך אין דער שטיל און וואָס וועלן שוין מאָרגן-איבערמאָרגן דאָ נישט זיין.

דער עולם פלעגט זיך דערוויל וואַלגערן אין דרויסן אַ גאַנצן טאָג און זשעדנע-הונגעריק אַלץ וואַרטן אויף נייס. אויף די אויטאָמאָבילן-פּלאַטפאָרמעס האָבן נאָכאַנאַנד געדונערט די רעדנערס. פון צייט צו צייט פלעגט אויך מאָנאַט דורכשמייען, פריילעך און נישט-באַזאָרגט פלעגט ער דורכלויפן הין און צוריק אויף אַן אויטאָמאָביל, וועלכן ער האָט ערגעץ געקראָגן, און פלעגט יעדן מאָל באַגריסט ווערן מיט הורא-גע-

שרייען פון די שטרייקערס. ער פלעגט מיט וואָיל-יונגערישן שמייכל און גוטברודערישן פּאָכען מיט דער האַנט באַגריסן די מאַסן אַרבעטער. נאָר מאָנאַט האָט נאָך קיין איינציק מאָל, זינט דער שטרייק האָט אויסגעבראָכן, נישט גערעדט פאַרן עולם.

און אָט איז שוין דער זיבעטער טאָג. דער עולם איז מחמת עפּעס געווען זיכער, אַז היינט וועלן אַוודאי געשען וויכטיקע נייעס — היינט וועט שוין אָנקומען דער סוף... אפשר איז אָט די זיכערע דערוואַרטונג געקומען דערפון, וואָס מען איז שוין געוואָרן מיד פון איין און דערזעלבער זאַך, פונם ליידיק-אַרומגיין... אַ גאַנצע וואָך איז דאָך שוין אַזוי פאַרביי.

ס'האָט גראָד גערעגנט היינט אַ גאַנצן טאָג פון סאַמע אין דערפרי אָן. איינגעוויקלט אין ראַגאָזשעס און ברעזענטן, אין אַלטע כאַלאַטמאַנטלען און אין בלויע אַרבעטס-קליידער, איז מען עקשנותדיק געשטאַנען אונטערן גיסנדיקן קאַלטן רעגן און אַלץ געוואַרט, אַלץ געוואַרט. אַלע האָבן שוין אַזוי שטאַרק אומגעדולדיק געוואָלט, אַז ענדלעך זאָל שוין מאָנאַט אַרויסקומען און דערציילן, וואָס עס הערט זיך. נאָר קיינער האָט נאָך היינט אפילו נישט באַמערקט מאָנאַטן.

די שטימונג פון די שטרייקערס האָט זיך אָנגעהויבן באַדייטנדיק ערגערן. זי איז געוואָרן וואָס אַ שעה אַלץ נערוועזער און אויפגערייצטער. אַלע האָבן עפּעס מאָדנע בייזלעך און אומהיימלעך אַזוי געקוקט אויף די פאַבריק-מויערן און געכמורעט זיך, און געוואָלקנט די פנימער.

דער ווינט פון ים האָט זיך געשטאַרקט, האָט געשמיסן פון דאָרט גאַנצע רעגן-זיילן און זיי געשפּרייט אין דער לופט, — ברייטע זיך-הוידנדיקע וואַסער-ליילעכער. די אַרבעטער האָבן זיך פון דורכנעמענדיקער קעלט געטוליעט איינער צום אַנדערן, און זיך געפּרוווט באַהאַלטן אונטער די בוימער. נאָר די בוימער זענען שוין פון טעג און טעג געווען אָפּגעדעקט און ווינטערדיק-הויל.

זענען באַלד עטלעכע פיגורן אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין און האָבן אָנגעהויבן אַרויפשלעפּן אויף דער יבשה די מאַטאָרשיפן און די גרויסע נגידישע לוסט-שיפלעך, וואָס זענען געווען געאַנקערט פאַרן ווינטער אינם ים-אויסגוס, נישט ווייט פון ברעג. אויף דער

יבשה האָט מען זיי איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף, אַרונטערגעקראָכן
אַהינצו און זיך אויף אַזאַ אופן געשיצט אונטער זיי פונם רעגן. מיט
די אַרויפגעשלעפּטע שיפלעך האָט מען זיך נישט געצערעמאָניעט, —
איבערקוליענדיק זיי מיט די בייכער אַרויף האָט מען דערווייל, אומ־
גערן און גערן, אויסגעבראָכן פענסטער, און דערנאָך שוין מיט פאַר־
ביסנקייט און רציחה איינגעשמירט אין רעגנדיקער בלאָטע אַרויסגע־
פאַלענע זיידענע אָנלען־קישלעך, צעשפּרייט און צעוואָרפן איבערן
בלאָטיקן גרונט פאַרשידענע חפצים פון די איבערגעקוליעטע לוסט־
שיפלעך, און געטאָפּטשעט אויף זיי. עס האָט אָנגעהויבן שמעקן אויפן
אַרומיקן פּלאַץ מיט אויסגעגאָסענעם גאַזאָלין פון די מאָטאָרן, מיט
פּעך, מיט ריח פון פאַרעגנטער, אונטער די פיס צעקריכנדיקער ערד—
מיט ריח פון צעשטערונג...

די עלטערע פישער־לייט האָבן אין אָט דער אַרבעט היפּש מיט־
געהאָלפן די שטרייקערס, — גרויסע און ריזיקע, מיט די לאַנגע וואַ־
סער־שטיוול, וואָס האָבן זיי דערגרייכט ביז די דיכן, און וועלכע
האָבן אויסגעזען ווי פאָרטזעצונגען פון די רימענע הויזן, זענען זיי
געקראָכן אין וואַסער, ווי אַזעלכע ים־געצן פאַרצייטיקע... געבראָדזשעט
און געקראָכן זענען זיי קעגן דעם אָנקומענדיקן ים־צופלוס, וועלכן
אָקעאַן און ווינט האָבן איצט אַרויפגעפּאַטשט אויף דער יבשה, און
האָבן געהאָלפן די שטרייקערס אַרויפשלעפּן די שיפלעך. און אפילו
די גאָר אַלטע לייט, — אַמאָליקע ברעג־מענטשן, וועלכע זענען שוין
געשטאַנען מיט איין פוס אין קבר — זענען דאָ מיט יעכידנער פינס־
טערער פרייד אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג, און זיך פון דאַנען נישט
געקאָנט אָוועקרייסן, כאָטש קיינער האָט זיי דאָ נישט געדאַרפט, כאָטש
זיי האָבן שוין קוים כוח געהאַט אויף צו באַוועגן זייערע אייגענע
אויסגעדאַרטע קערפּערלעך — אַך, זיי האָבן ענדלעך, כאָטש אַ טאָג
פאַרן טויט, דערלעבט נקמה אָן ליסלין, דעם צעשטערער פונם ים־
ברעג...

דער שטאַרקער, כליופּענדיקער, אָנהויב־ווינטערדיקער־רעגן איז
שוין דאָ געווען אַלעמען צום האַרצן—אַלעמען דאָ האָט זיך אין די באַ־
העלטענישן פונם האַרצן געוואָלט, אַז עפּעס זאָל דאָ אָפּגעווישט ווערן,
עפּעס זאָל דאָ אָפּגעווישט און אויף אייביק אָפּגעמעקט ווערן.

ז

אַן אַרויסוואַרטנדיקער, אַרומדרייענדיק זיך דאָ די גאַנצע צייט צווישן די שטרייקערס, ווי מורא־האָבנדיק, אַז עפּעס קיין ביין זאָל זיי דאָ נישט געשען, האָט דן פלוצלינג דערזען דזשאנען צווישן די פישערלייט, וואָס האָבן געשלעפּט די שיפלעך אויפן ברעג. אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן נאָך אַ געדיכטערע פינסטערע פרייד, ווי ביי די איבעריקע געוועזענע ברעג־לייט, און אומגעקוקט האָט ער זיך אויף קיינעם נישט, — גאָרנישט אויפן ברעג איז אים איצט אָנגעגאַנגען, חוץ זיין אַרבעט. ער האָט שטאַרק־באַשעפטיקט, נאָכאַנאַנד, אַרומגעבראָדזשעט אינם וואַסער, האָט צוגעוואָרפן אַ באַפעלערישן קאָמאַנדיר-וואָרט אָט דעם, אָט יענעם אַרבעטער, — נישקשה אַלע זענען זיי געווען אַמאָליקע מיטגלידער פון זיין שיף־אַרטעל, וועלכע ליסלי האָט אים געצוווּנגען פונאַנדערצולאָזן. ער האָט זיך אויך דערלעבט זיינס, דזשאַן...

איצט האָבן זיך געענטערט די ביטל-חגאות און אין זיין קלייט אין דאָרף אַרויף־באַרג האָט איצט געדאַרפט זיין אַ סך, גאָר אַ סך לייזונג... נאָר דזשאַנען האָט איצט, קענטיק, גאָרנישט געאַרט — נישט די קלייט, און נישט דער מסחר. דעם גאַנצן האנדל אין קלייט האָט ער איבערגעלאָזן אויף מייבעלס הענט. ער אַליין האָט געהאַט צו טון עפּעס וויכטיקערעס...

דערזעענדיק דאָ דזשאַנען, איז דנס שרעק און אומרויקייט נאָך מער און נאָך שטאַרקער געשטיגן. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס גאָס האָט נעכטן ביינאַכט דערציילט ביי זיין מוטער, ביי מרס. פּאַרנעל אין הויז. זשמורענדיק די אויגן מיט אַזאַ מין קלוגער, וויסנדיקער מינע, האָט ער געגעבן אָנצוהערענישן די אַרומזיצנדיקע עטלעכע מענטשן ביים טיש, אַז עפּעס וויים ער... אַז עס קאָן זיין, אַז דער שטרייק וועט בסך־הכּל אין אַ טאָג-צוויי אַרום געבראָכן ווערן.

— כאַ־כאַ... עס קאָן אפילו זייער געמאָלט זיין, אַז אין אָט דער זעלבער מינוט, וואָס ער, גאָס, רעדט דאָ מיט זיי, איילן שוין דורך דער נאַכט און דורך דער אינזל־טונקלקייט פיל צוגן, צוגן וועלכע פירן אַהער כאפּטעס גאַנצע, „געננס" מיט שטרייק-ברעכער,

װעמען ליסליס אַגענטן האָבן אָפּגעדונגען אין ניו־יאָרק, אויף דער באַוערי *).

אָ, אַ סורפּריז דערוואַרט די אַרבעטער, אַ געשמאַקער סורפּריז.. אַ באַזונדערע, נקמהדיקע הנאה איז געווען צו באַמערקן אין גאַסעס רייד. ס'האָט אויסגעזען, אַז אַ דורכפאַל פון דעם שטרייק וועט אים טערזענלעך פאַרשאַפן פיל פרייד, — אַ סך מער פרייד, וויפל ס'וואָלט אויסגעקומען אויף זיין חלק, בלויז ווי ליסליס אַ שאָפער... ער האָט נאָכדעם גערעדט זייער אַ סך, גאַס. און כאָטש ער איז געווען אַביסל שיכורלעך, האָט זיך פון זיינע רייד אויסגעמאָלן אַ גאַנץ בילד.

אין אַ האַלב טונקעלן חדר פון אַ יורד־סאַלאָן, ערגעץ אויף אַן אַלטן טומלדיקן באַוערי־ראָג, האָט ליסליס אַן אַגענט שוין עטלעכע טעג געהאַלטן אין רעקרוטירן שטרייק־ברעכערס. אין דעם דאָזיקן הינ־טערשטן סאַלאָן־צימער זענען די פענסטער תמיד געווען פאַרמאַכט אויף אַזע לאָדנס און אין מיטן טאָג האָבן דאָרט דעריבער איצט געברענט ליכט. אינם צימער איז די לופט געווען אַ שטיקנדיקע — פונם עפּנטלעכן אָפּטריט־אָרט האָט זיך געטראָגן אַהער שוין אַן לאַנג־איינגעשטאַנענער, שאַרפער ריח פון דעזינפעקציאָנס־קאַרבאָליק, אַ אוויר פון קיינמאָל זיך נישט אויסלופטערנדיקן השתנה־גערוך און אַ שטינקען פון פאַרדעכטיקע, איי־טערדיקע, מאַנסבילשע וווּנדן. אויף אַ טיש איז געשטאַנען אַ נידערי־קער, געפּאַקטער פאַרשוין מיט אַ שטייפן „קעסעלע” אויפן קאָפּ, מיט אַ געגאָלטער, בולדאָגיש־פירקאַנטיקער געמבע, אַ פאַרשוין מיט שאַרפע בייזע אויגעלעך און מיט אַ היפּשער צאָל דימענטענע רינגען אויף זיינע דיקע קלעצלעך־פינגער. ער איז געשטאַנען דאָרט צווישן צוויי ליכט, ווען פלעמלעך עס האָבן נאָכאַנאַנד געטרעשטשעט, געקנאַקט און געוואָרגן זיך, צוליב דער געדיכטער שטיקנדיקער לופט אינם חדר. די דימענטן אויף זיינע פינגער האָבן נאָכאַנאַנד אויפגעבלישטשעט מיט אַלערליי־קאָלירנדיקע פלעמלעך, און אינגאַנצן האָט דער דיקער פאַרשוין אויפן טיש אויסגעזען, ווי אַ געץ פון עפּעס אַ מיאוסן, אַ גע־היימען קולט; ווי אַן אָפּגאָט, צו וועלכן די צונויפגעזאַמלטע אין חדר

*) אַ באַרימטע גאַס פון אָרעמקייט און אונטערוועלט אין ניו־יאָרק

וענען געקומען מתפלל זיין אין באַהעלטעניש און אָפּריכטן אַן עקל־דיקן,מיאוסן גאָט־דינסט.

עס האָט געדערט קורץ, דאָס דאָזיקע פֿאַרשוינדל, קורץ, באַ־פֿעלעריש און שטרענג. ער האָט דעם צונויפֿגעזאַמלטן, אָפּגעריסענעם־אָפּגעשליסענעם עולם פֿון האַלבע און גאַנצע טרעמפּס**) געגעבן די לעצטע אינסטרוקציעס, ווי אויפֿצופֿירן זיך אויפֿן וועג און אויך, ווען זיי וועלן אָנקומען אויפֿן אָרט.

— דער עיקר איז... דער עיקר איז די גאַנצע צייט האַלטן דאָס מויל.

קיינער פֿון זיי האָט נישט געוווסט אַפֿילו דעם נאָמען פֿון אָרט, וווהין זיי פֿאָרן. נאָר — מען וועט זיי שוין פֿירן.

—ער, דער דאָזיקער פֿאַרשוין, האָט שוין אומעטום אויפֿן וועג זיי־נע מענטשן, וועמען זיי, די שטרייק־ברעכערס, וועלן דערקענען דורך סיגנאַלן.

...ער האָט עס איצט געהאַלטן אין דערקלערן דעם אויסגעהונ־גערטן עולם. ווי אַזוי צו דערקענען די דאָזיקע געהיימע סיגנאַלן. דער עולם איז געשטאַנען אונטערן האָגל פֿון זיינע ווערטער, האָט סקעפּטיש געבלינצלט מיט די אויגן און נישט געוואָלט גלויבן אין דעם אויס־געמאָלטן גליק, ביז וואַנען זיי וועלן אַליין נישט אָנקוקן דאָס פֿאַר־שפּראָכענע לאַנד...

די דאָזיקע רייד פֿון גאָסן האָבן אַלעמען אַריינגעבראַכט אין שטומער דערשטוינונג. נאָר גאָס איז שוין איצט געזעסן רויק און באַשיידן — ער האָט זיך קיין ברעקל נישט איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער ווייס מער פֿאַר אַנדערע... ער האָט בלויז אַלץ נאָכאַנאַנד געטרונקען גלעזל נאָך גלעזל פֿון אַ פֿלאַטשיקער, בייכיקער בענע־דיקטן־פֿלאַש, וועלכע ער האָט בגנבה מיטגעבראַכט פֿון ליסליס ספּי־זשאַרניע. נאָר אַלע אַרום טיש האָבן געגאַפֿט, געקוקט אים אין מויל אַריין, און געוואַרט אויף זיינע ווייטערדיקע רייד.

אין מיטן אַלעמענס גאַפֿן האָט זיך די טיר געעפֿנט און דזשאָן איז אַריין. אַ הויכער, אַן אָנגעכמורעטער, אָנגעטון אין אַ גלאַנצעדיקן

**) „באַרוועסע“

„אוילסקין״, פון וועלכן ריטשקעלעך וואַסער האָבן זיך אַרונטערגע־גליטשט. דער קעראָסין־לאָמפּ אויפן טיש האָט אויפגעגלאַנצט אינם „אוילסקין״ מיט טויזנטער בלישטשלעך. ביי דזשאָנס אַריינקומען האָט גאָס זיך אַן אומרויקן באַוועג געטון. ער האָט צוגעוואָרפן אַ פּאָר פייערדיקע בליקן זיין מוטער, וועלכע האָט אים דאָסזעלביקע צוריק־געשיקט.

דזשאָן האָט אָנגעקוקט די אַרומיקע מיט אַ הערשנדיקן, פאַר־אַכטענדיקן בליק, וואָס האָט געוואָלט פאַרניכטן אַלעמען ביים טיש. וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער דען מיט די דאָזיקע דאָ? קיין שום שייכות. ער איז בלויז אַריינגעגאַנגען אַהער צוליב געשעפט. אין דרויסן איז אַ גאָס־רעגן, און זיינע שוועבעלעך זענען אים איינגענעצט געוואָרן, האָט ער געוואָלט קויפן דאָ אַ שאַכטעלע שוועבעלעך. ער חיל פאַררויכערן זיין פּיפּקע.

נאָר אַז מרס. פּאַרנעל, קוקנדיק אויף אים מיט שאַרף־אָנגע־שטעלטע, בליצנדיקע אויגן, האָט פאַר אים אַרונטערגענומען פון אַ פּאָליצע אַ קעסטל מיט שוועבעלעך־שאַכטלעך, האָט דזשאָן זיך גע־הייסן געבן עטלעכע שאַכטלעך מיט אַמאָל. ניין, ניין, טאַקע דאָס גאַנצע קעסטל. ער דאַרף האָבן אַ סך שוועבעלעך, אַ סך... אָבער פאַרוואָס איז ער גראָד אַריינגעקומען אַהער אין קלייט, ווו ער איז שוין אַזוי לאַנג נישט געווען? אַלע איבעריקע פּישערלייט און אַלע שטרייקערס פלעגן דאָך פּאַטראָניזירן בלויז סטיווענסנס „קורהייזל״? אַ גאַסט, אַ גאַסט! — און מרס. פּאַרנעל האָט נישט אַרונטערגענומען פון אים איר שאַרפן דורכדרינגלעכן בליק.

אָבער דזשאָן איז דאָ לאַנג נישט פאַרבליבן. ער האָט ווידער געוואָרפן אַ פון אויבן־אַרונטערדיקן, שפּאָטישן בליק אויפן צימער און אויף אַלעמען אין אים, און האָט זיך אַרויסגערוקט. ער האָט בלויז אַ ברום געטון, אַ וואָרף טוענדיק מיט דער גריווע אויפן קאָפּ:

— הע... הע... מ'עט שוין זען! מ'עט שוין זען...

און דן האָט באַמערקט, מיט וואָס פאַר אַ פייערדיקער שנאה מרס. פּאַרנעל האָט אים אַ שטיק צייט נאָכגעקוקט. אַז מען האָט שוין מער נישט געהערט פון דרויסן זיינע שווערע, גוואַדזשענדיקע טריט, האָט זי שטיל, מיט אַ געוואָרגענער שטים, אַרויסגעשיפּעט צו גאָסן:

— איז וואָס־זשע זאָגסטו, הייסט דאָס, גאָס, אַז דער שטרייק וועט אינגיכן געבראָכן ווערן, האַ? טאַקע גאָר, גאָר אין גיכן? אָבער דו ווייסט עס אויף זיכער?

דאָס איז אַלץ געווען נעכטן אָוונט. איצט, דערמאָנענדיק זיך אָן אָט דער סצענע, האָט זיך דן מיט אומרו אַרומגעדרייט אינם שטעכעדיק־שפּיזיקן רעגן, צווישן דעם אָנגעכמורעטן עולם. אַ יונ־גער, אַ זיך ערשט אַרויסוויקלענדיקער פון אַ חלומות־וועלט, האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס וויל דאָ מאָנאַט.

— וואָס איז ער דאָ אויסן מיטן שטרייק? אָט האָט ער גענו־מען און האָט הונדערטער און הונדערטער פאַמיליעס אויפגעהאָנגען אין דער לופט, אין אומזיכערקייט, אין רעגנדיקער אויפגערעגטקייט... זאָרגט זיך מאָנאַט באמת וועגן זיי, גייט אים אָן פערזענלעך זיי־ער וווילזיין? איז עס צו גלויבן, אַז ער, מאנאַט, האַלט עס טאַקע פאַר זיין לעבנסציל צו באַזאָרגן זיי. אָט די, וואָס ליגן דאָ אין בלאָטע אויסגעווייקטע, מיט מער ברויט, און מיט מער פלייש?

און דן גייט דאָ נאָכאַנאַנד אַרום, ציטערט אינגאַנצן אין זיין לייכטן, זומערדיקן מאַנטל און הערט זיך צו צו די רוגזהדיקע גע־שפּרעכן צווישן די אַרבעטער, געשפּרעכן אומצופרידענע, און ביטערע.

— פאַרוואָס זעט מען עפּעס נישט מאָנאַטן?

— צי דען ווייסט ער גאָרנישט וועגן די שטרייק־ברעכערס, וואָס זענען שוין דאָ?

—און אויב ער וויס יאָ, פאַרוואָס דערציילט ער אונז גאָרנישט פון דעם?

— פאַרוואָס דערלאָזט ער עס?

— צוליב וואָס האַלט ער נאָך אַלץ אָפּ נאַרישע און פאַרפּירע־רישע באַראַטונגען מיט ליסלין?

עס איז אַלעמענס מיינונג, אַז אויב עס זאָל טאַקע קומען צו אַ פאַרלענגערטן קאָנפליקט, וועט דאָס זיין שלעכט, זייער שלעכט...

— דער שטרייק אויף ליסליס פאַבריק איז דאָך בלויז אַ לאָ־קאַלע זאַך... די אינדוסטריע פון ציין־פּודער איז נישט אַזאַ באַקאַנ־טע.. קיין ברייטע אַלאַמעריקאַנישע הילף איז נישט צו דערוואַרטן

אין פאַל פון אַ לאנגן קאַמף... און די ימים־טובים זענען שוין דאָ,— נישט היינט, איז מאָרגן...

— ווו איז ער, מאַנאַט?

— ווו איז מאַנאַט?

— ווו איז מאַנאַט?

און דן, וועלכער האָט אים, אַ צופרידן־שמייכלענדיקן, געזען שוין אַ פּאָר מאָל פארבייפאָרנדיק דאָ אין אַן אויטאָמאָביל מיט די העכערע אדמיניסטראַטיווע בּאַאמטע פון ליסליס פאבריק, — ער האָט מיט אים די גאנצע צייט נאָך קיין איין געשפּרעך נישט געהאט — האָט סוף־כּל־סוף אָנגעהויבן צו זידלען מאַנאַטן:

— אָט אָ דאָס פּוילישע יידל!.. אָט אָ דאָס מה־יפית־יידל!, — האָט ער אונטערגעבּורטשעט. — עס האָט שוין, אפנים, שטארק פאר־טראַכט זיך אונטערלעקן צו ליסלין... זיך איינקויפן דערוויל, אויף די ארבעטערס חשבון, אין „גרויסן" יחות...

דן האָט דאָך קיינמאָל נישט ליב געהאט די פּוילישע יידן. ער האָט תּמיד געהאלטן, אַז זיי פעלט אלע „גוטע מעלות": שטאָלץ, כאַ־ראקטער, אויסגעהאלטנקייט, גייסטיקע פעסטקייט... אים איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס זיי האַלטן אזוי שטארק פון הנאת עולם הזה און וואָס פאַר דעם זענען זיי גרייט זיך צו פארקויפן כאָטש צום טייוול אַליין.

— אָ, די פּוילישע לאנגע דריפקעס... זיי וויסן דאָך בלויז איינס: אז מען דאַרף תּמיד זיין אויפן צד פון די רייכע, פון די שטאר־קע, פון די מאכט-האָבנדיקע... געדענקט סיידן דן נישט מאַנאַטס רייד?

און דער רעגן האָט אלץ געפּליוכעט און געפּליוכעט...

די שטימונג פון די שטרייקער האָט זיך מיט יעדער מינוט געערגערט. ווי פארוואגלטע, היימלאָזע חיות האָבן שוין איצט די צערייצטע אַרבעטער דאָ ארומגעבלאָנקעט און אַרויסגעקוקט אויף פארצוקונג. מען האָט איינער דעם אנדערן איבערגעגעבן פאַרנעצטע בּומערן פון איינער אַ ניו־יאָרקער צייטונג, ווו עס האָט זיך דער־ציילט וועגן שטרייק. איינער אַן אַרבעטער, אַן אירלענדער, האָט געלייענט פאַר אַן ארומגעקליבּענעם קרייזל הויך אויף אַ קול מיט זיין ברייטן, אירלענדישן אקצענט. „די פּאָליציי האָט פעסטגעשטעלט,

אַז דער שטרייק אויף דער פאַבריק פון „ג. דז. ליסלי און זון" ווערט אָנגעפירט פון אויסלענדישע אַגיטאַטאָרס. די שטרייקערס גופא זענען אויך כמעט אַלע „אויסלענדער". די יעניקע צווישן די אַרבעטער, וועלכע זענען געבירטיקע אַמעריקאַנער, האָבן פאַרשטענדעניש פאַר געזעץ און אָרדנונג, און ווילן שוין לאַנג צוריקגיין צו דער אַרבעט. נאָר די „אויסלענדער" דערלאָזן נישט — זיי מאַכן עס אָן דעם גאַנצן טומל. דער וויכטיקסטער אָנפירער פונם שטרייק איז אויך אַן „אויסלענדער — אַ רוסישער ייד".

די שטרייקערס האָבן צעפליקט מיט כעס די צייטונגען. נאָר איינער פון זיי, מיט אַ פאַרגרעבטן, ערדישן פנים האָט זיך אָנגעהויבן ווינצלען אויף מאָנאַטס חשבון.

— פאַרוואָס זעט מען אים עפּעס טאַקע נישט די גאַנצע צייט? איז ער אפשר אַוועקגעגאַנגען אינמיטן דערינען דאַוונען אין דער „דזשואיש טשורטש"? *)

נאָך אַ פּאָר פונם עולם האָבן דאָ געפונען אַ געלעגנהייט זיך אַרונטעררעדן פונם בייזן האַרץ, און האָבן דעם ווינצלער אונטערגעהאַלטן, אָבער זיי זענען באַלד אַלע פאַרשריגן און פאַרטיוקעט געוואָרן פון די איבעריקע. נאָר אויך ביי זיי איז אַלץ געוואַקסן דער פאַרדעכטנדיקער אומרו, — אַן אומרו איבער דעם, וואָס מען זעט מאָנאַטן נישט אַזוי לאַנג.

ח

ערשט שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך דער רעגן אַביסל געשטילט, כאָטש דער הימל איז אַלץ געבליבן פאַרוואָלקנט.

די טויערן פון דער פאַבריק האָבן זיך געעפנט, און אַרויסגעלאָזן פון זיך אַן אויטאָמאָביל. אינם אויטאָמאָביל זענען געזעסן עטלעכע מענטשן אין גלאַנציקע רעגן-מאַנטלען, פון וועלכע די לעצטע, פאַלנדיקע רעגן-טראָפּנס זענען צוריקגעשפּרונגען. די טויערן האָבן זיך אויגנבליקלעך צוריק פאַרמאַכט.

ווען די פאַבריק-טויערן האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פונאַנדערגעעפנט כדי אַרויסצולאָזן דעם אויטאָמאָביל, האָבן די יעניקע פון די מאַסן, וואָס האָבן זיך געפונען גאָר נאָענט צום טויער, באַמערקט:

*) יידישע קירך.

די שווערע טויערן האָבן זיך עס אויגנבליקלעך אַזוי גיך צוריק פאַר־מאַכט נישט פון זיך אַליין. זיי זענען פון אינווייניק, פון פאַבריק־הויף, צוריקגעשטויסן געוואָרן פון אַ היפשער צאָל פיגורן, וועלכע האָבן זיך געפונען דאָרט אינעווייניק, האַרט ביים טויער. דיזעלביקע פונם עולם, וועלכע האָבן דאָס באַמערקט, האָבן אין אָט דער פאַרביי־געלאָפענער מינוט באַמערקט אויך דאָרט אין הויף אַ סך פרעמד-אויס־זעענדיקע „חברהניקעס" אין עפּעס אַזעלכע האַלבע אוניפאָרמס: וואָר פון זיי ס'האָט געטראָגן בלויז אַ מיליטעריש רעקל און הויזן ציווילע, און וואָר—פאַרקערט. קענטיק — אַן איילנדיק-צונויפגעשטעלטע מילי־טער-אָפּטיילונג.

און באַלד האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געמורמל צווישן די שטרייק־קערס, אַז די שטאַאט-מיליציע געפינט זיך דאָ אויפן פאַבריק־הויף.

— ווען האָבן זיי עס באַוויזן זיך אַריינצוגנבענען אַהין?

— נו, אַ געשעפט ווען... ביינאַכט..

— און וואָס טוען זיי דאָ? צוליב וואָס דאַרף מען זיי דאָ?

— זיי בעטן דאָרט גאָט פאַרן אַלוועלטלעכן פרידן...

—זיי וועלן געבן אַ וואָדעוויל־פאָרשטעלונג.. פאַר אונזער בענעפיס.

— זיי וועלן זיי באַשיצן, די שטרייק־ברעכער..

— וועמען באַשיצן?!

— זיי זענען שוין דען אָנגעקומען?

—איך זאָג דאָך אייך, אַז דאָרט זענען שוין איצט דאָ שטרייק־ברעכערס.

— גיי שוין אַוועק, דו פאַרשטאָפּטער קאָפּ... מיר וואָלטן דאָך געזען, ווי זיי זענען אָנגעקומען.

— נו, יאָ, אוודאי... אַן עולה, וואָס מען האָט דיך נישט אויפ־געוועקט פאַרטאָג, דו זאָלסט זיי גיין מקבל־פנים זיין... מען האָט זיי געבראַכט צופירן אין גרויסע לאַסט־אויטאָמאָבילן נאָך פאַרטאָג..

— אויב אַזוי וועט מען דאַרפן אָנהויבן פּיקעטן *) ביינאַכט אויך.

— ע, ווען איך וועל נאָר כאַפּן איינעם אונטער מיינע הענט—

---

*) אָנהאַלטן אַן אַרבעטער־וואַך בשעת אַ שטרייק.

מיט אַ פרענטע אייזן גלייך איבערן קאָפּ!

— ש־ש־ש... גישט אַזוי הויך...

— מען דאַרף זיך היטן פאַר די „טרופּערס" *)...

— מיר דוכט זיך, זיי קוקן אַרויס דורך די טויער־שפּאַלטן...

— זיי הערן זיך צו דורך די לעכער אין פּלויט.

דער אויטאָמאָביל, אין וועלכן דער עולם האָט גלייך דערקענט די שטרייק־קאָמיסיע, האָט זיך דערווייל פּאַמעלעך אַלץ נעענטער גערוקט אַהער און מיט שווערקייט אַריינגעשניטן זיך טיפער אין עולם אַריין, ווי אין אַ געדיכטער לעבער. די מאַשין, ווי אַ קליין אינזעלע, איז אינגיכן אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער גרויסער, הודענדיקער, זשומענדיקער מאַסע.

מיט אַמאָל איז געוואָרן שטיל. פונם אויטאָמאָביל האָט זיך איבערן עולם אויפגעהויבן מאָנאַטס פיגור. כאָטש אויף זיינע ליפּן איז איצט געווען, ווי תמיד, אַ צוגעלאָזן, פּאַני־בראַטיש שמייכעלע אין דער ריכטונג פונם עולם, האָבן אָבער אַלע באַמערקט, אַז זיינע אויגן שמייכלען נישט — זיינע אויגן זענען גראָד ערנסט, פאַרזאָרגט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פונם שטרייק, וואָס ער האָט אַדרעסירט דעם עולם. אין געציילטע, קורצע ווערטער האָט ער איבערגעגעבן וועגן די ביזאיצטיקע פאַרהאַנדלונגען מיט ליסלין. מאָנאַט גלויבט, אַז סוף־כל־סוף וועט דער שטרייק געוווּנען ווערן. די פאַרלוסטן פון דער פירמע יעדן טאָג פון שטרייק זענען זייער גרויס, אומגעהויער. די באַלעבאַטים הויבן שוין אָן צו גיין אויף אַ געפערלעכן וועג, — אַ סימן, אַז זיי ווערן פאַרצווייפלט... מען שטעלט אָן אַנדערע, פון דער פרעמד אַרונטערגעבראַכטע אַרבעטער... ער דאַרף דאָך קיינעם נישט דערקלערן, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן דאָס זענען. צום באַדויערן, מוז ער זיין איינגעהאַלטן אין זיינע ווערטער... מען האָט דאָך מסתמא געלייענט, ווי די צייטונגען העצן קעגן אים? אָט איצט־אָ, ווען ער אַדרעסירט די אַרבעטער, געפינען זיך דאָ, נישקשה, אַ היפּש ביסל אויערן, וואָל-

---

*) סאָלדאַטן.

כֿע האָבן זיך אייגנטלעך דאָ צווישן עולם נישט געדאַרפט געפינען... און זיי הערן זיך דאָך צו צו זיין יעדן וואָרט.

דעם עולמס פנימער זענען פאַרכמורעט געוואָרן. איינער האָט דעם אַנדערן אָנגעהויבן באַטראַכטן פון דער זייט מיט פאַרזעכטנדיקע בליקן. מאָנאַט האָט פאָרגעזעצט זיינע רייד מיט אַ שטייגנדיקער ערנסטקייט אין זיין קול:

— פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטער וועלן דאַרפן איצט זיין אַביסל פאָרזיכטיקער... זיי וועלן דאַרפן קוקן מיטביידע אויגן, — מען דאַרף פיקעטן ביינאַכט אויך.

— אייך, געוועזענע פישער־לייט און ים־מענטשן, בין איך זיכער, קאָן מען נישט אַזוי גרינג אָנשרעקן מיט קיין שיס־שטעקעלעך... איך האָף, אַז איר פאַרשטייט מיך, און אַז איך דאַרף קיין סך וועגן דעם נישט רעדן... דער פאָרזיצער פון דער פיקעט־קאָמיסיע *) וויל אייך איצט זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

פון אַ זייט, פון אַ ווייטן ראַנד פון דער פילקעפּיקער שוואַרצקייט האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט אַ דורכגאַנג אינעם עולם. אויגן האָבן זיך געווענדט אין יענער ריכטונג, ווו עס איז פאָרגעקומען איצט אַ שטיקל גערודער, דערוואַרטנדיק צו זען דאָרט דעם פאָרזיצער פון דער פיקעט־קאָמיסיע. נאָר באַלד האָט אַ טייל פון דער מאַסע מיט דערשטוינונג באַמערקט, אַז דער הויכער, דאַרער שוירלי, דער פאָרזיצער פון דער פיקעט־קאָמיסיע, שטייט שוין גאָר אויפן אויטאָמאָביל, לעבן מאָנאַטן. אַלע האָבן דעריבער אָנגעהויבן פאַרוואונדערט און נייגעריק באַטראַכטן דעם נידעריקן יונגן מענטש מיטן צעפלאַמטן פנים און פייער־שפריצנדיקע אויגן, וועלכער האָט זיך אַזוי פאַרעקשנט געהאַלטן אין איין שטופּן זיך דורך דער געדיכטער מאַסע אַלץ נענטער צום אויטאָמאָביל.

— היי, וווהין קריכסטו?...

מען האָט אים פון פאַרשידענע זייטן געפּרוווט אָפּשטעלן. אָבער נישט קוקנדיק אויף קיינעם האָט ער מיט אַ בייז־אַרונטערגעלאָזענעם

*) קאָמיסיע, וועלכע אָרגאַניזירט די וואַך קעגן די שטרייק־ברעכערס.—

קאַפּ זיך אַלץ געשפּאַרט פאָרויס, אַלץ פאָרויס. פאַרוואונדערט און אביסל דערשראָקן, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס ער וויל, האָט אים די מאַסע געלאָזן דעם וועג. ערשט, אַז יענער איז שוין געווען נאָענט נעבן מאַגנאַטס אויטאָמאָביל, זענען די אַרבעטער געקומען צו זיך און אים אָפּגעהאַלטן.

נאָר בלייבנדיק אַזוי שטעקן אינמיטן, זיך צאַפּלענדיק אַ הילפ־לאָזער צווישן צוויי אירלענדישע אַרבעטער־ריזן, וועלכע האָבן אים קרעפטיק געהאַלטן בייביידע אָרעמס, איז דעם אומבאַקאַנטן יונגג־מאַנס פּנים נאָך פלאַמענדיקער, נאָך צונטערדיקער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן עפּעס גיך־גיך און אין אַ צו־הויכער שטים, וועלכע איז וואָס אַמאָל אַלץ הייזעריקער און שוואַכער געוואָרן. ער האָט גע־רעדט־געשריגן גיך און זיך איילנדיק. ווייזט אויס, ער האָט זיך גע־שראָקן מען זאָל אים אין מיטן נישט פאַרשטאָפּן דאָס מויל, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ביי אים אויפן האַרצן. ער האָט זיך אַזש פאַרכלינעט רעדנדיק און האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם. נאָר פונם גאַנצן שפּריציקן שטראָם רייד האָט דער עולם אויפגעכאַפּט בלויז געציילטע געהאַקטע פראַזן עטלעכע:

— פריינט, גלויבט אים נישט... לאָזט זיך נישט פאַרפירן... ער מיינט דאָס נישט ערנסט... איך פאַרזיכער אייך... אייער גורל גייט אים נישט אָן... איר זענט ביי אים בלויז אַ שפּילכל... איך קאָן עס מער נישט צוזען... אַז ער הויבט שוין דאָ אָן שפּילן מיט מענטשלעכע לעבנס... בלוט וועט דאָ פאַרגאָסן ווערן... בלוט וועט דאָ פאַרגאָסן ווערן... בלוט וועט דאָ...

דער גאַנצער עולם, ווי אַ ריזיק־דונערנדיק ים־וואַסער, האָט זיך אַ שפּאַר־געטאָן מיט די ריזיקע ברוסטן, מיט די שטאַרקע פּלייצעס, אויף דעם קליינעם, זיך צאַפּלענדיקן מענטשעלע, און אים אויגנבליק־לעך אומגעוואָרפן אויף דער ערד. אַ וואַלד פון דראָענדיקע הענט און צונויפגעדריקטע פויסטן האָט זיך אויפגעהויבן אין דער לופט. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט געשרייען.

— דאָס איז איינער פון די געהיימע אַגענטן!

— ליספּיס אַ שפּיאָן!

— לאָמיר אים אָנלערנען!

— מען דאַרף אים לינטשען!

— טוט אים אויס אַ נאַקעטן!
— יאָ, טוט אים אויס אַ נאַקעטן!
— לאָמיר אים באַשמירן מיט פעך און איינטונקען אים אין פעדערן!

פון דעם יונגנמאַנס גוף זענען באַלד די קליידער אַרונטערגעריסן געוואָרן. ס'האָט זיך שוין אַנטבלויזט זיין דאַר, בלייך לייב, באַשמירט מיט בלאָטע און צעקראַצט פון די האַרטע און מאָזאָליעדיקע הענט, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אים.

מיט אַמאָל איז ער אויפגעהויבן געוואָרן אין דער לופט אויף עטלעכע שטאַרקע הענט, אויפגעהויבן געוואָרן הויך איבערן עולם. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט געשרייען און ווילדע אויסרופן. און איבער די קעפּ פונם עולם, אויף שטאַרקע אויפגעהויבענע הענט, ווי בוימער־צווייגן, איז ער דעמאָלט איבערגעוואָרפן געוואָרן פון איינעם צום אַנדערן, ביז צו מאָנאַטס אויטאָמאָביל.

מאָנאַט האָט אים צוערשט נישט דערקענט, דאָס דאָזיקע צעבלוטיקטע און אַרומגעריסענע מענטשעלע, פון וועלכן די צעריסענע בגדים זענען אַרונטערגעהאָנגען. בלאָטע־פלעקן און צעדראַפּעטע צייכנס האָבן איצט זיין לייב באַדעקט, ווי אַ ווילדע טאַטואירונג. נאָר באַלד האָט ער דערזען, ווער דאָס איז און ער האָט זיך שטיל פאַר זיך צעשמייכלט.

די שטאַרקע הענט האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין דער לופט דנען, כמעט אַ נאַקעטן, — האָבן אים געהאַלטן אין דער הויך פאַר מאָנאַטן, ווי אַ קרבן פאַר אַ כהן. אַ בלייכער, אַ טונקעלער, מיט פלאַמענדיק־צעשראָקענע אויגן, איז ער אַזוי געהאָנגען איבערן עולם, איבער אַלעמענס קעפּ. בלויז די גאַנץ־געבליבענע שיך האָבן זיך געשוואַרצט אויף זיינע בלייכע, נאַקעטע פיס.

אַלעמענס בליקן זענען איצט געווען אָנגעשטרענגט אויף מאָנאַטן. מאָנאַט האָט, באַרויגנדיק דעם עולם, אויפגעהויבן זיינע הענט אין דער הויך. ס'איז געוואָרן שטיל.

— הע,—הע... אָט אַזוינס... אַזאַ שוואַכס, אַזאַ אומשולדיקלעמעלע, וויל עס איך ראַטעווען פון מיינע שפּאַרבער־נעגל, — האָט מאָנאַט פאַרעכטלעך געשמייכלט, קוקנדיק אויף דנען. — האָט נישט

קיין זאָרג, — האָט ער אויסגעשריגן צום עולם. — לאָזט אים אָפּ. אַזאַ איינער, וועלכער שרייט אַרויס זיינע משוגעתן, איז פאַר אונז קיין געפאַר נישט... ביי אים איז עפּעס צעשרויפט. אָט אָ דאָ.—מאָ־נאַט האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום אייגענעם שטערן. — שרעקט זיך נישט פאַר אים! נישקשה, איך קען אים, דעם שיסער! לאָזט אים גיין. ער איז נישט שעדלעך.

מען האָט דנען אָפּגעלאָזן. מען האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן זיין צעריסענעם רעקל. ער האָט זיך דעמאָלט געלאָזט לויפן פון דאַנען אַ פאַרשעמטער, אַ צעטומלטער, אַ נישט־פאַרשטייענדיקער. שטאַרקע פויסטן האָבן אים פון אונטן געשטויסן, געשטופּט. זיין פּנים און זיינע אַנטבלויזטע שפּיציקע מאָגערע פּלייצעס זענען געווען איבער־גאַנצן אויסגעשמירט מיט בלוט, מיט קויט און מיט זאַמד.

דער עולם אַרבעטער אויפן פּלאַץ האָט אים נאָכגעקוקט שטאַרק באַאומרויקט.

— ער איז אַ משוגענער.

— ער האָט זיכער גערעדט פון היץ. ער מוז זיין קראַנק.

— דאָס איז אָבער אַ שלעכטער סימן. אָ, געוויס, דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

— אַן אומגליק רוקט זיך אויף אונז אָן.

— יאָ, אַן אומגליק רוקט זיך אָן.

דער רעגן האָט זיך ווידער געשטאַרקט. איצט איז שוין גע־ווען גאָר אוממעגלעך צו פאַרבלייבן אין דרויסן. אונטער זיינע שטע־כעדיקע, שמייסנדיקע בייטשן האָבן זיך די געדיכטע אומרויקע מאַסן ביסלעכווייז אויפגעלייזט און זיך פונאַנדערגעגאָסן.

ט

אַ פאַרווונדעטער, אַ ווייטיקדיקער, אַ צעביילטער האָט זיך דן קוים דערשלעפּט צו זיך אין צימער. גוט איז נאָך געווען, וואָס קיי־נער איז דעמאָלט נישט געווען ביי מרס. פאַרנעל אין הויז, און ס'איז נישט געווען, ווער עס זאָל באַמערקן זיין דעמאָלטיקן אויסזען. ער האָט זיך מיט די לעצטע כּחות אַרויפגעקראַפּקעט אויף די טרעפּ

צו זיך אין צימער, איז אַנידערגעפאַלן אויפן בעטל און איז אַזוי געבליבן ליגן.

מער האָט ער אַ שטיק צייט גאָרנישט געפילט.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אין חדר געווען פינסטער. ער האָט נישט געוווסט, ווי לאַנג ער איז עס אַזוי אָפּגעלעגן — אויב דאָס איז איצט די נאַכט פונם זעלביקן טאָג, ווען ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעטל, אָדער דאָס איז שוין די נאַכט פון אַ צווייטן, צי פון אַ דריטן טאָג. איצט האָט ער ערשט דערפילט, ווי יעדער אבר האָט אים וויי געטון. נאָר ער האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח און זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט, אַ קוק צו טון אין פענסטער אַריין.

דורכן פענסטער שלאָגט אַריין אַ שטאַרקע רויטקייט. דער שטיק הימל, וואָס זעט זיך אים דורכן פענסטער, ליגנדיק אַזוי אויפן בעטל, פלאַמט איצט מיט עפּעס אַ מאָדנער, אַ קויטיקער רויטקייט, ווי פאַר אַ זון־אויפגאַנג פון אַ פאַררעגנטן טאָג.

אַ ווײַלע הערט זיך דן צו. אין שטוב איז מאָדנע שטיל. אַז ער פאַרנעמט נישט אַזוי אַ לענגערע צייט קיין שום שאָרך, נישט פון אינעווייניק און נישט פון דרויסן, הייבט ער זיך פּאַמעלעכקע אויף און גייט צו צום פענסטער.

נאָר אָן שום ספק: איצט איז גאָר אָוונט, אָדער אפילו שפּעט־נאַכט. דער שאָטן פון אַ קליידער־שאַנק אין צימער צייכנט זיך קלאָר און פול מיט אַ בייזאַרטיקן לעבן אויף איינער אַ ווייסער וואַנט פונקט קעגנאיבער דעם פענסטער, — אַ וואַנט וועלכע איז איצט שטאַרק באַלויכטן, ווי פון אַ פולער אויפגעגאַנגענער לבנה. אין חדר איז טונקל, נאָר אין דרויסן איז, ווייזט אויס, איצט שטאַרק ליכטיק.

אַז דן האָט אַרויסגעשטעקט זיין צעשויבערטן און צעהיצטן קאָפּ דורכן פענסטער אין דער קאַלטער ווינטער־נאַכט אַרויס, האָט ער דערזען: דער דרויסן איז איצט באַגאָסן מיט אַ וווּנדערלעך־פאַרבשופּט ליכט. גרויסע פונקען, ווי פייערדיקע ווײַנטרויבן, זענען געפלויגן אַרום און אַרום אין דער לופט און זיך געלאָשן אין דער ליכטיקער נאַכט איבערן נאָענטן ים. ליסליס פאַבריק איז שוין אויף דער העלפט געווען אין פייער.

אַרויפֿוואַרפֿנדיק אויף זיך עפּעס אַ בגד, וואָס ער האָט אָנגעטאָפּט אין דער פֿינסטער, איז דן אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער פֿאַבריק.

אויפֿן גרויסן גראָזיקן פּלאַץ פֿאַר דער פֿאַבריק האָבן זיך שוין איצט געשטויסן ריזיקע מאַסן מענטשן. און אין ווייטע און נאָענטע קירכן אויפֿן אינזל האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען גלאָקן, — געקלונגען גידעריק און פֿייערלעך, עפּעס נישט אַזוי צו אַ שׂרפֿה, ווי צו אַ גרויסער גויאישער חגא. די פּנימער ביים עולם אויפֿן גרויסן פּלאַץ זענען געווען באַגאָסן מיט אַ שטאַרק ליכט און האָבן געהאַט עפּעס אַ דערווייטערטן, נישט־דאָיקן אויסזען. דאָס פֿייער האָט געקנאַקט און געקלאַפּט מיט אַ געטומל און אַ געפּילדער.

נאָר דער גרויסער, פּראָסטיקער ים דערביי איז געלעגן איצט שטיל אַזוי און רויק. כוואַליע האָט שטיל־ערנסט און פֿול־טראַגעדיק זיך איבערגעגאָסן אין צווייטער כוואַליע. שטיל אַזוי און רויק האָבן זיך די ים־וואַסערן איבערגעגאָסן איינס אין דאָס אַנדערע, ווי ים וואָלט זיך איצט געפֿונען ערגעץ אין אַ צפֿונדיקן מעשׂה־לאַנד... ים האָט זיך איצט ווי געצונדן מיט רייכע אילומינאַציעס לכּבֿוד אַ גרויסן, נאָך קיינמאָל נישט געוועזענעם יום־טובֿ... ים און הימל האָבן יום־טובֿדיק געלויכטן הייניטיקע נאַכט! ים און הימל זענען איצט געווען דורכויס באַדעקט מיט פֿייערן, מיט ליכטער, מיט פֿליענדיקע האָלאָוועשקעס און ריזיקע פֿונקען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אָנצאָליקע פֿאַלנדיקע שטערן.

בנין נאָך בנין פֿון ליסליס פֿאַבריק האָט זיך אין דער ריי אָנגעצונדן. עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל לעשן דאָס פֿייער. די פֿייערלייט אין ליסליס פֿאַבריק האָבן דאָך אויך, אין סימפּאַטיע־שטרייק אַוועקגעלייגט די אַרבעט דעמזעלביקן טאָג, וואָס די איבעריקע אַרבעטער זענען אַרויס אין שטרייק.

אַז דער נאַכט־סטרוזש האָט געפּרוווט אָנקלינגען טעלעפֿאָניש די פֿייער־קאָמאַנדעס פֿון די נאָענטע דערפֿער, האָט ער קיין ענטפֿער נישט געקראָגן: די טעלעפֿאָן־דראָטן זענען געווען איבערגעשניטן.

ער איז דעמאָלט אויף גיך אַוועקגעלאָפֿן צו ליסלין אין פּאַלאַץ.

ער האָט אָבער געפונען דעם טויער פאַרשלאָסן, אַריבערצוקלעטערן דעם פאַרקאַן פונם הויז האָט ער מורא געהאַט, ווייל דאָרט זענען בייננאַכט אַרומגעגאַנגען גרויסע וואַך-הינט, קראַפּטפּולע בולדאָגס, פון דער קייט אָפּגעלאָזענע. איז ער דעמאָלט צוריקגעלאָפן אין דער פאַבריק אַריין, כדי מיטצונעמען איינעם פון די געדונגענע, באַוואָפנטע „גאַרדס", ער זאָל מיט אים מיטגיין מיט דער ביקס. נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געדונגענע סאָלדאַטן זענען איצט גאָר געשמאַק געשלאָפן נאָך דער רייכער, פיל־מאכלימדיקער וועטשערע און נאָך די פילע אויסגעטרונקענע פלעשער ווײַן, וועלכע ליסלי האָט זיי גע־שאָנקען אַ מתנה אויף יום־טוב. היינט בייננאַכט איז גראָד געווען ניטל־נאַכט. צוליבן פאַרבאָט אויף אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, האָבן זיי דאָך שוין לאַנג קיין טראָפּן אין מויל נישט געהאַט, און האָבן זיך, אפנים, גאָר אָפּעטיטלעך צוגעכאַפּט צו די פלעשער. האָבן זיי איצט געשמאַק געדרימלט אין איינעם פון די אינעווייניקסטע חדרים פון דעם הויפּט-קאָרפּוס, צו וועלכן דער פייער האָט זיך איצט געהאַלטן אין דערגענטערן. זיי האָבן אוודאי איצט געהאַט די שענסטע חלומות. דער וואַכמאַן האָט זיי שוין מער נישט געקאָנט אויפוועקן. אַלע אַרויסגאַנג־טירן פונם הויפּט־קאָרפּוס זענען אינגיכן געווען פאַרכאַפּט אין די פלאַמען.

בנין נאָך בנין האָט זיך אין דער ריי געצונדן. מען האָט שוין איצט געקאָנט זען דאָס פייער פון די וואַך-טורעמס אין די נאָענטע דער־פער אויפן באַרג. די גלאָקן אין דער סט. דזשאָזעפס קירך און די אַנדערע קאַטוילישע קירכן, וועלכע האָבן אין דער דאָזיקער הייליקער נאַכט נאָכאַנאַנד געקלונגען צו די פאַרשידענע מעסעס, האָבן אין דערזעלבער צייט אויך אָנגעזאָגט אין דער אַרומיקער געגנט וועגן דער גרויסער שרפה אויף ליסליס פאַבריק. פון די אַרומיקע וועגן האָבן זיך דעריבער נאָכאַנאַנד געצויגן דורך דער גאַנצער נאַכט צו־פוסיקע מחנות מענטשן צום אָרט פון דער שרפה.

בנין נאָך בנין האָט זיך אין דער ריי אַליין געצונדן. עס האָט זיך נאָכאַנאַנד געהערט דאָס אויפרייסן פון פעסער אויל און דעזינפעק־ציאָנס-סמאָלע, וואָס זענען געשטאַנען אינם פאַבריק-הויף; דאָס פלאַצן און קנאַלן פון די פאַרשידענע כעמישע שטאָפן און גאַזן, וועלכע

האָבן זיך צו יעדער צייט געפונען אויפן פאַבריק־לאַגער. דאָס פייער איז אַלץ געוואַקסן: מען האָט אים שוין אוודאי געקאָנט זען אויף יענער זייט ראַריטאַן־אויסגוס, אויף די ברעגן פון ניו־דזשוירס, ווי אויך אויף די ווייטע, דרומדיקע ברעגן פונם סטעטן־אינזל, אין ברוקלין און אין ניו־יאָרק.

דער וואַכמאַן פון ליסליס פאַבריק האָט סוף־כּל־סוף איינגעשטעלט זיין לעבן. פון דער הויך, פון דער באַרג־זייט, דורך די הינטער־הויפן, האָט ער זיך אויף די שפּיץ פינגער צוגעגנבעט צו דער הינ־טערטיר פון ליסליס פּאַלאַץ. ער האָט אָנגעהויבן נאָכאַנאַנד און מיט גרויס געטומל און פאַרפאַלנקייט צו קלינגען מיט איין האַנט, און מיטן גרויסן אָפּגעריסענעם צווייג, וואָס אין דער צווייטער האַנט, האָט ער געהאַלטן אין אָפּטרייבן פון זיך דעם ווילדן בולדאָג, וואָס האָט זיך אַלץ געריסן אויף אים און געשפּרונגען אויף אים פון אַלע זייטן, קרעכצנדיק און סאָפּענדיק בייז און איינגעשפּאַרט, — עפּעס אַזאַ נאַכטיקער קורץ־דיקער שד. ס׳האָט דעם וואַכמאַן גענומען אַ היפּשע צייט, ביז אים איז געלונגען אויפצוּוועקן ליסלין, ווייל ליסלי איז געשלאָפן מיט אַ רויקן, זיכּערן און יום־טובדיקן שלאָף.

אין שטוב האָבן זיך דעמאָלט אָנגעצונדן עטלעכע דערשראָקע־נע ליכט. אַז מען איז אַרויסגעלאָפן אויף דער וועראַנדע, האָט מען שוין דעם וואַכמאַן געפונען ליגנדיק אויפן דיל, האַלב־צעביסן און אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק. דעם הונטס מויל איז געווען אינגאַנצן אויס־געשמירט אין בלוט און אין געדיכטער פּיענע. ער האָט שווער גע־סאָפּעט מיט זיינע פולע זייטן און איז געווען אינגאַנצן פאַרשוויצט און נאַס. ער האָט זיך נאָך געקאָנט פאַרקילן, דער בולדאָג, ווייל די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, האָט אים בערעניס אויף גיך אַריינגע־נומען אין הויז און איבערגעגעבן אַ דינסט, זי זאָל אים אָרומוואַשן און באַרויקן.

ליסלי און בערעניס האָבן איילנדיק, אַריבערשפּרינגנדיק איבערן אויסגעשטרעקטן אומבאַוווסטזיניקן גוף פונם וואַכמאַן, אַריינגעזעצט זיך אין אַן אויטאָמאָביל און אַוועקגעטראָגן זיך צום אָרט פון דער שׂרפה. און מאָדנע:

דאָרט, אויפן פּלאַץ פון דער שׂרפה, איז ליסלי פאַרבליבן אַ סך

דויקער, איידער זיין טאָכטער. אַז בערעניס האָט דערזען דעם גאַנצן חורבן, ווי איר פאָטערס האָב און גוטס, גייט אַוועק מיטן פייער, ווערט תרוב און פאַרוויסט פאַר איר אין די אויגן, — האָט זי אָנ־געהויבן אַרומלויפן ווי אַ משוגענע, מיט צעקאָשמעטע האָר און בלי־ציקע אויגן, צווישן עולם.

— ווו איז מאָנאַט? ווו איז מאָנאַט?

זי האָט אָט איינעם, אָט אַ צווייטן פון דער מאַסע אָפּגעשטעלט מיט אַ פרעגנדיקן פּנים. שווייגנדיק און כמורנע האָט זיך דער צענויפגע־קליבענער עולם געשפּאָלטן. מען האָט זי געלאָזט דורכגיין, נאָר קיינער האָט איר גאָרנישט געענטפערט, קיין וואָרט נישט.

אַז זי האָט ענדלעך אָנגעטראָפן דנען, וועלכער איז דאָ גע־שטאַנען אַ ציטערנדיקער, זיך טרייסלענדיק פון נאַכט-קעלט און פיי־ער־שרעק, האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר ביידע אַקסלען און אים שטאַרק אָנגעהויבן שאָקלען הין און צוריק.

— ווו איז אייער פריינט? ווו איז אייער פריינט, מאָנאַט! פאַרוואָס באַהאַלט ער זיך, דער פּחדן? אַ קונץ צו קעמפן מיט יע־נעמס הענט? גיט מיר אַהער מאָנאַטן! מאָנאַטן דערלאַנגט מיר אַהער!

אַ בלייכער, אַ שוואַכער, מיט צעדולטע און צעמישטע אויגן, איז ער געשטאַנען קעגן איר און איר גאָרנישט געקאָנט ענטפערן. די צונג איז אים געוואָרן צוגעקלעפּט צום גומען. אין האַלז איז אים געוואָרן אויסגעטרוקנט. אַזוי ווי דאָס אַרומיקע פייער וואָלט אים אין האַלז אויסגעברענט זיינע שטים־בענדער.,.

ווען ער איז מיט אַ שעה פריער געקומען אַהער צו לויפן, און זיך אַריינגעריסן צווישן עולם, האָט ער צווישן טרעשטשען און קנאַקן פונם פייער מיט אַמאָל דערהערט שוין גאָר לעצטע און שוואַ־כע, פּישטשענדיקע כמעט, געשרייען פון מענטשן, — אַ פּישטשען ווי פון מייז געכאַפּטע, וועלכע מען פאַרברענט צוזאַמען מיט דער פאַסט־קע. מענטשן אינם פייער האָבן זיך געבעטן, מען זאָל זיי ראַטעווען.

די דאָזיקע זיך־בעטנדיקע שטימען האָבן זיך דערטראָגן אַהער פון איינעם פון די גאָר־נאָענטע ברענענדיקע בנינים. אַרום און אַרום האָט דאָס פייער געקנאַקט מיט אַ פאַרטויבנדיקן געפּילדער. נאָר סאַמע מיט זייערע לעצטע כוחות האָבן די מענטשן פון צייט צו צייט באַ־

זיין אויסצושרייען אין דער באַלויכטענער, פייערדיק-רויטליקער נאַכט.
— ראַ־טע־וועט... ראַ־טע־וועט...

דאָס זענען געווען געשרייען פון די שטרייק-ברעכער און פון שטאָט־מיליציאָנערן, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן פייער. פון אייניקע זייטן האָבן זיך אַ פּאָר מענטשן געפּרוווט דורכשטופּן צום טויער מיט העק און לייטערס אין די הענט, נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט דורכברעכן זיך אַ וועג דורך די געדיכטע מאַסן. מיט פאַרכמורעטע, פינסטער-שווייגנדיקע פּנימער איז דער עולם, וואָס איז באַשטאַנען כמעט דורכויס פון שטרייקנדיקע אַרבעטער פון ליסליס פאַבריק און פון פישערלייט, געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געדיכט, ווי איינגעפלאַנצטע אין דער ערד מיט זייערע שווערע פיס, — ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און קיינעם נישט געוואָלט דורכלאָזן.

אַן אויפגעפלאַמט-הילפלאָזער האָט דן מיט אַלע זיינע אויפגעזאַמלטע כוחות געלאָזט דורכשפּאַרן זיך, געפּרוווט דורכברעכן זיך אַ וועג צו דער שרפה, געריסן זיך ווי אַ נאַכט־מאַטילקע צום פייער.

— וואָס שטייט איר? — האָט ער געשריגן אין משוגעת און פאַרווירטקייט. פאַרוואָס גייט איר נישט ראַטעווען אייערע ברידער־מענטשן...

קיינער האָט אים אויף דעם נישט געענטפערט, כאָטש קיינער האָט אים אויך נישט אָנגערירט: עס קאָן זיין, אַז זיינע שוואַכע ווערטער האָבן זיך אין שטאַרקן גערויש פונם קנאַקנדיקן פייער גאָר נישט געהערט אַפילו... די געדיכטע מענטשן־מאַסע איז וואָס אַ מינוט אַלץ געדיכטער געוואָרן, האָט זיך נאָך ענגער צוזאַמענגעפּרעסט—אָט דאָס איז געווען איר ענטפער, אויב אַן ענטפער איז געווען נויטיק: אַ פעלזן־וואַנט, אַ טונקעלע און שווייגנדיקע, קעגן וועלכע דאָס שוואַכע מענטשעלע דן האָט זיך אומזיסט געקלאַפּט... אָנגעכמורעט־שווייגנדיק, מיט איר גאַנצער צוזאַמענגעקוועטשטער געדיכטקייט, האָט אים די ריזיקע מענטשן-וואַנט מיט שטומער גבורה פון זיך אָפּגעוואָרפן, ווי אַ לייכטע פּילקע.

אַז די פייער־קאָמאַנדעס פון די אַרומיקע דערפער זענען סוף כל סוף געקומען אַהער צו פאָרן אויף זייערע רעווענדיקע און יאָמערנ-

דיקע אויטאָמאָבילן, וועלכע האָבן זיך אַ שטיק צייט געטראָגן אַהער דורך די וועלדערדיקע וועגן, וואָיענדיק און קלאָגנדיק אין די אויפגעוועקטע וועלדער, ווי הונגעריקע וועלף און שאַקאַלן, — איז שוין געווען צו־שפּעט. עס איז שוין געווען איצט אוממעגלעך צו לעשן די שׂרפה. די פייערלייט האָבן זיך דעריבער פאַרנומען בלויז מיט דעם, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אויסהאַקן די פאָדערשטע רייען ביימער פונם נאָענטן וואַלד, כּדי דאָס פייער זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויך אויפן וואַלד, און פאַראורזאַכן דעמאָלט אַ גרויסע וואַלד־שׂרפה.

באַלד איז דאָס פייער שוין געוואָרן אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט נאָענט נישט געקאָנט איינשטיין. די כוואַליעס היץ האָבן אַלעמען צוריקגעשטויסן. ליסלי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף יענער זייט „קריק", לעבן מרס. פאַרנעלס הויז. ער איז געשטאַנען גלייך־אויסגעצויגן אַזוי אויף זיין אויטאָמאָביל און האָט מיט אַ רויקן, באַפעלערישן בליק געקוקט פון דער ווייטן אויפן פייער, — ער האָט אויסגעזען ווי אַ וויכטיקער גענעראַל, וואָס שטייט אַזוי נישט ווייט פונם שלאַכט־פעלד, קוקט אָן קאַלטבלוטיק דאָס געשלעג און גיט בלויז אַרויס פון צייט צו צייט זיינע וויכטיקע באַפעלן.

לעבן זיין אויטאָמאָביל זענען אויך געשטאַנען מרס. פאַרנעל מיט איר מאַן. מרס. פאַרנעל האָט די גאַנצע צייט אַרויפגעקוקט צו ליסלין מיט פייערדיק־גזלנישע בליקן. אַלע ווילע האָבן אָט זי און אָט איר מאַן חניפהדיק און איבערגעגעבן־געטריי, זיך געווענדט צו ליסלין:

— דאָס האָבן זיי, די אַרבעטער, די שטרייקערס...

— דאָס איז קיין אַנדערנס נישט, ווי מאָנאַטס אַרבעט, דעם פירער זייערן...

— זיכער זענען עס די שטרייקערס. וואָס דען — אַז מען ליגט אָפּ גאַנצע וואָכן ביי סטיווענסן, מען נואפט און מען טרינקט נאָכאַנאַנד, און מען ווערט נאָך אָנגעהעצט קעגן מר. ליסלין...

נאָר ליסלי האָט זיך אפילו אין זייער זייט נישט אומגעקוקט: ווייזט אויס, אַז אים האָט דער גאַנצער ענין גאָר נישט אַזוי שטאַרק וויי געטאָן, ער האָט בלויז, ווי פאַר זיך, אַרויסגעברומט:

— נו, מען קאָן דאָך נישט וויסן... מעגלעך גאָר, אַז דאָס האָבן די ניי־אָנגעשטעלטע אַרבעטער, וואָס האָבן בשעתן שטרייק געאַרבעט, דורך זייער אומערפאַרנקייט אַליין אָנגעמאַכט די שרפה... מען קאָן דאָך נישט וויסן...

נאָר וואָס איז דער חילוק, אַזוי צי אַזוי, — ער, ליסלי, האָט פון דעם געהאַט אַ קנאַפּע זאָרג. ער האָט געוווסט: דאָס פאַרזיכערונגס־געלט, וואָס ער וועט דערפאַר קריגן, באַטרעפט מער, ווי די גאַנצע פאַבריק...

עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דורכברעכן דער פאַרטאָג. נאָר דאָס פייער איז אַלץ קוים קלענער געוואָרן, כאָטש אויפן הימל איז געוואָרן אַלץ בלייכער. שוין נאָכדעם, ווי אויפן הימעל האָט זיך דאָס פייער אויסגעלאָשן, האָט מען אויף דער ערד נאָך אַלץ געזען דאָס פייער — פון די נאָענטע און ווייטע דערפלעך און ישובים, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין דער הויך אויף די אַרומיקע בערג. קופּקעס מענטשן זענען דאָרט די גאַנצע צייט געשטאַנען, פאַלטאָס, רעגנמאַנטלען, קאָלדרעס און רעק אין איילעניש אַריבערגעוואָרפן אויף זייערע אַקסלען, און אָנגעקוקט ביז העט שפּעט אין טאָג אַריין דאָס פייער אין טאָל, — אָנגעקוקט ווי אַ גרויס וואַנדער, אָנגעקוקט ווי דאָס לעצטע פייער אינם משפּט־טאָג פון דער וועלט...

אינם גאָר־נאָענטן דאָרף, פ ל ע ז ע נ ט ־ פ ל ע נ ט, איז די גאַנצע צייט פון דער שרפה אויך דזשאַן געשטאַנען לעבן זיין הויז. פאַרכשופט־אָנאָטעמיק, מיט אַ צעשויבערטן, ווילדן קאָפּ, האָט ער געקוקט אַרונטער־צו, אין טאָל אַריין. נישט ער האָט געוואָלט איצט אַרונטערגיין צום ברעג ים און נישט ער האָט געהאַט כּוח אַריינגיין צו זיך אין הויז. בלויז אַז אים פלעגט ווערן גאָר קאַלט — ער האָט אויף זיך נישט געהאַט נישט קיין היטל און נישט קיין רעקל — פלעגט ער זיך אָפּרייסן אויף אַ מינוט אין הויז אַריין, אויסטרינקען דאָרט אַ גלעזעלע בראָנפן, זיך דערוואַרעמען און ווידער אַרויס אין דרויסן. זיינע אויגן זענען גלייך ווידער צוגעשמידט געוואָרן צום פייער אין טאָל.

אַז מייבעל איז אינם נייעם, פריש־אויסגעוואַשענעם פאַרטאָג צו אים אַרויסגעגאַנגען, אַן אויסגעשלאָפענע, און אַן אויסגערוטע,

מיט בעט־וואַרעמקייט אויף אירע פאַרויטלטע באַקן — זי האָט פון דער שרפה אַ גאַנצע נאַכט גאָרנישט געוווּסט—האָט ער זי שווייגנדיק שטאַרק אַרומגענומען, אַז אירע איידעלע ביינדעלעך האָבן זיך אויס פונאַנ- דערגעקנאַקט אונטער זיינע קראַפטפולע אָרעמס.

*

ערשט בייטאָג האָט זיך דאָס פייער אָנגעהויבן שטילן.

אַרום צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג האָט די אָנהויב־ווינטערדיקע זון, אַ פייערדיקע, אַן אַלץ־כּשרנדיקע, זיך שוין געפונען אין סאַמע מיטן הימל. דער ווינט האָט שוין מער נישט געבלאָזן פונם ים.

דאָס איינגעשטילטע פייער האָט שוין איצט געהאַלטן בלויז אין דערלעקן די פאַרבליבענע שטאָלערנע סקעלעטן פון די פאַבריק בנינים, די פאַררויכערטע מויער־ווענט, די אָפגעריסענע, הענגענדיקע און האַלב־אַרונטערגעפאַלענע ברעוונעס און קלעצער דאָ און דאָרט.

גאָר נאָענט לעבן ים, וועלכער האָט איצט אין דער בייטאָגיקער, קלאָר־אָפגעצייכנטער און ווינטערדיקער זון, געלויכטן מיט ניט־געוויינ־לעכער, מיט ניט־היגער פראַכט און הערלעכקייט, איז געשטאַנען און זיך גערויכערט אַ הויכער סאָסנע־בוים, גערויכערט זיך אין דער בלייכער, קלאָר־דורכזיכטיקער ווינטער־לופט.

איבערן פלאַץ, וואָס פאַר דער פאַבריק, איז דער עולם שוין איצט געוואָרן אַ סך שיטערער. מידע און אויסגעשעפטע פון דער לאַנגער נישט געשלאָפענער ווינטער נאַכט, מיט פנימער בלייך־אויס־געצערטע פון אַלערליי פאַרהוילענע פרייד־און נקמה־אויפרעגונגען, האָט מען זיך איצט צעשפרייט איבער די אַרומיקע טראַקטן און שטעגן, וואָס האָבן געפירט פונם דאָזיקן ווינקל ברעג־ים אינם טיף פון דעם אינזל אַריין. מען איז איצט אַוועקגעגאַנגען זיך איבערגעבן אַ לאַנגער, לאַנגער שלאָף־אַרגיע.

איבערן פלאַץ פון דער שרפה איז געוואָרן שיטער און שטיל. מענטשן איינצעלנע און זעלטענע האָבן איצט בלויז אַרומגעבלאָנקעט איבער די חורבות, איבער דער צעפאַלעניש און איבער די הויפנס מיסט און פאַררויכערטן ברוכוואַרג, וואָס זענען אויסגעוואַקסן איבער דער נאַכט.

אין דער חרובער אַרומיקייט האָט זיך געלאָזט שפּירן עפּעס אַ באַקאַנטער ריח, — עטוואָס אַזוינס, וואָס שפּירט זיך אין די גאָר ווייטע קינדער יאָרן, אינם טאָג פון תשעה־באב... דער טאָג איז דע־מאָלט שטאַרק זוניק און ליכטנדיק, און אַ מאָדנע זוניקע אבלדיקייט שפּרייט זיך דעמאָלט איבערן גאַנצן שטעטל... אַלץ אין דער לופט איז, דאַכט זיך, שטילער און אומעטיקער געוואָרן. יידן מיט בלייכע, אָפּגעצערטע תענית־פּנימער גייען דעמאָלט אַרום איבער די גאַסן אין זאָקן. און ס'איז מאָדנע: מען זעט, דאַכט זיך, נישט פון וואַנען, — פון וואַנען, אַ שטייגער, גיסט זיך עס איצט אַריין אין שטעטל דער ריח פון חורבן, דער ריח פון אַ בית־מקדש, וואָס ברענט ערגעץ אין דער ווייט ליכטיק אַזוי, ברענט אין פּראַכט בייטאָגיקער, ברענט אין מיטן פון קילן, שווייגנדיקן טאָגליכט און שפּרייט פון זיך אין דער ווייט־ווייטער אַרומיקייט פון טויזנטער מיילן — און טויזנטער יאָרן — אַזאַ דיסטילירטע, אַזאַ באָגנדיקע אומעטיקייט?...

לעבן האלאָוועשקעס, וואָס האָבן זיך נאָך דאָ און דאָרט גע־טליעט; אָנגעשפּאַרט אָן פאַררויכערטע און פאַרסמאַליעטע בוימער, האָבן זיך איצט איינציקע נעשן געקופּקעט, געקופּקעט זיך שווייגנ־דיק און געקוקט:

דורכן טויער, פון אונטער די חורבות, האָט מען איצט אָנגע־הויבן אַרויסטראָגן אויף טראָג־בעטלעך אַ ריי שוואַרצע פאַרברענטע קערפּערס. די דאָזיקע מענטשן, וועלכע דאָס פייער האָט אינעווייניק אין דער פאַבריק פאַרכאַפּט, האָבן זיך, אפנים, געפּרוווט אויסבאַהאַלטן אין די סקלעפּן און קעלערס פונם הויפּט־קאָרפּוס פון דער פאַבריק. זיי זענען דאָרט דערשטיקט געוואָרן פונם רויך. זייערע קערפּערס האָבן זיך דעריבער אויפגעהאַלטן אין זייער אויסערלעכער גאַנצקייט. מער נישט, זייערע פּנימער זענען געווען טונקל־שוואַרץ און זייערע האָר און נעגל זענען אָפּגעסמאַליעט געוואָרן. און איבער עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע סיבה זענען ביי זיי אַלעמען געווען אויסגעברענט די אויגן: ריטשקעלעך אייטער זענען פון דאָרט גערונען און פאַרגלי־ווערט געוואָרן אינם פראָסט. מען האָט זיי איצט אַלעמען אויסגעלייגט אין אַ לאַנגער ריי פאַרן טויער.

קודראַוו האָט איבערן פּלאַץ אַרומגעשלעפּט זיין טונקל־הויכע,

סוטולעוואַטע, אויסגעבויגענע פיגור, — אַז ער האָט זיך אויף אַ ווײלע אָפּגעשטעלט לעבן די אויסגעלייגטע טויטע קערפּערס, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אומגעהויערער, גרויסער ראָב, וועלכער איז געקומען באַשמעקן און פֿאַרזוכן די פּגרים.

אַ פֿינסטערע פֿרייד איז אין אים איצט אויפֿגעקוואָלן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן די געשעענישן פֿון דער לעצטער נאַכט. ער האָט מאָנאַטן נישט ליב געהאַט, נישט ליב געהאַט דעם דאָזיקן פֿרעמדן, דעם דאָזיקן ציניִשן אינטעליגענט.

— ווער איז ער דען, מאָנאַט? — פֿלעגט ער פֿאַר זיך האַלטן אַלץ אין איין טענהן. — אַביסל אַ סקעפּטיקער, אַביסל אַ ליריקער, אַביסל אַן אינטעליגענט — און אַביסל גלאַט אַ זשוליק... ניין, פֿון אים און פֿון אַזוינע, ווי ער, וועלן מיר נישט געהאָלפֿן ווערן...

נאָך פֿונדעסטוועגן, ווען ער וואָלט זיך איצט געפֿונען דאָ, מאָנאַט, וואָלט ער, קודראָוו, אים שטאַרק און מיט דאַנקבאַרקייט געדריקט די האַנט... מעגלעך אַפֿילו, אַז ער וואָלט זיך מיט אים איצט אויף אַ שטיקל צייט איבערגעבעטן.

אָבער מאָנאַט איז דאָ איצט סיי־ווי נישט געווען. מאָנאַט איז ערגעץ פֿאַרשוווּנדן, און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו זיין געביין געפֿינט זיך איצט. קודראָוו איז דעריבער אַליין דעם רעשטל טאָג אַרומגעגאַנגען דאָ איבער די חורבות, און האָט דערביי געפֿילט עפּעס אַ מאָדנעם תּענוג. עס איז געווען מאָדנע אַזוי געשמאַק צו טאַפּטשען זיך אין די צעשאָטענע מאַטעריאַלן און ברוכוואַרג, צו טרעטן איבער די פֿאַרשידענע אָנגעוואָרפֿענע גלעזער, בלעכלעך און קעסטלעך, און פֿילן, ווי עס ברעקלט זיך אַלץ, ווי עס טרישטשעט אַזוי אונטער די פֿיס.

ער האָט זיך איצט געפֿילט גוט און יום־טובדיק, קודראָוו. ער האָט זיך היינט דעם גאַנצן טאָג געפּוצט. געוואַשן און געריייניקט זיך און געוואַרט אַלץ אויפֿן אָנקומען פֿון אַ גאַסט. מאָרגן־איבערמאָרגן האָט אַהער געדאַרפֿט קומען צו פֿאָרן ראַיע.

בלויז איינס האָט איב באַאומרויקט.

אויף די ביטל־יום־טובים האָט דן געזאָלט אָפּפֿאָרן פֿון דאַנען אַזוי האָט ער קודראָוון בפֿירוש געזאָגט מיט עטלעכע טעג פֿריער

קודראָוו האָט דעמאָלט איילנדיק אָנגעשריבן אַ בריוועלע ראַיען, אין וועלכן ס'האָט זיך געזאָגט, אַז דן וועט דאָ פאַרבלייבן ביים ברעג ביז ניי־יאָר... „זאָל זי זיך דעריבער צואיילן און אַרויסקומען אַהער אַ פּאָר טעג פאַר ניי־יאָר. זי וועט דעמאָלט קאָנען פאָרן צוזאַמען מיט דנען אַהיים. און אויפן וועג וועט זי שוין מיט אים איבעררעדן פאַרשידענע זאַכן...״

— אָט וועל איך טאַקע זיין פאַר איר דער אמתער פאַרמיטלער — האָט קודראָוו מיט יעכידנער פרייד געלאַכט פאַר זיך.

אויף דעם האָט ראַיע קודראָוון טעלעגראַפיש געענטפערט, אַז זי קומט צופאָרן אין דער געהעריקער צייט. קודראָוו האָט שוין באַצייטנס געריבן די הענט פון הנאה, וואָס דער פּלאַן זייגע גיט זיך אים איין.

נאָר היינט אין דער פרי איז דן פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן. ער איז געלעגן איצט אין בעט; אַ פיבערנדיקער פון היץ האָט ער גערעדט אַ סך אומפאַרשטענדלעכע רייד. „איך האָב פאַרלוירן, אַלץ פאַרלוירן,״ האָט קודראָוו פון צייט צו צייט אונטערגעכאַפּט דנס ווערטער. „פאַר מיר האָט דאָ אַלץ אָפּגעברענט״...

ער איז זיכער געווען שטאַרק קראַנק, דן. מרס. פאַרנעל האָט ביי אים נאָכאַנאַנד געמאָסטן די היץ, אויסגעפונען, אַז ער האָט אַ שטאַרקן פיבער און האָט אים געהאַלטן אין איין לייגן פּענכערס אייז אויפן שטערן.

— איז, הייסט עס, ראַיע וועט אים טאַקע דאָ פאַרט טרעפן, דנען?..

קודראָוו איז אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט גרויסע שווערע טריט איבער די חורבות. אין די קופּעס אָנגעהויפטע חפצים האָבן זיך געראַיעט יינגלעך און עלטערע לייט מיט זעק אין די הענט, האָבן ושעדנע אַרויסגעגראָבן אַלערליי גלעזלעך און אייזנדלעך, וואָס זאָבן געבלישטשעט אין דער זון און מיט גיריקייט געוואָרפן זיי צו זיך אין די זעק אַריין. היינט איז דאָך סיי־ווי געווען יום־טוב און מען האָט קיין אַנדער אַרבעט נישט געטאָן.

מיט אַמאָל דערזעט קודראָוו:

אַן אויטאָמאָביל קומט אָן פון ליסליס הויז און שטעלט זיך אָפּ נישט ווייט פונם פאַבריק־טויער. פונם אויטאָמאָביל שפּרינגט אַרויס

איינער פון ליסליס פּאַרוואַלטער. נאָך אים — אַ גרופּע יידן. איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי לעבעדיק און ספּריטנע אַזוי אַרויסגעשפּרונגען פונם אויטאָמאָביל. אַרונטערשפּרינגענדיק, האָבן זייערע שוואַרצע ווינטער־מאַנטלען זיך פונאַנדערגענומען, זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין דער לופט, ווי פליגלען פון גרויסע שוואַרצע שפּאַרבערס.

אַ ווײַלע זענען זיי אַלע געשטאַנען אין אַ קופּקע אַרום דעם פּאַרוואַלטער, זיך געדונגען וועגן עפּעס און געמאַכט מיט די הענט. און באַלד האָבן זיי זיך אַלע געלאָזט אין פאַרשידענע ריכטונגען איבערן פּלאַץ, באַקוקן און באַטאַפּן די צעבראָכענע מאַשינעס, די פאַרברענטע משא־וועגענער און אויטאָמאָבילן, די פאַרשידענע מעשענע שטאַנגען און מעטאַלענע ברוכוואַרג, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט און געהויפט אויפן פּלאַץ. עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס זענען ברוכוואַרג־הענדלער, וועלכע זענען געקומען אַהער אָפּקויפן אַלץ, וואָס וועט זיך נאָר לאָזן.

אַז קודראָוו האָט אויף זיי אַ לענגערע ווײַלע געקוקט, אויף דער דאָזיקער גרופּע אָנגעקומענע, האָט זיך אים אָנגעהויבן שטאַרק דוכטן, אַז ער קען זיי, די דאָזיקע יידן. ער האָט זיי, דוכט זיך, שוין איינמאָל געזען... ער האָט זיי געזען אין יענעם אָוונט לעצטן זומער, ווען זיי זענען זאַלבאַפערט — ער, דן, מאָנאַט, און גאָס — אַרויסגעגאַנגען פונם שיפל, ביים קליינעם האַלב־אינזל, נישט ווייט פונם הייזל פון די דרײַ שוועסטער

XI

א

אין יענער הייליקער ניטל־נאַכט, אין יענער דערלייזנדיקער נאַכט פֿון דער שרפֿה, איז מאַנאַט געגאַנגען אַליין מיטן וועג, וואָס האָט געפֿירט צום דרום־מערבֿדיקן ברעג אינזל. ער האָט געהאָפֿט, אַז ער וועט אַהינצו אָנקומען נאָך פֿאַר זון־אויפֿגאַנג, כּדי צו זיין אים־שטאַנד אין דער געהעריקער צייט צו כאַפּן דעם ערשטן פֿאַרטאָגיקן צוג קיין ניו־יאָרק, — אַ צוג, וואָס איז נאָך פּוסט און ליידיק פֿון פּאַסאַזשירן, אַ צוג, וווּ די קאָנדוקטאָרן בלויז זיצן דאָרטן אין די האַלב־טונקעלע ווינקלען און דרעמלען אַליין אויף אינעם ציטער־שיין פֿון אַ בלייכן גאַז־פֿלעמל.

אַזוי גיך, ווי מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ליסליס פֿאַבריק איז אונטערגעצונדן געוואָרן, האָט ער באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער פֿאַר אים, ער זאָל זיך תּיכּף אָפּטראָגן פֿון דאַנען.

ער איז צוערשט געגאַנגען מיטןברייטן אויטאָמאָביל־טראַקט, מיטן שטאַאַט־וועג.

ער איז געגאַנגען איינער אַליין אין דער נאַכט און קיין מענטש האָט זיך אים נישט אָנגעטראָפֿן אין וועג; עס איז דאָך געווען אין אָט דער שעה אי שפּעט, אי קאַלט. חוץ דעם: אַלע איינוווינער אין די פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע הייזלעך ביי די זייטן וועג זענען שוין לאַנג געשלאָפֿן, אויסגעמאַטערטע נאָך די גרויסע יום־טובֿדיקע צוגרייטונ־גען פֿאַרן מאָרגנדיקן ניטל־מאָלצייט.

עס איז געווען שטאָק־פֿינסטער אַרום אים. אַ ווייסער קראָליק

איז אים דורכגעלאָפן דעם וועג אָן אַ געוויש, שטיל־געשפּענסטיק. ערגעץ האָט אַ האָן געקרייט.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך איצט געהערט דאָס געזאַנג פון דער צווייטער אשמורה.

אין ווייטע קירכן, אין פאַרשידענע ישובים אויפן אינזל האָבן אָנגעהויבן קלינגען גלאָקן. נאַטירלעך, דערווײַלע איז נאָך נישטאָ וואָס צו באַאומרויקן זיך, האָט מאנאַט געטראַכט. היינט איז דאָך אַ הייליקע נאַכט און אין די קאַטוילישע קירכן קלינגט מען שוין אוודאי צו דער פרימאָרגן־מעסע. אָבער באַלד האָבן זיך אויפן הויפּט־טראַקט, ווו מאנאַט איז איצט געגאַנגען, אָנגעהויבן אַרויסשײַנען פון אַלע זײַטיקע, פון אַלע נאַכטיקע וועגן און שליאַכן איינצעלנע מענטשן, פּאָרלעך, גרופּעס, מחנות גאַנצע, — מחנות פון שווײַגנדיקע, דערשראָקענע, הונגעריק־גיריקע, אַרויסוואַרטנדיקע און אומגעדולדיקע געשטאַלטן.

דעמאָלט איז מאנאַט אַרונטערגעגאַנגען פונם גרויסן טראַקט און האָט זיך געלאָזט גיין צווישן די בוימער אַ ביסל ווייטער פונם וועג. אַזוי איז געווען גלײַכער.

כאָטש פאַר וועמען האָט ער זיך דען געדאַרפט שרעקן? קיינער וואָלט אים סײַ־ווי אין גאָרנישט נישט פאַרדעכטיקט, ווען אפילו מען וואָלט אים באַגעגנט און דערקענט. מאנאַט האָט געהאַט איצט אַזאַ זאָרגלאָז און אַזאַ פריילעך פּנים. נאָך מער: צוליב זײַן פולער, זאַטער פיגור, האָט ער זיך אַ ביסל אונטערגעקאַטשעט פון איין זײַט אויף דער אַנדערער און אויסגעזען האָט ער דעריבער, ווי ער קערט זיך איצט אום פון אַ שפּעטער שמחהלע, אַ ביסל בגילופֿנדיק.

און שכּור איז ער טאַקע איצט זיכער געווען. שכּור פונם ווײַן, וואָס ער האָט אָנהויב אָוונט אין סטיוועגסנס האָטעל געטרונ־קען, אָדער גאָט ווייסט פון וואָס אַנדערש: ער האָט אָבער זיכער געהאַט איצט אַ פאַרפלאַמט פּנים און אַ פאַרדעכטיק רויטע נאָז.

אָבער מער פון אַלץ האָבן איצט זײַנע אויגן שעלמיש־חוצפּה־דיק, מיט אַרויסרופנדיקער העזה געלאַכט אין דער נאַכט אַרײַן... און אָן אויסזען אַ ווילערישן האָט ער איצט געהאַט — זײַן היטל האָט ער, ווען ער האָט זיך אין איילעניש אָפּגעטראָגן, פאַרגעסן

אָנצוטון; זיינע לאַנגע בלאָנדע האָר האָבן זיך דעריבער אינם צע־היצטן גאַנג זיינעם געפּאַטלט און געווייעט אינם ווינטל.

אין דער נאַכט איז טאַקע געווען קאַלט, נאָר מאַנאַטן איז איצט געווען וואַרעם, הייס אַפילו. די בלוטן אין אים האָבן איצט אַזוי הויך געשפּילט... פאַרקערט, ער האָט נאָך ברייט און ברייטער פונאַנדערגעעפנט זיין מאַנטל און געזונגען פאַר זיך עפּעס אַ לידל, אָן וועלכן ער האָט זיך גראָד איצט דערמאָנט.

אין ווילדן וואַלד בין איך געגאַנגען,
דעם קול פון די פייגל האָב איך אנטפאַנגען.
זינגען די פייגל: ראָ־ראָ־ראָ...
אַדיר, אָיום ונוראָ...

דער הימל איז געוואָרן דערווייל וואָס אַמאָל אַלץ רויטער, — שטאַרק רויט און צונטערדיק. און גייענדיק איצט אין אָן־וועגיקן וואַלד, האָט זיך מאַנאַט געהאַלטן ביים דאָזיקן שיין, ווי אָן אַ פירנ־דיק שטערן־ליכט. ס׳פאַלט שוין דער ווינטערדיק־באַנאַכטיקער טוי — די גראָזן, די בוימער־שטאַמען, די הוילע שוואַרצע צווייגן, זענען איצט באַדעקט מיט האָריקן פראָסט, מיט זילבער־טוי. מאַנאַטן איז אָבער וואַרעם. אים איז גוט און ער זינגט אינם ביינאַכטיקן וואַלד.

זינגען די פייגל: ראָ־ראָ־ראָ...

— נו, ער האָט שוין איצט מער נישט וואָס צו טון אויפן אינזל... פאַרטיק.

קיין שאָד איז אים דעריבער נישט, וואָס ער פאַרלאָזט אים איצט, דעם אינזל, אַזוי אומדערוואַרט. אָ, ער האָט זיך לחלוטין נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן, מאָנאַט: ער האָט דאָ די צייט היפּש גוט פאַרבראַכט...

און איצט — איצט האָט ער פאַר זיך גאָר אַ ברייטן נאַכטישן טראַקט... ער פילט זיך איצט אַזוי פריי, אַזוי נישט־צוגעבונדן. מאָנאַט ווייסט שוין ווי אויסצומאַרקירן זיין לעבן אַזוי, אַז ער זאָל זיך אין ערגעץ נישט צו־שטאַרק צובינדן, — נישט צו קיין אָרט, און נישט צו קיין מענטשן.

עס טוט אים דעריבער איצט נישט באַנג, וואָס ער פאַרלאָזט דעם אינזל אַזוי אומדערוואַרט. כאָטש איבערגעלאָזן האָט ער פונ-

דעסטוועגן הינטער זיך גאָר אַ נאָענטן מענטשן, דנען — אַ מענטש מיט אַ נשמה, וועלכע איז נאָך אָפן, וועלכע קאָן נאָך איבערגעפורעמט ווערן, — אַ, וועלכע וועט זיכער איבערגעפורעמט ווערן! — אַזוי טראַכט מאָנאַט.

— אמת, דערווייל זעט ער טאַקע נישט, דן, דיווירקלעכע וועלט. דערווייל לעבט ער עפּעס אין אַזאַ אייגענער, אַן אויסגעחלומטער וועלט, — אַ וועלט, וואָס איז אין דער אמתן נישטאָ... נאָר ער וועט זיך ענדערן, דן, ער וועט זיך זיכער ענדערן...

און מאָנאַט טרעט פרייליך און אומגעלומפּערט איבער די טרוקענע צווייגן און פיל־יאָריקן פוילנדיקן בלעטער־אָנוואַרף אין וואַלד. ער הערט זיך מער נישט איין צום איינגעהאַלטענעם גערויש אויפן הויפּט־טראַקט, וואָס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און קענטיקער, ווי דער גערויש פון זיך־דערנענטערנדיקע גרויסע מחנות — מאָנאַט זוכט גאָר איצט אַלץ צו געפינען עפּעס אַ טרייסט פאַר דנען...

— בכלל... בכלל איז ער דאָך מער נישט, ווי אַ ייד, דן. יידן זעען קיינמאָל נישט די וועלט, די אמתע וועלט. און דעריבער פאַרשטייען זיי טאַקע נישט די וועלט, — דערפאַר האָבן אייניקע אַ גוואַלדיק־איבערטריבענעם און אומבאַגרינדעטן דרך־ארץ פאַר יידן, און די מערסטע האָבן זיי פראָסט־פּשוט פיינט: מען האָט פיינט, ס׳ערגערט אַ רעטעניש, אויף תמיד אַן אומבאַשיידבאַר...

אומעטום און אַלעמאָל פלאָנטערן זיך יידן דער וועלט אונטער די פיס, —איז מאָנאַט שוין געניגט איצט צו פילאָזאָפירן — די וועלט שעמט זיך פאַר זיי, פאַר אָט די שטענדיקע דערמאָנער און מגידים, פאַר אָט די שטענדיקע פריידיקער פון „יושר, גערעכטיקייט און אמת”... די וועלט קאָן לאַנג נישט אויסהאַלטן די יידן, אָט דאָס דאָזיקע „געוויסן פון דער וועלט” — נו, טוט מען מיט זיי, וואָס מען טוט בכלל מיט געוויסנס: הרג׳עט מען זיי אַוועק...

—כאַ־כאַ... אַז מען מוז טאַקע אונז דאָך סוף כל סוף אויסהרגענען, אויב מיר באַשטייען אין אונזער עקשנות צו שטערן תמיד דער וועלט אין אירע „אינטימסטע” מינוטן — אין איר זינד, אין אירע תאוות...

מאָנאַט איז שוין איצט אינגאַנצן פאַרשוויצט. דער גאַנג ווערט אים וואָס אַמאָל שווערער. ער הויבט אָן שווער צו סאָפּען; יאָ ער ליידט

שוין אַ לענגערע צייט אַ ביסל פון אַסטמאַ. דער וועג פאַרקירעוועט זיך אַרויף אַ בערגל, באַוואַקסן מיט נאַקעטע ריזיקע עלמס, — דורך זיי פלעקן זיך איצט דורך רויטע, שרפהדיקע שטיקער הימל... נאָר ער באַמערקט עס אַלץ נישט, מאָנאַט. עס איז אים אַזוי אומבאַשרייבלעך-גוט צו שפּאַצירן אַזוי איינער-אַליין אין דער נאַכט, צו רעדן איינער אַליין אין וואַלד... מאָנאַט גיט זיך איצט איבער אינגאַנצן דעם דאָזיקן זעלטענעם תענוג...

— יאָ, איז אָט דאָס ביסטו, דן... וועסטו כאָטש סוף כּל סוף דערזען, אַז דו האָסט גענומען אַלץ צו ערנסט, אַזוי שווער-ערנסט, אין דער צייט, וואָס ס'איז גאָרנישט נישטאָ אין לעבן, אַבסאָלוט גאָרנישט, וואָס ס'זאָל זיך לוינען צו נעמען ערנסט? וועסטו סוף כּל סוף איינזען, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז בלויז אַ שפּיל, אַ וויץ? (שטילער, פאַר זיך, ווי כּדי דן זאָל עס נישט דערהערן, גיט מאָנאַט צו מיט אַ געלעכטער: „אַ גרויזאַמער שפּיל, אַ טראַגישער וויץ...") מסתּמא יאָ... כ'האָב אָבער מורא, אַז וועסט דאַרפן קריגן אַ סך, אַ סך מאָל מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ, ביז וואַנען דו וועסט ענדלעך אויפוואַכן צו דער ווירקלעכקייט פון דער וועלט, צום איינציק-אמתן גראָבן זין פונם לעבן... און דעמאָלט — דעמאָלט וועסטו מסתּמא ווערן אויך אַזוי אומריין — צי גאָר ערשט ר י י ן, ווי די שכנים דיינע... און דיין „ערלעכקייט" וועט דעמאָלט אויך, ווי ביי די שכנים דיינע, זיך געפינען בלויז אין דיינע רייד... און גלויב מיר, דן, אַז דאָס איז שוין אַ סך גלייכער און שענער, ווי ביי די „היינטיקע", די איבערגעשפּיצטע, וועלכע זענען אַלע אַזוי פאַרביק און בלאַזירט-ציניש אין זייערע רייד און אַזוי בלייך און אָרעם-ערלעך אין זייערע מעשׂים...

מאָנאַט קוקט זיך דעמאָלט אום און דערזעט, אַז ער איז, אַרונטערגייענדיק פונם שטאאט-וועג, דוכט זיך אַ ביסל צו-ווייט פאַרקראָכן אָן אַ זייט. דוכט זיך, ער הויבט איצט גאָר אָן צו בלאָנדזשען אינם וואַלד. ביים ליכט פונם רויטן און פלאַמענדיקן הימל זעט ער, אַז דאָס איז גאָר נישט דער וועג, וואָס פירט צו דער עקסטער באַן-סטאַציע אויפן דרום-מערבדיקן אינזל-ווינקל. אָבער מאָדנע... באַקאַנט איז אים פאָרט אָט דאָס דאָזיקע שטיקל וואַלד. ער דערזעט פאַר זיך פּלוצלינג אַ פאַרמערס הויז, אין מיטן וואַלד, און דאָס דאָזיקע הויז קוקט

אים אויך אויס מאָדנע באַקאַנט. הינטערן הויז איז דאָ אַ היפּשלעכער גאָרטן. אָ, איצט ווייס ער שוין דעם דעם דאָזיקן אָרט... ער דערקענט דעם דאָזיקן שטיק וואַלד, וווהין זיינע פיס האָבן אים שוין אַ פּאָר מאָל פריער געפירט, אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין.

אויך איצט, ווי דאָס לעצטע מאָל, זענען די פענסטער פונם פערמערס הויז באַלויכטן. אַזוי שפּעט ביינאַכט? אַז מאָנאַט גנב'עט זיך אונטער אונטער די פענסטער און קוקט אַריין, זעט ער, אַז אין שטוב איז ליכטיק אַזוי, נאָר פּוסט. קיין איינציקער מענטש איז דאָרטן נישטאָ, די מענטשן, וועלכע וווינען דאָ, זענען, ווייזט אויס, אויך אַוועקגעלאָפן צו דער שׂרפה. ברעכט מאָנאַט אויס אין אַ גרויסן, פריידיקן געלעכטער און וועקט אויף פונם שלאָף עטלעכע דרימלענדיקע הינער, וועלכע לאָזן זיך פליען איבער זיין קאָפּ אַרונטער פון די לייטער-טרעפּלעך, וווּ זיי האָבן גענעכטיקט; עטלעכע איבערגעשראָקענע חזירימלעך קוויטשען זיך אויך פונאַנדער פונם שלאָף און ווערן אָבער באַלד צוריק שטיל. מאָנאַטס פרייד וואַקסט אַלץ און וואַקסט.

— ווידער איז ער דאָ... דאָ און איינער אַליין...

ער ווענדט איצט זיין בליק אויפן ווייטלעכן טייל שליאַך, דאָרט ווו די בוימער ווערן געדיכטער און פאָרמירן אַ קליין וועלדל, ווי אַן אויפגעשוואָלענע קרוין אויף דער גרינער בוימער-ריי. און עפּעס קלאַפּט אים דאָס האַרץ און עפּעס בייסן אים די פיס — מאָנאַט האַלט זיך סוף כּל סוף נישט איין און לאָזט זיך לעבעדיק אַזוי און פריילעך טאַנצן אויפן פרעמדן הויף.

דער הימל ווערט וואָס אַמאָל אַלץ רויטער און ליכטיקער. מען זעט פון דאַנעט די שווערע, גאָלדענע פונקען, — גרויסע ווי שטערנס ווי האַלאָוועשקעס גאַנצע, — ווי זיי פליען צום הימל. און מאָנאַט טאַנצט אַלץ און טאַנצט מיט זיין שווערן גוף, — אין דער רויטלעכער ליכטיקייט טאַנצט אים זיין שאָטן אומגערן נאָך, ווי אַ בער אויף אַ קייט: דער טאַנצנדיקער שאָטן זיינער לאַכט, דולט זיך, אויך און ברומט אַזוי בעריש-כּמורנע.

מאָנאַט טאַנצט אַזוי סוף כּל סוף אַריין אינם קליינעם שטיק וועלדל, וואָס אונטער דער אויפגעשוואָלענער בוימער-קרוין. אין דעם קליינעם וועלדל איז וואַרעם — דער קליינער, קיילעכדיקער פּלאַץ איז

פאַרשטעלט פון אַלע זייטן מיט אַ סך בוימער-רייען. מאָנאַט טאַפּט אין דער פינסטער די שטאַמען. ער זוכט עפּעס. אונטער די פיס ברעכן זיך קיינמאָל נאָך נישט באַטראָטענע טרוקענע צווייגלעך און אָנגעפאַלענע שישקעס. און באַלד דערקענט מאָנאַט זיין בוים... ער גלעט אים אַזוי איידל, ער באַטאַפּט אים מיט אַזוי פיל ליבע פון אַלע זייטן און פירט זיינע פינגער צאַרט איבער די קליינע, אויסגעשניטענע רונצלעך אין דער קאָרע. ער באַטאַפּט די אותיות מיט זיינע פינגער ווי אַ בלינדער, און, ווי אַ בלינדער, לייענט ער זיי לויטן אָנריר, לייענט זיי הויך און טריומפירנדיק:

— מעם—אלף—נון—אלף—טעס, — מאָנאַט, מאָנאַט!

דאָס פייער פון דער שרפה הינטער אים איז אַלץ געוואַקסן. די ביינאַכטיקע בוימער האָבן דאָ איצט אינם וועלדל, פאַרוונדערטע, אָנגעהויבן שפּרייטן פון זיך שאָטנס אינמיטן דער נאַכט.

מיט אַמאָל האָט מאָנאַט געגומען, איינגעפלאַנצט זיין רעכטן פוס אין דער ערד און זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום און אַרום זיך, ווי אַ דערווישׁ, דרייען זיך אין אַ ווילדער היץ און עקסטאַז. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער אַרויסגעלאָזן פון זיך אַ קורץ, ווילד געשריי. אַ שטיקל צייט האָט ער אַזוי געקרייזט אַרום און אַרום זיך, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים ענדלעך פאַרדרייט, איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, און זיך אָנגעהויבן קאַטשען און מאַכן אַלערליי ווילדע העויות. עס האָט זיך שוין געהערט איצט גאָר קלאָר, ווי עס טראָגן זיך אויפן וועג די רעוועדיקע און יאָמערנדיקע אויטאָמאָבילן פון די פייערלעשער. אַי, אַ סומאַטאָכע אָנגעמאַכט, אַ סומאַטאָכע אָנגעמאַכט,— האָט זיך מאָנאַט געקרימט און אויסגעשניטן אויף זיין פּנים די מאָדנעסטע גרימאַסן און העויות. אַ שטיק צייט איז ער נאָך דאָ אַזוי אָפּגעלעגן און געקאָרטשעט זיך אויף דער ערד אין אַ גרויס געלעכטער.

— אַי, אַ סומאַטאָכע אָנגעמאַכט, אַ סומאַטאָכע אָנגעמאַכט...

ב

דעם גאַנצן טאָג פונם קריסטלעכן יום-טוב און אויך דעם גאַנצן טאָג אויף מאָרגן נאָכן יום-טוב, איז קודראָוו אַלץ אַרומגעגאַנגען איבער די ליידיקע, פּראָסטיקע וועגן, וואָס אַרום פּרינסעס-ביי. קענטיק, ער

האָט צוגעטראָכט עפּעס וויכטיקע אַזעלכע פּלענער. זי האָט שוין איז געווען אין יענע ווינטער-טעג געשמאַק, פּראָסטיק אַזוי און שמעקעדיק, ווי דער קאַלטער לייב פון אַ ליידנשאַפטלעכער פרוי.

ראיע האָט געזאָלט איינשטיין, אויף איר באַזון, אין פּרינצעס-ביי, ביי מרס. פּאַרנעלן. קודראָוו האָט שוין וועגן דעם מיט מרס. פּאַר-נעלן געהאַט אַ שמועס נאָך פּאַר יום-טוב.

— מאָרגן-איבערמאָרגן — האָט ער איר געזאָגט, — דערוואַרט איך דאָ מיינע אַ פריינדין פון ניו-יאָרק, מיינע זייער אַ נאָענטע פריינדין, — מיינע אַ „ליידי-פרענד". זי וועט דאָ פאַרברענגען מיט מיר אַ פּאָר טעג. מיר וועלן זי דאָך קאָנען איינאָרדנען ביי אייך אין הויז פּאַר אָט די פּאָר טעג, מרס. פּאַרנעל?

מרס. פּאַרנעל האָט אים געענטפערט מיט אַ צושטימענדיקן באַ-דייטונגספולן שמייכעלע. עס האָט געהייסן, דאָס דאָזיקע שמייכעלע: „איך פאַרשטיי טאָקע גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ סאָרט „ליידי-פרענד" דאָס איז... נאָר וואָס דען — איך קאָן זיין בלינד, ווען און ווו מען דאַרף."

אָבער וואָס זאָל ער איצט טון מיט דנען? נישט שוין-זשע וועט דן אים אַלעמאָל, אַלעמאָל שטיין אין וועג? אַז אַזאַ אויסערגעוויינ-לעך גליק קומט צו אים ענדלעך אין זיין אָרעם, געקריוודעט לעבן,— קומט צו אים דורך אַזוי פיל מי, ביטערקייט און אָפּנאַרעריי, — וועט אַ דן אָדער זיינס אַ גלייכן, קומען און צעשטערן עס?

ווידער האָט קודראָוו דאָ געזען די האַנט פון אַ בייזן מזל, אַ האַנט, וועלכע לייגט זיך תמיד באַזונדער שווער אויף אים. זיינע אויגן האָבן איצט גזלניש-פאַרעקשנט און נקמהדיק אויפגעבליצט.

— נו, מען וועט שוין זען!... ער, קודראָוו, האָט דאָך שוין סיי ווי מער נישט וואָס צו וואַרטן אויף איידלקייט... ווי אַ הונגעריקער וואָלף, אַן אויסגעמאָרעטער דורך לאַנגע און פיל הונגעריקע ווינ-טער'ס וועט ער דאָס מאָל ביזן לעצטן קעמפן פאַר זיינס, וועט ער זיך מיט עקשנות איינבייסן און אַריינפרעסן אין זיין גליק.

ער האָט געקריצט מיט די ציין פון שטאַרקער אויפרעגונג. זי-כער — מיט דנען וועט מען דאַרפן עפּעס טון. קודראָוו האָט פאַר-ביסן זיינע ליפן ביז בלוט. ער האָט נאָך נישט געוווסט קלאָר, וואָס ער קאָן טון מיט דנען, כדי אים אַראָפּצורוימען פון וועג. בלינדער-

הייט האָט ער אָבער געפילט, אַז עפּעס וועט ער מוזן טון, אַז ער וועט טון אַלץ, אַלץ...

און דערווייל, ביז אים וועט נישט קלאָר ווערן, וואָס אַזוינס ער דאַרף טון מיט דנען, האָט זיך קודראָוו נישט געוואָלט אומקערן אַהיים. ער האָט בייז געשמייכלט, הנאה געהאַט אין פאָרויס פונם פאָרשטייענדיקן נצחון. ער האָט זיך געלאָזט שניידן דאָס פּנים דורכן פראָסטיקן ווינט.

ער איז אומגעגאַנגען אַזוי אַ גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין אָוונט אַריין, אַרומגעגאַנגען אונטער הימלען, וואָס האָבן זיך שוין, אָוונט-צו, אָנגעהויבן וואָלקענען, ברודנע און כמורנע ווערן. אַ שניי, אָדער אַ פאַרשפּעטיקטער קאַלטער, ווינטערדיקער רעגן, ווי עס טרעפט אָפּט ביים ים, איז איצט געהאָנגען אין דער לופטן.

אָוונט-צו האָבן אים זיינע פיס געבראַכט צו אַ דערווייטערטן טייל ברעג, ווו ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. דאָס איז געווען דער אָרט, ווו מען פלעגט אויסשיטן דאָס מיסט פון דער גאַנצער גאַכבאַרשאַפט. דאָ זענען געווען אָנגעשליידערט גאַנצע קופּעס מיט אַש, אַלערליי סאָרטן ברוכוואַרג, פאַפּירן פון פאַרשידענע קאָלירן, צע-בראָכענע גלאָז און פאַרזשאַווערטע קענדלעך, קאַסטנס, אַלערליי קלעצ-לעך און ברעטלעך.

פון דעם אַליין האָט זיך שוין געטראָגן אַ היפשער עיפּוש און אַ געשטאַנק. נאָר דאָ זענען אויך געלעגן אָן אַ שיעור צעפוילטע פּגרים פון דורכגעגריזשעטע קעץ און הינט, וועלכע מען פלעגט אַהער פון אַלע ווינקלעך פונם אינזל אַרויסוואַרפן. זייערע מיילער זענען געווען ברייט צעעפנט און אַרויסגעהריזשעט. די ציינער האָבן זיי דעריבער אַרויסגעשטשירעט און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די קעצישע און הינטישע פּגרים לאַכן עס אַזוי, — לאַכן עס אַזוי פון דער וועלט אַזאַ מין לעצט ווילד געלעכטער...

מחנות גאַנצע פליגן און אינסעקטן, גרינע, בלויע, קופּערנע און גלאַנצנדיקע פליגן האָבן די פּגרים דורכויס באַדעקט, ווי אַ געדיכ-טער ווערעמדיקער אָנוואַקס. נאָכאַנאַנד אַרום זיי געזשומעט, געהוזשעט, געפּויזעט און געקראָכן.

קודראָוו איז פאַרכישופט געוואָרן פון דעם דאָזיקן, אומגעריכ-טערהייט-אָנגעטראָפענעם אָרט. ער האָט זיך אַ שטיק צייט פון דאַנען

נישט געקאָנט אָפּרייסן. נאָענטביים ברעג איז דאָ דער זאַמד געווען באַשפּרייט מיט אומגעהויערע מאַסן פיש, — טויטע, געשוואָלענע, פיש, וואָס די כוואַליעס אָדער פישערלייט פלעגן פון צייט צו צייט אַרויסוואַרפן אויפן ברעג. ער איז געגאַנגען איצט מיילן און מיילן פאַזע דעם ברעג, געגאַנגען מיט הונגעריקע, ברענענדיקע אויגן. דער ברעג איז דורכויס געווען באַדעקט מיט אָט די דאָזיקע טויטע, פאַר־טרוקנטע פיש, זיי זענען אין די טויזנטער געלעגן מיט די ווייסע, געשוואָלענע בייכער אַרויף. נישט געקוקט אויף דער נאָענטקייט און פרישקייט פונם ים, איז אַן עיפּוש, אַ גערדיכטער און אַ שטינקנדיקער נבלה־גערוך, דאָ תמיד געלעגן האַרט איבער דער ערד, ווי אַ דיקע, ממשותדיקע שיכט. קודראָוו איז דאָ אַזוי אַרומגעגאַנגען שעה נאָך שעה, אַ פאַרכישופטער און נישט געקאָנט פון דאַנען אַוועקגיין. וועגן דנען האָט ער זיך איצט גאָר פאַרגעסן.

נאָר אַז קודראָוו איז גאָר שפּעט אין אָוונט געקומען אַהיים, האָט ער צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג געטראָפן דנס בעט ליידיק. ער איז אַרונטערגעלאָפן צו מרס. פאַרנעל מיט אַ ברענענדיק פנים. זי האָט אים דערציילט אַז דן איז נאָך בייטאָג אַוועקגעפאָרן.

— ער האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט, דן, געזאָגט, אַז ער פילט זיך שוין איצט אַ סך בעסער און האָט זיך געזעגנט מיט איר. ער האָט געדאַרפט באַצאָלן עפּעס נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, וואָס איז פון אים געקומען, האָט ער איר געגעבן אַ גרעסערע מטבע. איז זי אַרויס עס אָפּבייטן. נאָר אַז זי איז געקומען צוריק מיטן אויסגאָב, איז ער שוין דאָ נישט געווען.

קודראָוו איז שנעל צוריק אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער, אײַנ־געאַגצן אַ פריידיקער און אַן אויפגערעגטער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ שקאַטולקע, ווו ער פלעגט געווײנלעך האַלטן זיין ביסל אָפּגע־שפּאָרט געלט, אַ קליין ראָזעווע קאָנווערטל, וואָס איז געווען אי־בערגעבונדן מיט אַ ראָזעווער באַנד. פאַמעלעך, פאַמעלעך, ווי נישט פאַרגינענדיק זיך אַליין מיט אַמאָל דאָס דאָזיקע פאַרגעניגן, האָט ער די באַנד פאָרזיכטיק אויפגעבונדן.

פונם קאָנווערט האָט ער אַרויסגענומען אַ פאַרפומירט ראָזע־ווע בויגעלע פּאַפּיר, אַ בויגעלע בריוו־פּאַפּיר, וועלכעס איז במעט

ווי נישט געווען באַשריבן. ער האָט אָנגעהויבן באַטאַפּן, גלעטן עס צווישן די פינגער, גלעטן דעם דאָזיקן „בריוו" ראיעס, ווו עס האָט זיך געזאָגט אין געציילטע צוויי־דריי שורות, אַז זי קומט צופאָרן די טעג.

ווי אַ לעמפּערט, אַ פאַרשפּאַרטער אין אַ שטייג, האָט קודראָוו אַ לענגערע צייט מיט שווערע, האַסטיקע טריט אַרומגעפּאַנט אין זיין חדר, אַרומגעשפּאַנט אַליין אין דער נאַכט, אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, הין און צוריק און געבליצט מיט די אויגן.

ג

נאָך איינגאַנצן אַן אָפּגעשוואַכטער, און קוים פּלאָנטערנדיק מיט די פיס, האָט דן פאַרלאָזן מרס. פאַרנעלס הויז.

אין אים איז איצט געווען מאָדנע שטיל אַזוי, אַ אָן־כּוחדיקע שטילקייט — ער האָט זיך געפילט איצט ווי איינגאַנצן אויס־געליידיקט.

מיט אַ קליין רענצל אין די הענט, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען זיינע נויטיקסטע זאַכן, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום ים־ברעג. עס איז שוין געווען טונקל אוןביים ברעג איז איצט קיינער נישט געווען. כּמעט אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין האָבן אים זיינע מידע פיס געבראַכט צום היפּשן צוטאָפּטשעטן פּלאַץ, וואָס פאַרן פאַר־בריק. ער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אַזוי איינער אַליין אַ שטיק צייט איבער די חורבות.

אַז ער איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום טויער, האָט ער דער־זען דאָרט אַ ריי שוואַרצע, אויסגעצויגענע פיגורן ליגן אויף דער ערד. די אין פייער דערשטיקטע קערפּערס פון די שטאַאט־מיליצ־יאָנערן זענען דאָ געלעגן אינם פּראָסטיקן אָוונט, נאָך אַלץ נישט קיין צורעכט געמאַכטע. דן איז געבליבן שטיין איבער זיי מיט אַן איינגעבויגענער פיגור און האָט אַ שטיק צייט געשוויגן.

און שטייענדיק אַזוי שווייגענדיקערהייט, ווייס ער אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר ער דערמאָנט זיך מיט אַמאָל אָן מאָנאַטס רייד, וואָס ער האָט געהערט פון אים אַנומלט, בשעת איינעם פון זייערע אָפטע, היציקע און פאַרפּלאָנטערטע געשפּרעכן.

— פֿאַרוואָס זאָל עס נישט ברענען, — האָט מאַנאַט דעמאָלט איינגעטענהט מיט דנען — פֿאַרוואָס נישט? איינס איז דאָך זיכער: די וועלט מיט איר אָרדענונג טויגן גערוויס אויף כּפּרות... און ווער ווייס — אין פֿייער קאָן דאָך אויסוואַקסן אַ נייע, אַ בעסערע וועלט?...

דן איז לאַנג אַזוי געשטאַנען איינגעבויגן איבערן חורבן אַרום אים און איבער די פֿאַרסמאַליעטע קערפּערס. מאָנאַטן, וועלכער איז דאָ נישט געווען, האָט ער צוגעפּירט איצט פֿאַרן האַנט צו די דאָזי־קע פּגרים מיט די אויסגעברענטע אויגן, פֿון וועלכע עס האָבן זיך געצויגן אינם פֿראָסט פֿאַרגליווערטע ריטשקעלעך אייטער, צוגעפּירט אים צו זיי און, אַן אָפּגעשוואַכטער און אַן אָן־כּוחדיקער, געשטעלט אים די פֿראַגע:

— איז וואָס־זשע... איז דענקסטו, מאַנאַט, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן, אויב מיר וועלן אויף אָט אַזאַ אופֿן אַריבערטרעטן די שוועל צו דער נייער, צו דער בעסערער וועלט?

נאָר קיין ענטפֿער האָט ער נישט געקריגן, ווייל קיינער איז לעבן אים דאָ גאָרנישט געווען. דער פּלאַץ איז געווען פּוסט. דער ים־ברעג איז געווען ליידיק, ווינטערדיק־ווייסט. נאָר אויפֿן ים גופֿא האָט זיך איצט עפּעס אָנגעהויבן אָפּטון.

דער ווינט האָט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל, אַלץ שטאַרקער רייסן. דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעהויבן קאָכן, ווערן טונקל און בורבלענ־דיק. די ים־מעווען האָט עס אויפֿגעריסן פֿון דער וואַסער־איבער־פֿלעך, צו וועלכער זיי זענען געווען צוגעקלעפּט אומבאַוועגלעך, ווי בלעטער פֿון עפּעס פֿלאַנצן אַזעלכע וואַסערדיקע, און עס האָט זיי מיט אַמאָל אַ טראַג געטון אין דער לופֿט מיט אַ געשריי און אַ גע־וואַלט. די הימלען זענען געוואָרן ברודיקער און כמורנער. קוויטיקע וואָלקנס האָבן געיאָגט, געשטיגן איילנדיק, אָנגעטורעמט זיך און פֿונאַנדערגעפֿאַלן, ווידער זיך געטורעמט און געריטן איינער אויפֿן אַנדערן. דאָס הוילן און קראַכן און פֿייפֿן האָט זיך וואָס אַמאָל, אַלץ מער געשטאַרקט. די געשמיסענע כוואַליעס האָבן אין דער ווייט אַרום טורעם־הויז געקלאַפּט קעגן די פֿעלזיקע ברעגן מיט אַזאַ כּוח, אַז ס'האָט

איך אַהער געהערט, ווי דאָס קנאַלן פון ריזיקע דונערן, וועלכע קייקלען זיך אין דער ווייט. ס'האָט זיך, קענטיק, געקליבן אויף גאָר, גאָר אַ שטאַרקן שטורעם.

פון שוואַכקייט האָט דן קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס. ער האָט נישט געוווסט, וווהין צו גיין איצט. ס'איז שוין געווען צו שפּעט און צו שטורמדיק צו לאָזן זיך איצט גיין צום וואָקזאַלכל. אַ רעגן האָט געקאָנט אַ פּליוכע טון יעדע מינוט. ער האָט זיך אויך נישט געוואָלט אומקערן אויף דער פריערדיקער קוואַרטיר. ווו-זשע וועט ער איבערנעכטיקן די נאַכט?

און דאָ האָבן שוין אָנגעהויבן אַרונטערקאַפּען גרויסע, קאַלטע טראָפּנס רעגן, — שווערע, קאַלטע, אייזיקע ניס. ער האָט גענומען און איז אַרונטערגעקראָכן אונטער איינעם פון די איבערגעקערטע שיפלעך, וואָס זענען מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַרויפגעצויגן געוואָרן דורך די שטרייקערס אויפן ברעג. אונטן איז ער אַריינגעקראָכן אין עפּעס אַ בייכטן דעמפּיקן לאָך פון אַ קליינער קאַיוטע, האָט זיך צוגעטוליעט אין אַ ווינקל און געבליבן אַזוי ליגן.

פון דרויסן האָט דעמאָלט אָנגעהויבן קלאַפּן דער רעגן שטאַר־קער און שטאַרקער, קלאַפּן און פּויקן מיט נאָכאַנאַנד זיך־פונאַנדער־וואַקסנדיקן אימפּעט איבער זיין קאָפּ. דן האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. אים איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז ער וועט נאָך דאָ איצט אַזוי אויסגיין אינם לאָך אונטערן שיפל, וועט פאַרפרוירן ווערן און מען וועט זיין גוף ערשט געפינען אין פרילינג, ווען מען וועט איבערקערן דאָס שיפל...

און מיט אַמאָל האָט אים אָנגעהויבן אַזוי גוואַלדיק ציען צום לעבן... ער האָט נאָך קיינמאָל, אין קיין איינציקן פון די פאַרלאָפענע טעג פון זיין לעבן, נישט געפילט אַזאַ ווילדן חשק צו לעבן, ווי איצט. ער איז דאָך געווען איצט אַזוי שוואַך, — איז שוואַכערהייט האָט ער זיך אין דער פינסטערניש געבעטן:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, איך וויל נישט שטאַרבן... איך האָב דאָך נאָך גאָרנישט געלעבט...

און באַלד האָט עס אים אָנגעהויבן וואַרפן פון היץ אין קעלט, און פון קעלט אין היץ. ער האָט איינגאַנצן געפיבערט און זיין נשמה

האָט זיך אים געצאַפּלט און געוואָרפֿן.

— וואָס טוט זיך עס דאָ מיט מיר — ווער האָט עס מיך פֿאַר־כּשופֿט... דוכט מיר, אַז די יאָרן, וואָס איך האָב ביז איצט גע־לעבט, האָב איך אָפּגעלעבט אין איין גרויסן טעות, אין איין גרויסן ליגן... ווער בין איך עס טאַקע, אַז איך זאָל אַלעמען מוסרן און אַלע־מען משפּטן? גענוג, אַן עק! גענוג טראַכטן פֿון זיך, ווי פֿון אַ העכערן, אַ בעסערן מענטשן! גיב זיך אונטער, מענטש! ווער איינס מיט דער גאַנצער גרויסער וועלט אַרום דיר! גיב זיך אונטער, דן!

און ער איז צוגעפֿאַלן אַזוי צו דער קויטיקער ערד אין האַלבן חלשות און האָט זי געקושט, געקושט...

דער רעגן, אַ שטורם־רעגן, האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

ס'איז אינגיכן שטיל געוואָרן. פֿון צייט צו צייט בלויז האָט נאָך אַרונטערגעקאַפּעט אַ גרויסער, קילער טראָפּן, זיך אָנגעקלאַפּט אָנם שיף־דעכל און איז אָפּגעשפּרונגען.

אינגאַנצן אַ נאַסער און אַן אויסגעשמירטער האָט זיך דערמאָנט דן אויף אַלע פֿיר אַרויסגעקאַראַפּקעט פֿון אונטערן שיפֿל. ס'איז שוין געווען איצט גאָר שפּעט.

ער האָט דערזען, ס'איז איצט די צייט פֿונם וואַסער־אָפּקום. דער ברעג פֿונם ים, זיין ים, איז איצט געלעגן פֿאַר אים אַ נאַקעטער ווי דער לייב פֿון אַ נאָענטן מיידעלשן ווען, — ביז איצט אַ געליבטן, אַ טייערן און אַ געהיימניספֿולן ווען, אין וועלכן ס'האָט זיך געלאָזט אַריינחלומען די פֿאַרביקסטע חלומות,—און וועלכער איז פּלוצלינג אָפּגע־דעקט געוואָרן פֿאַר אים... פֿרעמדע, קאַלטע הענט האָבן די קליידער פֿונם טייערן ווען פֿאַרהויבן.

— אָט, דאָ האָסטו דיר אַלץ... און מער איז גאָרנישט נישטאָ, גאָרנישט...

דער ברעג איז געלעגן נאַקעט, זאַמדיק, מיט איבערגעבליבענע נאָכן וואַסער־אָפּקום, מושעלן און שאָלעכצן פֿון קלעמס, — גרויסע און קליינע שאָלעכצן, צעבראָכענע און צעשפּאָלטענע. ס'האָבן זיך געוואַל־גערט איצט אויפֿן ברעג פֿאַרזשאַווערטע אייזנס, צעבראָכענע ספּרענזשי־

בעס, אַלטע צעריסענע שיך, צעדרייטע בעט־געשטעלן. צו די סלופּעס פון די פישער־בריקלעך אינם ים אַרויס, וועלכע זענען איצט אָפּגעדעקט געוואָרן צוליבן נידעריקן וואַסער, האָבן געדיכט געקלעפּט אַזעלכע ים־אָנוווקסן, געקלעפּט, ווי דראָבנע פּאַראַזיטן־ווערעם אויף געוויקסן־שטענגלעך אין אַ גאָרטן, — אַלערליי קליינע קלעמס, בלויע און פּורפּורנע מושעלן און שאָלעכצן, „פידלערס", *) וואָס האָבן אַרומגעפּויזעט אַרום און אַרום, ווי גרויסע אַזעלכע שפּינען.

דן האָט דערזען, ווי פון אַן איינציקן זעגל־שיף אינם ראַריטאַן־אויסגוס האָט זיך געלויכטן אַהער אַ פייערל. מיט זיין קליין רענצל האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פונם באַלויכטענעם זעגל־שיף.

אַז ער איז צוגעקומען נענטער, האָט ער דערזען, אַז דאָס איז אַ סקעללאַפּ־שיף: אויפגעהאָנגען צווישן די מאַסטן האָבן זיך איצט אויפן דעק געטרוקנט די גרויסע סקעללאַפּ־נעצן, מעטאַלענע נעצן פון קייטן־רינגלעך, וועלכע זענען אונטערגענייט אויף דער צווייטער זייט מיט אַזעלכע פעלן פון קעמל־האָר, כדי זיי זאָלן זיך נישט צערייסן, די נעצן, ווען מען שלעפּט זיי נאָכן פאַנג איבערן ים־אָפּגרונד, אָנגעפילטע מיט דער שווערער מאַסע פון די סקעללאַפּס**).

דן איז צו צו דער שיף און האָט אַהין אַריבערגעשריגן. ער האָט אָנגעפרעגט אויב די שיף פאָרט אינגיכן אָפּ, און וווהין. מען האָט אים געענטפערט, אַז מאָרגן גאַנץ פרי, אַרום פינף אַ זייגער פאַרטאָג, גייט די שיף אָפּ אין ים אַרויס נאָך אַ סקעללאַפּ־פאַנג. און פאַרנאַכט־צו פונם זעלביקן טאָג האָפן זיי דעם פאַנג סקעללאַפּס ברענגען צו די סוחרים מיט פיש־ און ים־פּראָדוקטן אויפן מאַרק פון אַ נאָענטער שטאָט אויפן צווייטן ברעג פונם אויסגוס, אין ניו־דזשוירסי.

— אייגנטלעך, איז דאָרט טאַקע דער מוטער־האַפן פון דעם

---

*) אַזאַ סאָרט קליינינקע קראַבן.

**) אַזאַ סאָרט מאָללוסק־באַשעפענישן, וועלכע געפינען זיך אין גרויסע, פלאַטשיקע שאָלעכצן, ענלעך פון דרויסן אויף קלעמס.

דאָזיקן סקעללאַפּ־שיף, און דאָרט שטעלן זיי זיך תמיד אָפּ אויף נאַכטלעגער, ווען זיי קומען צוריק מיטן פאַנג. נאָר אַהער זענען זיי מיט אַ פּאָר טעג צוריק צוגעצויגן געוואָרן דורכן פייער אויף ליס־ליס פאַבריק.

— אַזאַ גרויס פייער... מען האָט אים געזען ווייט אינם אויסגוס אַרויס, — אָט פונקט, ווי די גאַנצע ערד אַרום וואָלט געברענט!

דן האָט דעמאָלט ביי זיי געבעטן דערלויבעניש מיטצופאָרן. ער ווינט טאַקע, האָט ער זיי געזאָגט, אין איינער פון די שטעט, וואָס אויף יענער זייט ברעג פונם ראַריטאַן־אויסגוס... אַז זיי וועלן זיך מאָרגן אָוונט דאָרט אָפּשטעלן, למשל, אין פּערט עמבאָי, אָדער ערגעץ אַנדערש ווו, וועט ער אַרונטערגיין און שוין צופאָרן דאָס איבעריקע שטיקל וועג אַהיים מיטן באַן.

— נו, פאַרוואָס נישט... מען קאָן.

איינער, אַן אַרבעטער פון זעגלשיף איז דעמאָלט צוגעפאָרן צום ברעג אין אַ לאָדקע און אים אַריבערגעפירט צום שיף. עס איז געווען שטאַרק קאַלט אויפן ים, נאָר אין דער קאַיוטע אויף דער שיף, וווהין ער איז אַריינגעקראָכן, האָט געברענט דער גאַז־אויוון.

גאָר פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינסטער און אין דער לופט האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן דרייען די בלויע פאַרטאָגיקע לופט־רעדלעך, דרייען זיך נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד איינע אין די אַנדערע אַריין, — זענען די פישערלייט אויפגעשטאַנען, אָנגעטרונקען זיך מיט שוואַרצער קאַווע, אויפגעהויבן דעם אַנקער, געלאָזט גיין דעם מאָטאָר, און אַוועקגעשוווּמען.

די פאַרטאָגיקע לופט איבערן ים איז געווען שטאַרק און שאַרף און האָט ברייט פונאַנדערגענומען די נאָז־לעכלעך.

אַז די שיף האָט אָנגעהויבן אָפּשווימען פונם ברעג פונם סטעטן־אינזל האָט דן געוואָרפן אַהין לעצטע געזעגענונגס־בליקן. אים האָט זיך געדאַכט צו זען דאָרט אינם סוף־נאַכט אַ לעצטן רויך, וואָס האָט זיך נאָך געשלענגלט צווישן די חורבות. „אַ מענטש דאַרף זען ווירקן דורך זיין לעבן, אַז וואָס מער פון דער וועלט זאָל ברענען...“ מאָ־נאַטס ווערטער זענען פאַר דנען איצט אויסגעוואַקסן מיט אַזאַ אמתדי־

קייט אין אָנגעמבאַרקייט... תמיד איז עס שוין אַזוי געווען מיט מאָ־באַטס רייד, ווען ער, מאָנאַט, איז אַליין דערביי נישט געווען.

דן קוקט צו, ווי אַ גאַנצן טאָג ברענט די אַרבעט ממש אונטער די הענט ביי די פישערלייט אויפן שיף. די בלוטן פרישן זיך אים אָפּ און ס׳קוועלט אין אים אויף אַ מאָדנער חשק צום לעבן. פאַרנאַכט־צו באַמערקן זיך אויפן הימל סימנים פון אָנקומענדיקן שטורם. די פּי־שערלייט איילן זיך צום ברעג. אַזוי ווי עס הויבט אָן גלייך רעגענען, קריכן זיי באַלד אַלע אַריין אין קאַיוטע. מען פאַרמאַכט די טיר, און הינטער דער גלעזערנער טיר דרייט דער קאַפּיטאַן פון אינעווייניק דעם רודער. אין דרויסן גיסט שוין איצט גאָר אַ שטאַרקער רעגן, נאָר אינעווייניק אין קאַיוטע איז וואַרעם אַזוי און אָנגעוואָרפן־ענג, און היימיש...

און מיטאַמאָל דערפילט דן, ווי עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ מאָד־נע שטאַרקער חשק צו אַרבעטן... ער ווערט איצט זייער אומגעדולדיק. ער האָט שוין חרטה, וואָס ער איז נישט געפאָרן פון דאַנען גלייך קיין ניו־יאָרק, ווייל פילן פילט ער, אַז ער דאַרף זיך וואָס גיכער אַריינוואַרפן אין טומלענדיקער אַרבעט. און ער פילט אויך, אַז ער זוכט אין אָט דער טומלענדיקער אַרבעט נישט נאָר צעשטרייונג און פאַר־געסונג — ער הויבט אָן צו שפּירן, אַז ער וועט בלויז אויף אַזאַ אופן, אויסמישנדיק זיך מער מיט מענטשן און מיט אַרבעט, געפינען פאַר זיך אַ וועג — דעם וועג, וואָס ער האָט לעצטנס פאַרלוירן... יאָ, ער האָט שוין צו לאַנג געלעבט אויף אַן אינזל.

ד

שפּעט אין אָוונט זענען זיי אָנגעקומען אינם האַפן פון עפּעס אַ אומבאַקאַנטער שטאָט אויפן ניו־דזשוירסי ברעג. די סקעלעאָפּ־שיף איז פאַרבליבן אין האַפן. דן האָט באַדאַנקט און איז אַרונטער. „אָט דאָ, אין אָט דער שטאָט, וווין איך טאַקע“, האָט ער צוגעגעבן, אַראָפּ־שפּרינגענדיק אַ פרייליכער פונם שיף־בריקל אויפן ברעג אַרונטער.

נאָר אַז ער האָט זיך געלאָזט גיין איבער די גאַסן פון דער קליינער פאַבריק־שטאָט, האָט זיך אים גלייך אָנגעהויבן וואַרפן אין די אויגן עפּעס זאָנדערבאַרס: די גאַסן זענען געווען איצט געדיכט גע־פּאַקט מיט מענטשן, שוין גאָרנישט, ווי אין אַ קליינער שטאָט, און

שטאַרק יום-טובדיק זענען זיי געווען באַלויכטן, צייטונגס-פֿאַרקויפֿער זענען, ווי אונטערגעצונדענע, אַרומגעלאָפֿן מיט עקסטרא-אויסגאַבן אין די הענט. ס'האָט זיך געטראָגן פֿון אומעטום אַ טרומייטערן, אַ פֿייפֿן, אַ קלאַפּן אין קאַלאַקאַטקעס, אַ גראַגערן אין אַלערליי סאָרטן מעטאַלענע גראַגערס. טויזנטער מענטשן האָבן געשטראָמט אין די גאַסן. ס'איז געווען ליכטיק און טומלדיק, ווי אין אַ גרויסשטאָטישן בייטאָג. פֿון די הילכיקע און פֿריידיקע באַגריסונגען, וואָס זענען געשליידערט געוואָרן צווישן די שפּאַצירנדיקע, האָט דן ערשט איצט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז הײַנט ניי-יאָר-נאַכט.

אָן אַ שיעור מענטשן האָבן זיך געשטויסן אין די גאַסן לעבן רעסטאָראַנען, לעבן עלעקטראָפֿאָגראַפֿן און קאַפֿע-הייזער, ווייל ס'איז אינעווייניק מער נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר אַלעמען. קיינער האָט פֿונדעסטוועגן נישט געוואָלט גיין אַהיים. דאָ, אין די גאַסן, איז פֿאָרט געווען יום-טובדיקער.

פֿאָרלעך האָבן זיך פֿון צייט צו צייט אַרויסגעטיילט פֿון צווישן עולם און האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אין מיטן גאַס די לעצטע פֿאָקס-טראָטס און וואָן-סטעפּס. גרויס-שטאָטישע פֿראַנטן, „קיביצערס" און „פֿלעפּערס", האָבן מיט די קני, מיט די פֿיס, מיט די אַקסלען, מיט די היפּטן און מיט יעדן אבר זייערן אויסגעטאַנצט אויפֿן ברוק די טשיקאַוועסטע „פּאַ" פֿון די לעצטע טענץ, באַוויזן די נייעסטע טאַנץ-פֿיגורן און טאַנגאָ-גייענג.

דן האָט באַמערקט, ווי אויף איינעם אַ ראָג גאַס האָט זיך געדיכט געקופּקעט עפּעס אַן אומצופֿרידענער עולם. אַן עולם, וואָס האָט מיט פֿיין און שטאַרקער צערייצטקייט געלייענט די פֿאַרביקע גרויסע פֿרישע אַפֿישן, וואָס זענען שוין דאָרט זינט אַ פּאָר טעג געווען אָנגעקלעפּט אויף די ווענט.

— אינם נאָמען פֿון דער אַדמיניסטראַציע און פֿונם שעריף פֿונם ו'אַיאָן פֿון פֿלעזענט פֿליינס ווערט פֿאַרשפּראָכן אַ באַלוינונג פֿון טויזנט דאָלאַר צו יעדן איינעם, וועלכער וועט איבערגעבן דער פּאָליציי יעדן סאָרט און מין אינפֿאָרמאַציע, וועלכע וועט פֿירן דערצו, אַז עס זאָלן געכאַפּט און פֿאַרמשפּט ווערן די שולדיקע אין דער שׂרפֿה אויף ליסליס פֿאַבריק, און דער עיקר — פֿונם פֿירער פֿונם

שטרייק, וועלכער איז באַקאַנט מיטן נאָמען מ אָ נ אַ ט.

דערנאָך זענען אָנגעגעבן געוואָרן גענויע סימנים פון מאָנאַטס אויסערלעכן אויסזען.

פאַרכמורעטע פּנימער צווישן עולם, וועלכער האָט דעם גאַנג פונם שטרייק אויף יענער זייט אויסגוס די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט, און צווישן וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען אַרבעטער פון די היגע פאַבריקן, אַ סך טראַנספּאָרטלער פונם היגן האַפן און געוועזענע אויסטער-לייט, — האָבן אַלע מיט בייזער פרייד און מיט שנאה-בליצן איינע די אַנדערע אָנגעקוקט, און זיך הויך פון דעם פאַרביקן אָפּיש אויסגעלאַכט:

— יאָ, זיי וועלן האָבן, וואָס צו וואַרטן...

— מען וועט זיי אוודאי אָט באַלד טאַקע אַלץ דערציילן...

— עך, יענע דאָרט, ביי ליסלין, האָבן טאַקע געוווסט, ווי צו האַנדלען...

— וואָס דען — כ׳זאָג שוין לאַנג: מען דאַרף נעמען די לייצעס אין די אייגענע הענט!

— מען דאַרף זיך נישט באַגנוגענען מער מיט בלינדער מאַכט-לאָזער קנאה, מיט פּוסטע, נישט-ממשותדיקע האָפענונגען!

— מיר דאַרפן אַליין האָבן די מאַכט — אָט וואָס!

— מאַכט!

— מאַכט!

— מאַכט!

די שטאָט איז אויפגעברויזט געוואָרן און געגאַנגען כאָדאָראָם אין יענער ניי-יאָר-נאַכט.

דן האָט זיך קוים געקאָנט דורכשטופּן דורך די רודערנדיקע און אומצופרידן-פּראָטעסטירנדיקע מאַסן. אין אים האָט זיך איצט כסדר נאָך מער פאַרשטאַרקט אָט יענץ מונטער געפיל, וואָס ער האָט געהאַט נאָכאַנאַנד אינם משך פון די לעצטע עטלעכע טעג, — אַ געפיל פון גענעזונג, אַ געפיל פון באַנייונג, אַ געפיל ענלעך צו דעם, וואָס איינער פילט נאָכדעם, ווי ער שטייט אויף פון אַ לאַנגערער חלאת. אַ געפיל, אַז אָט די פאַרבעפלטקייט, וואָס האָט אים ביז איצט די אויגן פאַרצויגן און די אמתע וועלט פון אים פאַרשטעלט, איז פון

אים איצט אַרונטערגעפֿאַלן. „ברויט, פֿאַרוויילונג, מאַכֿט,״ — זענען דריי שנייק-קלאָרע ווערטער פֿאַר אים איצט געשטאַנען — „ברויט, פֿאַרוויילונג, מאַכֿט פֿאַר דער מעגלעך גרעסטער צאָל מענטשן״...

און אַ גרויסע פֿרייד האָט אָנגעהויבן איצט אויפֿקוועלן אין אים, אַ גרויסע פֿרייד ביים אָנבליק פֿונם ריזיקן, אומצופֿרידן-טומלדיקן המון, עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט אויסמישן מיט זיי, מיט די דאָזיקע פֿרעמדע און אייגענע, אָנהויבן רודערן און פּראָטעסטירן צוזאַמען מיט זיי, ווערן איינס מיט זיי. און אַן זיך, ווי אָן גאָר אַ באַזונדערער וועלט, אינגאַנצן פֿאַרגעסן... ער האָט געפֿילט איצט אַ ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט-געאַנטען, פּשוט אַ פֿיזישן פֿאַרגעניגן פֿון רייבן זיך אבר אָן אבר, גוף אָן גוף אָן די גרויסע עולמס-מענטשן אַרום אים.

דן האָט נאָך גאַנץ פֿרי, אויף מאָרגן פֿון דעם זעלבן טאָג, גענומען די פּאַסאַזשיר-שיף, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פֿון יענער קליינער פֿאַבריק-שטאָט אויפֿן ניו-דזשוירסי ברעג קיין ניו-יאָרק.

עס איז געווען אַ שטילער, אַ רויקער ווינטער-טאָג. די לופֿט איז געווען אַזוי איינגעהאַלטן-שטיל און אין דערוואַרטונג, ווי פֿאַרן אויספֿאַלן פֿון אַן ערשטן שניי.

און וואָס נענטער דן איז צוגעקומען צו דער שטאָט ניו יאָרק, אַלץ מער איז אויך אין אים אַ באַרויקונג געוואַקסן. פֿאַרביי דער פּאַסאַזשיר-שיף, אויף וועלכֿער ער איז איצט געפֿאָרן, האָבן זיך פֿאַרבייגעצויגן אין די וואַסערן פֿונם העכֿערן טייל פֿונם ניו-יאָרקער ים-אויסגוס אומצייליקע האַנדלס-שיפֿן, מיט פֿאָנען פֿון די מדינות און פֿעלקער פֿון דער גאַרער וועלט. ס'האָט זיך אים פֿונם שיף-דעק געזען, ווי אויפֿן נאָענטן ניו-דזשוירסי ברעג האָבן זיך געשלענגלט צוגן אָן אַ שיעור—צוגן פֿון נאָענטע און ווייטע שטעט, צוגן, וואָס האָבן טעגלעך געפֿירט ריזיקע, נישט אויסצומעסטן און נישט איבערצוציילן, קוואַנטיטעטן סחורות און הונדערטער טויזנטער מענטשן קיין ניו-יאָרק און פֿון ניו-יאָרק. אין דער לופֿט הויך איבערן ים האָבן גערודערט קראַפֿטפֿולע מאָטאָרן פֿון פֿילע מעטאַלענע ריזן-פֿויגלען — פֿון עלאַסטישע

הידראָפּלאַנען און בויגלדיקע עראָפּלאַנען. קעגן דעם הימל האָבן געשטאכן אומצייליקע הויכע קוימענס פון די זאוואדען און פאַבריקן, — קוימענס, וואָס האָבן אָנגעפּיקעוועט, ווי אַ געדיכטער בוימער-וואַלד, דאָס גאַנצע לאַנד אויף דעם ניו-דזשוירזי ברעג פונם ניו-יאָרקער ים-אויסגוס. און באַלד האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רויכערן פון דער וויטנס די וואָלקן-קראַצערס פונם נידעריקן דאַון-טאון, — ווי ריזיקע, הויכע, עוג-מלך-הבשנדיקע מזבחות צו אַ גרויסשטאָטיקן אָפּגאָט.

די ווינטערדיקע זון האָט אויפגעבלישטשעט אינם זויבערן ווינטער-טאָג מיט טויזנטער בלישטשע/עך, האָט אָנגעצונדן טויזנטער זוגעלעך אין די אומצייליקע פענסטער פון אָט די ריזיקע מויערן... און דן האָט דערפילט, ווי זיין נשמה איז אין אָט דער מינוט ממש אויסגעגאַנגען צום דאָזיקן גרויסן וועלט-כרך אין אַ פאַרלאַנג צו באַהעפטן זיך מיט אים אין אַ פרייד פון מאַסן-אַרבעט און מאַסן-באַנייונג. ער האָט איצט געוווסט אויף זיכער: דעם אינזל האָט ער שוין אויף תמיד איבערגעלאָזן הינטער זיך.

און פאָרנדיק אַזוי מיטן שיף איבערן ים-אויסגוס, האָט ער, אין זיין גרויסער צערודערטער באַגייסטערונג, נישט באַמערקט, ווי אין דער לופט האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן פאַלן די ווייכינקע, פוכיקע פעדערלעך פונם ערשטן ווינטערדיקן שניי.

אָנגעשריבן אין די יאָרן 1920—1922.

פארלאג ב. קלעצקין, ווארשע

ערשט דערשינען:

נחמן מייזיל

נאָענטע און ווייטע

ערשטער באנד צווייטע אויפלאגע

פרייז 3,20 גילדן

נאענטע און ווייטע

צווייטער באנד פרייז 5 גילדן

אין די צוויי בענדער זיינען דא ביז 40 ארטיקלען וועגן די עלטערע און יינגערע יידישע שרייבער, אנגעהויבן פון מענדעלע מוכר ספרים ביז איצי׳ מאנגער.

אדרעס: „Bichar“, Warszawa Nalewki 2 a

פארלאג ב. קלעצקין

לויטן דעם אריגינעל-פאנטאסטישן ראמאן

אלעקסיי טאלסטאי

אעליטא (ראמאן)

יידיש שרה רייזען פרייז 3.50 גילדן

אדרעס: „Bycher“, Warszawa, Nalewki 2a.

פארלאג ב. קלעצקין, ווארשע

גוסטאוו מעיךינג

דער גולם

ראמאן, יידיש מ. זילבורג פרייז 6,50 גילדן

אדרעס: „Bicher“, Warszawa Nalewki 2a

פארלאג ב. קלעצקין, ווארשע

דוד האפשטיין

בייוועגן

לידער 4 גילדן

אדרעס: „Bicher“ Warszawa, Nalewki 2a

פאַרלאַג ב. קלעצקין

ווערק
פון ברוך גלאַזמאַן

ערשטער באַנד

אינם ראָד

1) אַ טרעף
2) מיסטער בי
3) אַ יום־טוב
4) אָקעאַן
5) וועלוול אַגרעס
6) ס׳ווערט שוין קיל
7) שטילע ווערטער!
8) אַ פּיפּקע פון מערשוים
9) אַ בריוו
10) אין יעדן הויז
11) דאָנאַ ראָמאַ
12) אַוונט
13) דריי מענטשן אין אַ שטאָט

אַדרעס: „Bicher", Warszawa, Nalewki 2a

פאַרלאַג ב. קלעצקין

ווערק פון ברוך גלאַזמאַן

פערטער באַנד

אויף די פעלדער פון דזשאַרדזשיאַ

אינהאַלט:

I. די דריטע אַשמורה

1) אויף די פעלדער פון דזשאַרדזשיאַ
2) אשר
3) רעזערוווירט
4) דער עגאָיסט
5) איך בין גליקלעך
6) נאַכט אין דרום-שטאַט
7) אַ באַגעגעניש
8) געזאַנג אַרום דער דריטער אשמורה

II צום גייען האַפן

(חלום-דערציילונגען)

1) דער נייער האַפן
2) ווי איך האָב געזען גאָט
3) דער קרישטאָלענער באַרג
4) ווענן פליען
5) פרייד-צער
6) לאָזט מיך שלאָפן
7) באַגיגען

III אונטערן צייכן פון אונטערגאַנג (ראָמאַן)

אדרעס: „Bicher“, Warszawa, Nalewki 2a

ס׳ווערט אָנגענומען דאָס אַבאָנאַמענט אויף די

ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור טעאַטער און קונסט

פאַרלאַג ב. קלעצקין, וואַרשע

IV י אָ ר ג אַ נ ג

וואַרשע, נאַלעווקי 2a / טעלעפאָן 210-71

אין יאָר 1927 ווערט געגעבן:

ליטעראַרישע בלעטער — אילוסטרירט, מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל: אַרטיקלען, בילדער, דערציילונגען, איבערזיכטן, וועלט-כראָניק, טעאַטער-איבערזיכטן, רעצענזיעס א. אַז. וו. — יעדע וואָך אַ נומער.

זשאַן קריסטאָף — פון ראָמאַן ראָלאַן מיט אַ בוך וועגן ראָמאַן ראָלאַן — יעדע 2 וואָכן אַ בוך פון 64 זייטן.

ראָמאַנען ביבליאָטעק — דאָס בעסטע און אינטערעסאַנטסטע פון דער יידישער און וועלט-ליטעראַטור. אין דער ערשטער ריי זענען געגעבן געוואָרן: ברוך גלאַזמאַן „אויף אַן איינזל“ און א. סטרינדבערג: „ווידוי פון אַ נאַר“ יידיש מ. זילבורג. — יעדע 2 וואָכן אַ בוך פון 64 זייטן.

✻

אַבאָנאַמענטס-פרייז פון די „ליטעראַרישע בלעטער“

אין פוילן: ½ יאָר 15 גילדן, ¼ יאָר — 7.50 גילדן
אין אויסל.: ½ יאָר 3.50 דאָל., ¼ יאָר — 1.75 דאָל.

מיט ביידע פרעמיעס („זשאַן קריסטאָף“ און „ראָמאַנען ביבל.“)

אין פוילן: ½ יאָר — 20 גילדן, ¼ יאָר — 10 גילדן
אין אויסל.: ½ יאָר — 5 דאָלאַר, ¼ יאָר — 2.50 דאָלאַר

זאָל יעדער לייענער תיכף אַבאָנירן די בלעטער און זען, אַז אויך זיינע פריינט זאָלן אַבאָנירן!

„Literarizse Bleter", Warszawa
Nalewki 2a / P. K. O. 9858.

אין אַ טייל אָפּגעדרוקטע עקז. זענען אַריינגעפאַלן פאָלגנדיקע טעותים:

זייט	שורה	אנשטאָט	דאַרף זיין
5	15	זאַמען־אייל	זאָמען־אייל
6	9	געגאַרעט	דזשאַרדזשעט
„	16	דעם בסך־הכל	בסך־הכל דעם
„	17	וואָך־ענדע	וואָך־ענד
		מיטן משמעות	משמעות מיטן
„	19	זענען,	,זענען
„	28	געווער	גענוען
„	30	מעשן	מעש־
„	32	,ווי גאָלד און שניי	אין זון, ווי גאָלד און שניי,
„	„	אין זון	
7	11	לופּט,	לופּט.
„	12	געוואָרן	געבוירן געוואָרן
8	7	קאצעררייען	שקאָצערייען
„	18	אפשיידן..	אָפּשיידן
„	23	און באַלד־ווידער און באַלד־ווידער:	
		און מיט הנאה פון	מיט הנאה פון אַן
„	31	„ראַדיקאַלן" !	„ראַדיקאַלן".
9	3	אין	איז אין
„	17	זאָל עס זיין גאָר פשוט	—זאָל עס זיין גאָר —
„	19	אַריסטאָקראַטיש — דינע	אַריסטאָקראַטיש־דינע
„	22	דנען	,דנען,
„	27	א ווייטיקן	,אַ ווייטיקדיקן
„	29	א בריקל, אין	אַ בריקל. אַן
„	32	געפיל, ווי	געפיל:
10	12	וואַסער עמליר־טער אפשריפט	ווייסער עמאַלירטער אויפשריפט
	13	אַנגעשטרענקט	אָנגעשטרענגט
11	15	צווייגלאַך	צווייגלעך
„	22	ציגלס	ציגל

זייט	שורה	אנשטאָט	דאַרף זיין
11	25	(געקראָגן)	געקראָגן
„	27	אייסטערס	אויסטערס
„	28	אין	און
12	4	גראַוויל	גראַוול
„	7	אויגפּעשטעלט,	אָפּגעשטעלט.
„	16	נישט היגע	נישט־היגער
„	18	פון ים	פונם
„	22	באַלטישן	באַלטישן
„	23	פאַרדרוס	פאַרדרוס
„	32	פריער	פריער געהאַט
13	8	אַלנפאַלס	אַלנפאַלס:
	11	ווי	ווי אַ
	26	פון ים	פונם
14	1	וואַרטשע	בורטשע
„	16	אינס	צעליבן
„	18	און	אַן
„	29	בויפלאָקסישן	בופלאַקסישן
„	30	קראַך זיך	קראַב זיין
„	31	שנאה און	שנאה
15	11	דאָס	דאָך
„	17	שטימען.	שטימען
„	21	געבן	נעבן
„	22	אין	און
„	27	פאַרשטעלטע;	פאַרשטעלטע
„	„	מיידל נאָר אפּן־מ־ידל.	אַ זינדיקייט
„	„	פרייע:	אַן אָפן־פרייע
„	29	אָנגעשטרענקט	אָנגעשטרענגט
16	4	אין	און
„	5	אט־פון	אט — פון
„	6	און	און אט —
„	8	בילדער, ווייל	בילדער.
„	30	אין יונגער	און יוגער

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
17	1	איינגעשפארט	איינגעשפארטע
„	29	עס	ער
18	20	טריומערישער	טרוימערישער
„	31	פלעגן	פלעגט
21	4	געוועזענער	נערוון־
„	22	גאלאנטענעם	געוואנטענעם
„	26	פאכוועס	פאלוועס
22	28	און	אין
25	28	אבי	און
28	14	קנאסטן	קנאספן
„	23	Elains	Elain
29	2	לענסלאנס	לענסלאטס
„	12	פלהחר־יד	פלאחר־יד
„	19	פארכושטע	פארחושטע
„	26	געפיל	נעפל
„	27	באהארדטער	באהארצטער
30	20	ליכוקען	ליליקען
„	21	דור	דיר
31	31	אויסגעשטערנטן	אויסגעשיירטן
32	12	אומרויקייט	אומזיכערקייט
„	28	ליסמסט	ליסטס
34	5	זאנוול	זאנוול ?
„	10	די טרוב	דאס פייפל
36	7	וויקטראלא־ארויס־טאנצן קאסטן	וויקטראלא־קאסטן ארויסטאנצן
„	18	ביטערטקייט	ביטערקייט
„	28	גענעצגדיקער	גענעצנדיקער
37	19	גענאנגען	געגאנגען
38	14	צוקרעלס פנים נאל	צוקרעלט פנים. נאר
43	15	לעמאן	ציטרין
„	17	געציילנטע	געציילנטע שטרייפ־לעך
45	9	ביים	בייס
„	11	פון	פאר
46	26	שטאל	שטול
„	31	ארומגעקוקט	ארויפגעקוקט
47	29	מיט	פון
48	10	„דן"	„דר"
50	20	מוסקעל	מוסקולן
„	27	בולדאק	בולדאג
52	8	גלידערדיקער	גוידערדיקער
55	7	פארשלאפטער	פארשלאפטער
56	19	וויטקרייז	וויט קרייז
58	24	געביטן	געביסן
60	22	ארומנעמענדיק	ארומגעמענדיקן

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
64	7	דן	דן.
67	16	זומער א פיל־לבנהדיקער	איינער א פילפאליק
68	9	גוטמוטלעכקייט	גוטמוטיקייט
„	25	איצט א	איצט אזא
69	19	ניכטער	ניכטער און
„	25	און	אין
70	9	טראפן,	טראפן !
71	28	ער	ער עס אלץ
73	11	אטעם	אטאם
74	9	ער	עס
77	21	מאל	מינוט
81	21	מארא	אמארא
82	18	ווילאנד	איילאנד
83	24	פילגארנדיקן פורם	פילגארנדיקן שורם
84	2	פארגעלט	פארנעלט
85	29	די תבואה	דאס גריינס
86	31	ז'ארבעט	זי ארבעט
89	13	קורצע	פעסטע
91	9	שלעפנדיק	שיפלעך
92	29	דא נאענט	דא
93	3	זענען	זענען זיי
96	26	ארונטערהענ־גענדיקן	ארונטערהענגענדיק
101	21	שטאם	שטאנג
104	5	קאמזילן	קאמזולן
„	18	העט־וויט	האט ער זיך געצויגן העט־ווייט
107	1	ליסוויל	ליסליוויל —
108	19	דעם	דעם ליידן
„	27	קאנעקשקוט	קאנעקליקוט
„	32	וועמען	ווייל
109	1	האבן	האבן זי־
111	13	ים־נעצן	ים־געצן
112	13	א רציחה	מיט רציחה
113	22	פלאמענדיקע	פליאמענדיקע
113	27	ארויסשטעקנדיקע	ארויסשטעלנדיק
114	6	שפרייז	שפיז
115	32	געצילעוועט	געצילט
116	10	און	פון
„	31	אים	דעם אלטן
117	2	איר בלוט האט ער איז אפגעגאנגען	אפלוצלינגדיקן זאד געטון. ער איז ארפגעגאנגען

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
118	7	האַלטן זיך	האַלטן
119	14	הויז.	הויז ?
„	21	ווייל	אפשר ווייל
124	25	באַמערטט	באַמערקט
126	1	און	אין
„	9	איינגעשפאַרט	זיך איינגעשפאַרט. ער האָט
128	23	האָבן	זענען
130	5	נאַקעטע	נאַקעטער
133	11	צוריקוועקס	צוריקוועגס
135	4	מאַט קליין	מאַט בלייך
„	5	פונם ים	פונם
135	12	דאָזיקע	ריזיקע
136	21	שוימען	שטימען
141	11	טאַפנדיק	סאָפנדיק
143	6	און	אין
„	10	און אָט מיט אַמאָל	און מיטאַמאָל
145	12	בוים	בייט
150	21	זיך	זי
151	26	אנגעהייערן	אומגעהויערן
152	28	אייך	אים
„	30	ער	אויך ער
153	4	געלעבט	געוועבט
„	20	פאַרשידנאַרטיקע	פאַרשידנאַרטיקערע
154	6	— און אַז	און אַז
„	7	פאַרריכט !	פאַרריכט :
155	6	וואַרעם	וואָרום
156	9	אומגעזעענע	-געזעענע
„	18	ווייסט איר	ווייס איך
157	7	וואָכעדיקייט	וואָכעדיקייט
159	24	קראָב	קראַב
161	9	דעם בריוו.	דעם בריוו". נאָר ער נעמט די זאַך צו ערנסט. בכלל נעמט ער אַלץ צו ערנסט. יאָ, מאָנאַט איז אוודאי געווען גע־רעכט. מאָנאַט האָט אים אַמולטן געזאָגט: „דו, דן, קאָנסט נישט ליב האָבן. דו ביסט אַ ייִד, און יידן ווייסן בלויז פון ליידנשאַפט און — פון פאַמיליענ־טרייקייט.
163	1	—שלאָגט	שלאָגט
	3	דורכגעכאַפטן	דורכגעזאַפטן
	7	זיך	זיך בכלל
	8	איז	איז פלוצלינג
164	6	פלויט	פליט
165	32	וואָס	וואו
170	19	און	ווען
173	15	טרעטל	טרעסל
177	1	IV	V
183	11	קליין	קלין
184	30	ארדין	אדרין
185	21	איר	מיר
186	16	זי	אַ
187	29	אָן	עס אַז